STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01445

# DER BRAVER SOLDAT SHVAYK IN DER VELT-MILKHOME

Jaroslav Hasek

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Mr. & Mrs. William P. Kram*
*in memory of*
*Ruth & Morris Kram*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאראסלאוו האשעק

# דער בראווער סאלדאט שווייק אין דער וועלט-מלחמה

אידיש ז. קאלמאנאוויטש

2-טע אופלאגע

„ביכער פאר אלעמען" ריגע

1930

דרוקעריי „ס פ ל ע נ ד י ד“, ריגע, הערן גאס 21.
געברידער א. און י. פרידמאַן

# דער בראַווער סאָלדאַט שווייק טרעט אַריין אין דער וועלט-מלחמה.

—האָבן זיי שוין אַוועקגעפּטרט אונדזער פערדינאַנדן,—האָט די דינסט-מיידל אָנגעזאָגט די בשורה דעם הער שווייק, וואָס איז שוין מיט עטלעכע יאָר צוריק אָפּגעלאָזן געוואָרן פון מיליטער-דינסט, ווייל אַ מעדיצינישע קאָמיסיע האָט אנערקענט, אַז ער איז נישט אין גאַנצן ביים זינען. איצט האָט שווייק געהאַנדלט מיט הינט. מיט מיאוסע, נישט קיין ראַסיגע, גאָר ער פלעגט פעלשן זייער יחוס און פאַרקויפן זיי פאַר גוטע.

חוץ אַט דער הויפּט-פּרנסה, האָט ער נאָך געליטן פון רעמאַטעס, און גראָד אין יענער מינוט האָט ער זיך איינגעריבן די קני מיט אָפּאָדעלדאָק.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פערדינאַנד, פרוי מילער? — האָט שווייק געפרעגט, רייבנדיק מיט התמדה. — איך קען צוויי פערדינאַנדס. איינער, וואָס דינט פאַר אַ געהילף ביים פּראָוויזאָר פּרושאַ; ער האָט איין מאָל אויסגעטרונקען על פּי טעות אַ פלעשעלע רפואה צום האָר-וואַקסן. ווייטער קען איך פערדינאַנד קאָקאָשקאַ, דאָס איז דער, וואָס קלייבט הינטישע מיסט. אף ביידן אַ ריינע כּשרע כּפּרה!

— וואָס רעדט איר, הער! איך רייד וועגן ערצהערצאָג פערדינאַנד, יענעם פעטן, פרומען ערצהערצאָג, וואָס האָט געווינט אין קאָנאָפּישט.

— הייליקע מאַריאַ! — האָט אויסגעשריען שווייק — ערסט אַ מעשה! ווו האָט דאָס אים געטראָפן, דעם ערצהערצאָג?

— אין סאַראַיעוואָ. זיי האָבן אים דערשאָסן פון אַ רעוואָלווער. ער איז געפאָרן מיט זיין פרוי, דער ערצהערצאָגין, אין אַוטאָמאָביל.

— אָט דאָס איז די מעשה, וואָס אין אויטאָמאָביל, פרוי מילער! אַזאַ אָדון קען זיך דאָס פאַרגינען און טוט אפילו ניט אַ קלער, אַז אַזאַ שפּאַציר אין אויטאָמאָביל קאָן האָבן אַ ווייסטן סוף. דערצו נאָך אין סאַראַיעוואָ, וואָס אין באָסניע, פרוי מילער. דאָס האָבן ניט אַנדערש די טערקן אָפּגעטאָן! ניט באַדאַרפט בײַ זיי צונעמען אָט דאָס באָסניע און הערצעגאָווינע. וואָס זשע העלפט דאָס, פרוי מילער? איז דער ערצהערצאָג, הייסט דאָס, שוין אין גן=עדן... איז וואָס, האָט ער זיך לאַנג געמוטשעט?

— ניין, זיין האָהייט איז אַפן אָרט געווען אויס, איר ווייסט דאָך אַליין, אַ רעוואָלווער איז ניט קיין שפּילכל! אָט האָט בײַ אונדז אַנוסטן אין נוסלאָ געטראָפן אַ מעשה, איינער אַ מענטש האָט גענומען שפּילן זיך מיט אַ רעוואָלווער, האָט ער צעשאָסן די גאַנצע פאַמיליע און פאַראייִנם אויך דעם דוואָרניק, וואָס איז געקומען צו לויפן אַ קוק טאָן, ווער עס שיסט דאָרט אין נומער דריי.

— און איך וועל אייך זאָגן, פרוי מילער, אַז פאַראַן רעוואָלווערס, וואָס קאָנען בשום אופן ניט אויסשיסן, כאָטש צערייס זיך. פאַראַן אַזעלכע סיסטעמעס. פאַרשטייט זיך. פאַרן ערצהערצאָג האָט מען געקויפט שוין איין מאָל אַ רעוואָלווער. און איך וויל זיך וועטן, אַז דער מענטש, וואָס האָט דאָס געטאָן, האָט זיך ספּעציעל אויסגעפּוצט צוליב דעם. די מעשה איז, וואָס עס איז גאָר ניט אַזוי פשוט צו שיסן אַן ערצהערצאָג. וואָרום ווי קומט מען צו אים צו? אין צעריסענע מלבושים קאָן מען אים ניט דערלאַנגען. דאָ מוז מען שוין אָנטאָן אַ צילינדער=הוט, אַ פּרעה זאָל דיך ניט כאַפּן.

— עס זיינען געווען זייערע עטלעכע.

— דאָס פאַרשטייט זיך פון זיך אַליין, — האָט אָפּגעענטפערט שווייק, און פאַרענדיקט זיין מאַסאַזש. אויב איר וואָלט געהאַט חשק צו דערהרגען אַן ערצהערצאָג אָדער דעם קיסר,

וואָלט איר דאָך אויך מסתמא זיך געהאַלטן אַן עצה מיט אַ גוטן פריינט. איין קאָפּ, ווייסט איר, איז גוט, צוויי איז אָבער בעסער. דער וועט אייך עצהן דאָס, יענער יענס: איר וועט זיך ניט באַווייזן אַ דריי טאָן — און דאָס שווערסטע איז שוין אָפּגעטאָן. דער עיקר איז, איר דאַרפט אויסוואַרטן דעם מאָמענט, ווען דער אָדון וועט פאַרבייגיין פאַרביי אייך, אָט כאַפּ איך אָן, אַ שטייגער, דעם לוקעני, אויב איר געדיינקט, יענער, וואָס האָט דערשטאָכן מיט אַ פייל אונדזער פאַרשטאָרבענע עליזאַבעט. ער איז מיט איר געגאַנגען שפּאַצירן. היינט קאָן מען זיך פאַרלאָזן אַף מענטשן? זינט דעמאָלט גייט קיין איין קיסר ניט מער שפּאַצירן. און אסך פון זיי וועלן האָבן דעם זעלביקן סוף. געדיינקט מיינע רייד, פרוי מילער, מען וועט זיך דערקלייבן צום רוסישן קיסר און צו דער קיסרינע, און, זאָל גאָט אויסהיטן, אויך צו אונדזער קיסר, ווייבאַלד זיי האָבן שוין דערלאַנגט צו זיין פעטער. ער האָט אַ סך שונאים, אונזער אַלטינקער, נאָך מער ווי פערדינאַנד. עמיצער האָט אַנומלטן אין רעסטאָראַן געטענהעט: עס וועט אָנשטיין אַ צייט, ווען איין געקרוינטער קאָפּ נאָכן אַנדערן וועט פליען, און קיין פּראָקוראָר וועט ניט קאָנען העלפן. יענער מענטש האָט דערנאָך ניט געקאָנט באַצאָלן זיין רעכענונג, און דער בעל-הבית האָט געהייסן אים אַרייננעצן. דערביי האָט דער פאַרשוין דערלאַנגט דעם בעל-הבית אַ געזונטן פּלעם, און דעם פּאָליציי-מאַן גאַנצע צוויי. יאָ, האָט מען אים אָפּגעפירט אין אַרעסטאַנטן-וואַגאָן, ער זאָל זיך אויסטשוכען... אָט וואָס פאַר אַ מעשיות עס פאַרלויפן זיך היינטיקע צייטן! שוין ווידער אַמאָל אַן אַנווער פאַר עסטרייך. אַז איך האָב נאָך געדינט אין מיליטער, האָט ביי אונדז אין פּולק אַ סאָלדאַט דערשאָסן זיין ראָטע-קאָמאַנדיר. ער האָט אָנגעלאָדן זיין ביקס און איז אוועק אין קאַנצעליאַריע. דאָרט האָט מען אים געזאָגט, ער זאָל זיך אָפּטראָגן, ער האָט דאָ ניט וואָס צו שאַפן. נאָר ער האָט געטענהעט, ער מוז ניט אַנדערש זען דעם ראָטע-קאָמאַנדיר. איז דער ראָטע-קאָמאַנדיר אַרויס און האָט באַלד צוגענומען ביי אים דעם אורלויב. האָט יענער געכאַפּט די ביקס און געטראָפן אים

גלייך אין הארץ. די קויל איז נאָך אַרויס בײם ראָטע־קאָמאַנדיר פֿון רוקן און האָט אָנגעטאָן היזקות אין קאָנצעליאַריע: צע־שמעטערט א פלאַש טינט, און די טינט האָט פֿאַרגאָסן נויטיקע פּאַפּירן.

— וואָס איז געוואָרן פֿון דעם סאָלדאַט? — האָט גע־פֿרעגט פֿרוי מילער נאָך אַ קלײנער הפסקה. ווען שווייק האָט זיך אָנגעטאָן.

— ער האָט זיך אופגעהאַנגען אַף אַ פּאָר שלייקעס, — האָט געענטפערט שווייק, פּוצנדיק די הוט. — און די שלייקעס זיינען געווען ניט זיינע. ער האָט זיי אויסגעמאָנטשעט בײם אופזעער, אַזוי ווי קלאָמפּערשט די הויזן פֿאַלן אים אַראָפּ. וואָס־זשע, ער האָט באַדאַרפט וואַרטן, ביז מען וועט אים שיסן? איר דאַרפט דאָך פֿאַרשטײן, פֿרוי מילער, אַז אין אַזאַ לאַגע קאָן בײ אַ מענטשן זיך פֿאַרדרייען דער קאָפּ. דעם אופזעער האָט מען דערפֿאַר אַראָפּגעזעצט און פֿאַרמשפּט צו זעקס חדשים טורמע. נאָר ער איז זײן שטראָף ניט אָפּגעזעסן. ער איז אַנטלאָפֿן אין דער שווייץ און איז געוואָרן אַ פּריידיקער אין עפּעס אַ קירכן־געמיינדע... הײנטיקע צײטן זיינען פֿאַראַן זייער ווייניק ערלעכע לייט. איך בין זיך משער, אַז דער ערצהערצאָג אין סאַראַיעוואָ האָט אויך זיך גענאַרט אין דעם מענטשן, וואָס האָט אים דער־שאָסן. ער האָט, משמעות, דערזען אַ יונגן מאַן, און האָט אַ טראַכט געטאָן: דאָס איז געווים אַן אָרנטלעכער מאַן, ווײבאַלד ער שרייט אַזוי „זשיוויאָ". און יענער איז זיך גאָר מישב און שיסט אוים אַף אים מיט אַ רעוואָלווער! וויפֿיל ווונדן האָט ער אים געמאַכט?

— די גאַזעטן שרײבן, דער ערצהערצאָג איז געווען אין גאַנצן דורכגעלעכערט, ווי אַ זיפּ. יענער האָט אויסגעשאָסן אַלע קוילן אין אים.

— יאָ, דאָס גײט צו אין איין אומר ועושה, אַ שרעק, ווי גיך. איך וואָלט זיך געקויפֿט אַף אַזאַ פֿאַל אַ בראָונינג. אויסזען זעט דאָס ווי אַ שפּילכל, אָבער אין צוויי מינוטן קאָן מען מיט דעם אָוועקלייגן צוואַנציק ערצהערצאָגן. דינע און

דיקע. צווישן אונדז גערעדט, פרוי מילער, איז אַ דיקן ערצהערצאָג גרינגער צו טרעפן, ווי אַ דינעם. איר גערדיינקט, ווי די פּאָרטוגעזן האָבן דערשאָסן זייער קיניג? יענער איז אויך געווען אַ בעל־גוף. און עס איז אַ פּשוטער שכל: פאַרוואָס זאָל דאָס אַ קיניג זיין פון ווילטאָג אַ דאַרינקער? איצט גיי איך אין רעסטאָראַן „פון כל טוב". אויב מען וועט קומען פרעגן וועגן פּאָקסטעריער, וואָס איך האָב שוין געקראָגן אַף אים אַן אַדרעסאָף, זאָלט איר זאָגן, אַז איך האַלט אים נאָך אין דאָרף ביי מיר, איך האָב אים ניט לאַנג אָפּגעהאַקט די אויערן, און מען קאָן אים נאָך ניט ברייגען צופירן, ביז די אויערן זיינען ניט פאַרהיילט, ווארום ער קאָן זיי ציקילן, דעם שליסל לאָזט ביי דער הויפדינערין.

* *
*

אין שיינקל „פון כל טוב" איז געזעסן נאָר איין גאַסט. דאָס איז געווען דער געהיים־פּאָליציסט ברעטשניידער. דער בעל־הבית פּאַליוועץ האָט געשווינקט גלעזער, און ברעטשניידער האָט זיך געלייגט אין דער לייגג און אין דער ברייט, אים אַריינצוציען אין אַן ערנסטן שמועס. ער האָט זיך אָבער ניט געלאָזט.

פּאַליוועץ איז געווען באַוווסט ווי אַ גראָבער יונג און אַ ווערימדיק מויל. נבול פה האָט זיך ממש געשאָטן פון אים.

— אַ טייערער זומער היי־יאָר, — האָט ברעטשניידער זיך געסטאַרעט מיט אַלע כלים צו פאַרבינדן אַן ערנסטן שמועס.

— איין ט...! — האָט זיך אָפּגערופן פּאַליוועץ, צעשטעלנדיק די גלעזער אַף דער פּאָליצע.

— אַ פיינע קאַשע פאַרקאָכט אין סאַראַיעוואָ, — האָט ברעטשניידער ווידער געלאָזט זיך הערן מיט אַ שוואַכער האָפענונג.

— וואָס פאַר אַ סאַראַיעוואָ? — האָט געפרעגט פּאַליוועץ.

— אין נוסלער ווייןשיינק, האַ? דאָרט הרגט מען זיך אַלע טאָג. איר ווייסט דאָך, אין נוסלאָ...

— ניין, בעל־הבית, אין סאַראַיעוואָ וואָס אין באָסניע.

דאָרט האָט מען דערהרגעט זיין האָהייט ערצהערצאָג פערדינאַנד. וויאָס וועט איר דערוף זאָגן?

— ניט מײַנע עסקים, כאַפּט זי דער...! — האָט פּאַליוועץ געענטפערט העפליך און פאַררייכערט אַ ליולקע ציבעק. — היינטיקע צייטן זיך פאַרטשעפּען מיט אַזעלכע זאַכן, קאָן מען בלייבן אָן אַ קאָפּ. איך האָב מיר אַ געשעפט. קומט מען צו מיר און בעט אַ טרונק ביר, גיב איך. און אָט אַזאַ שוואַרץ יאָר, סאַראַיעוואָ, און פּאָליטיקע, און דער פאַרשטאָרבענער ערצהער-צאָג, — זייט מוחל, ניט פאַר מיין מוח! קיין גוטס קומט דער-פון ניט אַרויס.

ברעטשניידער איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט אַביסל מיט פאַרדראָס זיך אַרומגעקוקט אין שיינקל.

— איז דאָ ניט געהאַנגען פריער דעם קיסרס פּאָרטרעט?

— האָט ער ווידער אַ פרעג געטאָן נאָך אַ קורצן שווייגן: — אָט דאָרט, וווּ עס איז איצט דער שפּיגל?

— גאַנץ ריכטיק, — האָט געענטפערט פּאַליוועץ, — געהאַנגען, נאָר די פליגן האָבן אים פאַרפּאַסקודיעט אין גאַנצן, האָב איך אים אַרופגעטראָגן אויפן בוידעם. איר ווייסט דאָך, עמיצער וואָלט געקאָנט נאָך צוטשעפּען זיך, וואָלט איך נאָך געהאַט אויסגעריסענע יאָרן. אויף כּפּרות דאַרף איך דאָס.

— אין סאַראַיעוואָ איז, קענטיק, געווען אַ גרויסער טומל?

אויף אָט דער פאַרשפּיצטער פראַגע, וואָס האָט געדאַרפט טרעפן אין פּינטל, האָט פּאַליוועץ געענטפערט אָפּגעהיט ביז גאָר:

— יאָ, אין דער צייט איז אין באָסניע אַ שרעק ווי הייס. אַז איך האָב דאָרט געדינט אין מיליטער, האָבן מיר געמוזט לייגן אונדזער לייטענאַנט זעקעלעך אייז צום קאָפּ.

— אין וואָסער פּאָלק האָט איר געדינט, בעל-הבית?

— ווער געדענקט דאָס אַזאַ קלייניקייט? דער קאָפּ קאָן דאָך ניט ליגן אין אַזעלכע דר... — האָט געענטפערט פּאַליוועץ.

דער געהיים=פּאָליציסט ברעטשניידער איז אויסגעלאָשן געוואָרן. פריילעכער איז ער געוואָרן נאָר, בשעת עס איז אריינגעקומען שווייק, וואָס האָט באַלד באַשטעלט טונקעלע ביר, מיט דער באַמערקונג:

— אין ווין האָבן זיי אויך היינט טרויער!

ברעטשניידערס אויגעלעך האָבן אויפגעפלאַקערט מיט האָפענונג. ער האָט קורץ זיך אָפּגערופן:

— איבערן שלאָס קאָנאָפּישט וויעין צען טרויער=פאָנעס.

— מען האָט באַדאַרפט אויסהייגען צוועלף, — האָט געזאָגט שווייק און אַ זופּ געטאָן די ביר.

— פאַרוואָס עפּעס צוועלף? — האָט ברעטשניידער געפרעגט.

— עס זאָל זיין אַ גלייכע צאָל. טוצווייז איז גרינגער צו ציילן, אָפּן טוץ איז אַלץ וועלוועלער, — האָט געענטפערט שווייק.

אַ ווײַלע איז מען געזעסן שטיל. דערנאָך האָט שווייק אָנגעהויבן:

— יאָ, ניטאָ שוין דער ערצהערצאָג! שיינק אים, גאָט, אייביקע רו: ניט באַשערט געווען צו קיניגן. אַז איך האָב געדינט אין מיליטער, איז איין מאָל אַ גענעראַל אַראָפּגעפאַלן פון פערד און איז דערהרגעט געוואָרן אָפּן אָרט. מען האָט געוואָלט ווידער אים אַוועקזעצן אָפּן פערד — מען טוט אַ קוק — טויט ווי אַלע טויטע. מען האָט אים גראָד באַדאַרפט דערהויבן צו אַ פעלד=מאַרשאַל. און געטראָפן האָט דאָס אָפּן פּאַראַד. די דאָזיקע פּאַראַדן — קיין מאָל קומט פון זיי קיין גוטס ניט אַרויס. אין סאַראַיעוואָ איז אויך איין מאָל געווען אַזאַ פּאַראַד. איך געדיינק נאָך ווי היינט — צו דעם פּאַראַד האָבן אָפּ מיין מונדיר געפעלט צוואַנציק קנעפּ, און איך האָב דערפאַר געקראָגן צוואַנציק טעג שטרייגן קאַרצער. צוויי מעת=לעת האָב איך זיך אָפּגעוואַלגערט געשמידט אין קייטן. יאָ, נאָר אין דער אַרמיי מוז זיין דיסציפּלינע, אַניט וועט קיין אָרדענונג ניט זיין, איטלעכער

וועט טאָן, וואָס ער וויל. אונדזער אויבער־לייטענאַנט מאַקאָוועץ פלעגט אונדז אַלע מאָל איינחזרן: „דיסציפּלין, הונטס־קינדער, מוז זיין אָט־אָ! אַניט וואָלט איר געקלעטערט אַף די בוימער, ווי די מאַלפּעס: אין דינסט ווערט איר, גאַרנישטן, לייטישע סאָלדאַטן!״ איז דען דאָס ניט אמת? שטעלט זיך נאָר פאָר אַ פּאַרק, איך באַפ אייך אָן, אַפן קאַרל־פּלאַץ, און אַף איטלעכן בוים זיצט זיך אַ סאָלדאַט, וואָס אָן דיסציפּלינע! דערפאַר האָב איך זיך שטענדיק געשראָקן.

אין סאַראַיעוואָ, — האָט ברעטשניידער אָנגעהויבן פון־דאָסניי, — האָבן דאָס געטאָן די סערבן.

— אַ טעות, — האָט זיך אָפּגערופן שווייק, — דאָס האָבן געטאָן די טערקן, פאַר באָסניע און הערצעגאָווינע.

און שווייק האָט פאַנאַנדערגעלייגט זיין מיינונג איבער דער וועלט־פּאָליטיק פון עסטרייך אַף די באַלקאַנען. די טערקן האָבן אין יאָר 1912 פאַרשפּילט די מלחמה מיט די סערבן, בולגאַרן און גריכן. האָבן זיי געוואָלט, אַז עסטרייך זאָל זיי העלפן, און אַז מען האָט זיי אָפּגעזאָגט, האָבן זיי גענומען און דערשאָסן פערדינאַנדן.

— דו האָסט ליב טערקן? — האָט שווייק זיך געווענדט צו פּאַליוועץ. — האָסט ליב די דאָזיקע היידן, די חזירשע הינט? האָסט זיי ניט ליב, האַ?

— מיין דאגה, וואָס פאַר אַ גאַסט — האָט געענטפערט פּאַליוועץ. — אַפילו אַ טערק. פאַר אונדז, געשעפטס־לייט, איז ניטאָ קיין פּאָליטיק. באַצאָל פאַר די ביר, זיץ און באָלבע, וואָס דיין האַרץ גלוסט. אָט דאָס איז מיין כלל! און ווער עס האָט דאָס געטאָן אונדזער פערדינאַנד, אַ טערק אָדער אַ סערב, אַ קאַטויליק אָדער אַ מחמעדאַנער, אַן אַנאַרכיסט אָדער אַ יונג־טשעך, — אַרט מיך, ווי דער פאַראַיאָריקער שניי.

— זאָל זיין אַזוי, — האָט זיך אַריינגעמישט ברעטשניידער, וואָס האָט שוין ווידער געהאַט אָנגעוואָרן יעטווידע האָפענונג צו־צושפּאָרן עמיצן פון זיי צו דער וואַנט. — איר זייט דאָך מסכים, אַז דאָס איז פאַר עסטרייך אַ גרויסער אָנווער?

אנשטאָט דעם בעל־הבית האָט געענטפערט שווייק:

— אודאי אַ אָגווער; ניטאָ וואָס צו ריידן. אַ מוראדיקער אָגווער! איטלעכער טיפּש קאָן דאָך פערדינאַנד ניט פאַרבייטן. ער האָט נאָר באַדאַרפט זיין גרעבער.

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן? — האָט געפרעגט ברעטשניידער.

— וואָס איך מיין צו זאָגן? — האָט שווייק זיך פרייליך אָפּגערופן, — מער גאָרנישט: אויב ער וואָלט געווען גרעבער, וואָלט אים שוין לאַנג געהאַט אָנגעכאַפּט די ניכפּה, בעת ער פלעגט נאָך טרייבן אין קאָנאָפּיטש די אַלטע ווייבער, וואָס האָבן געקליבן ביי אים אין וואַלד דאַרע צווייגן און שוועמלעך. דעמאָלט וואָלט ער ניט באַדאַרפט שטאַרבן אַזאַ מיאוסן טויט. איר טוט נאָר אַ קלער: אַ לייבלעכער פעטער פון זיין קייזערלעכער מאיע־סטעט, און מען דערשיסט אים! דאָס איז דאָך אַ גאַנצער סקאַנדאַל! אַלע צייטונגען זיינען פול דערמיט. ביי אונדז אין בודוויים האָט מען מיט עטלעכע יאָר צוריק בעת אַ געשלעג אַפן מאַרק אָנגעקוילעט אַ פיך־הענדלער, אַ געוויסן בראַטי־סלאַוו לודוויג. דער דאָזיקער מענטש האָט געהאַט אַ זון באָהו־סלאַוו. און אַז יענער פלעגט דערנאָך קומען אַפן מאַרק פאַר־קויפן זיינע חזירים, האָט קיינער ביי אים ניט געוואָלט קויפן, און אַלע האָבן געטענהעט: „אָט דאָס איז אַ זון פון יענעם, וואָס מען האָט געקוילעט. קענטיק אויך אַ גרויסער גזלן!“ ער האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי אַריינוואַרפן זיך אין קרומאַו פון בריק אין דער מאָלדאַווע אַריין. און מען האָט אים געמוזט אַרויסשלעפן און מינטערן אים און אַרויספּאָמפּען פון אים די וואַסער, און סוף כּל סוף האָט ער פאָרט אַרויסגעבלאָזן די נשמה אַף די הענט פון דאָקטאָר, וואָס האָט אים געמאַכט עפּעס אַן איינשפּריץ.

— האָט איר אָבער מאָדנע פאַרגלייכן! — האָט ברעטשניידער אַרויסגערעדט מיט אַ קוויטש. — איר הויבט אָן פון פערדי־נאַנד און ענדיקט עפּעס מיט אַ פיך־הענדלער.

— חס וחלילה, — האָט זיך שווייק פאַרענטפערט. —
גאָט באוואָר, איך זאָל פאַרגלייכן וועמען. דער בעל=הבית קען
מיך. אמת, איך טו קיינמאָל ניט פאַרגלייכן וועמען עס איז!!
איך וואָלט נאָר ניט געוואָלט בייטן זיך מיט דער ערצהערצאָגינע
וואָס וועט זי דאָס איצט טאָן? די קינדער געבליבן יתומים, און
קאָנאָפּיטש אָן אַ בעל=הבית, וואָס=זשע — זאָל זי ווידער חתונה
האָבן מיט אַן ערצהערצאָג? וואָס וועט זי האָבן דערפון? וועט זי
ווידער אַמאָל פאָרן מיט אים קיין סאַראַיעוואָ און ווידער בלייבן
אַן אלמנה. ווייסט איר אַ מעשה, מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט
געלעבט אין סליוואַ, וואָס ביי גלובאָקאָוו, אַ וואַלד=וועכטער, גע=
הייסן האָט ער מיט אַזאַ מיאוסן נאָמען — פינטשער. איז אָט,
האָבן אים געווילד=גנבים דערשאָסן, און עס איז געבליבן נאָך
אים אַן אלמנה מיט צוויי קליינע קינדער. האָט די אלמנה אין
צוויי יאָר אַרום חתונה געהאַט, ווידער מיט אַ וואַלד=וועכטער,
מיט פעפּי שאַוולאָוויטש פון מילדאָוואַר. האָט מען אים אויך
דערשאָסן; האָט זי חתונה געהאַט אַ דריט מאָל, און ווייטער
מיט אַ וואַלד=וועכטער, און זי האָט געזאָגט: „אויב דאָס מאָל
וועט דער מזל מיר אויך ניט דינען, דעמאָלט ווייס איך שוין
ניט וואָס צו טאָן! פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט אויך דעם
דריטן מאַן דערשאָסן, און פון די דריי מענער האָט זי שוין גע=
האַט זעקס קינדער. האָט זי זיך דערקליבן, הערט איר, ביז צו
דער קאַנצעליאַריע פונם פירשט אין גלובאָקאָוו און האָט דאָרט
אָנגעגעבן אַ פּאַפּיר, אַז עס האָט איר ניט אָפּגעגליקט מיט די
דאָזיקע וואַלד=וועכטערס. האָט מען איר דאָרט אָנגעבאָטן דעם
היטער פון דער ראַזשיצער סאַזשלקע, יאַראָשן. און וואָס וועט
איר זאָגן אף אַזאַ מעשה: דעם דאָזיקן מענטשן האָט מען דער=
טרונקען אין סאַזשלקע, בשעת ער האָט געוואָלט פאַרווערן אַ
ניט=געזעצלעכן פיש=פאַנג. און דער אלמנה זיינען צוגעקומען פון
אים נאָך צוויי קינדער. דעמאָלט האָט זי זיך גענומען אַ וואורשט-
מאַכער פון באָדניאָן, דער אָבער האָט זי איינמאָל באַנאַכט
דערהרגעט מיט אַ פלאָקן און איז אַוועק און האָט זיך איבער=
געגעבן דער פּאָליציי. האָט מען אים לויטן פסק פון קריז=גע=

ריכט אין פיסעק אופגעהאנגען. פריער האָט ער נאָך באַוויזן אָפּ־
צובייסן די נאָז ביים גלח און האָט דערקלערט, אַז ער האָט אַף
קיין זאַך ניט קיין חרטה; און נאָך האָט ער געזאָגט זייער ניט
קיין שיין וואָרט אַף אונדזער קיסר.

— ווייסט איר ניט, וואָס ער האָט געזאָגט? — האָט
ברעטשניידער געפרעגט מיט האָפנונג אין קול.

— זעט איר, דאָס קען איך אייך ניט זאָגן, וואָרום קיינער
האָט זיך ניט איינגעשטעלט די ווערטער איבערצוחזרן. נאָר מען
זאָגט, אַז דאָס איז געווען אַזוי שרעקלעך און מוראדיק, אַז איינער
פון די געריכט־מיטגלידער איז פון זינען אַראָפּ און מען האַלט
אים נאָך עד היום פאַרשלאָסן אין אַ באַזונדער קאַמערע, בכדי
די געשיכטע זאָל ניט אַרויסקומען פאַר דער וועלט. זאָגן זאָגט
מען, אַז דאָס איז געווען מער ווי אַ געוויינלעכע מאַיעסטעט־באַ־
ליידיקונג, וואָס ווערט אָפּגעטאָן שכּורערהייט.

וואָס פאַר אַ מאַיעסטעט־באַליידיקונגען ווערן דאָס אָפּגעטאָן
שכּורערהייט? — האָט ברעטשניידער געפרעגט.

— מיינע הערן, איך בעט אייך; הויבט אָן אַן אַנדער
שמועס, — האָט זיך אַריינגעמישט פּאַליוועץ. — איר ווייסט
דאָך, איך האָב דאָס ניט ליב. איר וועט נאָך עפּעס אַזוינס אַרויס־
קנאַקן, און דערנאָך גיי טענה זיך אויס.

— וואָסערע מאַיעסטעט־באַליידיקונגען ווערן אָפּגעטאָן
שכּורערהייט, ווילט איר וויסן? — האָט שווייק איבערגעחזרט. —
כּל־ערליי מינים. פרוווט אָקאָרשט, שכּורט זיך אָן און הייסט
שפּילן דעם עסטרייכישן הימן, וועט איר שוין זען, וואָס איר
וועט אָנריידן. איר וועט אָנפּלוידערן וועגן זיין מאַיעסטעט
אַזעלכעס, אַז אויב אַפילו אַ העלפט דערפון וואָלט געווען אמת,
וואָלט עס אויך געקלעקט אַף צו פאַרשעמען אים זיין גאַנץ
לעבן. און אונדזער אַלטער קיסר האָט דאָס, כ'לעבן, ניט פאַר־
דינט. באַקלערט זיך נאָר. זיין זון רודאָלף האָט ער אָנגעוואָרן
יונגערהייט, אין די בליענדיקע יאָרן. זיין פרוי עליזאַבעט האָט
מען דורכגעשטאָכן מיט אַ קינזשאַל. דערנאָך איז פאַרשוווּנדן
יאָהאַן אָרט, און זיין ברודער, דעם קיסר פון מעקסיקע, האָט

מען דערשאָסן בײַ אַ וואַנט אין ערגעץ אַ פעסטונג. איצטער, אַף דער עלטער, האָט מען אים אַוועקגעהרגעט אַ לײַבלעכן פעטער, מען דאַרף טאַקע האָבן אַן אײַזערנע האַרץ! און דאָ פאַרגלוסט זיך נאָך אַ שכּורן אידיאָט, און ער נעמט רײדן, וואָס אין קאָרט! זאָל נאָר טרעפן עפּעס אַן ערנסטע זאַך, גײ איך אַוועק פרײַ־וויליק און וועל דינען מײַן קיסר, ביז מען וועט מיך אַף שטיקער צערײַסן.

שווייק האָט אַ צי געטאָן אַ היפּשן זופּ ביר און האָט ווײַ־טער גערעדט:

— וואָס־זשע מײנט איר, אונדזער קיסר וועט דאָס טאַקע שווײַגן? זײַט איר אַ שלעכטער מבין! איצטער מוז זײַן קריג מיט די טערקן. איר האָט דערהרגעט מײַן פעטער, טאָ נאַט אײַך אײנס און צוויי! עס מוז זײַן קריג, און סערביע און רוסלאַנד וועלן אונדז העלפן. אַ ר—רוח, וועלן מיר דאָס די טערקן אַרײַנשמײסן!

אין יענער רגע, בשעת שווייק האָט אַזוי געלוגט אין דער צוקונפט אַרײַן, האָט ער געקאָנט אויסווײַזן אַפילו אַ פּאַרשוין. זײַן תּמעוואַטער פּנים, וואָס האָט געשמײכלט, ווי די יונגע לבנה, האָט געשײַנט פון התלהבות. אַלץ איז אים געווען אַזוי קלאָר.

— עס קאָן געמאָלט זײַן, — האָט ער ווײַטער געשיל־דערט די צוקונפט פון עסטרײַך, — אַז אין פאַל פון אַ קריג מיט די טערקן וועלן די דײַטשן אונדז באַפאַלן פון הינטן, וואָרום דײַטשן און טערקן זײַנען דאָך אײן חברה. מיר קענען דאָך אָבער שליסן אַ בונט מיט פראַנקרײַך, וואָס זינט 1871 איז זי דאָך שטאַרק אָנגעשטויסן אַף דײַטשלאַנד. איז שוין ווידער רעכט. און אַ מלחמה וועט זײַן, דאָס איז קלאָר ווי די לבנה!

איצט איז ברעטשנײַדער אויפגעשטאַנען און האָט פײַערלעך געמאָלדן:

— נו, ווײַטער איז שוין ניט כּדאי צו רײדן! באַמיט זיך אַף אַ פּאָר ווערטער אַרויס אין קאָרידאָר.

שווייק איז אַרויס מיטן געהיים=פּאָליציסט אין קאָרידאָר. דאָרט האָט אָף אים געוואַרט אַ סורפּריז. דער באַגלייטער זיינער האָט אים באַוויזן זיין צייכן מיטן אָדלער און האָט אים דערקלערט, אַז ער איז אַרעסטירט און וועט תּיכּף אָפּגעפירט ווערן אין צירקל. שווייק האָט געפּרוווט אים דערוויזן, אַז ער האָט מסתּמא אַ טעות, וואָרום ער, שווייק, איז גאָר ניט שולדיק און האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט, וואָס זאָל קאָנען עמיצן באַליידיקן.

נאָר בּרעטשניידער האָט אים אויסגעטייטשט, אַז ער האָט אָפּגעטאָן אַסך פאַרבּרעכנס, און אַז דער קלענסטער פון זיי איז מלוכה=פאַרראַט.

דערנאָך האָבּן זיי זיך אומגעקערט אין זאַל, און שווייק האָט געזאָגט צו פּאַליוועץ:

— איך האָבּ געהאַט פינף בּיר און אַ בּוטערבּראָד מיט ווורשט. איצט גיבּ מיר נאָך אַ גלעזל סליוואָוויץ, און איך וועל גיין, וואָרום איך בּין אַרעסטירט.

בּרעטשניידער האָט באַוויזן פּאַליוועץ זיין אָדלער, האָט אַ ווײַלע אים אָנגעקוקט און אַ פרעג געטאָן:

— אַ באַווייבּטער?

— יאָ.

— וועט אייער ווייבּ קאָנען פירן דאָס געשעפט, אויבּ איר וועט ניט זיין?

— זי וועט קאָנען.

— אויבּ אַזוי איז גוט, בּעל=הבּית, — האָט בּרעטשניידער פרייליך אויסגערופן. — רופט אַרויס אייער פרוי, גיט איר איבּער די גאַנצע דודע, און אין אָוונט וועלן מיר אייך צונעמען.

— דאַרפסט זיך ניט קלעמען, — האָט אים געטרייסט שווייק. — איך גיי אַהין, ווייל מען באַשולדיקט מיך סך־הכּל אין מלוכה=פאַרראַט.

— און פאַרוואָס מיך? — האָט פּאַליוועץ אַרויסגעקרעכצט. — איך בּין דאָך געווען אַזוי געהיט!

ברעטשניידער האָט זיך צעלאַכט און האָט מיט נצחון דערקלערט:

— דערפאַר, וואָס איר האָט געזאָגט, אַז פליגן האָבן פאַרפאַסקודיעט אונדזער קיסר. מען וועט אייך שוין דאָרט באַווייזן אונדזער קיסר.

און שווייק איז אַרויס פון שײנקל „פון כּל־טוב“, באַגלייט פון געהיים־פאָליציסט. און אַז זיי זיינען אַרויס אין גאַס, האָט ער געפרעגט מיט אַ פריינטלעכן שמייכל:

— וואָס, איך מוז ניט אַראָפּ פון טראָטואַר?

— וואָס איז?

— איך מיין, אַז ווייבאַלד איך בין אַרעסטירט, טאָר איך שוין ניט גיין אָפן טראָטואַר.

און אַז זיי זיינען געווען ביים טויער פון פאָליציי־צירקל, האָט שווייק אַרויסגערעדט:

— גאָר ניט אַרומגעקוקט זיך, ווי די צייט איז פאַרפלויגן. איר קומט אָפט אַריין אין רעסטאָראַן „פון כּל־טוב?“

און אין דער צייט, בעת מען האָט שווייקן אַריינגעפירט אין דער קאַנצעליאַריע, האָט פאַליוועץ אין „פון כּל־טוב“ איבערגעגעבן דאָס געשעפט זיין פרוי און האָט זי געטרייסט אויף אַ משונהדיקן שטייגער:

— ניט וויין, ניט קלאָג! וואָס קאָנען זיי מיר טאָן פאַר אַ פאַרפאַסקודיעטן פאָרטרעט פון קיסר.

* * *

אָט אַזוי פשוט איז דאָס געשען, ווי דער בראַווער סאָלדאַט שווייק איז געוואָרן אַריינגעצויגן אין דער וועלט־מלחמה.

פאַר די היסטאָריקער וועט זיין אינטערעסאַנט, וואָס ער איז געווען בּיכולת פאָרויסצוזען די ווייטע צוקונפט. און אויב די לאַגע האָט שפּעטער זיך אַרויסגעשטעלט אַ ביסל אַנדערש, ווי ער האָט דאָס אויסגעמעלט, דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז קיין דיפּלאָמאַטישע פאָרבילדונג האָט ער ניט פאַרמאָגט.

2.

## דער בראַווער סאָלדאַט שווייק אין דער פּאָליציי־פאַרוואַלטונג.

לכבוד דעם אַטענטאַט אין סאַראַיעוואָ איז די פּאָליציי־פאַרוואַלטונג פול געוואָרן מיט קרבנות: מען האָט זיי געבראַכט צופירן איינעם נאָכן אַנדערן, און דער אַלטער אינספּעקטאָר אין דער אופנעם־קאַנצעליאַריע האָט מיט זיין גוטמוטיק באַס־שטימעלע דערקלערט:

— ט — יאָ — אָ, דער דאָזיקער פערדינאַנד וועט שוין אַזוי אומזיסט ניט אָפּלויפן!

אַז מען האָט שווייקן אָפּעפירט אין איינע פון די פיל קאַמערעס פון ערשטן גאָרן, האָט ער דאָרט שוין געפונען אַ קאָמפּאַניע פון זעקס מאַן. פינף זיינען געזעסן אַרום טיש, און אין ווינקל אַף דער לאַווקע איז געזעסן עפּעס אַ מאַנספּיל אין די מיטעלע יאָרן, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אָפּזונדערן פון די איבעריקע.

שווייק האָט גענומען אויספרעגן איינעם נאָך אַנדערן, פאַר וואָס מען האָט זיי אַריינגעזעצט.

פון אַלע פינף, וואָס זיינען געזעסן אַרום טיש, האָט ער געקראָגן כמעט איין און דעם זעלביקן ענטפער:

— פאַר סאַראַיעוואָ! — פאַר פערדינאַנדן! — וויל מען האָט דערהרגעט דעם ערצהערצאָג!

דער זעקסטער, וואָס איז געזעסן אָן אַזייט, האָט דערקלערט אַז ער וויל מיט זיי ניט האָבן קיין עסקים בכדי עס זאָל אַף אים ניט פאַלן קיין חשד, וואָרום ער זיצט דאָ נאָר דערפאַר, ווייל מען באַשולדיקט אים אין פרוון הרגענען אַ פויער פון האָליטש, בכדי אים צו באַרויבן.

שווייק האָט זיך צוגעזעצט צום טיש, צו דער קאָמפּאַניע פון די פאַרשווערער, וואָס האָבן שוין צום צענטן מאָל דערציילט איינער דעם אַנדערן, ווי אַזוי זיי קומען אַהער.

מיט אַלעמען האָט די מעשה געטראָפן אין אַ רעסטאָראַן, אין אַ שיינק, אין קאַפּיי, חוץ איינעם, אַ זייער פעטן הער, אין בּרילן און מיט פאַרוויינטע אויגן. אים האָט מען אַרעסטירט אינ־דערהיים, וואָרום מיט צוויי טעג פריער האָט ער מכבּד געווען אין רעסטאָראַן „בּריישקע" צוויי סערבּישע סטודענטן. און דערנאָך האָט דער דעטעקטיוו בּריקס אים געזען שטאַרק שכּור אין דער זעל־בּיקער געזעלשאַפט אין דעם הייזל „מאָנמאַרטר", אין בּריקגעסל, ווו ער האָט אויך געצאָלט פאַר זיי, און דאָס האָט ער בּאַשטע־טיקט דורך זיין חתימה אַפן פּראָטאָקאָל.

אַף אַלע פראַגן בּעת דער אויספאָרשונג אין דער פּאָליציי האָט ער געטענהעט וויינענדיק:

— איך האָבּ אַ מאַגאַזין פון שרייבּ־פּאַפּיר.

דערויף האָט מען אים אָבּער געענטפערט:

— דאָס בּאַווייזט נאָך ניט, אַז איר זייט ניט שולדיק.

דער קליינוווקסיקער הער, וואָס מען האָט אים געהאַט פאַר־נומען אין אַ שיינקל, איז געווען אַ פּראָפעסאָר פון געשיכטע. ער האָט דערציילט בּשעת מעשה דעם שיינקער די געשיכטע פון פאַרשיידענע אַטענטאַטן. מען האָט אים אַרעסטירט אין דעם מאָ־מענט, בּעת ער האָט פאַרענדיקט די פּסיכאָלאָגישע דערקלערונג פון אַלע אַטענטאַטן מיט אַזעלכע ווערטער:

— די אידיי פון אַטענטאַט איז פּונקט אַזוי פּשוט, ווי קאָ־לומבּוסעס איי.

— און פּונקט אַזוי ריכטיק, ווי דאָס, אַז די טורמע וואַרט אַף אייך, האָט פאַרענדיקט דער שאַרפזיניקער קאָמיסאַר.

דער דריטער פאַרשווערער איז געווען פּאָרזיצער פון דער צדקה־געזעלשאַפט „דאָבּראָמיל" אין כאָדקאָוויטשקאַ. אין טאָג פון אַטענטאַט האָט די דאָזיקע געזעלשאַפט געמאַכט אַ פּיקניק, און דערנאָך האָט געדאַרפט פאָרקומען אַ קאָנצערט. איז געקומען אַ זשאַנדאַר און האָט געפאָדערט, אַז אַלע זאָלן זיך צעגיין, וואָרום עסטרייך איז אין טרויער. דערויף האָט דער פּאָרזיצער פון „דאָבּ־ראָמיל" גוטמוטיק בּאַמערקט:

— וואַרט אַ ווײַלינקע, ביז מען וועט ענדיקן שפּילן „הײַ, סלאַוויאַנע״.

דערפֿאַר איז ער איצט דאָ געזעסן, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און האָט געקלאָגט:

— אין אַווגוסט קלײַבט מען בײַ אונדז איבער דעם פּרעזידיום. אויב איך וועל צו דער צײַט ניט זײַן אינדערהיים, קאָן געמאָלט זײַן, אַז מען וועט מיך ניט אויסקלײַבן. און איך בין שוין צען מאָל געווען אויסגעקליבן פֿאַר אַ פֿאָרזיצער. ניין. אַזאַ בזיון וועל איך ניט איבערלעבן!

* *
*

גאָר אַ מיאוסן שפּיצל האָט דער פֿאַרשטאָרבענער פֿערדינאַנד אָפּגעטאָן דעם פֿערטן אַרעסטירטן, אַ מאַן מיט אַן ערלעכער נשמה און קריסטאָל־ריינער רעפּוטאַציע. גאַנצע צוויי טעג האָט ער קיין איין וואָרט ניט אַרויסגערעדט מיט קיינעם וועגן פֿערדינאַנדן. נאָר אין אָוונט אין קאַפֿע בײַ אַ זעקס־און־זעכציק, ווען ער האָט געדעקט דעם מלך פּיק מיט דער זיבעטלע שעל, האָט ער זיך ניט אײַנגעהאַלטן און האָט אַרויסגעפּלאַצט:

— אָט האָסטו דיר זיבן קוילן, ווי אין סאַראַיעוואָ!

דער פֿינפֿטער פֿאַרשוין, וואָס האָט זיך אַוועקגעזעצט, לויט ווי ער זאָגט אַליין „לכּבוד דעם מאָרד פֿונם ערצהערצאָג פֿערדינאַנד אין סאַראַיעוואָ״ — בײַ אים זײַנען נאָך ביז איצט די האָר פֿון קאָפּ און פֿון באָרד געשטאַנען קאָפּויער פֿון שרעק.

דער דאָזיקער מענטש האָט ניט אַרויסגערעדט קיין איין וואָרט אין יענעם רעסטאָראַן, ווו מען האָט אים אַרעסטירט, און קיין צײַטונגען וועגן דער דערמאָרדונג פֿון פֿערדינאַנד האָט ער ניט געלייענט. ער איז געזעסן אײנער אַליין בײַ אַ טישל, איז צו אים צו עפּעס אײנער אַ פֿאַרשוין, האָט זיך אַוועקגעזעצט קעגנאיבער און גענומען אים אויספֿרעגן:

— גו וואָס, געלייענט?

— ניין.

— געהערט?

— ניין.

— און איר ווייסט, וועגן וואָס דאָ גייט?

— ניין, דאָס איז ניט מיין עסק.

— נאָר דאָס מוז אייך אינטערעסירן!

— וואָס זשע, מיינט איר, איך ווייס ניט, וואָס מיך דאַרף אינטערעסירן? איך רויכער מיין ציגאַר, טרינק אוים מיין פּאָר ביר, עס אוף מיין וועטשערע און לייען ניט קיין צייטונגען. די צייטונגען ליגן. וואָס זשע זאָל איך מיך נעמען צום האַרצן?

— הייסט דאָס, אַז איר אינטערעסירט זיך ניט אפילו מיטן מאָרד אין סאַראיעוואָ?

— מיך אינטערעסירט ניט קיין שום מאָרד, ניט אין פּראָג, ניט אין ווין, ניט אין סאַראיעוואָ, ניט אין לאָנדאָן. צוליב דעם זיינען פאַראַן געריכטן, פּאָליציי. און אויב מען הרגעט עמיצן ערגעץ, איז אַ רעכט אַף אים, וואָרום וואָס איז ער דאָס פּאַר אַ לעמעך, אַז ער לאָזט זיך הרגען?

אָט דאָס זיינען געווען זיינע לעצטע צוויי ווערטער אינם דאָזיקן דיאַלאָג, זינט דעמאָלט האָלט ער אַלע פינף מינוט אין איבערחזרן:

— איך בין אומשולדיק, איך בין אומשולדיק! די דאָזיקע, ווערטער האָט ער אויסגעשריען אין טויער פון דער פּאָליציי־פאַרוואַלטונג, די דאָזיקע ווערטער וועט ער איבערחזרן בעת מען וועט אים משפּטן אין קרימינאַל־געריכט אין פּראָג, מיט די זעלביקע ווערטער וועט ער זיך אַוועקזעצן אין טורמע.

אויסגעהערט אָט די אַלע מעשיות, האָט שוועיק געפונען פאַר נויטיק אויסצוטייטשן די אַרעסטירטע, ווי שלעכט עס איז זייער לאַגע:

— יאָ, ביטערע עסקים, — האָט ער אָנגעהויבן זיין רעדע. ס'א ליגן, וואָס איר זאָגט, אַז מיט אייך, מיט אונדז אַלעמען וועט גאָרנישט ניט פּאַסירן! צוליב וואָס איז ביי אונדז פאַראַן פּאָליציי, אויב נישט אַף צו באַשטראָפן אונדז פאַר אונדזער פּלוידעריין און אַז עס זיינען שוין יאָ אָנגעשטאַנען אַזעלכע שלעכטע צייטן, ווען מען שיסט ערצהערצאָגן, דאַרף קיינער זיך ניט חידושן, וואָס מען

שלעפּט אים אין חד־גדיא אַריין. דאָס מאַכן זיי די פּוריע, זיי מוזן דאָך מאַכן דעם פערדינאַנד רעקלאַמע צו זיין לויה. און וואָס מער עולם דאָ ווערט זיך אָנקלייבן, אַלץ בעסער ווערט אונדז זיין, עס ווערט זיין היימלעכער. אַז איך האָב געדינט אין מיליטער, פלעגט אַמאָל זיצן אין קאַרצער אונדזער האַלבע ראָטע, און וויפיל אומשולדיקע מענטשן האָט מען פאַרמישפּט — אַ גוואַלד! איך געדיינק ווי היינט: מען האָט איין מאָל פאַרמישפּט אַ פרוי, פאַרוואָס זי האָט קלאַמפּערשט דערשטיקט אירע ערשט געבאָרענע קינדער, אַ צווילינג. יענע האָט זיך געשוואָרן מיט טויטע שבועות, אַז זי האָט קיין צווילינג ניט געקאָנט דערשטיקן, ווייל זי האָט געהאַט נאָר איין מיידעלע, און די זעלביקע האָט זי דערשטיקט אָן ווייטאָקן. נאָר רייד צו דער וואַנט: מען האָט זי פאַרמישפּט פאַר אַ דאָפּלטן מאָרד. אָדער אַ שטייגער דער אומשולדיקער ציגיינער פון זאַבעליץ, וואָס האָט זיך אין דער ניטל־נאַכט פאַרקליבן אין אַ בעקעריי. ער האָט זיך געשוואָרן מיט אַלע הייליקע, אַז ער האָט געוואָלט נאָר אָנוואַרימען זיך, נאָר מען האָט אים ניט געגלויבט. יאָ, יאָ, ווו עס קומט שוין צום געריכט, דאָרטן וואַקסט שוין קיין גראָז ניט. און עס מוז טאַקע אַזוי זיין. אפשר זיינען טאַקע אַלע מענטשן אַזעלכע לײדאַקעס, ווי מען מיינט. נאָר, איך בעט אייך איבער אייער כבוד, ווי קען מען דאָס אונטערשיידן צווישן אַן אָרנטלעכן מאַן, און אַ לײדאַק, בפרט אַצינד, אין אַזאַ ערנסטע צייט, ווען מען האָט אַוועקגעפּטרט אָט דעם פערדינאַנדן? מען דאַרף אָניאָגן אַ שרעק אַפן עולם, זאָל מען זיך מער נעמען צום האַרצן.

— איך בין אומשולדיק, איך בין אומשולדיק, — האָט געטענהעט דער צעשויבערטער פאַרשוין.

— קריסטוס האָט געליטן און האָט אונדז באַפרייט, — האָט זיך שווייק אָפּגערופן. — ער איז געווען אומשולדיק, און פאָרט האָט מען אים געקרייציקט. וועגן אומשולדיקע מענטשן האָט זיך נאָך קיינער קיין מאָל ניט געדאַגהט. שווייג און פאָלג! אַזוי האָט מען אונדז געלערנט ביים מיליטער. דאָס איז די בעסטע זאַך.

שווייק האָט זיך אויסגעצויגן אַף דער לאַווקע און איז זיס אַנטשלאָפן געוואָרן.

דערווייל האָט מען אין קאַמערע געבראַכט צוויי פרישע. איינער פון זיי איז געווען עפּעס אַ באָסניאַק, וואָס האָט גענומען לויפן אַהין און צוריק איבער דער קאַמערע, געסקריטעט מיט די ציין און געזידלט זיך מיט די מיאוסטע ווערטער. אים האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס מען קאָן ביי אים דאָ צולקחען זיין קערבל.

דער צווייטער איז געווען דער בעל־הבית פון שיינקל פּאַ־ליוועץ. ווי ער האָט דערזען שווייקן, האָט ער אים אופגעוועקט און אויסגערופן מיט אַ שטים פול טראַגיק:

— אָט בין איך אויך דאָ!

שווייק האָט אים האַרציק געדריקט די האַנט און געזאָגט:

— זייער פיין, איך האָב געוווסט, אַז יענער הער וועט האַלטן וואָרט. בעת ער האָט אייך צוגעזאָגט, אַז מען וועט קומען אייך נעמען. אַזאַ פּינקטלעכקייט איז אַ ווילע זאַך!

נאָר פּאַליוועץ האָט געהאַלטן, אַז די דאָזיקע פּינקטלעכקייט איז ט..... און האָט געפרעגט שטילערהייט ביי שווייקן, צי די אי־בעריקע וואָס זיצן דאָ, זיינען ניט קיין גנבים, וואָרום דאָס וואָלט אים, ווי אַ געשעפטס־מאַן געקאָנט שעדיקן.

שווייק האָט אים באַרואיקט און אים דערציילט, אַז אַלע, חוץ דעם, וואָס האָט געפּרוווט באַרויבן אַ פויער אין האָליטש, זיצן איבער דעם ערצהערצאָג.

פּאַליוועץ האָט כמעט ווי פאַראיבל געהאַט און האָט דער־קלערט, אַז ער קומט אַהער ניט איבער אַ פאַרעפּושטן ערצהער־צאָג, נאָר איבער זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט אַליין, און אַזוי ווי אַלע אַרעסטאַנטן האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם פאַל, האָט ער גענומען דערציילן די מעשה, ווי אַזוי די פליגן האָבן פאַרחזירט דעם קיסר.

— זיי האָבן מיר אים פאַרפּאַסקודיעט גאָר אַ גרויל, פאַר־שאָלטן זאָלן זיי ווערן, האָט ער פאַרענדיקט,—און אַף פאַרבייסן

מיך נאָך אַרייַנגעפירט אין קרימינאַל. דאָס וועל איך די פּליגן אין לעבן ניט מוחל זייַן, — האָט ער פאַרענדיקט ברוגז.

שווייק האָט שוין ווידער זיך איינגעלייגט שלאָפן, נאָר עס האָט לאַנג ניט געדויערט, איז מען אים געקומען וועקן צום פאַרהער.

גייענדיק דורכן קאָרידאָר, האָט ער באַמערקט אַן אויפשריפט, אַז עס איז פאַרבאָטן צו שפּייען אויף דער דיל. האָט ער געבעטן בײַם וועכטער אַן ערלויבניש אויסצושפּייען אין שפּייקעסטל. און דערנאָך, אַז ער איז אַריין אין קאַנצעלאַריע, שייַנענדיק פון תמימות, האָט ער באַגריסט:

— גוטן אָוונט, מייַנע הערן!

אנשטאָט אַן ענטפער, האָט אים עמיץ דערלאַנגט אַ בוכצע אין רוקן און צוגעשטופּט צום טיש. דאָרט איז געזעסן אַ מענטש, וואָס אויף זיין פּנים איז געווען אָנגעשריבן אַ שרעקלעכע אכזריות.

מיט רציחה האָט ער אַ קוק געטאָן אויף שווייקן און האָט באַמערקט:

— מאַכט זיך ניט פאַר אַן אידיאָט.

איך קאָן מיר גאָרנישט העלפן, — האָט שווייק געענטפערט ערנסט, — פון מיליטער־דינסט האָט מען מיך אָפּגעלאָזט, ווייל איך בין שוואַכזיניק. אַ ספּעציעלע קאָמיסיע האָט מיך אָפיציעל אָנערקענט פאַר אַן אידיאָט. איך בין, ווי יענער זאָגט׳ אַן אידיאָט מיט אַ שטעמפּל.

דער ברוגזער באַאַמטער האָט ווי אַ גזלן אַ סקריע געטאָן מיט די ציין:

— דאָס, וואָס אין דעם ווערט איר באַשולדיקט און וואָס איר האָט אָפּגעטאָן, באַווייזט, אַז איר זייט בײַ אַ געזונטן שכל און בײַ די פולע געדאַנקען.

און ער האָט גענומען אויסרעכענען פאַר שווייקן אַ גאַנצן צעטל פאַרברעכנס, אָנגעהויבן פון מלוכה־פאַרראָט און געענדיקט מיט באַליידיקונג פון זיין מאַיעסטעט און פון דער קייזערליכער פאַמיליע.

— נו, וואָס וועט איר דערויף זאָגן? — האָט געפּרעגט מיט נצחון דער הער מיטן גזלנישן פּנים.

— אַ קאַפּעלע צו פיל, דוכט זיך, — האָט שווייק אומ־שולדיק געענטפערט.

— גוט, וואָס איר זייט זיך אַליין מודה.

— איך בין מודה אין אַלץ. אודאי דאַרף מען האַלטן שטרענג. אַז ניט, איז שלעכט. אָט, אַ שטייגער, בעת איך בין געווען ביים מיליטער...

— מויל האַלטן! — האָט דער באַאמטער אַדונער געטאָן

— ענטפערט נאָר, ווען מען פרעגט. פאַרשטאַנען?

— אודאי פאַרשטאַנען, — האָט שווייק זיך אָפּגערופן. — איך בעט מיט רעשפּעקט צו מעלדן, אַז איך פאַרשטיי אַלץ און קאָן זיך פאַנאַנדערקלייבן אין אַלץ וואָס איר רעדט.

— מיט וועמען פאַרקערט איר?

— מיט מיין דינסט, אייער יווילגעבאָרן.

— און די היגע פּאָליטישע קרייזן האָט איר ניט קיין באַקאַנטשאַפט?

— ווי זשע אַנדערש, אייער וווילגעבאָרן, אַלע טאָג קויף איך די צייטונג „נאַראָדנא פּאָליטיקאַ".

— אַרויס! — האָט דער מאַן מיטן ביין פּנים אַ געשריי געטאָן.

אַז מען האָט שווייקן אַרויסגעפירט פון דער קאַנצעלאַריע, האָט ער צוגעווינשעוועט:

—אַ גוטע נאַכט, וווילגעבאָרן.

געקומען צוריק אין קאַמערע, האָט שווייק דערציילט די אַרעסטירטע, אַז אַזאַ פאַרהער איז ממש א חיות. אַ ביסל שרייט מען אָן אויף אייך, דערנאָך טרייבט מען אַרויס — און גאָר!

— אַמאָליקע צייטן, — האָט שווייק ווייטער גערעדט, — איז געווען אַסך ערגער. אָט האָב איך געלייענט א בוך, אַז די באַשולדיקטע פלעגן מוזן גיין איבער גליענדיקע אייזנס און טרינקען צעשמאָלצענע בליי, בכדי צו דערגיין, צי זיי זיינען מיט אַן אמת אומשולדיק, אָדער מען פלעגט זיי איינשפּאַרן אין שפּאַנישע שטיוול,

אָדער אויסציִען אַף אַ טרעפּ, אויב זיי האָבן זיך ניט געוואָלט מודה זיין. און דאָס פלעגט זיך מאַכן אַלע ווײַלע. און דערנאָך פלעגט מען נאָך די אומגליקלעכע פערטלען אָדער צונאָגלען צו א סטויפּ ערגעץ ווו, און אויב מען פלעגט אַזאַ איינעם איינשליסן אין הונגער־טורם, האָט ער געמעגט זיך רעכענען איבער־גליקלעך.

— היינט אָבער, — האָט שווייק ווייטער גערעדט אַ צו־פרידענער, — איז זיצן אין טורמע — היילער תענוג. ניט מ׳פערטלט, ניט מען שפּאַרט אין שפּאַנישע שטיוול. אדרבה! לאָזוקעס צו ליגן האָבן מיר, אַ טיש האָבן מיר, בעטלעך האָבן מיר, קיין איינגעשאַפּט איז ניטאָ, מען האָדעוועט אונדז מיט סוּפּ, מען גיט ברויט. וואַסער אין קרוג — טרינק וויפיל דאָס האַרץ גלוסט, אַ טואַלעט — אונטערן נאָז... מיט איין וואָרט, אין אַלץ פּראָגרעס! אמת, אַ ביסל ווייטלעך צו גיין אַפן פאַר־הער, דורך דריי קאָרידאָרן און אַפן צווייטן גאָרן, דערפאַר אָבער איז אין די קאָרידאָרן ריין און באַלעבאַט. איינעם פירט מען אַהין, אַ צווייטן אַהער, אַ מאָל אַ יונגן, אַ מאָל אַן אַלטן, אַ מאָל אַ מאַנסביל, אַמאָל פרויען. און ווידער אַמאָל אַ חיות, וואָס דו זיצט ניט אַליין. אַלע זיינען זייער צופרידן און גייען זיך זייער וועג, קיינער דאַרף ניט מורא־האָבן, אַז אין דער קאַנ־צעליאַריע וועט מען פלוצים אַ זאָג טאָן: „מיר האָבן זיך מישב געווען און באַשטימט, אַז מאָרגן זאָל מען אייך פערטלען אָדער פאַרברענען, ווי אייך איז בעסער געפעלן!" אָט דאָס איז טאַקע מיט אַן אמת געווען אַ שווערע מינוט, און איך מיין, מײַנע הערן, אַז איטלעכער פון אונדז וואָלט אין גאַנצן מבולבל געוואָרן אין אַזאַ מצב. ניין, וואָס אמת איז אמת, איצטער איז דאָס אַלץ בעסער.

ער האָט קוים באַוויזן ענדיקן זיין לויב־רעדע אַף דער איצטיקער טורמע, ווי דער אויפזעער האָט געעפנט די טיר און האָט אַ געשריי געטאָן:

— שווייק, טוט זיך אָן און קומט צום פאַרהער!

— זאָל זיין אַזוי — האָט שווייק זיך אָפּגערופן,— עס איז מיר קיין קונץ ניט זיך אָנצוטאָן. איך האָב אָבער מורא, טאָמער איז דאָס א טעות. ווארום מען האָט מיך שוין איינמאָל געפירט צום פארהער. און איך האָב נאָך מורא, אַז די הערן, וואָס זיצן מיט מיר, קאָנען נאָך פאריבל האָבן. וואָס איך גיי צום פארהער צוויי מאָל נאָכאנאנד, און זיי זיינען נאָך קיין איין מאָל ניט געווען היינט אָוונט. און עס איז דאָך טאַקע אן עוולה!

— קומט שוין און רעדט ניט קיין שטותעריי,— איז געווען דער ענטפער אַף שווייקס איידעלע רייד.

ווידער אַמאָל איז שווייק געשטאַנען פארן הערן מיטן פנים פון א גזלן. יענער האָט אָן שום הקדמות אים אַ פרעג געטאָן מיט א שטרייננגער שטים:

— זייט איר זיך מודה אין אַלץ?

האָט שווייק אָנגעשטעלט דעם בליק פון זיינע גוטע בלאָע אויגן אַף דעם בייזן באַאמטן און האָט געענטפערט:

— אויב איר, וווילגעבאָרן, פארלאנגט, איך זאָל זיך מודה זיין, בין איך זיך מודה. זאָל זיין אַזוי. אויב ווידער איר וועט זאָגן: „שווייק, זייט זיך ניט מודה אין קיין זאך!" — וועל איך אַלץ לייקענען, ביז מען וועט מיך צערייסן אַף שטיקער.

דער שטרייננגער הער האָט עפּעס צוגעשריבן אַפן פּאַפּיר און האָט דערלאַנגט שווייקן א פעדער און האָט געהייסן אים חתמען.

און שווייק האָט אונטערגעחתמעט אַלצדינג, וואָס בּרעטשניידער האָט געמעלדעט, און דערצו נאָך אַזאַ הוספה:

„אַלע אויבנדערמאָנטע באַשולדיקונגען, וואָס זיינען מיר געשטעלט, זיינען פולקום ריכטיק. יאָזעף שווייק".

אונטערגעחתמעט דאָס, האָט ער זיך געווענדעט צום באַאמטן:

— אפשר דארף מען זיך נאָך עפּעס אונטערחתמען? אָדער איך זאָל קומען מאָרגן פרי?

— מאָרגן פרי וועט מען אייך פירן אין געריכט, — איז געווען דער ענטפער.

— וויפיל אַזייגער, ווילגעבאָרן ? איך זאָל, חס וחלילה, ניט פאַרשלאָפן ?

— אַרויס ! האָט ווידער זיין ווילגעבאָרן אַ דונער געטאָן. היינט דאָס צווייטע מאָל אַף שווייקן.

אַז שווייק איז געקומען צוריק אין זיין קאַמערע, האָבן אַלע אַרעסטירטע אים אַרומגערינגלט מיט שאלות. און שווייק האָט אַפן אַלעמען געענטפערט :

— איך האָב זיך נאָר וואָס מודה געווען, אַז דאָס האָב איך דערהרגעט דעם ערצהערצאָג פערדינאַנד.

זעקס מענטשן האָבן זיך אין איין שטראָם באַהאַלטן אונטער זייערע פאַרלייזיקטע קאָלדרעס, און דער באָסניאַק האָט געזאָגט :

— דאָס האָט איר רעכט געטאָן !

איינלייגנדיק זיך אַף דער לאַווקע, האָט שווייק געבורטשעט :

— אַ שאָד, וואָס דאָ איז ניטאָ קיין וועקער.

אין דערפרי האָט מען אים אופגעוועקט אָן אַ וועקער און פונקט זעקס אַזייגער האָט מען אים אַוועקגעפירט אין טורמעוואָגן אין קרייז-געריכט.

## 3.

## שווייק שטייט אונטער געריכט-מעדיצינישער עקספּערטיזע.

די ריינינקע, היימלעכע צימערן פון קרימינאַל-קרייז-געריכט האָבן געמאַכט אַף שווייקן דעם בעסטן איינדרוק: געפעלן זיינען אים געווען די אויסגעווייסטע ווענט, די שוואַרץ-לאַקירטע גראַטעס, דער עלטסטער אופזעער פון דער אונטערזוך-אָפּטיילונג דעמאַרטיני מיט די לילע שליפעס אַפן רעקל און מיטן לילע ראַנד פון היטל.

שווייקן האָט געשפּילט דאָס מזל. ער איז אַריינגעפאַלן צו אַן אויספאָרש-ריכטער, וואָס איז ניט געווען אַזוי געבונדן דורכן אות פון געזעץ, וואָס איז חוץ אַ ריכטער, געווען אויך אַ שטיקל

מענטש. ער איז שוין געווען אַן עלטערער מענטש מיט אַ גוטמוטיק אויסזען. ווען אים האָט מען דערציילט, אַז בעת ער האָט געפירט דעם אונטערזוך אינם פּראָצעס פון דעם באַוווסטן מערדער וואַלעש, פלעגט ער קיין מאָל בײַם פאַרהער ניט פאַרגעסן צו זאָגן: „זעצט זיך, הער וואַלעש, זײַט אַזוי גוט, אָט איז אַ פרײַער שטול".

אַז מען האָט צו אים געבראַכט צו פירן שווייקן, האָט ער מיט זײַן נאַטירלעכער פרײַנטלעכקייט אָנגעבאָטן אים אַ שטול און האָט געזאָגט:

— זײַט איר דאָס, הייסט עס, הער שווייק?

— איך מיין, — האָט שווייק געענטפערט, — אַז איך מוז דאָס זײַן, וואָרום מײַן פאָטער און מוטער זײַנען געווען שווייק. קען איך דאָך ניט אָנטאָן דעם בזיון און אָפּזאָגן זיך פון מײַן פאַמיליע-נאָמען.

אַ פרײַנטלעכער שמייכל איז דורכגעפלויגן איבער דעם אויספאָרש-ריכטערס פּנים:

— יאָ, אָבער אַ פײַנע קאַשע האָט איר זיך פאַרקאָכט. אויף אײַער געוויסן האָט איר ניט ווינציק פײַנע מעשים.

— איך האָב אַלע מאָל געהאַט אַ סך אויף מײַן געוויסן, — האָט שווייק זיך אָפּגערופן, שמייכלענדיק נאָך פרײַנטלעכער, ווי דער אויספאָרש-ריכטער. — אויף מײַן געוויסן ליגט פון כּל המינים שהוא, אַ סך מער, ווי אויף אײַערן, וואָלגעבאָרן.

— יאָ, דאָס איז צו זען פון פּראָטאָקאָל, וואָס איר האָט אַליין געחתמעט — האָט דער אויספאָרש-ריכטער מיט דער זעלביקער פרײַנטלעכקייט געזאָגט. — זאָגט נאָר, אין דער פּאָליציי האָט מען אויף אײַך ניט געמאַכט קיין דרוק?

— סטײַטש, וואָלגעבאָרן! איך אַליין האָב בײַ זיי געפרעגט, צי איך זאָל חתמען צי נײן, און אַז זיי האָבן מיר געזאָגט, איך זאָל חתמען, האָב איך געפאָלגט. איך וועל זיך דאָך ניט גיין שלאָגן איבער אַ חתימה! דערמיט וואָלט איך זיך דאָך אין גאַנצן קאַליע געמאַכט. עס מוז דאָך זײַן אָרדענונג.

— שפּירט איר זיך אין גאַנצן געזונט, הער שווייק?

— איך קאָן ניט זאָגן, אַז גאָר געזונט, הער ריכטער. איך האָב רעמאַטעס, און איך רייב זיך איין מיט אָפּדעלדאָק.

דער אַלטינקער האָט זיך ווידער פֿריינטלעך צעשמייכלט.

— און וואָס וואָלט איר געזאָגט, אַ שטייגער, ווען מיר לאָזן אייך געריכטלעך־מעדיציניש אונטערזוכן?

— איך האַלט, אַז אַזוי קראַנק בין איך נאָך ניט און אַז די דאָזיקע הערן וועלן אומזיסט זיך מטריח זיין. מיך האָט שוין באַקוקט אַ דאָקטאָר אין דער פּאָליציי־פּאַרוואַלטונג, צי האָב איך ניט די מיאוסע קריינק.

— ווייסט איר וואָס, הער שוויק, גלייכער וועלן מיר זיך פּאַרט האַלטן אָן עצה מיט אונדזערע דאָקטוירים פֿון געריכט. מיר וועלן צונויפרופן דאָס, וואָס מען רופט אַ קאָמיסיע, מיר וועלן האַלטן אייך אין אונטערזוך, און איר וועט בינו לבינו זיך אויס־רוען. ערלויבט נאָך אַ פֿראַגע: צי איז דאָס אמת, ווי עס שטייט אין פּראָטאָקאָל, אַז איר האָט דערקלערט און פֿאַרשפּרייט, אַז אין גיכן וועט זיין מלחמה?

— אמת, וווילגעבאָרן, עס וועט זיין מלחמה גאָר גיך.

— צי האָט איר ניט פֿון צייט צו צייט קרעמף אָדער אָנפֿאַלן?

— קיין מאָל ניט, נאָר איין מאָל האָט מיך אַ וואָרף גע־טאָן אַן אויטאָמאָביל אַף קאַרל־פּלאַץ, נאָר דאָס איז געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק.

דערמיט האָט דער פֿאַרהער זיך פֿאַרענדיקט. שוויק האָט דערלאַנגט דעם אויספֿאָרש־ריכטער די האַנט, און אַז ער איז גע־קומען צוריק אין קאַמערע, האָט ער געזאָגט צו זיין שכן:

— ווייסט איר, פֿון וועגן דעם מאָרד פֿון ערצהערצאָג פֿערדינאַנד וועט מיך אונטערזוכן אַ קאָמיסיע פֿון דאָקטוירים.

— מיך האָט אויך איין מאָל אונטערזוכט אַזאַ קאָמיסיע,

— האָט באַמערקט אַ יונגער מאַן. — דאָס איז געווען יענס מאָל, ווען מען האָט מיך געמשפּט מיט געשוואָרענע פֿאַר גנבֿען טעפּיכער. די קאָמיסיע האָט מיך אָנערקענט שוואַכזיניק. איצט האָב איך צוגענומען און פֿאַרקויפֿט אַ דאַמף־דרעש־מאַשין, און

מען קאָן מיר גאָרנישט טאָן. מיין אַדוואָקאַט האָט מיר נעכטן געזאָגט, אַז וויבאַלד איך בין שוין איין מאָל אָנערקענט געוואָרן שוואַכזיניק, בין איך שוין פאַרזיכערט אויף אַ גאַנץ לעבן.

— און איך גלויב ניט אין אָט די געריכטלעך־מעדיצינישע אונטערזוכן! — האָט זיך אַריינגעמישט אַ פּאַרשוין מיט אַ פּנים פון אַן אינטעליגענט. — אַז איך האָב געמאַכט פאַלשע וועקסלען, האָב איך אויף פאַרוואָרעניש גענומען גיין אויף די לעקציעס פון דאָקטאָר העווראָך, און אַז מען האָט מיך אַרעסטירט, האָב איך זיך געמאַכט משוגע, לויט אַלע סמנים, ווי דאָקטאָר העווראָך האָט באַשריבן: איינעם פון דער דאָקטוירים־קאָמיסיע האָב איך איינגעביסן אין פוס, אויסגעזופּט אַ טינטער מיט טינט און געטאָן אַלץ, וואָס דער דאָקטאָר הייסט, נאָר ס'האָט ניט געהאָלפן. אויס נקמה, וואָס איך האָב יענעם צעביסן די ליטקע, האָבן זיי מיך אָנערקענט פאַר געזונט, און דאָס געריכט האָט מיר אַריינגעשיבעט.

— איך האָב אַ האַרעלע ניט מורא פאַר דידאָזיקע, — האָט שוויק דערקלערט. — אַז איך האָב געדינט אין מיליטער, האָט מיך איינמאָל אונטערזוכט אַ וועטערינאַר, און עס איז געווען גוט, וואָס מען דאַרף ניט בעסער.

— אַלע דאָקטוירים פון געריכט זיינען מנוולים און הינט,— האָט זיך אַריינגעמישט אַ קליין הויקערדיק מענטשל. — ניט לאַנג האָט מען געפונען צופעליק ביי מיר אין פעלד אַ מענטשישן סקעלעט. האָט דער געריכטס־דאָקטאָר קאָנסטאַטירט, אַז דאָס איז דער סקעלעט פון אַ מענטשן, וואָס איז מיט פערציק יאָר צוריק דערהרגעט געוואָרן דורך אַ קלאַפּ אין קאָפּ מיט אַ טעמפּער זאַך. בין איך איצט אַכטאונדרייסיק און האָב אַלע פּאַפּירן, און דאָך האָט מען מיך אַרעסטירט.

— איך מיין, — האָט געזאָגט שוויק, — אַז מיר דאַרפן אַלץ אָננעמען פון דער גוטער זייט. איטלעכער קאָן האָבן אַ טעות, און וואָס מער מען חקירהט זיך, אַלץ מער בלאָנדזשעט מען; די דאָקטוירים פון געריכט זיינען ניט מער ווי מענטשן, און מענטשן האָבן זיך זייערע חסרונות. מיט מיר האָט געטראָפן אַ

מעשה אין נוסלאָ. גיי איך מיר אַזוי בײַנאַכט איבערן בריק, מיט־
אַמאָל גייט צו צו מיר איינער אַ מענטש און דערלאַנגט מיר אַ
כמאַליע מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ. און אַז איך בין אַנידערגע־
פאַלן, האָט ער זיך צוגעבויגן צו מיר מיט אַ לאַמטערנדל און
האָט געזאָגט: „אַ, אַ טעות געהאַט. דאָס איז ניט ער!" און פאַר
כּעס אַפּן טעות האָט ער מיר דערלאַנגט נאָך אַ זעץ איבערן
רוקן. דעם מענטשנס טבע איז שוין אַזאַ, אַז בּיזן סאַמע טויט
בּלאָנדזשעט ער. אָדער איך כאַפּ אייך אָן, נאָך אַ מעשה, ווי אַזוי
עס האָט אַ טעות געהאַט אַ פּאָליציי־הונט אין קלאַדנאָ, אַ דאַ־
בּערמאַן־פּינטשער, וואָס האָט געהערט דעם בּאַצירקס־אופזעער ראָ־
טער. ראָטער האָט אויסדרעסירט זיין הונט אַף בּראָדיאַגעס. ער
איז זיי דערגאַנגען די יאָרן, אַז די בּראָדיאַגעס האָבן גענומען
אויסמיידן דעם קלאַדנער ראַיאָן. דעמאָלט האָט ראָטער אַרויסגע־
געבן אַ בּאַפעל, אַז די זשאַנדאַרן זאָלן אים ניט אַנדערש בּריינ־
גען אַ חשודיקן פאַרשוין. האָבן זיי געבּראַכט צו פירן טאַקע איי־
נעם אַ הער, גאַנץ עלעגאַנט אָנגעטאָן, וואָס זיי האָבן אים אָנ־
געטראָפן זיצנדיק אין וואַלד אַף אַן אָפּגעהאַקטן בּוים־שטאַם.
בּאַלד האָבן זיי בּיי אים אָפּגעשניטן אַ פּאָלע פון זיין ראָק און
האָבן דאָס שטיקל געגעבן שמעקן דעם פּאָליציי־הונט. דערנאָך
האָבן זיי דעם מענטשן אָפּגעפירט אויסן שטאָט, אין אַ ציגעל־
ניע, און האָבן אָנגערייצט דעם הונט אַף זיין שליאַד. דער הונט
האָט אים טאַקע אויסגעשפּירט און געבּראַכט אים צוריק. דערנאָך
האָט דער אומגליקלעכער מענטש בּאַדאַרפט קריכן איבער אַ ליי־
טער אַף אַ הויי־בּוידעם, אַריבּערקלעטערן איבער אַ פּאַרקן, שפּרינ־
גען אין אַ סאַזשאַלקע — און דער הונט נאָך אים. סוף כּל
סוף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער דאָזיקער מענטש איז געווען
אַ טשעכישער דעפּוטאַט, אַ ראַדיקאַל, וואָס איז געקומען צו פאָרן
אין וואַלד זיך אויסרוען פון פּאַרלאַמענט. און אָט דערפאַר זאָג
איך טאַקע, אַז ס'איז ניטאָ קיין מענטש, וואָס זאָל זיך ניט טועה־
זיין, אַליין איינס אַ געלערנטער, צי דער לעצטער עם־הארץ, און
אפילו מיניסטאָרן זיינען זיך טועה!...

* * *

די דאָקטוירים־קאָמיסיע, וואָס האָט געהאַט צו באַשטימען, צי פּאַסט שווייקס אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג פאַר יענע פאַר־ברעכנס, וואָס מען האָט אים באַשולדיקט, צי ז׳ פּאַסט ניט, איז באַשטאַנען פון הריי ניט געוויינלעך ערנסטע מענטשן, מיט פע־סטע איינגעשטעלטע מיינונגען, דערביי איז איטלעכנס מיינונג גע־ווען שטאַרק פאַרשיידן פון דער מיינונג פון די איבעריקע צוויי...

דאָ זיינען געווען פאַרטראָטן דריי פאַרשיידענע שיטות אין דער וויסנשאַפט און דריי פאַרשיידענע פּסיכיאַטרישע שטאַנד־פונקטן.

און אויב דידאָזיקע פיינטלעכע מחנות זיינען אין ענין שווייק געקומען צו אַ הסכם, איז דאָס נאָר צו דערקלערן דערמיט, וואָס שווייק האָט באַלד פון ערשטן קוק געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אָף דער קאָמיסיע. ווי נאָר ער איז אַריין אין צימער, ווו די קאָ־מיסיע איז געזעסן, האָט ער באַמערקט אָף דער וואַנט דאָס בילד פונם עסטרייכישן קיסר און האָט אויסגערופן: „מיינע הערן, הויך זאָל לעבן דער קיסר פראַנץ יאָזעף דער ערשטער!״

ס׳איז שוין געווען קלאָר. שווייק אַליין האָט זיך שוין דורך דעם אויסגעשריי באַוויזן אין זיין אמתער געשטאַלט, אַזוי אַז אַ סך פראַגן זיינען שוין געווען איבעריק. האָט מען נאָר באַדאַרפט שטעלן נאָך עטלעכע פראַגן לויט די מעטאָדן פון די באַוווסטע אויטאָריטעטן.

— וואָס איז שווערער — ראַדיום אָדער בליי?

— איך האָב ניט געוווגן, זייט מוחל, — האָט שווייק געענטפערט מיט אַ זיסן שמייכל.

— גלויבט איר אין וועלט־אונטערגאַנג?

— צוערשט וואָלט איך וועלן אַ קוק טאָן אָפן דאָזיק וועלט־אונטערגאַנג, — האָט שווייק גלייכגילטיק אַ וואָרף געטאָן — בכל אופן, מאָרגן וועט ער נאָך ניט קומען.

— וואָלט איר געקאָנט אויסמעסטן דעם דורכמאָס פון כדור הארץ?

— אַ סברה, אַז איך וואָלט דאָס ניט געקאָנט טרעפן, — האָט שוויק געענטפערט. — נאָר איך וואָלט אייך אויך וועלן פאַרגעבן אַ רעטעניש, מיינע הערן: עס שטייט אין שטאָט אַ דרייגאָרנדיקע הויז, אין איטלעכן גאָרן צו אַכט פענצטער. אויפן דאַך — צוויי שפּיצן און צוויי קוימענס. אין איטלעכן גאָרן וווינען צוויי שכנים. איז די שאלה, אין וואָסער יאָר איז געשטאָרבן די באָבע פונם וועכטער פון דאָזיקן הויז?

די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט באַטייטפולע בליקן. פונדעסטוועגן האָט איינער פון זיי פאַרגעליגט שוויקן צו ענטפערן נאָך אויף אַזאַ פראַגע:

— ווייסט איר ניט, וויפיל איז די גרעסטע טיף פון גרויסן אָקעאַן?

— גענוי ווייס איך ניט, — האָט שוויק געענטפערט, — נאָר איך מיין, אַז זי איז בכל אופן גרעסער, ווי די טיף פון דער מאָלדאַווע בייםווישעגראַדער פעלז.

האָט דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע קורץ אַ פרעג געטאָן:

— גענוג? — נאָר איינער פון די מיטגלידער האָט נאָך געשטעלט אַזאַ פראַגע:

— וויפיל וועט זיין 12897 אויף 13863?

— 729, — האָט שוויק געענטפערט אויפן שטעל.

— איך מיין, אַז דאָס איז פולקום גענוג, — האָט דערקלערט דער פאָרזיצער. — פירט דעם באַשולדיקטן אַרויס.

אַז מען האָט אים אַרויסגעפירט, האָט די קאָמיסיע איינשטימיק אָנערקענט, אַז שוויק איז אָן שום ספק אַ שוואַכזיניקער און אַן אידיאָט, לויט אַלע נאַטור-געזעצן, וואָס די געלערנטע פסיכיאַטרען האָבן אויסגעקלערט.

אין דעם באַשלוס פון דער קאָמיסיע, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן דעם אויספאָרש-ריכטער, איז צווישן אַנדערע זאַכן געשטאַנען: „די אונטן-געחתמעטע מיטגלידער פון דער דאָקטוירים-קאָמיסיע, אַרויסגייענדיק פון דער פולער גייסטיקער דעפעקטיווקייט און פון נאַטירלעכן קרעטיניזם פון יאָזעף שוויק, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן אין אויבן-באַצייכנטער קאָמיסיע בכדי אים צו אונטערזוכן,

און וואָס די דעפּעקטיווקייט און דער קרעטיניזם זיינען בולט פון אַזעלכע ווערטער שווייקס, ווי „הויך זאָל לעבן דער קיסר פראַנץ יאָזעף דער ערשטער!”, וואָס וואָלטן שוין פאַר זיך געווען גענוג צו באַשטימען די פּערזענלעכקייט פון יאָזעף שווייק, ווי אַ בפירושן אידיאָט — האַלטן פאַר נויטיק: 1) דעם קעגן יאָזעף שווייק אָנגעהויבענעם קרימינעלן פּראָצעס אָפּשטעלן און 2) אַריינזעצן יאָזעף שווייק אין אַ פּסיכיאַטרישן קראַנקנהויז, בכדי פעסטצושטעלן, ווי ווייט דער צושטאַנד פון זיינע גייסטיקע פעאיקייטן קאָן זיין געפערלעך פאַר די אַרומיקע.

אין דער צייט, ווען אָט דער באַשלוס איז פאַרפאַסט געוואָרן, האָט שווייק דערציילט זיינע טורמע-חברים:

— אַף פערדינאַנדן האָבן זיי אַ שפּיי געטאָן, און געשמועסט האָבן מיר וועגן בוידעם-פּאָליצע. און צום סוף האָבן מיר געזאָגט איינע די אַנדערע, אַז מיר זיינען פּולקום באַפרידיקט מיטן שמועס, און מיר זיינען זיך צעגאַנגען.

— איך גלויב קיינעם ניט, — האָט באַמערקט דער קליינער הויקערל, וואָס אַף זיין פעלד האָט מען צופעליק אויסגעגראָבן אַ מענטשישן סקעלעט. — ס'איז אַלץ איין באַנדע.

— אָבער אַזאַ באַנדע מוז אויך עקסיסטירן אַף דער וועלט, — האָט שווייק באַמערקט, זיך אָנלייגנדיק אַף זיין שטרוי-געלעגער. — אויב אַלע מענטשן וואָלטן געווען גוט צו אַנדערע מענטשן, וואָלטן זיי גיך איינער דעם אנדערן איבערגעביסן די העלזער.

### 4.

## שווייק ווערט פאַרטריבן פון משוגעים-הויז.

שפּעטער, אַז שווייק פלעגט דערציילן, ווי אַזוי ער האָט פאַרבראַכט אין פּסיכיאַטרישן קראַנקנהויז, פלעגט ער ניט געפינען גענוג ווערטער, ווי זיך אָפּצולויבן:

— איך פאַרשטיי, באמונה, ניט, פאַרוואָס די שוטים זיינען ברוגז, ווען מען זעצט זיי אַריין אַהין! דאָרט קאָן מען דאָך אַרומ-

פויזן נאַקעטערהייט איבערן דיל, וואָיען ווי אַ שאַקאַל, מאַכן זיך
משוגע, בייסן זיך. פּרוּווט אַקאָרשט אָפּטאָן אַזאַ שטיקל ערגעץ אַף
אַ בולוואַר — וואָלטן אַלע זיך געוויס פאַרחידושט. דאָרטן אָבער
איז עס אַ געוויינלעכע זאַך. איך זאָג אייך, דאָרטן איז אַזאַ פרייַ־
הייט, וואָס אַפילו סאָציאַליסטן חלומען וועגן איר ניט. דאָרטן
קאָנט איר זיך אָנרופן גאָט, הייליקע מאַריאַ, רוימישער פויפּס,
קיניג פון ענגלאַנד אָדער קייזערלעכע מאַיעסטעט. איינער איז
דאָרט געווען, וואָס האָט געשריען, אַז ער איז דער אַרציביסקופּ,
נאָר ער האָט געטאָן איין אַרבעט: געגעסן און נאָך עפּעס,
מיט רעשפּעקט צו מעלדן. דאָרט איז געווען איינער, וואָס האָט
געטענהעט, אַז ער איז די הייליקע פּאָר קיריל און מעטאָדי,
בכדי צו קריגן אַ טאָפּלטע פּאָרציע. און איינער האָט געשפּירט
זיך טראָגעדיק און האָט גערופן צו אַ מזל־טוב. דאָרט זיינען
געווען כלערליי אַקטיאָרן, פּאָליטיקער, פישערס, מאַרקעס־קלייבער,
פאָטאָגראַפן און קינסטלער. איינעם האָט מען באַדאַרפט די גאַנ־
צע צייט האַלטן אין אַ צוואַנגס־העמד, ווייל ער האָט בשום
אופן ניט געקאָנט אויסחשבונען, ווען עס הויבט זיך אָן דער
וועלט־אונטערגאַנג. איך האָב זיך דאָרט באַגעגנט מיט פּראָפע־
סאָרן. איינער איז מיר נאָכגעגאַנגען ווי אַ הינטל און האָט
דערוויזן, אַז די וויג פון ציגיינער־פאָלק געפינט זיך אַף די ריזן־
בערג אין דייטשלאַנד. אַ צווייטער האָט זיך אַלץ געפלייסט צו
דערקלערן מיר, אַז אינעווייניק אינם ערד־קיילעך איז פאַראַן נאָך
אַ קיילעך, וואָס איז גרעסער פאַרן אויסווייניקסטן.

—איטלעכער מעג באַלבענען דאָרט, וואָס ער וויל און ווי
ער וויל, פּונקט ווי אין פּאַרלאַמענט. בכלל האָט זיך דאָרט גע־
לעבט ווי אין גן־עדן. מען האָט געקאָנט כאָטש אַ גאַנצן טאָג
שרייען, געוואַלדעווען, זינגען, וויינען, מעקען, קרעכצען, שפּרינגען,
מתפּלל זיין, קוליען זיך, פויזן אַף אַלע פיר, וואַלגערן זיך איבערן
דיל אָדער קריכן אַף די ווענט. קיינער וועט ניט צוגיין און זאָגן:
„מען טאָר דאָס ניט, עס פּאַסט ניט, שעמט זיך!“ אמת, עס זיי־
נען געווען אויך שטילע משוגעים. געווען דאָרט, אַ שטייגער, אַ גע־
בילדעטער מאַן, אַן ערפינדער, וואָס האָט כסדר זיך געקאַלו־

פֿעט אין נאָז און איינמאָל אין טאָג פֿלעגט ער מודיע זײַן: „איך האָב אָקאָרשט אַרויסגעפֿונען עלעקטריע!‟ איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אַז דאָרט איז געווען זייער פֿײַן, און די עטלעכע טעג, וואָס איך האָב דאָרט פֿאַרבראַכט זײַנען פֿון די גליקלעכסטע טעג פֿון מײַן לעבן.

און טאַקע שוין דער אופֿנעם אַליין, בשעת שווייק איז אָנגעקומען אין משוגעים־הויז, האָט אים פֿאַרחידושט איבער אַלע מאָסן. קודם־כּל האָט מען אים אויסגעטאָן אַדם־נאַקעט, דערנאָך האָט מען אים אָנגעטאָן אַ כאַלאַט, און צוויי באַדינער האָבן אים גענומען אונטער די הענט און האָבן אים אָפּגעפֿירט אין אַ וואַנע, און אונטערוועגס האָט אים איינער פֿון זיי דערציילט אַנעקדאָטן. צוערשט האָט מען אים אַרײַנגעזעצט אין אַ וואַנע מיט וואַרים וואַסער, און דערנאָך אַרויסגענומען און אַוועקגעשטעלט אונטער אַ קאַלטן דוש. דאָס האָט מען איבערגעחזרט דרײַ מאָל כּסדר און געפֿרעגט אים, ווי איז אים דאָס באַקומען. האָט שווייק דערויף געענטפֿערט, אַז דאָ איז בעסער ווי אין באָד בײַם קאַרל־בריק, און אַז ער האָט זייער ליב אַ באָד.

— אויב איר וואָלט מיר נאָר אונטערגעשאָרן די האָר און אָפּגעשניטן די נעגל, וואָלט מײַן גליק געווען פֿאַרפֿול, — האָט ער מוסיף געווען מיט אַ פֿרײַנטלעכן שמייכל.

האָט מען אים געטאָן זײַן פֿאַרלאַנג, אויסגעווישט אים ווי עס באַדאַרף צו זײַן מיט אַ גאָמבקע, האָבן די באַדינער אים אײַנגעוויקלט אין אַ לײַלעך און אַוועקגעטראָגן אַף אַ בעטל אין דער ערשטער אָפּטיילונג. מען האָט אים דאָרט אַוועקגעלייגט, אײַנגעדעקט גוט אין אַ קאָלדרע און געבעטן וואָס גיכער אַנטשלאָפֿן ווערן.

ביזן הײַנטיקן טאָג דערמאָנט שווייק מיט ליבשאַפֿט יענע מעשה.

— ניין, מעלט זיך נאָר אויס, — פֿלעגט ער דערציילן, — זיי האָבן מיך דאָך געטראָגן אַף די הענט, בפּועל ממש אַף די הענט געטראָגן, און אין יענער רגע האָב איך זיך געשפּירט אמת גליקלעך.

מיטן דאָזיקן געפיל איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן. אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט מען אים אויפגעוועקט און געגעבן אַ קריגל מילך און אַ בולקע. די בולקע איז שוין געווען צעשניטן אויף שטיקלעך. איין באַדינער האָט אים צוגעהאַלטן די הענט, און אַ צווייטער האָט געטונקט די שטיקלעך בולקע אין מילך. און האָט אים געשטאָפּט אין מויל אַריין, ווי מען שטאָפּט אַ גאַנז. אָנגעהאָדעוועט אים, האָבן זיי אים גענומען אונטער די הענט און אַוועקגעפירט אין טואַלעט.

מיט ליבשאַפט דערמאָנט שוויק די גליקלעכע מינוטן.

דערנאָך האָט מען שוויקן געבראַכט צוריק, אַריינגעלייגט אים אין בעט און געבעטן ווייטער שלאָפן. ניט באַוויזן איינשלאָפן ווי געהעריק, האָט מען אים ווידער אויפגעוועקט און אַוועקגעפירט צום אויפנעם. דאָרט איז ער געשטאַנען אַ הוילער פאַר צוויי דאָקטוירים, דערמאָנט זיך, ווי מען האָט אים צוגענומען אין מיליטער. ניט ווילנדיק האָט זיך ביי אים פון מויל אַרויס־געריסן:

— טויג.

— וואָס האָט איר געזאָגט? — האָט אַ פרעג געטאָן איינער פון די דאָקטוירים. — גיט אָקאָרשט אַ שפּרייז פינף טריט אַהין און פינף צוריק.

האָט שוויק געמאַכט צען.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, איר זאָלט מאַכן פינף טריט, — האָט באַמערקט דער דאָקטאָר.

— נישקשה, — האָט געענטפערט שוויק — וואָס, איך זאָל אייך זשאַלעווען אַ פאָר טריט?

דערנאָך האָבן די דאָקטוירים אים געהייסן זעצן זיך אויף אַ שטול; איינער פון זיי האָט אים עטלעכע מאָל אַ קלאַפּ געטאָן איבער די קני און האָט געזאָגט צום אַנדערן, אַז די רעפלעקסן זיינען פולקום נאָרמאַל, דעמאָלט האָט דער צווייטער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און גענומען אַליין קלאַפּן שוויקן איבער די קני. דער אַנדערער האָט בינתים אויפגעהויבן ביי שוויקן די ווייעס און אונטערזוכט די אויג־אַפּלען. דערנאָך זיינען זיי ביידע

אוועק צום טיש און האָבן זיך דורכגעוואָרפן מיט עטלעכע לאַ־טיינישע ווערטער.

— הערט נאָר, זינגען קאָנט איר? — האָט איינער גע־פרעגט שווייקן. — וואָלט איר ניט געקאָנט אונדז פירזינגען אַ לידל?

— אָך, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, — האָט געענטפערט שווייק. — איך האָב, אמת, ניט קיין קול און ניט קיין גוסט צום זינגען. נאָר אויב איך איז ליב, וועל איך אייך ווייזן, וואָס איך קען.

און שווייק האָט אָנגעהויבן עטלעכע לידער, אָבער ער האָט ניט געוווסט, ווי צו ענדיקן.

— ניין, אַלץ פאַרגעסן, — האָט שווייק אַ קרעכץ גע־טאָן. — איך קען נאָך אַ פּאָר טשעכישע פאָלקס־לידער.

די צוויי דאָקטוירים האָבן זיך איבערגעקוקט, און איינער פון זיי האָט געפרעגט:

— האָט מען שוין פריער אַמאָל אונטערזוכט אייערע גייסטיקע פעאיקייטן?

— בײַם מיליטער — האָט שווייק פייערלעך און שטאָלץ געענטפערט, — האָט אַ מעדיצינישע קאָמיסיע אָפיציעל מיך אנערקענט פאַר אַן אמתן אידיאָט.

— מיר דוכט, איר זייט פּשוט אַ סימולאַנט! — האָט אָנגעשריען אַף שווייקן דער צווייטער דאָקטאָר.

— ניין, מיינע הערן, — האָט שווייק זיך פאַרענט־פערט, — איך בין ניט קיין סימולאַנט, איך בין אַ ריכטי־קער אידיאָט. איר קאָנט אָנפרעגן אין דער קאַנצעליאַריע פון 91 פולק אין בודוויים אָדער אין רעזערוו־באַטאַליאָן אין קאַראָלינענטאַל.

דער עלטערער פון די דאָקטוירים האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האנט און האָט געזאָגט צו די באַדינערס, אָנווייזנדיק אַף שווייקן:

— גיט דעם דאָזיקן מענטשן אָפּ זיינע קליידער און פירט אים אוועק אין דער דריטער אָפּטיילונג, אין ערשטן קאָרידאָר; דערנאָך זאָל איינער פון אייך קומען אַהער נאָך זיינע דאָקומענטן

און אָפּטראָגן זיי אין קאַנצעליאַריע. און זאָגט דאָרטן אָן, מען זאָל אים וואָס ניכער הייסן גיין, — ניטאָ וואָס צו מאַכן מיט אים מחזקות.

די דאָקטוירים האָבן צום לעצטן מאָל אַ קוק געטאָן מיט בטול אַף שווייקן, וואָס האָט זיך געדוקט הינטערווײַלעכס צו דער טיר, בוקנדיק זיך און נויגנדיק. אַף דער פראַגע פונם באַדינער, וואָס מאַכט ער דאָס פאַר אַ קונצן, האָט ער געענטפערט:

— היות ווי איך בין ניט אָנגעטאָן, עס הייסט, נאַקעט, וויל איך ניט באַווייזן די הערן דאָקטוירים עפּעס אַזוינס, אַז זיי זאָלן מיינען, אַז איך בין אַ גראָבער יונג אָדער אַ פּאַסקודניק.

אָבער פון יענעם מאָמענט, זינט מען האָט די באַדינערס געהייסן אָפּגעבן שווייקן זיינע קליידער, האָבן זיי אופגעהערט אפילו זיך אומצוקוקן אַף אים. זיי האָבן געהייסן אים אָנטאָן זיך און האָבן אים אָפּגעפירט אין דער אָפּטיילונג 3. דאָרט איז ער אָפּגעזעסן עטלעכע טעג, ביז מען האָט אין קאַנצעלאַריע אָנגע־שריבן דעם אָרדער וועגן זיין אַרויסלאָז פון קראַנקנהויז. די דאָקטוירים האָבן אים אַרויסגעגעבן אַ באַשײַניקונג, אַז ער איז „אַ גייסטיק־אָפּגעשטאַנענער סימולאַנט". אָפּגעלאָזן האָט מען אים פאַר מיטאָק, און דערביי איז אַרויסגעקומען אַ שטיקל סכסוך.

שווייק האָט דערקלערט, אַז אויב מען טרייבט אַרויס אַ מענטשן פון משוגעים־הויז, דאַרף מען אים געבן פריער אָפּעסן וואַרימעס.

אַ סוף צו דער סצענע האָט געמאַכט אַ פּאָליציסט אַרויסגערופן פונם שווייצער — ער האָט שווייקן אָפּגעפירט אין צירקל.

## 5.

## שווייק אין פּאָליציי-צירקל.

נאָך די הפלאדיקע, ליכטיקע טעג אין משוגעים־הויז זיינען אָנגעשטאַנען פאַר שווייקן טעג, פול מיט צרות. דער באַצירק־אופזעער בראַון האָט מקבל־פּנים געווען שווייקן מיט דער זעלבי־

קער אבזריות, ווי נירונס רוימישע שאַרפריכטערס האָבן אַמאָליקע ציימן באַגעגנט אומשולדיקע קריסטן, מיט דער זעלביקער רציחה, ווי יענע האָבן געשריען: „וואַרפט אַרויס דעם פאַרברעכער, דעם קריסט, אין לייבן־גרוב!" — האָט דער אופּזעער בראַון אַ נאַפּעל געגעבן: „אַריינזעצן אין דער באַזונדערער!"

ניט מער און ניט ווייניקער. נאָר די אויגן האָבן בײַ דעם באַצירק־אופזעער געבלישטשעט מיט אַ מין משונהדיקער מיאוסער תּאווה.

שוויק האָט זיך אַ נויג געטאָן און געזאָגט:

— צו דינען, מײַנע הערן. איך מיין, אַז די „באַזונדערע" איז דאָס געמוליכע, וואָס „קאַרצער", איז דאָס אָבער ניט דאָס ערגסטע.

— נו, נו, איר מאַכט דאַרט ניט קיין הינטישע שמיק, — האָט אים באַמערקט דער פאָליציאַנט. דערויף האָט שוויק געענטפערט:

— איך בין באַשיידן און דאַנק אײַך דערפאַר, וואָס איר טוט פאַר מיר.

אין קאַרצער איז שוין געזעסן אויף דער לאַווקע עפּעס אַ פאַרצרהטער מענטש. עס האָט אויסגעזען, אַז דאָס אַרומיקע גייט שוין אים אינגאַנצן ניט אָן, און לויט זײַן גאַנצן אויסזען האָט מען געמעגט זיך אָנשטויסן, אַז ער האָט שוין לחלוטין ניט געגלייבט, אַז פאַר אים וועט שלאָגן די שעה פון פרייהייט.

— גריס גאָט, — האָט שוויק אויסגערעדט, זיך צוזעצנדיק צו אים אויף דער לאַווקע, — אַנו, וויפל איז דער זייגער?

— איך האָב קיין זייגער ניט, — האָט געענטפערט דער פאַרצרהטער מענטש.

— דאָ איז גאָר ניט אַזוי שלעכט, — האָט שוויק ווײַטער גערעדט. — טוט נאָר אַ קוק, די לאַווקע איז פון גלאַטגעהובלטע ברעטער.

דער ערנסטער מענטש האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר איז אופגעשטאַנען און גענומען שפּריזן אַהין און אַהער אין דעם

שמאָלן רוים צווישן לאָוקע און מיר, אַזוי ווי ער וואָלט געלאָפן עמיצן ראַטעווען.

דערווײַל האָט שוויק פאַראינטערעסירט איבערגעקוקט די אויפשריפטן, וואָס זײַנען געווען אָנגעקריצלט אויף די ווענט. אין איין אויפשריפט, ווי אַן אומבאַקאַנטער אַרעסטאַנט שווערט, אַז ער וועט פירן מיט דער פּאָליציי אַ קאַמף אויף טויט און לעבן, זי האָט זיך אַזוי געלייענט: „כ'ל פאַרקאָכן אַקאַשע, — ט' איר נים אויסבלײַבען!" אַ צווייטער אַרעסטאַנט האָט אָנגעשריבן: „איך שפּײַ אויף אײַך, פערדישע קעפּ!" אַ דריטער האָט פּשוט קאָנסטאַטירט אַ פאַקט: „איך בין דאָ געזעסן 5 יוני 1913, און מען איז זיך מיט מיר באַגאַנגען אָנשטענדיק. יאָזעף מאַרעטשעק, קאָמערסאַנט פון אָרשאַוויץ". געווען נאָך אַן אויפשריפט, וואָס האָט געהאַט צוטערן מיט איר אינהאַלט. געווען אויך אַ פערז.

דער מענטש, וואָס איז געלאָפן צווישן מיר און לאָוקע, פּונקט ווי ער וואָלט געווינען אַ פּריז אין אַ וועטגעלאָף, איז געבליבן שטיין און האָט זיך אָן כוחות אַראָפּגעלאָזן אויף זײַן פריערדיקן אָרט. ער האָט אָנגעשפּאַ"ט דעם קאָפּ אויף די הענט און האָט זיך צערעוועט אויף אַ ווילדן קול:

— לאָזט מיך אַרויס!

— ניין, זיי וועלן מיך נים אַרויסלאָזן, — האָט ער גענומען רייד'ן ווי פאַר זיך, — בשום אופן וועלן זיי מיך נים אַרויסלאָזן. איך בין דאָך דאָ שוין פון זעקס אינדערפרי.

פּלוצים האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי ער וואָלט זיך האָבן צו עפּעס באַשלאָסן. ער האָט זיך אויסגעגלײַכט און אַ פרעג געטאָן שוויקן:

— האָט איר בײַ זיך צופעליק אַ רימען? איך וויל זיך אויפהייגנען.

— מיט מיר הנאה, וואָס איך קאָן אײַך דינען, — האָט שוויק געענטפערט, אָפּשפּילענדיק זײַן רימען. — איך האָב נאָך קיין מאָל נים געזען, ווי אַזוי מענטשן הייגנען זיך אין קאַרצער אויף אַ רימען. נאָר אַ שאָד, — האָט ער ווייטער גערעדט, זיך אַרומגעקוקט, — אַז דאָ איז ניטאָ קיין האָק. דער פענצטער=ריגל

וועט איך קוים אויסהאַלטן, סיידן אָט וואָס: איר זאָלט זיך אופהייִנגען קניִענדיק אַף דער לאַווקע. אַזוי האָט געטאָן אין קלויסטער פון עמאוס אַ מאָנאַך, וואָס האָט זיך אופגעהאַנגען אַפן קרייץ איבער אַ יונגער פרייִלן. איך האָב זייער ליב מענטשן, וואָס נעמען זיך דאָס לעבן, — אַנג. הויבט אָן.

דער אָנגעברוגזטער פּאַרשוין, וואָס שוייק האָט אים אונ־טערגערוקט זיין רימען, האָט אַף אים אַ קוק געטאָן. אַ כאַפּ געטאָן דעם רימען און אַ וואָרף געטאָן אין ווינקל און איז צע־גאַנגען זיך פון געוויין, צעשמירנדיק די טרערן איבערן פּנים מיט שמוציקע הענט. ער האָט געכליפּעט:

— איך האָב דאָך קינדער, און זיי האָבן מיך דאָ אַוועק־געזעצט פאַר שכורן און הולטאַיעווען. הייליקע מאַריאַ, וואָס וועט זיין מיט מיין אָרימער פרוי, און וואָס וועט מען מיר זאָגן אַף דער שטעלע? איך האָב דאָך קינדער, און בין דאָ אַריינגעפאַלן פאַר שכרות... און אַזוי ווייטער.

סוף כל סוף האָט ער זיך אַביסל באַרואיקט, איז צו צו דער טיר און האָט גענומען פויקן און קלאַפּן אין איר מיט די פויסטן.

אַף יענער זייט טיר האָט זיך געלאָזט הערן טריט און אַ שטים האָט געפרעגט:

— וואָס ווילט איר?

— לאָזט מיך אַרויס! — האָט ער געשריען מיט אַ קול, אַזוי ווי אים וואָלטן שוין ניט געבליבן קיין שום האָפענונגען אין לעבן.

— וווהין? — האָט די שטים ווייטער געפרעגט.

— אַף מיין שטעלע! — האָט זיך אָפּגערופן דער אומ־גליקלעכער פאָטער, מאַן, באַאַמטער, שכור און הולטאַי.

געלעכטער, טייוולשער געלעכטער אין דער שטילקייט פון קאָרידאָר, און אַוועקגייענדיקע טריט.

— מיר דוכט, אַז יענער הער האָט אייך פיינט, וויבאַלד ער איזדעקעוועט זיך אַזוי איבער אייך, — האָט געזאָגט שוייק, נאָכדעם ווי דער מענטש האָט זיך אָפּהענטיק אַראָפּגעלאָזן נעבן

אים אַף דער לאווקע. — אַזאַ פּרעה, ווען עס כאַפּט אים אָן דער גזלן, איז ער קאַפּאַבל אַף אַלץ. זיצט שטיל און ניט בריקעט זיך. ווײַבאַלד, אַז היינגען זיך ווילט איר ניט, און וואַרט, וואָס עס וועט אַרויסקומען. אויב איר זייט אַף אַ מלוכה־שטעלע און איר האָט אַ ווײַב מיט קינדער, איז דאָס טאַקע אַ שרעקלעכע זאַך, איך בין מיט אייך מסכּים. אָבער איר זייט דאָך מסתּמא באַזאָרגט, אַז מען וועט אייך אָפּזאָגן פון שטעלע, אויב איך האָב ניט קיין טעות?

— דאָס קאָן איך אייך ניט זאָגן, — האָט דער מענטש אָפּגעזיפצט, — וואָרום איך געדיינק אַליין ניט, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן. איך געדיינק נאָר, אַז מען האָט מיך פון ערגעץ אַרויסגעוואָרפן און איך האָב זיך אַלץ געריסן אַהין צוריק, בכדי צו פאַררויכערן אַ ציגאַר. נאָר אָנגעהויבן האָט זיך דאָס זייער פיין. דער עלטסטער פון אונדזער אָפּטייל האָט געפייערט זיין געבורטסטאָג און האָט אונדז אַלעמען איינגעלאַדן אין ביר־שיינק; פון דאָרט זיינען מיר אַריבער אין אַ צווייטן, אַ דריטן, פערטן, פינפטן, זעקסטן, זיבעטן, אַכטן, ניינטן...

— זאָל איך אייך ניט העלפן ציילן? האָט שוויק געפרעגט. — איך ווייס די מעשׂיות, איך אַליין בין אַמאָל אין איין נאַכט איבערגעווען אין אַכטאונצוואַנציק לאָקאַלן, נאָר אַלץ אַפן פיינסטן אופן, אין איטלעכן האָב איך אויסגעטרונקען ניט מער, ווי דריי קופלעך ביר.

— קורץ און גוט, — האָט ווייטער גערעדט דער אומגליקלעכער באַאַמטער, — אַז מיר האָבן שוין באַוויזן איבערצוגיין אין אַ צענדליק אַזעלכע שיינקלעך, האָבן מיר באַמערקט, אַז אונדזער עלטסטער איז ערגעץ ניט געוואָרן, הגם מיר האָבן געהאַט אים צוגעבונדן אַף אַ שטריקל און מיטגעפירט ווי אַ הינטל. האָבן מיר גענומען גיין זוכן אים צוריק אין אַלע ערטער, וווּ מיר זיינען שוין געוועזן. סוף כּל סוף האָבן מיר זיך צעשפּרייט אין אַלע זייטן: און איך בין אַריינגעפאַלן עפּעס אין אַ נאַכט־קאַפעע, עפּעס זייער אַן אָנשטענדיקן קאַפעע: דאָרט האָב איך געזופּט ליקער פון אַ פלאַש. וואָס איך האָב דאָרט נאָך געטאָן, געדיינק איך ניט. איך

ווײס נאָר, אַז די צוויי פּאָליציסטן, וואָס האָבּן מיר געבּראַכט אַהער, האָבּן אין קאָמיסאַריאַט געמאָלדן, אַז איך בּין געווען טויט־שכּור און האָבּ זיך אויפגעפירט מיאוס. חוץ דעם זאָל איך האָבּן אָנגעשלאָגן אַ דאַמע און צעשניטן מיט אַ מעסערל אַ פרעמדע הוט; דערנאָך זאָל איך האָבּן צעטריבּן דעם דאַמען־אָרקעסטער, בּאַשולדיקט דעם אָבּער־קעלנער פאַר אַלעמען אין די אויגן, אַז ער האָט געגנבעט אַ פּאַפּירל פון צוואַנציק קרוינען, צעבּראָכן דעם מירמל־שטיינערנעם טיש־בּרעט, און אַריינגעשפּיגן אין אומבּאַקאַנטן הערן בּיי אַ שכנישן טישל אין שאָלכל שוואַרצע קאַווע. מער האָבּ איך קיין זאַך ניט געטאָן. על כל פנים, געדיינק איך ניט, איך זאָל נאָך וואָס האָבּן געטאָן. און גלויבּט מיר: איך בּין אַן אָנ־שטענדיקער, אינטעליגענטער מענטש, וואָס קלערט זיך וועגן קיין זאַך ניט, חוץ זיין פאַמיליע... וואָס וועט איר זאָגן דער׳צו? אי־בּין דאָך ניט עפּעס אַ כוליגאַן?

— איז אייך עפּעס שווער אָנגעקומען צו צעבּרעכן דעם מירמל־שטיינערנעם טיש־בּרעט? — האָט שוויק געפרעגט מיט אינטערעס. — אָדער איר האָט עס צעקלאַפּט מיט איין זעץ?

— מיט איין זעץ, — האָט געענטפערט דער אינטעלי־גענטער הער.

— דעמאָלט זייט איר פאַרפאַלן, — האָט שוויק געענט־פערט פינצטער. — אין געריכט וועט מען דערווייזן, אַז איר האָט זיך לאַנג געגרייט דערצו דורך טרענירונג. און די קאַווע פון יענעם פרעמדן הער, וואָס איר האָט אַריינגעשפּיגן צו אים, איז געווע מיט קאָניאַק אָדער אָן קאָניאַק?

און אָן צו וואַרטן אויף אַן ענטפער, האָט ער אויסגע־טייטשט:

— אויבּ די קאַווע איז געווען מיט קאָניאַק, וועט אייך זיין ערגער, וואָרום אַזאַ קאַווע איז טייערער. אין געריכט נעמט מען אַלץ אַריין אין חשבּון, בּכדי עס זאָל אויסקומען אַ פאַרבּראָך...

— אין געריכט... — האָט איבּערגעחזרט מיט אַ געפּאַ־לענער שטים דער אָרנטלעכער מאַן; דער׳נאָך האָט ער געלאָזט

הייגנען דעם קאָפּ, ווי אַ מענטש, וואָס ווערט געפּייניקט פון חרטה.

און אינדערהיים ווייס מען בּיי אייך, אַז איר זיצט אין חד־גדיא? — פרעגט שוויק, — אָדער זיי וואַרטן אפשר, בּיז מען וועט וועגן אייך אָנשרייבּן אין די צייטונגען?

— שוין זשע מיינט איר, אַז מען וועט וועגן דעם שרייבּן אין די צייטונגען? — האָט נאַאיוו געפרעגט דער אומשולדיקער קרבּן פון דעם עלטסטנס געבּורטסטאָג.

— ווי צוויי מאָל צוויי — איז געווען דער אָפּענער ענטפער, וואָרום שוויק איז ניט געווען געוויינט צו בּאַהאַלטן אַ סוד פאַר עמיצן. — און אייער געשיכטע וועט שטאַרק געפעלן ווערן די לעזער פון די צייטונגען. איך אַליין האָבּ אויך ליבּ צו לייענען וועגן שכּורים און זייערע מעשׂים. אַנומלטן האָט איין גאַסט אין "פון כּל טוב" אָפּגעטאָן אַ קליינקייט: ער האָט זיך געשפּאָלטן דעם שאַרבּן מיט דער אייגענער גלאָז. גענומען די גלאָז, אַרופגעוואָרפן זי אין דער הויך און אונטערגעשטעלט דעם פּליך. מען האָט אים אַוועקגעפירט, און בּאַלד אינדערפרי, האָבּן מיר דאָס שוין געלייענט אין צייטונג. און איינמאָל אין בּענדלאָוועץ בּין איך אַליין פאַרפאָרן אין בּאַק אַ שטורקאַצן־טראָגער, און ער מיר צוריק. בּכדי צו מאַכן שלום צווישן אונדז האָט מען אונדז פאַרבּעטן אין צירקל אַריין, און אין אָוונט־צייטונג איז דאָס שוין געווען בּאַשריבּן. און אָט האָט אַ בּאַאַמטער אין קאַפּיי "לעבּעדיקער בּר־מנן" צעבּראָכן צוויי שאָלכלעך — מיינט איר דאָך, מען האָט אים פאַרזען? בּאַלד דעם צווייטן טאָג אינדערפרי איז עד שוין געווען אין צייטונג! אין בּעסטן פאַל, קאָנט איר שיקן פון טורמע אין רעדאַקציע אַריין אַ הכחשה, אַז די ידיעה, וואָס שטייט אין צייטונג, איז ניט שייך צו אייך, און אַז דער מענטש, וואָס האָט זיך אָנגערופן מיט אייער נאָמען, איז אייך ניט קיין קרוב, און אַז איר זייט גאָר אַפילו ניט יענער מענטש. און אַהיים קאָנט איר אָנשרייבּן אַ בּריוו, אַז זיי זאָלן אויסשניידן אייער הכחשה און בּאַהאַלטן זי, בּכדי איר זאָלט זי קאָנען איבּערלייענען, נאָכדעם ווי איר וועט אָפּזיצן אייער שטראָף.

— איז אייך ניט קאַלט?—האָט שווייק געפרעגט גוטמו־
טיק, אַז ער האָט באַמערקט, ווי ביים אינטעליגענטן הער האָט
געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. — דער זומער הײַ־יאָר איז טאַקע
אַ קילער.

— אַ געעקטער מענטש בין איך איצט, — האָט געכלי־
פּעט שווייקס קאַלעגע. — קיין העכערונג אין דינסט וועל איך
שוין נישט דערלעבן.

— אָט דאָס איז ריכטיק,—האָט שווייק מיט חשק באַ־
שטעטיקט.—אויב מען וועט אייך, נאָכדעם ווי איר וועט אָפּזיצן
אייער שטראָף, ניט צונעמען ווידער אַף אייער שטעלע, ווייס איך
ניט, צי וועט זיך אייך איינגעבן גיך צו געפינען אַן אַנדערע. ווײַ־
רום איטלעכער, אַפילו דער היצל, וועט ביי אייך מאָנען אַ שיין,
אַז איר זייט ניט געשטאַנען פאַרן געריכט. יאָ, אַזאַ רגע פון
תענוג, וואָס איר האָט זיך פאַרגונען, קאָן אייך פיין אָפּקאָסטן!
און אייער פרוי האָט עפּעס מיטלען אַף זיך דורכצולעבן מיט די
קינדער, בעת איר וועט זיצן? אָדער זי וועט מוזן גיין איבער די
הייזער, און די קינדער וועלן זיך אויסלערנען מיאוסע מעשים?

דער ענטפער איז געווען אַ געוויין:

— אָ, מיינע אָרימע קינדער, מיין אומגליקלעכע פרוי!

און דער זינדיקער טאַטע איז אופגעשפרונגען און האָט גע־
נומען דערציילן וועגן זיינע קינדער. פינף קינדער האָט ער גע־
האַט. דער עלטסטער איז אַלט צוועלף יאָר. ער האָט זיך פאַרשריבן
ביי די באָי־סקאוטן. ער האָט געטרונקען נאָר וואַסער און האָט
געזאָלט דינען אַ מוסטער פאַר זיין פאָטער, וואָס האָט אָפּגע־
שפּילט אַזאַ געשיכטע דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן.

— וואָס האָב איך אָנגעטאָן! וואָס האָב איך אָנגעטאָן!—
האָט ער געקרעכצט. — איצט איז מיין רעפּוטאַציע אַוועגעפּטרט.

— דאָס איז ריכטיק — האָט שווייק זיך אָפּגערופן מיט
זיין געוויינלעכער אָפנהאַרציקייט. — נאָך אָט דער געשיכטע איז
אייער רעפּוטאַציע שוין געפּטרט צייט אייער לעבן. וואָרום נאָך
איידער מען וועט איבערלייענען אין די צייטונגען, וועלן אייערע
גוטע פריינט פון זיך נאָך אויסקלערן מי יודע וואָס. אלע מאָל

איז דאָס אַזוי. נאָר האָט קיין צער ניט. מענטשן מיט אַ געריר־טער אָדער געפּטרטער רעפּוטאַציע זיינען אויף דער וועלט פּאַראַ צען מאָל מער, איידער מענטשן מיט אַ גוטער רעפּוטאַציע. דאָס איז אַ גאָרנישט מיט אַ נישט...

אין קאָרידאָר האָבן זיך געלאָזט הערן שווערע טריט. דער שלאָס האָט אַ קלונג געטאָן, די טיר האָט זיך געעפנט, און אַ פּאָליציסט האָט אויסגערופן שווייקס נאָמען.

— אַנטשולדיקט, — האָט שווייק באַמערקט העפלעך,—איך בין דאָ נאָר פון וואָרימעס אָן, און אָט דער הער זיצט שוין פון זעקס אינדערפרי. איך האָב צייט.

אָנשטאַט אַן ענטפער האָט דער פּאָליציסט מיט אַ שטאַר־קער האַנט אַרויסגעשלעפּט שווייקן אין קאָרידאָר אַרויס און שווייגעוודיק אַרופגעפירט אים איבערן טרעפּ אויפן ערשטן גאָרן.

אין צווייטן צימער איז געזעסן ביי אַ טיש אַ פּאָליציי־קאָ־מיסאַר, אַ דיקער מענטש מיט אַ גוטמוטיקן אויסזען, וואָס האָט זיך געווענדעט צו שווייקן מיט אַזעלכע ווערטער:

— איר זייט דאָס שווייק? ווי קומט איר אַהער?

— זייער פּשוט, — האָט שווייק געענטפערט. מיך האָט געבראַכט אַהער אַ פּאָליציסט, ווייל איך האָב ניט געוואָלט ליידן, מען זאָל מיך אַרויסטרייבן פון משוגעים־הויז, ווי אַ ליאַדע גאַסן־מיידל.

— ווייסט איר וואָס, שווייק?—האָט פריינטלעך געזאָגט דער הער קאָמיסאַר. — צוליב וואָס זאָלן מיר זיך מאַכן דאָ ביז בלוט איבער אייך? בעסער אייך איבערשיקן אין דער פּאָליציי־פאַרוואַלטונג, ווי מיינט איר?

— איר זייט, ווי יענער זאָגט, דער בעל־הבית אין אייער הויז, — האָט שווייק באַמערקט מיט אַ צופרידענעם טאָן. — און איצטער פאַרנאַכט דורכגיין זיך אין דער פּאָליציי־פאַרוואַלטונג וואָלט געווען זייער אַן אַנגענעמער שפּאַציר.

— טוט מיר הנאה, וואָס מיר האָבן זיך צונויפגערעדט מיט אייך, — האָט דער קאָמיסאַר געזאָגט פריילעך. — איז דען ניט בעסער, ווען אַלץ גייט מיט גוטן? ווי האַלט איר, שווייק?

— איך האָב ליב ביי אימלעכן צו פרעגן אַן עצה,— האָט שווייק געענטפערט, — גלויבט מיר, הער קאָמיסאַר, איך וועל קיינמאָל אייער גוטסקייט ניט פאַרגעסן.

מיט אַ העפלעכן פאַרנויג איז ער אַראָפּ מיטן פּאָליציסט אין וואַך־שטוב, און שוין אין אַ פערטל שעה אַרום האָט מען געקאָנט זען שווייקן ביים ראָג פון קאַרל־פּלאַץ, באַלייט פון אַ צווייטן פּאָליציסט, וואָס האָט געהאַלטן אונטערן אָרעם אַ גראָבן בוך מיט אַן אויפשריפט אַף דייטש: „אַרעסטאַנטן־בוך".

אַפן ראָג פון ברענטאַ גאַס האָבן שווייק און זיין באַלייטער זיך אָנגעשטויסן אַף אַ געדיכט רעדל, וואָס האָט אַרומגערינגלט אַן אויסגעקלעפּטן באַפעל.

— דאָס איז דער מאַניפעסט פון זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט וועגן דעם, אַז עס איז דערקלערט קריג, — האָט געזאָגט דער פּאָליציסט צו שווייקן.

— איך האָב דאָס שוין פאַרויס געזאָגט — האָט געזאָגט שווייק, — נאָר אין משוגעים־הויז ווייס מען נאָך ניט דערפון, הגם זיי וואָלטן געקאָנט קריגן די ידיעה פון ערשטן מקור.

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן? — האָט געפרעגט דער פּאָליציסט.

— דאָס איז דערפאַר, ווייל דאָרטן זיצן אַסך אָפיצערן,— האָט שווייק דערקלערט. און אָנגעטראָפן ווידער אַ ניי רעדל, וואָס האָט געהאַט זיך צענויפגעקליבן אַרום מאַניפעסט, האָט ער אויסגעשריען אַפן קול:

— הויך לעבן זאָל דער קיסר פראַנץ יאָזעף! די מלחמה וועלן מיר געווינען!

עמיצער פון צווישן דעם המון האָט אים אַראָפּגערוקט די הוט אַף די אויגן; און אין אַזאַ הילוך איז דער בראַווער סאָלדאַט שווייק אַריין אין טויער פון דער פּאָליציי־פאַרוואַלטונג. דער המון איז בינתים געוואַקסן.

— די מלחמה וועלן מיר געווינען, ניט אַנדערש, איך חזר אייך איבער נאָך אַמאָל, מיינע הערן!

מיט די דאָזיקע ווערטער האָט ער זיך געזעגנט מיטן המין, וואָס האָט אים באַגלייט.

אין דער זעלביקער צייט האָט שוין אין די ווייטע ווייטן פון דער געשיכטע איבער אייראָפּע זיך אַראָפּגעלאָזט דער אמת, אַז שוין דער מאָרגעדיקער טאָג קאָן אָף פּיץ־פּיצלעך צעשמעטערן אַלע פּלענער פון היינט.

.6

## דורכגעריסן דעם כּישוף־קרייז, קומט שווייק צוריק צו זיך אַהיים.

איבער דעם גאַנצן בנין פון דער פּאָליציי־פאַרוואַלטונג האָט אַרומגעשוועבט דער גייסט פון אַ פרעמדן מאַכט־אויטאָריטעט, וואָס האָט געפּרוווט דערגיין, ווי ווייט די באַפעלקערונג איז נוטה צו מלחמה: חוץ ווינציק אויסנאַמען, וואָס האָבן ביי זיך געוווסט, אַז זיי געהערן צו נאַציעס, וואָס מוזן פאַרגיסן בלוט פאַר פרעמדע אינטערעסן, זיינען אין דער פּאָליציי־פאַרוואַלטונג געזעסן בלוטגע־ריקע ביוראָקראַטן, וואָס גאָר זייער געדאַנק איז געווען געווענדט אָף טורמעס און תליות, בכדי איינצוהיטן די משונהדיקע געזעצן.

דערביי זיינען זיי זיך באַגאַנגען מיט זייערע קרבנות מיט גיפטיקער פריינטלעכקייט, געלאָקערט אָף אַלע זייערע ווערטער.

— עס טוט מיר לייד ביז גאָר, — האָט געזאָגט איינער פון די דאָזיקע שוואַרץ און געל געשטרייפטע תלינים, ווען מען האָט צו אים אַריינגעפירט שווייקן, — עס טוט מיר ביז גאָר לייד, וואָס איר זייט ווידער אַריינגעפאַלן צו אונדז אין די הענט. מיר האָבן שוין געמיינט, אַז איר האָט תשובה געטאָן ערשט, אפנים, אַז מיר האָבן אַ טעות געהאַט.

שווייק האָט שטום צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אַנגעשטעלט אַזאַ אומשולדיק פּנים, אַז דער שוואַרץ־געלער תלין האָט אַ קוק געטאָן מיט אַ שאלה אָף אים און האָט מיט אַ באַזונדער קוועטש געזאָגט:

— מאַכט ניט דעם אָנשמעל פון אַ שוטה!

נאָר תיכף האָט ער אָנגענומען אַ פריינטלעכן טאָן און האָט ווייטער גערעדט:

— אונדז איז אודאי זייער ניט אָנגענעם צו האַלטן אייך אין אַרעסט, און איך קאָן אייך פאַרזיכערן, אַז לויט מיין מיינונג איז אייער שולד גאָר ניט אַזוי גרויס, וואָרום, וועדליג דער נידעריקער מדרגה פון אייער גייסטיקער אַנטוויקלונג, קאָן ניט זיין קיין שום ספק, אַז איר זייט אַ קרבן פון אַן אונטערהעצער. זאָגט זשע מיר, הער שוויק, ווער האָט אייך אָנגערעדט צו טאָן די נאַרישקייטן?

האָט שוויק זיך אויסגעהוסט און האָט געזאָגט:

— זייט מוחל, איך ווייס ניט וואָסערע נאַרישקייטן איך האָב געטאָן.

— איז דען דאָס ניט אַ נאַרישקייט, הער שוויק, — האָט יענער געענטפערט מיט אַ געמאַכט פאָטערלעכן טאָן, — וואָס איר האָט לויט די רייד פונם פּאָליציסט, וואָס האָט אייך געבראַכט אַהער, אַרויסגערופן אַ געזעמל פון פאָלק פאַרן אָנגעקלעפּטן קריגס־מאַניפעסט דורך אַזעלכע אופרופן, ווי „לאַנג לעבן זאָל דער קיסר פראַנץ יאָזעף! די מלחמה וועלן מיר געווינען!“?

— איך האָב ניט געקאָנט בלייבן גלייכגילטיק, — האָט שוויק מיט היץ אויסגערופן, קוקנדיק גלייך אין פּנים דעם אינקוויזיטאָר מיט זיינע גוטע אויגן. — דאָס האָט מיך אַזוי אופגערעקט, בעת איך האָב געזען, ווי אַלע לייענען דעם מאַניפעסט וועגן מלחמה, און קיינער וויזט ניט אַרויס קיין פרייד: קיין שום הויך־רופן, קיין שום הורא — קיין זאַך ניט, הער ראַט! אַזוי ווי דאָס וואָלט זיי גאָר ניט אָנגייען. האָב איך, אַן אַלטער סאָלדאַט פון 91־טן פּולק, ניט געקאָנט מער זיך איינהאַלטן און האָב געזאָגט די ווערטער. איך מיין, אַז אויב איר וואָלט געווען אַף מיין אָרט, וואָלט איר אויך אַזוי געטאָן. וויבאַלד קריג איז דערקלערט, מוזן מיר אים דאָך געווינען, און מען מוז לאָזן הויך לעבן דעם קיסר; קיינער וועט מיך ניט אַראָפּפירן פון וועג.

דער שוואַרץ־געלער תלין, אַ געפּלעפּטער און פאַרשעמטער, האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן דעם בליק פון שווייקן, דעם אומשולדיקן שעפּעלע. האָט ער זיינע אויגן אַראָפּגעלאָזט אַף די פאַפירן, וואָס זיינען געלעגן פאַר אים און האָט געזאָגט:

— איך נעם אָן אייער התלהבות, איר האָט אָבער באַדאַרפט זי אַרויסווייזן ביי אַנדערע אומשטאַנדן. איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז וויבאַלד אייך האָט געפירט אַ פּאָליציסט, האָט אייער פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציע געקאָנט און געמוזט אויסנעמען זיך אין די אויגן פון דער באַפעלקערונג גיכער ווי אַ חוזק, איידער ווי אַן ערנסטע זאַך.

— אַ מענטשן ווען עס פירט אַ פּאָליציסט,—האָט שווייק געענטפערט — איז דאָס זייער אַ שווערע מינוט אין לעבן פון דאָזיקן מענטשן. נאָר אויב אַפילו אין אַזאַ שווערער מינוט פאַרגעסטו ניט, וואָס דו האָסט צו טאָן, ווען עס ווערט דערקלערט קריג, קאָן שוין דער דאָזיקער מענטש ניט זיין אַזאַ שלעכטער.

דער שוואַרץ־געלער תלין האָט עפּעס אַ בורטשע געטאָן און האָט ווידער אַמאָל אַ קוק געטאָן שווייקן אין די אויגן.

שווייק האָט געענטפערט מיט דער אומשולדיקער, ווייכער, באַשיידענער און צערטלעכער וואַרימקייט פון זיין בליק.

אַ גוטע ווילע האָבן זיי געקוקט גלייך איינער דעם צווייטן אין די אויגן אַריין.

— כאַפּט אייך דער טייוול, שווייק!—האָט אַרויסגערעדט סוף כל סוף דער ביוראָקראַט. — אויב איר וועט נאָך אַמאָל אַריינפאַלן צו אונדז, וועל איך אייך בכלל שוין מער ניט אויספרעגן, און איר וועט מוזן גיין גלייך צום מיליטער־געריכט אין הראַדשין. פאַרשטאַנען?

ער האָט נאָך ניט באַוויזן קומען צו זיך, ווי שווייק איז צוגעשפּרונגען צו אים, האָט אים אַ קוש געטאָן אין האַנט און געזאָגט:

— געזונט און שטאַרק זאָלט איר מיר זיין! אויב איר וועט דאַרפן אַ הינטל, בעט איך אייך זיך ווענדן צו מיר. איך האַנדל מיט הינט.

אזוי אַרום איז שווייק אַרוים אַף דער פרײ און האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים.

אונטערוועגס האָט ער אַ טראַכט געטאָן, צי זאָל ער זיך ניט אַרײַנכאַפּן אַף אַ ווײַלע אין „פון כל טוב“. און טאַקע אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אופגעעפנט ווידער יענע טיר, וואָס דורך איר איז ער מיט אַ שטיקל צײַט פריער אַרוים אין דער באַגלײַטונג פון דעטעקטיוו ברעטשניידער.

אין שײַנקל האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. עס זײַנען געווען אַפילו עטלעכע געסט, צווישן זיי דער קיסטער פון דער קירך פון הייליקן אַפּאָלינאַריוס, אָבער אַלע זײַנען זיי געווען עפּעס פאַרדאַגהעט. ביים טאָמבאַנק איז געזעסן מאַדאַם פּאַליוועץ און האָט טעמפּ געקוקט אַף די ביר־קראַנען.

— אָט בין איך אויך דאָ! — האָט שווייק פריילעך אויסגערופן. — גיט זשע מיר אַ זופּ ביר. וווּ איז דאָס אונדזער הער פּאַליוועץ? איז ער נאָך אינדערהיים?

אַנשטאַט אַן ענטפער, האָט מאַדאַם פּאַליוועץ זיך באַגאָסן מיט טרערן. כליפּענדיק האָט זי דערציילט:

— געגעבן... אים... צען... יאָר... יענע... וואָך...

— מילא, — האָט שווייק באַמערקט, — איין וואָך איז ער, הייסט דאָס, שוין אָפּגעזעסן.

— ער איז דאָך געווען אַזוי פאָרזיכטיק, — האָט מאַדאַם פּאַליוועץ געכליפּעט, — ער פלעגט דאָס אַליין אַלע מאָל זאָגן.

די געסט האָבן נאָך אַלץ געשטומט. אַזוי ווי דאָ וואָלט נאָך אַרומגעבלאָנקעט זיך אַ גלגול פון פּאַליוועץ, וואָס האָט געוואָרנט, אַז מען מוז זײַן פאָרזיכטיק.

— ווער עס היט זיך אַליין, דעם היט גאָט — האָט שווייק אַרויסגערעדט, זיך זעצנדיק צום טיש און נעמענדיק זיך פאַר די ביר. — איצטער זײַנען אָנגעשטאַנען צײַטן, אַז מען מוז ניט ווילנדיק זײַן פאָרזיכטיק.

— נעכטן האָט מען בײַ אונדז צוויי מקבר געווען, —

האָט געפּרוּווט דער קיכטער פון קירך פון הייליקן אַפּאָלינאַריוס אָפּציִען דעם שמועס אויף אַן אַנדער טעמע.

— מענטשן, הייסט דאָס, שטאַרבן, — האָט זיך אַ צווייטער גאַסט אָפּגערופן, און אַ דריטער האָט געפרעגט:

— די לויה איז פאָרגעקומען מיט אַ קאַטאַפאַלק?

— איך וואָלט געוועז טשיקאַווע צו וויסן, — האָט שווייק באַמערקט, — ווי אַזוי וועט מען דאָס איצט, קריגס־צייט, מקבר זיין מיליטער־לייט?

אַלע געסט האָבן, ווי איין מאַן, אָפּגעצאָלט, וואָס עס קומט, און זיינען אַרויס. שווייק איז געבליבן מיט דער בעל־הביתטע אַליין.

— דאָס האָב איך זיך ניט געריכט, — האָט ער געזאָגט, — זיי זאָלן אַ מענטשן, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיק, אַריינבראָקן גאַנצע צען יאָר. אַז מען האַקט אַריין אומשולדיקע מענטשן אויף פינף יאָר, דאָס האָב איך געהערט, אָבער צען יאָר — דאָס איז שוין — פאַלג מיך אַ גאַנג!

— ווי זשע דען, אַז מיין אַלטער האָט זיך אין אַלץ מודה געווען! — האָט מאַדאַם פּאַליוועץ זיך ווידער צעוויינט. — אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט דאָ וועגן די פליגן און וועגן בילד, האָט ער איבערגעחזרט אין דער פּאָליציי און אין געריכט. מיך האָט מען אַרויסגערופן אין געריכט פאַר אַן עדות, נאָר וואָס האָב איך געקאָנט זאָגן, ווייבאַלד זיי האָבן מיר דערקלערט, אַז איך בין מיין מאַנס אַ קרובה, און דעריבער מעג איך זיך אָפּזאָגן פון עדות זאָגן? איך האָב זיך אַזוי איבערגעשראָקן פאַר דער דאָזיקער קרובה־שאַפט, אַז איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו זאָגן עפּעס. און ער נעבעך האָט אויף מיר אַזאַ קוק געטאָן, אַז איך וועל אייביק זיינע אויגן ניט פאַרגעסן. און שפּעטער, שוין נאָכן פּסק, אַז מען האָט אים אָפּגעפירט, איז ער אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז אין קאָרידאָר האָט ער גענומען שרייען: „לעבן זאָל דער פרייער געדאַנק!"

— און דער הער ברעטשניידער קומט מער ניט צו גיין אַהער?

— ער איז דאָ געווען עטלעכע מאָל, — האָט די בעל־הביתטע געענטפערט, — אויסגעטרונקען אַ פּאָר קופל ביר, אויסגעפרעגט מיך, ווער עס קומט אַריין, און צוגעהערט זיך, ווי די געסט האָבן געשמועסט מכח פוטבאָל. אַלע מאָל, ווי זיי דערזעען אים, דערציילן זיי עפּעס מכח פוטבאָל. און אים האָט געהויבן די גאַנצע צייט, ווי אָט־אָט כאַפּט אים די ניכפּה. פאַר דער גאַנצער צייט איז צו אים אין די לאַפּעס אַריינגעפאַלן סך־הכל איין טאַפּעצירער פון דער קווער־גאַס.

— אַלץ איז געווענדט אָן דער פּראַקטיקע, — האָט שווייק באַמערקט. — איז דער דאָזיקער טאַפּעצירער געווען אַ נאַר?

— אַן ערך אַזוי ווי מיין מאַן, — האָט זי געענטפערט מיט טרערן, — ער האָט אים געפרעגט, צי ער וואָלט געוואָלט שיסן אין די סערבן. נעמט יענער און טוט אַ זאָג, אַז ער קאָן גאָר ניט שיסן און אַז איין מאָל אַפן שיס־פּלאַץ האָט ער דורכגעשאָסן די קרוין. און דעמאָלט האָבן מיר דערהערט, ווי הער ברעטשניידער האָט געזאָגט, אַרויסנעמענדיק פון קעשענע זיין נאָטיץ־ביכל: „אַהאַ, אָט האָבן מיר שוין ווידער אַ קליינעם מלוכה־פאַרראַט“. דערנאָך איז ער אַוועק מיט אָט דעם טאַפּעצירער פון דער קווער־גאַס, און יענער איז שוין צוריק ניט געקומען.

— יאָ — אָ, אסך פון זיי וועלן שוין מער ניט קומען צוריק! — האָט שווייק אַ זיפץ געטאָן. — גיט מיר אָקאָרשט אַ גלעזל קאָניאַק.

שווייק האָט זיך שוין געגרייט צו באַשטעלן אַ צווייטן גלעזל קאָניאַק, ווי אין שיינקל איז אַריין דער געהיים־פּאָליציסט ברעטשניידער. ער איז דורכגעפלויגן מיטן בליק דעם ליידיקן לאָקאַל, אַ קוק געטאָן אויף הינטערן טאָמבאַנק, צוגעזעצט זיך צו שווייקן און געוואַרט, וואָס וועט יענער זאָגן.

שווייק האָט אַראָפּגענומען פון פּאָליצע עפּעס אַ צייטונג און האָט גענומען איבערקוקן די אַנאָנסן אַף דער לעצטער זייט און האָט געלייענט אַפן קול:

— משימפערס, וואָס ווינט אין סטראַשקאָוו · נומער 5, פּאָסט־אָפּטייל ראַטשינאָווא, פאַרקויפט זיין הינטל מיט דרייצן מאָרג אַקער־ערד. אין שטעטל איז פאַראַן אַ שולע און אַן אייזנבאַן־סטאַנציע.

ברעטשנײַדער האָט געפרוווט אַ פּייקל געטאָן מיט די פינגער אין טיש, האָט זיך געווענדט צו שווייקן און געפרעגט:

— מיך וווּנדערט אָבער, וואָס אינטערעסירט אייך דאָס דאָזיקע הינטל, הער שווייק.

— אָ, דאָס זייט איר! — האָט שווייק אויסגערופן און דערלאַנגט אים די האַנט. — איך האָב אייך ניט דערקענט, וואָרום איך האָבן אַ שלעכטן זכרון. אויב איך האָב ניט קיין טעות, האָבן מיר זיך געזען צולעצט אין דער אויפנעם־קאַנצעלאַריע פון דער פּאָליציי־פאַרוואַלטונג. ווי איז עס אייך געגאַנגען זינט דעמאָלט? קומט איר אַהער אָפט אַרײַן?

— הײַנט בין איך געקומען צוליב אייך, — האָט ברעטשנײַדער געענטפערט. — די מעשה איז די, וואָס אין פּאָליציי־פאַרוואַלטונג האָט מען מיר געזאָגט, אַז איר פאַרקויפט הינט. דאַרף איך האָבן אַ פּאָקסטעריער אָדער אַ שפּיץ אָדער כּדומה עפּעס אַזוינס.

— דאָס אַלץ קאָן איך אייך פאַרשאַפן, — איז שווייק געווען גרייט, דאַרפט איר האָבן אַ ראַסיגן הונט אָדער אַ פּשוטן?

— איך מיין, — האָט ברעטשנײַדער געזאָגט, — אַז בעסער אַ ראַסיגן.

— וואָס וועט איר זאָגן מכּח אַ דאָבערמאַן? — האָט שווייק געפרעגט. — אַזאַ מין חברה־מאַן וועט אייך מיט איין מאָל אַלץ אויסשמעקן און אַרויספירן אייך אויפן אמתן שליאַד. איינער אַ קצב אין ווירשאָוויץ האָט אַזאַ הונט, וואָס פירט בײַ אים דאָס וועגעלע, דער דאָזיקער כּלב האָט מכּ״ש פאַרפעלט זיין קאַריערע.

— איך וואָלט בעסער פון אַלץ געוואָלט האָבן אַ שפּיץ, — האָט ברעטשניידער רואיק געענטפערט, — אַ שפּיץ, וואָס בייסט ניט.

— ווילט איר, הייסט דאָס, אַ שפּיץ אָן ציינער? — האָט שווייק געפרעגט. — קאָן מען אַזאַ איינעם קריגן ביים שיינקער אין דייוויץ.

ברעטשניידער איז געווען אַ קנאַפּער מבין אין הינט און אין זייער ראַסע. נאָר ער האָט געקראָגן אַ קלאָרן באַפעל, וואָס מען האָט אים ניט געקאָנט דרייען. ער האָט געדאַרפט זיך נע־ענטער באַקענען מיט שווייק און מיט זיין געשעפט. צוליב דעם איז אים געגעבן געוואָרן דאָס רעכט צו נעמען זיך אַ געהילף און געשטעלט געוואָרן אין זיין רשות אַ געוויסע סומע צו קויפן הינט.

האָבן זיי אָפּגערעדט, אַז שווייק וועט אים צושטעלן הינט פון דעם מין „שטשורעס־כאַפּערס" צו פופציק קרוינען אַ שטיק. און ברעטשניידער האָט אים געגעבן דרייסיק קרוינען אָן אַדעראַף און האָט אים מכבד געווען מיט אַ גלעזל וויין.

אַז זיי האָבן שוין געהאַלטן נאָכן פערטן כוס, האָט ברעט־שניידער גענומען איינריידן שווייקן, ער זאָל פאַר אים זיך ניט שרעקן, ווייל היינט האָט ער ניט קיין דינסט, און דערפאַר קאָן מען מיט אים פריוואַט ריידן וועגן פּאָליטיק.

האָט שווייק דערקלערט, אַז אין שיינק רעדט ער קיין מאָל ניט וועגן פּאָליטיק און אַז בכלל איז די גאַנצע פּאָליטיק אַן עסק פאַר קליינע קינדער.

ברעטשניידער, פאַרקערט, איז געווען רעוואָלוציאָנער גע־שטימט; ער האָט געטענעט, אַז איטלעכע שוואַכע מלוכה איז פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג, און האָט געפרעגט שווייקן, וואָס האַלט ער מכח דעם.

שווייק האָט דערקלערט, אַז ער האָט מיט דער מלוכה קיין געשעפטן ניט געהאַט, נאָר איין מאָל האָט ער גענומען צום האָ־דעווען אַ שוואַך סען־בערנאַר־הינטל און האָט דאָס געשפּייזט מיט סאָלדאַטישע סוכאַרעס, איז דאָס הינטל געפּגרט.

אַז זיי האָבן פאַרענדיקט די פינפטע גלאָז, האָט ברעטשניידער זיך מודה געווען, אַז ער איז אַן אַנאַרכיסט, און האָט געפרעגט ביי שווייקן אַן עצה, אין וואָסער אָרגאַניזאַציע ער זאָל זיך גיין פאַרשרייבן.

דערויף האָט שווייק געענטפערט, אַז איינער אַן אַנאַרכיסט האָט אַמאָל געקויפט ביי אים אַ הונט פאַר הונדערט קרוין און האָט אים די לעצטע ראַטע ניט דערצאָלט.

נאָך דער זעקסטער גלאָז האָט ברעטשניידער גענומען ריידן וועגן דער רעוואָלוציע און קעגן מאָביליזאַציע. דעמאָלט האָט שווייק זיך צו אים צוגעבויגן און האָט אים אַריינגעזאָגט אין אויער:

— אַקאָרשט איז דאָ אַריין אַ גאַסט. היט זיך, ער זאָל ניט דערהערן, איר קאָנט נאָך האָבן צרות... איר זעט, די בעל-הביתטע וויינט שוין.

מאַדאַם פּאַליוועץ האָט טאַקע ביטער געוויינט, זיצנדיק אַפן שטול הינטערן טאָמבאַנק.

— וואָס וויינט איר אַזוי, בעל-הביתטע לעבן? — האָט ברעטשניידער געפרעגט. — אין איינע דריי חדשים געווינען מיר דעם קריג, און דעמאָלט וועט זיין אַן אַמניסטיע, און אייער מאַן וועט קומען צוריק, און מיר וועלן זיך אַלע אָנטרינקען אַפן פיינסטן אופן. אָדער איר מיינט, אַז מיר וועלן ניט געווינען? — האָט ער זיך געווענדעט שוין צו שווייקן.

— וואָס איז דאָ שוין פאַראַן וואָס איבערצוקייען? — האָט שווייק זיך אָפּגערופן. — מיר מוזן דאָך געווינען און אַן עק! און איצטער מוז איך שוין גיין אַהיים.

שווייק האָט באַצאָלט, וויפיל עס האָט פון אים אַרויסגעקומט, און איז אַוועק צו זיין אַלטער דינסט: פרוי מילער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, ווען זי האָט דערזען, אַז דער מענטש, וואָס האָט געעפנט די טיר מיט אַן אייגענעם שליסל, איז געווען שווייק בכבודו ובעצמו.

— און איך, הער שווייק, האָב געמיינט, אַז איר וועט קומען צוריק ערשט אין עטלעכע יאָר אַרום, — האָט זי אים

באַגריסט מיט איר געוויינטלעכער תמימות. — דערווייל האָב איך אַריינגענומען פאַר אַ שכן אַ שוויצער פון אַ נאַכט־קאַפּיי — עס איז געווען אַ רחמנות אָפן מענטשן. בײַ אייך האָט מען דריי מאָל געמאַכט אַן אונטערזוכונג אין שטוב, אין היות ווי זיי האָבן גאָרנישט געפונען, האָבן זיי געזאָגט, אַז איר זייט סיי ווי סיי אַ פאַרפאַלענער, ווייל איר זייט אַ דורכגעטריבענער.

שווייקן איז באַלד קלאָר געוואָרן, אַז דער אומבאַקאַנטער שכן האָט זיך בײַ אים זייער באַקוועם געמאַכט. ער איז זיך געלעגן אין בעט און געשלאָפן, און אַרום זיינען געלעגן צעוואָרפן זיינע קליידער.

— הערט זיך נאָר איין, בעסטער פריינט, — האָט געטענעט שווייק, וועקנדיק דעם אומגעבעטענעם אורח, — איר קענט נאָך פאַרשפּעטיקן צו מיטאָק. מיך וואָלט פאַרדראָסן, ווען איר וואָלט געקאָנט האָבן צו מיר אַ טענה, אַז איך האָב אייך אַרויסגעטריבן, און איר האָט שוין אין ערגעץ קיין וואַרימעס ניט געקענט קריגן.

דער שוויצער פון נאַכט־קאַפּיי איז געווען שטאַרק פאַרשלאָפן, און עס האָט געדויערט אַסך צייט, ביז ער האָט גענומען פאַרשטיין, אַז עס איז געקומען צוריק דער בעל־הבית פון בעט, און וויל זי האָבן.

ווי דער מנהג פון אַלע שוויצערס פון די נאַכט־לאָקאַלן, האָט אויך דער דאָזיקער געלאָזט צוערשט וויסן, אַז ער וועט אָנבּרעכן די ביינער איטלעכן, וואָס וועט אים שטערן אין זיין שלאָף, און האָט טאַקע געפּרוּווט איינשלאָפן.

נאָר שווייק האָט צונויפגענומען אַלע זיינע בגדים, אַרופגעלייגט צו אים אָפן בעט און האָט גענומען טרייסלען אים ענערגיש, טענהענדיק:

— אויב איר וועט זיך ניט אָנטאָן די רגע, וועל איך פּרוּוון אייך אַרויסוואַרפן אין גאַס ווי איר שטייט און גייט. עס וואָלט פאַר אייך געווען בּדאיער אַרויסצופליען פון דאַנען אָנגעטאָנערהייט.

— איך האָב געגרייט זיך שלאָפן ביז אַכט אַזייגער פֿאַר־נאַכט, — האָט געזאָגט דער שווייצער, זיך אָנטוענדיק, שוין מיט אַ שטאַרק געפֿאַלענעם טאָן. — איך צאָל דאָך דער פֿרוי צוויי קרוין אַ טאָג פֿאַר דער בעט.

אַז ער האָט אָנגעטאָן דעם קאָלנער און פֿאַרבונדן דעם שניפּס איז ער שוין געווען אַזוי תּקיף בײַ זיך, אַז ער האָט געקאָנט אויפֿווײַזן שווייקן, אַז דער נאַכט־קאַפֿע „מימאָזאַ“ איז איינער פֿון די אָנשטענדיקסטע לאָקאַלן פֿון דעם מין: ער האָט פֿון גאַנצן האַרצן אײַנגעלאַדן שווייקן צו באַזוכן זייער לאָקאַל.

אַז דער אומגעבעטענער אורח איז אַוועק, האָט שווייק געוואָלט זיך אויסטענען מיט פֿרוי מילער. ערשט זי איז געווען פֿאַרשוווּנדן, און פֿון איר איז געבליבן נאָר עפּעס אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס אויף דעם זײַנען געווען מיט אַ בלײַפֿעדער אָנגעקריצלט עטלעכע שורות, וואָס אין זיי האָט פֿרוי מילער אויסגעדריקט אירע געדאַנקען איבער איר פֿײַנלעכן אינצידענט מיט שווייקס בעט, וואָס זי האָט פֿאַרדונגען דעם שווייצער פֿון נאַכט־קאַפֿע.

„זײַט מוחל בעל־הבית, וואָס איך וועל אײַך מער ניט זען, וואָרום איך וואַרף זיך אַרויס דורכן פֿענצטער.

— כּזב ושקר, — האָט שווייק באַשלאָסן און האָט גענומען וואַרטן.

אין אַ שעה אַרום האָט די אומגליקלעכע פֿרוי מילער זיך שטילערהייט פֿאַרגנבעט אין קיך אַרײַן. לויט איר טרויעריקן פּנים האָט מען געקאָנט זיך אָנשטויסן, אַז זי האָט געהאָפֿט צו הערן פֿון שווייקן עפּעס אַ טרייסט־וואָרט.

— אויב איר ווילט זיך אַרויסוואַרפֿן דורכן פֿענצטער, — האָט שווייק צו איר געזאָגט — קאָנט איר אַרײַנגיין צו מיר אין צימער. איך האָב דאָרט געעפֿנט אַ פֿענצטער. פֿון קיך־פֿענצטער זיך אַרויסוואַרפֿן וואָלט איך אײַך ניט געעצהט, וואָרום איר וואָלט אַראָפּגעפֿאַלן אין סעדל אויף די רויזן־שטאָקן און איר וואָלט זיי צעטראָטן, וואָלט איר געמוזט באַצאָלן. פֿון מײַן פֿענצטער אָבער פֿליט איר אַרוים גלײַך אויפֿן טראָטואַר, און אויב דאָס מזל זאָל אײַך שפּילן, וועט איר ברעכן האַלדז־און־אַקן. טאָמער זשע

וועט אייך ניט אָפּגילטן, וועט איר זיך צעבּרעכן נאָר די ריפּן און די הענט און פיס, און מען וועט נאָך אופמאָנען בּיי אייך פאַרן היילן אין קראַנקנהויז.

פרוי מילער איז זיך צעגאַנגען פון געוויין, איז שטילערהייט אַריין אין צימער און האָט פאַרמאַכט דעם פענצטער. דערנאָך איז זי געקומען צוריק מיט די ווערטער:

— אַ צוק-ווינט, און עס איז ניט גוט פאַר אייער רעמאַטעם.

דערנאָך האָט זי געמאַכט די בּעט און אַלצדינג אויפגעראַמט זייער ציכטיק. געקומען צוריק צו שווייקן אין קיך, האָט זי מיט טרערן אין די אויגן דערציילט:

— די צוויי הינטלעך, וואָס זיינען געווען בּיי אונדז אין הויז, זיינען געפּגרט, און דער סאַן-בּערנאַר איז אַנטלאָפן, בּעת מען האָט בּיי אונדז געמאַכט די הויז-זוכונג.

— איי—איי — איי! — האָט שווייק אויסגערופן. — אַ שיינע געשיכטע! איצטער זוכט אים מסתּמא די פּאָליציי.

— ער האָט צעבּיסן דעם קאָמיסאַר אַליין, בּעת יענער האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן בּעט, — האָט פרוי מילער ווייטער דערציילט. — אָנגעהויבּן האָט זיך דאָס דערפון, וואָס איינער פון די הערן האָט געמאָלדן, אַז אונטערן בּעט האָט זיך עמיצער בּאַהאַלטן. האָבּן זיי אין נאָמען פון געזעץ געהייסן דעם סאַן-בּערנאַר אַרויסקריכן, האָט ער זיי אָבּער ניט געפאָלגט, האָבּן זיי אים גענומען שלעפּן. ער האָט זיי שיער ניט אייפּגעפרעסן, און דערנאָך — פּוץ דורכן טיר, און ניטאָ! מיר האָבּן זיי אויך אויסגעפרעגט: ווער קומט צו אונדז צו גיין, און צי קריגן מיר ניט געלט געשיקט פון אויסלאַנד. דערנאָך האָבּן זיי געגעבּן אַן אָנצוהערעניש, אַז איך בּין אַ שטיא, דערפאַר וואָס איך האָבּ געזאָגט, אַז געלט פון אויסלאַנד קומט אָן זעלטן, דאָס לעצטע מאָל פונם דירעקטאָר פון ברנאָ — גערדיינקט איר, זעכציק קרוינען אַדעראָף פאַר דער אַנגאָראַ-קאַץ, וואָס איר האָט אַנאָנסירט אין דער „נאַראָדנאַ פּאָליטיקאַ” און וואָס אַנשטאָט איר האָט איר געשיקט אין אַ פייגן-קעסטל אַ בּלינד-הינטל אַ

פאַקסטעריער? דערנאָך האָבן זיי מיט מיר פֿיינטלעך פאַרבראַכט און האָבן מיר רעקאָמענדירט אָט דעם שווייצער פון נאַכט־קאַפיי, איך זאָל ניט דאַרפן מורא האָבן צו בלייבן איינער אַליין אין דירה, אָט דעם זעלביקן, וואָס איר האָט אָקאָרשט אַרויסגעטריבן.

— יאָ, איך האָב ניט קיין מזל מיט די מלוכה־אַנשטאַלטן, פרוי מילער. איר וועט איצט זען, וויפֿיל זיי וועלן זיך שלעפּן צו מיר קויפן הינט, — האָט שווייק זיך אָפּגעזיפצעט.

עס איז ניט באַוווּסט, צי יענע, וואָס האָבן נאָך דער רעוואָלוציע דורכגעקוקט דעם פּאָליציי־אַרכיוו, האָבן געקאָנט אַרויסקריגן, וואָס האָבן באַטייט די הוצאות פון פּאָליצייאישן געהיים־פאָנד, וואָס זיינען געווען פאַרשריבן אַף אַזאַ שטייגער: ס. — 40 קרוין, פ. — 50 קרוין, ל. — 80 קרוין א. אַז. וו. אויב זיי האָבן געמיינט, אַז ס., פ. און ל. האָבן באַטייט ראשי תיבות פון געוויסע בירגער, וואָס האָבן פאַרקויפט דאָס טשעכישע פאָלק פאַר 40, 50 אָדער 80 קרוין דעם שוואַרץ־געלן אָדלער, — האָבן זיי געהאַט אַ גרויסן טעות.

ס. — האָט באַטייט „סאַן־בערנאַר", פ. — „פאָקסטעריער", ל. — „לעאָנבערג". אָט די אַלע הינט האָט ברעטשניידער איינגעקויפט פאַר דער פּאָליציי פון שווייקן. דאָס זיינען אַלץ געווען מיאוסע פאַרזעענישן, וואָס האָבן קיין שום שייכות ניט געהאַט מיט די ראַסן־הינט, וואָס פאַר זיי האָט שווייק זיי אַרויסגעגעבן.

געקומען קויפן הינט בײַ שווייקן איז נאָך דער דעטעקטיוו קאַלאָאוס. ער האָט איינגעהאַנדלט אַ מין פאַנטאַסטישע באַשעפעניש, וואָס האָט מער פון אַלץ דערמאָנט אָן אַ געפלעקטער היענע מיט דער לאַנגער זאָל פון אַ שאָטלענדער שאָף־הונט. און אין די הוצאות פון געהיים־פאָנד האָט זיך באַוויזן אַ ניי פאַרצייכעניש: „ד. — 90 קרוין."

אָט דאָס פאַרזעעניש האָט בײַ זיי געגאָלטן פאַר אַ דאָג.

נאר קאלאאוס האט אויך גארנישט ניט געקאנט מאכן מיט שווייקן. ער האט געהאט דעם זעלביקן פסק, וואס ברעטשניידער. די סאמע פארשפיצטע פאליטישע שמועסן פלעגט שווייק אפווענדן צו דער פראגע, ווי אזוי היילט מען הינטישע חולאתן, און די קונציקסטע פראוואקאציע פלעגט זיך אויסלאזן דערמיט, וואס ברעטשניידער האט ווידער אוועקגעשלעפט פון שווייקן עפעס א חלשותדיק פארזעעניש פון א הינטל.

אט דאס איז געווען דער מיאוסער סוף פון באוווסטן דעטעקטיוו ברעטשניידער! אז ביי אים אין דירה האבן זיך געהאט צונויפגעקליבן אזעלכע פארזעענישן א שטיקער זיבן, האט ער זיך מיט זיי פארשפארט אין א הינטערשטן חדר און זיי ניט געגעבן צו פרעסן, ביז זיי זיינען אלע מיטאמאל אנגעפאלן אף אים און האבן אים פארצוקט.

ער איז געווען אזוי ערלעך, אז ער האט דער קרוין פארשפארט די הוצאות אף זיין באגרעבעניש.

אין זיין דינסט־צעטל אין דער פאליטישער פאליציי האט מען פארצייכנט אין דער רובריקע „העכערונג אין ראנג" אט די טראגישע ווערטער: „אויפגעגעסן פון די אייגענע הינט".

שפעטער, אז שווייק איז געוואר געווארן פון אט דעם טרויעריקן פאל, האט ער אויסגערופן:

— איך בין טשיקאוו צו וויסן, ווי אזוי מען וועט דאס צונויפהעפטן די שטיקלעך צום גרויסן יום־הדין?

7.

## שווייק גייט אוועק אף מלחמה.

אין יענע צייטן, ווען די וועלדער ביים טייך ראבא אין גאליציע זיינען געווען עדות פון דעם, ווי די עסטרייכישע ארמיי איז אנטלאפן אף יענער זייט ראבא, און די עסטרייכישע דיוויזיעס אין סערביע האבן געקראגן קלעפ איינע נאך די אנדערע, האט דאס עסטרייכישע קריגס־מיניסטעריום זיך דערמאנט אן שווייקן, אז אויך ער קאן אויסהעלפן די צוויי־אייניקע אימפעריע פון אירע צרות.

אַז מען האָט צו שווייקן געבראַכט די מעלדונג, אַז ער איז מחויב אין אַ וואָך אַרום צו קומען אַפן שיסער־אינזל צו שטעלן זיך פאַר אַ קאָמיסיע אַף אונטערזוכונג, איז ער גראָד געלעגן אין בעט מיט זיין רעמאַטעם.

פרוי מילער האָט אים אין קיך געקאָכט קאַווע.

— פרוי מילער, — האָט זיך געלאָזט הערן פון צימער זיין שוואַכע שטים, — פרוי מילער, קומט נאָר אַהער אַף אַ מינוטעלע.

די דינסט איז צו צום בעט, און שווייק האָט שטיל אַרויס־גערעדט:

— זעצט זיך, פרוי מילער.

אין זיין שטים איז געווען עפּעס אַ סודותדיקע פייער־לעכקייט.

פרוי מילער האָט געפאָלגט און זיך אַנידערגעזעצט, און שווייק האָט זיך אָנגעשפאַרט אַפן געלעגער און אָנגעזאָגט די בשורה:

— מען רופט מיך צום מיליטער־דינסט!

— מאַריאַ הייליקע! — האָט אויסגערופן פרוי מילער. — וואָס וועט איר דאָרט טאָן?

— קעמפן, — האָט שווייק געענטפערט ערנסט. — מיט עסטרייך האַלט עס שמאָל! אין צפון־זייט מאַרשירט דער שונא שוין אַף קראָקע, אין דרום־זייט אַף אונגאַרן! מען שלאָגט אונדז פון אַלע זייטן, און דערפאַר רופט מען מיך. איך האָב אייך דאָך געלייענט נעכטן פון די צייטונגען, אַז איבער אונדזער פאָ־טערלאַנד הייגען שוואַרצע כמאַרעס.

— איר קאָנט דאָך אָבער זיך קיין ריר ניט טאָן.

— דאָס איז גאָרנישט, פרוי מילער. איך וועל פאָרן אַהין אַף אַ וועגעלע. איר קענט דאָך דעם קאָנדיטער אַפן ראָג, האָט ער אַ וועגעלע אַזאַ. מיט אַסך יאָרן צוריק פלעגט ער דערין פירן שפּאַצירן זיין שלעכטן זיידן, וואָס אָן די פיס: איצט וועט איר מיך אָפּפירן אין דאָזיקן וועגעלע צום זאַמל־פּונקט.

פרוי מילער איז צעגאַנגען פון געוויין.

— זאָל איך ניט אַ לאָף טאָן נאָך אַ דאָקטאָר?

— איר באַדאַרפט אין ערגעץ ניט לויפן, פרוי מילער, וואָרום, חוץ די פיס, טויג איך גאַנץ גוט אַף האַרמאַטן־פלייש. און אין דער צייט ווען עסטרייך האַלט אין פּלאַצן, מוז איטלע־כער קאַליקע זיין אַפן פּאָסטן. גייט געזונטערהייט קאָכן קאַווע.

און פאַר דער צייט, וואָס פרוי מילער, פאַרגאָסן פון טרערן און אינגאַנצן אַ צעטראָגענע, האָט דורכגעזייט די קאַווע, האָט דער בראַווער סאָלדאַט שווייק איבערגעזונגען כמעט די גאַנצע ליד וועגן גענעראַל ווינדישגרעץ און זיינע מיט־קעמפער.

אונטערן איינדרוק פון אָט דער שרעקלעכער סאָלדאַטן־ליד האָט פרוי מילער פאַרגעסן אָן דער קאַווע און האָט זיך צוגע־האָרכט, ציטערנדיק מיט אַלע אברים, ווי אַזוי דער בראַווער שווייק פאַרענדיקט די לעצטע ווערטער.

— הער שווייק, גאָט איז מיט אייך, הערט אויף! — האָט פרוי מילער אַ געשריי געטאָן, ווי אָן זינען, און האָט זיך גע־לאָזן צו דער טיר און געלאָפן נאָך אַ דאָקטאָר. אין אַ שעה אַרום — אַז זי איז געקומען צוריק — האָט שווייק שוין באַ־וויזן איינצושלאָפן.

אופגעוועקט האָט אים אַ דיקלעכער פאַרשוין, וואָס האָט אים אַרופגעלייגט די האַנט אַפן שטערן. דער גראָבינקער האָט דערקלערט:

— האָט קיין מורא ניט, איך בין דאָקטאָר פּאַוועק פון ווינאָגראַדאָוו. אַ נו, באַווייזט אָקאָרשט דעם דופק... לייגט אַרונ־טער דעם טערמאָמעטער אונטער דער פּאַכווע... אַזוי... אַצינד באַווייזט דעם צונג... מער אַביסל... ניט באַוועגט אים... פון וואָס זיינען געשטאָרבן אייערע עלטערן?

אַזוי אַרום איז דאָס געשען, אַז אין דעם גרויסן היסטאָרישן מאָמענט, בשעת ווען האָט פאַרלאַנגט, אַז אַלע פעלקער פון עסטרייך־אונגאַרן זאָלן אַרויסווייזן, ווי וויט געטריי און איבערגעבן זיי זיינען דער אימפּעריע, האָט דאָקטאָר פּאַוועק פאַרשריבן שווייקן קעגן זיין פּאַטריאָטישער היץ אַ היפּשע פּאָרציע בראָם און האָט

געעצהט דעם בראַוון קריגסמאַן שווייק, ער זאָל אַרויסוואַרפן די מלחמה פון קאָפּ.

— ליגט רואיק און רעגט זיך ניט אויף, מאָרגן קום איך ווידער.

אַז ער איז געקומען דעם צווייטן טאָג, האָט ער נאָך אין קיך געפרעגט פרוי מילער, ווי שפירט זיך דער חולה.

— אים איז ערגער געוואָרן, הער דאָקטאָר, — האָט זי געענטפערט מיט אופריכטיקן צער, — בײנאַכט, אַז דער רעמאַ-טעס האָט אים דורכגענומען ווי געהעריק, האָט ער, מיט רעס-פּעקט צו מעלדן, געזונגען דעם עסטרייכישן הימן.

האָט דער דאָקטאָר פּאַוועק געהאַלטן פאַר נויטיק צו ענט-פערן אַף אָט דעם נייעם אויסבראָך פון פּאַטריאָטיזם בײַ זיין חולה מיט אַ נייער פּאָרציע בראָם.

דעם דריטן טאָג האָט פרוי מילער אים געמאָלדן, אַז שווייקן איז געוואָרן נאָך ערגער.

— היינט בײטאָג, הער דאָקטאָר, האָט ער מיך געשיקט קויפן אַ קאַרטע פונם קריגס-טעאַטער, און בײנאַכט איז בײַ אים געוואָרן אַ טומל אין קאָפּ, און ער טענעט, אַז עסטרייך וועט גע-ווינען דעם קריג.

— און די פּראָשקעס האָט ער איינגענומען, ווי איך האָב געהייסן?

— ער האָט אַפילו ניט געשיקט נאָך זיי, הער דאָקטאָר.

אויסגעבמלט צו שווייקן אַלע חלומות, איז דאָקטאָר פּאַוועק אַוועק און האָט זיך פאַרזאָגט, קיין מאָל ניט צו היילן מער אַ מענטשן, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון זיין מעדיצינישער הילף צוזאַמען מיטן פאַרשריבענעם בראָם.

עס זיינען געבליבן נאָך צוויי טעג, וואָס נאָך דעם האָט שווייק זיך געדאַרפט שטעלן פאַר דער מעדיצינישער קאָמיסיע.

פאַר דער צייט האָט שווייק זיך צוגעגרייט ווי געהעריק. קודם-כל האָט ער געהייסן פרוי מילער קויפן אים אַ זעלנערש

היטל. דערנאָך האָט ער זי געשיקט צום קאָנדיטער אָפּן ראָג בעטן בײַ אים דאָס װעגעלע, װוּ ער האָט אַמאָל געפירט שפּאַ־צירן זײַן שלעכטן זײדן אָן פּיס. דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער באַדאַרף נאָך האָבן קוליעס. צום גליק האָט דער קאָנ־דיטער געהאַט אויך קוליעס, װאָס ער האָט געהיט, װי אַ טײַערע ירושה־זאַך.

איצטער האָט נאָך אויסגעפעלט אַ רעקרוטן־בוקעט. נאָר דאָס האָט שוין געבראַכט פּרוי מילער, װאָס איז קענטיק אין יענע טעג אַראָפּ פון צורה און פלעגט אַלע װײַלע זיך באַגיסן מיט טרערן.

און אָט איז געקומען יענער גערײַנקװערדיקער טאָג, װען מען האָט געקאָנט זען אָף די גאַסן פון פּראָג אַ בילד פון גע־טרײַשאַפט דער מלוכה, װאָס האָט געקאָנט נעמען פאַרן האַרץ.

עפּעס אַן אַלטמיטשקע האָט געשטופּט פאַר זיך אַ װעגעלע, און אין װעגעלע איז געזעסן אַ מענטש אין אַ זעלנערשן היטל מיטן בלאַנק אויסגעפוצטן מאָנאָגראַם „פ. י. 1" און האָט גע־װונקען מיט קוליעס. אָף זײַן רעקל איז געװען קענטיק אַ רעק־רוטן־בוקעט.

און אָט דער דאָזיקער מענטש, װאָס האָט אָן אויפהער גע־װונקען מיט די קוליעס, האָט געשריען מיט קולי־קולות:

— קײַן בעלגראַד! קײַן בעלגראַד!

נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען אַ היפּשער המון לײדיק־גײערס, װאָס האָט זיך אָנגעהויבן קלײַבן נאָך פאַרן הויז, פון װאַנען שװײק איז אַרויס צו גײן אָף מלחמה.

שװײק האָט געהאַט די געלעגנהײט צו קאָנסטאַטירן, אַז די פּאָליציסטן, װאָס זײַנען געשטאַנען בײַ אײניקע װינקל־גאַסן, האָבן אים מיט כבוד באַגריסט.

אָף װענצעסלאַװ־פּלאַץ איז דער געזעמל אַרום שװײקס װע־געלע דערגאַנגען ביז עטלעכע הונדערט מאַן, און אָפּן ראָג קראָ־קעװער גאַס האָט מען צעמזיקט עפּעס אַ סטודענט אַ קאָרפּאָ־ראַנט, װאָס האָט אויסגעשריען:

— זשיוויאָ! נידער מיט די סערבן!

אפן ראָג וואסער-גאס האָט זיך ארייגעמישט רייטער-פּאָלי-צײ און דעם המון צעטריבן.

אז שווייק האָט צוגעשטעלט דעם באַצירק-אויפזעער דעם שײן, אז ער מוז זיך היינט שטעלן פאַר דער אופנעם-קאָמיסיע, איז דער באַצירק-אויפזעער געווען אביסל אנטוישט, און בכדי צו פאַרהיטן פון טומלענישן, האָט ער באַפוילן צוויי רייטער-פּאָלי-ציסטן צו באַגלייטן דאָס וועגעלע ביז צום שיסער-אינזל.

וועגן אָט דער גאַנצער געשעעניש איז אין אָפיציעלן אָרגאַן אין טשעכיש געווען אָפּגעדרוקט אזא מאמר:

„פּ אַ ט ר י אָ ט י ז ם פ ו ן אַ ן א י נ ו ו אַ ל י ד. נעכטן בייטאָג זיינען די דורכגייער אף די הויפּט-גאַסן פון פראָג געווען עדות פון אַ רירנדער סצענע, וואָס קאָן דינען פאַר אַ בולטן ביישפּיל, ווי אזוי אין דער דאָזיקער גרויסער און גרוילזאַמער צייט באַווייזן אויך די זין פון אונדזער פאָלק, ווי שטאַרק געטריי און איבערגעגבן זיי זיינען דעם טראָן פון אונדזער באַליבטן מאָנאַרך. עס האָט אויסגעוויזן, ווי עס וואָלט זיך האָבן אומגעקערט די צייט פון די אַלטע גריכן און רוימער. ווען מוציוס סצעוואָלאַ האָט באַפוילן צו טראָגן אים אין מיטן דער שלאַכט אַריין, ניט געקוקט אַף זיין פאַרברענטער האַנט. די הייליקסטע געפילן און אינטערעסן האָט נעכטן אַרויסגעוויזן אפן הפלאדיקסטן אופן אַן אינוואַליד מיט קוליעס, וואָס אַן אַלטיטשקע האָט אים געפירט אין אַ קראַנקן-וועגעלע. דער דאָזיקער זון פון טשעכישן פאָלק האָט פרייוויליק, ניט געאַכט אַף זיין מום, געהייסן אָפּפירן זיך אין דער מאָביליזיר-קאָמיסיע, בכדי אָפּצוגעבן זיין לעבן און גוטס פאַר זיין קיסר. און אויב זיין רוף „אַף בעלגראַד!" האָט געפונען אזא לעבעדיקן אָפּהילך אף די פראָגער גאַסן, באַווייזט דאָס, אַז די איינוווינער פון פראָג דינען פאַרן בעסטן מוסטער פון ליבשאַפט אָן אַ מאָס צו זייער פאָטערלאַנד און צום הויז האַבס-בורג".

אין דעם זעלביקן גייסט האָט געשריבן אויך דאָס דייטשע „פּראַגער טאַגעבלאַט", וואָס האָט פאַרענדיקט דעם אַרטיקל מיט

די ווערטער, אַז דעם פּריווילעגירטן אינוואַליד האָט באַגלייט אַ גרופּע דייטשן, וואָס האָבן אים מיט זייערע לייבער באַשיצט קעגן די טשעכישע אַגענטן פון דער פאַרשאָלטענער אַנטאַנטע, וואָס האָבן אים געוואָלט דורם זיין.

די „באָהעמיא" האָט ביים דערציילן די מעשה אויסגעדריקט דעם ווונטש, אַז דער דאָזיקער אינוואַליד דער פּאַטריאָט זאָל באַקומען אַ באַלוינונג. די רעדאַקציע פון דער צייטונג האָט אָנגעוויזן, אַז זי נעמט אָן נדבות פון דייטשע בירגער לטובת אָט דעם „אומבאַקאַנטן".

צו גלויבן די דאָזיקע דריי צייטונגען, האָט גאַנץ טשעכיע ניט געקאָנט געבאָרן קיין איידעלערן פּאַטריאָט; נאָר די מיטגלידער פון דער דאָקטוירים-קאָמיסיע האָבן אַנדערש געהאַלטן.

באַזונדערס, דער עלטסטער מיליטער-דאָקטאָר באַוטצע.

דאָס איז געווען אַ שטרייגנער מאַן, וואָס האָט אין אַלץ חושד געווען אַ פּרווו זיך אַרויסצומאַכן פון מיליטער, פון פראָנט, פון אַ קויל אָדער שראַפּנעל.

באַרימט איז זיין שפּראַך: „דאָס גאַנצע פאָלק טשעכן איז איין באַנדע סימולאַנטן!"

פאַר צוויי וואָכן „אַרבעט" האָט ער געכאַפּט צווישן 11.000 געזונטע 10.999 סימולאַנטן און וואָלט געכאַפּט אויך דעם לעצטן, אויב יענער בר-מזל וואָלט גראָד אין דער רגע, בעת דער דאָקטאָר האָט אַף אים אַ ברום געטאָן: „לינקס אַרום מאַרש!" ניט געכאַפּט די שלאַק.

— טראָגט אַוועק דעם דאָזיקן סימולאַנט! — האָט באַוטצע באַפוילן, נאָכדעם ווי ער האָט קאָנסטאַטירט, אַז יענער איז טויט.

אָט פאַר דעם דאָזיקן מענטשן איז דאָס געשטאַנען אין יענעם טאָג שוויק, אינגאַנצן אַ הוילער, שעמעוודיק פאַרדעקט זיין נאַקעטקייט מיט די קוליעס, וואָס ער האָט זיך אַף זיי אָנגעשפּאַרט.

— דאָס איז טאַקע אַ מערקווירדיק פייגנבלאַט, — האָט געזאָגט באָוטצע. — אַזעלכע פייגנבלעטער זיינען אין גן־עדן זיכער נים געווען.

— באַפרייט פון אַקטיוון דינסט איבער שוואַכזיניקייט, — האָט באַמערקט דער פעלדוועבל, וואָס האָט אַריינגעקוקט אין זיינע פּאַפּירן.

— און וואָס טוט איך נאָך ווי? — האָט באָוטצע גע־פרעגט.

— איך האָב דעם כבוד צו מעלדן, אַז איך האָב רעמאַ־טעס, נאָר איך פאַרלאַנג צו דינען זיין מאַיעסטעט דעם קיסר, ביז מען וועט מיך ניט צערייסן אויף שטיקלעך, — האָט שווייק געענטפערט באַשיידן. — און ווייטער זיינען ביי מיר נאָך די קני געשוואָלן.

האָט באָוטצע שטריינג אַ קוק געטאָן אויפן בראַוון סאָלדאַט שווייק און האָט אַרויסגעברומט:

— איר זייט אַ סימולאַנט!

געווענדט צום פעלדוועבל, האָט ער מוסיף געווען מיט איי־זיקער קאַלטקייט:

— אומגעזאַמט אַריינזעצן אים אונטער אַרעסט.

האָבן צוויי זעלנער מיט ביקסן אָפּגעפירט שווייקן אין דער דיוויזיע־טורמע.

שווייק האָט אונטערגעהונקען אויף די קוליעס און האָט צו זיין שרעק באַמערקט, אַז זיין רעמאַטעס גייט פאַוואָליע פאַרביי. אַז פרוי מילער, וואָס האָט אויף אים געוואַרט ביים בריק מיטן וועגעלע, האָט אים דערזען אונטער דער וואַך פון צוויי ביקסן, האָט זי זיך ביטער צעוויינט און האָט געלאָזן דאָס וועגעלע אויף הפקר, און אַליין איז זי אַוועק אַהיים.

און דער בראַווער סאָלדאַט שווייק איז זיך שטילינקערהייט געגאַנגען און געגאַנגען, באַגלייט פון די באַוואָפנטע באַשיצער פון פאָטערלאַנד.

די באַגנעטן פון די ביקסן האָבן געגלאַנצט אויף דער זון. אויפן פלאַץ פאַר פעלדמאַרשאַל ראַדעצקיס דיינקמאָל האָט שווייק

זיך אומגעקערט צום המון, וואָס איז געגאַנגען נאָך אים:

— אַף בעלגראַד! אַף בעלגראַד!

און פעלדמאַרשאַל ראַדעצקי האָט פון זיין פיעדעסטאַל אַראָפּ פאַרקלעטערהייט נאָכגעקוקט דעם בראַוון סאָלדאַט שווייק מיט זיין בוקעט אין לאַץ, ווי ער האָט זיך גערונקען פּאַוואָליע אַף די אַלטע קוליעס. און אין דער זעלביקער צייט האָט אַן עלטערער בכבודי־קער הער דערקלערט די אַרומיקע, אַז דאָס האָט מען פאַרבייגע־פירט אַ דעזערטיר.

## 8.

## שווייק אין דער ראָלע פון אַ סימולאַנט.

אין יענער גרויסער עפּאָכע פלעגן די דאָקטוירים אָנווענדן די גרעסטע אָנשטריינגונגען, בכדי אַרויסצוטרייבן פון די סימו־לאַנטן די עקשנות און זיי ברייינגען צוריק אין שוים פון דער אַרמיי.

מען האָט איינגעפירט עטלעכע גראַדן עינויים פאַר סימו־לאַנטן און פאַר אַזעלכע, וואָס מען האָט זיי חושד געווען אין סי־מולאַציע, ווי למשל: די וואָס האָבן געליטן פון סוכאָטע, רעמאַ־טעס, ברוך, נירן, טיפוס, לונגען־אַנטצינדונג, צוקער־קריינק און אַנ־דערע קראַנקייטן.

די עינויים, וואָס די סימולאַנטן האָבן באַדאַרפט אויסשטיין, זיינען געווען סיסטעמאַטיזירט און איינגעטיילט אין אַזעלכע גראַדן:

1. אַבסאָלוטע דיעטע, אין משך פון דריי טעג נאָר איין שאָלכל טיי אינדערפרי און פאַרנאַכט, דערביי גיט מען אַלעמען אַספּירין צום שוויצן, אַלץ איינס, אַף וואָס זיי באַקלאָגן זיך.

2. בכדי מענטשן זאָלן ניט מיינען, אַז מלחמה איז אַ קינ־דער־שפּיל, שטאָפּט מען זיי מיט כינין, אין פּראָשקעס אָדער אין טאַבלעטן.

3. צוויי מאָל אין טאָג ווערט דער מאָגן דורכגעוואַשן מיט איין ליטער וואַרעם וואַסער.

4. אַ קאַנע פון זייף־וואַסער מיט גליצערין.

5. איינוויקל'ען אין אַ ליילעך, איינגעוויקט אין קאַלט וואַסער.

עס זיינען געווען אַזעלכע שטאַרקע מענטשן, וואָס זיינען אַריבערגעקומען אַלע פינף גראַדן פון עינויים, און דערנאָך פלעגט מען זיי אין פשוטע זעלנערשע טרומנעס אַוועקטראָגן אַפן מיליטער=צווינטער. עס זיינען אָבער געווען אויך שוואַך=מוטיקע, וואָס קוים פלעגן זיי דערציען ביז דער קאַנע, פלעגן זיי מעלדן, אַז זיי איז איצט בעסער און אַז זיי האָבן קיין אַנדער פאַרלאַנג ניט, ווי צו ווערן אָפגעשיקט מיטן ערשטן עשעלאָן אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס.

שרייקן האָט מען אַריינגעלייגט אין אַן אַרעסטאַנטן=באַראַק גראַד בשכנות מיט אַזאַ איינגעשראָקענעם סימולאַנט.

— ניין, איך גיב זיך ניט אונטער, — האָט געמאָלדן אָט דער מענטש, וואָס מען האָט אים אָקאָרשט געהאַט געבראַכט פון אָפּעראַציע=זאַל, ווו מען האָט אים שוין דאָס צווייטע מאָל אין דעם טאָג דורכגעוואַשן דעם מאָגן.

דערדאָזיקער מענטש האָט סימולירט קורצזיכטיקייט.

— בעסער וועל איך שוין אַוועק אין פּולק, — האָט באַשלאָסן אויך דער שכן פון דער לינקער האַנט, וואָס מען האָט אים געהאַט געשטעלט אַ קאַנע און וואָס האָט סימולירט, אַז ער איז טויב ווי די וואַנט.

אויף אַ בעטל נעבן טיר האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן אַ שווינדזוכטיקער, איינגעוויקלט אין אַ נאַסן ליילעך.

— דאָס איז שוין דער דריטער הייִנטיקע וואָך, — האָט באַמערקט דער שכן רעכטס. — נו, און דיר וואָס פעלט?

— איך האָב רעמאַטעס, — האָט געענטפערט שוועיק. דערויף האָט אויסגעבראָכן אַ געלעכטער. אפילו דער גוסס, וואָס האָט סימולירט סוכאָטע, אויך דער האָט זיך צעלאַכט.

—ניין ברודער, מיט רעמאַטעס זאָלסטו זיך ניט רוקן,—האָט מיט אַן ערנסטן טאָן באַמערקט עפּעס אַ מענטשל פאַרגאָסן מיט שמאַלץ, — רעמאַטעס האָט דאָ דעם אייגענעם באַטרעף, וואָס אַ הינעראויג. אָט איך בין בלוט=אָרעם, ביי מיר זיינען אויסגעשניטן

פינף ריפן און א האלבער מאגן, און מען גלויבט מיר ניט. דא איז געווען אפילו א טויבשטומער, האט מען אים צוויי וואכן איינגעוויקלט אלע האלב שעה אין ליילעכער, איינגעווייקטע אין קאלט וואסער, און אלע טאג פלעגט מען אים דורכוואשן דעם מאגן און שטעלן קאנעס. אפילו אלע סאניטארן האבן שוין געמיינט, אז ער וועט אויסשפילן און וועט זיך אוועק אהיים, האט אים פלוצים דער דאקטאר פארשריבן א ברעך־מיטל, אזא ברעך־טיטל, אז עס האט אים, נו, ממש אויסגעקערט אינגאנצן! דעמאלט האט דער יונג ניט אויסגעהאלטן און זיך אונטערגעגעבן. איך קאן מער ניט, זאגט ער, פארשטעלן זיך פאר א טויב־שטומען, ווארום איך האב ווידער גענומען ריידן און הערן. אנדערע קראנקע האבן אים געעצהט, ער זאל ניט קריכן אין פייער, נאר ער איז באשטאנען אף זיינס, אז איצט איז ער ריידעוודיק ווי אלע. אזוי האט ער טאקע היינט געמאלדן דעם דאקטאר.

— יא, ער האט זיך געהאלטן גאנץ לאנג, — האט מוסיף געווען א צווייטער, וואס האט סימולירט, אז כלומרשט איין פוס איז ביי אים אף צען סאנטימעטער קירצער פארן צווייטן.

— ניט אזוי ווי יענער, וואס האט סימולירט, אז ער איז א פאראליזירטער. פאר יענעם איז געווען גענוג דריי פארציעס כינע, איין קאנע און איין טאג הונגער. ער האט שוין זיך אונטערגעגעבן, און מען האט נאך ניט באוויזן נעמען זיך פאר דער דורכוואשונג פון מאגן, איז שוין מער קיין רייד גיט געווען פון פאראליז. נאר לייגנער פון אלעמען האט זיך געהאלטן יענער, וואס איז געווען איינגעביסן פון א משוגענעם הונט. ער האט זיך געביסן און געוואיעט און האט בכלל זייער פיין געשפילט זיין ראלע, נאר קיין שום פארן מויל — דאס האט ער בשום אופן ניט געקאנט ארויסברייגנען. מיר האבן אים געהאלפן, ווי מיר האבן נאר געקאנט. איניקע מאל האבן מיר פארן באזוך פון דאקטאר אים געקיצלט א גאנצע שעה נאכאנאנד, ביז אים האט געכאפט א קראמף, אין ער איז אינגאנצן געווארן בלא, נאר קיין שוים איז אליץ ניט ארויסגעקומען. דאס איז געווען א גרויל! און איין שיינעם פרימארגן, אז ער האט זיך אונטערגעגעבן, האט אונדז

אַפֿילו באַנג געטאָן. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבן זיין בעטל, אויסגעצויגן זיך ווי גרויס ער איז, באַגריסט מיטן האַנט, ווי אַ סאָלדאַט, און ראַפּאָרטירט: „איך האָבֿ דעם כּבֿוד אייך צו מעלדן, העדר אויבער־דאָקטאָר, אַז דער הונט, וואָס האָט מיך איינגעביסן, איז מסתּמא ניט געווען קיין משוגענער". האָט דער אויבער־דאָק־טאָר אַף אים אַ קוק געטאָן אַזוי שטרייננג, אַז דער געביסענער האָט גענומען טרייסלען זיך מיטן גאַנצן גוף און האָט ווייטער געריעדט: „איך האָבֿ דעם כּבֿוד צו מעלדן, העדר אויבער־דאָקטאָר, אַז קיין שום הונט האָט מיך כּלל ניט איינגעביסן, נאָר איך אַליין האָבֿ מיר איינגעביסן אין האַנט". נאָך אַזאַ הודאה האָט מען קעגן אים פֿאַרפֿירט אַ פּראָצעס, פֿאַר מאַכן זיך אַ מום, וואָרום ער זאָל, קלאָמפּערשט, האָבן געוואָלט אָפּבייסן זיך די האַנט, בכדי מען זאָל אים ניט שיקן אַף די פּאָזיציעס.

— אַלע אַזעלכע קריינק, ווו מען דאַרף האָבן שוים אַף די ליפּן, — האָט געזאָגט דער סאַרשמאַלצענער סימולאַנט, — איז זייער שווער צו סימולירן. לאָמיר נעמען, אַ שטייגער, די פּאַליקע. געווען דאָ איינער מיט פּאַליקע, וואָס פֿלעגט שטענדיק זיך באַרימען, אַז אַ פֿאַל מער אָדער ווייניקער האָט ביי אים קיין באַטרעף ניט, און ער פֿלעגט אַמאָל אָפּשפּילן דאָס אַ מאָל צען אַ טאָג. ער האָט זיך געוואָרפֿן אין קרעמפּ, פֿאַרקוועטשט די קולאַ־קעס, די אויגן פֿלעגן ביי אים אַרויסקריכן אַפֿן שטערן, ער פֿלעגט זיך רייסן פֿון די הענט, אַרויסשטעקן דעם גאַנצן צונג, מיט איין וואָרט, אַ בילד פֿון דער פּאַליקע מיט אַלע פּישטשעוו־קעס, וואָס מען דאַרף ניט בעסער. און פּלוצים זיינען ביי אים אַרויסגעשפּראָצט פֿורונקולעס, צוויי אַפֿן האַלדז און צוויי אַפֿן רוקן... פֿאַרשטייט איר דאָך שוין, אַז עס איז געקומען אַ סוף צו דער פּאַליקע מיט די קרעמפּ, וואָרום ער האָט ניט געקאָנט אַ ריר טאָן מיטן קאָפּ, ער האָט ניט געקאָנט ניט זיצן און ניט ליגן! און דאָ איז ביי אים נאָך געוואָרן היץ, און פֿון היץ האָט ער אַלצדינג אויסגעפּלוידערט פֿאַרן דאָקטאָר. מיט זיינע פֿורונקולעס האָט ער אונדז כּדבֿעי אָנגעמוטשעט. ער איז דאָ אָפּגעלעגן ביי אונדז דריי טעג, און די צייט האָט מען אים פֿאַרגרעסערט זיין

פּאַרציע שפּײַז — אינדערפֿרי קאַווע מיט אַ בולקע, פֿאַרנאַכט אַ קאַשע אָדער סופּ. און מיר אָפּן ניכטערן האַרצן און מיטן געוואַשענעם מאָגן און מיט דער הונגער-פּאָרציע האָבן געמוזט צוקוקן, ווי אַט דער פֿאַרשוין האָט געגעסן און פֿאַסמאַקעוועט זיך און געגרעפּצט פֿון זעט. דערמיט האָט ער אומגליקלעך געמאַכט נאָך דרײַען פֿון אונדז, וואָס האָבן זיך אויך מודה געווען. לויט זײַערע רייד, האָבן זיי געהאַט אַ האַרץ-פֿעלער.

— גרינגער פֿון אַלץ, — האָט דערקלערט נאָך אײנער פֿון די סימולאַנטן, — איז צו סימולירן משוגעת. פֿון אונדזער לעדער-סעמינאַר ליגן אין שפּיטאָל צימער צוויי. אײנער שרײַט טאָג און נאַכט אָן אויפֿהער: „נאָך דרײַבערט זיך דער שייטערהויפֿן פֿאַר דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, רעוווידירט גאַליליים פּראָצעס!״ און דער צווייטער בילט, צוערשט דרײַ מאָל פּאַמעלעך: האַו-האַו-האַו, און דערנאָך פֿינף מאָל האַסטיק: האַו-האַו-האַו-האַו-האַו, און דערנאָך ווידער אַמאָל פּאַמעלעך, און אַזוי אָן אַ סוף. אַזוי בילט ער דאָס אָפּ שוין די דריטע וואָך. איך האָב אויך געוואָלט צוערשט זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר אַן אידיאָט אָדער פֿאַר משוגע אויף אַ רעליגיעזער משוגעת און אָנהויבן פּרעדיקן וועגן דער חטאים-ריינקייט פֿון פּויפּס. אָבער סוף כּל סוף האָב איך זיך אָנגעשאַפֿט דורך אַ שערער פֿאַר פֿופֿצן קרוין אַ פֿײַנעם מאָגן-קרעבס.

— און איך קען אַ קוימענקערער אין ברזשעגאָוואָ, — האָט אַ צווייטער פּאַציענט אַרײַנגעשטעלט אַ וואָרט, — וואָס פֿאַר צען קרוין מאַכט ער אײַך אַזאַ פֿיבער, אַז איר וועט אַרויסשפּרינגען פֿון פֿענצטער.

— אויך מיר אַ זאַך! — האָט זיך געלאָזט הערן אַ שטים. — אין ווירשאָוויץ איז פֿאַראַן אַ הייבאַם, וואָס פֿאַר צוואַנציק קרוין וועט זי אײַך אַזוי אויסדרייען אַ פֿוס, אַז איר וועט בלײַבן אַ קאַליקע צײַט איר לעבט.

— און איך האָב זיך אויסגעדרייט אַ פֿוס סך-הכּל פֿאַר פֿינף קרוין, — האָט באַשיידן באַמערקט עמיצער פֿון די, וואָס זײַנען געלעגן אויף די בעטלעך בײַם פֿענצטער, — פֿאַר פֿינף קרוין און דרײַ קופּל ביר.

— מיר קאַסט שוין מײַן קריינק איבער צוויי־הונדערט קרוין, — האָט באַמערקט זײַן שכן, אַ לאַנגער, און טרוקענער ווי אַ דראָנג. — רופֿט אָן וואָסער סם איר ווילט, וועט איר ניט געפֿינען אַזעלכן, וואָס איך זאָל ניט האָבן אײַנגענומען. איך בין אַ לעבעדיקער לאַגער פֿון סם־המות. איך האָב געטרונקען סובלעמאַט, אײַנגעאָטעמט דאַמף פֿון קוועקזילבער, געגעסן מײַזן־סם, איך האָב געריכערט אָפּיום, אַרײַנגעגאָסן אין זיך אָפּיום־טינקטור, געשאָטן זיך מאָרפֿיום אַף פּוטער־ברויט, געשלונגען סטריכנין און האָב אײַנגענומען אַ מישונג פֿון פֿאָספֿאָר, שוועבל און וויטריאָל. איך האָב צעשטערט מײַנע לונגען, דעם לעבער, די נירן, דעם גאַל־פּענכער, דעם מאַרך, דאָס האַרץ און די קישקעס. און קיינער ווייס ניט, וואָס פֿאַר אַ קריינק איך האָב.

— דאָס בעסטע איז, — האָט באַמערקט דער פּאַציענט, וואָס איז געלעגן נעבן טיר, — זיך אַרײַנצושפּריצן אין האַנט אונטער דער הויט פּעטראָלעאום. מײַנעם אַ שוועסטערקינד האָט אַזוי אָפּגעגליקט, אַז מען האָט אים אָראָפּגענומען די האַנט ביזן עלנבויגן, און איצטער איז ער רואיק, אַז מען וועט אים ניט שלעפּן דינען.

— אָט זעט איר, — האָט זיך אָפּגערופֿן שוויק. — דאָס אַלץ מוז איטלעכער אָפּקומען לכּבוד אונדזער קיסר. אַלץ, שוין אַרײַנגערעכנט דורכוואַשונג פֿון מאָגן און קאַנעס. אָבער אַז איך האָב געדינט אין מיליטער מיט אַסך יאָר צוריק, איז בײַ אונדז געווען אַסך ערגער. אין יענע צײַטן פֿלעגט מען אַזאַ „קראַנקן" צושמידן די רעכטע האַנט צום רעכטן פֿוס און אַרײַנזעצן אים אין קאַרצער, ביז ער ווערט געזונט. און דאָרט זײַנען ניט געווען קיין בעטלעך, ווי דאָ, אָדער שפּײַ־קעסטלעך. הילצע ברעטער, און דערויף האָבן די קראַנקע באַדאַרפֿט ליגן. אײנמאָל האָט געטראָפֿן אַ מעשׂה, אַז איין קראַנקער האָט געהאַט טיפֿוס און דער צווייטער שוואַרצע פּאָקן. בײדע זײַנען געווען געשמידט, און דער דאָקטאָר האָט זיי דערלאַנגט אַ בריק אין בויך, ווייל זיי זײַנען פֿאַרשאָלטענע סימולאַנטן. שפּעטער, אַז די דאָזיקע צוויי סאָלדאַטן

זיינען געשטאָרבן, האָט מען וועגן דעם זיך דערוווּסט אין פּאַרלאַמענט, און מען האָט אַפילו געשריבן אין די צייטונגען. אונדז האָט מען אָן טענות פאַרבאָטן צו לייענען די צייטונגען און מען האָט געמאַכט אַפילו אַן אונטערזוכונג, צו דערגיין ווער עס האָט די צייטונגען, אַזוי ווי איך האָב קיינמאָל קיין מול ניט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון גאַנצן פּולק האָט מען בּאַ קיינעם ניט געפונען, חוץ בּיי מיר. האָט מען מיר גענומען און אַוועקגעפירט מיך מיט אַ ראַפּאָרט צום קאָמאַנדיר. און ער, דער חזיר — אַ ליכטיקע רו זאָל ער דאָרט האָבּן! — האָט זיך גענומען פּאַר מיינע בּיינער. אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: „אופּפּאַסן" און גענומען מיך אויספרעגן, ווער האָט דאָס אָנגעשריבּן אין די צייטונגען, און האָט געסטראַשעט, אַז ער וועט מיר צערייסן די פּיסקעס פון איין אויער בּיזן צווייטן, בּיז איך וועל ניט פּגרן. דערנאָך איז נאָך געקומען דער דאָקטאָר פון פּולק. האָט מיר אונטערגערוקט דעם פויסט בּיז אונטער דער נאָז און האָט אַ געוואַלדעווע געטאָן: „הינטישער חזיר, פּגירה, סאָציאַליסט פאַרשאָלטענער!" און איך קוק מיט אַ ריינעם געמיט אַלעמען גלייך אין די אויגן, פּינטל אַפילו ניט מיט אַ בּרעם, און שווייג, האַלט די האַנט בּיים דאַשעק, און די לינקע האַנט אַפּן נאָט, ווי עס געהער צו זיין. זיי לויפן אַרום מיר, בּילן ווי די הינט, און איך — זאָל דאָס מיך רירן. איך שווייג, גיב אָפּ כבוד, ווי אַ זעלנער, און די לינקע האַנט ליגט אַפּן נאָט. אַזוי איז אַוועק בּיי אַ האַלבּער שעה. דערנאָך איז דער פּולקאָווניק צוגעשפּרונגען צו מיר און האָט אַ געשריי געטאָן: „וואָס איז דאָס, בּיסט אַן אידיאָט אָדער ניט קיין אידיאָט ?" — „ריכטיק, הער פּולקאָווניק, — זאָג איך, — איך בּין אַן אידיאָט !" — „קריגסטו צוואַנציק מעת־לעת שטרייַנגען אַרעסט פּאַר אידיאָטיזם, צוויי פּאַסט־טעג אין וואָך, און אַ חודש אָן אורלאַפּ, און צוויי מעת־לעת אין קייטן. אַוועקזעצן אים תּיכּף, ניט געבּן קיין פּרעסן, בּינדן, ער זאָל זען, אַז די רעגירונג דאַרף קיין אידיאָטן ניט האָבּן. מיר וועלן דיר די צייטונגס־משוגעת אַרויסשלאָגן פון קאָפּ, פאַררדך איינער !" אָט וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן. און פּאַר דער צייט, וואָס איך בּין געזעסן אין קאַרצער

האָבן זיך אין קאַזאַרמע אָפּגעטאָן מעשׂים. אונדזער פּאָלקאָווניק האָט בכלל פֿאַרבאָטן די סאָלדאַטן צו לייענען, אַפֿילו די אָפּיציעלע צײַטונג, אין קרעמל האָט מען ניט דערלויבט אײַנצוּוויקלען אין שטיקלעך צײַטונג קעז אָדער וווּרשט — קיין זאַך ניט. און זינט יענער צײַט האָבן די סאָלדאַטן אָנגעהויבן לייענען, און אונדזער פּאָלק איז געוואָרן דער געבילדעטסטער פֿון אַלע. מיר האָבן גענומען לייענען אַלע צײַטונגען, און אין איטלעכער ראָטע האָט מען פֿאַרפֿאַסט לידלעך אויף אונדזער פּאָלקאָווניק, און אויב אין פּאָלק פֿלעגט עפּעס טרעפֿן, פֿלעגט זיך שטענדיק געפֿינען איינער אַ בעל־טובֿה, וואָס פֿלעגט אַרײַנשיקן אין צײַטונג אַ ידיעה פֿאַר דער רובריקע: „שלעכטע באַהאַנדלונג פֿון סאָלדאַטן". איז דאָס ווייניק, האָבן זיי אָנגעשריבן צו די דעפּוטאַטן אין ווין, זיי זאָלן זיך אײַנשטעלן פֿאַר זיי, און יענע האָבן גענומען אַרײַנטראָגן איין אָנפֿראַגע נאָך דער צווייטער, אַז אונדזער פּאָלקאָווניק איז אַ רוצח און כּדומה אַזעלכע זאַכן. דעמאָלט האָט עפּעס אַ מיניסטער צוגעשיקט צו אונדז אַ קאָמיסיע, בכדי אויסצופֿאָרשן די זאַך, און דערנאָך האָט אַ געוויסער פֿראַנטאַ הענטשל פֿון גלובאָקאָוואָ זיך אויסגעשטדלט פֿאַר זיך צוויי יאָר, ווײַל ער האָט דאָס זיך געווענדט אין ווין צו די דעפּוטאַטן פֿון וועגן דעם פֿראַשק, וואָס ער האָט געקראָגן פֿון פּאָלקאָווניק בעת דעם מושטיר. אַז די קאָמיסיע איז אַוועקגעפֿאָרן, האָט דער הער פּאָלקאָווניק געהייסן אונדז אַלעמען, דעם גאַנצן פּאָלק, זיך אויסשטעלן און האָט געזאָגט, אַז אַ סאָלדאַט איז אַ סאָלדאַט, וואָס דאַרף שווײַגן און טאָן, וואָס מען הייסט, און אויב אים איז דאָס ניט געפֿעלן, איז ער עובֿר אויף דער מיליטערישער דיסציפּלין. „איר, מנוולים, האָט זיך גערעכנט, אַז די דאָזיקע קאָמיסיע וועט אײַך העלפֿן? — האָט געזאָגט דער פּאָלקאָווניק. — זי האָט אײַך געהאָלפֿן ווי אַ טויטן באַנקעס! און איצט זאָל איטלעכע ראָטע פֿאַרבײַגיין פֿאַרבײַ מיר און חזרן איבער, וואָס איך האָב געזאָגט".

— און אָט אַזוי האָבן מיר פֿאַרבײַ אים פֿאַרבײַמאַרשירט, איין ראָטע נאָך דער צווייטער, די אויגן רעכטס, ווי דער הער

פולקאָווניק איז געשטאַנען, די ביקסן אויפֿן אַקסל און האָבן געריסן זיך: „מיר, מנוולים, האָבן זיך געריכט, אַז די דאָזיקע קאָמיסיע וועט אונדז העלפֿן? ווי אַ מוטן באַנקעס האָט זי אונדז גע־האָלפֿן". דער הער פּולקאָווניק האָט זיך געעקט פֿון געלעכטער, ביז עס איז צוגעגאַנגען די עלפֿטע ראָטע. די דאָזיקע גייט פֿאַרביי, שטעלט טריט — און גאַרנישט! קיין מינדסטן קול. דער הער פּולקאָווניק האָט זיך אָנגעדרודלט ווי אַ האָן, אָפּגעשטעלט די עלפֿטע, געהייסן גיין צוריק, זי זאָל איבערחזרן נאָך אַמאָל. זי גייט פֿאַרביי ווידער און שווייגט, און איין ריי נאָך דער אַנדערער קוקט נאָך עזותדיק דעם הער פּולקאָווניק גלייך אין די אויגן אַריין. „אָפּשטעלן!" קאָמאַנדירט דער פּולקאָווניק און נעמט אַרום־גיין איבערן הויף, שמייסנדיק זיך מיטן רייט־בײַטשל איבער די כאָליוועס און שפּײַענדיק מיט גרימצאָרן, און דערנאָך אַ ברום אַרויס: „פֿרײַ!" — און אויפֿן פֿערד און פֿויץ דורכן טויער, ווי אַ ווינט. האָבן מיר געגומען וואַרטן, וואָס וועט דאָס זײַן מיט דער עלפֿטער — און גאָרנישט, מיר וואַרטן אַ טאָג, און צוויי, און אַ וואָך — אַזוי ווי קיינמאָל גאָרנישט. דער הער פּולקאָווניק האָט זיך שוין מער נישט געוויזן אין קאַזאַרמע, און אַלע זײַנען דערמיט געווען זייער צופֿרידן, די פּשוטע סאָלדאַטן, די אונטער־אָפֿיצערן און די אָפֿיצערן. דערנאָך האָט מען צו אונדז אין פּולק באַשטימט אַ נײַעם קאָמאַנדיר, און וועגן אַלטן האָט מען דערציילט, אַז מען האָט אים אַרײַנגעזעצט אין אַ סאַנאַטאָריע, ווײַל ער האָט אָנגע־שריבן זײַן מאַיעסטעט דעם קיסר אַ בריוו, אַז די עלפֿטע ראָטע האָט געמאַכט אַ בונט.

עס איז געקומען די צײַט פֿונעם אָוונט־באַזוך.

דער מיליטער־דאָקטאָר גרינשטיין איז געגאַנגען פֿון בעטל צו בעטל, און נאָך אים אַ סאַניטאַר און אונטער־אָפֿיצער מיטן זשורנאַל.

— מאַקונאַ?

— דאָ!

— אַ קאַנע און אַספּירין! — פּאָקאָרני?

— דאָ!

— דורכוואַשן דעם מאָגן און בינע! — קאַוואַרטשיק?

— דא!

— אַ קאַנע און אַספּירין!

און אַזוי ווייטער, איינער נאָכן אַנדערן, אָן שום רחמנות, מעכאַניש, קורץ.

— שווייק!

— דא!

דאָקטאָר גרינשטיין האָט אַביסל אויפמערקזאַמער אַ קוק געטאָן אויפן נייעם פּאַציענט.

— וואָס טוט אייך וויי?

— איך האָב דעם כבוד צו מעלדן, אַז איך האָב רע־מאַטעס.

דאָקטאָר גרינשטיין האָט בעת זיין פּראַקטיק זיך צוגעוויינט צו אַ פיינער איראָניע, וואָס האָט געווירקט אַסך שטאַרקער, ווי אַ געשריי.

— אַך אַזוי, רעמאַטעס,—האָט ער געזאָגט צו שווייקן.— דאָס איז טאַקע זייער אַן ערנסטע מחלה! און טאַקע, עס איז ניט געשמאַק צו כאַפּן רעמאַטעס גראָד, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער וועלט־קריג און מען דאַרף גיין אַף מלחמה. איך מיין, אַז איר זייט זיך שטאַרק מצער דערויף.

— גאַנץ ריכטיק, הער אויבער־דאָקטאָר, איך בין זיך שרעקלעך מצער.

— טאַקע? הייסט דאָס, איר זייט זיך מצער? זייער פיין פון אייער זייט, אַז איר זייט מיט אייער רעמאַטעס געקומען צו אונדז גראָד אין איצטיקן מאָמענט. אין שלום־צייט לויפט אַ מענטש אַרום מיט אַזאַ רעמאַטעס ווי אַ ציקעלע, אָבער ווי נאָר עס הויבט זיך אָן מלחמה, ווערט ביי אים תיכף רעמאַטעס און תיכף הערן די קני אויף צו דינען. טוען אייך ניט וויי די קני?

— ריכטיק, די קני טוען וויי.

— אַפילו שלאָפן קאָנט איר ניט אַ גאַנצע נאַכט, אמת? רעמאַטעס איז זייער אַ געפערלעכע, פיינלעכע און שווערע מחלה.

מיר האָבן דאָ שוין געהאַט אַ רייכע פּראַקטיק מיט רעמאַטעס. די אַבסאָלוטע דיעטע און אַלע איבעריקע מעטאָדן פון אונדזער. קוראַציע העלפן זייער גוט. איר וועט דאָ געזונט ווערן פריער, ווי איר זייט זיך משער, און וועט לויפן צום פראָנט לויפנדיק.

געווענדט צום סאַניטאַר, האָט ער באַפוילן:

— פאַרשרייבט: שוויק—אַבסאָלוטע דיעטע, צוויי מאָל אין טאָג דורכוואַשן דעם מאָגן, איינמאָל אין טאָג אַ קאַנע און ווייטער וועלן מיר זען. דערווייל פירט אים אַראָפּ אין אָפּעראַציע־זאַל. וואַשט אים דורך דעם מאָגן, און באַלד שטעלט אים אַ קאַנע, ווי עס געהער צו זיין. זאָל ער תפילה טאָן צו אַלע הייליקע. זיין רעמאַטעס זאָל זיך דערשרעקן און אַנטלויפן ווי פעפער וואַקסט.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו אַלע קראַנקע און האָט געהאַלטן אַ פיינע רעדע, פול מיט שיינע און קלוגע געדאַנקען:

— ניט מיינט, — האָט ער געזאָגט, — אַז פאַר אייך שטייט אַזאַ אייזל, וואָס מען קאָן אים איינרעדן קינדער אין בויך. פון אייערע קונצן און דרייעניש ווער איך קנאַפּ וואָס נתפעל. איך ווייס, אַז איר זייט אַלע סימולאַנטן און אַז איר ווילט זיך אַרויסמאַכן פון מיליטער־דינסט. אָט לויט דער איינזעעניש הייל איך אייך. דורך מיינע הענט זיינען שוין דורך אַסך הונדערטער אַזעלכע סאָלדאַטן, ווי איר. אויף די דאָזיקע בעטלעך זיינען געלעגן מאַסן מענטשן, וואָס האָבן געליטן פון איין מחלה: זיי האָבן ניט געוואָלט גיין אין מלחמה. בעת זייערע חברים האָבן זיך געשלאָגן אין די גראָבנס, האָבן זיי געמיינט, אַז זיי מעגן וואַלגערן זיך אין די בעטן, ווערן געפילעוועט ווי קראַנקע און וואַרטן, ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן. זיי האָבן אָבער געהאַט אַ גרויסן טעות אין חשבון, און אויך איר אַלע מאַכט אַ פאַלשן חשבון. נאָך אין צוואַנציק יאָר אַרום וועט איר זיך אויפכאַפּן פון שרעק, ווען עס וועט אייך חלומען, אַז איר פרווט ווידער סימולירן ביי מיר.

— איך האָב דעם כּבוד צו מעלדן, הער אויבער־דאָקטאָר, — האָט זיך געלאָזט הערן אַ שטילע שטים פֿון איין בעטל בײַם פֿענצטער, — איך בין שוין געזונט געוואָרן, איך האָב נאָך בײַנאַכט באַמערקט, אַז מײַן שטיק־הוסט איז פֿאַרבײַ.

— ווי הייסט איר?

— קאָוואַרטשיק. איך האָב דעם כּבֿוד צו מעלדן, אַז איר האָט מיר פֿאַרשריבן אַ קאַנע.

— גוט. די קאַנע וועט איר נאָך קריגן אויף לעצט, — האָט באַשטימט דאָקטאָר גרינשטיין, — כּדי איר זאָלט זיך ניט קאָנען באַקלאָגן, אַז מען האָט אײַך דאָ ניט קורירט... אַזוי. און איצט אַלע קראַנקע, וואָס איך האָב אויסגערופֿן, מאַרש נאָכן אונטער־אָפּיצער, כּדי איטלעכער זאָל קריגן, וואָס אים קומט.

און איטלעכער האָט געקראָגן זײַן פּאָרציע, לויט ווי דער דאָקטאָר האָט פֿאַרשריבן. אייניקע האָבן געפּרוּווט ווירקן אויף די אויספֿירער פֿון דעם דאָקטאָרס באַפֿעלן דורך בעטן אָדער דורך סטראַשען, אַז זיי וועלן זיך אויך אָנגעבן פֿאַר סאַניטאַרן און אַז אפֿשר וועלן זייערע פֿײַניקער אַליין אַרײַנפֿאַלן צו זיי אין די הענט אויך. שוויק האָט זיך געהאַלטן שטײַף:

— גיב, וואָס דו קענסט, — האָט ער געמונטערט דעם תּלין, וואָס האָט אים געשטעלט די קאַנע, — געדיינק די שבֿועה! ווען דאָ וואָלט געלעגן דײַן אייגענער פֿאָטער אָדער דײַן לײַבלעכער ברודער, מוזטו זיי אויך שטעלן אַ קאַנע ניט געפֿינטלט מיט אַ ברעם. געדיינק, אַז אויף אַזעלכע קאַנעס איז געגרונטפֿעסטיקט די מאַכט פֿון עסטרײַך און אונדזער נצחון!

דעם צווייטן טאָג האָט דער דאָקטאָר גרינשטיין בײַם באַזוך אַ פֿרעג געטאָן שוויקן, ווי געפֿעלט עס אים אין מיליטער־שפּיטאָל.

שוויק האָט געענטפֿערט, אַז דאָ איז אַן אָרט פֿאַר גוטע און פֿרומע לײַט. דערפֿאַר האָט ער געקראָגן דאָס זעלביקע, וואָס נעכטן, און דערצו נאָך איין פּראָשעק אַספּירין און דרײַ פּראָשקעס כינין, וואָס מען האָט אים אַרײַנגעשאָטן אין אַ גלאָז וואַסער און געהייסן תּיכּף אויסטרינקען.

אַפּילו סאָקראַטעס האָט מיט אַזאַ רו ניט אויסגעטרונקען זיין שאָל מיט סם, ווי שווייק דעמדאָזיקן כינין. דאָקטאָר גרינשטיין האָט באַשלאָסן אויסצופּרוּוון אַף אים אַלע גראַדן פון עינויים.

אַז מען האָט שווייקן פאַרן דאָקטאָר אין די אויגן איינגע-וויקלט אין אַ נאַסן ליילעך, און דער דאָקטאָר האָט ביי אים גע-פרעגט, ווי איז אים דאָס באַקומען, האָט ער געענטפערט:

— זייער פיין, הער אויבער-דאָקטאָר, גענוי ווי אין אַ שווים-שולע אָדער אין אַ ים-באָד.

— און רעמאַטעס האָט איר נאָך?

— יאָ, הער אויבער-דאָקטאָר, ער וויל ניט ווערן בעסער.

און שווייקן האָט מען ווידער געפּייניקט...

אין דער זעלביקער צייט האָט די אַלמנה פון אַן אינפאַנ-טעריע-גענעראַל, די באַראָנעסע פאָן באָצנהיים איבערגעקערט די שטאָט אַף צו געפינען יענעם סאָלדאַט, וואָס וועגן אים האָט די „באָהעמיאַ“ אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל, ווו עס איז געווען באַשריבן, ווי מען האָט אים, דעם אינוואַליד, געפירט אין אַ וועגעלע און ווי ער האָט געשריען: „אַף בעלגראַד!“ דערביי האָט דידאָזיקע פּאַט-ריאָטישע מאַניפעסטאַציע געגעבן דער „באָהעמיאַ“ אַ געלעגנהייט אנצוהויבן קלייבן נדבות פאַר אַט דעם געטרייען אינוואַליד.

סוף כל סוף, נאָכדעם ווי מען האָט אָנגעפרעגט אין דער פאָליציי-פאַרוואַלטונג, איז געפונען געוואָרן, אַז דאָס איז שווייק. ווייטער איז שוין ניט געווען שווער צו דערגיין. האָט באַראָנעסע פאָן באָצנהיים מיטגענומען איר באַגלייטערין און איר לאַקיי מיט אַ גרויסן קאָרב און איז אַוועקגעפאָרן קיין הראַדשין.

די אָרעמע באַראָנעסע האָט אַפילו ניט געוווּסט, וואָס דאָס באַטייט, ווען אַ מענטש ליגט אין לאַזאַרעט פון דער מיליטער-טורמע. נאָר איר וויזיט-קאַרטל האָט פאַר איר געעפנט די טירן פון דער טורמע. אין קאַנצעלאַריע איז מען איר אין אַלץ אַנטקעגן געקומען, און שוין אין אַ פינף מינוט אַרום האָט זי זיך דערוווּסט, אַז דער „בראַווער סאָלדאַט שווייק“, וואָס וועגן אים פרעגט זי זיך נאָך, געפינט זיך אין 3-טן באַראַק, בעט נומער 17. דאָקטאָר

גרינשטיין, אינגאַנצן אַ צעטומלטער, האָט אַליין זי אָפּגע־פירט אַהין.

שווייק איז גראַד געזעסן נאָך דער געוויינטלעכער טעגלעכער פּראָצעדורע, וואָס דאָקטאָר גרינשטיין האָט פאַרשריבן, אויפן בעטל, אַרומגערינגלט פון אַ גרופּע אויסגעדייוועטע און הונגעריקע סימו־לאַנטן, וואָס האָבן זיך נאָך ניט געהאַט אונטערגעגעבן און האָבן עקשנותדיק מלחמה געהאַלטן מיט דאָקטאָר גרינשטיין אַרום דער אַבסאָלוטער דיעטע.

אויב עמיצער וואָלט זיך צוגעהערט צו זייער שמועס, וואָלט ער געקאָנט מיינען, אַז דאָ האָט ער פאַר זיך מענטשן, וואָס זיינען שטאַרק אַריינגעטאָן אין דער אכילה און וויסן, וואָס דאָס הייסט עסן.

— עסן קאָן מען אַפילו געוויינלעכע גריוון פון רינדער־שמאַלץ,—האָט דערציילט איין קראַנקער, וואָס איז דאָ געלעגן מיט אַן „איינגעשטאַנענעם מאָגן־קאַטאַר“, — אויב זיי האָבן נאָך ניט באַוויזן אָפּצוקילן. אַז די רינדער־שמאַלץ נעמט קאָכן, קוועטשט מען זיי טרוקן, באַזאַלצט זיי מיט פעפער, און איך זאָג אייך — זיי זיינען בעסער פאַר געגנדזענע.

— לאָזט נאָר צו רו געגנדזענע גריוון,—האָט זיך אָפּגערופן דער פאַרשוין מיטן „מאָגן־קרעפּס“,—בעסערס ווי געגנדזענע גריוון איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. ווי קומען צו זיי חזירשע גריוון! אודאי דאַרפן זיי זיין נאָר אַביסל אָנגעברוינט, ווי די אידן מאַכן דאָס. זיי נעמען אַראָפּ די שמאַלץ צוזאַמען מיט דער הויט און פּרעגלען דאָס.

— און איך זאָג אייך, אַז איר זייט אינגאַנצן ניט גערעכט מכּח חזירשע גריוון,—האָט באַמערקט שווייקס נאָענטסטער שכן. —פאַרשטייט זיך, אַז איך רייד פון די וואָס מען מאַכט פון דער היימישער שמאַלץ, דאָס וואָס מען רופט היימישע גריוון. זיי זיינען ניט ברוין, אָבער אויך ניט געל. עס מוז זיין עפּעס צווישן די קאָלירן. אַזאַ גריוון באַדאַרף ניט זיין צו ווייך, ניט צו האַרט. זי טאָר ניט כראָמשקן אונטער די ציין, וואָרים אויב אַזוי, איז זי פאַרברענט.

זי מוז צעגיין אין מויל, נאָר דערבײַ מוז ניט זײַן דער אײַנדרוק, אַז שמאַלץ רינט איבער דער געמבע.

— ווער פֿון אײַך האָט פֿאַרזוכט גריוון פֿון פֿערד?—האָט זיך געלאָזט הערן אַ שטים. אָבער אָף אָט דער פֿראַגע האָט קיינער ניט געענטפֿערט, וואָרום אין דער רגע איז אַרײַנגעלאָפֿן דער אונטער-אָפֿיצער און האָט אַ געשרײַ געטאָן:

— מאַרש אַלע צו די בעטלעך! באַלד קומט אַהער עמיצער פֿון די ערצהערצאָגינעס, און קיינער זאָל ניט סמײען אַפֿירוקן די שמוציקע פֿיס פֿון אונטער די קאָלדרעס!

נאָר אַפֿילו אַן אמתע ערצהערצאָגינע וואָלט ניט געקענט אַרײַנגיין מיט אַזאַ פּאָמפּע, ווי דאָס האָט געטאָן די באַראָנעסע פֿאָן באָצנהיים. נאָך איר איז נאָכגעגאַנגען אַ גאַנצע סוויטע, וואָס צווישן זיי האָט זיך געפֿונען אַפֿילו דער קאַפּיטענאַרמוס פֿון שפּיטאָל, וואָס האָט אין אַלצדינג חושד געווען אַ באַהאַלטענע רעוויזיע, וואָס האָט אים באַדאַרפֿט אַרויסרײַסן פֿון זײַן וואַרימער שטעלע אין הינטערלאַנד און אַרויסוואַרפֿן אים פֿאַר אַ קרבן די שראַפּנעלן ערגעץ בײַ די דראָט-פֿאַרצאַמונגען.

ער איז געווען בלייך, אָבער נאָך בלייכער איז געווען דאָקטאָר גרינשטיין. עס האָט אים געפֿינטלט אין די אויגן פֿון דער קליינער וויזיט-קאַרטע פֿון דער אַלטער באַראָנעסע מיטן טיטל „אַלמנה פֿון גענעראַל” און פֿון אַלץ, וואָס האָט געקאָנט זײַן דערמיט פֿאַרבונדן, אַ שטייגער ווי: באַקאַנטשאַפֿטן, פּראָטעקציעס, אַנקלאַגעס, איבערפֿירן אָפֿן פֿראָנט און אַנדערע שרעקלעכע זאַכן.

— אָט איז אונדזער שווייק,—האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַן אָנשטעל פֿון רואיקייט, אַז ער האָט צוגעפֿירט די באַראָנעסע צו שווייקס בעטל. — מיט געדולד טראָגט ער אַריבער זײַנע ווייטאָקן.

באַראָנעסע פֿאָן באָצנהיים האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבן בעטל אָף אַ שטול, וואָס מען האָט איר אונטערגעטראָגן, און האָט זיך געווענדט צו שווייקן אין אַ געבראָכענעם טשעכיש:

— טשעכישער סאָלדאַט—בראַוו סאָלדאַט, אינוואַליד-סאָלדאַט—מוטיג סאָלדאַט. איך זייער ליב טשעכיש עסטרײַכער.

אַגלעט געטאָן שוויקס ניט געגאָלטע באַק, האָט זי ווייטערגערעדט:
— אַלץ אין בלעטער געלייענט. געבראַכט אײַך עסן און טאַבאַק און זיסקייט, טשעכיש סאָלדאַט — בראַוו סאָלדאַט. יאָהאַן, קומט נאָר אַהער!

און דער לאַקײַ מיטן פֿאַרוואַקסענעם פּנים האָט צוגעטראָגן צום בעטל אַ געוואַלדיק גרויסן קאָרב, און אין דער זעלביקער צײַט האָט די באַלײַטערין פֿון דער אַלטער באַראָנעסע, אַ הויך געוויקסיקע דאַמע מיט אַ פֿאַרווײַנטער צורה, זיך צוגעזעצט אויף שוויקס בעטל און האָט אים פֿאַרריכט דעם שטרוי-זאַק: זי האָט געמיינט, אַז אַזוי איז מען זיך נוהג מיט קראַנקע העלדן.

דערווײַל האָט די באַראָנעסע גענומען אַרויסשלעפּן פֿון קאָרב די מתּנות. צוערשט האָט זיך באַוויזן אַ טוץ געבראַטענע הינער, אײַנגעוויקלט אין ראָזע פּאַפּיראָס-פּאַפּיר און איבערגעבונדן מיט שוואַרץ-געלע זײַדענע בענדלעך. און דערנאָך צוויי פֿלעשלעך מיט עפּעס אַ ליקער פֿון דער קריגס-צײַט מיט אַן עטיקעטקע: „גאָט, שטראָף ענגלאַנד!" און פֿון דער אַנדער זײַט איז געווען אַרויפֿגעקלעפּט אַן עטיקעטקע, וווּ עס זײַנען געווען אויסגעמעלט פֿראַנץ יאָזעף און ווילהעלם, וואָס האַלטן זיך פֿאַר די הענט, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן שפּילן די קינדער-שפּיל „העזעלע".

דערנאָך האָט זי אַרויסגעשלעפּט נאָך דרײַ פֿלעשלעך ווײַן „פֿאַר גענעזנדיקע" און צוויי קעסטלעך פּאַפּיראָסן. דאָס אַלץ האָט זי מיט געשמאַק אויסגעלייגט אויף אַ ליידיק בעטל נעבן שוויקן. דערבײַ האָט זי אַוועקגעלייגט נאָך אַ בוך אין אַ שיינעם אײַנבאַנד: „געשיכטעס פֿון לעבן פֿון אונדזער מאָנאַרך", וואָס עס האָט אָנגעשריבן דער זייער פֿאַרדינטער הויפּט-רעדאַקטאָר פֿון פּראַגער אָפֿיציעלער צײַטונג, וואָס האָט דעם אַלטן פֿראַנץ באַטראַכט ממש ווי זיך אַליין. דערנאָך האָט זי אַוועקגעלייגט אויפֿן בעטל אַ פּליטקע שאָקאָלאַד, אויך מיט דער אויפֿשריפֿט: „גאָט שטראָף ענגלאַנד!" און מיט די בילדער פֿון עסטרײַכישן און דײַטשן קיסר. נאָר אויפֿן שאָקאָלאַד האָבן זיי זיך שוין ניט געהאַלטן פֿאַר די הענט, נײַערט זיי זײַנען געלעגן אויסגעקערעוועט מיט די רוקנס צו אַנאַנד. זייער פֿײַן איז געווען אַ צוויי-רייאיקע צאָן-בערשטל מיטן לאַטײַ-

ניש‍ן דעוויז: „מיט פאַראייניקטע כּחות״, בּכדי איטלעכער, וואָס וועט מיט איר פּוצן די ציין, זאָל זיך דערמאָנען אָן עסטרייך. אַן עלעגאַנטער געשאַנק, וואָס האָט זיך טאַקע געפּאַסט פֿאַרן פֿראָנט און פֿאַר די גראָבּנס, איז געווען אַ קעסטעלע מיט מכשירים פֿאַר מאַניקיור. אַפֿן דעקל איז געווען אויסגעמעלט: אַ שראַפּנעל וואָס פּלאַצט און אַ סאָלדאַט אין אַ שטאָלענעם קיווער, וואָס לויפֿט אין אַ באַגנעטן־אָנגריף. אונטערן דאָזיקן בּילדל איז געשטאַנען: „פֿאַרן גלויבּן, קיסר און פֿאָטערלאַנד!״ אָן אַ שום בּילדל איז געווען אַ פּעקל סוכאַרעס, דערפֿאַר אָבּער איז אַף אים געווען אָפּגעדרוקט אַ פּאַטריאָטישער פּערז און אַף דער אַנדער זייט די איבּערזעצונג אין טשעכיש.

די לעצטע מתנה איז געווען אַ היאַצינט אין אַ בּלומען־טעפּל.

אַז אַלע מתנות זיינען געווען אַרויסגענומען און פֿאַנאַנדערגעלייגט אַפֿן בּעטל, האָט די בּאַראָנעסע פֿאַן בּאָצנהיים ניט געקאָנט מער איינהאַלטן די טרערן. בּיי עטלעכע אויסגעהונגערטע סימולאַנטן איז געלאָפֿן שפּייעכץ פֿון מויל. די בּאַלייטערין דער בּאַראָנעסעס האָט אונטערגעשפּאַרט דעם זיצנדיקן שווייקן און האָט אויך געוויינט. עס איז געווען אַ שטילקייט, ווי אין קירך. דעמאָלט האָט שווייק צענויפֿגעלייגט די הענט און גענומען זאָגן אַ תּפילה

— פֿאָטער אונדזער דער דאָ... געהייליקט... דיין קיניגרייך זאָל קומען... דאָס הייסט, אַנטשולדיקט, גנעדיקע פֿרוי, איך האָבּ ניט דאָס געוואָלט... פֿאָטער אונדזער, טאַטע אין הימל, טו בּענטשן די דאָזיקע מתנות, וואָס מיר וועלן פֿון זיי געניסן לויט דיין גרויסער פֿרייגעבּיקייט. אָמן!

נאָך די דאָזיקע ווערטער האָט ער גענומען פֿון בּעטל אַ הינדל און האָט גענומען עסן פֿאַר די אויגן פֿון דעם איבּערגעשראָקענעם דאָקטאָר גרינשטיין.

— אָך, ווי דאָס שמעקט אים, נעבּעך!—האָט די אַלטע בּאַראָנעסע בּאַגייסטערט אַריינגעזאָגט א סוד דעם דאָקטאָר.—ער איז מסתּמא שוין אינגאַנצן געזונט און קאָן שוין אַוועק אַפֿן פֿראָנט. מיר טוט בּאמת שטאַרק הנאה, וואָס דאָס איז אים אַזוי צונוץ געקומען.

דערנאך איז זי ארומגעגאנגען אלע בעטלעך און האט באטיילט די קראנקע מיט פאפיראסן און מיט שאקאלאד-קאנפעטן. אומגעקערט זיך צוריק צו שוויקן, האט זי אים א גלעט געטאן איבער די האר און געזאגט: „גאט באהיט און באשיץ אייך!" און איז ארויס מיט איר סוויטע פון באראק.

איידער דאקטאר גרינשטיין האט באוויזן זיך אומצוקערן צוריק פון הויף, ווו ער האט ארויסבאגלייט די באראנעסע, האט שוויק געהאט צעטיילט אלע הינדעלעך, וואס די פאציענטן האבן זיי ארייגעפיקט מיט אזא אימפעט, אז דאקטאר גרינשטיין האט געפונען נאר א הייפל ביינדלעך, וואס זיינען געווען אזוי ריין אפגעגריזשעט, פונקט ווי די הינער וואלטן לעבעדיקערהייט געווען אריינגעפאלן אין נעסט פון א שפארבער, און זייערע ביינדלעך וואלטן חדשים לאנג געלעגן אונטער ברענענדיקע זון-שטראלן.

ליידיק זיינען געווען אויך א פלעשל ליקער און דריי פלעשלעך וויין. די פליטקע שאקאלאד און די סוכארעס זיינען אויך געווען פארשוואונדן אין די הונגעריקע מאגנס. עמיצער האט געהאט נאך אויסגעטרונקען אפילו דאס פלעשעלע פאליטור פאר די נעגל, וואס האט זיך געפונען ביי דער מאניקיור-קעסטעלע און איינגעגעסן די צאן-פאסטע, וואס איז געלעגן ביי דער צאן-בערשטל.

געקומען צוריק אין באראק, האט דאקטאר גרינשטיין זיך ווידער געשטעלט אין א קריגערישער פאזע און געהאלטן א גרויסע רעדע. א שטיין איז אים אראפ פון הארצן, ווען די באזוכערין האט זיך אפגעטראגן. דאס הייפל אפגעגריזשעטע ביינדלעך האט באשטעטיקט זיין מיינונג, אז אלע זיינע פאציענטן זיינען היילע סימולאנטן.

— סאלדאטן! — האט ער אנגעהויבן. — אויב איר וואלט געווען כאטש א קאפעלע קליגער, וואלט איר דאס אלץ געלאזן נישט גערירט, מיט דעם שכל, אז אויב איר וועט די אלע זאכן אופפרעסן, וועט דער אויבער-דאקטאר אייך נישט גלייבן, אז איר זייט שווער-קראנקע. דאס אייגענע האט איר באוויזן, אז איר ווייסט נישט צו שאצן מיין גוטסקייט. איך סטארע זיך דורכצוואשן אייך די מאגנס, שטעל אייך קאנעס, האלט אייך אף אבסאלוטער

דיעטע, און איר טוט און פרעסט זיך איבער. ווילט איר טאקע זיך אנמאכן א מאגן-קאטאר? א טעות, ברידערלעך! איידער איי-ערע מאגנס וועלן נאך באווייזן עפעס צו פארדייען, וועל איך זיי אזוי גרונטיק אויסרייניקן, אז איר וועט צייט אייער לעבן ניט פארגעסן און אייערע אייניקלעך וועט איר דערציילן, ווי אזוי מען האט איינמאל געפרעסן הינדעלעך און אנגעשטאפט זיך מיט אלע גוטע זאכן, נאר קיין פערטל שעה זיינען זיי ניט געבליבן ביי אייך אין מאגן, ווארום מען האט דעם מאגן דורכגעוואשן א וואַ-רעמינקן, א הייסינקן. בכן, אלע נאך מיר, איינער נאכן אנדערן כסדר, איר זאלט געדיינקען, אז איך בין ניט אזא אייזל, ווי איר, נאר אביסל קליגער, ווי איר אלע אינאיינעם! חוץ דעם, זאלט איר וויסן זיין, אז מארגן רוף איך אהער א קאמיסיע, ווייל איר וואל-גערט זיך דא גאנץ לאנג און קיינער פון אייך איז גאר ניט קראנק, וויבאלד אז איר קאנט אין פינף מינוט אזוי פאראומרייניקן דעם מאגן, ווי איר האט דאס איצט געטאן. נו, איינס, צוויי, דריי, מארש!

אז עס איז געקומען די ריי צו שווייקן, האט דאקטאר גרינ-שטיין אף אים א קוק געטאן און האט געפרעגט:

— איר זייט באקאנט מיט דער באראנעסע?

— זי איז מיין שטיף-מאמע, — האט שווייק געענטפערט.

— אז איך בין געווען אן עופעלע, האט זי מיך אונטערגעווארפן, און איצט האט זי מיך ווידער געפונען...

— אויב אזוי, שטעלט זשע שווייקן נאך א קאנע, — האט דאקטאר גרינשטיין קורץ באפוילן.

* *
*

אינאווונט האט אף די בעטלעך געהערשט אן אומעט. מיט עטלעכע שעה צוריק זיינען בא אלעמען אין די מאגנס געווען אזעלכע גוטע און געשמאקע זאכן, און איצטער איז דארט געווען נאר שוואכער טיי און א פעניצל ברויט.

— איר'ט מיר גלויבן, חברים, איך עס געקאכטע הון לי-בער ווי געבראטענע, — האט זיך געלאזט הערן פון פענצטער די שטים פון פאציענט נומער 21.

— פאַרשטאָפּט אים די האַלדז מיט דער קאָלדרע,—האָט עמיצער אַרויסגעבורטשעט. נאָר אַלע זיינען געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט נאָך דער שלימזלדיקער סעודה, אַז קיינער האָט אפילו ניט גע־טראַכט צו רירן זיך פון אָרט.

דאָקטאָר גרינשטיין האָט געהאַלטן וואָרט. בייטאָג זיינען געקומען עטלעכע מיליטער־דאָקטוירים—מיטגלידער פון דער באַ־רימטער קאָמיסיע.

זיי זיינען מיט אַן ערנסטער מינע אַרומגעגאַנגען צווישן די בעטלעך, און מען האָט נאָר געקאָנט הערן:

— ווייזט דעם צונג!

שווייק האָט אַרויסגעשטרעקט דעם צונג אַזוי, אַז זיין פּנים איז געוואָרן צו אַ שרעקלעכער גרימאַסע און די אויגן האָבן זיך אײַנגעצן פאַרמאַכט.

— איך האָב דעם כּבוד צו מעלדן, הער דאָקטאָר, מער אַרויסשטרעקן דעם צונג קאָן איך ניט.

דערנאָך איז פאָרגעקומען אַן אינטערעסאַנטער שמועס צווישן שווייק און דער קאָמיסיע. שווייק האָט געטענהט, אַז ער האָט דאָס געזאָגט, ווייל ער האָט מורא געהאַט, זיי זאָלן אים ניט חושד זיין, אַז ער באַהאַלט פון זיי דעם צונג.

מחמת דעם האָבן זיך די מיינונגען פון דער קאָמיסיע צעטיילט.

אַ העלפט האָט געהאַלטן, אַז שווייק איז אַ שוטה, און די צווייטע פאַרקערט, האָט געפּסקנט, אַז ער איז אַ זשוליק, וואָס וויל פירן די קאָמיסיע פאַרן נאָז.

— דאָס וואָלט געווען שדים ווייסן וואָס,—האָט אָנגעשריען אויף שווייקן דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע,—אויב מיר וואָלטן ניט געווען בכּח פאַרטיק צו ווערן מיט אייך.

שווייק האָט אָנגעקוקט דער קאָמיסיע מיט דער געטלעכער רואיקייט פון אַן אומשולדיק קינד.

איז דער אויבער־דאָקטאָר צוגעטראָטן האַרט צו שווייקן.

— אײַן זאַך װאָלט איך נאָר װעלן װיסן, איר ים-חזיר אײנער, װאָס טראַכט איר זיך איצט?

— גאָרנישט, איך טראַכט בכלל גאָרנישט.

— כאַפּט עס דער טײװל, — האָט אײנער פֿון די קאָמיסיע-מיטגלידער אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער שאַבליע אַף דער ערד, — ער טראַכט גאָרניט, הײסט דאָס! נאָר פֿאַרװאָס, פֿלאָקן אײנער, טראַכט איר גאָרניט?

— אַזױ איז דאָס, איך טראַכט ניט דערפֿאַר, װײַל אין מיליטער-דינסט טאָרן פּשוטע סאָלדאַטן ניט טראַכטן, אַז איך האָב געדינט אין 11-טן פּולק האָט אונדזער ראַטע-קאָמאַנדיר שטענדיק געזאָגט: „אַ סאָלדאַט טאָר אַלײן ניט טראַכטן. פֿאַר אים טראַכט שױן דער עלטסטער. װי נאָר אַ סאָלדאַט הױבט אָן טראַכטן איז ער שױן ניט קײן סאָלדאַט, נאָר אַ יאָלד. טראַכטעניש ברײנגט צו קײן גוטס ניט...

— שטיל געשװיגן! — האָט אים בײז אָפּגעהאַקט דער פֿאָרזיצער פֿון דער קאָמיסיע. — מיר קענען שױן אײַך אַ ביסל. דער דאָזיקער טיפּ מײנט, אַז די קאָמיסיע װעט גלײבן, אַז ער איז טאַקע אַן אידיאָט?.. נײן, ניט קײן אידיאָט זײט איר, שװײק, איר זײט אַ פֿאַרשטאַנדיקער מענטש, אַ דורכגעטריבענער, אַ זשוליק, אַן אױסװאָרף. פֿאַרשטײט איר?

— ריכטיק, איך פֿאַרשטײ.

— איך האָב דאָך אײַך שױן געזאָגט, איר זאָלט פֿאַרמאַכן אײַער שפּײ-קעסטל, הערט איר?

— ריכטיק, איך הער, אַז איך דאַרף פֿאַרמאַכן מײַן שפּײ-קעסטל.

— כאַפּט אײַך דער טײװל! װערט אַנטשטומט, װען איך באַפֿעל; איר װײסט דאָך, אַז איר מוזט פֿאָלגן.

— ריכטיק, איך װײס, אַז איך מוז פֿאָלגן.

די אָפֿיצערן האָבן זיך איבערגעקוקט און האָבן גערופֿן דעם פֿעלדװעבל.

— אָט דעם דאָזיקן מענטשן, — האָט געזאָגט דער פֿאָרזיצער פֿון דער קאָמיסיע, אָנװײַזנדיק אַף שװײקן, — זאָלט איר

אָפּפירן אין קאַנצעלאַריע און וואַרטן דאָרט אַף אונדזער באַשלוס און ראַפּאָרט. דער דאָזיקער מענטש איז געזונט ווי אַן אָקס, סימולירט און האָט נאָך אַ לאַנגען צונג און שפּעט פון זיינע עלטסטע. ער מיינט, דאַכט זיך, אַז זיי געפינען זיך דאָ נאָר פון פאַרגעניגן וועגן, און בכלל, אַז די גאַנצע מלחמה איז אַ גאָרנישט מיט אַ נישט. אין דער מיליטער־טורמע, שווייק, וועט מען אייך אָנלערנען, אַז די מלחמה איז ניט קיין פּוסטע זאַך.

איז שווייק מיטן פעלדוועבל אַוועק איבערן הויף אין דער קאַנצעליאַריע. פאַר דער צייט, וואָס דער וואַך־אָפיציר האָט אַף אים דאָרט געשריען, אַז אַזעלכע מנוולים, ווי שווייק, דאַרף מען שיסן, האָט די קאָמיסיע פאַרענדיקט אין די באַראַקעס מיט די סימולאַנטן. פון זיבעציק קראַנקע האָבן זיך געראַטעוועט נאָר צוויי: ביי איינעם האָט אַ באָמבע אַראָפּגעריסן אַ פוס, דער צווייטער האָט געהאַט די אמתע בראַנד.

נאָר די דאָזיקע צוויי האָבן ניט געהערט דאָס ווערטעלע „טויג"; אַלע איבעריקע, ניט אויסגעשלאָסן אַפילו די דריי שווינדזיכטיקע, וואָס האָבן געהאַלטן ביים שטאַרבן, זיינען געוואָרן אָנערקענט פאַר טויגליך פאַרן אַקטיוון דינסט, דערביי האָט דער אויבער־דאָקטאָר זיך פאַרגונען דעם תענוג צו האַלטן אַ רעדע.

די דאָזיקע רעדע איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט די משונהדיקסטע זידלערייען און דער אינהאַלט איז געווען אַ קורצער: אַלע מענטשן זיינען מנוולים, און נאָר אויב זיי וועלן העלדיש זיך שלאָגן פאַר זייער מאָנאַרך, קאָנען זיי קומען צוריק אין אַ מענטשישער געזעלשאַפט, און נאָכן קריג וועט מען זיי קאָנען מוחל זיין, וואָס זיי האָבן געוואָלט זיך אַרויסמאַכן פון מיליטער־דינסט און האָבן סימולירט אַ קראַנקייט. פּערזענליך גלויבט ער דערין ניט, ער מיינט, אַז זיי וועלן נאָך קומען אַף דער תליה.

עפּעס אַ יונגינקער מיליטער־דאָקטאָר, נאָך אַ ריינע, כשרע נשמה, האָט געבעטן דעם אויבער־דאָקטאָר אַ דערלויבעניש צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער. זיין רעדע האָט זיך אָפּגעשיידט פון דער רעדע פון זיין עלטסטן דורך אָפּטימיזם און תמימות. ער האָט גערעדט דייטש.

ער האָט אַ סך געדערט וועגן דעם, אַז איטלעכער פון די, וואָס פאַרלאָזן היינט דאָס קראַנקנהויז, כּדי זיך צו שטעלן אַפן פראָנט אין די רייען פון די קאַמעראַדן, באַדאַרף זיין אַ זיגער און אַ ריטער, ער איז באַזיכערט, אַז זיי וועלן זיין גוטע זעלנער אין שלאַכטפעלד און וועלן זיך אופפירן ווי איידעלע מענטשן אין מי־ליטערישע און ציווילע ענינים. אַז זיי וועלן זיין העלדישע קריגס־לייט, געדיינקען די גרויסע מעשים פון ראַדעצקי און פרינץ איישען פון סאַוואָיע. אַז זיי וועלן מיט זייער בלוט באַשפריצן די ווייטע פעלדער פון כּבוד פאַרן הויז האַבסבורג און וועלן מיט נצחון פאַר־ענדיקן די אויפגאַבע, וואָס די געשיכטע האָט זיי געשטעלט. מוטיק, אָן חשבונות, ניט צו שוינען זייער לעבן, וועלן זיי זיך וואַרפן אין קאַמף אונטערן שויץ פון די באַרימטע צעשאָסענע פאָנעס פון זייערע פולקן, צו נייעם רום, צו נייע נצחונות.

שפּעטער, אין קאָרידאָר, האָט דער אויבער־דאָקטאָר געזאָגט צום דאָזיקן יונגען מאַן:

— טייערער קאָלעגע, איך מעג מיר גלויבן, ס'איז אַלץ אַרויסגעוואָרפן. פונם דאָזיקן פעוול וואָלט אַפילו ראַדעצקי אַליין אָדער אייער פרינץ איישען ניט געקאָנט מאַכן קיין זעלנערס. מען קאָן מיט זיי ריידן, ווי אַ מלאך אָדער אַ טייוול — אַלץ איינס. פעוול — און ווייטער גאָרנישט.

**9.**

## שווייק אין דער מיליטער־טורמע.

דאָס לעצטע באַהעלטעניש פאַר יענע, וואָס האָבן ניט גע־וואָלט גיין אַף מלחמה, איז געווען די מיליטערישע טורמע. איך האָב געקענט אַ לערער פון מאַטעמאַטיק, וואָס האָט ניט גע־וואָלט שיסן אין אַרטילעריע, און דערפאַר האָט ער אָוועקגעגנבעט בּיי אַ לייטענאַנט דעם זייגער, כּדי אַנצוקומען אין דער מילי־טער־טורמע. ער האָט דאָס געטאָן מיט אַ פולן באַוווּסטזיין. די מלחמה האָט בּיי אים ניט אויסגענומען און האָט אים ניט גע־צווינגען שיסן אין פיינט און הרגען דעם צד שכּנגד מיט שראַפּ־

נעלן און גראַנאַטעס פונקט אַזעלכע מאַטעמאַטיק־לערערס, ווי ער — האָט ער געהאַלטן פאַר אַ משוגעת.

— איך וויל ניט מען זאָל מיך פּײַנט האָבן פאַר מײַן אַכזריות, — האָט ער זיך געזאָגט און האָט מיט אַ רואיקן האַרץ אַוועקגעלאַטחעט דעם זייגער. קודם־כּל האָט מען אונטערזוכט זײַן גײַסטיקן צושטאַנד, נאָר אַז ער האָט געמאָלדן, אַז ער האָט צוגעגנבעט דעם זייגער, אַף רײַך צו ווערן, האָט מען אים אַרײַנגעזעצט אין דער מיליטער־טורמע. אַזעלכע ווי ער, וואָס זיינען געזעסן דאָרט פאַר גנבות אָדער אַפּנאַרער, זיינען געווען ניט ווינציק. דאָרט זיינען געווען אידעאַליסטן און ניט אידעאַליסטן, מענטשן, וואָס האָבן אין דער מלחמה געזען אַ מיטל רײַך צו ווערן, פאַרשיידענע מיליטער־באַאַמטע פון הינטערלאַנד אָדער פון פראָנט, וואָס האָבן געמאַכט פאַרשיידענע פאַלשקייטן מיט פראוויאַנט, און אויך גנבים פון קליינקייטן, וואָס זיינען אַמאָל געווען טויזנט מאָל לײַטישער און פיינער פאַר די, וואָס האָבן זיי אַרײַנגעזעצט. חוץ דעם, זיינען אין מיליטער־טורמע געזעסן אַזעלכע סאָלדאַטן, וואָס זיינען פאַרמשפּט געוואָרן פאַר פאַרשיידענע פאַרברעכנס מיט אַ ריין מיליטערישן כאַראַקטער, אַ שטייגער, פאַר עובר זיין אַף מיליטערישע דיסציפּלינע, פאַר פּרוּוון צו מאַכן אַ בונט, פאַר דעזערטירן. אַ גרופּע פאַר זיך זיינען געווען די פּאָליטישע, וואָס אַכציק פּראָצענט פון זיי זיינען געווען גאָט די נשמה שולדיק. און פון זיי זיינען ווידער געווען ניין און ניינציק פּראָצענט פאַרמשפּט. דער אַפּאַראַט פון די אוודיטאָרם (מיליטערישע אונטערזוך־ריכטערס) האָט פונקציאָנירט אויסגעצייכנט. אַזאַ געריכטס־אַפּאַראַט איז פאַראַן אין איטלעכער מלוכה, בעת זי האַלט ערב אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און מאָראַלישן חורבן. דעם גלאַנץ פון דער אַמאָליקער גרויסקייט און חשיבות האַלטן אונטער דאָס געריכט, די פּאָליציי, זשאַנדאַרמעריע און אַן אַרמיי שפּיאָנעס.

אין איטלעכן מיליטער־טייל האָט די עסטרייכישע רעגירונג געהאַט שפּיאָנעס און אויסקוקערס, וואָס האָבן געמסרט אַף אייגענע חברים, וואָס זיינען געשלאָפן מיט זיי אַף איין געלעגער און וואָס האָבן זיך מיט זיי געטיילט דעם לעצטן ביסן ברויט.

די פאליטישע פאליציי האט אויך צוגעשטעלט מאטעריאל אין דער מיליטער-טורמע. די מיליטער-צענזור פלעגט שיקן אהין די מחברים פון בריוו צווישן פראנט און צווישן די, וואס פלעגן אומקומען ביי זיך אין דער היים. די זשאנדארן פלעגן אריינזעצן אפילו זקנים געבראכענע, וואס פלעגן שיקן בריוו אפן פראנט, און די מיליטער-געריכטן פלעגן זיי פארמשפטן צו צוועלף יאר פאר זייערע טרייסט-ווערטער און פאר זייער שילדערן די שווערע נויט אין דערהייב.

פון דער מיליטער-טורמע אין הראדשין האט געפירט א וועג איבער ברזשעוונאוו צום מאטאל-פלאץ. איבער דעם וועג איז געגאנגען א מענטש מיט קייטן אף די הענט, ארומגערינגלט פון סאלדאטן, נאך אים איז געפארן א וואגן מיט א טרומנע. און אפן מאטאל-פלאץ האט זיך געלאזט הערן די אפגעהאקטע קאמאנדע: „צילעווע! שיס!" און אין אלע פולקן און באטאליאנען איז איבערגעלייענט געווארן א באפעל, אז דער און דער איז געווארן דערשאסן פאר א „בונט", בעת דער ראטע-קאמאנדיר האט א זעץ געטאן מיט זיין שאבליע די פרוי פון דעם אומגליקלעכן, וואס האט בשום אופן נים געקאנט זיך שיידן מיטן מאן, בעת דער עשאלאן האט זיך געזעצט אין צוג...

און אין דער מיליטער-טורמע איז דער דריילינג: דער עלטסטער אופזעער סלאוויק, דער קאפיטאן לינהארט און דער פעלדוועבל רעפא, מיטן צונאמען „תלין", אויך אויסגעצייכנט פארמק געווארן מיט זיין עסק. וויפיל מענטשן האבן זיי פארפייניקט אף טויט אין די איינצל-קאמערעס! זייער מעגלעך, אז קאפיטאן לינהארט איז געבליבן ביי דעם ראנג אין דער רעפובליק. עס וואלט געווען געוווּנשן מען זאל אים פאררעכענען די דינסט-יארן אין דער מיליטער-טורמע. רעפא האט פארלאזן דעם דינסט און פארנעמט זיך מיט בוי-ארבעטן. ס'קאן זיין, אז ער האט זיך פארשריבן אין א פאטריאטישער געזעלשאפט אין דער רעפובליק.

דער עלטסטער אופזעער סלאוויק האט זיך באגנבעט און זיצט איצט הינטער די גראטעס. אים האט נעבעך נים אפגעגאלטן מיט דער רעפובליק, ווי אנדערע!

*   *
*

עס איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס דער אויבער־אופזעער סלאַ־וויק, בעת ער האָט צוגענומען שווייקן, האָט אַף אים אַ קוק גע־טאָן מיט שטומען פאָרוואורף:

— האָסטו דאָס, ברודער, הייסט דאָס, אַ פלעק אַף דיין גוטן נאָמען, ווייבאַלד דו ביסט געקומען אַהער צו אונדז? מאַכט ניט אויס, גוטער ברודער, מיר וועלן דיר דאָ מאַכן היימלעך פונקט ווי אַלעמען, וואָס פאַלן אַריין צו אונדז אין די הענט. אונדזערע הענט זיינען ניט קיין דאַמען־הענטשלעך.

און בכדי צו דערווייזן דאָס בחוש, האָט ער אונטערגע־רוקט שווייקן אונטערן סאַמע נאָז זיין מוראדיקן אָרעדיקן פויסט און האָט געזאָגט:

— אַנו, גיב נאָר אַ שמעק, מנוול!

האָט שווייק אַ שמעק געטאָן און געזאָגט:

— איך וואָלט ניט געוואָלט קריגן דערמיט איבערן נאָז— דאָס שמעקט מיט קבר.

דאָס רואיקע פאַרשטאַנדיקע וואָרט איז דעם אויבער־אופזעער געפעלן געוואָרן.

— היי דו,—האָט ער געזאָגט און אַ טאָרקע געטאָן שווייקן מיטן קולאַק אין בויך, — שטיי גראָד! וואָס האָסטו דאָ אין די קעשענעס? האָסטו אַ פּאַפּיראָס, מעגסטו זיך לאָזן, געלט אָבער גיב אַהער, מען זאָל ביי דיר ניט אַוועקגנבענען. דאָס אינגאַנצן? אמת, מער איז נישטאָ? געדיינק, זאָג ניט קיין ליגן, פאַר ליגן זאָגן באַשטראָפט מען ביי אונדז.

— ווו זאָלן מיר אים אַוועקזעצן? — האָט געפרעגט דער פעלדוועבל רעפּאַ.

— אין דער זעכצענטער קאַמערע, —האָט געפסקעט דער אויבער־אופזעער, — צו די, וואָס זיצן אין די גאַטקעס. זעט איר ניט, אַז אַף זיין באַלייט־פּאַפּיר איז פאַראַן קאַפּיטאַן לינהאַרטס אַ באַמערק: „שטריינג אופּפּאַסן, צוקוקן זיך“. יאָ, יאָ, — האָט ער באַמערקט שווייקן, — מיט זשוליקעס באַגייען מיר זיך ווי

מיט זשוליקעס. און אויב עמיצער פרוווט בריקעווען זיך, שליסן מיר אים איין אין חדר מיוחד, ברעכן אים איבער אַלע ריפּן און לאָזן ליגן, ביז ער פּגרט. דערויף האָבן מיר דאָס פולע רעכט. אַט אַזוי האָבן מיר זיך, אַ שטייגער, אָפּגערעכנט מיט יענעם קצב-געדיינקסט, רעפּאַ?

— מ—יאָ, נאָר יענער האָט אונדז פאַרגעבן אַן אַרבעט, דער אויבער-אופזעער,—האָט רעפּאַ זיך אָפּגערופן פאַרחלומט.— אַט דאָס איז געווען אַ גבר! איבער פינף מינוטן האָב אידאָף אים געטראָטן, ביז די ריפּן האָבן גענומען טרעשעצן ביי אים און בלוט האָט גענומען גיסן פון פיסק. צען טעג האָט ער נאָך געלעבט. בשום אופן ניט מעגלעך געווען צו מאַכן מיט אים אַ סוף.

— איצט זעסטו, מנוול, וואָס מען טוט ביי אונדז, ווען עמיצער פרוווט זיך בריקעווען, — האָט פאַרענדיקט דער אויבער-אופזעער זיין מוסר,—אָדער אַנטלויפן. דאָס איז בעצם אַ זעלבסט-מאָרד, וואָס ווערט ביי אונדז סיי ווי באַשטראָפט. אָדער זאָל גאָט דיך אויסהיטן, ווען דיר, חזירשע נשמה, וועט איינפאַלן צו באַ-קלאָגן זיך בעת אַ רעוויזיע. ווען עס וועט קומען אַ קאָמיסיע און וועט פרעגן: „ניטאָ אַף וואָס צו באַקלאָגן זיך?״, דאַרפסטו, אַזוי-נער און אַזוינער, שטעלן זיך אין פראָנט, מיליטעריש גריסן און ענטפערן: „ניין, ניטאָ אַף וואָס זיך צו קלאָגן, צופרידן מיט אַלץ״. אַנו, ווי ועסטו דאָס זאָגן, לעמעך? חזר איבער!

— ניין, ניטאָ אַף וואָס זיך צו קלאָגן, צופרידן מיט אַלץ, — האָט שווייק איבערגעחזרט מיט אַזאַ עניוותדיקן אויסדרוק אין פנים, אַז דער אויבער-אופזעער האָט דאָס אָנגענומען פאַר דעם אמתן אויסדרוק פון געפילן.

— נו, אויב אַזוי, טו זיך אויס ביז די גאַטקעס און קום אין דער זעכצענטער קאַמערע, — האָט ער געזאָגט פריינטלעך, אָן די געוויינלעכע זידל-ווערטער.

אין דער זעכצענטער קאַמערע האָט שווייק געטראָפן אַ מענטשן צוואַנציק, אַלע אין הוילע תחתונים. דאָס זיינען געווען

אַלץ אַזעלכע, וואָס אַף זייערע פּאַפּירן איז געווען דער באַמערק: „שטריינג אופּפּאַסן, צוקוקן זיך", מען האָט זיי טאַקע שטריינג געהיט, זיי זאָלן ניט אַנטלויפן.

ווען די תחתונים וואָלטן געווען ריינע, און די פענצטער וואָלטן געווען אָן גראַטעס, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז מען געפינט זיך אין אויסטו-צימער פון אַ באָד.

דער פעלדוועבל רעפאַ האָט איבערגעגעבן שווייקן דעם עלטסטן פון דער קאַמערע, אַ באַבערדלטן יונגנמאַן אין אַ צעבראַסטעטער העמד. יענער האָט פאַרשריבן זיין נאָמען אַף אַ בויגן פּאַפּיר, וואָס איז געהאַנגען אַף דער וואַנט, און האָט געזאָגט צו אים:

— מאָרגן איז ביי אונדז טעאַטער. מען וועט אונדז פירן אין קירך אַריין הערן אַ דרשה. מיר, גאַטקעניקעס, שטייען סאַמע אונטער דער קאַטעדרע. אַט וועט דאָס זיין פריילעך!

פּונקט ווי אין אַלע טורמעס, איז אויך די קירך ביי דער מיליטער-טורמע געווען שטאַרק באַליבט ביים עולם. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז ניט געווען דערפאַר, וואָס די באַזוכערס זיינען געוואָרן גוט און פרום, דורכדעם וואָס מען האָט זיי געצוווּנגען צו באַזוכן די קירך. וועגן אַזעלכע נאַרישקייטן האָט גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין.

די תפילה און די דרשה איז פשוט געווען אַן אָנגענעמער צייט-פאַרטרייב און ווייַלונג אין דער נודעניש און דעם אַליין-איינס פון דעם טורמע-רעזשים. הייסט דאָס, ניט דער חשק נעענטער צו קומען צו גאָט האָט געצויגן דעם עולם. נאָר די האָפענונג אויפצוהייבן אין קאָרידאָר אָדער אַפן הויף אַן עקל פון אַ פּאַפּיראָס.

נאָר דער הויפט-תענוג איז געווען די דרשה. דער פעלד-קוראַט, דער קאַטוילישער מיליטער-גייסטלעכער, מיטן נאָמען אָטאָ קאַץ, איז געווען אַ מענטש אַ פראַכט! זיינע דרשות זיינען געווען ניט געוויינלעך אינטערעסאַנט, און די אַרעסטאַנטן, וואָס זיינען אויסגעגאַנגען פון נודעניש, האָבן זיך ממש געקוויקט מיט זיי. ער האָט פאַרשטאַנען אַזוי וויציק צו באַלבען נישט-געשטויגן-

נישט־געפֿלויגן וועגן גאטס חסד, וואָס האָט קיין גבול ניט, און באַפּרידיקן די גייסטיקע באַדערפֿעניש פון איינגעגעסענע פֿאַר־ברעכערס און בכלל פון מענטשן, וואָס זיינען געשענדט דורכן געריכט. ער האָט אַזוי הפלאדיק פֿאַרשטאַנען זיך צו זידלען פון קאַטעדער אָדער פון אַלטאַר אַראָפּ ער האָט מיט אַזאַ קנאַק, געקאָנט אַ דונער טאָן ביים אַלטאַר דעם „ונסלח", האָט פֿאַר־שטאַנען אַזוי אָריגינעל דורכצופירן דעם גאַנצן דינסט, אַזוי צו פֿאַרפּלאָנטערן דעם גאַנצן סדר פון דער מעסע און אויסקלערן, ווען ער איז געווען שטאַרק שכּור, נייע תּפילות, אַ נייע מעסע און נייע צערעמאָניעס — עפּעס אַזוינס, וואָס האָט קיין גלייכן ניט.

און ווידער אַמאָל, סאַראַ שפּאַס, ווען ער פֿלעגט זיך אַמאָל אויסגליטשן און אַראָפּפֿליען מיטן קאָפּ אַראָפּ צוזאַמען מיט דער שאַל, מיט די הייליקע גאָבן און מיטן תּפילה־בוך, און דערנאָך פֿלעגט ער נעמען הויך באַשולדיקן דעם באַהעלפֿער דעם אַרעס־טאַנט, אַז יענער האָט אים אונטערגעשטעלט אַ פיסל, און פֿלעגט אים דאָ טאַקע אָפּן אָרט אַריינקאַטעווען כּך וכך מעת לעת קאַרצער.

דער פֿעלדקוראַט אָטאָ קאַץ, דער מושלם פון די פֿעלד־קוראַטן איז געווען אַ ייד. דאָס איז, אגב, קיין חידוש ניט: אַר־ציבּיסקופּ קאָן איז אויך געווען אַ ייד.

דער פֿעלדקוראַט אָטאָ קאַץ האָט נאָר געהאַט אַ שטורמי־שערן עבר, ווי דער באַרימטער אַרציבּיסקופּ קאָן.

ער האָט געענדיקט אַ האַנדל־הויכשול און האָט געדינט פֿרייוויליק אין מיליטער. בנוגע צו וועקסלען און וועקסל־רעכט איז ער געווען אַזאַ מאַדים, אַז די פירמע „קאַץ און קאָ" האָט אין זעלבן יאָר געמאַכט אַ גראַנדיאָזן אָנזעץ, און דער אַלטער הער קאַץ איז אָפּגעפֿאָרן קיין צפֿון־אַמעריקע, נאָכדעם ווי ער איז גע־קומען מיט זיינע בעלי־חובֿות צו אַ שטילן הסכּם, וואָס זיי אַליין האָבן פֿון אים ניט געוווסט און אויך זיין שותּף, וואָס האָט עמיג־רירט קיין אַרגענטינע, האָט פון דעם ניט געוווסט

אַזוי אַרום איז דער יונגער אָטאָ קאַץ געבליבן אין דער לאַגע פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך ניט צו ריכטן אַף ירושה, וואָס ווייס ניט ווו אַהינצוטאָן זיך, און מוז דעריבער בלייבן דינען אין מיליטער.

נאָר דער פֿרייוויליקער אָטאָ קאַץ האָט שוין פֿריער געהאַט זיך דערטראַכט צו אַ טאָלק. ער האָט זיך געשמדט. ער האָט אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן מיט דעם תּנאַי, אַז דער קריסטלעכער גאָט זאָל אים העלפֿן מאַכן קאַריערע. עס איז געווען אַ פּשוט געשעפֿטל.

די פֿייערלעכע צערעמאָניע פֿון שמד איז אָפּגעריכט געוואָרן אין עמאַוס. דער פּאָטער אַלבוים האָט אים אָפּגעטובלט. דערביי זיינען געשטאַנען דער גאָטספּאָרכטיקער מאַיאָר פֿון יענעם פּולק, ווו אָטאָ קאַץ האָט געדינט, אַן אַלטע פֿריילן פֿון אַדעליקן מושב־זקנים אין הראַדשין און עפּעס אַ בריהשער פֿאָרשטייער פֿון דער גייסטלעכער קאָנסיסטאָריע, וואָס איז געווען דער טויפֿפּאָטער.

דער עקזאַמען אַף אָפֿיצער איז אַראָפּ גוט, און דער ניי־אויסגעבאַקענער קריסט אָטאָ קאַץ איז געבליבן אין פּולק.

צוערשט האָט אים אויסגעדוכט, אַז עס וועט זיין גוט, און ער האָט אַפֿילו געוואָלט גרייטן זיך צו דער אַקאַדעמיע. נאָר איינמאָל האָט ער זיך אָנגעשכּורט, איז ער אַוועק אין קלויסטער, האָט אַוועקגעוואָרפֿן די שאַבליע און אָנגעטאָן דעם גייסטלעכן בגד. ער האָט באַזוכט דעם בּיסקופּ אין הראַדשין און איז אָנגענומען געוואָרן אין סעמינאַריע. ערב דער הייליקונג פֿאַר אַ גייסטלעכן האָט ער זיך אָנגעטרונקען טויט שכּור ערגעץ אין אַ מיאוסן שיינקל, און נאָך דער אָרגיע איז ער אַוועק גלייך צו דער הייליקונג־צערעמאָניע. דערנאָך איז ער אַוועק אין פּולק, אַף צו פֿאַרזיכערן זיך די נויטיקע פּראָטעקציע, און אַז מען האָט אים באַשטימט פֿאַר אַ פֿעלד־קוראַט, האָט ער זיך געקויפֿט אַ פֿערד, פֿלעגט אַרומרייטן איבער פּראַג און גערן נעמען אַן אָנטייל אין אַלע הוליאַנקעס פֿון די אָפֿיצערן פֿון זיין פּולק.

אין קאָרידאָר פון הויז, ווו ער האָט געוווינט, האָט מען אָפט געקאָנט הערן די זידלעריי פון קרעדיטאָרן, וואָס האָבן זייערע חובות ניט געקאָנט אויסמאָנען. ער פלעגט ברייגנען צו זיך גאסן־פרויען אָדער ער פלעגט שיקן נאָך זיי זיין דינער. ער האָט געשפּילט אין קאָרטן, און עס איז געווען גענוג גרונט צו מיינען, אַז ער שפּילט ניט כשר, הגם קיינער האָט אים ניט געכאַפּט ביז איצט. אין אָפיצער־קרייזן פלעגט מען אים רופן „הייליקער פאָטער".

צו זיינע דרשות פלעגט ער זיך קיינמאָל ניט גרייטן. אָבער ווען ער פלעגט ריידן, פלעגן אַלע האָבן הנאה.

עס איז געווען אַ פייערלעכער מאָמענט, בעת מען פלעגט אַריינפירן אין קירך די „זעכצענטע" אין הוילע תחתונים, ווארום מען האָט מורא געהאַט צו לאָזן די אַרעסטאַנטן זיך אָנטאָן, כדי עמיצער פון זיי זאָל ניט אַנטלויפן.

די דאָזיקע צוואַנציק ווייסע־גאַטקעניקעס האָט מען אויסגע־שטעלט אונטער דער קאַטעדרע. עטלעכע פון זיי, וואָס דאָס מזל האָט זיי געשפּילט, האָבן באַהאַלטן אין מויל די עקלעך פּאַפּיראָסן, וואָס זיי האָבן אונטערוועגס געפונען, ווארום קיין קעשענעס האָבן זיי דאָך ניט געהאַט, ווו צו באַהאַלטן.

אַרום זיי זיינען געשטאַנען די איבעריקע תפוסים פון דער מיליטער־טורמע און האָבן חוזק געמאַכט פון די גאַטקעניקעס פאַר דער קאַטעדרע, וואָס אַף איר האָט אַרופגעשטייגט דער פעלד־קוראַט, קלינגענדיק מיט די שפּאָרן.

— שטיל שטיין! — האָט ער אַ געשריי געטאָן. — צו דער תפילה! חזרט איבער נאָך מיר אַלץ, וואָס איך וועל זאָגן. און דו, מנוול, דאָרט אין דער לעצטער ריי, דו שנייץ זיך ניט די נאָז אין פויסט, וויבאַלד דו שטייסט אין אַ גאָטעס־הויז, אַ ניט וועל איך דיך משלח זיין אין קאַרצער. אַ נו, לאָמיר, זען, צי האָט איר, פּוסטעפּאַסניקעס, ניט פאַרגעסן „פאָטער אונדזער"? אַ נו, פּרווט... נאַט אייך אַוועק. איך האָב געוווסט, אַז איר וועט איבערדרייען קאַפּויער. און פון וואַנען זאָלט איר יאָ וויסן דעם „פאָטער אונדזער"? אייער עסק איז אופּרעסן צוויי פּאָרציעס

פלייש מיט בעבלעך, זיך צעלייגן אין בעטל, פאַרקען זיך אין נאָז און ניט קלערן וועגן גאָט — דאָס קענט איר! ניט אמת?

ער האָט אַ קוק געטאָן פון דער קאַטעדרע אַראָפּ אויף די צוואַנציק ווייסע מלאכים אין גאַטקעס, וואָס האָבן געקוואָלן פון זיינע רייד ניט ווייניקער, ווי די איבעריקע. ערגעץ הינטן האָט מען געשפּילט אין „מעסערלעך״.

— כּפּתּור ופרח, — האָט שוויק אַריינגעזאָגט אין אויער זיין שכן, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן לויט אַ חשד, אַז ער האָט פּאַר דריי קרוינען אָפּגעהאַקט זיין חבר מיט אַ האַק דריי פינגער, בכדי אים צו באַפרייען פון מיליטער.

— וואַרט, עס קומט נאָך בעסער! — איז געווען דער ענטפער. — היינט איז ער ווידער מלא, און דערפאַר וועט ער דרייען אַ ספּאָדיק וועגן דאָרנדיקן וועג פון זינד.

דער פעלד-קוראַט איז היינט טאַקע געווען אין אַן אויסגעצייכנטער שטימונג. ער האָט זיך די גאַנצע צייט אַריבערגעבויגט איבער דער פּאַרענץ פון דער קאַטעדרע, אַזוי אַז ער איז שיער ניט אַראָפּגעפאַלן מיטן קאָפּ אַראָפּ.

נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעזונגען אַ פריילעכע ליד פון סעמינאַר, האָט ער אָנגעהויבן זיין דרשה:

— איך האַלט, אַז מען דאַרף אייך אַלעמען שיסן, פאַרשטאַנען? און איך זאָג דאָס פון דעם דאָזיקן הייליקן אָרט אַראָפּ, איר רשעים. וואָס גאָט האָט זיך פון אייך אָפּגעקערט. וואָרום גאָט האָט פאַר אייך ניט מורא און וועט זיך אָפּרעכענען מיט אייך אַזוי, אַז איר וועט די קעפּ פאַרלירן, ווייל איר ווילט זיך ניט אומקערן צו קריסטוסן און גייט בעסער איבערן דערנערדיקן וועג פון זינד.

— אַהאַ, וואָס האָב איך געזאָגט? ער איז שוין גוט מראה-כּהנדיק, — האָט מיט שמחה אַ שעפּטשע געטאָן שוויקן דער שכן.

— דער דערנערדיקער וועג פון זינד, איר חמורים, איז דער וועג פון קאַמף מיטן חטא. נאָר איר זייט פון די צולהכעיסניקעס, וואָס איר וועט בעסער זיך וואַלגערן אין איינצל-אַרעסט,

איידער אומקערן זיך צום טאָטן, ווענדט אייערע אויגן טיפער און ברייטער און העכער צו די הימלישע ווייטקייטן, און איר וועט מנצח זיין, און שלום וועט אראָפּנידערן אַף אייערע נשמות, מנוולים. ניט שנייץ די נאָז, איי דו, דאָרט הינטן! דו ביסט ניט קיין פערד און געפינסט זיך ניט אין קיין פערד־שטאַל, נאָר אין גאָטס היכל. אָט אַף וואָס איך ווענד אייער אויפמערקזאַמקייט, מיינע טייערע. יאָ, ווו האַלט איך? ביים שלום פון דער נשמה, זייער וויל. בכן, זאָלט איר, בהמות, האָבן אין זינען, אַז איר זייט מענטשן און אַז איר מוזט מיט אייערע פאַרשטאָפּטע אויגן אַ קוק טאָן אַף גאָטס וועלט און איר מוזט וויסן, אַז אַלצדינג האָט אַ קיום נאָר אַ געוויסע צייט, אָבער גאָט איז אייביק. זייער גוט, ניט אמת, מיינע הערן? איך האָב טאָג און נאַכט באַדאַרפט תפילה טאָן פאַר אייך, שוטים, אַז דער באַרימהאַרציקער גאָט זאָל אויסגיסן זיין נשמה אין אייערע קאַלטע הערצער און זאָל אָפּוואַשן מיט זיין הייליקער גענאָד אייערע זינד, בכדי איר זאָלט אַף אייביק געהערן צו אים און ער זאָל אייך, מנוולים, שטענדיק ליב האָבן, נאָר איר האָט אַ טעות. אין גן־עדן וועל איך אייך ניט אַריינפירן...—דאָ האָט דער פעלד־קוראַט אָפּגעסלוקערצט: — ניין און ניין, גאָרנישט וועל איך פאַר אייך ניט טאָן, און איך קלער גאָרניט וועגן דעם, ווארום איר זייט איינגעגעסענע רשעים. אַף אייערע וועגן וועט אייך ניט פירן גאָטס גענאָד און גאָטס גייסט יועט איבער אייך ניט הויערן, וואָרום דעם אויבערשטן וועט אַפילו אין חלום ניט איינפאַלן צו צאַצקען זיך מיט אַזעלכע מנוולים. הערט איר דאָרט, איר גאַטקעניקעס?

האָבן צוואַנציק גאַטקעניקעס אויפגעריסן די קעפּ אַרויף און האָבן איינשטימיק געענטפערט:

— יאָ, מיר הערן!

— ס'איז אָבער ניט גענוג נאָר הערן, — האָט דער גייסטלעכער ווייטער גערעדט,—אַ פינסטערער וואָלקן איז אייער לעבן, און גאָטס שמייכל וועט אייך ניט באַפרייען פון יסורים, אידיאָטן איר, וואָרום אַפילו גאָטס גנאָד האָט אַ ברעג. און דו, אייזל, יאָ יאָ, דאָס מיינט מען דיך, ניט סמייען זאָלסטו שפייען,

אַניט וועל איך דיך לאָזן פֿאַרפֿוילט ווערן אין קאַרצער. און איר אויך דאַרט אונטן, ניט מיינט, אַז איר זייט געקומען אין אַ קרעמל; גאָט איז אַן ארך אפּים, אָבער נאָר מיט אָרנטלעכע מענטשן, און ניט מיט אַזעלכע אויסוואורפן ווי איר, וואָס איר פֿאָלגט ניט לא די וואָס גאָטס געזעצן, נאָר אַפֿילו ניט די מיליטער־סטאַטוטן. אָט דאָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן. מתפּלל זיין קאָנט איר ניט און איר מיינט, אַז גיין אין קירך גייט מען אף וויילן זיך, אַזוי ווי דאָ וואָלט געווען אַ טעאַטער אָדער אַ קינאָ. נאָר דידאָזיקע שטות וועל איך אייך פֿון קאָפּ אַרויסשלאָגן, איר זאָלט ניט מיינען, אַז איך קום דאָ אייך וויילן אָדער פֿאַרשאַפֿן אייך אַ שטיקל פֿרייד אין לעבן. איך וועל אייך אַלעמען אַריינזעצן אין איינצל־אַרעסט, וועט איר דעמאָלט זען, איר מנוולים! איך פּטר אַף אייך צייט, נאָר איך זע, אַז דאָס איז אומזיסט. און זאָל אַפֿילו קומען אַהער דער פֿעלדמאַרשאַל אַליין אָדער דער אַרציבּיסקופּ אַליין, וועט איר אויך ניט תּשובה טאָן און זיך אומקערן אַפֿן וועג פֿון גוטע מעשׂים. און פֿאָרט וועט איר אַמאָל זיך דערמאָנען אָן מיר, וואָס איך האָב געוואָלט אייער טובה!..

פֿון צווישן די צוואַנציק גאַטקעניקעס האָט זיך געלאָזט הערן אַ כליפּעריי. שווייק האָט געוויינט.

דער פֿעלד־קוראַט האָט אַ קוק געטאָן אַראָפּ, דאָרט איז געשטאַנען שווייק און האָט געווישט מיט די קולאַקעס די אויגן. אַרום איז דער עולם געווען מלא שׂמחה.

האָט דער פֿעלד־קוראַט ווייטער גערעדט, טייטנדיק אַף שווייקן:

—אָט נעמט אַראָפּ אַ מוסר פֿונם דאָזיקן מענטשן. וואָס טוט ער? ער וויינט: ניט וויין, זאָג איך דיר, ניט וויין! ווילסט תּשובה טאָן? דאָס וועט דיר, מיין טייערער, ניט אָנקומען אַזוי גרינג. איצט וויינסטו טאַקע, אָבער וועסט ניט באַוויזן קומען צוריק, אין דער קאַמערע, בּינסטו ווידער דער זעלביקער מנוול, וואָס פֿריער. דו וואָלסט נאָך באַדאַרפֿט אַסך טראַכטן און קלערן וועגן דער גענאָד פֿון בּורא, וואָס האָט קיין מאָס ניט, אַסך אָנמאַטערן זיך, כּדי זיין זינדיקע נשמה זאָל געפֿינען אין לעבן דעם ריכטיקן וועג, וואָס

דו מוזט איבער אים גיין. היינט זעען מיר דאָ א מענטשן, וואָס צעגייט זיך פון געוויין, וואָס וויל זיך אומקערן צוריק. און וואָס טוט איר, די איבעריקע? גאָרנישט! איר, הער אויבער-אופזועער, האָט אויך ניט די ריכטיקע השגחה. איר זייט דען סאָלדאַטן? יאָלדן זייט איר! אין קירך דאַרפט איר זיך פירן ווי סאָלדאַטן. דערביי ענדיק איך און פאַרלאַנג פון אייך, לייזיקע קאָמאַנדע, איר זאָלט זיך פירן לייטיש בעת דער מעסע, עס זאָל ניט זיין אזוי ווי יענס מאָל, בעת מען האָט אין די הינטערשטע רייען אויסגעביטן קרוינשע וועש אף ברויט, וואָס מען האָט געפרעסן דאָ גופא בעת דער מעסע.

דער פעלד-קוראַט איז אַראָפּ פון דער קאַטעדרע און איז אַראָפּ אין קליידער-צימער, נאָך אים דער אויבער-אופזועער. אין אַ ווײַלע אַרום איז דער אויבער-אופזועער אַרויס, האָט ארויסגערופן שווייקן פון צווישן די צוואַנציק גאַטקעניקעס און אַוועקגעפירט אין קליידער-צימער.

דער פעלד-קוראַט איז באַקוועם געזעסן אַפן טיש און האָט געדרייט אַ סיגאַרעטל.

אַז שווייק איז אַריין, האָט דער פעלד-קוראַט געפרעגט:

— נו, געכאַפּט? איך האָב שוין אַלץ אַרומגעקלערט ווי געהעריק, און מיר דוכט, אַז איך זע אייך דורך און דורך, גולם איינער. דאָס טרעפט דאָס ערשטע מאָל, אַז עמיצער זאָל ביי מיר אין קירך וויינען.

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון טיש און טרייסלענדיק שווייקן פאַרן אַקסל, האָט ער אף אים געשריען:

— זיי זיך מודה, מנוול. אַז דו האָסט געוויינט נאָר אף צו פלייסנס.

— גאַנץ ריכטיק, הער פעלד-קוראַט, — האָט שווייק געענטפערט ערנסט, איינשטעלנדיק אַלץ אין קאָן, — איך בין זיך מודה פאַרן אַלמעכטיקן גאָט און פאַר אייך, הייליקער פאָטער, ווי זיין פאַרטרעטער, אַז איך האָב טאַקע געוויינט נאָר אף צו פלייסנס. איך האָב געזען, אַז בא אייער דרשה פעלט דער זינדיקער, וואָס טוט תשובה. האָט זיך מיר געוואָלט אנטאָן אייך פאַרגעניגן, בכדי

איר זאָלט ניט מיינען, אַז עס איז שוין ניט צו געפינען אַפילו איין ערלעכן מאַן, און זיך אַליין האָב איך געוואָלט אָנטאָן פאַר־געניגן, בכדי צו פאַרגרינגערן דאָס געמיט.

האָט דער פעלד־קוראַט זיך איינגעקוקט אין שווייקס תמעוואַטן פּנים.

— איר הויבט מיר אָן געפעלן ווערן,— האָט ער געזאָגט, זיך ווידער זעצנדיק אַפן טיש.— אין וואָסער פּולק דינט איר ?

— איך האָב דעם כבוד צו מעלדן, הער פעלד־קוראַט, איך האָב געדינט אין 91־טן פּולק, און איצטער דין איך ניט און בכלל ווייס איך ניט, וואָס מיט מיר טוט זיך.

— איבער וואָס זיצט איר דאָ ? — האָט געפרעגט דער פעלד־קוראַט, סלוקערצנדיק.

פון קירך אַרויס האָבן זיך געלאָזט הערן די קלאַנגען פון אַ פיסהאַרמאָניע, וואָס האָט געדינט אַנשטאָט אַן אָרגל. דער שפּילער, אַ לערער, וואָס איז אַריינגעזעצט געוואָרן פאַר דעזער־טירן, האָט געצויגן די אומעטיקסטע כאָראַלן. מיט די סלוקערצן און גרעפּצן פונם פעלד־קוראַט האָבן די דאָזיקע קלאַנגען זיך צענויפגעגאָסן אין אַ ניי־דאָרישער גאַמע.

— איך האָב דעם כבוד צו מעלדן, הער פעלד־קוראַט, אַז איך ווייס אַף נאמנות ניט, פאַרוואָס איך זיץ דאָ, נאָר איך קלאָג זיך ניט. וואָס איך זיץ. איך האָב פשוט קיין מזל ניט. איך וויל אַלע מאָל, אַלץ זאָל זיין גוט, און סוף כל סוף קומט פאַר מיר אַלע מאָל אַרויס שלעכט.

האָט דער פעלד־קוראַט זיך צעלאַכט און געזאָגט :

— איר געפעלט מיר מיט אַן אמת. איך וועל זיך נאָכ־פרעגן אַף אייך ביים הערן אַוודיטאָר. און מער קאָן איך מיט אייך ניט שמועסן. עך, כ׳וואָלט שוין גיכער אָפּגעמבלען די שלימזלדיקע מעסע !... נו, לינקס אַרום — מאַרש !...

אַז שווייק איז געקומען צוריק צו זיין חברה גאַטקעניקעס, און מען האָט אים געפרעגט, וואָס האָט פון אים געוואָלט דער פעלד־קוראַט, האָט ער קורץ און שאַרף געענטפערט.

— ער איז פשוט שכור !

דער מעסע-דינסט, וואָס דער פעלד-קוראַט האָט אָפּגעריכט, האָט בײַם עולם אַרויסגערופן גרויס אויפמערקזאַמקייט און אָפענע סימפּאַטיע. איינער פון די, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער דער קאַטעדרע האָט זיך אַפילו פאַרוואָטן, אַז ער וועט אַרויסלאָזן פון האַנט די גאָב-שאָל. ער האָט איינגעשטעלט זיין פּאָרציע ברויט קעגן צוויי פרעשק און האָט דאָס געוועט געוואונען.

אַלע וואָס זיינען געשטאַנען אין קירך, האָבן זיך געשפירט ווי אין טעאַטער, ווען מען איז שטאַרק טשיקאַווע צו וויסן, מיט וואָס די פּיעסע וועט זיך ענדיקן. זיי האָבן מיט גרויס כוונה זיך צוגעקוקט צום בילד, וואָס דער פעלד-קוראַט האָט פאָרגעשטעלט.

זיי האָבן געקוואָלן דערפון, וואָס דער פעלד-קוראַט האָט געהאַט אָנגעטאָן דעם תפילה-בגד קאַפּויר. זיי האָבן מיט אַן אמתן נחת רוח זיך צוגעקוקט צו דעם, וואָס עס האָט זיך געטאָן בײַם אַלטאַר. דער געלער באַהעלפער, אַ דעזערטיר פון גייסטלעכן שטאַנד, וואָס האָט אין 38-טן פּולק זיך געהאַט ספּעציאַליזירט אויף קליינע גנבות, האָט זיך געסטאַרעט על פּי זכרון אויפריכטן דעם גאַנצן סדר, די טעכניק און דעם טעקסט פון דער מעסע. ער איז געווען גלייכצייטיק סיי אַ באַהעלפער, סיי אַ פּירזאָרגער פאַרן פעלד-קוראַט, וואָס פלעגט לייכטזיניק דורכלאָזן גאַנצע פראַזעס און וואָס האָט גאָר אין מיטן דערינען גענומען זאָגן, אָנשטאָט אַ געוויינלעכער מעסע, די מעסע פון ווייַנאַכט. דער עולם האָט געקליבן נחת, בעת ער האָט גענומען לייענען מיט אַ ניגון.

ער האָט ניט געהאַט ניט קיין שטים ניט קיין געהער, און אין קירך האָט זיך געלאָזט הערן אַ פּיסק און חזירשער קוויטש, אַז מען האָט געדאַרפט די אויערן זיך פאַרשטעלן.

— איז ער דאָס היינט מלא! — האָבן זיך פּאַסמאַקעוועט די, וואָס זיינען געשטאַנען בײַם אַלטאַר. — עס גיסט זיך ממש אַריבער! קענטיק, שוין ווידער אַמאָל ערגעץ בײַ מיידלעך זיך אָנגעזופּט.

אַרויסגעלאָזט דעם לעצטן קוויטש, אַז די שויבן האָבן אַזש געציטערט, האָט דער פעלד-קוראַט אַ קוק געטאָן, צי איז ניט

געבליבן אַ קאַפּעלע וויין אין שאָל, געמאַכט אַן אומצופרידענע מינע און האָט זיך געווענדט צו דער עדה:

— נו, איצט קאָנט איר זיך אָפּטראָגן אַהיים, באַנדיטן, גענוג! איך האָב באַמערקט, אַז איר, פאַרלייזיקטע שדים, ווייזט ניט אַרויס קיין אמתע פרומקייט, וואָס וואָלט באַדאַרפט זיין ביי אייך, ווען איר געפינט זיך אין קירך פאַר די הייליקע גאָבן. פּנים אל פּנים מיטן אויבערשטן שעמט איר זיך ניט, אידיאָטן, הויך צו הירזשן, הוסטן, פּירכען און צו שאַרן מיט די פיס. דערצו נאָך פאַר מיר אין די אויגן, וואָס איך פאַרטרעט דאָ די בתולה מאַריאַ, יעזוס קריסטוס און גאָט דעם פאָטער. אויב דאָס וועט זיך נאָך אַמאָל איבערחזרן, וועל איך אייך אָנחתמען אַזאַ קוויטל, אַז איר וועט האָבן צו זינגען און צו זאָגן, בכדי איר זאָלט וויסן, אַז ניט נאָר עס איז פאַראַן אַ גיהנם, וואָס איך האָב אייך דערציילט פון אים אין מיין לעצטער דרשה, נייערט עס איז פאַראַן נאָך אַ גיהנם אויף דער ערד, און אויב איך זאָל נאָך אָפּגליקן פּטור צו ווערן פון יענעם גיהנם, וועט איר אָבער פון דעם גיהנם אויף דער ערד בשום אופן זיך ניט אַרויסראַטעווען... מאַרש אַהיים!

אָפּגעזאָגט דאָס, איז דער פעלד־קוראַט אַוועק אין קליידער־צימער, האָט זיך איבערגעטאָן, געהייסן אָנגיסן זיך פון פעסל אַ כוס וויין, האָט אויסגעטרונקען און איז אַרויס אין הויף זיך צו זעצן רייטן מיט דער הילף פונם באַהעלפער אויפן פערד, וואָס איז דאָרט געשטאַנען. נאָר דאָ האָט ער זיך דערמאָנט אַן שווייקן, איז אַראָפּ פון פערד און אַוועק אין דער קאַנצעלאַריע צום אוודיטאָר בערנים.

דער מיליטערישער אונטערזוך־ריכטער בערנים איז געווען אַ מאַן פון געזעלשאַפט, אַ גרויסאַרטיקער טענצער און אַ מאָראַליש פאַרפאַלענער סוביעקט. ער האָט זיך דאָ שרעקלעך גענודיעט און פלעגט שרייבן דייטשע פערזן פאַרן אַלבאָם. ער איז געווען דאָס וויכטיקסטע שרייפל אין דעם אַפּאַראַט. ביי אים האָט זיך אָנגעקליבן אַזאַ שלל פאַרפּלאָנטערטע און ניט פאַרענדיקטע פּראָצעסן, אַז אַפילו מיליטער־געריכט אין הראַדשין האָט ער ממש אָנ־

געוואָרפֿן אַ מורא. ער האָט געהאַט די טבע צו פֿאַרלירן דעם באַשולדיקונגס=מאַטעריאַל, און דערפֿאַר איז ער אָפֿטמאָלס געווען געצוווּנגען אויסצוקלערן אַ נייעס. ער פֿלעגט פֿלאַנטערן נעמען, פֿאַרלירן די פֿעדים פֿון באַשולדיקונג און באַשאַפֿן נייע, ווי אים פֿלעגט איינפֿאַלן אין קאָפּ. ער פֿלעגט צענויפֿשטעלן באַשולדיקונגס=אַקטן אַף דערזערטירן פֿאַר גניבה און אַף גנבים פֿאַר דערזערטירן. ער איז געווען אַפֿילו אַריינגעמישט אין פּאָליטישע פּראָצעסן, וואָס ער פֿלעגט זיי כאַפּן פּשוט פֿון דער לופֿטן. ער פֿלעגט מאַכן בלערליי פֿאַרדרייעניש, בכדי צו כאַפּן די באַשולדיקטע אין פֿאַרברעכנס, וואָס יענע האָבן אַפֿילו אין חלום נישט געטאָן. ער פֿלעגט אויסטראַכטן מאַיעסטעט=באַליידיקונג און אונטערוקן אויסגעקלערטע פּראַזעס אַזעלכע מענטשן, וואָס זייערע פּראָטאָקאָלן אָדער מעלדונגען זיינען פֿאַרלאָרן געגאַנגען אין דעם תּוהו ובוהו פֿון די אָן אַ צאָל פּאַפּירן.

— גרים גאָט, — האָט געזאָגט דער פֿעלד=קוראַט, דערלאַנגט אים די האַנט. — ווי גייט דאָס?

— נישט גוט, —האָט געענטפֿערט דער אונטערזוך=ריכטער בערנים. —מען האָט מיר פֿאַרפּלאָנטערט דעם גאַנצן מאַטעריאַל, און איצט וואָלט דער טייוול אַליין זיך אויסגעבראָכן אַ פּוס! נעכטן האָב איך אַרויפֿגעשיקט אַ פֿאַרטיקן באַשולדיקונגס=אַקט אַף איין פֿאַרשוין פֿאַר אַ בונט, און פֿון דאָרט האָבן זיי מיר צוריקגעשיקט די פּאַפּירן מיטן באַמערק, אַז דער פֿאַרשוין ווערט באַשולדיקט נישט אין בונט, נאָר אין גניבה פֿון קאָנסערוון. און איך האָב מיט אַ כּיוון אַוועקגעשטעלט אַן אַנדער נומער, שדים ווייסן זיי, ווי אַזוי זיי האָבן דאָס אויסגעגראָבן.

דער אַודיטאָר האָט אַפֿילו אויסגעשפּיגן.

— נו, מיר'ן אפֿשר מאַכן אַ קערטל? —האָט דער פֿעלד=קוראַט אַ פֿרעג געטאָן.

— ניין, ברודער, אין קאָרטן האָב איך אַלץ צעטרענצלט: לעצטנס האָב איך געשפּילט מיטן פֿליכעוואַטן פּולקאָווניק אין מאַקאַאָ און האָב אָפּגעגעבן די לעצטע רעשטלעך. און דיר ווי גייט דאָס, הייליקער פֿאָטער?

— איך באַדאַרף האָבן אַ דינער, — האָט דער פעלד־קוראַט געזאָגט. — פאַר קורצן האָט ביי מיר געדינט אַן אַלטער בוכ־האַלטער, ניט קיין אַקאַדעמיקער, נאָר פאָרט אַ טיפּש פון ערשטן סאָרט. די גאַנצע צייט האָט ער געוויינט און געטאָן תפלה, גאָט זאָל אַף אים רחמנות האָבן, ביז איך האָב אים אַוועקגעשיקט מיט אַ מאַרש־באַטאַליאָן אַפן פראָנט. מען שמועסט, אַז דער דאָזיקער באַטאַליאָן איז שוין איסגעהרגעט. דערנאָך האָט מען מיך צוגע־שיקט אַ טיפּ, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אין שיינק און האָט געטרונקען אַף מיין חשבון. דער דאָזיקער איז פאָרט געווען נשקשה, נאָר ביי אים האָבן די פיס געשטונקען, האָב איך אים אויך אַוועקגעשיקט מיטן מאַרש־באַטאַליאָן, און היינט האָב איך זיך אָנגעמערקט אַ פאַרשוין, וואָס האָט פון פאַרגעניגן וועגן אָנ־געהויבן וויינען בעת מיין דרשה. אָט דער פאַסט מיר געגוי. זיין נאָמען איז שוויק, ער זיצט אין דער זעכצנטער קאַמערע. מיר וואָלט זיך וועלן וויסן, פאַרוואָס האָט מען אים אַריינגעזעצט, און צי קאָן מען ניט מאַכן אַזוי, מען זאָל אים אַרויסנעמען פון דאַנען?

האָט דער אוודיטאָר גענומען זוכן אין די שופלאָדן שוויקס פאַפּירן, נאָר ווי געוויינטלעך האָט ער ניט געפונען.

— געווים זיינען זיי ביי קאַפּיטאַן לינהאַרט — האָט ער געזאָגט נאָך אַ צייט זוכן. — שדים וויסן, ווו זיי קומען ביי מיר אַהין, די פאַפּירן!! מסתמא האָב איך דאָס פאָרט אָפּגעשיקט צו לינהאַרטן. איך וועל תיכף אַ קלונג טאָן צו אים... האַלאָ! הער קאַפּיטאַן? מיט אייך רעדט לייטענאַנט בערנים דער אוודיטאָר. ערלויבט צו פרעגן: געפינען זיך ניט ביי אייך די פאַפּירן פון אַ געוויסן שוויק?... שוויקס פאַפּירן דאַרפן זיין ביי מיר? משונה... אַז מען האָט מיר איבערגעגעבן אונטער מיין חתימה! דאָס פאַר־חידושט מיך זייער... ער זיצט אין דער זעכצנטער קאַמערע... איך ווייס, הער קאַפּיטאַן, אַז די זעכצנטע קאַמערע געפינט זיך אונטער מיין רשות, אָבער איך האָב געמיינט, אַז שוויקס פאַפּירן האָבן זיך ערגעץ ווו ביי אייך פאַרוואַלגערט... ווי? איך זאָל זיך

ניט ערלויבן אַזוי אויסצודריקן? אַז ביי איך „פאַרוואַלגערט" זיך קיין זאַך ניט?.. האַלאָ, האַלאָ!

אוודיטאָר בערנים האָט זיך אַנידערגעזעצט און גענומען אויסרײדן זיין ביטער האַרץ אַף דער אומאָרדענונג ביים פאָראונטערזוך. ער מיטן קאַפּיטאַן לינהאַרט האָבן קיינמאָל ניט געקאָנט דורכקומען צווישן זיך. אַז בערנים פלעגט קריגן אין די הענט אַן ענין, וואָס לינהאַרט האָט געהאַט אָנגעהויבן, פלעגט ער ביי אים פאַרפאַלן ווערן. און פאַרקערט, לינהאַהט פלעגט אַפּן זעלביקן שטייגער פאַרוואַרפן בערניסעס פאַפּירן. און די אַרעסטירטע פלעגן אָפּטמאָלם אָפּזיצן יאָרן לאַנג ניט קיין אויסגעפרעגטע, און אפשר אַ דריטל פון אַלע אַרעסטירטע זיינען אַזוי אָפּגעזעסן ביזן סוף פון דער מלחמה.

— הייסט דאָס, אַז שווייקס פאַפּירן האָבן זיך ערגעץ פאַרוואַלגערט, — האָט דערקלערט אוודיטאָר בערנים.— באַדאַרף מען אים אַרויסרופן, און אויב ער וועט זיך ניט מודה זיין, וועל איך אים באַפרייען און אָפּשיקן צו דיר. און דו וועסט שוין דאָרט ווי עס איז אין פולק ברײנגען אין אָרדענונג.

(אגב: שווייקס פאַפּירן זיינען געפונען געוואָרן אין מיליטערישן אַרכיוו ערשט נאָך דער מלחמה מיט אַזאַ באַמערק: „ער האָט בדעה אַראָפּצוּוואַרפן די מאַסקע פון צביעות און אָפן אַרויסצוטרעטן קעגן דער פּערזאָן פון זיין מאַיעסטעט און קעגן אונדזער רעגירונג".)

אַז דער פעלד-קוראַט איז אַוועק, האָט דער אוודיטאָר אַרויסגערופן צו זיך שווייקן. ער האָט אים געלאָזט אַ ווײלע וואַרטן ביי דער טיר, ווייל ער האָט גראָד אויפגענומען אַן עקסטראַ טעלעפאָנאָגראַמע פון דער פאָליציי-פאַרוואַלטונג.

דערווייל האָט שווייק מיט אינטערעס זיך אַרומגעקוקט אין דער קאַנצעלאַריע פון אוודיטאָר.

מען קאָן ניט זאָגן, זי זאָל האָבן געמאַכט אַף אים זייער אַ גינסטיקן איינדרוק, באַזונדערס מחמת די פאָטאָגראַפיעס, וואָס זיינען געווען אויסגעהאַנגען, אַף די ווענט. דאָס זיינען געווען בילדער פון די פאַרשיידענע עקזעקוציעס, וואָס דאָס עסטרייכישע

מיליטער האָט געמאַכט אין גאַליציע און אין סערביע — אָפּגע־ברענטע שטיבלעך און בוימער, וואָס זייערע צווייגן האָבן זיך גע־בויגן פון געהאַנגענע. צווישן זיי איז געווען איין בילד פון סער־ביע, וווּ עס איז געווען צו זען אַ גאַנצע געהאַנגענע פאַמיליע: פאָטער, מוטער און אַ קליין קינד. ביים בוים מיט די געהאַנגענע שטייען צוויי סאָלדאַטן אַף דער וואַך, און אין פאָדער־גרונט שטייט אין דער פּאָזע פון אַ זיגער אַן אָפיצער און רויכערט אַ פּאַפּי־ראָס; הינטן, פון דער אַנדער זייט, רויכערט זיך אַ פעלד־קיך...

— נו, שווייק וואָס הערט זיך? — האָט דער אַודיטאָר בערנים געפרעגט, אַוועקגעלייגט די טעלעפאָנאָגראַמע אַף אַ הויפן אַנדערע פּאַפּירן. — וואָס האָט איר דאָרטן אָנגעטאָן פאַר מעשים? וועט איר זיך מודה זיין, אָדער ווילט איר וואַרטן אַפן באַשולדי־קונגס־אַקט? אַזוי גייט דאָס ניט ווייטער. ניט מיינט, אַז איך וועלן אויספאָרשן עפּעס יאָלדן, ניט פאַרגעסט, אַז ביי אונדז איז מילי־טער־געריכט, קיסר־קיניגלעכער מיליטער־געריכט. ראַטעווען קאָנט איר זיך נאָר, אויב איר וועט זיך מודה זיין.

דער אַודיטאָר בערנים האָט זיך געהאַט זיין באַזונדער גאַנג אין דער אויספאָרשונג אין יענע פאַלן, ווען ער פלעגט פאַרלירן דעם באַשולדיקונגס־מאַטעריאַל. קיין גרויס חכמה איז דערביי ניט געווען, און ס'איז ניטאָ זיך וואָס צו חידושן, אויב די רעזולטאַטן זיינען געווען גלייך צו נול.

נאָר בערנים האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן מענטשן־קענער. אָן שום מאַטעריאַל און אָן צו וויסן, פאַר וואָס ווערט דער מענטש באַשולדיקט און פאַרוואָס זיצט ער אין מיליטער־טורמע, פלעגט ער אויסקאָמבינירן די באַשולדיקונג, נאָר לויט דעם אויסוויניקסטן אויסזען און לויט דער אויפפירונג פון די מענטשן, וואָס מען פלעגט ברענגען צו פירן צו אים צום פאַרהער.

זיין מענטשן־קענטעניש און זיין חריפות זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז איין מאָל האָט ער אַ ציגיינער, וואָס מען האָט אים אַריינגעזעצט אין דער מיליטער־טורמע פאַר גנבענען עטלעכע טוץ וועש (ער איז געווען אונטער־קאַפּטענאַרמוס אין זיין פּולק),

באשולדיקט אין פאָליטישע פאַרבּרעכנס. ער האָט געטענהט, אַז דער דאָזיקער ציגיינער האָט גערעדט אין אַ בּיר־שיינקל פאַר סאָלדאַטן, אַז מען דאַרף גרינדן אַ זעלבּשטענדיקע מלוכה פון די לענדער פון דער טשעכישער קרוין און פון דער סלאָוואַקיי אונ־טער דער הערשאַפט פון אַ סלאַווישן קיניג.

— מיר פאַרמאָגן דאָקומענטן, — האָט ער געזאָגט צום אומגליקלעכן ציגיינער. — איר האָט ניט קיין אַנדער בּרירה, ווי נאָר זיך מודה צו זיין, אין וואָסער שיינקל איז דאָס געווען און פון וואָסער פולק זיינען געווען די סאָלדאַטן און ווען איז דאָס געווען.

האָט דער אומגליקלעכער ציגיינער אפילו אויסגעקלערט דעם טאָג און דעם חודש און דעם נאָמען פון שיינקל און פון פולק, וואָס צו אים האָבּן געהערט זיינע בּלומרשטדיקע צוהערער. נאָר אַז מען האָט אים געפירט אַפן פאַרהער, האָט ער זיך מיישב געווען און איז פשוט אַנטלאָפן אונטערוועגס.

— ווילט איר, הייסט דאָס, זיך ניט מודה זיין? — האָט בּער־נים געזאָגט צו שוויקן, וואָס האָט געשוויגן, ווי אַ געהרגעטער.

— הייסט דאָס, אַז איר ווילט ניט זאָגן, פאַרוואָס איר זייט דאָ, פאַרוואָס מען האָט אייך אַרעסטירט? מיר וואָלט איר דאָך אין יעדן פאַל געקאָנט זאָגן, איידער איך האָבּ דאָס אייך געזאָגט. איך מאַך אייך אויפמערקזאַם, אַז איר האָט געמעגט זיך מודה זיין. דאָס וואָלט געווען בּעסער פאַר אייך, ווארום דאָס פאַרגרינגערט דעם אונטערזוך און פאַרקלענערט די שטראָף.

— איך האָבּ דעם כּבוד צו מעלדן, — האָט זיך געלאָזט הערן שוויקס גוטמוטיקע שטים, — אַז איך געפין זיך דאָ אין דער מיליטער־טורמע ווי אַ געפונענער.

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן?

— איך קאָן דאָס דערקלערן זייער פשוט. אַף אונדזער גאַס האָט געוואוינט אַ העגדלער, און ער האָט געהאַט אַ צוויי־יאָריק אינגל, גאָר אַן אומשולדיקס. איינמאָל איז דאָס דאָזיקע אינגל געקומען צופוס פון ווינאָגראַדאָוו קיין ליבּען; דאָרט האָט אים אַ פּאָליציסט געפונען זיצנדיק אַפן טראָטואַר. האָט ער דאָס

אינגל אַוועקגעפירט אין קאָמיסאַריאַט און מען האָט דאָס אַרײַנגעזעצט, און סך הכל איז דאָס געווען אַלט צוויי יאָר. דאָס אינגל איז געווען גאָט די נשמה שולדיק, און דאָך האָט מען אים אַרײַנגעזעצט, אויב ער וואָלט אַפילו געקאָנט ריידן און מען וואָלט אים געפרעגט, פאַר וואָס זיצט ער, וואָלט ער אַליין נישט געוווּסט. מיט מיר איז פונקט אַזאַ געשיכטע. איך בין אַ געפונענער.

דעם אַודיטאָרס שאַרפער בליק האָט אַרומגענומען און דורכגעשטאָכן שוויקס פיגור און זיין פנים, ער האָט אָבער גאָרנישט אַרויסגעקראָגן, פון דעם גאַנצן פאַרשוין, וואָס איז געשטאַנען פאַרן אַודיטאָר, האָט אַרויסגעשטראַלט אַזוי פיל אומשולד און גלייכגילט, אַז בערנים האָט אַן אופגערעקטער גענומען לויפן אַהין און אַהער איבער דער קאַנצעלאַריע. אויב ער וואָלט נישט געהאַט צוגעזאָגט דעם פעלד-קוראַט צוצושיקן אים שוויקן, וואָלט ער געהאַט שדים וויסן וואָס פאַר אַ סוף.

צולעצט האָט ער זיך אָפגעשטעלט פאַר זיין טיש.

— הערט נאָר, — האָט ער געזאָגט צו שוויקן, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען און געקוקט גלייכגילטיק פאַר זיך, — אַז איר וועט נאָך אַמאָל אַרײַנפאַלן צו מיר, היט זיך... אָפּפירן אים.

אַז מען האָט שוויקן אָפּגעפירט אין דער זעכצענטער קאַמערע, האָט בערנים געלאָזט רופן דעם אויבער-אופזעער סלאַוועק.

— ביז צו אַ וויטערן באַפעל, — האָט ער געזאָגט קורץ, — ווערט שוויק קאָמאַנדירט אין רשות פון הערן פעלד-קוראַט קאַץ. אויסשרייבן אַ פּאַפּיר וועגן זיין באַפרייאונג און אָפּפירן אים מיט אַ וואַך פון צוויי סאָלדאַטן צום הער פעלד-קוראַט!

— באַפעלט איר צו פירן אים געשמידט, הער לייטענאַנט?

דער אַודיטאָר האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פויסט אין טיש.

— איר זייט אַן אייזל! איך האָב דאָך אייך בפירוש געזאָגט: אויסשרייבן אַ פּאַפּיר וועגן זיין באַפרייאונג.

און אַלץ, וואָס עס האָט זיך אָנגעקליבן פאַרן טאָג אין דער נשמה פון אווידיטאָר, האָט איצט אַרויסגעשטראָמט אָפן קאָפּ פונם אויבער־אופזעער און האָט זיך געענדיקט מיט די ווערטער:

— און איצטער פאַרשטייט איר, אַז איר זייט אַ געקרוינטער אייזל!

אַזעלכע זאַכן וואָלט מען בעצם באַדאַרפט זאָגן נאָר אַ קיניג אָדער אַ קיסר, נאָר אַפילו אַ פשוטן אויבער־אופזעער האָט די מעשה אויך פאַרדראָסן, און זיין כעס האָט ער אויסגעלאָזן צום אַרעסטאַנט, וואָס האָט גראָד געקערט דעם קאָרידאָר.

וואָס איז שייך שווייקן, האָט דער אויבער־אופזעער זיך געגעבן אַ וואָרט צו פאַרהאַלטן אים לכל־הפחות נאָר אויף איין נאַכט אין דער מיליטער־טורמע, בכדי ער זאָל אָפּשמעקן נאָך עטלעכע פון די תענוגים אירע.

* *
*

די דאָזיקע לעצטע נאַכט, וואָס שווייק האָט פאַרבראַכט אין דער מיליטער־טורמע, געדיינקט ער נאָך עד־היום.

נעבן דער זעכצעטער קאַמערע איז געווען דער „חדר מיוחד", אַ פינסטערע לאָך, די קאַמערע פאַרן איינצל־אַרעסט. פון דאָרט האָבן זיך אין יענער נאַכט געלאָזט הערן די קרעכצן פון אַ סאָלדאַט, וואָס איז דאָרט אַריינגעזעצט געוואָרן, ווייל ער האָט עפּעס עובר געווען אויף דער דיסציפּלינע, און דער קאַפּראַל רעפּאַ האָט אים לויטן באַפעל פונם אויבער־אופזעער סלאַוועק געבראָכן די ביינער.

אַז די קרעכצן זיינען שטיל געוואָרן, האָט מען אין דער זעכצעטער קאַמערע געקאָנט הערן, ווי עס קנאַקן לייז, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן צו די אַרעסטאַנטן אונטער די נעגל.

איבער דער טיר, דורך אַן עפענונג אין וואַנט, האָט פאַרשפּרייט אַ בלאַסן שיין אַ רויכערדיקער לאָמפּ, אַרומגענומען פון גראַטעס, דער געשטאַנק פון לאָמפּ האָט זיך אויסגעמישט מיט דער נאַטירלעכער אויסדרעמפונג פון שמוציקע מענטשלעכע גופים און מיטן עפּוש פון דער כלי, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל.

אין קאָרידאָר האָבן אָפּגעהילכט געמאָסטענע טריט פון די וואַך־לייט, פון צייט צו צייט פלעגט זיך אין טיר אופעפענען דאָס אייגל, און אין דער קאַמערע פלעגט אַריינקוקן אַן אופזעער.

אַף דער מיטלסטער לאַווקע האָט עמיצער דערציילט:

— פאַר דער מעשה, ווען איך האָב געוואָלט אַנטלויפן און מען האָט מיך אַריבערגעזעצט אַהער, בין איך געזעסן אין דער צוועלפטער קאַמערע. דאָרט זיצן אַלץ מענטשן איבער ניש־טיקע זאַכן. איינמאָל האָט מען געבראַכט אַהין אַ מענטשן פון פאָרשטאָט. מען האָט אים געגעבן צוויי וואָכן דערפאַר, וואָס ער פלעגט אַריינלאָזן צו זיך סאָלדאַטן אַף נעכטיקן. צוערשט האָט מען געמיינט, אַז דאָס זיינען פאַרשווערער, דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער פלעגט נעמען פון זיי געצאָלט. ער האָט באַדאַרפט אָפּזיצן זיין צייט צווישן די גאָר גרינגע, נאָר היות ווי דאָרט איז געווען אַלץ פאַרנומען, האָט מען אים אַריינגעלאָזן צו אונדז. אָבער וואָס האָט ער מיטגענומען מיט זיך פון דער היים און וואָס האָט מען אים אַלץ צוגעשיקט! ער האָט גע־האַט געקראָגן די ערלויבניש צו ברענגען זיך עסן פון דער היים. אַפילו רויכערן האָט מען אים דערלויבט! האָט ער געבראַכט צו פירן צוויי פריידיקעס, אָט אַזעלכע לאַבנס ברויט, אייער, פּוטער, פּאַפּיראָסן, טאַבאַק... נו, כּיטש איין וואָרט, אַלץ וואָס דאָס האַרץ גלוסט, צוויי זעק גאַנצע. און דער דאָזיקער גולם האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז מחויב דאָס אַלץ אַליין אופצופרעסן, אַז מיר האָבן געזען, אַז ער וויל זיך מיט אונדז ניט מיילן, ווי עס טוען אַלע איבעריקע, ווען זיי פלעגן עפּעס קריגן, האָבן מיר גענומען מאַנטשען ביי אים. דער דאָזיקער כּלב האָט אָבער דער־קלערט, אַז ער קאָן אונדז גאָרנישט געבן, אַז ער מוז זיצן צוויי וואָכן, און ער וויל זיך ניט פאַרדאַרבן דעם מאָגן מיט קרויט און מיט פוילע קאַרטאָפליעס, וואָס מען האָט אונדז דערמיט געשפּייזט. ער קאָן אונדז טאָן די טובה און אָפּגעבן זיין פּאָרציע און זיין מיטיק. האָבן מיר אים געענטפערט, אַז מיר שפּייען אַף זיין פּאָר־ציע, און צוויי דריי טעג האָבן מיר זיך איינגעהאַלטן. און ער גאָרנישט, דער פּאַסקודניק. פרעסט זיך שינקע, שמירט פּוטער אַף

ברויט, שיילט זיך אייער, לעבט זיך, ווי גאָט אין פראַנקרייך, רויכערט פּאַפּיראָסן און גיט קיין מאָל ניט אַפילו אַ צי טאָן. ער האָט אַלץ דערוויזן, אַז מיר האָבן דאָך ניט קיין רעכט צו רוי־בערן, און טאָמער דערזעט דער אויפזעער, וועט ער מוזן זיצן אין קאַרצער. האָבן מיר דאָס אַזוי געליטן דריי טעג, און דעם פערטן טאָג ביינאַכט האָבן מיר אָפּגעטאָן די מעשה. דער דאָזי־קער פּאַרשוין האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַר פרי... יאָ איך האָב אייך פאַרגעסן צו דערציילן, אַז ער פלעגט דריי מאָל אין טאָג, אין דער פרי, פאַר וואַרימעס און פאַר וועטשערע, אַלע מאָל זאָגן תּפילות, עפּעס זאָגן און זאָגן אָן אַן אויפהער! הקיצור, אָנגעזאָגט זיך און נעמט אַרויס פון אונטער דער לאַווקע זיינע זעק. די זעק זיינען טאַקע פאַראַן, אָבער זיי זיינען עפּעס איינגעטריקנט געוואָרן, איינגעדאַרט ווי געדרויכערטע פלוימען. האָט ער געמאַכט גענואַלדן: מען האָט אים באַגנבעט. דערנאָך האָט ער אַ מינוט פינף געטראַכט, אַז דאָס טרייבן מיר מיט אים קאַטאָוועס און מיר האָבן זיין פּרעסעכץ באַהאַלטן. און ער זאָגט זיך אַזוי פריי־לעך: „יאָ, איך ווייס, איר האָט ליב קאַטאָוועס, איר וועט מיר אַלץ אָוועקגעבן,.. נאָר איר האָט מיך אָנגעשראָקן אַף אַ פיינעם אופן!" און צווישן אונדז איז געווען אַ חברה־מאַן פון ליבען, זאָגט ער צו אים: „ווייסט איר וואָס? דעקט זיך אַריבער דעם קאָפּ מיט דער קאָלדרע און ציילט ביז צען, און דערנאָך וועט איר אַ קוקט טאָן אַף אייערע זעק". יענער פאָלגט, ווי אַ צוציקל, און ציילט: איינס, צוויי, דריי... אונדזער פּאַרשוין האַקט איבער: „הייבט זיך ניט אַזוי, ציילט פּאַמעלעכער". האָט ער גענומען ציילן אונ־טער דער קאָלדרע פּאַוואָליע, מיט אָפּשטעלן: א־א־איינס... צוויי־יי־יי, דראַ־אַאַ־י... אָנגעציילט ביז צען, איז ער אַראָפּ פון לאַווקע און געכאַפּט זיך פאַר די זעק. איז דאָס געוואָרן אַ גוואַלד: „ליידיק ווי געווען!" און דערביי נאָך זיין אידיאָטישער פּרצוף! מיר זיינען שיר ניט געפּלאַצט פון געלעכטער. און יענער לאַך פון ליבען גיט אונטער היץ: „פּרוּאוּוּט נאָכאַמאָל". וואָס זשע מיינט איר? ער איז געוואָרן אַזוי מבולבל, אַז ער האָט נאָך אַ מאָל געפּרוּווט. און אַז ער האָט דערזען, אַז עס איז טאַקע שוין גאָרנישט ניט גע־

בליבן, האָט ער גענומען קלאַפּן אין טיר און גוואַלדעווען: „באַגנבעט, גנבים, העלפּט, עפנט, ווי גאָט איז אייך ליב, העלפט!" זיינען געקומען צו לויפן אופזעערס, האָט מען אָרויסגערופן דעם עלטסטן און דעם קאַפּראַל רזשיכאַ. מיר אַלע, ווי איין מענטש, דערקלערן, אַז ער איז פון זינען אַראָפּ, אַז ער האָט געפרעסן נעכטן ביז שפּעט אין דער נאַכט און האָט אַלץ אַליין אופגעפרעסן, און ער וויינט אַלץ און שרייט: „עס מוז נאָך זיין ערגעץ ברעקלעך". האָט מען גענומען זוכן ברעקלעך, און מען האָט פאַרשטייט זיך ניט געפונען, ווארום מיר זיינען אויך קיין טפּשים ניט. וואָס מיר האָבן ניט אופגעגעסן, האָבן מיר אָפּגעשיקט פּער פּאָסט מיט אַ שטריקעלע אין צווייטן גאָרן. האָט מען טאַקע גאָרנישט ניט אופגעזוכט, הגם דער דאָזיקער אידיאָט האָט ניט אופגעהערט צו טענען: „עס מוזן דאָך זיין ערגעץ באָטש ברעקלעך". אַ גאַנצן טאָג האָט ער נאָכדעם ניט געפרעסן און האָט רק אופגעפּאַסט, צי עסט ניט עמיצער עפּעס און צי רויכערט מען ניט. דעם צווייטן טאָג האָט ער אויך צו קיין זאַך ניט צוגערירט זיך ביז ווארימעס. ערשט אין אָוונט האָט ער זיך גענומען שטאָפּן מיט קרויט און מיט פוילע קאַרטאָפּלעס. שפּעטער האָט עמיצער ביי אונדז דערקאַזשעט אַ ביסל מאַכאָרקע, און דעמאָלט האָט ער געפּרוווט אַ שמועס טאָן מיט אונדז, מען זאָל אים געבן אַ רויכער טאָן, אַ פוילע מיט נאָך האָט מען אים געגעבן!

— און איך האָב שוין געמיינט, אַז איר האָט אים פּאָרט געגעבן אַ צי טאָן, — האָט באַמערקט שווייק. — דאָס וואָלט אָוועקגעפּטרט די גאַנצע מעשה. אַזאַ גרויסמוט טרעפט זיך נאָר אין ראָמאַנען. אין מיליטער-טורמע, ביי אַזעלכע תנאים, וואָלט דאָס נאָר געווען טפּשות.

צו ביסלעכווייז האָבן די שמועסן זיך איינגעשטילט. די תפוסים זיינען איינגעשלאָפן.

אַכט פרי האָט מען שווייקן אַרויסגערופן אין קאַנצעלאַריע.

— אין דער לינקער האַנט געבן טיר אין דער קאַנצעלאַריע איז פאַראַן אַ שפּיי-קעסטל, וואָס אַהין וואַרפט מען אַריין עקלעך סיגאַרן, — האָט געלערנט שווייקן איינער פון די תפוסים.

— ווייטער אין ערשטן גאַרן באַדאַרפסטו אויך פאַרבייגיין פאַרבײַ איינעם. דעם קאָרידאָר ראַמט מען אויף ערשט נײַן, אַזוי אַז דו וועסט דאָרט עפּעס כאַפּן.

נאָר זיי האָבן זיך אַף שווייקן ניט דערוואַרט. ער איז שוין מער אין דער זעכצענטער קאַמערע ניט געקומען צוריק. די ניינ־צען גאַטקעניקעס האָבן אַלץ געפּרוווט טרעפן און האָבן ניט פאַר־שטאַנען, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט.

אין סאָלדאַט מיט זומער־שפּרענקלעך אַפן פּנים, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ פלאַמענדיקע פאַנטאַזיע, האָט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז שווייק האָט געוואָלט דערהרגען זיין ראָטע־קאָמאַנדיר, און דערפאַר האָט מען היינט אים אַוועקגעפירט שיסן אַפן מאָטאָל־פּלאַץ.

## 10.

## שווייק אַ באַדינער ביים פעלד־קוראַט.

ווידער האָט שווייק אָנגעהויבן זיין וועג אין דער באַגליי־טונג פון צוויי סאָלדאַטן מיט ביקסן, וואָס האָבן באַדאַרפט אים אָפּפירן צום פעלד־קוראַט.

די באַלייטער זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן איינער דעם אַנדערן ממלא געווען. איינער איז געווען אַ הויכער און אַ דאַרער, דער צווייטער אַ קורצער און אַ גראָבער. דער הויכער האָט געהונקען אַפן רעכטן פוס, דער קורצער אַפן לינקען. זיי האָבן געדינט אין הינטערלאַנד, ווייל מיט אַ צייט פאַר דער מלחמה זיינען זיי אַף שטענדיק באַפרייט געוואָרן פון מיליטער־דינסט.

מיט אַן ערנסטער מינע האָבן זיי געשפּרייזט איבערן בריק און פון צייט צו צייט האָבן זיי געוואָרפן קרומע בליקן אַף שווייקן, וואָס איז געגאַנגען צווישן זיי און האָט אַלע ווײַלע גע־גריסט אָפּיצערן. זיינע ציווילע בגדים זיינען ערגעץ פאַרלאָרן גע־גאַנגען אין דער מיליטער־טורמע. צוזאַמען מיט זיין זעלנערש היטל, וואָס אין דעם איז ער געפאָרן צו דער דאָקטוירים־קאָמי־סיע. ביים אַרויסגיין פון טורמע האָט מען אים געגעבן עפּעס אַ

מונדיר, וואָס עס האָט געטראָגן אַמאָל זייער אַ דיקער מענטש. וואָס איז נאָך געווען אפשר מיט אַ קאָפּ העכער פאַר שווייקן.

די בגדים זיינען געהאַנגען אויף אים, און די לײדיק-גײער אין די גאַסן האָבן ניט ווינציק געקוואָלן פון אים. שווייק האָט אויף דעם געשפּעט פון די גאַסיקע געענטפערט מיט אַ ווייכן, ליבן שמייכל און מיט אַן עניוותדיקן בליק פון זיינע גוטע אויגן.

דער ערשטער האָט פאַרקניפּט אַ שמועס מיט שווייקן דער גראָבער:

— פון וואַנען ביסטו?

— פון פּראָג.

— דו וועסט פון אונדז ניט אַנטלויפן?

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט אין שמועס דער הויכער. עס איז אַ מאָדנע מעשה: די קורצע און גראָבע זיינען געווײנטלעך אָפּטימיסטן, בעת די הויכע און דאַרע זיינען, פאַרקערט, פּעסימיסטן.

דעריבער האָט דער הויכער געזאָגט צום קורצן:

— אויב ער וואָלט געקאָנט, וואָלט ער אַנטלאָפן.

— וואָס באַדאַרף ער לויפן? — האָט זיך אָפּגערופן דער גראָבער. — ער איז דאָך כמעט ווי פריי. פון מיליטער-טורמע האָט מען אים אַרויסגעלאָזט. איך טראָג דאָך אַ פּאַקעט.

— און וואָס שטייט געשריבן אין דעם פּאַקעט פאַרן פעלד-קוראַט? — האָט געפרעגט דער הויכער.

— דאָס ווייס איך ניט.

— אָט זעסטו, אַז דו ווייסט ניט, און דו רעדסט נאָך.

אין טיפער שווייגעניש זיינען זיי אַריבער דעם קאַרל-בריק. אויף דער קאַרל-גאַס האָט דער גראָבער זיך ווידער געווענדעט צו שווייקן:

— און דו אַליין — דו ווייסט, צוליב וואָס מיר פירן דיך צום פעלד-קוראַט?

— צו ווידוי. — האָט שווייק גלייכגילטיק געזאָגט. — וואָרום מאָרגן הייננגט מען מיך. אַלע מאָל טוט מען אַזוי, דאָס רופט מען „גייסטלעכער טרייסט".

—און פאר וואס וועט מען דיך דאס״ ווי רופט מען דאס?

— האט דער הויכער געפרעגט פארזיכטיק, און דער גראבער האט א קוק געטאן מיט רחמנות אף שוויקן.

זיי זיינען ביידע געווען בעלי־מלאכות, דארפישע מענטשן, טאטעס פון קינדער.

— איך ווייס ניט, — האט שוויק געענטפערט שמייכלענדיק גוטמוטיק, — איך ווייס גארנישט. מסתמא איז מיין מזל אזוי.

— מסתמא ביסטו געבארן אונטער א שלעכטן מזל, — האט דער קורצער ארויסגערעדט מיט רחמנות, מעשה קענער. — ביי אונדז אין יאסעק נעבן יאזעפשטאט האט מען אויך איינעם אופגעהאנגען, נאך אין פרייסישן קריג. מען איז געקומען, צוגענומען אים, ניט געזאגט גארנישט ניט און אין יאזעפשטאט האט מען אים אופגעהאנגען.

— איך ווידער האלט, — האט סקעפטיש באמערקט דער הויכער, — אז מען הייגגט ניט קיין מענטשן גלאט אזוי פון א קאלטן טרונק. אלע מאל מוז זיין עפעס א גרונט, אז מען זאל דאס קאנען דערקלערן.

בעת עס איז ניטא קיין מלחמה,—האט געזאגט שוויק, — מוז זיין א גרונט, אבער בעת א מלחמה האט א מענטש קיין באטרעף ניט. איז דען ניט אלץ איינס, צי געהרגעט ווערן אפן פראנט, צי געהאנגען ווערן אינדערהיים?

— הער נאר, דו, ביסטו ניט פון די פאליטישע?—האט געפרעגט דער הויכער. לויטן טאן פון דער פראגע האט מען געקאנט מערקן, אז ער הויבט אן שפירן סימפאטיע צו שוויקן.

— ווי דען אנדערש? — האט שוויק זיך צעלאכט.

— ביסטו, הייסט דאס, א נאציאנאל־סאציאליסט?

דער גראבער האט אנגעשפיצט די אויערן און האט זיך ארייגגעמישט אין שמועס:

וואס גייט דאס אונדז אן? — האט ער אויסגערופן. — איצט זיינען אומעטום אסך מענטשן, און אלע קוקן אונדז נאך

אויב מיר וואָלטן געקאָנט ערגעץ אין אַ פּירהויז אַראָפּנעמען די באַגנעטן, עס זאָל ניט אויסזען אַזוי שרעקלעך. דו ווייסט דאָך פון אונדז ניט אַנטלויפן? בין איך ניט גערעכט, טאָני? — האָט ער זיך געווענדט צום הויכן, וואָס האָט שטיל געענטפערט:

— די באַגנעטן וואָלטן מיר געקאָנט אַראָפּנעמען. ער איז דאָך פון אונדזערע.

ער איז שוין מער ניט געווען קיין סקעפּטיקער, און זיין האַרץ איז געווען פול מיט רחמנות אױף שווייקן. האָבן זיי אויסגעזוכט אַ פּירהויז, אַראָפּגענומען די באַגנעטן, און דער גראָבער האָט ערלויבט שווייקן צו גיין מיט זיי צוזאַמען.

— דו וואָלסט מסתמא געווען אַ בעלן צו פאַררויכערן, האַ? — האָט ער געזאָגט. — וועלן זיי דיר געבן... — זאָגן האָט ער געוואָלט: „וועלן זיי דיר געבן צו רויכערן, איידער זיי וועלן דיך אופּציען?“, אָבער ער האָט ניט פאַרענדיקט מחמת פיינקייט.

זיי האָבן אַלע דריי פאַררויכערט, און שווייקס באַגלייטערס האָבן גענומען דערציילן אים וועגן זייערע היימישע עסקים, וועגן שטיקל ערד, וועגן ווייב, וועגן קו...

— עס ווילט זיך אַ טרונק טאָן, — האָט דערקלערט שווייק.

האָבן דער גרויסער מיטן קורצן זיך איבערגעקוקט.

— כאַפּן אַ טרונק ביר וואָלט זיך אונז אויך געוואָלט,— האָט זיך אָפּגערופן דער גראָבער פאַר ביידן, — אָבער נאָר אין אַזאַ אָרט, ווו עס זאָל ניט אַרויסקומען עפּעס אַ מעשה.

קומט אין „קוקליק“, — האָט פאַרגעלייגט שוויק. — דאָס געווער וועט איר לאָזן אין קיך; דער בעל-הבית איז אַ סאָקאָל, און פאַר אים איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן.

האָבן דער הויכער און דער קורצער זיך ווידער איבער-געקוקט, און דער הויכער האָט געזאָגט:

— מילא, לאָמיר גיין אַהין; ביז צום פעלד-קוראַט איז נאָך ווייט.

— אונטערוועגס האָט שוויק דערציילט זיי אַ פּאָר אַגעקדאָטן, און אין דער בעסטער שטימונג זיינען זיי אַריין אין „קוקליק" און האָבן טאַקע געטאָן, ווי שוויק האָט זיי געעצהט. די ביקסן האָבן זיי געלאָזט אין קיך, און אַליין האָבן זיי זיך צעזעצט אין ערשטן צימער, וווּ עס האָט געשפּילט אַ פידל און אַ האַרמאָניקע.

אין שיינקל איז געווען אַ פריילעכע קאַמפּאַניע פון עלטערע און אינגערע מענטשן, על פּי רוב סאָלדאַטן. אויך פריילנס זיינען געזעסן ביי די טישלעך. דער עולם איז געווען געשטימט אַפן לאָזונג: „נאָך אונדז כאָטש אַ מבול".

שוויק האָט זיך פאַרטיפט אין זכרונות פון די טרעפעניש, וואָס האָבן זיך מיט אים פּאַסירט אין אָט דעם זעלביקן שיינק. שוויקס באַגלייטערס האָבן אַזעלכע זכרונות ניט געהאַט. פאַר זיי איז דאָ אַלץ געווען ניי. און זיי איז דאָ געפעלן געוואָרן.

נאָכן פינפטן קופל ביר איז דער הויכער אַוועק טאַנצן מיט אַ פריילן. דער גראָבער האָט זיך געשמאָלצן פון נחת: ער האָט שוין לאַנג אַזאַ ביר ניט געטרונקען. שוויק האָט געזופט זיין ביר שווייגעדיק. דער לאַנגער האָט געענדיקט טאַנצן און איז מיט זיין דאַמע צוגעקומען צום טיש. דערנאָך האָבן זיי געטרונקען, ווידער געטאַנצט און ווידער געטרונקען אָן אַ סוף.

נאָכן עסן האָט זיך צו זיי צוגעזעצט אַ סאָלדאַט און האָט פאַר אַ פינפערל פאָרגעלייגט צו מאַכן זיי פלעגמאָנע און בלוט־פאַרגיפטונג. ער האָט ביי זיך אַ שפּריץ, און ער וועט זיי אַריינשפּריצן אין האַנט אָדער אין פוס פעטראָלעאום. מיט אַזאַ מעשה קאָן מען אָפּליגן, לכל הפּחות, צוויי חדשים, און אויב מען רייצט די וווּנד מיט שפּייעכץ, אַפילו אַ גאַנץ יאָר, און אַזוי אַרום אינגאַנצן פּטור ווערן פון מיליטער.

דער הויכער, וואָס איז געווען אינגאַנצן מבולבל, איז אַוועק מיטן דאָזיקן סאָלדאַט אין טואַלעט און האָט געלאָזט זיך אַריינשפּריצן פעטראָלעאום אין פוס.

עס איז שוין געווען פאַרנאַכט, ווען שווייק האָט פאַרגעלייגט צו לאָזן זיך גיין צום פעלד=קוראט. דער גראָבינקער, וואָס האָט קוים געפּלאָנטערט מיטן צונג, האָט גענומען צוריידן, זיי זאָלן נאָך אביסל וואַרטן. דער הויכער האָט אויך געהאַלטן, אַז דער פעלד=קוראט וועט פון זיי ניט אַנטלויפן. נאָר שווייקן איז דערעסן געוואָרן צו זיצן אין „קוקליק“, און ער האָט אָנגעשראָקן, אַז ער וועט גיין איינער אַליין.

זיינען זיי געגאַנגען, נאָר שווייק האָט זיי געמוזט צוזאָגן אַריינצוגיין אונטערוועגס נאָך אין אַן אָרט.

אין דעם קליינעם קאַפע, ווו זיי האָבן זיך ווידער אָפּגעשטעלט, האָט דער גראָבער פאַרטרונקען זיין זילבערנעם זייגער, ווייל קיין געלט האָבן זיי שוין מער ניט געהאַט.

פון דאָרט האָט שווייק זיי געפירט אונטער די הענט. דאָס איז געווען ניט גרינג. די גאַנצע צייט האָבן די פיס ביי זיי זיך געפּלאָנטערט, און זיי האָבן ניט אַנדערש געוואָלט נאָך אַריינגיין ערגעץ. דער גראָבינקער האָט שיער ניט אָנגעוואָרן דעם פּאַקעט פאַרן פעלד=קוראט. דערפאַר האָט שווייק געמוזט נעמען דעם פּאַקעט צו זיך, מיט גרויס מי האָט שווייק זיי דערפירט ביז צום הויז, ווו דער פעלד=קוראט האָט געוווינט.

אַליין האָט ער צוגעשרויפט די באַגנעטן צו זייערע ביקסן און מיט סטוסאַקעס האָט ער געפועלט ביי זיי, זיי זאָלן אים פירן, און ניט ער זיי.

אויפן ערשטן גאָרן, ווו עס איז געווען צוגעקלאַפּט צו דער טיר א קאַרטל: „אָטאָ קאַץ, פעלד=קוראט“, האָט זיי געעפנט א סאָלדאַט. פון צימער האָט מען געהערט שטימען און גלעזלעך און פלעשלעך קלינגען.

— מיר האָבן דעם כבוד... צו מעלדן... הער... פעלד=קוראט, — האָט קוים מיט צרות אַרויסגעבראַכט דער הויכער, באַגריסנדיק דעם סאָלדאַט, — מיר האָבן... געבראַכט... א פּאַקעט... און איין מאַן...

— גייט אריין, — האָט געזאָגט דער סאָלדאַט. — ווּ האָט איר דאָס אזוי אָנגעגאָסן דעם לאָמפּ? דער הער פעלד־קוראַט איז דאָ.

דער סאָלדאַט האָט אפילו אויסגעשפּיגן.

דערנאָך איז ער פארשוווּנדן מיטן פּאקעט. זיי האָבן לאנג געוואַרט אין פאָר־צימער. ביז עס האָט זיך געעפנט די טיר און דער פעלד־קוראַט איז נישט אריינגעגאנגען, נאָר אריינגעפלויגן. ער איז געווען אין די העמד־ארבל; אין דער האנט האָט ער גע־האַלטן א סיגאַר.

— הייסט דאָס, איר זייט שוין דאָ, — האָט ער זיך גע־ווענדט צו שווייקן. — הייסט דאָס, מען האָט אייך געבראַכט אהער. עעע — האָט איר ניט קיין שוועבעלע?

— ניין, הער פעלד־קוראַט, ניטאָ קיין שוועבעלעך.

— עעע — פארוואָס האָט איר ניט קיין שוועבעלעך? איטלעכער סאָלדאַט דארף האָבן שוועבעלעך, ער זאָל קאָנען געבן פייער. א סאָלדאַט, וואָס האָט קיין שוועבעלעך ניט... וואָס איז אזא סאָלדאַט?

— ער איז אן אָן־שוועבעלעכדיקער, — האָט שווייק ראַ־פּאָרטירט.

— פיין. ער איז אן אָן־שוועבעלעכדיקער, און דערפאַר קאָן ער קיינעם קיין פייער ניט געבן. מילא, גוט. מיט דער פראַגע געענדיקט. איצטער זאָגט מיר אָט וואָס: די פיס שטינקען ביי אייך ניט?

— ניין.

— גוט! דאָס איז געווען די צווייטע פראַגע, איצטער די דריטע: בראָנפן טרינקט איר?

— ניין, בראָנפן טרינק איך ניט, איך טרינק קאָניאַק.

— אויסגעצייכנט. — דאָ האָט דער פעלד־קוראַט באַמערקט שווייקס באַגלייטערס, וואָס האָבן זיך געמיט צו האַלטן גראָד. נאָר זיי האָבן זיך געשאָקלט, ווי זאַנגען אין ווינט, שטיצנדיק זיך אויף זייערע ביקסן.

— איר זיט דאָך ש־ש־כּור! — האָט דער פעלר־קוראַט אַרויסגערעדט. — אָנגעזשליאָקעט זיך ווי חזירים בעתן דינסט, און דערפאַר אַר־ר־רעסטיר איך אייך. שווייק, נעמט בײַ זיי צו די ביקסן, פירט זיי אַפּ אין קיך און היט זיי ביז אַ פּאַטרול וועט קומען נאָך זיי. איך וועל באַלד טעלעפאָנירן אין קאַ־קאַ־קאַז־ז־זאַרמע.

אַזוי אַרום זײַנען מקוים געוואָרן נאַפּאָלעאָנס ווערטער: „אַף מלחמה בײַט זיך די לאַגע אַלע מינוט".

אינדערפרי האָבן די צוויי אים געפירט און אַלץ מורא געהאַט, ער זאָל ניט אַנטלויפן, דערנאָך האָט ער אַליין זיי געבראַכט צופירן אַהער, און איצטער האָט ער נאָך באַדאַרפט שטיין אַף דער וואַך און היטן זיי.

צוערשט האָבן זיי ניט תּופס געווען, וואָס דאָ איז געשען, אָבער אַז זיי האָבן זיך אַרומגעזען, אַז זיי זײַנען אײַנגעשלאָסן אין קיך, און שווייק שטייט בײַ דער טיר מיטן ביקס אין האַנט, האָבן זיי זיך אויסגעניכטערט.

— מיר וואָלט זיך געוועלן אַ טרונק טאָן! — האָט זיך אָפּגעזיפצט דער קלײנער אָפּטימיסט, און דער הויכער האָט שוין ווידער אַרויסגעקערט דעם סקעפּטיקער און האָט גענומען טענהן, אַז דאָס איז אַלץ אַ געמיינע פּראָוואָקאַציע. ער האָט באַשולדיקט שווייקן, אַז ער האָט זיי דאָס אַרײַנגעפירט אין דער צרה, און האָט אים פאָרגעוואָרפן, הלמאי האָט ער ניט געהאַלטן וואָרט, אַז מען וועט אים מאָרגן אופהייגען: דערפון איז שוין צו זען, אַז דאָס איז געווען אַ קאָמעדיע.

שווייק האָט שווײַגעדיק געשפּרייזט אַהין און צוריק פאַר דער טיר.

— וואָס פאַר אַ אייזלען זײַנען מיר געווען! — האָט געטענעט דער הויכער.

— איצטער זעט איר לכל הפּחות, אַז מיליטער־דינסט איז ניט קיין שפּילכל. איך טו מײַן חוב. איך בין אַרײַנגעפאַלן אין דער געשיכטע פּונקט ווי איר, נאָר מיר האָט דאָס מזל געשפּילט.

— אָ, אין שטארב א טרונק! — האָט דער אָפּטימיסט איבערגעחזרט מיט יאוש.

דער הויכער איז צו צו דער טיר מיט ניט־זיכערע טריט.

— לאָז אונדז ארויס, — האָט ער געזאָגט צו שווייקן,— גענוג זיך נאריש געמאכט.

— אוועק! — האָט שווייק געענטפערט, — איך האָב א באפעל אייך צו היטן. מיר זיינען מער ניט באקאנט.

אין טיר האָט זיך באוויזן דער פעלד־קוראט.

— איך... איך ק־ק־ק־אָן זיך ניט דערקלינגען אין קאזארמע. גייט זיך אהיים און פ־פ־פארגעד־ד־דיינקט, אז מען טאָר זיך ניט אָנש־ש־שכורן בעתן דינסט. ארום — מארש!

צום כבוד פון פעלד־קוראט דארף מען זאָגן, אז ער האָט גאָרניט געקלונגען אין קאזארמע, וואָרום ער האָט גאָר קיין טע־לעפאָן ניט געהאט און גערעדט האָט ער צום לאָמפּ.

* *
*

שוין דעם דריטן טאָג האָט שווייק געדינט ביים פעלד־קו־ראט אָטאָ קאַץ, נאָר געזען האָט ער אים סך־הכל איין מאָל פאר דער גאנצער צייט. אפן דריטן טאָג איז געקומען צו גיין דער באדינער פון לייטענאנט העלמיך מיט א באפעל, אז שווייק זאָל קומען און אָפּנעמען זיין בעל־הבית.

דער לייטענאנט העלמיך איז אויך געווען שכור און ער האָט ארויסגעטריבן דעם פעלד־קוראט אין קאָרידאָר ארויס: דאָרט זיצט ער אפן דיל נעבן טיר און פּאָפּט.

אז שווייק איז געקומען אהין, האָט ער אופגעטאָרקעט דעם פעלד־קוראט, און אז יענער האָט עפּעס א בורטשע געטאָן און געעפנט די אויגן, האָט ער צוגעשטעלט די האנט צום דאשעק און ראפּאָרטירט:

— איך האָב דעם כבוד זיך צו מעלדן, הער פעלד־קוראט.

— וואָס דארפט איר דאָ האָבן?

— פאַראַן אַ באַפעל איך אָפּצופירן, האָט דער פעלד־קוראַט.

— הייסט עס, דאַרפט איר מיך אָפּפירן... וווּהין גייען מיר?

— צו אײַך אין וווינונג, האָט דער פעלד־קוראַט.

— צוליב וואָס זאָל איך גיין צו זיך אין וווינונג? בין איך דען ניט בײַ מיר אין וווינונג?

— ניין, האָט דער פעלד־קוראַט, איר זײַט אין קאָרידאָר פון אַ פרעמדן הויז.

— ווי ק־ק־קום איך אַהער?

— אַזוי, איר זײַט געווען צו גאַסט.

— צו ג־ג־גאַסט? צו ג־ג־גאַסט בין איך ניט געק־ק־ומען. אַ ט־ט־טעות.

האָט שוויק אױפגעהויבן דעם פעלד־קוראַט און אים אַוועקגעשטעלט בײַם וואַנט. ער האָט ניט געקאָנט אײַנשטיין אױף די פיס און איז אַרופגעפאַלן אױף שוויקן און האָט געזאָגט:

— איך פ־פ־פאַל, דאַכט זיך. איך פ־פ־אַ־אַ־אַל, — האָט ער איבערגעחזרט מיט אַ נאַרישן געלעכטער.

שוויקן האָט זיך סוף כּל סוף אײַנגעגעבן צוצושפּאַרן דעם פעלד־קוראַט צו דער וואַנט, און יענער איז ווידער אַנטדרימלט געוואָרן.

האָט שוויק אים אױפגעוועקט.

— וואָס דאַרפט איר האָבן? — האָט דער פעלד־קוראַט דרהיסגערעדט, זיך סטאַרענדיק אומזיסט ווידער אַראָפּצוגליטשן אױפן איל. — ווער זײַט איר דען אײגנטלעך?

— איך בין, — האָט שוויק געזאָגט, ווידער צושפּאַרנדיק מיט אַלע כּחות דעם פעלד־קוראַט צו דער וואַנט, — איך בין אײַער דינער, האָט דער פעלד־קוראַט.

— איך האָב ניט קיין דינער, — האָט דער פעלד־קוראַט קוים אַרויסגערעדט, פּרוּווּנדיק ווידער אַרופצופאַלן אױף שוויקן, — און איך בין ניט קיין פעלד־קוראַט. אַ חזיר בין איך! — האָט ער

מוסיף געווען מיט דער אָפּנהאַרציקייט פון אַ שכּור—לאָזט מיך מיין הער, איך בין מיט אייך ניט באַקאַנט.

דער קאַמף האָט זיך געענדיקט מיט שווייקס נצחון. ער האָט דעם פעלד־קוראַט אַראָפּגעשלעפּט אַראָפּ די טרעפּ אין דעם וועסטיבול. דאָרט האָט דער פעלד־קוראַט ווידער זיך איינגעשפּאַרט: ער וויל ניט אַרויס אָפן גאַס.

— איך בין מיט אייך ניט באַקאַנט, מיין הער — האָט ער בסדר געטענעט צו שווייקן — איר קענט דען איינעם אַן אָטאָ קאַץ, דאָס בין איך.

האָט שווייק אַוועקגעוואָרפן אַלע כּבודים און האָט זיך צו־רעדט מיטן פעלד־קוראַט מעשה גוטער ברודער.

— לאָז, זאָג איך דיר, — האָט ער געשריען, — אַניט קריגסטו אין די ציין... אַהיים, און אַן עק! אוים רייד!

האָט דער פעלד־קוראַט אָפּגעלאָזן די טיר און האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָף שווייקן.

— נו, מילא, לאָמיר גיין, נאָר צו „שוכאַ" גיי איך ניט: איך בין דאָרט געבליבן שולדיק.

שווייק האָט אים אַרויסגעשטופּט אָפן גאַס און גענומען שלעפּן אים איבערן טראָטואַר אַהיים.

— ווער איז דער? — האָט אַ פאַרבייגייער געפרעגט.

— דאָס איז מיין ברודערקע, — האָט שווייק געענטפערט.

— ער איז געקומען אָף אורלאָפּ מיך געוואָר ווערן און האָט זיך אָנגעטרונקען פאַר שמחה, ווייל ער האָט געמיינט, אַז איך בין געשטאָרבן.

נעבן אָרט ווו עס שטייען די דראָזשקעס, האָט שווייק אַוועקגעזעצט דעם פעלד־קוראַט נעבן וואַנט און איז אַוועק באַ־דינגען זיך אַ פורל אָפּצופירן דעם בעל־הבית זיינעם אַהיים.

נאָך לאַנגע דינגענישן האָט איין פורמאַן מסכּים געווען אָפּצופירן דעם פעלד־קוראַט.

אַז שווייק האָט זיך אומגעקערט צוריק, האָט ער געפונען דעם פעלד־קוראַט ווידער שלאָפנדיק. זיין הוט (ער איז געווינט־

לעך אָנגעטאָן געגאַנגען ציוויל) האָט עמיצער געהאַט בײַ אים צו־ גענומען און אַוועקגעטראָגן.

שווייק האָט אים פֿאַנאַנדערגעשטורכעט און מיט דער הילף פֿון פֿורמאַן אים אַרײַנגעזעצט אין עקיפּאַזש. דאָרט איז דער פֿעלד־ קוראַט אינגאַנצן צעגאַנגען. שווייקן האָט ער געהאַלטן פֿאַרן פּאָל־ קאָווניק יוסט, דעם קאָמאַנדיר פֿון 75־טן פֿוסגייער־פּולק, און האָט עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד איבערגעחזרט:

— האָב קיין פֿאַראיבל ניט, טײַערער חבר, וואָס איך דוץ דיך, איך בין דאָך אַ חזיר!

אַ ווײַלע האָט געקאָנט אויסווײַזן, אַז פֿון דער טרייסלע־ ניש אין עקיפּאַזש איז ער אַביסל געקומען צו זיך, ער האָט זיך אַוועקגעזעצט גראַד און גענומען אונטערברומען עפּעס אַ לידל. נאָר באַלד האָט ער זיך ווידער אָפּגעלאָזט און גענומען ריידן פֿון וועג.

— ווײסטו אײַנזיצן? — האָט שווייק אָף אים אָנגעשריען, בעת ער האָט גענומען קריכן מיט די פֿיס אָפּן בײַנקל. — ניט מיין, אַז איך וועל דיך ניט קאָנען אויסלערנען היטן אָרדע־ נונג...

האָט דער פֿעלד־קוראַט מרה־שחורהדיק אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט די הענט און גענומען זינגען: „קיינער האָט מיך ניט ליב. . .” נאָר באַלד האָט ער אויפֿגעהערט זינגען און גע־ זאָגט:

— האָט קיין פֿאַראיבל ניט, מײַן טײַערער, איר זייט אַן אידיאָט! איך מעג זינגען, וואָס מיר ווילט זיך.

ער האָט, קענטיק, געוואָלט אויספֿייפֿן עפּעס אַ ניגון, אָבער, אָנשטאָט דעם איז פֿון זײַנע ליפּן אַראָפּ אַזאַ הויכער „טפּררר” אַז דער עקיפּאַזש איז געבליבן שטיין.

לויט שווייקס פֿאָרשלאָג זײַנען זיי ווײַטער געפֿאָרן, און דער פֿעלד־קוראַט האָט גענומען אָנצינדן זיין בורשטינענעם ציגאַרן־ שפּיץ.

— עס וויל ניט ברענען, — האָט ער געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעבראַכט אַ גאַנץ פֿודעלע שוועבעלעך; — דאָס בלאָזט איר מיר אַלץ אויס.

נאָר ער האָט ווידער פֿאַרלאָרן דעם פֿאָדים און האָט זיך צעלאַכט:

— אָט אַ שפּאַס, מיר זיינען איינע אַליין אין טראַמוואַי, ניט אמת, קאָלעגע?

און האָט גענומען זוכן אין די קעשענעס און אַ געשריי געטאָן:

— איך האָב פֿאַרלאָרן מיין בילעט. האַלט, האַלט, איך מוז געפֿינען מיין בילעט.

דערנאָך מיט הכנעה אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— אַלץ איינס. פֿאָר ווייטער...

צולעצט האָט ער גענומען באַלעבאָטשן גאָר וואָס איינס צום צענטן קומט ניט:

— על פּי רוב... יאָ, אַלץ אין אָרדענונג... בכל אופן... ניין, אַ גרויסער טעות... אָפֿן צווייטן גאָרן... נעכטיקע טעג... גלויבט מיר, מאַדאַם, עס רעדט זיך ניט וועגן מיר, נאָר וועגן אייך... קעלנער, די רעכענונג... איך בין בגילופֿין...

פֿון האַלבן דרעמל האָט ער גענומען האַמפּערן זיך מיט עמיצן, וואָס האָט כּלומרשט אים ניט געוואָלט לאָזן זיצן ביים פֿענצטער אין רעסטאָראַן. און פּלוצים האָט אים גאָר גענומען אויסווייזן, אַז ער פֿאָרט אין אַ וואַגאָן פֿון אייזנבאַן־צוג, און ער האָט גענומען אויסרופֿן די סטאַנציעס. אַראָפּגעוואָרפֿן אָפֿן ברוק זיין נאָז־טיכל און גענומען פֿאָדערן, מען זאָל אָפּשטעלן דעם צוג, ווייל ער האָט פֿאַרלאָרן זיין באַגאַזש. דערנאָך האָט ער דער־ציילט:

— אין בודוויים איז געווען אַ פֿייקלער... האָט ער חתונה געהאַט... איבער אַ יאָר איז ער געשטאָרבן... איז דאָס ניט אַ פֿיינער אַנעקדאָט?

און האָט זיך צעלאַכט, ווי אַ מטורף.

די גאַנצע צייט איז שווייק זיך באַגאַנגען מיטן פעלד־קוראַט שטריינג ביז גאָר...

נאָר איינמאָל האָט ער געמאַכט אַ פּרוב אַרויסצושפּרינגען פון עקיפּאַזש מיט דער טענה, אַז ער וויל ווייטער ניט פאָרן, ווייל ער ווייס, אַז אַנשטאָט בודוויים וועלן זיי קומען קיין באָרענבאַך. אין איין רגע האָט שווייק אים איינגעשטילט און געצוווּנגען אים צו בלייבן זיצן אַף זיין אָרט און ניט איינצושלאָפן. דערביי האָט ער אין אים איידל און צאַרט אַריינגעטענעט:

— ניט שלאָפן, נבלה!

דער פעלד־קוראַט איז ווידער אַריינגעפאַלן אין מרה־שחורה און האָט זיך שיער ניט צעוויינט.

— איך בין איינינקער אַליין אַף דער ווייסער וועלט, ברידערלעך! — האָט ער געכליפּעט. — האָט זשע רחמנות אַף מיר!

— אַ סוף, טומל ניט, — האָט שווייק אַריינגעטענעט, — הער אויף, אַ ניט וועלן אַלע זאָגן, דו ביסט שכור.

— איך האָב קיין קאַפּעלע אין מויל ניט געהאַט, חבר, — האָט געענטפערט דער פעלד־קוראַט. — איך בין גאָר ניכטער.

פלוצים איז ער אופגעשטאַנען און האָט אָפּגעגעבן כבוד מיליטעריש.

— איך האָב דעם כבוד צו מעלדן, הער פּולקאָווניק, איך בין שכור. איך בין אַ חזיר! — האָט ער ווייטער גערעדט מיט אופריכטיקן יאוש.

און געווענדט צו שווייקן, האָט ער גענומען בעטן זיך רחמים:

— וואַרפט מיך אַרויס פון אויטאָמאָביל! צוליב וואָס נעמט איר מיך מיט? נו, פאַרוואָס ווילט איר ניט מיך אַרויסוואַרפן צו אַלע טייוואָלים? גלויבט מיר, עס וועט מיר גאָרנישט געשען.

— אָך, גוטער הער, — האָט ער גענומען בעטן זיך, — טייערער פריינט, גיט מיר אַ פּראַשק.

— איינעם אָדער צוויי? — האָט געפרעגט שווייק.

— צווי!

— מיטן גרעסטן כּבוד!

דער פעלד־קוראַט האָט אַפן קול געציילט די פרעשק, וואָס שוויק האָט אים אַראָפּגעלאָזן, און האָט געקוואָלן.

— עך, פּ־פּ־פּיין! — האָט ער אויסגערופן. — דאָס איז גוט פאַרן מאָגן, העלפט דער פאַרדייאונג. גיט מיר, זייט אַזוי גוט, נאָך אַמאָל איבער די פּיסקעס.

— אַ שיינעם דאַנק! — האָט ער געזאָגט, אַז שוויק האָט תיכף געטאָן זיין באַגער. — איבער גענוג! צערייסט מיר נאָך די וועסט, זייט אַזוי גוט.

און ער האָט גענומען אויסדריקן די משונהדיקסטע פאַר־לאַנגען. אים האָט זיך פאַרוואָלט, אַ שטייגער, אַז שוויק זאָל אים אָפּרייסן אַ פוס, דערשטיקן אים, אַרומשניידן אים די נעגל און אויסרייסן די פאָדערשטע ציין.

דערנאָך האָט ער גענומען ריידן וועגן פערד־געלאַף, נאָר איז באַלד־אַריבער צום באַלעט, אָבער אויך דאָ האָט ער זיך ניט לאַנג פאַרהאַלטן.

— טאַנצט איר טשאַרדאַש? —האָט ער געפרעגט שוויקן.

— און בערן־טאַנץ? אָט אַזוי...

ער האָט געוואָלט זיך אַ האָצקע טאָן, נאָר ער איז אַני־דערגעפאַלן אַף שוויקן, וואָס האָט אים מכבּד געווען מיט אַ פּאָר סטוסאַקעס אין זייט און האָט אים ווידער אַוועקגעזעצט.

— איך וויל עפּעס, — האָט זיך צעשריען דער פעלד־קוראַט,—נאָר איך ווייס ניט וואָס! ווייסט איר ניט, וואָס איך וויל?

— איבעריקנס, וואָס גייט מיך אָן, וואָס איך וויל, — האָט ער מוסיף געווען ערנסט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. — און אייך, מיין הער, גייט דאָס אויך ניט אָן. איך קען אייך ניט. ווי סמייעט איר צו קוקן אַף מיר אַזוי חוצפּהדיק!

אַף אַ ווײַלע איז ער געוואָרן גאָר האָפּערדיק און האָט גע־פּרוווט אַראָפּשלעפּן שוויקן פון זיין פּלאַץ.

אַז שוויק האָט אים איינגעשטילט, באַוויזן, אַז ער האָט מער כּח, האָט דער פעלד־קוראַט געפרעגט:

— וואָס האָבן מיר היינט: מאָנטיק אָדער פרייטיק? און דערנאָך האָט ער געוואָלט וויסן, צי עס איז איצט דעצעמבער אָדער יוני, און בכלל געשטעלט מאָדנע שאלות:

— זייט איר אַ חתונה געהאַטער? האָט איר ליב שוועצער קעז? בײַ אײַך אין שטוב זיינען געווען וואַנצן?

און ער האָט גענומען דערציילן פאַרשיידענע מעשיות וועגן זיך און מיט אַ מאָל האָט ער געוואָלט גאָר אַרומגעמען שווייקן:

— מיר דאַכט, אַז מיר זיינען געגאַנגען בײדע אין איין שולע, אַלטער פריינט. ווי ביסטו אויסגעוואַקסן זינט דעמאָלט! איצט מאַכט די פרייד פון דער באַגעגעניש מיך פאַרגעסן אַלע מיינע צרות.

דערנאָך האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און גענומען זאָגן אַ תּפילה.

אַז מען איז געבליבן שטיין נעבן זיין וווינונג, איז געווען שווער אים אַראָפּצושלעפּן פון עקיפּאַזש.

— מיר זיינען נאָך ניט אָנגעקומען! — האָט ער גע־וואַלדעוועט. — ראַטעוועט! זיי ווילן מיך אוועקרויבן! איך מוז ווייטער פאָרן!

אָבער געוואַלד האָט מען אים אַראָפּגעשלעפּט פון וואָגן, אַרויפגעשלעפּט די טרעפּ און אין צימער האָט מען אים אַוועקגע־לייגט אויפן דיוואַן, ווי אַ זאַק.

קוים מיט צרות האָט דער פורמאַן אויסגעזוכט בײַ אים אין קעשענע אַ פּאַפּירל פון פינף קרוין, וואָס ער האָט זיך צוגענומען פאַר פורגעלט.

מיט גרויסע צרות איז דער פעלד־קוראַט איינגעשלאָפן. ער האָט ניט געקאָנט איינרוען — עפּעס האָבן אים זיך כסדר גע־באַמבלט פאַרשיידענע פלענער. ער האָט געוואָלט שפּילן פּיאַנאָ, אַוועקגיין אין טאַנץ־קלאַס און לערנען זיך בראָטן פיש.

דערנאָך האָט ער צוגעזאָגט שווייקן, אַז ער וועט אים געבן פאַר אַ ווייב זיין שוועסטער, וואָס ער האָט גאָר ניט געהאַט. ער האָט געוואָלט, אַז שווייק זאָל אים אַריבערטראָגן אין בעט. סוף

כל סוף איז ער אנטשלאָפן געוואָרן מיט דער פאָדערונג, אז מען זאָל אים אָנערקענען פאר א מענטשן, וואָס האָט די זעלבע זעער־דע, וואָס א חזיר.

*

* *

אז שווייק איז אָף מאָרגן אין דער פרי אריינגעקומען אין דעם פעלד־קוראטס־צימער, האָט ער אים געפונען ליגנדיק אפן דיוואן. דעם קאָפ האָט זיך אים געשפאָלטן פון דעם נעכטיקן שכרון, און ער איז געווען אין זייער א געדריקטער שטימונג.

— איך קאָן זיך ניט דערמאָנען,—האָט ער ארויסגערעדט.

— ווי אזוי בין איך דאָס אריבער פון בעט אפן דיוואָן.

— איר זייט דאָרט גאָר ניט געווען. באלד, ווי איר זייט געקומען, האָב איך אייך אוועקגעלייגט אפן דיוואָן. ווארום ווייטער האָב איך מער קיין כח ניט געהאט.

— וואָס האָב איך דען אָפגעטאָן? און בכלל צי האָב איך עפעס אָפגעטאָן? אפשר בין איך געווען שכור?

— שייך צו זאָגן שכור! — האָט זיך אָפגערופן שווייק.— ווי לוט, הער פעלד־קוראט. איך מיין, עס וואָלט אייך ניט גע־שאדט זיך ארומצוואשן און איבערטאָן זיך.

— איך שפיר זיך אזוי, ווי מען וואָלט מיך האָבן אָנגע־שלאָגן, — האָט געקרעכצט דער פעלד־קוראט. — און דערנאָך שטארב איך אוועק א טרונק! זאָגט נאָר, האָב איך נעכטן ניט געשלאָגן זיך מיט עמיצן?

— ניין, דאָס גראָד ניט, הער פעלד־קוראט. און דאָס, וואָס אייך דאָרשט איצט, קומט דאָס פון אייער נעכטיקן דאָרשט, דער־פון ווערט מען אזוי גרינג ניט פטור. איך האָב געקאָנט א סטאָ־ליער, האָט ער זיך איינמאָל אָנגעטרונקען ערב ניי־יאָר 1910. און דעם טאָג פון ניי־יאָר פון פרי אָן האָט אים אזוי געפייניקט דער דאָרשט, און אים איז געווען אזוי ניט גוט, אז ער האָט געקויפט א הערינג און האָט ווידער געכאפט א טרונק. און אזוי איז אוועק שוין איבער פיר יאָר, און קיינער קאָן אים ניט העלפן, ווארום נאָך שבת קויפט ער זיך אָן הערינג אף א גאנצע וואָך. עס האָט זיך

אים פֿאַרדרייט אַ שטריקעלע, ווי עס פֿלעגט זאָגן דער אַלטער פֿעלדוועבל בײַ אונדז אין 91=טן פּולק.

דער פֿעלד=קוראַט האָט געמוזט עפּעס אויסטרינקען אָפּן ניכטערן האַרצן, און אים איז געווען אָנגעזאַלצן אָף דער נשמה. ער האָט זיך געקלאָגט:

— וואָלט איך כאָטש געטרונקען איידעלע משקאות, אַ שטייגער אַראַק, מאַראַסקינאָ אָדער קאָניאַק. האָב איך אָבער נעכטן געזופֿט פּשוטע בראָנפֿן. איך חידוש זיך אַליין, ווי האָב איך דאָס געקאָנט טרינקען אַזאַ אשפּה. אַ טעם האָט דאָס, חלשות! וואָלט דאָס געווען כאָטש ווישניק! קלערן דאָס מענטשן אויס כּלערליי חוזריי און זשליאָקן דאָס ווי וואַסער! הערט איר, ווי איך בין הייזעריק? בראָנפֿן איז דאָך סם המות! — האָט ער געפּסקעט. — פֿאַרשטייט זיך, ווען עס איז ניט געמאַכט אין אַ גוטער בּרענערײַ, ווען עס איז פֿאַלסיפֿיצירט. עס איז די מעשה פּונקט ווי מיט ראָם. אַ גוטער ראָם איז אַ גרויסע זעלטנהייט! אָ, ווען מען וואָלט געקאָנט דערקאַזשען נוס=בראָנפֿן! — האָט ער אָפּגעזופֿצט נאָך אַ קליינער פּויזע. — דעמאָלט וואָלט איך זיך באַלד אָפּגעחיותט. אַזאַ נוס=בראָנפֿן, ווי איך האָב געטרונקען בײַ קאַפּיטאַן שנאַבל.

און ער האָט גענומען זוכן בײַ זיך אין די קעשענעס און אַרײַנגעקוקט אין טײַסטערל.

— איך האָב סך הכל זעקס און דרײַסיק קרייצער. וואָס וועט זײַן, אַז איך וועל פֿאַרקויפֿן דעם דיוואַן? דעם בעל הבית וועל איך זאָגן, אַז איך האָב אים פֿאַרדונגען אַ חבר, אָדער אַז מען האָט אים אַוועקגעגנבעט. ניין, זאָל דער דיוואַן בלײַבן. איך וועל אײַך גאָר שיקן צו קאַפּיטאַן שנאַבל, ער זאָל מיר אַנטלײַען הונדערט קרוין. ער האָט גראָד אײַערנעכטן געווונען אין קאָרטן. אויב איר וועט דאָרטן גאָרנישט פּועלן, וועט איר גיין קיין אַרשאָוויץ אין דער קאַזאַרמע צום לייטענאַנט מאַלער. אויב ס'וועט דאָרט פּלאַצן, זאָלט איר גיין קיין הראַדזשין צו קאַפּיטאַן פֿישער. דעם זאָלט איר זאָגן, אַז איך מוז באַצאָלן פֿוראַזש=געלט פֿאַר מײַן פֿערד, און אַז איך האָב דאָס פֿאַרשיכּרט. אויב אונדז וועט מיט דעם אויך ניט אָפּגילטן, וועלן מיר פֿאַרמשכּונען די פּיאַנאָ, זאָל זײַן

וואָס עס וויל. איך וועל אַלעמען אָנשרייבן מיט אייך עטלעכע שורות. און סטאַרעט זיך עפּעס וואָס צו פּועלן. זאָגט זיי, אַז איך בין אָרים ווי טיטוס, מיט איין וואָרט, טראַכט אויס. וואָס איר ווילט, נאָר קומט ניט אַהיים מיט ליידיקע הענט, אַניט וועל איך אייך אַוועקשיקן אַפן פראָנט. פרעגט קאַפּיטאַן שנאַבל, ווו ער קייפט דעם נוס־בראָנפן, און קויפט צוויי פלעשלעך.

שווייק האָט אויסגעפירט זיין שליחות אַפן בעסטן אופן. זיין תמימות און זיין ערלעכער אָפענער פּנים האָבן אים פאַרשאַפט צו־טרוי אומעטום: מען האָט אים געגלויבט אַפן וואָרט, אַז אַלץ, וואָס ער זאָגט, איז דער ריינער אמת.

שווייק האָט געהאַלטן, אַז עס איז ניט כּדאַי צו דערציילן ניט ביים קאַפּיטאַן שנאַבל און ניט ביים קאַפּיטאַן פישער און ניט ביים לייטענאַנט מאַלער, אַז דער פעלד־קוראַט באַדאַרף איינצאָלן פו־ראַזש־געלט פאַרן פערד. ער האָט געבעטן געלט אַף דעם סמך, וואָס דער פעלד־קוראַט איז ניט אַנדערש מחויב צו באַצאָלן אַלי־מענטן. און ער האָט אומעטום געקראָגן געלט.

אַז ער איז געקומען צוריק מעשה העלד און האָט גע־בראַכט גאַנצע דריי הונדערט קרוינען, איז דער פעלד־קוראַט, וואָס האָט בינתים באַוויזן זיך איינצווואַשן און איבערצוטאָן, געווען שטאַרק פאַרחידושט.

— איך האָב שוין גענומען אַלץ מיט אַ מאָל, — האָט שווייק דערקלערט, — בכדי מיר זאָלן מאָרגן צי איבערמאָרגן ניט דאַרפן ווידער אַמאָל ברעכן זיך דעם קאָפּ מכּה געלט. אַלץ איז אַראָפּ, אַז מען דאַרף ניט בעטער. נאָר פאַרן קאַפּיטאַן שנאַבל האָב איך געמוזט פאַלן אַף די קני. אָט דאָס איז אַ חיה רעה! נאָר, אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז מיר מוזן צאָלן אַלימענטן ..

— אַלימענטן? — האָט דער פעלד־קוראַט איבערגעחזרט דערשראָקן.

— נו, יאָ, אַלימענטן, הער פעלד־קוראַט, וואס מען צאָלט די מיידלעך, אפּטריט־געלט. איר האָט מיר דאָך אַליין געזאָגט,

איך זאָל עפּעס צוטראַכטן, און איך האָב קיין אַנדער זאַך ניט געקאָנט אויסטראַכטן.

— אַ פיינע מעשה האָט איר דאָ פאַרקאָכט, שוויק, — האָט דער פעלד־קוראַט אָפּגעזיפצט און גענומען שפּרייזן איבערן צימער, געכאַפּט זיך פאַרן קאָפּ.—ס'וועט זיין ניט קיין שלעכטער סקאַנדאַל !... און מיר טוט וויי דער קאָ—אָ—אָפּ !

—איך האָב שוין געוואָלט אָפּטאָן איין מאָל אַ זאַך,—האָט שוויק זיך פאַרענטפערט. — אַ באַפעל איז דאָך אַ באַפעל: איך האָב אויסגעפירט אַלץ, וואָס מען האָט באַדאַרפט... און חוץ דעם, האָב איך געמוזט נאָך עפּעס צוקלערן. יאָ. נאָך וואָס, אין פאַר־צימער וואַרטן מענטשן אַף דער פּיאַנאָ. איך האָב געבראַכט מענטשן זיי זאָלן אָפּטראָגן אין לאָמבאַרד, הער פעלד־קוראַט. עס וועט גאָר ניט זיין אַזוי שלעכט, ווען מען וועט צונעמען די פּיאַנאָ. דאָ וועט זיין מער אָרט, און מיר וועלן האָבן מער געלט. און עטלעכע טעג קאָנען מיר לעבן רואיק. און אַז דער בעל־הבית וועט פרעגן, וואָס מיר האָבן בדעה צו טאָן מיט דער פּיאַנאָ, וועל איך זאָגן, אַז עס האָבן זיך צעריסן די סטרונעס, און מיר שיקן איר אַוועק אין פאַבריק פאַריכטן. דער שווייצערקע האָב איך דאָס שוין געזאָגט, בכדי זי זאָל עפּעס ניט חושד זיין, אַז מען וועט אַרויסטראָגן די פּיאַנאָ. איך האָב שוין אַ קונה אַפן דיוואַן אויך. דאָס איז מיינער אַ באַקאַנטער הענדלער פון געניצ־טע מעבל. ער וועט קומען נאָך מיטאָק. איצט צאָלט מען גוט געלט פאַר אַ לעדערנעם דיוואַן.

— מער האָט איר גאָרנישט אָפּגעטאָן, שוויק ? — האָט דער פעלד־קוראַט געפרעגט פאַריאושט און געכאַפּט זיך פאַרן קאָפּ.

— יאָ, הער פעלד־קוראַט, איך האָב נאָך געקויפט אַזאַ נוס־בראָנפן, ווי ביים קאַפּיטאַן שנאַבל, ניט צוויי פלעשלעך, נאָר פינף, עס זאָל קלעקן אַף לענגער. ערלויבט איצטער צו נעמען זיך פאַר דער פּיאַנאָ, ביז מען וועט פאַרמאַכן דעם לאָמבאַרד.

האָט דער פעלד=קוראַט אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט, ווי אַ פאַרלאָרענער, און אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען די פּיאַנאָ שוין געלאַדן אַף אַ פור.

אַז שווייק איז געקומען צוריק פון לאָמבאַרד, האָט ער גע=פונען דעם פעלד=קוראַט פאַר אַן אָפן פלעשל נוס=בראָנפן. ער איז געווען ברוגז ביז גאָר, ווײַל צו וואַרימעס האָט מען אים דער=לאַנגט אַ ניט גוט דורכגעבראָטענעם שניצל.

דער פעלד=קוראַט איז שוין ווידער געווען שכור. ער האָט געמאָלדן שווייקן, אַז פון מאָרגן אָן הויבט ער אָן אַ נײַ לעבן.

— כליאָבען בראָנפן איז אַ מיאוסער מאַטעריאַליזם. מען מוז פירן אַ גײַסטיק לעבן!

ער האָט אַזוי אָפּפילאָזאָפירט בײַ אַ האַלב שעה, אַז ער האָט געעפנט דאָס דריטע פלעשל, איז געקומען דער הענדלער מיט געניצטע מעבל, און דער פעלד=קוראַט האָט בחצי חנם פאַר=האַנדלט דעם דיוואַן, דערנאָך האָט ער אים געבעטן אויסטרינקען אין קאָמפּאַניע און האָט שטאַרק באַראיבל געהאַט, אַז יענער האָט זיך אָפּגעזאָגט מיטן אויסרייד, אַז ער מוז נאָך קויפן אין אַן אָרט אַ נאַכט=טישל.

— אַ שאָד, וואָס איך האָב ניט אַזאַ טישל, — האָט דער פעלד=קוראַט באַדויערט. — אַ מענטש קאָן קיינמאָל ניט פאַר=אויסזען, וואָס עס קאָן אים אַמאָל צוניץ קומען.

אַז דער הענדלער איז אַוועק, האָט דער פעלד=קוראַט פאַר=פירט אַ לאַנגן שמועס מיט שווייקן און האָט מיט אים צוזאַמען מעשה גוטער ברודער אויסגעטרונקען נאָך אַ פלעשל.

שפּעט בײַנאַכט איז דער פעלד=קוראַט שוין געווען אין זײַן נעכטיקן צושטאַנד. דעמאָלט האָט שווייק אַ זאָג געטאָן צו זײַן בעל=הבית:

— אַ סוף, מיר איז דאָס שוין דערעסן. איצט אַרײַן אין בעט און שלאָף זיך אויס, פאַרשטייסט?

— איך גיי, טײַערינקער, איך גיי, ווי דען אַנדערש! — האָט דער פעלד=קוראַט געטענעט, קוים געפּלעטשעט מיט דער צונג. — אָבער געדיינקסטו, ווי מיר זײַנען געגאַנגען בײדע אין פינפטן

קלאָם און איך פלעג מאַכן פאַר דיר גריכישע אַרבעטן? איר האָט נאָך געהאַט אַן אייגענע ווילע אין זבראַסלאַוו, און איר זײַט געפאָרן אַהין מיט אַ דאַמפער איבער דער מאָלדאַווע, ווייסט איר, וואָס דאָס איז מאָלדאַווע?

שווייק האָט אים געגעבן אויסצוטאָן די שטיוול. דער פעלד-קוראַט האָט געפאָלגט. ער האָט אָבער דערקלערט אַ פּראָטעסט פאַר עמיצן.

— איר זעט, מײַנע הערן, — האָט ער גערעדט צום אַלמער, — ווי אַזוי מײַנע קרובים באַגייען זיך מיט מיר?

— איך וויל מײַנע קרובים ניט קענען! — האָט ער דערקלערט אַנטשלאָסן, אַרײַנגעפּאַקט זיך אין בעט. — איך זאָל אפילו דאַרפן דערזען הימל און ערד — איך וויל זיי ניט קענען!

באַלד האָט זיך געלאָזט הערן דעם פעלד-קוראַטס כראָפּן.

## 11.

## שווייק ריכט אָפּ מיטן פעלד-קוראַט אַ געזעגן-תּפילה.

איין מאָל אין דער פרי האָט דער פעלד-קוראַט אויפגע-וועקט שווייקן מיט די ווערטער:

— מאָרגן פאָרן מיר אָפּריכטן אַ געזעגן-תּפילה. קאָכט אויף שוואַרצע קאַווע מיט ראָם. אָדער נאָך בעסער — קאָכט אָפּ אַ גוטן גראָג!

האָט שווייק אָפּגעקאָכט אַ גראָג אַן אויסנאַם, וואָס איז גע-ווען בעסער פאַרן גראָג פון אַלטע מאַטראָסן. אַזאַ גראָג וואָלטן געמעגט טרינקען אפילו פּיראַטן פון אַכצענטן יאָרהונדערט און וואָלטן אויך געווען צופרידן.

פעלד-קוראַט אָטאָ קאַץ איז געווען אין התפּעלות.

— ווו האָט איר אויסגעלערנט קאָכן אַזאַ חיות? — האָט ער געפרעגט.

— אין ברעמען, ווו מיר האָט זיך געטראָפן צו זײַן מיט עטלעכע יאָר צוריק, — האָט געענטפערט שווייק, — בײַ אַ פאַרשיכורטן מאַטראָס, וואָס האָט געהאַלטן, אַז גראָג באַדאַרף זײַן

אזוי שטאַרק, אַז אויב מען פאַלט אַריין נאָך אַזאַ טרונק אין ים, זאָל מען קאָנען אַריבערשווימען דעם לאַמאַנש־קאַנאַל. וואָרום נאָך אַ שוואַכן גראָג טרינקט מען זיך, ווי אַ בלינד הינטל.

— נאָך אַזאַ גראָג, שווייק, וועט די געזעגן־תּפילה ביי אונדז אַראָפּ ווי געשמירט, — האָט דער פעלד־קוראַט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג. — מיר דוכט, אַז מען וואָלט פריער באַדאַרפט זאָגן עטלעכע ווערטער: אַזאַ תּפילה איז דאָך ניט קיין שטות, ווי די מעסע אין דער מיליטער־טורמע, ביי אַזאַ פייערלעכער געלעגנהייט דאַרף מען זיך האַלטן פעסט. אַ פעלד־אַלטאַר האָבן מיר. פאַרשטייט איר, אַזאַ קעשענע־אַלטאַר, וואָס לייגט זיך צענויף. הייליקע מוטער! — האָט ער זיך מיט אַ מאָל געכאַפּט פאַרן קאָפּ. שווייק, מיר זיינען דאָך ביידע אייזלען! ווייסט איר, ווו אָט דער פעלד־אַלטאַר איז ביי מיר געווען באַהאַלטן? אין דיוואַן, וואָס מיר האָבן פאַרקויפט.

— ט—יאָ, דאָס איז אַ ביטערע מעשה, הער פעלד־קוראַט, — האָט זיך אָפּגערופן שווייק. — אמת, איך קען אים, דעם דאָזיקן הענדל'ער מיט געניצטע מעבל. נאָר גראָד נעכטן האָב איך באַגעגנט זיין ווייב און בין געוואָר געוואָרן, אַז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט עפּעס איבער אַ שלימזלדיקן געגנבעטן אַלמער, און אַז אונדזער דיוואַן געפינט זיך ביי אַ לערער אין ווירשאָוויץ. אַ צרה מיטן דאָזיקן פעלד־אַלטאַר! גלייכער פון אַלץ איז אויסטרינקען דעם גראָג און גיין אים זוכן, וואָרום מיר דוכט, אַז אָן אַ פעלד־אַלטאַר קאָן מען דאָך די תּפילה ניט אָפּריכטן.

— אין דער אמתן, אונדז פעלט נאָר דער פעלד־אַלטאַר, — האָט דער פעלד־קוראַט אָפּגעזיפצט ביטער. — אַלץ איז שוין צוגעגרייט אויפן פּלאַץ. די טשעסלערס האָבן אויסגעבויט אַן עסטראַדע. אַ גאָבן־האַלטער גיט מען אונדז פון ברזשעוונאָוו. אַ שאַל דאַרף איך האָבן אַן אייגענע, נאָר האַלט — ווו איז זי?..

ער האָט זיך פאַרקלערט.

— לאָמיר זאָגן, איך האָב זי אָנגעוואָרן. דעמאָלט וועלן מיר קריגן דעם ספּאָרט־באָקאַל פון לייטענאַנט וויטינגער פון 75־טן פּולק. ער האָט אים אַמאָל געוואונען ווי אַ פּריז ביים לויפן.

ער איז אַ גוטער לויפער. איך האָב נאָך נעכטן מיט אים אָפּגערעדט. איך בין אָבער אַ טיפּש, וואָס איך לייג אַלץ אָפּ אויף דער לעצטער מינוט. און פאַרוואָס האָב איך, אידיאָט איינער, ניט אָנגעשטויסן זיך אַ קוק צו טאָן אין דיוואַן.

— איך האַלט, אַז מיר דאַרפן פאָרט ניט אַנדערש אויסגעפינען דעם דאָזיקן פעלד־אַלטאַר, — האָט שוויק ווידער געטענעט דאָס זייניקע.—צייט איז נאָך פאַראַן גענוג. איך וועל נאָר אָנטאָן דעם מונדיר און אויסטרינקען נאָך אַ גלעזל גראָג.

צולעצט האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אונטערוועגנס האָט דער פעלד־קוראַט דערציילט שוויקן, אַז ער האָט נעכטן געווונען אין קאָרטן אַ הויפן געלט, און אויב עס וועט אַלצדינג אַראָפּ גוט, וועט מען קאָנען אויסלייזן פון לאָמבאַרד די פּיאַנאָ.

בײַ דער פרוי פונם הענדלער זיינען זיי געוואָר געוואָרן דעם אַדרעס פונם לערער אין וורשאָוויץ, וואָס אים האָט איצט געהערט דער דיוואַן. אַהין זיינען זיי געגאַנגען צופוס, ווייל דער פעלד־קוראַט האָט דערקלערט, אַז ער מוז זיך דורכשפּאַצירן אויף דער פרישער לופט, בכדי זיך אַביסל אויסצונטשוכען.

געקומען אין וורשאָוויץ צום לערער, אַן עלטערן מענטשן, האָבן זיי זיך דערוווּסט ניט קיין געשמאַקע נייס. וואָרום דער לערער, וואָס איז געווען אַ פרומער מאַן, אַז ער האָט געפונען אין דיוואַן דעם אַלטאַר האָט ער געגלויבט, אַז דאָס איז אַ נס מן השמים, און האָט אַוועקגעשאָנקען דעם אַלטאַר דער קירך אין וורשאָוויץ, בתנאי אַז אויף דער הינטערשטער זייט פון אַלטאַר זאָל זיין אַן אויפשריפט: „די דאָזיקע מתנה האָט מנדב געווען פון גאָטס כבוד וועגן הער קאָלאַרזשיק, אַן אויסגעדינטער לערער אין יאָר פון האַר 1914”.

— דאָס געפעלט מיר גאָר ניט, — האָט געזאָגט דער פעלד־קוראַט.—אַ זאַך, וואָס געהערט ניט אייך, האָט איר באַדאַרפט אָפּגעבן דער פּאָליציי, אָבער ניט עפּעס אַ ליטאַרע קירך.

— דער דאָזיקער נס מן השמים, — האָט שוויק מוסיף געווען פון זיך, — קאָן אייך נאָך דערגיין די יאָרן. איר האָט

דאָך געקויפט נאָר אַ דיוואַן, און ניט קיין אַלטאַר, וואָס געהער צום מיליטער־רעסאָר. איר קאָנט גוט אַריינפאַלן פאַר אַזאַ מעשה. דאָס גלייכסטע וואָלט געווען, ווען איר גייט מיט אונדז צום היגן גייסטלעכן ער זאָל אָפּגעבן דאָס קרוינשע גוטס. אַ פעלד־אַלטאַר איז דאָך ניט קיין קאַץ און קיין אַניצע, מען זאָל עס קאָנען שיינ־קען, ווענען מען וויל.

דער לערער האָט געציטערט מיטן גאַנצן גוף, און אַ צאָן אָן אַ צאָן האָט ביי אים געקלאַפּט.

— גלויבט מיר, איך האָב דאָך קיין שלעכטס ניט גע־מיינט,—האָט ער פאַרזיכערט. — איך האָב נאָר געטראַכט, אַז דורך אַזאַ נס קאָן איך העלפן אויספוצן די אָרימע קירך אין ווּרשאָוויץ.

— יאָ, אָפּן חשבון פון מיליטער־רעסאָר! — האָט שווייק זיך אָפּגערופן שאַרף. — זאָל אייך דער אויבערשטער אויסהיטן פון אַזעלכע נסים. אַ געוויסער פּיוואָנקאַ פון כאָטעבאָרזש האָט אויך געמיינט, אַז עס איז אַ נס מן השמים, ווען ער האָט אַמאָל דערטאַפּט אַ שטריקל מיט אַ פרעמדער קו.

דער אומגליקלעכער אַלטער איז געוואָרן אין גאַנצן צע־טומלט פון אַזעלכע רייד און האָט אופגעהערט אפילו צו פאַר־ענטפערן זיך. ער האָט זיך געסטאַרעט וואָס גיכער זיך אָנצוטאָן און צו מאַכן אַ סוף צו דער געשיכטע.

דער ווּרשאָוויצער גייסטלעכער האָט נאָך געשלאָפן. אופגע־כאַפּט זיך פון די קלעפּ אין טיר, האָט ער גענומען זידלען זיך, ווייל פון שלאָף האָט ער געמיינט, אַז מען רופט אים זאָגן וידוי מיט אַ קראַנקן.

— וואָלטן, דוכט זיך, געקאָנט צוואַרטן מיט זייער וידוי, —האָט ער ברוגז געבורטשעט, אַרופציענדיק אָף זיך די קליידער, —מוז מען דאָס שטאַרבן דווקא אין דער רגע, ווען אַ מענטש איז נאָר וואָס איינגעשלאָפן? און דערנאָך גיי מאָן ביי זיי אין דאָס געלט.

זיי האָבן זיך באַגעגנט אין פאַרצימער. איינער—דער פאַר־טרעטער פון גאָט צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג אין ווּרשאָ־

וויץ, און דער צווייטער — גאַנץ פאַרטרעטער אַף דער ערד ביים מיליטער=רעסאָר.

דער וורשאַוויצער גייסטלעכער האָט געטענעט, אַז אַ פעלד־אַלטאַר דאַרף ניט געפינען זיך אין דיוואַן. דערויף האָט דער פעלד=קוראַט געענטפערט, אַז נאָך ווינציקער פאַסט ער זיך אריין אין קירך, ווו עס קומען נאָר ציווילע יאָלדן, נאָר על פי טעות קומט ער אהין.

דערביי האָט נאָך שווייק אַרייגעשטעלט זיינע ווערטלעך, אַז עס איז קיין קונץ ניט אויסצופוצן אַן אָרימע קירך אַפן חשבון פון מיליטער=רעסאָר. דאָס וואָרט „אָרימע" האָט ער באַזונדערס אונטערגעשטריכן.

סוף כל סוף זיינען זיי אַוועק אין קליידער=צימער, און דאָרט האָט זיי דער גייסטלעכער אָפגעגעבן דעם אַלטאַר און האָט פון זיי אַרויסגענומען אַזאַ קוויטל:

„בזה באַשטעטיק איך, אַז איך האָב געקראָגן צוריק דעם פעלד=אַלטאַר, וואָס איז צופעליק אַרייגעפאַלן אין וורשאַוויצער קירך. פעלד=קוראַט אָטאָ קאַץ".

דעם אַזוי צוריקגעפונענעם פעלד=אַלטאַר האָט שווייק מיט מזל אַרייגעפאַקט אין אַ עקיפאַזש און אַליין האָט ער זיך אַרויפגעזעצט ביים קוטשער אַף דער קעלניע. דער פעלד=קוראַט האָט זיך ברייט צעליינט אין עקיפאַזש, מיט די פיס איבער דעם אַלטאַר.

שווייק האָט מיטן קוטשער פאַרפירט אַ שמועס וועגן דער מלחמה.

דער קוטשער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר עפּעס אַנגעשטויס אַף דער מלוכה. ער האָט געמאַכט אַזעלכע מאָרנע באַמערקונגען מכח די עסטרייכישע נצחונות, ווי אַ שטייגער: „האָבן זיי דאָס אייך אַרייגעצימבלט אין סערביע!" וכדומה נאָך אַזעלכע. אַז זיי זיינען צוגעפאָרן צו דער פראָוויאַנט=וואַך, האָט מען ביי זיי געפרעגט, וואָס זיי פירן.

— די הייליקע דריי=איניקייט מיט דער בתולה מאַריאַ מיטן פעלד=קוראַט, — האָט שווייק געענטפערט.

דערווייל האָבן די מאַרש־ראָטעס אָפּן פּלאַץ געוואָרט אַף זיי מיט אומגעדולד.

זיי האָבן געמוזט לאַנג וואַרטן, וואָרום מען האָט באַדאַרפט פריער ברייגען דעם ספּאָרט־באָקאַל פון לייטענאַנט וויטינגער, דערנאָך שיקן אין בראָשאָווער קלויסטער נאָך די איבעריקע קירכן־כלים, דערין אויך אַ פלעשל קירכן־וויין. פון דעם איז צו זען, אַז עס איז גאָר ניט אַזאַ פשוטע זאַך אָפּצוריכטן אַ געזעגן־תפילה.

— נישקשה, ס׳וועט רעכט ווערן, — האָט שוועיק געזאָגט צום קוטשער.

און ער איז געווען גערעכט, וואָרום, אַז זיי זיינען אָפּן פּלאַץ אָנגעקומען ביז צו דער עסטראַדע מיט הילצערנע ווענטלעך און בּיזן טישל, וווּ עס איז געווען אויפגעשטעלט דער פעלד־אַל־טאַר, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פעלד־קוראַט האָט פאַרגעסן מיטצונעמען אַ באַהעלפער.

געוויינטלעך פלעגט ביי אים דינען פאַר אַ באַהעלפער איי־נער אַ פוסגייער־סאָלדאַט, אָבער איצט האָט מען אים געמאַכט פאַר אַ טעלעפאָניסט און איועקגעשיקט אָפּן פראָנט.

— ס׳מאַכט ניט אויס, הער פעלד־קוראַט, — האָט דער־קלערט שוועיק, — איך וועל דערמיט אויך פאַרטיק ווערן.

— פאַרשטייט איר דען צו העלפן ביים דינסט?

— מיר איז קיינמאָל ניט אויסגעקומען, — האָט שוועיק געענטפערט, — נאָר פאַרוואָס זאָלן מיר ניט פרווון? איצטער איז מלחמה און אַף מלחמה טוען מענטשן אַ סך זאַכן, וואָס עס האָט זיי פריער אַפילו ניט געחלומט. איך מיין, אַז איך וועל קאָנען ענטפערן אַף אייערע ברכות, און ווייטער וועט, כ׳לעבן, ניט זיין שווער אַרומצודרייען זיך אַרום אייך, אופגיסן אייך די הענט, און איינגיסן אייך וויין פון די כלים.

גוט — האָט געזאָגט דער פעלד־קוראַט — אָבער פאַסט אויף, איר זאָלט מיר ניט איינגיסן קיין וואַסער. גלייכער איז, בכדי ניט צו האָבן קיין טעות, אַריינצוגיסן וויין אויך אין דער צווייטער כלי. איבעריקנס, וועל איך אייך געבן סימנים, וווּ איר האָט צו גיין,

רעכטס אָדער לינקס. וועל איך שטילערהייט אַ פייף טאָן איין מאָל, וועט דאָס הייסן רעכטס, ווען צוויי מאָל — איז לינקס, איר זייט ניט קיין שרעקעוודיקער?

— איך האָב פאַר גאָרנישט קיין מורא ניט, הער פעלד־קוראַט, אפילו צו זיין אַ באַהעלפער ביי אַ גייסטלעכן.

דער פעלד־קוראַט איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַלץ שטותערײַ.

אַלץ איז געגאַנגען ווי אַ מזמור.

דעם פעלד־קוראַטס רעדע איז געווען זייער אַ קורצע.

— סאָלדאַטן! מיר האָבן זיך צענויפגעקליבן, כּדי פאַרן אָפּפאָרן אַפן שלאַכט־פעלד אויפצוהויבן אונדזערע הערצער צו גאָט, ער זאָל אונדז שיינקען דעם נצחון און אָפּהיטן אונדז בשלום. איך וועל אייך לאַנג ניט פאַרהאַלטן און ווינטש אייך כּל טוב!

— פרײַ! — האָט אַ קאָמאַנדיר געטאָן דער אַלטער פּולקאָווניק אַפן לינקן פלאַנג.

די גאַנצע צערעמאָניע האָט געדויערט סך הכּל צען מינוט. און די וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט זיינען געווען שטאַרק פאַרוווּנדערט, וואָס דער פעלד־קוראַט פלעגט בעת דער תּפילה אַ מאָל אַ פייף טאָן.

שווייק האָט געפּאָלגט די סיגנאַלן. האָט זיך געדרייט פון רעכטס אַף לינקס און פון לינקס אַף רעכטס און האָט אַלץ איבערגעחזרט איין און די זעלביקע פראַזע, וואָס ער האָט געוווּסט.

אַלע האָבן געקליבן נחת. די אָפיצערן, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום פּולקאָווניק, האָבן דערציילט איינער דעם אַנדערן אַנעקדאָטן, און אַזוי אַרום איז אַלץ געגאַנגען אין בעסטן סדר. צווישן די פּשוטע סאָלדאַטן האָט מען געקאָנט דאָ און דאָרטן הערן: „אַנו, לאָז מיר אויך אַ זופּ מאָן".

פון אַלע ווינקעלעך זיינען אויפגעשטייגט בלאָלעכע וואָלקנדלעך רויך צום הימל. אַז דער פּולקאָווניק האָט אָנגעצונדן אַ סיגאַר, האָבן אַלע פאַררויכערט.

צולעצט א קאָמאַנדע: „צו דער תּפילה זיך שטעלן!", א וואָלקן שטויב — און דער גראָער פּירעק פון מונדירן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אָף די קני פון לייטענאַנט וויטינגערס ספּאָרט־באָקאַל.

דער באָקאַל איז געווען אָנגעגאָסן ביזן ראַנד. און די אַל־געמיינע מיינונג פון די, וואָס האָבן צוגעקוקט און געזען, וואָס דער פעלד־קוראַט טוט, איז געווען: „ער האָט אים טאַקע אויסגע־בליאָבעט!"

די דאָזיקע הייליקע עבודה האָט זיך איבערגעחזרט צוויי מאָל. דערנאָך איבעראַניים: „צו דער תּפילה זיך שטעלן!", דערנאָך דער הימן, די קאָמאַנדע: „אופמערקן, אָרדנען!" — און אוועק צום וואָקזאַל.

— קלייבט צענויף אָט דעם גאַנצן רומל, — האָט דער פעלד־קוראַט באַפוילן שווייקן, — כּדי מיר זאָלן קאָנען אָפּפירן אַלץ, ווו עס געהער אַהין.

זיינען זיי ווידער געפאָרן מיט זייער פורמאַן און האָבן ער־לעך אָפּגעגעבן אַלץ, וואָס זיי האָבן גענומען, חוץ דעם פלעשל קירכן־וויין.

אַז זיי זיינען געקומען אַהיים און האָבן אָפּגעשיקט זייער פורמאַן דעם שלימזול צום קריגז־שטאַב, ער זאָל אָפּנעמען דאָרט וואָס אים קומט פאַר עטלעכע שעה אַרומפאָרן, האָט שווייק זיך געווענדט צום פעלד־קוראַט:

— איך האָב דעם כּבוד צו מעלדן, הער פעלד־קוראַט, צי מוז דער באַהעלפער געהערן צו דער זעלביקער אמונה ווי דער וואָס ריכט אָפּ די תּפילה?

— אודאי, — האָט געענטפערט דער פעלד־קוראַט, — אַניט איז די מעסע ניט גילטיק.

—אויב אַזוי, הער פעלד־קוראַט, איז דאָ געשען אַ גרויס פאַר־זען, — האָט געזאָגט שווייק, — וואָרום איך געהער ניט צו קיין אמונה. ווי מיר גייט ניט, איז דאָס אָף חידושים!

האָט דער פעלד־קוראַט אַ קוק געטאָן אױף שװײקן אַ װײַלע שװײַגעװדיק, דערנאָך האָט ער אים אַ קלאַפּ געטאָן איבערן פּלײצע און געזאָגט:

— איר מעגט אױסטרינקען די װײַן, װאָס איז געבליבן אין פלעשל, און זיך פאָרשטעלן, אַז איר זײַט װידער אַרײַן אין שױס פון דער קאַטױלישער קירך.

.12

## א רעליגיעזער ויכּוח.

שװײק פלעגט אַמאָל גאַנצע טעג ניט זען דעם פעלד־קוראַט. אַז ער פלעגט קומען אַהײם פון זײַנע הוליאַנקעס נאָך בײַם פולן זינען, פלעגט ער שמועסן מיט שװײקן פאַרן שלאָפן גײן װעגן הױכע זאַכן, װעגן נשמה־פײַער, װעגן פרײד פון דײנקען.

אַמאָל פלעגט ער פּרוּװן רײדן אין פערזן און ציטירן הײנען.

שװײק איז נאָך אַמאָל אַרױסגעטראָטן פאַר אַ באַהעלפער פון זײַן פעלד־קוראַט בײַ דער געזעגן־תּפילה אין פּאָנטאָן־באַטאַליאָן. על פּי טעות איז דאָרט אײַנגעלאַדן געװאָרן נאָך אַ צװײטער פעלד־קוראַט, אַ געװעזענער לערער פון רעליגיע, אַ ניט געװײנטלעך פרומער מאַן. ער האָט מיט גרױס חידוש אַ קוק געטאָן אױף זײַן קאָלעגע, בעת יענער האָט אים אָנגעבאָטן אַ שלוק קאָניאַק פון פלאַש, װאָס שװײק פלעגט שטענדיק טראָגן מיט זיך אין אַזעלכע פאַלן.

— דאָס איז אַ גוטער סימן,—האָט געזאָגט דער פעלד־קוראַט אָטאָ קאַץ. — נעמט אַ טרונק און גײט זיך אַהײם. איך װעל דאָ שױן אַלײן פאַרטיק װערן. איך דאַרף נאָך הײנט זײַן אױף דער פרישער לופט, מיר טוט עפּעס דער קאָפּ װײ.

איז דער גאָטספאָרכטיקער פעלד־קוראַט אװעק אַהײם, און קאַץ האָט, װי שטענדיק, אױסגעצײכנט אָפּגעריכט די צערעמאָניע.

די תּפילה איז אַריבער אָן שום שטרױכלונג, אָנגענעם און פרײלעך. די סאָלדאַטן זײַנען געבליבן זײער צופרידן.

צוריקוועגס האָט מען דעם פעלד־קוראַט און שווייקן מיט זייער פעלד־אַלטאַר ניט געוואָלט אַריינלאָזן אין טראַמוואַי.

— וואַרט אָקאָרשט, אָט וועל איך דיר אַ בענטש טאָן איבערן קאָפּ מיט מיין הייליקן—האָט שווייק אַ סטראַשע געטאָן דעם קאָנדוקטאָר.

אַז זיי זיינען סוף כל סוף געקומען אַהיים, האָבן זיי דערזען, אַז עס פעלט זיי דער גאָב־האַלטער.

—ס'מאַכט ניט אויס, — האָט שווייק באַמערקט — די ערשטע קריסטן זיינען זיך באַגאַנגען אָן אַזאַ כלי. אויב מיר וועלן מעלדן וועגן אונדזער אבדה, קאָן דער געפינער נאָך מאָנען ביי אונדז אַ באַלוינונג. אויב דאָס וואָלט געווען געלט, וואָלטן אפשר זיך ניט געפונען קיין ערלעכע געפינערס, הגם עס טרעפן זיך אַזעלכע נפשות אויך. אַ שטייגער, ביי אונדז אין בודוויס אין פולק איז געווען אַ סאָלדאַט, אַ ווייכהאַרציקער אַזוינער, אַ לעמעשקע, האָט ער איינמאָל אין גאַס געפונען זעקסהונדערט קרוינען און האָט זיי אָפּגעגעבן אין פּאָליציי, און מען האָט וועגן אים געשריבן אין די בלעטער, אַז ער איז אַן „ערלעכער געפינער". און ער האָט דערפון געהאַט געבראָטענע לייד. קיינער האָט מיט אים ניט געוואָלט ריידן, אַלע האָבן אים אויפגעוואָרפן: „אַך דו, לעקיש איינער! וואָס האָסטו דאָס אָפּגעטאָן? דאָס באַדאַרף דיך דאָך ערגערן ביזן טויט, אויב דו האָסט נאָר אַ קאַפּעלע געוויסן אין זיך!" ער האָט געהאַט אַ געליבטע — האָט זי אים אַוועקגעוואָרפן. איז ער געקומען צו זיך אין דאָרף אויף אורלאָפּ, האָבן די חברים אים אַרויסגעוואָרפן פון זייער חברותא. האָט ער אָנגעהויבן פאַרטראַכטן זיך, איז דאַר געוואָרן, און, צולעצט, האָט מען אים געפונען אונטער די רעדער פון אַ צוג... און אָט האָט אַ שניידער ביי אונדז אין גאַס געפונען אַ גאָלדענעם פינגערל. האָבן גוטע לייט אים מתרה געווען, ער זאָל ניט אָפּגעבן אין פּאָליציי, האָט ער אָבער ניט געפאָלגט. דאָרט האָט מען אים צוגענומען זייער פריינטלעך און געזאָגט, אַז עס איז שוין אָנגעגעבן געוואָרן אַ מעלדונג, אַז עס איז פאַרלאָרן געגאַנגען אַ גילדענער פינגערל מיט אַ בריליאַנט. דערנאָך האָבן זיי אַ קוק געטאָן אויפן שטיין און זאָגן

צו אים: „הערט זיך אײַן, גוטער ברודער, דאָס איז דאָך גלאָז, ניט קיין בריליאַנט! וויפיל האָט מען אײַך משלם געווען פאַרן עכטן? מען קען אַזעלכע ערלעכע געפינערס!" סוף כל סוף האָט זיך אויפגעקלערט, אַז נאָך עמיצער האָט פאַרלאָרן אַ גילדענעם פינגערל מיט אַ פאַלשן בריליאַנט, עפעס אַן אָנדיינק, נאָר ביז וואָס ווען האָט מען דעם שנײַדערל אָפּגעהאַלטן דרײַ טעג הינטער די גראַטעס, וואָרום פאַר כעס האָט ער דאָרטן עמיצן אַרײַנגע=זאָגט אַ פאָר גוטע ווערטער. און דערנאָך האָט ער געקראָגן אַ באַלוינונג פאַר דעם געפינס לויטן געזעץ איין קרוין מיט צוואַנציק העלער, וואָרום די דאָזיקע שמאַטע האָט געקאָסט סך הכל צוועלף קרוינען, און ער האָט אָט דידאָזיקע געזעצלעכע באַלוינונג אַרײַנ=געשלײַדערט דעם בעל=הבית אין צורה אַרײַן. יענער ווידער האָט אים אָנגעקלאָגט פאַר פּערזענלעכער באַליידיקונג, און אונדזער שנײַדער האָט געמוזט באַצאָלן צען קרוין שטראָף, שפּעטער פלעגט ער שוין טענען, אַז איטלעכער „ערלעכער געפינער" פאַרדינט, מען זאָל אים אַרײַנצײַלן פינף און צוואַנציק, און אַז אים אַליין דאַרף מען אַרײַנקאַטשעווען בפני כל עם ועדה, מען זאָל זיך אַראָפּ=נעמען אַ מוסר... איך מיין, אַז קיינער וועט אונדז ניט אָפּגעבן אונדזער גאָב=האַלטער, הגם הינטן איז דאָרט אָנגעצייכנט די ליטערע פון אונדזער פולק, וואָרום מיט דער מיליטער=מאַכט וויל קיינער קיין עסקים ניט האָבן. גיכער וועט ער דאָס אַרײַנוואַרפן אין וואַסער, אַבי ניט צו האָבן קיין פאַרדרײַעניש. נעכטן האָב איך אין שײַנקל „גילדענער קראַנ'ץ" געהאַט אַ שמועס מיט אַ דורכפאָרער. דער מענטש איז שוין אַלט זעקסאונפופציק יאָר, און ער איז אַוועק אין נײַפאַך אין שטאַב נאָכפרעגן זיך, אַף וואָסער סמך האָט מען בײַ אים רעקווירט אַ וואָגן. אין שטאַב האָט מען אים פשוט געגעבן האַלדז און=אַקן, און צוריקוועגס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט קוקן אַף אַ מיליטער=וואָגן=צוג, וואָס איז געשטאַנען אַפן פּלאַץ. האָט איינער אַ יונגער מאַן געבעטן בײַ אים, ער זאָל אַ ווײַלע אַכטונג געבן אַף זײַן פערד, ווײַל זיי פירן פּראָוויאַנט עפעס פאַר אַ מיליטער=טײל, און אַליין איז ער אַוועק און שוין מער ניט געקומען. אַז דער וואָגן=צוג איז אַוועק ווײַטער, האָט

מען דעם דאָזיקן מענטשן געצווונגען מיטצוגיין אַזש קיין אונגאַרן. דאָרט ערשט איז ער געפאַלן אַף דער זעלביקער המצאה צו בעטן עמיצן צו היטן אַ ווײַלע זײַן פערד, און נאָר אַף אַזאַ אופן האָט ער זיך געראַטעוועט, אַניט וואָלט מען אים ווײַטער מיטגע־שלעפּט. קיין סערביע. געקומען צוריק פון דאָרטן איז ער אַן אויסגעמוטשעטער און האָט זיך פאַרשוואָרן צו האָבן וואָסערע עס איז עסקים מיטן מיליטער.

אינאָוונט איז געקומען צו זיי צו גאַסט דער גאָטספּאָרכטיקער פעלד־קוראַט, וואָס האָט אינדערפרי אויך באַדאַרפט אָפּריכטן די תפילה אין פאָנטאָן־באַטאַליאָן. דאָס איז געווען אַ פאַנאַטיקער, וואָס האָט איטלעכן געוואָלט בײַקערן צום אמתן גלויבן.

ער איז געקומען טאַקע מיטן מיין ארופצופירן אַפן רעכטן וועג זײַן קאָלעגע קאַצן און אופצוּוועקן זײַן געוויסן. ער איז צוגע־טראָטן דערצו אָן שהיות.

— מיך וווּנדערט, — האָט ער באַמערקט, — וואָס מען זעט בײַ אײַך אין ערגעץ ניט קיין קרייץ. וווּ זאָגט איר די תפילות? קיין איין הייליק בילד נימאָ אַף די ווענט פון אײַער צימער!

דערווײַל איז שווייק אַוועק אין קיך, און עס האָט זיך פון דאָרט דריי מאָל געהערט אַ קנאַל, ווי מען ציט אַרויס אַ פּראָבן פון אַ פלאַש.

— דאָס איז גאָר אַ לײַכטער קירכן־ווײַן, טײַערער קאָלעגע,

— האָט געזאָגט קאַץ,—אַ גאַנץ אָנשטענדיקער סאָרט, ריסלינג, לויטן טעם דערמאָנט ער מאָזעל־ווײַן.

— איך וועל ניט טרינקען, — האָט זיך פאַרעקשנט דער פרומער פעלד־קוראַט. — איך בין געקומען אַהער, בכדי ארופ־צופירן אײַך אַפן רעכטן וועג.

— נאָר עס וועט דאָך בײַ אײַך טרוקן ווערן אין האַלדז, טײַערער קאָלעגע, — האָט געזאָגט קאַץ. — איר טרינקט, און איך וועל הערן. איך בין אַ מילדער מענטש און קאָן אויסהערן אַן פרעמדנס מיינונג.

האָט דער גאָטספּאָרכטיקער קוראַט אָפּגעזופּט אַ ביסל ווײַן און האָט אויסגעגלאָצט די אויגן.

— אַ ווילער ווײַן, אַ רוח אין אײַך אַרײַן. ניט אמת, הער קאָלעגע ?

— איך באַמערק, אַז איר רעדט נבול־פּה, — האָט דער פאַנאַטיקער באַמערקט שטרײַנג.

— שוין אַזאַ געוויינטשאַפט בײַ מיר, — האָט קאַץ זיך אָפּגערופן. — און אַמאָל כאַפּ איך זיך, אַז איך לעסטער פשוט. שוויק, גיסט אײַן דעם הערן קוראַט נאָך אַ גלעזל! איך קאָן אײַך פאַרזיכערן, אַז איך זאָג סײַ „בײַ גאָט", סײַ „כאַפּט עס דער שד", סײַ „טײַוול". ווי עס מאַכט זיך. מיר דוכט, אַז ווען איר וועט האָבן אָפּגעדינט אין פּולק, ווי איך, וועט איר אַליין געווינט ווערן. דאָס איז גאָר ניט אַזוי שווער. און בינו לבינו, לחיים, קאָלעגע!

דער געוועזענער לערער פון רעליגיע האָט מעכאַניש אַ זופּ געטאָן, קענטיק, אַז ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר ער האָט ניט געקאָנט, ער האָט געקליבן די געדאַנקען.

— טײַערער קאָלעגע, — האָט קאַץ גערעדט ווײַטער, — שטאַרקט זיך, מאַכט ניט אַזאַ זויערע מינע, פּונקט ווי מען וואָלט אײַך אין פינף מינוט אַרום באַדאַרפט הענגען. מען האָט מיר דערציילט וועגן אײַך, אַז איר האָט אײנמאָל אַ פרײַטיק אופגעגעסן אין רעסטאָראַן אַ חזירשן קאָטלעט, ווײַל איר האָט געמיינט, עס איז דאָנערשטיק, און דערנאָך האָט איר אין טואַלעט זיך אַרײַנגעשטעקט אַ פינגער אין קעל, בכדי אויסצוברעכן, ווײַל איר האָט מורא געהאַט, גאָט זאָל אײַך ניט באַשטראָפן. און איך האָב קיין מורא ניט צו עסן פלייש און האָב אפילו קיין מורא ניט פאַרן גיהנום. אנטשולדיקט, ערלויבט אָנצוגיסן! אָט איצט איז אײַך געוואָרן בעסער! אָדער איר האָט אַן אַנדער קוק אפן גיהנום, איר זײַט אפשר מסכּים מיט די מאָדערניסטן און רעפאָרמיסטן? איר ווייסט דאָך, דער גיהנום איז אַן אָרט מיט געוויינטלעכע קעסלען פאַר שוועבל. די רשעים פרעגלט מען דאָרט אַף מאַרגאַרינע; די בראָט־שפּיזן ווערן געדרייט דורך עלעקטריע; אַסך טויזנטער יאָרן ווערן די רשעים געפּרעסט דורך גוואַלטיקע שאָסיי־וואַלצן; דאָס סקריען מיט די ציין ברענגען אַרויס דאַנטיסטן מיט באַזונדערע

אינסטרומענטן, און די קרעכצן און געוויין ווערן פארצייכנט אף גראמאפאן-פלאטן, וואס מען שטעלט זיי צו דערנאך אין גן-עדן, בכדי די צדיקים זאלן הנאה האבן... אין גן-עדן שפריצן פולווע-ריזאטארט ארויס אדעקאלאן, און דער ארקעסטער פון פילהארמאניע שפילט אזוי לאנג בראמס, ביז עס ווילט זיך אריבער פון גן-עדן אין גיהנם אדער אין לייטער-גרוב אריין... לחיים, טייערער קא-לעגע! שווייק, גיסט אים אן קאניאק, מיר דוכט, אים איז געווארן ניט גוט.

אז דער גאטספארכטיקער איז געקומען צו זיך, האט ער ארויסגעשעפטשעט:

—גלויבן דאס איז אן עמפירישע חקירה. ווער עס גלויבט ניט אין מהות פון דער הייליקער דרייאיניקייט...

— שווייק, — איז קאץ אים ארייגעפאלן אין די רייד.— גיסט איין דעם הער פאלד-קוראט נאך קאניאק, ער זאל זיך אינגאנצן אויסטשוכען! אנו, זאגט איר אים עפעס.

— אין וולאשים, האב איך דעם כבוד צו מעלדן, הער פעלד-קוראט, — האט שווייק אנגעהויבן איין מעשה,—איז גע-ווען א דעקאן, וואס ער האט געהאט נאר איין דינסט. אף דער על-טער האט דער דעקאן גענומען שטודירן דעם הייליקן אווגוסטינוס, וואס מען זאגט אף אים, אז ער איז איינער פון די הייליקע פא-טערס פון דער קירך. האט ער ביי אים איבערגעלייענט, אז דער וואס גלויבט אין די אנטיפאדן, דארף מען אים ארייגלייגן אין חרם. האט ער גערופן צו זיך זיין דינסט און זאגט צו איר:

„הערט זיך נאר צו, איר האט מיר אנוסטן געזאגט, אז אייער זון איז א מאשיניסט און איז אוועקגעפארן קיין אווסטראליע. אזוי ארום געפינט ער זיך ביי די אנטיפאדן און מוז ארייגעלייגט ווערן אין חרם". — „הייליקער פאטער, — ענטפערט אים יענע, — מיין זון שיקט מיר דאך פון אווסטראליע בריוו און געלט". —„דאס אלץ קומט פון די ניט-גוטע.—זאגט צו איר דער הער דעקאן, — ווארום לויט דעם הייליקן אווגוסטינוס, איז קיין שום אווסטראליע ניטא, און דער סמך מם האט אייך פארדרייט דעם מוח", און דעם אנדערן זונטיק האט ער עפנטלעך אריינגע-

ליגט זי אין חרם און האָט אַלץ געשריען, אַז קיין אויסטראַליע איז אַף דער וועלט ניטאָ. האָט מען גענומען און גלייך פון קירך אים אָפּגעפירט אין משוגעים־הויז... בעצם האָט מען אסך באַדאַרפט אַריינזעצן אַהין...

דעם פרומען פעלד־קוראַט האָט גענומען שווינדלען פאַר די אויגן, און ער איז געקומען צו זיך ערשט נאָך אַ פריש גלעזל קאָניאַק, וואָס האָט אים אַריינגעשלאָגן אין קאָפּ.

— וואָס איז דאָס מיט אייך? גלויבט איר דען ניט אין גאָט? און אויב ניט, ווי אַזוי זייט איר דאָס געוואָרן אַ פעלד־קוראַט?

— טייערער קאָלעגע—האָט געענטפערט קאַץ, קלאַפּנדיק זיין גאַסט איבערן רוקן מעשה גוט־פריינט — כל זמן מלוכה האַלט, אַז די סאָלדאַטן, וואָס גייען זיך שלאָגן, געניטיקן זיך אין אַ ברכה פון גייסטלעכן, איז די שטעלע פון אַ פעלד־קוראַט ניט קיין שלעכטע פרנסה, וואָס מען אַרבעט זיך ביי איר ניט איבער. פאַר מיר האָט דאָס, לכל הפחות, בעסער געלוינט, ווי שלעפּן זיך איבער פאַראַד־פּלעצער און מאַנעווערס... דעמאָלט פלעג איך קריגן באַפעלן פון עלטסטע, איצט טו איך, וואָס מיר ווילט זיך. איך בין דער ממלא מקום פון איינעם, וואָס עקסיסטירט באמת גאָרניט, און דערפאַר שפּיל איך אַליין די ראָלע פון אַ גאָט. אַז איך וועל עמיצן ניט וועלן מוחל זיין די זינד, וועל איך ניט מוחל זיין, אפילו אויב ער וועט מיך בעטן אַף די קני. נאָר ביי היינטיקע צייטן זיינען אַזעלכע ווייניק פאַראַן.

איך האָב ליב גאָט — האָט געזאָגט דער גאָטספאָרכטיקער פעלד־קוראַט מיט אַ הויכן כלוקערץ, — איך האָב אים זייער שטאַרק ליב. גיט מיר אַ קאַפּעלע ווין. איך שעץ הויך גאָט,— האָט ער ווייטער גערעדט, — איך שעץ אים און אכט אים זייער. קיינעם שעץ איך ניט אַזוי, ווי אים.

ער האָט אַזאַ זעץ געטאָן מיטן פויסט אַפן טיש, אַז די פלעשלעך האָבן זיך צעקלונגען.

— גאָט איז אַ געהויבענע זאַך, וואָס האָט ניט צו טאָן מיט דער ערד, ער איז אַ ליכטיקע פערזענלעכקייט—די איבער־

צײַגונג װעט איר בײַ מיר קײנער ניט אָװעקנעמען. אויף די הײליקע האָב איך דליב...

אַזוי האָט דער שמועס זיך געצויגן. אָפּן טיש זײַנען געשטעלט געװאָרן אַלץ נײַע פּלעשלעך, און פֿון צײַט צו צײַט האָט זיך געלאָזט הערן קאַצס אויסרוף:

— זאָג, אַז דו גלויבסט ניט אין גאָט, אַניט װעל איך דיר ניט אײַנגיסן.

ס'האָט געהאַט דעם פּנים, װי עס װאָלטן זיך אומגעקערט, די צײַטן פֿון רדיפֿות אַף קריסטן, דער געװעזענער לערער פֿון רעליגיע האָט געזונגען עפּעס אַ מאַרטירער־הימן און האָט געשריען:

— מענסט פּלאַצן, איך גלויב אין גאָט און װעל אים ניט פֿאַרלײקענען. װערג זיך מיט דײַן װײַן, איך קאָן אַלײן שיקן נאָך װײַן.

סוף כּל סוף האָט מען אים אַרײַנגעלײגט אין בעט. פֿאַרן אײַנשלאָפֿן האָט ער אױפֿגעהויבן די האַנט, װי צו אַ שבֿועה און האָט געזאָגט:

— איך גלויב אין גאָט דעם פֿאָטער און אין זון און אין הײליקן גײסט. ברײַנג מיר אַ געבעט־בוך...

שװײק האָט אים אַרײַנגערוקט אין האַנט עפּעס אַ בוך, װאָס איז געלעגן אָפּן נאַכט־טישל, און דער פֿרומער קוראַט איז אַנטשלאָפֿן געװאָרן, פֿעסט צוגעדריקט צו זיך באָקאַטשיאָס „דעקאַמעראָן”.

## 13.

## שװײק גײט אָפּריכטן װידוי.

דער פֿעלד־קוראַט האָט געקראָגן אַ באַפֿעל צו גײן אָפּריכטן װידוי מיט שװער פֿאַרװונדעטע אין לאַזאַרעט. ער איז געװען שטאַרק אומצופֿרידן.

— הערט זיך אײַן, שװײק, — האָט ער אױסגערופֿן, — איז דען דאָס ניט קײן חזירײַ? אַזוי װי איך װאָלט געװען דער

איינציקער פעלד־קוראַט אין פּראָג. פאַרוואָס שיקט מען ניט אַהין יענעם גאָטספּאָרכטיקן גייסטלעכן, וואָס האָט בײַ אונדז אַנוסטן געגעכטיקט? אונדז שיקט מען ז׳פריכטן ווידוי אַף קאַרל־פּלאַץ. איך האָב אַפילו פאַרגעסן, ווי מען מאַכט דאָס.

— מילא, וועט מען מוזן קויפן אַ קאַטעכיזיס, הער פעלד־קוראַט, דאָרט איז מסתמא אַלצדינג באַשריבן, — האָט זיך אָפּגערופן שווייק.

אַז שווייק האָט געבראַכט דעם קאַטעכיזיס, וואָס ער האָט געקויפט, האָט דער פעלד־קוראַט אים דורכגעבלעטערט און געזאָגט:

— אַזוי איז די מעשה! די זאַלבונג מעג אָפּריכטן נאָר אַ גייסטלעכער, און דאָס מיט בוימל, וואָס דער בּיסקופּ האָט געהייליקט. הייסט דאָס, אַז איר, שווייק, האָט קיין רעכט ניט אָפּצוריכטן ווידוי. און בוימל געהייליקטן דאַרפן מיר אויך האָבן. נאַט אײַך צען קרוין. קויפט אַ פלעשל. אין דער אינטענדאַנטורע איז מסתמא אַזאַ בוימל ניטאָ.

האָט שווייק זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן זוכן בוימל, געהייליקט פון בּיסקופּ. נאָר דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן ניט אַזוי גרינג צו געפינען.

ער איז איבערגעווען אין אַסך אַפּטייק־קראָמען, נאָר ווי ער פלעגט נאָר אַרויסזאָגן: „גיט מיר אַ פלעשעלע בוימל, געהייליקט פון בּיסקופּ", פלעגט מען זיך אָדער פאַנאַנדערלאַכן, אָדער פאַר אימה ווערן פאַרציטערטע. שווייק איז דערבײַ געבליבן שרעקלעך ערנסט.

האָט ער געפּרוּווט זוכן אין אַפּטייקן. אין דער ערשטער אַפּטייק, ווו ער האָט זיך געווענדט, האָט מען אים אויסגעזידלט און אַרויסגעוואָרפן. אין דער צווייטער האָט מען געוואָלט דורכן טעלעפאָן אַרויסרופן גיכע הילף, און אין דער דריטער האָט אים דער פּראָוויזאָר געזאָגט, אַז אין פאַרבן־געשעפט פון די ברידער פּאָליאַק אַף דער לאַנגער גאַס וועט ער געווים קריגן, וואָס ער דאַרף.

דאָס האָנדלס־הויז „ברידער פּאָליאַק" איז טאַקע געווען אַ געשעפט, ווו איר האָט געקאָנט קריגן אפילו פון פייגלמילך. זיי האָבן קיינמאל קיין קונה ניט אפּגעלאָזט מיט ליידיקע הענט.

אַז שווייק איז אַריין אַהין און האָט געבעטן פאַר צען קרוין בוימל, געהייליקט דורכן בּיסקופּ, האָט דער בעל־הבית פון געשעפט געזאָגט צום אָנגעשטעלטן:

— גיסט אים אָן צען דעקאַגראַם אָליי נומער 3.

און דער אָנגעשטעלטער האָט בעתן איינוויקלען דאָס פלעשל אין פּאַפּיר געזאָגט צו שווייקן מעשה געשעפטס־מאַן:

— דער בעסטער סאָרט, אַף מיין וואָרט. אויב איר וועט דאַרפן פּינזלען, לאַק אָדער פּאָליטורע, בעטן מיר זיך ווענדן צו אונדז. ביי אונדז איז אַלץ ראַיעל.

בינתים האָט דער פעלד־קוראַט געחזרט פון קאַטעכיזיס אַף אויסווייניק אַלץ, וואָס איז זינט דער סעמינאַריע ביי אים אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ. אַז שווייק איז געקומען צוריק, האָט ער אים געמאָלדן מיט גדלות:

—האָבן מיר שוין, הייסט דאָס, בוימל אויך. אָליי נומער 3 פון בעסטן סארט, מיר קענען מיט אים אויסשמירן אַ גאַנצן באַטאַליאָן. דאָס איז אַ סאָלידע פירמע. מען קאָן דאָרט קריגן אויך פּאָליטורע און לאַק און פּינזלען.

— גוט. און איצט, שווייק, גיי איך אין קאַפע, און אויב עמיצער וועט קומען, זאָל ער אַף מיר וואַרטן.

אין ערך אין אַ האַלב שעה אַרום איז געקומען אַ גראָער באַיאָרנטער מענטש, מיט אַ שטרייגנען אויסזען, אַ גראָדער ווי אַ שטעקן.

ער האָט ממש געפלאַקערט פון גרימצאָרן. ער האָט אויסגעזען, אַזוי ווי דער גורל וואָלט אים געהאַט אַראָפּגעשיקט צו פאַרלענדן אונדזער נישטיקע פּלאַנעטע און צעזייען איר אַש אין ווייטן וועלט־חלל.

זיין טאָן איז געווען שאַרף, טרוקן און שטרייננג.

— אינדערהיים? — אך אזוי, ווידער אוועק אין קאפּי? ווארטן? גוט, איך וועל ווארטן כאטש ביז מארגן אינדערפרי. אף קאפּייען סטאיעט, און אף צאלן חובות ניט? און נאך א גייסטלעכע פּערזאן, טפו, צום טייוול!

און ער האט אויסגעשפּיגן אין קיך אפן דיל.

— איר שפּייט זיך דא ניט, זייט מוחל! — האט שווייק געזאגט, באטראכטנדיק נייגעריק דעם פּארשוין.

— און איך וועל דוקא נאכאמאל אויסשפּייען, זעט איר, אט אזוי, — האט דער מענטש זיך פּארעקשנט און האט טאקע א צווייט מאל אויסגעשפּיגן. — ווי האט ער דאס קיין בושה ניט? א מיליטער־גייסטלעכער — און אזא חרפּה!

— אויב איר זייט א געבילדעטער מאן, — האט שווייק זיך געווענדט צו אים, — זאלט איר זיך אפּגעוויינען פון צו שפּייען אין א פרעמדער דירה. אדער אפשר מיינט איר, ווי באלד עס איז וועלט־קריג, מעגט איר זיך שוין אלץ ערלויבן? פירט זיך אנשטענדיק, און ניט ווי א לייזאק, האלט זיך לייטיש, רעדט העפלעך און שליידערט זיך ניט ווי א ווייסער חברהניק, איר יאלד שלימזלדיקער.

איז דער ברוגזער הער אופגעשפּרונגען פון שטול, טרייסלענדיק זיך פאר צארן, און האט אויסגעשריען:

— ווי דערוועגט איר זיך? אויב איך בין ניט קיין אנשטענדיקער מענטש, טא ווער בין איך? נו, נו, רעדט אפּענע ווערטער...

— א גראבּיאן זייט איר, אט וואס! — האט שווייק אפּגעהאקט, קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן. — שפּייט אפן דיל, ווי איר וואלט געווען אין טראמוואי, אין וואגאן אדער אין אן אנדער עפנטלעכן ארט. איך האב זיך אלע מאל געוווּנדערט, פאַרוואס זיינען דארט אומעטום אויסגעהאנגען מעלדונגען, אז מען טאר ניט שפּייען אפן דיל, און איצטער איז מיר דאס קלאר געווארן, אז דאס איז אלץ צוליב אייך. מען קאן אייך, משמעות, אומעטום גוט.

דער ברוגזער הער איז געוואָרן בלאַס און רויט און האָט געפּרוווט צודעקן זיך דורך אַ האָגל זידלערייען אַף שווייקן און אַפן פעלד־קוראַט.

— האָט איר געענדיקט אייער רעדע? — האָט שווייק געפרעגט רואיק, נאָכדעם ווי עס זיינען פאַרקלונגען די לעצטע זידל־ווערטער. — אָדער אפשר ווילט איר נאָך עפּעס מוסיף זיין, איידער איך לאָז אייך אַראָפּ פון די טרעפּ?

היות ווי דער ברוגזער הער איז שוין געווען אַזוי אויס־געשעפּט, אַז ער האָט ניט געקענט מער דערמאָנען זיך קיין איין גוט וואָרט און איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט שווייק באַשלאָסן, אַז עס איז ניט כדאי צו וואַרטן, ביז ער וועט ווידער אָנהויבן.

האָט ער אופגעעפנט די טיר, אַוועקגעשטעלט דעם ברוגזן הער מיטן פּנים צום אַרויסגאַנג און דערלאַנגט אים אַזאַ זעץ מיטן פוס, אַז דער בעסטער שפּילער פון דער בעסטער פוטבאָל־קאָמאַנ־דע אין דער וועלט וואָלט אים געמעגט מקנא זיין.

און הינטער דעם ברוגזן הער האָט אַף די טרעפּ זיך גע־לאָזט הערן שווייקס שטים:

— אַן אַנדערש מאָל, ווען איר וועט קומען צו גאַסט צו לייטישע מענטשן, זאָלט איר זיך אופפירן לייטיש.

דער ברוגזער הער האָט לאַנג אַרומשפּאַצירט אַהין און אַהער אונטער די פענצטער און האָט געוואַרט אַפן פעלד־קוראַט.

שווייק האָט געעפנט דעם פענצטער און האָט אים נאָכ־געקוקט.

צולעצט איז דער פעלד־קוראַט געקומען צוריק; ער האָט איינגעלאַדן דעם גאַסט אין צימער און האָט אים אָנגעבאָטן אַ שטול אַנטקעגן זיך.

שווייק האָט אָן שום רייד געבראַכט אַ שפּיי־שאָל און אַוועק־געשטעלט זי פאַרן גאַסט.

— וואָס טוט איר דאָס, שווייק?

— די מעשה איז, האָט דער פעלד־קוראַט, וואָס מיטן דאָזיקן האָב איך שוין געהאַט אַ שטיקל עסק פון וועגן שפּיען אויפן דיל.

— לאָזט אונדז אַליין, שוועיק, מיר דאַרפן אַרומריידן אַ געשעפט.

שוועיק האָט מיליטעריש געגריסט.

— רעכט, האָט דער פעלד־קוראַט, איך לאָז אייך אַליין.

ער איז אַרויס אין קיך, און אין צימער האָט זיך פאַרקײַלעכט אַזאַ מין טשיקאַווער שמועס:

— איר זײַט געוויס געקומען אײַנמאָנען דאָס געלט אויפן וועקסל, אויב איך ד'אַרף ניט קיין טעות? — האָט דער פעלד־קוראַט געפרעגט בײַ זײַן גאַסט.

— יאָ, און איך האָף...

דער פעלד־קוראַט האָט אַ זיפץ געטאָן.

— אַ מענטש פאַלט אַמאָל אַרײַן אין אַזאַ לאַגע, אַז פאַר אים בלײַבט נאָר די האָפענונג. ווי שיין איז דאָס וואָרט „האָפענונג״ אין דעם דרײַבלאַט „גלויבן, האָפענונג, ליבע״, וואָס הייבט דעם מענטשן פון לעבנס־כאַאָס אַרויס.

— איך האָף, האָט דער פעלד־קוראַט, אַז די סומע...

— זיכער, הויך־געערטער פרײַנט, — איז אים דער פעלד־קוראַט אַרײַנגעפאַלן אין די רייד, — איך קאָן אײַך נאָכאַמאָל איבערחזרן, אַז דאָס וואָרט „האָפן״ שטאַרקט דעם מענטשן אין זײַן קאַמף מיט די צרות פון לעבן. איר באַדאַרפט אויך ניט פאַרלירן די האָפענונג. ווי הערלעך דאָס איז צו האָבן אַ באַשטימטן אידעאַל און זײַן אַ ריינע, אַ כּשרע באַשעפעניש, וואָס גיט געלט אויף אַ וועקסל און האָפט, אַז דער וועקסל וועט באַצײַטנס באַצאָלט ווערן. איר מוזט האָפן, בסדר האָפן, אַז איך וועל אײַך אָפּצאָלן טויזנט קרוין, בעת איך האָב אין קעשענע אַפילו קיין הונדערטער ניט.

— הייסט דאָס, אַז איר... — האָט דער גאַסט אַרויסגערעדט שטאַמלענדיק.

— יא, הייסט דאס, אַז איך... — האט געענטפערט דער פעלד־קוראַט.

דעם גאַסטס פּנים האט אנגענומען א בייזן, אַ שלעכטן אויסדרוק.

— מיין הער, דאס איז שווינדל, — האט ער געזאגט אופשטייענדיק.

— באַרואיקט זיך, מיין פריינט...

— דאס איז שווינדל! — האט דער גאסט געשריען מעשה עקשן. — איר האט מיך אפּגענאַרט!

— מיין הער, — האט באַמערקט דער פעלד־קוראַט, — איר דאַרפט איבערבייטן די לופט, דא איז צופיל שטיקעדיק. שווייק! — האט ער אַ רוף געטאן צו דער קיך, — דער דאזיקער הער וויל זיך דורכשפּאַצירן אַף דער פרישער לופט.

— רעכט אַזוי, הער פעלד־קוראט, — האט זיך געלאזט הערן פון דארט שווייקס שטים, — איך האב דעם דאזיקן הער שוין איינמאל געוויזן די טיר.

— איבערחזרן! — האט געקלונגען דער באַפעל, וואס איז אויסגעפירט געווארן גיך, פינקטלעך און אין רייד.

— אט דאס איז ווויל, הער פעלד־קוראט, — האט געזאגט שווייק, געקומען צו־ריק אין וועסטיבול, — וואס מיר האבן מיט אים געמאַכט אן עק, איידער ער האט באַוויזן דא צו מאַכן אַ סקאַנ־דאל. אין מאַלעשיץ איז געווען אַ שיינקער, אן אנגעלייענטער אין אַלע ביכער. אַף איטלעכן פאַל פון לעבן האט ער געהאַט אַ פּסוק פון די הייליקע שריפטן. אז ער פלעגט עמיצן אַ פלעם טאן מיטן קאַנטשיק, פלעגט ער זאגן: „ווער עס זשאַלעוועט אַ רוט, דער האט פיינט זיין אייגענעם זון; און ווער עס האט ליב זיין זון, דער שטראפט אים באַצייטנס... וואַרט נאר, איך וועל דיר ווייזן, ווי זיך צו שלאגן ביי מיר אין שיינק".

— אט זעט איר, שווייק, וואס עס קומט א מענטשן, וואס גיט ניט אפּ קיין כבוד אַ גייסטלעכן, — האט דער פעלד־קוראַט זיך צעלאַכט. — און איצט מוזן מיר זיך ווי געהעריק צוגרייטן צו מארגן. מאַכט אונדז אַ פרעושעניצע מיט שינקען, קאכט אַפּ

פונש פון רויט=ווייַן, און דערנאָך וועלן מיר זיך פאַרטיפן אין פרומע מחשבות, ווי עס שטייט אין דער אָוונט=תפילה: „גאָט, נידער אַראָפּ מיט דייַן גענאָד אויף מייַן וווינונג און ווענד אָפּ פון מיר אַלע אָנשטעלענישן פון שטן".

פאַראַן אויף דער וועלט שטאַנדהאַפטיקע מענטשן. צי זיי האָט געהערט אויך דער פאַרשוין, וואָס מען האָט אים צוויי מאָל אַרויסגעוואָרפן פונם פעלד=קוראַטס דירה. גראָד אין דעם מאָמענט, ווען עס איז פאַרטיק געוואָרן די סעודה, האָט זיך דערהערט אַ קלונג. שווייק איז אַרויס עפענען, און אין אַ ווייַלע אַרום איז ער געקומען צוריק און האָט געמאָלדן:

— ער איז שוין ווידער געקומען, הער פעלד=קוראַט. ביז וואָס ווען האָב איך אים אייַנגעשלאָסן אין וואַנע=צימער, מיר זאָלן קענען רואיק אָפּעסן.

— אָט דאָס טויג שוין ניט, שווייק, — האָט דער פעלד= קוראַט געזאָגט. — אַ גאַסט אין שטוב — גאָט אין שטוב! פאַרצייַטן פלעגט מען בייַ אַ סעודה זיך ווילן מיט פאַרשיידענע פאַרזעענישן. ברייַנגט אים אָקאָרשט אַרייַן אַהער, זאָל ער אונדז אַמוזירן!

באַלד איז שווייק געקומען צוריק מיטן שטאַנדהאַפטיקן מאַן, וואָס האָט ברוגז און מרה=שחורהדיק געקוקט פאַר זיך.

— זעצט זיך, איך בעט אייַך, — האָט דער פעלד=קוראַט געווענדט זיך צו אים פרייַנטלעך. — מיר ענדיקן נאָר עסן וועטשערע. מיר האָבן געהאַט אָמאַרעס און געריכערטן לאַקס, איצט האָבן מיר נאָך אַ פרעזשעניצע מיט שינקען. יאָ, עס גייט אונדז ניט צו פאַרזינדיקן, אויב מענטשן אַנטלייען אונדז געלט. הלואי ווייַטער!

— איך מיין, אַז איך בין געקומען צו אייַך ניט צו טרייַבן קאַטאָוועס, — האָט זיך אָפּגערופן דער ברוגזער הער. — איך בין שוין דאָ הייַנט דאָס דריטע מאָל. איך האָף, אַז איצט וועט אַלץ קלאָר ווערן.

— איך האָב דעם כבוד צו מעלדן, הער פעלד=קוראַט,— האָט שווייק באַמערקט, — אַז עס איז פון אים בשום אופן ניט

פֿטור צו ווערן! דאָס איז די זעלביקע געשיכטע, ווי מיט אַ געווייסן בויש פֿון ליבען. אַבצען מאָל אין איין אָוונט האָט מען אים אַרויסגעוואָרפֿן פֿון „עקסנער", און ער איז אַלץ געקומען צוריק מיטן אויסרייד. אַז ער האָט כּלומרשט פֿאַרגעסן דאָרט זיין ל'ויולקע. ער איז אַרייַנגעקלעטערט דורכן פֿענצטער, דורכגעשפּאַרט זיך דורך דער טיר, דורך דער קיך, געקלעטערט איבערן צאָם דורכן קעלער און וואָלט אפֿשר אַראָפּגעלאָזט זיך דורכן קוימען, אויב די פֿייַערלעשערס וואָלטן אים ניט אַראָפּגענומען פֿון דאַך. אָט אַזאַ עקשן איז דאָס געווען און אַזאַ קריכער, אַז עס וואָלט אים געסטאַיעט אַף צו ווערן אַ מיניסטער אָדער אַ דעפּוטאַט. אָט סאַראַ מענטשן עס זיינען פֿאַראַן!

דער שטאַנדהאַפּטיקער מאַן האָט זיי ניט געהערט, וואָס מען רעדט, און האָט איינגעשפּאַרט געטענעט דאָס זייניקע:

— איך וויל האָבן קלאָרקייט און איך פֿאַרלאַנג, מען זאָל מיך אויסהערן.

— זאָל זיין, ווי איר ווילט — האָט געזאָגט דער פֿעלדקוראַט. — רעדט, חשובֿער פֿריינט, רעדט וויפֿיל אייער האַרץ גלוסט, און מיר וועלן דערווייל צובייסן. איך האָף, אַז דאָס וועט אייך ניט שטערן. שוויק, דערלאַנגט די צווייטע געריכט.

— ווערליג אייך איז באַוווּסט, — האָט דער שטאַנדהאַפּטיקער מענטש אָנגעהויבן, — ווילדעוועט בּיי היינטיקן מאָמענט דער וועלט-קריג. דאָס געלט האָב איך אייך געגעבן נאָך פֿאַרן קריג, און אויב עס וואָלט ניט געווען דער קריג, וואָלט איך נאָר אַזוי שטאַרק ניט געמאָנט. נאָר מיר האָט זייער ניט אָפּגעגאָלטן.

ער האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ נאָטיץ-ביכעלע און האָט ווייטער גערעדט:

— אָט דאָ איז בּיי מיר אַלץ פֿאַרשריבן. לייטענאַנט יאַנאַטאַ איז מיר געווען שולדיק זיבן הונדערט קרוין און ער האָט געהאַט די דרייסטקייט צו פֿאַלן אין שלאַכט בּיי דער דרינע. אונטער-לייטענאַנט פּראַשעק איז אַריין אין געפֿאַנגענשאַפֿט אַפֿן רוסישן פֿראָנט און איז געבליבן מיר שולדיק צוויי טויזנט קרוין.

דער קאַפּיטאַן האַדיאַקאָ האָט געקומט אויך אזא סומע, האָבּן אים זיינע אייגענע סאָלדאַטן דערהרגעט בּיי ראַווא-רוסקא. לייטע-נאַנט מאַשעק, וואָס געפינט זיך אין סערבּישער געפאַנגענשאַפט, איז מיר שולדיק אָנדערטהאַלבּן טויזנט קרוין. און אַזעלכע האָב איך זייער אַ פולע. איינער איז אומגעקומען אין די קאַרפּאַטן, צוזאַמען מיט מיין חוב, אַ צווייטער איז דערטרונקען געוואָרן אין סערבּיע, אַ דריטער איז געפאַנגען, אַ פערטער שטאַרבּט ערגעץ אין אַ שפּיטאָל אין אונגאַרן. איצטער קאָנט איר שוין פאַרשטיין, אַז איך האָבּ מורא, אַז די דאָזיקע מלחמה וועט מיך בּדיל הדל שטעלן, אויבּ איך וועל ניט זיין ענערגיש און שטריינג. איר קאָנט אפשר אָפּפרעגן, אַז קיין דירעקטע סכּנה דרויעט אייך ניט. נאָר נאַט אייך, טוט אַ קוק.

ער האָט אונטערגערוקט זיין בּיכעלע דעם פעלד-קוראַט אונטער דער נאָז.

— אָט דאָ, איר זעט? פעלד-קוראַט מאַטיאַס פון בּרנאָ איז געשטאָרבּן מיט אַ וואָך צוריק אין אַ בּאַראַק פאַר קלעפּיקע קריינק. ממש זיך אופצוהייגען! ער האָט מיר ניט אָפּגעצאָלט טויזנט אַכט הונדערט קרוין, און גייט אין אַ כאָלערע-בּאַראַק אָפּריכטן ווידוי מיט אַ מענטשן, וואָס ער האָט מיט אים קיין שום עסקים ניט געהאַט.

— דאָס איז געווען זיין דירעקטער חוב, חשובער פריינט, —האָט זיך אָפּגערופן דער פעלד-קוראַט.— איך גיי אויך מאָרגן אָפּריכטן ווידוי.

— און טאַקע אין אַ כאָלערע-בּאַראַק, — האָט בּאַמערקט שוויק, — איר מעגט זיין מיט אונדז, וואָרום איר האָט געזען, וואָס עס הייסט מקריב זיין זיך.

— הער פעלד-קוראַט, — האָט געזאָגט דער שטאַנד-האַפּטיקער מאַן, — גלויבּט מיר, איך געפין זיך אין אַ יאושדיקן מצב. שוין-זשע פירט מען מלחמה נאָר צוליבּ דעם, אַף אויס-צוהרגען אַלע מיינע בּעלי-חובות?

—בּיז מען וועט אייך אַליין ניט צונעמען און אָפּשיקן אַף די פאָדערשטע פאָזיציעס,—האָט שוויק זיך ווידער אַריינגעמישט.

— דעמאָלט וועלן מיר מיטן הער פעלד־קוראַט אָפּריכטן אַ תּפילה, אַז דער אויבערשטער זאָל געבן און די ערשטע באָמבע זאָל אייך צערייסן אַף פּיץ־פּיצלעך.

— מיין הער,—האָט דער שטאַנדהאַפּטיקער מאַן זיך גע־ווענדט צום פעלד־קוראַט, — דאָס איז אַן ערנסטער ענין; און איך פאַרלאַנג, אַז אייער באַדינער זאָל זיך ניט אַריינמישן אין אונדזער שמועס, כּדי מיר זאָלן קענען קומען צו עפּעס אַ טאָלק.

— אַנטשולדיקט, הער פעלד־קוראַט, — האָט שוועיק זיך אָפּגערופן, — באַפעלט מיר טאַקע זיך ניט אַריינצומישן אין אייער שמועס, אַניט וועל איך אויך ווייטער פאַרטיידיקן אייערע אינטערעסן, ווי עס געשיקט זיך פאַר איטלעכן ליטישן און ער־לעכן סאָלדאַט. דער דאָזיקער הער איז גאַנץ גערעכט, אויב ער וויל אַליין אַוועקגיין. איך האָב אויך ניט ליב קיין סצענעס; איך בין אַ מענטש אַ ווילדערצויגענער.

—שוועיק, די מעשה נעמט מיר שוין דערעסן ווערן,— האָט געזאָגט דער פעלד־קוראַט, אַזוי ווי גאָרניט באַמערקט דעם גאַסט. — איך האָב געמיינט, אַז דער דאָזיקער מענטש וועט אונדז אַמוזירן, דערציילן אונדז נייע אַנעקדאָטן, און ער פאַר־לאַנגט גאָר, אַז איך זאָל אייך הייסן ניט אַריינצומישן זיך אין אונדזערע געשעפטן, הגם איר האָט שוין צוויי מאָל געהאַט מיט אים אַן עסק. ערב יענעם טאָג, ווען איך מוז אָפּריכטן אַזאַ וויכטיקן רעליגיעזן אַקט, ווען איך באַדאַרף אַלע מיינע רעיונות ווענדן צו גאָט, שטייט ער צו מיר צו מיט עפּעס אַ נאַרישער געשיכטע פון פאַסקודנע טויזנט צוויי הונדערט קרוינען, ציט מיך אָפּ פון אויספאָרשן מיין געוויסן און פון גאָט און וויל האָבן, איך זאָל אים זאָגן, אַז ביי היינטיקן טאָג וועל איך אים גאָרנישט ניט געבן. איך וויל מיט אים מער ניט ריידן, בכדי ניט צו פּטרן מער דעם אָוונט. זאָגט איר אים, שוועיק, „דער פעלד־קוראַט וועט אייך קיין לעק ניט געבן!“

שוועיק האָט געפאָלגט און האָט אַריינגעשריען די ווערטער דעם גאַסט גלייך אין אויער אַריין.

נאָר דער שטאַנדהאַפטיקער מאַן איז זיך געזעסן פעסט אויף זיין אָרט.

— שוויק, — האָט געזאָגט דער פעלד־קוראַט, — פרעגט ביי אים אָקאָרשט, ווי לאַנג האָט ער נאָך בדעה זיך צו פאַרהאַלטן דאָ?

— איך וועל זיך ניט רירן פון דאַנען, ביז איך וועל ניט קריגן מיין געלט! — האָט דער שטאַנדהאַפטיקער מענטש געזאָגט מיט פעסטקייט.

איז דער פעלד־קוראַט אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָט געזאָגט:

— אויב אַזוי גיב איך אים איבער אין אייער רשות, שוויק. טוט מיט אים, וואָס איר ווילט.

— אַנו, לאָמיר גיין, פאַפאַ, — האָט שוויק אַרויסגערעדט און אָנגענומען דעם אומגעבעטענעם גאַסט פאַרן אַקסל. — גאָט האָט ליב די צאָל דריי.

און ער האָט אויסגעפירט זיין קונץ געשווינד און עלעגאַנט, דער פעלד־קוראַט האָט בעת מעשה אויסגעפייפט אַפן פענצטער־שויב אַ טרויער־מאַרש.

דער דאָזיקער אָוונט, וואָס איז געווען געהייליקט פרומע הרהורים, האָט געהאַט נאָך עטלעכע שיינע מאָמענטן. דער פעלד־קוראַט האָט מיט אַזאַ התמדה געסטאַרעט זיך צו דערנענטערן זיך צו גאָט, אַז שפּעט נאָך האַלבע נאַכט האָט מען געקאָנט הערן פון זיין וווינונג זינגען שיכּורים־לידער.

און מיט אים צוזאַמען האָט געזונגען דער בראַווער סאָלדאַט שוויק.

* * *

אין מיליטער־שפּיטאָל האָבן געבעטן זאַלבונג צוויי מענטשן: אַן אַלטער מאַיאָר און אַ רעזערוו־לייטענאַנט, אַ געוועזענער נאָמן אין אַ באַנק. ביידע זיינען זיי געוואָרן שווער פאַרוווּנדעט אין די קאַרפּאַטן און זיינען געלעגן נעבן אַנאַנד. דער רעזערוו־לייטענאַנט האָט געהאַלטן פאַר נויטיק דורכצומאַכן די צערעמאָניע, ווייל דער שעף זיינער האָט דאָס פאַר זיך פאַרלאַנגט. אויב ער

וואָלט ניט מיטגעהאַלטן, וואָלט דאָס, לויט זיין מיינונג, געשאַדט דער מיליטעריישער דיסציפּלינע. דער פרומער מאַיאָר האָט דאָס געטאָן מיט אַ חשבון, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז די תּפילה קאָן אויסהיילן אַ קראַנקען. נאָר אין דער נאַכט פאַר דער זאַלבונג זיינען זיי ביידע אויסגעגאַנגען, און אינדערפרי, אַז דער פעלד־קוראַט מיט שווייקן זיינען געקומען, זיינען זיי שוין ביידע געלעגן אונטער אַ ברעזענט, מיט שוואַרץ געוואָרענע פּנימער, ווי אַלע, וואָס שטאַרבן פון דערשטיקונג.

— אָ, וויפיל מיר האָבן דאָס צעהאָרעוועט, — האָט דער פעלד־קוראַט, און איצט האָבן זיי אונדז געפּטרט דעם גאַנצן עסק, — האָט זיך געברוגזט שווייק, אַז מען האָט זיי אין דער קאַנצעליאַריע אָנגעזאָגט, אַז יענע געניטיקן זיך מער ניט אין זייער טובה.

און טאַקע, זיי האָבן אוועקגעלייגט אַסך האָרעוואַניע. זיי זיינען געפאָרן אין אַן אָפענעם עקיפּאַזש, שווייק האָט געקלונגען אין אַ גלעקל, און דער פעלד־קוראַט האָט געהאַלטן דאָס פלעשל בוימל אין האַנט און האָט מיט אַן ערנסטער מינע געבענטשט די פאַרבייגייער, וואָס האָבן אַראָפּגענומען די היטלען.

אמת, אַזעלכע זיינען געווען ניט קיין סך, הגם שווייק האָט זיך געמיט צו מאַכן וואָס מער רעש מיט זיין גלעקל.

אָט דאָס איז געווען די גרויסע האָרעוואַניע, וואָס שווייק האָט גערעדט וועגן איר. דערווייל איז דער פעלד־קוראַט אַריין אין דער קאַנצעליאַריע, אַף איינצורעגולירן די פינאַנסיעלע זייט פונם ענין און האָט אָנגערעכנט דעם געשעפטס־פירער, אַז מלוכה איז אים שולדיק אַן ערך הונדערט מיט פופציק קרוינען פאַר דעם געהייליקטן בוימל און פאָרן.

דערנאָך איז נאָך אַרויסגעקומען אַ שטיקל קריג צווישן קאָמענדאַנט פון שפּיטאַל און צווישן פעלד־קוראַט, וואָס דערביי האָט דער לעצטער עטלעכע מאָל אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און האָט דערקלערט:

— זייט אַזוי גוט, הער קאַפּיטאַן, רעדט זיך ניט איין, אַז זאַלבונג ווערט געמאַכט אומזיסט!איך בין זיך אמת מצער, וואָס

אייערע קראַנקע האָבן ניט דערלעבט צו דער זאַלבונג. דעמאָלט וואָלט איך געקראָגן מיט פופציק קרוין מער.

שווייק האָט דערווייל געוואָרט אונטן, אינם וואַך־צימער. ער האָט געהאַלטן פעסט דאָס פלעשל מיט הייליקן בוימל, וואָס די סאָלדאַטן האָבן זיך שטאַרק דערמיט אינטערעסירט.

עמיצער האָט באַמערקט, אַז מיט אָט אָיל איז גוט אויס־צושמירן די ביקסן און באַגנעטן.

האָט איין יונגינקער סאָלדאַט פון מערן, וואָס האָט נאָך ניט געהאַט אָנגעוואָרן דעם גלויבן אין גאָט, געבעטן זיך, מען זאָל אופהערן ריידן וועגן אַזעלכע זאַכן און ניט חקירן זיך וועגן די הייליקע סודות.

— מיר מוזן — האָט ער געזאָגט, — האָפן, ווי גוטע קריסטן.

האָט אַן אַלטער רעזערוו־סאָלדאַט אַ קוק געטאָן אויפן יונגען בחור און האָט געזאָגט:

— אַ פיינע מעשה האָפן, אַז אַ שראַפנעל וועט דיר אָראָפרייסן דעם קאָפּ! מען האָט אונדז גוט פאַרטומלט די מוחות. ניטאָ וואָס צו ריידן. געקומען איינמאָל צו אונדז צופאָרן אַ קלע־ריקאַלער דעפּוטאַט און האָט געבאַלבעט וועגן שלום, וואָס גע־וועלטיקט איבער דער גאַנצער ערד, אַז גאָט וויל קיין מלחמה ניט האָבן, נאָר ער וויל, אַז אַלע זאָלן לעבן אין שלום און אחדות, ווי ברידער. און טוט נאָר איצט אַ קוק אויף אים, אַפן שוטה! זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה, הערט מען ניט אויף אין די קירכן צו טאָן תּפילה אויף אונדזער זיג, און וועגן גאָט רעדט מען ניט אַנדערש, ווי וועגן אַ שעף פון גענעראַל־שטאַב, וואָס פירט די גאַנצע מלחמה. אַ פולע, גאָר אַ פולע טויטע האָב איך געזען אַרויספירן פון דעם דאָזיקן שפּיטאָל, און אָפּגעהאַקטע הענט און פיס פירט מען אַרויס פון דאַנען גאַנצע פורן־ווייז.

— און מען באַגראָבט די סאָלדאַטן נאַקעטע, — האָט באַמערקט נאָך אַ רעזערוויסט, — און זייערע בגדים גיט מען

אָפּ אַ צווייטן, אַ לעבעדיקן, און אַזוי גייט דאָס ווייטער און ווייטער.

— ביז מיר וועלן ניט געווינען די מלחמה, — האָט שווייק אַריינגעשטעלט זיין וואָרט.

— אַזאַ פּאַסקודניאַק וויל אויך עפּעס געווינען,—האָט זיך געלאָזט הערן פון ווינקל דעם קאַפּראַלס שטים. — איך וואָלט אייך אַוועקגעשיקט צום פראָנט, אין די גראָבנס, און מאַרש-מאַרש דורך די שטעכעדיקע דראָטן, פוגאַסן און וואָלפס-גריבער! אומ-דרייען זיך אין הינטערלאַנד איז איטלעכן ניחא, קיינער האָט קיין חשק ניט צו שטאַרבן.

— מיר דוכט אויך, אַז עס איז זייער געשמאַק צו ווערן דורכגעשטאָכן מיט אַ באַגנעט, — האָט געזאָגט שווייק, — ניט שלעכט איז אויך צו קריגן אַ קויל אין בויך, אָבער נאָך בעסער איז, ווען עס צערייסט דיך אַ באָמבע, און דו זעסט, ווי דיינע פיס מיט דיין בויך פליען ערגעץ אַוועק צו אַלדי רוחות. דאָ כאַפּט דיך אָן אַזאַ געלעכטער, אַז דו שטאַרבסט אַוועק פריער איידער מען טייטשט דיר אויס, אין וואָס דאָ גייט.

דער יונגער סאָלדאַט האָט אָפּגעהאַרציק אַ זיפץ געטאָן. אים איז געווען אַ שאַד זיין יונג לעבן און געזשאַלעוועט האָט ער, וואָס ער איז געבאָרן געוואָרן אין אַזאַ נאַרישער צייט, ווען מען קאָן אים אַלע מינוט פירן צו דער שחיטה, ווי אַ קו. פאַר-וואָס איז דאָס אַזוי?

איינער אַ סאָלדאַט, לויט דער פּראָפעסיע אַ לערער, האָט באַמערקט, ווי ער וואָלט געלייענט זיינע געדאַנקען:

— פאַראַן געלערנטע, וואָס דערקלערן די מלחמה מחמת די פלעקן אָף דער זון. איטלעכס מאָל, ווען עס בילדעט זיך אויס אַ פרישער פלעק, מוז טרעפן עפּעס אַ שרעקלעכע זאַך. די באַצווינגונג פון קאַרטאַגאַ...

— קלעקן באַווייזן אייער געלערנטקייט,—איז דער קאַפּ-ראַל אים אַריינגעפאַלן אין די רייד, — גייט בעסער אויסקערן דעם קאָרידאָר — היינט איז אייער צייט. וואָס גייען אונדז אָן

די נאַרישע פּלעקן אױף דער זון? זאָלן זײ זײן דאָרט באַטש צװאַנציק שטיק — מיר װערט דערפֿון ניט גרינגער.

— די דאָזיקע פּלעקן אױף דער זון האָבן אין דער אמתן אַ גרױסן באַטײט,—האָט שװײק זיך אַרײנגעמישט אין שמועס,— אײנמאָל איז געװאָרן אַזא פּלעק, און אין דעם זעלביקן טאָג האָט מען מיר אין אַ שײנקל אין נוסלאָ גוט אָנגעבױקערט די בײנער. זינט דעמאָלט פּלעג איך אַלע מאָל, אײדער איך פּלעג אַרױסגײן פֿון שטוב, זוכן אין בלאַט, צי האָט זיך ניט אױסגעבילדעט אַ נײער פּלעק. אױב יאָ, איז זײט מיר געזונט און שטאַרק — איך גײ אין ערגעץ ניט אַרױס, און נאָר אַזױ בין איך געראַטעװעט געװאָרן. און איר געדײנקט, אַז װען דער װעזװו האָט אין מאָן־פּעלע חרוב געמאַכט דעם גאַנצן אינזל מאַרטיניק, האָט עפּעס אַ פּראָפֿעסאָר געשריבן אין דער „נאַראָדנאַ פּאָליטיקא", אַז ער האָט שױן לאַנג אױפֿמערקזאַם געמאַכט די לעזער אױף אַ נײעם גרױסן פּלעק אױף דער זון. נו, און די „נאַראָדנאַ פּאָליטיקא" איז צו שפּעט אָנגעקומען אױפֿן דאָזיקן אינזל, און אַזױ װי די אײנװױנער פֿון אינזל האָט קײנער ניט געהאַט געװאָרנט, זײנען זײ טאַקע אַלע ביז אײנעם אומגעקומען.

דער פּעלד־קוראַט האָט זיך געהאַט אָפּגעפּאַרטיקט אין דער קאַנצעלאַריע און איז אַראָפּ. מיט זײן קומען האָט ער געשטערט דעם שמועס.

— מיר פֿאָרן אַהײם, שװײק! — האָט ער אַרײנגערופֿן אין װאַך־צימער. צוריקװעגס זײנען זײ געפֿאָרן אָן שום פּאַראַד.

— אַ צװײט מאָל זאָל פֿאָרן אָפּריכטן װידוי װער עס װיל, — האָט געזאָגט דער פּעלד־קוראַט, — װײַבאַלד אַז מען מוז זיך דינגען איבער איטלעכער נשמה, װאָס מען װיל ראַטעװען. אױסגעקלערט אַ בוכהאַלטעריע, מיט רעשפּעקט צו מעלדן!

דערזען בײ שװײקן דאָס פֿלעשעלע מיטן „הײליקן" בױמל, האָט ער פֿאַרקנײטשט דעם שטערן.

— גלײכער פֿון אַלץ װעט זײן, שװײק, אַז איר װעט מיטן דאָזיקן בױמל אױסשמירן אײערע שטיװל.

—איך וועל פּרוּוון אויפשמירן אויך דעם שלאָס אין טיר,— האָט געענטפערט שווייק — ער סקריפּעט אַזוי שרעקלעך, ווען מיר קומען בּיינאַכט אַהיים.

## 14.

## שווייק אַ דינער בּיים לייטענאַנט לוּקאַש.

ניט בּאַשערט געווען שווייקן צו געניסן לאַנג גוּטע טעג. דער אומרחמנותדיקער גורל האָט צעריסן די פעדים פוּן פריינט־שאַפט צווישן אים און דעם פעלד־קוראַט. און אויבּ דער פעלד־קוראַט האָט בּיז אַט דעם פאַל כאָטש געהאַט דעם פּנים פוּן אַ סימפּאַטישן מענטשל, איז אַט דער לעצטער אָפּטו זיינער געווען מסוגל אַראָפּצורייסן די מאַסקע פוּן זיין פּנים.

דער פעלד־קוראַט האָט שווייקן פאַרקויפט דעם לייטענאַנט לוּקאַש, אָדער, גענויער גערעדט, ער האָט אים פאַרשפּילט אין קאָרטן, פּוּנקט ווי פאַרצייטן אין רוסלאַנד, ווען מען פלעגט פאַר־קויפן די לייבּ־אייגענע פּויערים.

און געטראָפן האָט דאָס גאָר אומגעריכט. בּיים לייטענאַנט לוּקאַש האָט זיך געהאַט צענויפגעקליבּן אַ פריילעכע קאָמפּאַניע. מען האָט געשפּילט אין „איינאונצוואַנציק״, און דער פעלד־קוראַט האָט פאַרשפּילט בּיז אַ העלער. סוף כּל סוף האָט ער געזאָגט:

—וויפיל וועט איר מיר בּאָרגן פאַר מיין דינער? אַ אידיאָטן איינער אין דער וועלט און אַן אינטערעסאַנטער טיפּ! אַזאַ דינער האָט קיין מענטש ניט געהאַט.

— איך וועל דיר געבּן הונדערט קרוין,—האָט אָנגעבּאָטן לייטענאַנט לוּקאַש, — און אויבּ איך קריג ניט צוריק בּיז אי־בּערמאָרגן, שיקסטו מיר אַריבּער אַט דעם וואונדער־פויגל. מיין איצטיקער דינער איז אַ מיאוסער נפש. גאַנצע טעג רק ער זיפצט, שרייבּט אַהיים בּריוו, און דערבּיי גנבעט ער, וואָס עס קומט אַריין צו אים אין די הענט. איך האָבּ אים שוין געשלאָגן, נאָר עס העלפט ניט. איך האָבּ אים אויסגעשלאָגן אַ פּאָר ציינער, נאָר מיטן דאָזיקן סוּבּיעקט איז נישט צו מאַכן.

— הייסט דאָס, איינגעשטעלט אין קאָן! — האָט דער פעלר־קוראַט אויסגערופן ליכטוניק. — אָדער איבערמאָרגן הונדערט קרוין, אָדער שווייקן.

ער האָט פאַרשפּילט אויך דידאַזיקע הונדערט קרוין און האָט זיך טרויעריק איועקגעשלעפּט אַהיים. ער האָט געוווּסט אַף געוויס, אַז ער וועט בשום אופן ביז איבערמאָרגן ניט קריגן קיין הונדערט קרוין און אַז ער האָט, בעצם, מעשה מנוול, פאַרקויפט שווייקן.

— „איך וואָלט געקאָנט פאַרלאַנגען פאַר אים אַפילו צוויי הונדערט קרוין”, — האָט ער מיט רוגזה געקלערט בײַ זיך. נאָר אַז ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין טראַמוואַי נומער איינס, וואָס האָט אים באַדאַרפט אָפּפירן אַהיים, האָט אים אַרומגענומען אַ רוח פון סענטימענטאַליטעט, און ער האָט גענומען מאַכן זיך בי־טערע פאָרוווּרפן.

— „יאָ, ניט שיין איז דאָס פון מיין זייט, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, בעת ער האָט אָנגעקלונגען בײַ דער טיר פון זיין ווינונג. — ווי וועל איך איצט קאָנען אַריינקוקן אים אין די גוטע, נאַרישע אויגן?”

— ליבער שוויק, — האָט ער געזאָגט, אַז יענער האָט אים געעפנט די טיר, — היינט האָט מיט מיר געטראָפן אַ מעשה אשר לא היה! מיר איז ניט געגאַנגען אין קאָרטן, ווי אַף להכעיס. איך האָב געשטעלט אַפן באַנק, האָבנדיק אין האַנט אַ טויז, און האָב צוגעקויפט אַ צענטל. דער באַנק־האַלטער האָט געהאַט אַפן האַנט אַן אונטער, נאָר ער האָט אויך צוגעקויפט ביז איינאונצוואַנציק. עטלעכע מאָל בין איך געגאַנגען אַזוי אַף אַ טויז און אַף אַ צענטל, און אַלע מאָל האָב איך גלייכע קאָרטן מיטן באַנק־האַלטער. האָב איך דאָס אַזוי פאַרפאַסט גאָר דאָס געלט.

ער האָט געמאַכט אַ קליינע פּויזע.

— און גאָר צום סוף האָב איך אייך אויך פאַרשפּילט! איך האָב אייך פאַרמשכנט פאַר הונדערט קרוין, און אויב איך וועל זיי איבערמאָרגן ניט אָפּגעבן, וועט איר שוין ניט דינען בײַ

מיר, נאָר בײַ לײטענאַנט לוקאַש. מיר איז דאָס אָבער אַ גרויסער שאָד...

הונדערט קרוין האָב איך נאָך, — האָט געזאָגט שװײק, — און איך קאָן אײך זײ אױסלײען.

— גיט גיכער, — איז דער פעלד־קוראַט געװאָרן אַ לע־בעדיקער, איך װעל זײ באַלד אָפּטראָגן לוקאַשן. מיר װאָלט זיך באמת ניט געװאָלט שײדן זיך מיט אײך.

לוקאַש איז געװען שטאַרק פאַרחידושט, װען ער האָט װידער דערזען דעם פעלד־קוראַט.

— איך בין געקומען אָפּצאָלן דיר דעם חוב, — האָט גע־זאָגט דער פעלד־קוראַט, זיך אַרומקוקנדיק מעשה זיגער. — נאָר ביז װאָס װען, לאָזט מיר אַ שפּיל־טאָן.

— איך האַלט, — האָט דער פעלד־קוראַט דערקלערט, אַז עס איז דערגאַנגען צי אים. — אַך! — האָט ער אױסגערופן, — מיט אײן אױג איבעריק.

— װאַ־באַנק, — האָט ער געזאָגט נאָך דעם צװײטן טאַש.

— אין דער פינצטער.

— איך האָב צװאַנציק, — האָט דערקלערט דער באַנק־האַלטער.

— און איך סך־הכל נײנצען, — האָט זיך אָפּגעזױפצט דער פעלד־קוראַט, אַרײנלײגנדיק אין באַנק די לעצטע פערציק קרױנען פון דעם הונדערטער, װאָס שװײק האָט אים געהאַט געגעבן אױף זיך אױסצולײזן פון לײב־אײגנטום.

צוריקװעגס איז דער פעלד־קוראַט געקומען צו דער אײנזע־עניש, אַז איצט איז אַ סוף, אַז איצט קאָן שױן קײנער שװײקן ניט ראַטעװען, אַז עס איז שױן, אפנים, באַשערט אַזױ, ער זאָל דינען דעם לײטענאַנט לוקאַש.

אַז שװײק האָט אים אַרײנגעלאָזן, האָט ער געזאָגט:

— עס איז געװען אומזיסט. װאָס באַשערט איז באַװערט. איך האָב אײך פאַרשפּילט אינאײנעם מיט אײערע הונדערט קרױן, איך האָב געטאָן אַלץ, װאָס איז געװען אין מײן מאַכט, נאָר דער גורל איז שטאַרקער פון מיר. ער האָט אײך אַרײנגעװאָרפן צו

לייטענאַנט לוקאַש אין די לאַפּעס, און טם וועט קומען אַ צייט, אַז מיר וועלן מוזן זיך שיידן.

— געווען אַסך אין באַנק? — האָט שוויק געפרעגט רואיק.

— אָדער זייט איר געווען פאַרהאַנד? אַז אַ קאָרט גייט ניט, איז ביטער, נאָר אַמאָל איז שוין גאָר אַ צרה, וואָס עס גייט צופיל אַ קאָרט. אין זדעראַזש האָט געלעבט אַ בלעכער, מיטן נאָמען וויוואָדאַ, און שטענדיק פלעגט ער שפילן אין מאַריאַזש אין דעם שיינקל, וואָס געפינט זיך הינטער דעם „הונדערטיאָריקן קאַפע“. נאָר איינמאָל האָט אים דער שוואַרץ־יאָר אָנגערעדט. „אַנו, — זאָגט ער, — פאַרוואָס זאָלן מיר ניט איין מאָל אַ שפיל טאָן אין „איינאונצוואַנציק“, כאָטש אָף אַ פינפערל?!“ האָבן זיי זיך געזעצט שפילן אין „איינאונצוואַנציק“ אָף אַ פינפערל, און ער האַלט דעם באַנק. אַלע האָבן געשטעלט רעמיז, און אין באַנק איז שוין געווען אַ צענערל. דער אַלטער וויוואָדאַ האָט געוואָלט, אַז די אַנדערע זאָל אויך עפּעס אָנקומען, און „זאָל גיין אַ קליינינקער!“ נאָר איר קאָנט זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, ווי אים איז ניט געגאַנגען, ניטאָ קיין קליינער קאָרט, כאָטש צערייס זיך. און דער באַנק וואַקסט ווי אָף הייוון, און שוין איז אין באַנק געווען הונדערט קרוין. קיינער פון די שפּילערס האָט ניט געהאַט אַזוי פיל געלט צו גיין אָפן באַנק, און וויוואָדאַ האָט זיך באַגאָסן מיט שווייס. כסדר הערסטו פון אים: „זאָל גיין אַ קליינינקער!“ אַלע שטעלן צו פינפערלעך און פאַרשפּילן. איין קוימענקערער האָט זיך אַזוי צעהיצט, אַז ער איז אַוועקגעלאָפן אַהיים — אין באַנק איז שוין געווען הונדערט מיט פופציק קרוין — און וואַ־באַנק! וויוואָדאַ האָט געוואָלט אים פאַרשפּילן, און ווי ער האָט שפּעטער דערציילט, האָט ער געוואָלט מיט אַ ביוון צוקויפן ביז דרייסיק, און געקראָגן האָט ער צוויי טייז. ער מאַכט דעם אָנשטעל, ווי צען מאָל גאָרנישט, און זאָגט אומישנע: „זעבצען נעמט“, און דער קוימענקערער האָט געהאַט אַרום און אַרום פופצען. אָט דאָס הייסט ניט געגאַנגען! דער אַלטער וויוואָדאַ איז אַזש בלייך געוואָרן און צעטומלט, און אַרום האָט מען גענומען זידלען זיך און טענען, אַז ער דרייט, אַז מען האָט אים שוין אַמאָל געשלאָגן פאַר

פאַלשעווען אין שפּיל, הגם ער איז געווען אַן ערלעכע נשמה ביז גאָר. און אַזוי האָבן זיי אָפּגעגעבן איין קרוין נאָך דער אַנדערער. אין באַנק איז שוין געווען פינף הונדערט קרוין. דאָ האָט שוין דער בעל הבית אַליין ניט אויסגעהאַלטן. ער האָט געהאַט אָפּגעלייגט געלט אַף צו סילוקן אין ברויערײַ; נעמט ער און זעצט זיך צו צו די שפּילערס; ער האָט צוערשט פאַרשפּילט צוויי הונדערטער, דערנאָך האָט ער פאַרמאַכט די אויגן, איבערגעדרייט דעם טאַבורעט, אַף מזל, הייסט דאָס, און האָט געזאָגט, אַז ער גייט אַף דער גאַנצער סומע. „מיר שפּילן אָפן”, — האָט ער נאָך געזאָגט. דער אַלטער ווייוואָדאַ וואָלט מי יודע וואָס אָפּגעגעבן, אַבי צו פאַרשפּילן. אַלע האָבן זיך געוווּנדערט. בעת ער האָט געעפנט אַ קאָרט, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ זיבעטעלע, האָט ער זי געלאָזן זיך. דער בעל=הבית האָט זיך נאָר צוגעשמייכלט, ווארום ער האָט שוין געהאַט איינאונצוואַנציק. האָט דער אַלטער ווייוואָדאַ צוגעקויפט נאָך אַ זיבעטעלע און אויך געלאָזן זיך. „איצטער אַ טויזל, אָדער אַ צענטל, — האָט דער בעל=הבית זיך געשטאָכן. — איך לייג מיין קאָפּ, הער ווייוואָדאַ, אַז איר וועט אַריבערקויפן”. אַלע אַרום וואַרטן מיט אָפענע מיילער. ווייוואָדאַ עפנט אַ קאָרט... אַ דריטע זיבעטל! דער בעל=הבית איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך, — דאָס איז געווען דאָס לעצטע געלט! — און ער איז אַרויס אין קיך. אין אַ ווײַלע אַרום קומט צולויפן דאָס אינגל און שרייט, מיר זאָלן גיין אַראָפּנעמען דעם בעל=הבית, ווייל ער הייגנט אַפן פענצטער=ריגל. האָבן מיר דאָס שנירל איבערגעשניטן, אים אָפּגעמינטערט און האָבן זיך געזעצט ווייטער שפּילן. קיינער האָט מער קיין געלט ניט געהאַט. האָט מען אָפּגערעדט, אַז ווער עס האָט קיין געלט ניט, דער שפּילט אַף קוויטלעך. אַלע זיינען שוין געווען ווי צעדולטע. אינגיכן איז דער קומענקערער שוין געווען שולדיק דעם באַנק אָנדערטהאַלבן מיליאָן קרוין, דער גרינס=קרעמער פון זדעראַזש בײַ אַ מיליאָן, דער שווייצער פון „הונדערטיאָריקן קאַפּיי” אַכט מאָל הונדערט טויזנט קרוין, און עפּעס אַ מעדיקער צוויי מיליאָן. חוץ געלט איז אין קאַסע געווען אַף דריי מאָל הונדערט טויזנט פאַרשיידענע טשעקעס. דער

אַלטער וויוואָדאַ האָט געפּרוּווט אַף כּלערליי אופנים. ער איז עטלעכע מאָל אַרויסגעגאַנגען אין טואַלעט און האָט איבערגעביטן די קאָרטן אַן אַנדערן, און אַז ער איז געקומען צוריק, האָט מען אים געמאָלדן, אַז ער האָט ווידער געווּנען. מען האָט געשיקט נאָך נייע קאָרטן, און ס'האָט אַלץ ניט געהאָלפן. אַלע האָבן מיט שנאה געקוקט אַפן אַלטן. און איינער אַן ערד-גראָבער, וואָס האָט געהאַט אָנגעוואָרן אַכט קרוין מזומנים, האָט אָפן געזאָגט, אַז אַזאַ מענטש, ווי וויוואָדאַ, טאָר אַף דער וועלט ניט לעבן, אַז מען מוז אים אָנברעכן די ביינער און אַריינוואַרפן אין טייך. צולעצט איז וויוואָדאַ געפאַלן אַף אַזאַ המצאה. ער האָט געבעטן עמיצן צוהאַלטן די קאָרטן און איז אַרויס און איז אַוועק גלייך אין פּאָליציי. אונטערוועגס האָט ער באַגעגנט אַ פּאַטרול און האָט אים געמאָלדן, אַז דאָ און דאָ שפּילט מען אין האַזאַרד-שפּיל. האָבן די פּאָליציסטן געבעטן אים ווייזן דעם וועג, און אַז ער איז געקומען צוריק, זאָגט מען אים, אַז בינתים האָט דער מעדיקער פאַרשפּילט נאָך צוויי מיליאָן מיט עפּעס, און דער שווייצער — איבער דריי, און אַז איז קאַסע איז פאַראַן אַף פינף מאָל הונדערט טויזנט טשעקעס, און באַלד איז אַריין פּאָליציי. דער ערד-גראָבער האָט אַ געשריי געטאָן: „לויפט, ווער עס קאָן!“ אָבער עס הייבט זיך ניט אָן. די פּאָליציי האָט אַרופגעלייגט אַן אַרעסט אַפן באַנק און אָפּגעפירט אין צירקל. אין באַנק איז געווען קוויטעך אַף אַ האַלבן מיליאַרד און מזומן פופצן הונדערט. „אַזוינס האָט זיך מיר ניט געטראָפן, — האָט באַמערקט דער פּאָליציי-אויפזעער, אַז ער האָט אויסגעציילט די סומע. — דאָס איז דאָך ערגער, ווי אין מאָנטע קאַרלאָ“! אַלעמען, חוץ דעם אַלטן וויוואָדאַ, האָט מען פאַרהאַלטן, ביז אינדערפרי. וויוואָדאַן האָט מען אָפּגעלאָזט און אים צוגעזאָגט נאָך, אַז ער וועט קריגן אַ געזעצלעכע באַלוינונג, ווייל ער האָט געמאָלדן דער פּאָליציי, אַ דריטל פון דער קאָנפיסקירטער סומע. דאָס האָט באַטראָפן אַרום הונדערט זעכציק טויזנט מיליאָן קרוין. נאָר ער איז אַראָפּ פון זינען און האָט גענומען אַרומגיין איבער פּראָג און באַשטעלן זיך טוצווייז אייזערנע שאַפעס. אָט דאָס הייסט: עס גייט אַ קאָרט!...

דערנאָך האָט שווייק אָפּגעקאָכט גראָג, און געענדיקט האָט זיך די מעשה דערמיט, וואָס דער פעלד־קוראַט האָט, בעת שווייק האָט מיט גרוים מי שפּעט אין דער נאַכט אים אַריינגע־לייגט אין בעט, געגומען וויינען און גיסן ביטערע טרערן.

—איך האָב דיך דאָך פאַרקויפט, חבר, מיאוס פאַרקויפט... זידל מיך, שלאָג מיך,—איך וועל אַ פינגער ניט אַ ריר טאָן... איך האָב דיך אָפּגעגעבן ווילדע חיות צו פאַרצוקן... איך סמייע גאָר ניט אַריינצוקוקן דיר אין די אויגן. דראַפּע מיך, בײַס מיך, דערהרגע מיך. איך האָב בעסער ניט פאַרדינט... ווייסטו וואָס איך בין?

און דער פעלד־קוראַט האָט באַהאַלטן דעם פּנים אין קישן און האָט געזאָגט מיט אַ צאַרטער שטים:

— איך בין אַ שוואַכמוטיקער אויסוואָרף!

און איז אַנטשלאָפן געוואָרן, ווי אַ דערהרגעטער.

* *
*

אויפן צווייטן טאָג איז דער פעלד־קוראַט, וואָס האָט ניט געקאָנט קוקן שווייקן גלייך אין די אויגן אַריין, אַוועק פאַר פרי אין גאַס און איז געקומען צוריק פאַרנאַכט מיט עפּעס אַ גראָבן פוסגייער־סאָלדאַט.

— ווייזט אים, שווייק,—האָט ער געזאָגט, ווידער אַמאָל אויסגעמיטן שווייקס בליקן,—ווו וואָס עס ליגט, ער זאָל וויסן וואָס ער האָט וואָס צו טאָן, און לערנט אים אויס מאַכן גראָג. מאָרגן פרי דאַרפט איר זיך מעלדן ביים לייטענאַנט לוקאַש.

שווייק און דער נייער האָבן די נאַכט פיין פאַרבראַכט מיט קאָכן גראָג. צו מאָרגן צו האָט דער גראָבער סאָלדאַט קוים גע־קאָנט איינשטיין אויף די פיס און האָט נאָר געהאַלטן אין איין זינגען עפּעס אַ מישענינע פון פאַרשיידענע פאָלקס־לידער.

— פאַר דיר שרעק איך זיך ניט,—האָט שווייק צו אים געזאָגט, — מיט דיינע פּיאַקייטן וועסטו ביים פעלד־קוראַט לאַנג זיך האַלטן.

אָט אַזוי האָט דאָס פּאַסירט. וואָכ אין יענעם פרימאָרגן האָט לייטענאַנט לוקאַש צום ערשטן מאָל דערזען דעם ערלעכן, אָפענעם פּנים פונם בראַווין סאָלדאַט שוויק, וואָס האָט אים ראַפּאָרטירט:

— איך האָב דעם כּבוד צו מעלדן זיך, הער לייטענאַנט, איך בין דאָס דער שוויק, וואָס דער הער פעלד־קוראַט האָט באַוויליקט צו פאַרשפּילן אייך אין קאָרטן.

לייטענאַנט לוקאַש איז געווען אַ טיפּישער אָפיצער פון דער צעפוילטער עסטרייכיש־אונגאַרישער מאָנאַרכיע. די דערציאונג אין דער קאַדעטן־שולע האָט פון אים געמאַכט אַ מין אַמפיביע. אין דער געזעלשאַפט פלעגט ער ריידן דייטש, נאָר ער האָט געלייענט טשעכישע ביכער. און אַז אים פלעגט אויסקומען צו האָבן צו טאָן מיט אַ קאָמאַנדע, וואָס איז באַשטאַנען נאָר פון טשעכישע פרייוויליקע, פלעגט ער זיי אָפנהאַרציק זאָגן:

— לאָמיר זיין טשעכן, אָבער קיינער זאָל וועגן דעם ניט וויסן. איך בין דאָך אויך אַ טשעך.

ער האָט געקוקט אַף דער טשעכישער נאַציע, ווי אַף אַ געהיימער אָרגאַניזאַציע, וואָס עס איז גלייכער צו האַלטן זיך פון איר פון דער ווייטנס.

אַזוי איז ער געווען אַ לייטישער מענטש, האָט זיך ניט געשראָקן פאַר די עלטסטע און אַף מאַנעווערס פלעגט ער זאָרגן, ווי עס געהער צו זיין, וועגן זיינע מענטשן. די סאָלדאַטן האָבן אים ליב געהאַט, ווייל ער איז געווען ביז גאָר אַ גערעכטער מענטש און פלעגט זיך ניט טשעפּען צו נאַרישקייטן.

נאָר אין זיין כאַראַקטער איז געווען איין מאָדנער שטריך: ער האָט ניט געקאָנט ליידן זיינע דינערס; ער האָט צו דינערס קיין מזל ניט געהאַט, שטענדיק פלעגן צו אים אָנקומען די ערגסטע און די לאָ־יוצלחדיקסטע.

ער פלעגט זיי שלאָגן איבער די פּיסקעס, פּאַטשן אין די באַקן און האָט זיך געמיט זיי צו דערציען מיט ווערטער און מעשים; ער האָט זיי ניט געהאַלטן פאַר סאָלדאַטן. יאָרן לאַנג האָט ער מיט זיי געפירט מלחמה אָן רעזולטאַטן, ער פלעגט

שטענדיק בייטן זיי, און דערנאָך זיפצן: „שוין ווידער געקראָגן אַזאַ געמיינע בהמה!" סוף כּל סוף האָט ער אָנגעהויבן צו רע־בענען זיינע באַדינער פאַר עפּעס אַ נידעריקערע מענטשן־ראַסע.

דערפאַר האָט ער ליב געהאַט בעל־חיים. ער האָט געהאַט אַ קאַנאַריק, אַן אַנגאָראַ־קאַץ און אַ פּינטשער. אַלע דינערס, וואָס זיינען געווען ביים לייטענאַנט לוקאַש, זיינען זיך באַגאַנגען מיט די דאָזיקע בעלי־חיים ניט ערגער, ווי לייטענאַנט לוקאַש פלעגט זיך באַגיין מיט זיי גופא, אויב זיי פלעגן אָפּטאָן עפּעס אַ מיאוסע זאַך.

דעם קאַנאַריק האָבן זיי געפּיינקט, גיט געגעבן אים עסן, ביי דער אַנגאָראַ־קאַץ האָט איין דינער אויסגעשלאָגן אַן אויג, און דעם פּינטשער פלעגן זיי שלאָגן ממיתן פון העלער הויט אויף שריט און טריט. איינער פון זיי, גראָד דער, וואָס איז געווען פאַר שווייקן, האָט סוף כּל סוף אָפּגעפירט דאָס אָרימע הינטל צום היצל און געהייסן אים אוועקהרגען. ער האָט צוליב דעם ניט געזשאַלעוועט קיין צען קרוין פון קעשענע. און דערנאָך האָט ער פּשוט געמאָלדן דעם לייטענאַנט, אַז דער הונט איז אויפן שפּאַציר אַנטלאָפן פון אים. שוין דעם צווייטן טאָג האָט דער דאָזיקער באַדינער שוין מאַרשירט אין אַן אָפּטיילונג צופן פעלד.

אַז שווייק איז געקומען און האָט געמאָלדן לוקאַשן, אַז ער קומט אָן צו אים פאַר אַ דינער, האָט יענער אים אַריינגעפירט אין צימער און געזאָגט:

— דער הער פעלד־קוראַט קאַץ האָט מיר אייך רעקאָ־מענדירט און איך וואָלט געוואָלט, איר זאָלט זיין רעקאָמענדאַציע באַרעכטיקן. איך האָב שוין איבערגעהאַט מער פון אַ צענדליק דינערס, נאָר קיינער איז ביי מיר לאַנג ניט געזעסן. איך מאַך אייך אויפמערקזאַם, אַז מיט מיר איז ניט אַזוי גרינג אויסצוקומען, און איטלעכע געמיינהייט און איטלעכן ליגן באַשטראָף איך האַרט. איך פאַרלאַנג, איר זאָלט אַלע מאָל זאָגן דעם אמת און זאָלט אָן שום טענות אויספירן אַלע מיינע באַפעלן. ווען איך וועל אייך הייסן שפּרינגען אין פייער, מוזט איר שפּרינגען אין פייער, איר

מעגט אפילו נאָר קיין חשק ניט האָבן דערצו. ווו אהין קוקט איר דאָס?

שווייק האָט מיט אינטערעס געקוקט אַף דער וואַנט, ווו עס איז געהאָנגען אַ שטייג מיט אַ קאַנאַריק. געווענדט זיינע גוטע אויגן צום לייטענאַנט, האָט ער געענטפערט פריינטלעך און גוטמוטיק:

— דאָרט איז אַ שיינינקער קאַנאַריקל, הער לייטענאַנט.

איבערגעהאַקט, אזוי אַרום, דעם לייטענאַנטס רעדע, איז שווייק געשטאַנען אויסגעצויגן, ווי אַ סאָלדאַט, און געקוקט אים גלייך אין די אויגן, אָן צו פינטלען.

דער לייטענאַנט האָט געוואָלט שוין זאָגן אַ פּאָר שאַרפע ווערטער, נאָר אַז ער האָט באַמערקט דעם אויסדרוק פון אומשולד אַף שווייקס פּנים, האָט ער געזאָגט:

— דער הער פעלד-קוראַט האָט אייך אַטעסטירט. ווי אַ ניט געוויינטלעכן אידיאָט. מיר דוכט, ער האָט קיין טעות ניט געהאַט.

— ניין, הער לייטענאַנט, דער הער פעלד-קוראַט האָט טאַקע קיין טעות ניט געהאַט. אַז איך בין נאָך געווען אין אַק-טיוון דינסט, האָט מען מיך אָפּגעלאָזן מחמת שוואַכזין, מחמת בפירושן שוואַכזין. מחמת שוואַכזין האָט מען דעמאָלט אָפּגעלאָזן פון אונדזער פולק צוויי: מיך און איין הער קאַפּיטאַן פון קאַמפּאַני. דער דאָזיקער קאַפּיטאַן פלעגט, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, הער לייטענאַנט, אַז ער פלעגט גיין אין גאַס, זיך קאַלופּען אין נאָז מיט ביידע הענט מיט אַמאָל: מיט דער לינקער—דעם לינקן נאָזלאָך און מיט דער רעכטער — דעם רעכטן. אַז ער פלעגט אַרויסגיין מיט אונדז אַפן מושטיר, פלעגט ער שטענדיק פאַרבײַלאָזן אונדז אין צערעמאָניאַל-מאַרש און פלעגט זאָגן: „קינדער, ע—ע—ע. מערקט זיך אָן, ע—ע—ע, אַז היינט איז מיטוואָך, וואָרום ע—ע, מאָרגן וועט זיין דאָנערשטיק".

לייטענאַנט לוקאַש האָט אַ ציי געטאָן מיט די אַקסלען, ווי אַ מענטש, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין ווערטער אַף אויסצודריקן

אַ באַשטימטן געדאַנק, אָדער וואָס קאָן ניט אויסזוכן מיט אַמאָל די פּאַסיקע ווערטער.

ער האָט גענומען גיין פאַרביי שווייקן פון טיר ביז צום פענצטער קעגנאיבער און ווידער צוריק. שווייק האָט דערביי געמאַכט „די אויגן רעכטס“ און „די אויגן לינקס“, געווענדט אָן דעם, ווו דער לייטענאַנט האָט זיך געפונען. דאָס איז אַרויסגעקומען מיט אַזאַ צופּלייסנס־אומשולדיקן פּרצוף, אַז דער לייטענאַנט האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און, קוקנדיק אַף דער שטיקערייִ פון טעפּיך, האָט ער געזאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט קיין שום שייכות ניט געהאַט צו שווייקס מעשה מיטן שוואַכזיניקן קאַפּיטאַן:

— יאָ—יאָ, ביי מיר מוז זיין אָרדענונג און ציכטיקייט, און איך האָב ניט ליב קיין ליגנס. איך האָב ליב ערלעכקייט. ליגן האָב איך פיינט און באַשטראָף אָן רחמנות. איר האָט מיך גוט פאַרשטאַנען?

— גאַנץ ריכטיק, הער לייטענאַנט, פאַרשטאַנען. נישטאָ קיין ערגערע זאַך, ווי ווען אַ מענטש ליגט. הויבט ער אָן זיך פּלאָנטערן, דעמאָלט איז זיין סוף. איך האַלט, אַז אַלע מאָל איז גלייכער זיך מודה צו זיין, צו זיין אָפנהאַרציק, און אויב איך וועל שוין עפּעס אָפּטאָן, וועל איך קומען זאָגן: אַזוי און אַזוי, איך האָב געטאָן דאָס און דאָס! וואָס איז שייך ערלעכקייט, איז דאָס זייער אַ ווילע זאַך, וואָרום ערלעכערהייט וועסטו שטענדיק גיין ווייטער. דאָס איז אַלץ איינס, ווי ביי די פאַרמעסטונגען פון לויפערס. ווען עמיצער הויבט אָן דרייען אין לויפן — שוין פאַרטיק, מען הייסט אים גיין! אַזאַ מעשה האָט זיך איינמאָל געטראָפן מיט מיינעם אַ שוועסטערקינד. אָן ערלעכן מענטשן אָבער האַלט מען אַלע מאָל ערלעך און מען גיט אים כבוד, און ער אַליין איז צופרידן מיט זיך און פילט זיך ווי ניי געבאָרן, ווען ער קאָן זיך זאָגן ביים שלאָפן גיין: „היינט בין איך ווידער געווען ערלעך!“

בעת דער דאָזיקער רעדע איז לייטענאַנט לוקאַש געזעסן אַף אַ שטול, געקוקט אַף שווייקס שטיוול און געטראַכט: „גאָט

מײנער, איך רייד דאָך אויך אַ מאָל אַזאַ שטות; מער ניט, וואָס איך זאָג דאָס אַרויס אין אַן אַנדער פאָרם".

פונדעסטוועגן האָט ער, בכדי ניט אַראָפּצוּוואַרפן זיין אוטאָ־ריטעט, געזאָגט שטרייננג:

— בײַ מיר וועט איר מוזן פוצן די שטיוול, האַלטן זיך אין אָרדענונג, אַלע קנעפּ זאָלן זײַן אויף אָרט, איר זאָלט זײַן ענלעך צו אַ סאָלדאַט און ניט צו אַ יאָלד. אַ מאָדנע זאַך, וואָס קיינער פון אייך קאָן זיך ניט האַלטן מעשה זעלנער. נאָר איין איינציקער צווישן מײַנע דינערס האָט געהאַט דעם פּנים פון אַ סאָלדאַט, נאָר סוף כּל סוף האָט ער בײַ מיר אָוועקגעגנבעט אַ מונדיר און פאַרקויפט אַ טאַנדעטניק.

ער האָט זיך אָפּגעהאַקט אין מיטן, און דערנאָך האָט ער גענומען ווייטער לערנען שוויקן, וואָס ער האָט צו טאָן. באַזונ־דערס האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז ער באַדאַרף זײַן אַ גע־טרייער דינער און אין ערגעץ ניט דערציילן, וואָס עס טוט זיך אין דערהיים.

— צו מיר קומען אויך דאַמען, — האָט ער באַמערקט, — מיט דאַמען דאַרפט איר זײַן באַזונדערס דעליקאַט.

דעם לייטענאַנטס שטימונג איז איצט אַ סך בעסער גע־וואָרן, וואָרום דער שמועס איז אַריבער אויף אַן ענין, וואָס האָט פאַרפולט זײַן גאַנצע צייט, ווען ער איז געווען פרײַ פון קאַזאַר־מע־דינסט און פון קאָרטן.

פרויען זײַנען געווען די נשמה פון זײַן דירה. זיי האָבן אים געשאַפן אַ היימישע געמיטלעכקייט. עס זײַנען בײַ אים אײַ־בערגעווען עטלעכע צענדליק, און אַ סך פון זיי האָבן זיך געמיט אויסצופוצן זײַנע צימערן מיט עפּעס קלייניקייטן.

איינע פון זיי, די פרוי פון בעל־הבית פון אַ קאַפע, וואָס האָט בײַ אים פאַרבראַכט גאַנצע צוויי וואָכן, ביז איר מאַן איז געקומען נאָך איר, האָט אים אויסגעהאַפטן אַ פיינעם טישטוך אויפן טיש, אויסגענייט אים נעמען אין זײַנע וועש און וואָלט מסתּמא אויסגעהאַפטן נאָך אַ וואַנט־טעפּיך אויך, אויב דער מאַן וואָלט ניט געשטערט די אידיליע.

אַ צווייטע דאַמע, וואָס אין דריי וואָכן אַרום זיינען געקומען נאָך איר אירע עלטערן, האָט ניט אַנדערש געוואָלט מאַכן פון זיין שלאָפצימער אַ דאַמען־בודואַר, האָט אומעטום צושטעלט פאַרשיידענע צאַצקעס און וואַזעלעך, און איבערן בעט האָט זי אויפגעהאַנגען אַ בילד מיט אַ מלאך.

אין אַלע ווינקעלעך פון שלאָפצימער און עסצימער איז געווען צו מערקן אַ פרויען־האַנט, אויך די קיך האָט געבלאַנקט פון די כלים און קיך־מכשירים. דאָס האָט אים געמאַכט א מתנה די פרוי פון אַ פאַבריקאַנט.

לייטענאַנט לוקאַש האָט געפירט אויך אַ גרויסע קאָרעס־פאָנדענץ. ער האָט געהאַט אַ גאַנצן אַלבאָם מיט זיינע געליבטע און אַ קאָלעקציע פון פאַרשיידענע זאַכן פון זיי פאַר אַ געדע־כעניש. די לעצטע צוויי יאָר האָט ער גענומען אַרויסווייזן אַ שטיקל נטיה צו פעטישיזם.

— היינט בין איך אַ גאַנצן טאָג אַף דער וואַך, — האָט ער געזאָגט. — און וועל קומען אַהיים נאָר שפעט אינאָוונט. גיט אַף אַלצדינג גוט אַכטונג און ראַמט אויף גוט די שטוב. אגב, מיין לעצטער דינער גייט היינט אַוועק פאַר זיינע מעשים מיט אַ מאַרש־באַטאַליאָן אַפן פראָנט.

אָנגעזאָגט נאָך עטלעכע קלייניקייטן מכח דעם קאַנאַריק און דער אַנגאָראַ־קאַץ, איז ער אַוועק, ניט פאַרגעסן נאָך אַפן שוועל צו זאָגן שוייקן עטלעכע ווערטער מכח ערלעכקייט און אָרדענונג.

נאָך זיין אַוועקגיין האָט שווייק פיין צוגעפוצט די גאַנצע וווינונג, אַזוי אַז ווען לייטענאַנט לוקאַש איז געקומען אַהיים, האָט ער אים געקאָנט מעלדן:

— איך האָב דעם כבוד צו מעלדן, הער לייטענאַנט, אַלץ איז אין אָרדענונג! מער ניט די קאַץ האָט אָנגעשקאָדעט און אויפגעגעסן דעם קאַנאַריק.

— וואָ־אָ־אָס? — האָט דער לייטענאַנט אַ דונער געטאָן.

— אַזוי איז דאָס, הער לייטענאַנט, אופגעגעסן. דאָס איז געווען אַזוי. איך האָב געוווסט, אַז קען האָבן פיינט קאַנאַריקעס און זיינען אַלץ גערן זיך צו פאַרטשעפען מיט זיי. נו, האָב איך געוואָלט זיי באַקענען מיט אַנאַנד, און אויב די דאָזיקע חצופה וואָלט עפּעס געטאָן, וואָלט איך איר אַזוי אָנגעריבן די זייטן, זי זאָל צייט זי לעבט געדיינקען, ווי מען דאַרף זיך באַגיין מיט אַ קאַנאַריק. וואָרום לעבעדיקע באַשעפענישן האָב איך זייער ליב. בײַ אונדז אין הויז וווינט אַ הוט־מאַכער, האָט ער זיין קאַין אַזוי אויסדרעסירט, אַז צוערשט האָט זי בײַ אים אופגעגעסן דריי קאַ־נאַריקעס, און איצט טשעפּעט זי קיין איינעם ניט, זאָל אַפילו דער קאַנאַריק זיך זעצן איר אַפן קאָפּ. האָב איך אויך געוואָלט פרווון אַף אַזאַ שטייגער. האָב ארויסגענומען דעם קאַנאַריק פון שטייגל און געגעבן דער קאַץ אַ שמעק טאָן, און זי, די מרשעת, איך האָב נאָך ניט באַוויזן אַ פינטל צו טאָן מיט אַ ברעם,—האַם און אָפּגעביסן איר דעם קאָפּ! אַף אַזאַ געמיינהייט האָב איך, כ׳לעבן, זיך ניט געריכט פון איר. וואָלט דאָס געווען אַ פּראָסטער וואָראָ־בייטשיק, הער לייטענאַנט, וואָלט איך דעמאָלט קיין טענות ניט געהאַט, נאָר אַזאַ קאַנאַריקל אַ פּראַכט!.. און מיט וואָסער זשעד־נעקייט האָט זי דאָס אַריינגעפרעסן, מיט די פעדערן צוזאַמען, און דערבײַ געמיאוקעט אַזוי פאַר שמחה. אמת, קעץ האָבן ניט קיין מוזיקאַלישע בילדונג און קאָנען ניט ליידן, ווען אַ קאַנאַריק זינגט, וואָרום זיי, די פּאַסקודעס, קאָנען דאָס ניט פאַרשטיין. האָב איך דאָס די קאַץ געזידלט, וויפיל אין איר איז אַריין, נאָר חלילה מיט אַ פינגער זי ניט אָנגערירט, געוואַרט אַף אייך, וואָס ט׳איר הייסן טאָן מיט איר, דער נבלה.

בעתן דערציילן די גאַנצע געשיכטע האָט שוויק אַזוי תמימות־דיק געקוקט דעם לייטענאַנט אין די אויגן אַריין, אַז יענער, וואָס איז לכתחילה צוגעטראָטן צו שווייקן מיט זייער אַ באַשטימטער גראָבער כוונה, האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן און האָט, זיך זעצנדיק אַף אַ שטול, געפרעגט:

— הערט זיך איין, שוויק, זייט איר דאָס טאַקע אין דער אמתן אַזאַ בהמה?

— גאַנץ ריכטיק, הער לייטענאַנט, — האָט שווייק זיך אָפּגערופן פייערלעך, — אַן אמתע בהמה! פון קינדווייז אָן האָב איך אַלץ קיין מזל ניט. אַלע מאָל וויל איך מאַכן אַלץ צום בעסטן, עס זאָל זיין אין אָרדענונג, און קיינמאָל קומט קיין זאַך ניט אַרויס, נאָר צרות פאַר מיר און פאַר אַנדערע. איך האָב טאַקע געוואָלט באַקענען ביידע, זיי זאָלן זיך צוגעוווינען צו אַנאַנד, און בין בנאמנות ניט שולדיק, וואָס די קאַץ האָט אים אויפגעפרעסן, און עס איז געוואָרן אַ סוף צו דער באַקאַנטשאַפט. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט די קאַץ ביי מיינע באַקאַנטע אויפגעגעסן אַפילו אַ פּאָפּוגאַי, וואָרום ער האָט זיך מיט איר גערייצט... און לאַנג־לעביק זיינען זיי, די קעץ! אויב איר, הער לייטענאַנט, וועט באַפעלן זי צו דערהרגען, וועל איך מוזן צוקוועטשן זי צווישן טיר, אַנדערש קאָן מען מיט איר ניט מאַכן.

און שווייק האָט מיטן פנים פון אַתם, מיט אַ ליבן, גוטן שמייכל גענומען אויסטייטשן דעם לייטענאַנט, ווי אַזוי מען דערהרגעט קעץ, און אַלץ מיט אַזעלכע פרטים, אַז אַ מיטגליד פון דער חברה „צער בעלי חיים" וואָלט געווים אַראָפּ פון זינען דערפון.

דערביי האָט ער אַרויסגעוויזן אַזעלכע ספּעציעלע קענטעניש, אַז דער לייטענאַנט לוקאַש האָט פאַרגעסן זיין כעס און אַ פרעג געטאָן:

— איר פאַרשטייט צו באַגיין זיך מיט בעלי־חיים? האָט איר ליב בעלי־חיים?

— מער פון אַלץ האָב איך ליב הינט, — האָט שווייק געענטפערט, — וואָרום דאָס איז אַן עסק, וואָס לוינט פאַר דעם, וואָס פאַרשטייט צו האַנדלען. ביי מיר איז דאָס געשעפט געגאַנגען אויסגעצייכנט, ווייל איך בין שטענדיק געווען ערלעך. און פאָרט פלעגט מען כסדר קומען צו מיר מיט טענות, אַז איך האָב פאַרקויפט זיי אַ פגירה אָנשטאָט אַ ראַסיקן און געזונטן הונט, אַזוי ווי אַלע הינט דאַרפן דווקא זיין ראַסיק און געזונט. און איטלעכער האָט געוואָלט האָבן אַ יחוס־בריוו, אַזוי אַז איך

האָב באַדאַרפט ספּעציעל באַשטעלן אין דרוקעריי אַזעלכע פּאַפּירן, וואָס דערווייזן, אַז דאָס הינטל שטאַמט פון אַ מיוחסדיקער משפּחה פון בייערשן הונט־הויף פון אַרמין פאָן באַרהיים. אַזוי זייַנען מענטשן געווען צופרידן, וואָס זיי האָבן מיט מזל זיך אָנגעשאַפט אַ ריין־ראַסיקן הונט. וואָלט איר נאָר וויסן, הער לייטענאַנט, וואָסערע פאַלשקייטן מען טוט אָפּ מיט די יחוס־בריוו פון די הינט! הייַנט פאַרבט מען זיי די פעל...

דער לייטענאַנט האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער לעקציע וועגן הינט־האָדעוואַניע. אַזוי אַז שווייק האָט געקאָנט ווייטער ריידן:

— הינט קאָנען זיך אַליין ניט פאַרבן די האָר, ווי דאַמען טוען דאָס, און דעריבער מוז וועגן דעם שטענדיק זאָרגן דער וואָס וויל זיי פאַרקויפן. אַז אַ הונט איז שוין אַזוי אַלט, אַז ער איז אינגאַנצן גראָ, און איר ווילט אים פאַרקויפן פאַר אַ יאָריקן הינטל אָדער אַפילו פאַר אַ צען־חדשימדיקן, מוזט איר קויפן שוואַרצע אַנילין־פאַרב, צעלאָזן זי און אויספאַרבן אייער הונט, ער זאָל אויסזען ווי אַ נייער. איידער איר פירט אַוועק דעם הונט צום קויפער, דאַרפט איר אים אַרייַנגיסן אין האַלדז אַביסל בראַנפן, אַז דער הונט זאָל אַביסל שכּור ווערן, און דעמאָלט וועט ער אייך זיין אַ פריילעכער אַ מונטערער, וועט בילן הייַמ־לעך און מיט אַלעמען זיין גוטפרייַנט, מיט איין וואָרט, ווי אַלע שכּורים. נאָר דער עיקר איז אָט וואָס: מענטשן דאַרף מען קאָנען איינריידן, הער לייטענאַנט, איינריידן זיי אַזוי לאַנג, ביז זיי, דאָס הייסט די קונים, וועלן אינגאַנצן ניט צעדולט ווערן. פריער, אַז איך האָב געהאַנדלט מיט הינט, איז צו מיר איינמאָל געקומען אַ דאַמע, וואָס דער פּאַפּוגאַי אירער איז אַרויסגעפלויגן אין גאָרטן, און די אינגלעך, וואָס האָבן דאָרט געשפּילט אין אינדיאַנער, האָבן אים געכאַפּט און אויסגעפליקט ביי אים אַלע פעדערן פון עק, בכדי זיך אויסצופּוצן מיט זיי, ווי אונדזערע פּאָליציסטן. שפּעטער איז אָט דער פּאַפּוגאַי, פון חרפּה, אַז ער איז געבליבן אָן אַן עק, קראַנק געוואָרן, און עפּעס אַ וועטערינאַר האָט אים מיט זיינע פּראָשיקעס אַריבערגעפּעקלט אַף יענער וועלט. איז אָט האָט

די דאמע געוואלט קויפן א נייעם פאפוגאי, עפעס א מער לייטישן, ניט קיין פראסטן, וואס קאן נאר אויסריידן זיין נאמען. וואס־זשע האב איך דא געזאלט טאן, אז קיין פאפוגאיעס האב איך ניט און ווייס אפילו ניט, ווו מען קריגט זיי? געהאט האב איך בייזיך דעמאלט ארום און ארום איין בייזן בולדאג, אינגאנצן א בלינדן. וואס־זשע מיינט איר, הער לייטענאנט? פון פיר אזייגער ביז זיבן האב איך געמוזט אריינטענען, ביז די פרוי האט ביי מיר געקויפט אנשטאט א פאפוגאי דעם בלינדן בולדאג. דאס איז געווען א שטיקל ארבעט! אז זי האט דעם בולדאג אוועקגעפירט, האב איך איר נאך צום געזעגענען זיך געזאגט: „אנו, זאלן אקארשט די אינגלעך פרוון ביים דאזיקן אויסרייסן דעם עק!" מער האב איך זיך מיט דער דאזיקער פרוי ניט געטראפן. ווארום איבערן פארשאלטענעם בולדאג האט זי געמוזט אינגאנצן אוועקפארן פון פראג, ווייל ער האט צעביסן אלעמען אין שטוב. גלויבט מיר, הער לייטענאנט, עס איז שווער צו קריגן א לייטישן הונט.

— איך האב זייער ליב הינט, — האט געזאגט דער לייטענאנט. — איניקע מיינע חברים האבן מיטגענומען אפן פראנט הינט און האבן מיר געשריבן, אז אין דער געזעלשאפט פון אזא געטרייען און איבערגעבענעם פריינט פילט מען זיך בעסער אף מלחמה. אזוי ווי איר זייט א מבין אף הינט, וויל איך האפן, אז אויב איך וואלט געהאט א הונט, וואלט איר אים גוט צוגעזען. וואסער מין איז, לויט אייער מיינונג, דער בעסטער? איך מיין, ווי א חבר. איך האב אמאל געהאט א פינטשער, אבער איך ווייס ניט...

— איך האלט, הער לייטענאנט' אז א פינטשער איז זייער א ווילער הונט. אמת, ער געפעלט ניט אלעמען, ווייל די האר זיינען ביי אים הארטע, און דער שנוק איז ביי אים ווי א בארשט, ווי ביי אן אקארשט פרייגעלאזענעם ארעסטאנט. ער איז אזא פארזעניש, אז ער איז אפילו שיין, און דערצו איז ער אזוי קלוג. איך האב געקענט...

האָט לייטענאַנט לוקאַש אַ קוק געטאָן אַפן זייגער און אָפּ־געשטעלט שווייקס מענה לשון:

— שוין שפּעט, און איך מוז זיך אויסשלאָפן. מאָרגן בין איך ווידער אַף דער וואַך, אַזוי אַז איר קאָנט אויסנוצן דעם גאַנצן טאָג אַף צו זוכן אַ פינטשער.

ער איז אַוועק שלאָפן, און שווייק האָט זיך צוגעשפּאַרט אין קיך אַפן דיוואַן און האָט נאָך איבערגעלייענט די בלעטער, וואָס דער לייטענאַנט האָט מיטגעבראַכט פון קאַזאַרמע.

— טו נאָר אַ קוק, — האָט שווייק אַ זאָג געטאָן פאַר זיך, — קיסר ווילהעלם האָט מכבד געווען דעם סולטאַן מיט אַ קריגס־אָרדן, און איך האָב ניט געקראָגן אפילו אַ קליינע זילבערנע מעדאַליע!

ער האָט זיך עפּעס פאַרקלערט און איז פּלוצים אויפגע־שפּרונגען:

— טטטייוול, שיער ניט פאַרגעסן...

ער איז אַריין אין צימער, ווו דער לייטענאַנט איז שוין פעסט געשלאָפן, און האָט אים אויפגעוועקט.

— איך האָב דעם כבוד צו מעלדן, הער לייטענאַנט, — וואָס ט'איר באַפעלן מכח דער קאַץ?

האָט דער לייטענאַנט זיך איבערגעקערט אַף דער אַנדער זייט און האָט פון שלאָף אַ בורטשע געטאָן:

— אַרעסטירן אַף דריי מעת־לעת!

און האָט זיך ווייטער צעכראָפּעט.

איז שווייק אַף די שפּיץ פינגער אַרויס פון צימער, האָט אַרויסגעשלעפּט די אומגליקלעכע קאַץ פון אונטערן דיוואַן און האָט צו איר געזאָגט:

— קריגסט דריי מעת־לעת! אַוועק!

און די אַנגאָראַ קאַץ האָט זיך ווידער פאַרקראָכן אונטערן דיוואַן.

* * *

שוויק האָט זיך גראד געקליבן גיין אין גאס א פרעג טאָן, צי עס פארקויפט זיך ניט ערגעץ א פינטשער, האָט אָנגעקלונגען עפּעס א יונגע דאמע און געפרעגט אפן לייטענאנט לוקאש. נעבן איר זיינען געשטאנען צוויי גרויסע טשעמאדאנעס, און שוויק האָט באמערקט דאָס היטל פון א טרעגער, וואָס איז געגאנגען אראָפּ די טרעפּ.

— ניטאָ אינדערהיים, — האָט שוויק געענטפערט טרוקן. נאָר די דאמע איז שוין געווען אין פאָרצימער און האָט שטרייג באפוילן שוויקן:

— טראָגט אריין די טשעמאָדאנעס אין צימער!

— איך טאָר ניט אָן דער דערלויבניש פון דעם הער לייטענאנט, — האָט געענטפערט שוויק. — דער הער לייטענאנט האָט באוויליקט צו באפעלן, איך זאָל קיין מאָל קיין זאך ניט טאָן אָן אים.

— איר זייט פון זינען אראָפּ! — האָט אויסגעשריען די דאמע. — איך בין געקומען צופאָרן צום הער לייטענאנט צו גאסט.

— מיר איז וועגן דעם גאָרנישט באוווסט, — האָט געזאָגט שוויק. — דער הער לייטענאנט איז אין דינסט, וועט קומען אהיים שפּעט אינאָוונט, און איך האָב א באפעל צו געפינען אים א פינטשער. וועגן טשעמאָדאנעס אָדער דאמען ווייס איך גאָרנישט ניט. איצט שליס איך צו די וווינונג, און דערפאר וואָלט איך געבעטן אונטערטעניקסט אוועקצוגיין. איך קאָן ניט ארייגלאָזן אין וווינונג אַ פרעמדן, וואָס איך קען אים ניט. זיסט קאָן ארויסקומען נאָך אזא געשיכטע, ווי אין אונדזער גאס ביים קאָנדיטער בעלטשיצקי. דאָרט האָט מען אויך ארייגעלאָזן אין שטוב א פרעמדן מענטשן, און ער האָט אויסגעליידיקט דעם קליידער-אלמער און איז נעלם געוואָרן.

—דערמיט מיין איך גאָרנישט צו זאָגן שלעכטס וועגן אייך,— האָט שוויק ווייטער גערעדט, דערזען, אַז די דאמע איז פאַריאושט און האלט ביים וויינען. — נאָר בלייבן דאָ קאָנט איר בשום אופן ניט, דאָס פארשטייט איר דאָך אליין. אף מיר האָט מען געלאָזן

די גאַנצע שטוב, און איך בין ערב פאַר איטלעכער קליינִיקייט. דערפאַר בעט איך נאָך אַ מאָל, איר זאָלט זיך ניט אופּרעקן. כּל זמן עס וועט ניט זיין קיין באַפעל פון דעם הער לייטענאַנט, דער־קען איך אפילו קיין לייבלעכן ברודער ניט. עס טוט מיר זייער לייד, וואָס איך מוז אַזוי ריידן מיט אייך. נאָר ביי מיליטער־לייט איז דיסציפּלין די ערשטע זאַך.

דערווייל איז די דאַמע אַביסל געקומען צו זיך. זי האָט אַרויסגענומען פון האַנט־טעשל אַ וויזיט־קאַרטל, האָט אָנגעשריבן אויף דעם אַ פּאָר ווערטער, אַריינגעלייגט דאָס אין אַ פיינעם קליי־נעם קאָנווערט און האָט דערלאַנגט דאָס שווייקן און געזאָגט:

— טראָגט דאָס אַוועק דעם הער לייטענאַנט, און איך וועל דאָ וואַרטן אויף אַן ענטפער, און נאַט אייך פינף קרוין אויפן וועג.

— דערפון וועט גאָרנישט אַרויסקומען, — האָט געזאָגט שווייק, אויפגעבראַכט איבער דער עקשנות פון דער אומגעריכטער אורחטע. — באַהאַלט זיך אייערע פינף קרוין. ווען איר ווילט, קומט מיט מיר ביז דער קאַזאַרמע; דאָרט וועט איר צוּוואַרטן, איך וועל איבערגעבן דעם בריוו און ברענגען אייך אַן ענטפער. איר זאָלט אָבער וואַרטן דאָ — ניין, דאָס גייט ניט.

מיט די ווערטער האָט ער אַריינגעשלעפּט די טשעמאָדאַנעס אין פאָר־צימער און דערנאָך האָט ער, קלינגענדיק מיט די שליס־לען, געמאָלדן:

— מיר פאַרשליסן!

די דאַמע איז אַראָפּ נאָך אים אויף די טרעפּ. שווייק האָט צוגעשלאָסן די טיר און האָט זיך געלאָזט שפּאַנען. די דאַמע איז נאָך אים געלאָפן ווי אַ הינטל, און האָט אים דעריאָגט נאָר, ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ טישל קויפן פּאַ־פּיראָסן.

איצט איז זי שוין געגאַנגען מיט אים צוזאַמען און געפּלייטט זיך צו פאַרפירן אַ שמועס:

— דעם ברִיוו וועט איר אים זיכער אָפּגעבן?

— אודאי, איך האָב דאָך געזאָגט.

— דעם הער לייטענאַנט וועט איר זיכער געפינען?

— איך מיין, אַז ניט.

— און ווי מיינט איר, ווו קאָן ער איצט זיין?

— דאָס ווייס איך ניט.

דערמיט האָט זיך דער שמועס אַף אַ ווײַלע פאַרענדיקט, ביז די דאַמע האָט פון דאָסניי געפרעגט:

— דעם ברִיוו האָט איר ניט אָנגעוואָרן?

— דערווייל נאָך ניט.

— הייסט דאָס, איר וועט אים זיכער איבערגעבן דעם הער לייטענאַנט אין האַנט?

— יאָ.

— און איר וועט אים געפינען?

— איך האָב שוין געזאָגט, אַז איך ווייס ניט, — איז שווייק ברוגז געוואָרן, — אַ וווּנדער, ווי מענטשן קאָנען דאָס זיין אַזוי נײַגעריק און איבערפרעגן הונדערט מאָל איינס און דאָס זעלבע. דאָס איז דאָך דאָס אייגענע, ווי איך וואָלט אײַך גאָס געפרעגט ביי איטלעכן צווייטן מענטשן, וואָס פאַר אַ דאַטע מיר האָבן היינט.

אַזוי אַרום האָט דער פּרוּוו צו פאַרקניפּן מיט שווייקן אַ שמועס זיך ניט איינגעגעבן, און דער ווייטערדיקער וועג ביזן טויער פון דער קאַזאַרמע איז דורך אין טיפן שטיל־שווייגן. דאָרט האָט שווייק געהייסן דער דאַמע וואַרטן און האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן טויער און האָט פאַרפירט מיטן וואַך־סאָלדאַט אַ לאַנגען שמועס. די דאַמע איז געווען אויסער זיך, דאָס איז קענטיק געווען פון איר נערוויזן אַרומשפּאַנען אַהין און צוריק פאַר דער קאַזאַרמע. אָבער שווייק האָט דאָס ניט באַמערקט.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בײַנקל נעבן טויער און האָט גענומען דערקלערן, אַז אויף דעם קאַרפּאַטן-פראָנט איז דער אָנגריף פון די עסטרײַכישע אַרמייען אָפּגעשטעלט געוואָרן, דערפאַר אָבער איז דער קאָמענדאַנט פון פּערעמישל, גענעראַל קוסמאַנעק, בשלום אָנגעקומען אין קיעוו, אַז מיר האָבן אין סערביע פאַרלאָזן עלף אָפּעראַטיוו-פּונקטן און אַז די סערבן וועלן לאַנג ניט אויסהאַלטן דאָס יאָגעניש נאָך אונדזערע סאָלדאַטן.

דערנאָך האָט ער זיך פאַרטיפט אין דער קריטיק פון באַוווסטע שלאַכטן און האָט דערבײַ אַנטדעקט אַמעריקע, אַז אַ מיליטער-טייל, וואָס איז אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן, מוז ניט אַנדערש זיך אונטערגעבן.

אָנגערעדט זיך צו זאַט, האָט ער געהאַלטן פאַר נייטיק אַרויסצוגיין אויפן גאַס און צו זאָגן דער דאַמע, וואָס האָט שוין געהאַט אָנגעוואָרן איטלעכע האָפענונג, אַז ער וועט באַלד קומען און זי זאָל נאָך אַ ווײַלע וואַרטן. דערנאָך איז ער אַרויף אין קאַנצעלאַריע, וווּ ער האָט געטראָפן דעם לייטענאַנט פאַרטיפט אין אַ שמועס מיט אַן אָפיצער.

— איך האָב דעם כּבֿוד צו מעלדן, הער לייטענאַנט, אַז עפּעס אַ דאַמע שיקט אײַך דעם בריוו און וואַרט אויף אַן ענטפער, — האָט שווייק געזאָגט, צוגעווינקען מיט אַן אויג.

דאָס, וואָס איז געשטאַנען אין בריוו, האָט אויפן לייטענאַנט געמאַכט ניט גאָר קיין אָנגענעמען אײַנדרוק, אָט וואָס ער האָט איבערגעלייענט:

„טײַערער הענריך! מײַן מאַן רודפט מיך. איך מוז ניט אַנדערש פאַרברענגען בײַ דיר עטלעכע טעג. דײַן דינער איז אַ שרעקלעכע בהמה. איך בין זייער אומגליקלעך, דײַן קיטי!“

האָט לייטענאַנט לוקאַש אָפּגעזיפצט, אַרײַנגעפירט שווייקן אין שכנישן ליידיקן צימער און האָט גענומען שפּאַנען אַהין און אַהער צווישן די טישלעך. אָפּגעשטעלט זיך צולעצט פאַר שווייקן, האָט ער אַרויסגערעדט:

— די דאַמע שרײַבט, אַז איר זײַט אַ בהמה. וואָס האָט איר איר אַזוינס געטאָן?

— גאָרנישט, העד לייטענאַנט, איך האָב איר גאָרנישט ניט געטאָן, איך האָב זיך געהאַלטן זייער אנשטענדיק. נאָר זי האָט געוואָלט פאַרנעמען אייער וווינונג, האָב איך זי ניט גע־לאָזן, ווייל איך האָב קיין באַפעל ניט געהאַט. און געקומען איז זי מיט טשעמאָדאַנעס, אַזוי ווי צו זיך אַהיים.

דער לייטענאַנט האָט נאָך אַמאָל אָפּגעזיפצט, און שווייק האָט איבערגעחזרט דעם זיפץ.

— וואָ—אָ—אָ—ס?! — האָט דער לייטענאַנט אויס־געשריען מיט צאָרן.

— גאַנץ ריכטיק, העד לייטענאַנט. דאָס איז זייער אַ שווע־רער ענין. אַט מיט צוויי יאָר צוריק איז צו איין טאַפּעצירער אַף וואַיצעך־גאַס אריינגעפאָרן עפּעס אַ פרייליין, האָט ער בשום אופן ניט געקאָנט פון איר פּטור ווערן, און ער האָט געמוזט פאַרסמען זי און זיך מיט לייכט־גאַז, און אַ סוף. יאָ, אַ צרה מיט די דאַמען וויבער! איך זע זיי דורך און דורך!

— ריכטיק, אַ שווערער ענין! — האָט דער לייטענאַנט איבערגעחזרט, און ער איז געווען גערעכט, ווי קיין מאָל ניט. לייטענאַנט לוקאַש איז געווען אין אַ פריקרע לאַגע. צו אים קומט צו פאָרן אַף עטלעכע טעג אַ פרוי, וואָס דער מאַן רודפט זי, און גראָד אין אַזאַ צייט, ווען עס מוז קומען צו פאָרן מאַדאַם מיצקאָ פון טרעביטש, וואָס פלעגט אַלע דריי חדשים באַזוכן דעם לייטענאַנט.

דער לייטענאַנט האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף אַ טיש, אַראָפּ־געלאָזן דעם קאָפּ און פאַרטראַכט זיך, נאָר ער האָט ניט גע־קאָנט געפינען קיין אויסגאַנג. סוף כּל סוף האָט ער געקראָגן אַ קאָנווערט און האָט אָנגעשריבן אַף אַ בלאַנק:

„טייערע קיט! פאַרנומען אין דינסט ביז 9. וועל קומען 10. זיי, איך בעט דיך, ווי אין דערהיים, וואָס איז שייך שווייקן, מיין באַדינער, קריגט ער אַ באַפעל צו פאָלגן דיר אין אַלץ. דיין הענריך".

—דעם דאַמען בריוו—האָט געזאָגט דער לייטענאַנט,—וועט איר איבערגעבן דער דאַמע. איך באַפעל אייך צו זיין מיט איר

טאַקטיש און העפֿלעך און אויספֿירן אַלע אירע פֿאַרלאַנגען. וואָס דאַרפֿן אײַך זײַן אַ געזעץ. נאַט אײַך הונדערט קרוין, וואָס דערנאָך וועט איר מיר אָפּגעבן אַ חשבון פֿון דעם, ווײַל זי וועט אײַך אפֿשר שיקן נאָך דאָס אָדער נאָך יענס. באַשטעלט פֿאַר איר וואַרימעס און וועטשערע און קויפֿט דרײַ פֿלעשלעך ווײַן, און אַ קעסטעלע סיגאַרעטן „מעמפֿיס". אַזוי. מער גאָרנישט דערווײַל. איר קאָנט גיין: איך חזר איבער נאָך אַמאָל, איר מוזט טאָן פֿאַר איר, וואָס זי וועט פֿאַרלאַנגען.

די יונגע דאַמע האָט שוין אינגאַנצן געהאַט פֿאַרלאָרן די האָפֿענונג צו זען ווידער שווייקן, און דערפֿאַר איז זי געווען פֿאַרחידושט, ווען זי האָט אים געזען אַרויסגיין פֿון קאַזאַרמע מיט אַ בריוו אין האַנט פֿאַר איר.

ער האָט איר אָפּגעגעבן דעם מיליטערישן גרוס, דערלאַנגט איר דעם בריוו און ראַפּאָרטירט:

—לויטן באַפֿעל פֿון דעם הער לייטענאַנט מוז איך זײַן מיט אײַך העפֿלעך און טאַקטיש און טאָן פֿאַר אײַך, וואָס איר וועט פֿאַרלאַנגען. איך מוז אײַך געבן עסן און קויפֿן פֿאַר אײַך אַלץ, וואָס איר וועט הייסן. צוליב דעם האָב איך געקראָגן פֿון דעם הער לייטענאַנט הונדערט קרוין, נאָר דערפֿון באַדאַרף איך קויפֿן דרײַ פֿלאַשן ווײַן און אַ קעסטעלע „מעמפֿיס".

אַז די דאַמע האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, איז זי ווידער מונטער געוואָרן, און זי האָט געהייסן שווייקן רופֿן אַ פֿיאַקער. און אַז ער האָט דאָס געטאָן, האָט זי אים געהייסן זעצן זיך אויף דער קעלניע בײַם קוטשער.

זײַנען זיי געקומען אַהיים. אין דער וווינונג האָט זי באַלד גענומען זיך פֿירן מעשה בעל־הביתטע. שווייק האָט באַדאַרפֿט אַריבערטראָגן די טשעמאָדאַנעס אין שלאָפֿצימער און אויסשטויבן אויפֿן הויף די טעפּיכער, אײַבער אַ שטיקל שפּינוועבס הינטערן שפּיגל איז זי געוואָרן אש להבה. עס איז געווען קענטיק, אַז זי גרייט זיך דאָ צו באַזעצן אויף לאַנג.

שווייק האָט זיך באַגאַסן מיט שווייס. געענדיקט מיט די טעפּיכער, איז איר אײַנגעפֿאַלן אַראָפּצונעמען און אויסרייניקן די

פירדהאַנגען פון די פענצטער. דערנאָך האָט זי גענומען איבער־שטעלן די מעבל פון איין אָרט אַפן אַנדערן, און עס האָט לאַנג געדויערט, ביז זי האָט זיך באַרואיקט. דערנאָך האָט זי איבער־געביטן די ציכלעך און די ליילעכער אַפן בעט.

אָנגעהאָרעוועט זיך אַף אַזאַ אופן, האָט זי געשיקט שווייקן נאָך וואַרימעס און נאָך ווײַן. אָפגעגעסן און אָפגעטרונקען, האָט זי זיך געלייגט אָפרוען.

אַז דער לייטענאַנט איז געקומען פון קאַזאַרמע אַהיים, האָט שווייק געמאָלדן אים:

— איך האָב דעם כבוד צו מעלדן, הער לייטענאַנט, אַז איך האָב געפאָלגט אַלץ, וואָס די דאַמע האָט געהייסן.

* * *

אין דער זעלביקער צייט, ווען די עסטרײַבישע אַרמייען זײַנען געשטאַנען ביים דונאַיעץ און בײַ דער ראַוואַ אונטער אַ האָגל פון באָמבעס און קוילן, און שווערע האַרמאַטן האָבן פון זיי געמאַכט אַ תל אין די קאַרפאַטן, און אין אַלע ווינקעלעך פון דעם קרינס־טעאַטער האָבן געפלאַקערט אונטער־געצונדענע שטעט און דערפער — האָבן לייטענאַנט לוקאַש און שווייק איבערגע־לעבט אַן אומאָנגענעמע אידיליע מיט אַ דאַמע, וואָס איז אַנט־לאָפן פון מאַן און האָט איצט בײַ זיי געשפּילט די ראָלע פון אַ בעל־הביתטע.

אַז זי איז אַוועק שפּאַצירן, האָבן לוקאַש און שווייק זיך אַוועקגעזעצט אַן עצה האַלטן, ווי ווערט מען פון איר פּטור.

— גלייכער פון אַלץ, הער לייטענאַנט, — האָט געזאָגט שווייק, — וואָלט געווען, אויב דער מאַן, וואָס פון אים איז זי אַנטלאָפן און וואָס זוכט זי, ווי עס איז געשטאַנען אין דעם בריוו, וואָס איך האָב אייך די טעג דערלאַנגט, אויב דער מאַן אירער, זאָג איך, וואָלט דערגאַנגען, ווו זי געפינט זיך, בכדי ער זאָל קאָנען קומען זי אָפּנעמען. דאָס בעסטע וואָלט געווען שיקן אים אַ דעפּעש, אַז זי איז בײַ אונדז, און ער מעג זי צונעמען. אין ווישעגראָד איז פאַראַיאָרן אויך געווען אַזאַ מעשה. נאָר דעמאָלט האָט די דאַמע אַליין געשיקט אַ דעפּעש איר מאַן, און ער איז

געקומען און האָט פּיידן גוט אויסגעפּאַטשט. נאָר דאָס זיינען גע־וועזן ציוויליסטן, מיט אַן אָפיצער ט'ער ניט כּמייען. חוץ דעם זייט איר דאָך ניט שולדיק, איר האָט דאָך זי ניט גערופן, און אויב זי האָט אַוועקגעוואָרפן איר מאַן, האָט זי דאָס דאָך אַליין געוואָלט. אָט וועט איר זען, אַז אַ דעפּעש וועט אונדז גוט צודינען און אויב אַפילו מען זאָל דאַרפן ליזן עטלעכע פּעטש...

— דאָס איז זייער אַן אינטעליגענטער מאַן! — האָט לו־קאַש אים איבערגעשלאָגן. — איך קען אים. ער האָט אַ הורט־האַנדל מיט האָפּן. איך מוז מיט אים זיך דורכשמועסן. איך שיק אַ דעפּעש.

די דעפּעש איז געווען אַ קורצע און אַ שאַרפע. „דער איצטיקער אַדרעס פון אייער פרוי...” דאָרט איז געווען פאַרצייכנט דער אַדרעס פון לייטענאַנט לוקאַש וווינונג.

אַזוי אַרום האָט דאָס פּאַסירט, אַז קיטי איז איין מאָל געוואָרן שטאַרק אומאַנגענעם איבעראַשט, אַז אין טיר האָט זיך באַוויזן דער האָפּן־הענדלער בכבודו ובעצמו. ער האָט געהאַט דעם אויסזען פון אַ צעבראָגענעם און פאַרדאַגהטן מענטשן, בעת זיין פרוי, וואָס האָט זיך ניט געהאַט צעטומלט, האָט זיי פאָרגע־שטעלט:

— מיין מאַן... לייטענאַנט לוקאַש.

מער האָט זי ניט געקאָנט צוקלערן.

— זעצט זיך, זייט אַזוי גוט, הער ווענדלער, — האָט דער לייטענאַנט אים פריינטלעך אָנגעבאָטן, אַרויסגענומען פון קעשענע דעם פּאָרטסיגאַר. — איך בעט אייך...

האָט דער אינטעליגענטער האָפּן־הענדלער העפלעך גענומען אַ סיגאַרעט און, אַרויסלאָזנדיק רינגעלעך רויך, האָט ער געפרעגט מעשה בעל־הבית:

— איר פאָרט באַלד אויפן פראָנט, הער לייטענאַנט?

— איך האָב געבעטן, מען זאָל מיך אַריבערזעצן אין 11־טן פּולק אין בודוויס. אַהין וועל איך מסתמא פאָרן, ווי איך וועל פאַרטיק ווערן מיט די אָפיצער־קורסן דאָ. מיר דאַרפן האָבן אַ סך אָפיצערן, און איצט איז צו מערקן אַ טרויעריקע ערשיינונג,

אַז אַסך יונגע לייט, וואָס וואָלטן האָבן דאָס רעכט זיך צו לערנען אַף אָפיצערן, ווילן בלייבן פּראָסטע סאָלדאַטן.

— די מלחמה האָט אָנגעטאָן אַסך היזק דעם האָפּן־האַנדל, נאָר איך מיין, אַז זי קאָן ניט לאַנג געדויערן, — האָט באַמערקט דער הענדלער, קוקנדיק דאָ אַף זיין ווייב, דאָ אַפן לייטענאַנט.

— אונדזער לאַגע איז זייער פעסט, — האָט געזאָגט לייטענאַנט לוקאַש — און איצט איז שוין קיינער ניט מסופק, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן מיטן נצחון פון די צענטראַלע מלוכות. פראַנקרייך, ענגלאַנד און רוסלאַנד זיינען צו שוואַך אַנטקעגן דעם עסטרייכיש־דייטש־טערקישן גראַניט. אמת, אַף עטלעכע פראָנטן האָבן מיר געהאַט אַ שטיקל מפּלה אָבער ווי נאָר מיר ברעכן דורך דעם רוסישן פראָנט צווישן די קאַרפּאַטן און דעם מיטלסטן דונאַיעץ, דעמאָלט איז שוין געווים אַ סוף צו דער מלחמה...

— און וואָס הערט זיך אין טערקיי? — האָט געפרעגט דער הענדלער, באַקלערנדיק, ווי אַזוי קאָן מען שוין צוטרעטן שמועסן וועגן תוך־זאַכן.

— די טערקן האַלטן זיך אויסגעצייכנט! — האָט געענטפערט דער לייטענאַנט. — די פאָרזיצערס פון טערקישן פּאַרלאַמענט חאַליל־ביי און עלי־ביי זיינען געקומען קיין ווין. פאַרן הויפּטקאָמאַנדיר פון דער טערקישער אַרמיי אין די דאַרדאַנעלן איז באַשטימט דער פעלד־מאַרשאַל לימאַן־פאָן־סאַנדערס. גאָלץ־פּאַשאַ איז געקומען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל קיין בערלין, און ענווער פּאַשאַ, וויצע־אַדמיראַל אוזעדאָם־פּאַשאַ און גענעראַל דזשעוואַר־פּאַשאַ האָבן זיך פאָרגעשטעלט אונדזער קיסר און האָבן געקראָגן אָרדנס. בכלל, פאַר אָט דער קורצער צייט האָט מען אַרויסגעגעבן אַסך אויסצייכענונגען.

עס איז אָנגעשטאַנען אַ היפּש לאַנגע שטילקייט; צולעצט האָט דער לייטענאַנט געפונען פאַר נויטיק צו ברעכן די שטילקייט:

— ווען זייט איר, אייגנטלעך, געקומען קיין פּראָג, הער וועגדלער?

— היינט פרי.

— אויב אַזוי טוט מיר הנאה, וואָס איר האָט מיך געפונען און געטראָפן אין דערהיים, וואָרום בייטאָג גיי איך שטענדיק אַוועק אין קאַזאַרמע. די וווינונג איז אַ גאַנצן טאָג ליידיק, אַזוי אַז איך האָב געקאָנט אָנבאָטן אייך פרוי זיך צו באַזעצן דאָ. איך קאָן אייך פאַרזיכערן, אַז פאַר דער צייט, וואָס זי איז אין פּראָג, האָט זי קיינער ניט באַלעסטיקט. מיטן רעכט פון אַן אַלטן באַקאַנטן...

דער האָפּן-הענדלער האָט אַ הוסט געטאָן:

— געוויס, קיטי איז אַ דאַמע, וואָס האָט זיך אירע אויסטערלישע דרכים, און דערפאַר בעט איך אייך אָנצונעמען מיין אויפריכטיקן דאַנק פאַר דער טובה, וואָס איר האָט געטאָן. פון העלער הויט איז איר איינגעפאַלן צוצופאָרן קיין פּראָג, כלומרשט בכדי צו קורירן די נערוון. און איך בין געוועזן אַוועקגעפאָרן. איך קום אַהיים, — קיינער ניטאָ, דאָס פייגעלע אַוועקגעפלויגן!

סטאַרענדיק זיך צו מאַכן דעם אָנשטעל פון אויפריכטיק, האָט ער איר אַ סטראַשע געטאָן מיטן פינגער און געזאָגט מיט אַן אָנגעצויגענעם שמייכל:

— דו האָסט געוויס געמיינט, אַז ווייבאַלד איך בין אַוועקגעפאָרן, מעגסטו אויך אַוועקפאָרן? נאָר דו האָסט ניט אַ טראַכט געטאָן...

דאָ האָט דער לייטענאַנט לוקאַש דערזען, אַז דער שמועס האָט זיך אַוועקגעקערעוועט אין אַ ניט-געווונטשענער ריכטונג; האָט ער פריינטלעך אָנגענומען דעם האָפּן-הענדלער פאַרן אַקסל און צוגעפירט אים צו דער קאַרטע פונם קריגס-טעאַטר, וואָס איז געהאַנגען אַף דער וואַנט:

— איר זעט, ווו מיר האַלטן? — האָט ער גענומען דערקלערן. — די מזרח-בעסקידן זיינען פאַר אונדז אַן אויסגעצייכנטע אָפּעראַטיוו-באַזע. אין די קאַמף-באַצירקן פון קאַרפּאַטן-פראָנט האָבן

מיר, ווי איר זעט, אַ פעסטן שטיין=פונקט. אַ מעכטיקער קלאַפּ אין דער ריכטונג, און מיר בלייבן שטיין נאָר פאַר מאָסקווע. די מלחמה וועט זיך ענדיקן פריער, איידער עמיצער קלעירט גאָר.

נאָר דער האָפּן=הענדלער האָט זיך געטענעט דאָס זייניקע:

— אונדזער האָפּן=געשעפט האָט אין דער מלחמה פאַרלאָרן די אָפּזאַץ=מערק אין אויסלאַנד. פראַנקרייך, ענגלאַנד, רוסלאַנד און די באַלקאַן=לענדער זיינען איצט פאַרשלאָסן פאַר אונדזערע האָפּן. מיר עקספּאָרטירן נאָך קיין איטאַליען, נאָר איך האָב שטאַרק מורא אַז איטאַליען וועט זיך אויך אַריינמישן אין קריג. דעמאָלט וועלן מיר נישט קאָנען דיקטירן אונדזערע פרייזן, ביז מיר וועלן נישט געווינען די מלחמה.

— איטאַליען וועט בלייבן אינגאַנצן נייטראַל, —האָט באַמערקט דער לייטענאַנט.

— אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס האַלט זי נישט דעם דריי=בונד, וואָס פאַרבינדט זי מיט עסטרייך=אונגאַרן און מיט דייטשלאַנד? —האָט זיך מיט אַמאָל צעקאָכט דער בבודער קאָמעוּסאַנט, וואָס איז אים פּלוצים אַריין אין קאָפּ די האָפּן, די ווייב און די מלחמה. — איך האָב אַלײן געוואַרט, אַז איטאַליען וועט אַרויסטרעטן קעגן פראַנקרייך און סערביע. אין דעם פאַל וואָלט די מלחמה שוין געווען געענדיקט. די האָפּן פוילן ביי מיר אין די שפּייכלערס, אָפּן אינעווייניקסטן מאַרק איז שטיל, און דער עקספּאָרט איז גלייך נול. און איטאַליען בלייבט נייטראַל! צוליב וואָסער טייוול האָט איטאַליען נאָך אין 12=טן יאָר באַנייט מיט אונדז דעם דריי=בונד? ווו איז דער איטאַליענישער אייסערן=מיניסטער מאַרקיז די=סאַן=דזשוליאַנאָ? וואָס טוט ער, דער דאָזיקער הער? שלאָפט ער, צי וואָס? און ווייסט איר, וואָס פאַר אַ יאָר=אויסקער האָב איך געהאַט פאַר דער מלחמה, און וואָסערן איצט?

— מיינט נישט, איך בעט אייך, אַז איך ווייס נישט, וואָס עס טוט זיך, — האָט ער ווייטער גערעדט, קוקנדיק ביז אַפּן לייטענאַנט, וואָס האָט רואיק געלאָזן פון מויל רינגעלעך רויך. — פאַרוואָס זיינען די דייטשן אָפּגעטראָטן צוריק שיער נישט ביז צום סאַמע גרעניץ, ווײבאַלד זיי זיינען שוין געווען גאָר נעבן פּאַריז.

פאַרוואָס ווערן געפירט שווערע אַרטילעריע־געשלעגן צווישן מאָזעל און מאַס? ווייסט איר, אַז אין קאַמבּרע און ווערוו בּיי מאַרש זיי־נען אָפּגעבּרענט דריי ביר־בּרויערייען, וואו מיר פלעגן צושטעלן יערלעך העכער פינף הונדערט זעק האָפּן? אין די וואָגעזן אין פאַרבּרענט געוואָרן די ביר־בּרויעריי פון האַרטמאַנסווײַלער, און אין נידער־אַנספּאַך בּיי מילהאַוזן איז די ביר־בּרויעריי געוואָרן אַ בּאַרג אַש! דאָס בּאַטייט פאַר אונדזער פירמע אַ היזק פון 1200 זעק האָפּן אַ יאָר. אין די שלאַכטן צווישן די בּעלגיער און די דייטשן איז די ביר־בּרויעריי קלאָסטערקיך זעקס מאָל איבּערגע־גאַנגען פון האַנט צו האַנט, און דאָס בּאַטייט פאַר מיר אַ היזק פון דריי הונדערט פופציק זעק אַ יאָר.

פון אויפרעקונג האָט ער מער ניט געקאָנט ריידן, ער איז אויפגעשטאַנען, איז צו צו זיין פרוי און האָט מיט אַ הייזעריקן קול אַרויסגערעדט:

— קיטי! מאָמענטאַל פאָרסטו מיט מיר אַהיים! טו זיך אָן!

— אַלע די דאָזיקע געשעענישן רעקן מיך שרעקלעך אויף, —האָט ער געזאָגט אין אַ ווײַלע אַרום, אַזוי ווי זיך צו פאַר־ענטפערן, — פריער בּין איך געווען זייער אַן איינגעהאַלטענער.

אַז זי איז אַוועק זיך אָנטאָן, האָט ער שטילערהייט געזאָגט צום לייטענאַנט:

— דאָס איז שוין ניט דאָס ערשטע מאָל. פאַראַיאָרן איז זי אַוועקגעפאָרן מיט אַ לערער פון גימנאַזיע, און איך האָבּ זי אויפגעזוכט ערשט אין אַגראַם. דערבּיי האָבּ איך מיט דער שטאָ־טישער ביר־בּרויעריי אין אַגראַם געמאַכט אַ געשעפט אויף זעקס הונדערט זעק האָפּן. עך, דער דרום איז בּכלל געווען פאַר אונדז אַ גאָלדן לאַנד! אונדזערע האָפּן פלעגן דערגיין אַפילו קיין קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל. איצט בּין איך זיך דער העלפט בּדלות. אויבּ די רעגירונג וועט נאָך בּיי אונדז בּאַגרעניצן די פּראָדוקציע פון ביר, דעמאָלט איז אַ סוף צו אונדז.

פאַרויבּערט דעם אָנגעבּאָטענעם סיגאַרעט, האָט ער מיט יאוש אין קול ווייטער גערעדט:

— איין וואַרשע פלעגט נעמען בײַ מיר 2370 זעק אַ יאָר. די גרעסטע ביר־ברויעריי דאָרט איז די אווגוסטינער. אַ פאַרטרע־טער פון איר פלעגט אַלע יאָר קומען צו פאָרן צו מיר צו גאַסט, ציטנוויז איז ממש כאַטש נעם און הייגג זיך! גוט נאָך, וואָס איך האָב קיין קינדער נישט.

דער האָפּן־הענדלער איז אַנטשוויגן געוואָרן. מער האָבן זיי קיין וואָרט נישט גערעדט, ביז עס איז געקומען זיין פרוי, שוין אײַנגעפּאַנצן גרייט.

— וואָס וועט זיין מיט מיינע טשעמאָדאַנעס? — האָט זי געפרעגט.

— איך וועל זיי לאָזן אָפּנעמען, — האָט איר מאַן געזאָגט כמעט פריילעך, זייער צופרידן, וואָס אַלץ איז אַראָפּ גלאַט און אָן סקאַנדאַלן — אָבער אויב דו ווילסט נאָך עפּעס איינקויפן, מוזן מיר שוין גיין. מיר פאָרן צוויי אַזייגער.

ביידע האָבן זיך געזעגנט מיטן לייטענאַנט, ווי די בעסטע גוטע פריינט, און דער האָפּן־הענדלער איז אַזוי צופרידן געווען, אַז די גאַנצע געשיכטע האָט זיך אַזוי גוט געענדיקט. אַז ביים געזעגנען זיך נאָך אַמאָל אין פאָרצימער האָט ער געזאָגט צום לייטענאַנט:

— אויב מען וועט אייך, זאָל גאָט אויסהיטן, פאַרווונדן, דעמאָלט קומט צו אונדז. מיר וועלן אייך גוט צוזען!

צו וואַרימעס איז געקומען צו גיין שוויק. ער האָט דעם לייטענאַנט געפונען אַ פריילעכן.

— נו, וואָס הערט זיך, שוויק? — האָט געזאָגט צו אים דער לייטענאַנט — ווי האַלט דאָס מיטן הונט, וואָס איר האָט געוואָלט קריגן פאַר מיר?

— איך האָב מיר גראָד אָנגעמערקט איינעם, הער לייטע־נאַנט, אַ פיינעם הונט. נאָר עס וועט נישט אַזוי גרינג זיין אים צו קריגן. נאָר איך האָף פאָרט, אַז מאָרגן וועט מיר אָפּגילטן צו ברענגען אים צו אייך. ער בייסט זיך.

* * *

די לעצטע ווערטער האָט לייטענאַנט לוקאַש פאַרהערט. נאָר אין דער אמתן איז דאָס געווען דאָס וויכטיקסטע. „דער דאָזיקער כּלב בייסט זיך ווי אַ שד“, האָט שווייק געוואָלט איבערחזרן נאָך אַמאָל, נאָר דערנאָך האָט ער אַ טראַכט געטאָן: „וואָס איז דאָס בעצם דעם לייטענאַנטס עסק? ער וויל האָבן אַ הונט, וועט ער קריגן אַ הונט“.

עס איז געוויס געווען גרינג צו זאָגן: „זוכט מיר אויף אַ הונט“. נאָר די בעלי־בתּים פון הינט היטן שטאַרק זייער אוצר, אַפילו אויב דאָס איז ניט קיין ראַסן־הונט.

אַ הונט, בפרט ווען ער איז אַ ראַסיקער, מוז אַליין אינסטיקטיוו שטענדיק מורא האָבן, אַז אין איין שיינעם טאָג זאָל מען אים אַוועקגנבען בײַם בעל־הבית. פאַראַן עטלעכע סיסטעמעס, ווי אַוועקצוגנבען הינט: אָדער לויט דער שיטה פון קעשענע־גנבים, אָדער דורך פאַרפירן זיי. אַ הונט איז אַ געטרייַ באַשעפעניש. אָבער דאָס איז נאָר אין כרעסטאָמאַטיעס אָדער אין א לערן־בוך פון נאַטור־געשיכטע. אָבער אין דער אמתן, גיט נאָר אַזאַ געטרייען הונט אַ שמעק טאָן פערדישע וווּרשט געפּרעגלטע, און אוים הונט! ער פאַרגעסט דעם בעל־הבית, וואָס גייט דאָ נעבן אים, און גאָר די וועלט, און פאַרקערעוועט נאָך דער וווּרשט. שפּייעכץ רינט אים פון מויל׳ ער שאָקלט פריינטלעך מיטן וויידל, וויט צעעפנט די נאָזלעכער, גרייט צו נעמען זיך פאַר דער געשמאַקער אכילה.

אַף דער קליינער זייט, ניט ווייט פון די פּאַלאַץ־טרעפּ, איז פאַראַן אַ ביר־שיינקל. אין איין שיינעם טאָג זיינען געזעסן אין האַלב־טונקל פון זיין הינטערשטן חדר צוויי מאַנסביל: איינער אַ סאָלדאַט, און דער צווייטער אַ ציווילער. זיי האָבן זיך נאָענט צוגערוקט איינער צום צווייטן און האָבן זיך געשעפּטשעט סודותדיק. זיי זיינען געווען ענלעך צו פאַרשווערער.

— אַלע טאָג אַכט אַזייגער,— האָט דער ציווילער געזאָגט שטיל צום סאָלדאַט. — פירט די דינסט אים אַרויס אין גאַס נעבן פּאַרק. נאָר איך זאָג דיר: דער כּלב בייסט זיך, מען טאָר אים אַפילו אַ גלעט ניט טאָן.

און נאָך מער צוגעבויגן זיך צום סאָלדאַט, האָט ער אים אַרײַנגעזאָגט אין אויער:

— אַפילו קיין ווורשט פרעסט ער ניט!

— אַפילו ניט קיין געפּרעגלטע?

— אַפילו ניט קיין געפּרעגלטע...

בײדע האָבן זײ ברוגז אויסגעשפּיגן.

— וואָס זשע פרעסט אַזאַ נבלה?

— ווײס אים דער שוואַרץ יאָר! פאַראַן אַ הונט אַ געבאַלעוועטער, ווי אַ פּרינץ אַ בן־יחיד.

דער סאָלדאַט און דער ציווילער האָבן אָנגעקלאַפּט זײערע גלעזער, און דער ציווילער האָט ווײַטער גערעדט שטיל.

—אײנמאָל האָב איך געדאַרפט האָבן אַ שוואַרצן שפּיץ פאַר אַ הונט־הויף. נאָר ער האָט ניט געוואָלט בײַ מיר נעמען קיין ווורשט. דרײַ טעג האָב איך זיך אַרומגעדרײט אַרום אים. און צולעצט האָב איך ניט אויסגעהאַלטן און געפרעגט בײַ דער פרוי, וואָס האָט אים געפירט שפּאַצירן: וואָס עסט ער דאָס אַזוינס, וואָס ער איז אַזאַ שײנער? די חניפה האָט געווירקט, און זי האָט געזאָגט, אַז בעסער פון אַלץ עסט ער קאָטלעטן. האָב איך אים געקויפט אַ שניצל, ווײל איך האָב גערעכנט, אַז דאָס איז געשמאַקער. און שטעל זיך פאָר, דער דאָזיקער שוואַרץ־יאָר האָט זיך אַפילו ניט אומגעקוקט, וואָרום דער שניצל איז געווען אַ קעלבערנער, און ער איז געווען געוווינט צו פרעסן חזיר. האָב איך אים געמוזט טאַקע קויפן אַ קאָטלעט. האָב איך אים דערלאַנגט אַ שמעק טאָן און בין אַנטלאָפן, און ער נאָך מיר. יענע שרײַט: „פונטיק, פונטיק!" — עס הויבט זיך ניט אָן! נאָך דעם קאָטלעט איז ער געלאָפן ביז הינטערן ווינקל, און דאָרט — אַ שטריק אַפן האַלדז, און אַף מאָרגן איז ער שוין בײַ מיר געזעסן אין הונט־הויף. ער האָט געהאַט אַף דער ברוסט אַ ווײסן פלעק, האָבן זײ אים פאַרפאַרבן אַף שוואַרץ, און קיין מענטש האָט אים ניט געקאָנט דערקענען. אַנדערע הינט (איך האָב זײ איבערגעהאַט גאָר אַ פולע!) פליען ממש אַף געפּרעגלטער פערד־ווורשט. דו וואָלסט אויך באַדאַרפט געוואָר ווערן בײַ דער דינסט, וואָס

דער הונט עסט גערן, דו ביסט אַ סאָלדאַט, אַ יונג מיט ביינער, דיר וועט זי גיבער זאָגן. איך האָב שוין בײַ איר געפרעגט, האָט זי נאָר אַף מיר אַ קוק געטאָן, ווי זי וואָלט מיך געוואָלט דורכ־שפּיזן, און האָט נאָר געזאָגט: „און וואָס גייט דאָס אײַך אָן?" זי איז זייער ניט קיין שיינע, ממש אַ פּאַרזוענישׁ, אָבער מיט אַ סאָלדאַט וועט זי ריידן.

— איז דאָס טאַקע אַ פּינטשער? מײַן לייטענאַנט וויל קיין אַנדערן ניט.

— אַ פּינטשער פון פּינטשער־לאַנד, פּעפער מיט זאַלץ, ריינסטע ראַסע. דאָס איז פּונקט אַזוי ריכטיק, ווי דאָס, וואָס דו ביסט שוויק און מיך רופט מען בלאַזשניק. דאָ איז די גאַנצע זאַך צו דערגיין, וואָס ער עסט. דאָס וועל איך אים געבן, און דערנאָך צאַפּ! און נאַ דיר, אָט האָסטו.

ביידע חברים האָבן ווידער אָנגעשלאָגן די גלעזער. אַז שוויק האָט פאַר דער מלחמה געהאַנדלט מיט הינט, פלעגט בלאַזשניק אים זיי צושטעלן. דאָס איז געווען אַ געריבענער יונג. ווען אים פלעגט מען דערציילן, אַז ער קויפט אונטער דער האַנט חשודיקע הינט בײַם היצל און פאַרקויפט זיי ווייטער. איין מאָל איז ער שוין קראַנק געווען אַף הינטישער משוגעת. און אין פאַסטער־אינסטיטוט אין ווין איז ער געווען אַ גאַנצער בן־בית. איצט האָט ער געהאַלטן פאַר זײַן חוב צו דינען דעם סאָלדאַט שוויק פאַר אומזיסט. ער האָט געקענט אַלע הינט אין פּראָג און דער סביבה, און האָט דערפאַר געערדט שטילערהייט, בכדי זיך צו באַהאַלטן פאַרן בעל־הבית פון שיינקל, וואָס בײַ אים האָט ער מיט אַ האַלב יאָר צוריק אויך אַרויסגעגנבעט אַ הינטל.

ער פלעגט גנבענען פּרינציפּיעל נאָר ראַסן־הינט און האָט געמעגט זײַן עקספּערט אַף אַן אויסשטעלונג. ער פלעגט צושטעלן הינט אין אַלע הינט־הויפן און אויך אין פּריוואַטע הייזער. אַז ער פלעגט גיין אין גאַס, פלעגן אַף אים ברוגז ברומען אַלע הינט, וואָס ער האָט ווען עס איז געגנבעט.

אַכט אַזייגער אינדערפרי אַפן צווייטן טאָג האָט מען גע־קאָנט זען דעם בראַוון סאָלדאַט שוויק אַרומשפּאַצירן אַהין און

אָהער אפן פּלאַץ פאַרן פּאַרק. ער האָט דאָ אָפּגעוואַרט די דינסט מיטן פינטשער. צולעצט האָט זי זיך באַוויזן, און פאַרביי אים איז פאַרבייגעלאָפן אַ צעדרודלט, באַהאָרט הינטל מיט קלוגע אויגן. ער איז געווען פריילעך און האָט זיך געיאָגט נאָך וואָראָבייטשי-קעס, וואָס האָבן זיך געגראָבן אין מיסט.

דערנאָך איז פאַרבייגעגאַנגען די, וואָס האָט געמוזט אַכטונג געבן אפן הונט.

דאָס איז געווען אַן עלטערע מיידל, מיט גלאַט פאַרקאַמטע האָר. זי האָט געפּייפט צום הונט און צוגעשאָקלט מיטן קייטל און מיטן עלעגאַנטן הינט-בייטשל.

— זייט אַזוי גוט, פריילן, — האָט שווייק זיך געווענדט צו איר, — ווי קום איך פון דאַנען קיין זשיזשקאָוו?

זי איז שטיין געבליבן און אַ קוק געטאָן אף אים, צי טרייבט ער ניט קאַטאָוועס. נאָר שווייקס גוטמוטיקער פּנים האָט איר באַ-וויזן, אַז דער דאָזיקער סאָלדאַט וויל טאַקע גיין קיין זשיזשקאָוו, און זי האָט פריינטלעך אים אָנגעוויזן דעם וועג.

— איך בין ניט לאַנג געקומען קיין פּראַג, — האָט שווייק געזאָגט. — איך בין, דאַרפט איר וויסן זיין, ניט קיין היגער, איך בין פון פּראָווינץ. איר זייט אויך ניט פון פּראַג?

— איך בין פון באָטשיאַן.

— אויב אַזוי, זיינען מיר מיט איך כמעט לאַנדלייט, — האָט שווייק זיך אָפּגערופן. איך בין פון פּראָטיווין.

דאָס, וואָס ער האָט געוווּסט די געאָגראַפיע פון דרום-טשעכיע, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט אַנומלט בעת מאַנעוו-רעס, האָט אָנגעפילט דאָס האַרץ פון מיידל כמעט מיט אַ קרובישן געפיל.

— קענט איר דאָך מסתמא אין פּראָטיווין אפן פּלאַץ דעם קצב פּייכאַראַ?

— ווי זשע דען! דאָס איז דאָך מיין שוועסטערקינד! אַלע ביי אונדז האָבן אים ליב, — האָט שווייק דערציילט, — ער איז זייער אַן ערלעכער, האָט ליב צו טאָן אַ טובה, און ביי אים קריגט מען שטענדיק גוטע פלייש און אַ גוטע וואָג.

— זייט איר ניט איינער פון די יאַראָשעם ? — האָט געפרעגט דאָס מיידל, וואָס האָט דערשפּירט אַ שטיקל סימפּאַטיע צום אומבאַקאַנטן סאָלדאַט.

— געטראָפן.

— פון וואָסערע יאַראָשעם ? פון יענע, וואָס ווינען אין קרטשאָ אונטער פּראָטיווין, אָדער פון יענע, וואָס אין ראַזשיטש.

— פון די ראַזשיטשער.

— און וואָס הערט זיך, דער אַלטער פּאָרט נאָך אַלץ מיט ביר ?

— נאָך אַלץ.

— ער דאַרף דאָך שוין זיין ווייט אַריבער די זעכציקער ?

— ער איז געוואָרן אַכט־און־זעכציק פונקט הייִנטיקן פרייאָר, — האָט שווייק געענטפערט און איבערצוקלערן. — און איצט האָט ער זיך געקויפט אַ הונט און הערט די וועלט פאַר אַ פּיים. דער הונט זיצט ביי אים אַף דער פור. אָט פונקט אַזאַ הינט ווי יענער, וואָס יאָגט דאָרט די וואָראָבייטשיקעס. אַ פיינער הונט, זייער אַ פיינער.

— דאָס איז אונדזער הונט, — האָט אים דערציילט די נייע באַקאַנטע. — איך דין דאָ ביים פּאָלקאָווניק. איר קענט אונדזער פּאָלקאָווניק ?

— איך קאָן אים, ער איז אַ פיינער אינטעליגענטער מאַן, — האָט שווייק זיך אָפּגערופן. — ביי אונדז אין בודוויים איז אויך געווען אַזאַ פּאָלקאָווניק.

— אונדזער פּריץ איז אַ שטרייִנגער, און יענעם טאָג, בעת מען האָט גענומען ריידן, אַז אין סערביע האָט מען אונדז גוט אָנגעמקלט, איז ער געקומען אַהיים אַ דערצאָרנטער, אַ בייזער, האָט צעשמעטערט אין קיך אַלע טעלער, און מיך האָט ער געוואָלט אַפילו אָפּזאָגן פון דער שטעלע!

— איז דאָס אייער הונט, הייסט דאָס ? — האָט שווייק איר איבערגעשלאָגן די רייד. — אַ שאָד, וואָס מיין לייטענאַנט קאָן ניט אויסשטיין קיין הינט, איך האָב אַזוי ליב הינט.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, און מיט אַמאָל אַרויסגעשאָסן:

— אָבער ניט איטלעכער הונט עסט, וואָס מען גיט אים.

— יאָ, אונדזער פּאָקס איז אַ גרויסער איבערקלייבער. איין צייט האָט ער בכלל ניט געוואָלט עסן קיין פליש. איצט עסט ער שוין.

— און וואָס האָט ער ליב מער פון אַלץ?

— לעבער, געקאָכטע לעבער.

— קעלבערנע אָדער חזירשע?

— דאָס איז אַלץ איינס, — האָט זיך דאָס מיידל צעלאַכט, ווייל זי האָט, מסתמא, געהאַלטן די לעצטע פראַגע פאַר אַ ניט געראָטענעם וויץ.

זיי האָבן זיך דורכשפּאַצירט נאָך אַביסל, און דערנאָך איז צוגעקומען נאָך דער פינטשער, וואָס זי האָט אים געפירט פאַר אַ קייטל. שווייקן האָט ער אויפגענומען גאַנץ פריינטלעך, האָט געפרוווט אים איינצורייסן די הויזן כאָטש דורכן מויל־קאָרב, איז געשפרונגען אַרום אים, אָבער פּלוצים ווי ער וואָלט האָבן דערשפּירט, וואָס שווייק האָט געהאַט בדעה אים אָפּצוטאָן, האָט ער אויפגעהערט שפּרינגען און האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַן אומעטיקער, וואַרפנדיק אַף שווייקן קרומע בליקן, ווי איינער, וואָס זאָגט:

— הייסט דאָס, איך וועל אויך האָבן אַזאַ סוף?

דערנאָך האָט אים דאָס דינסטמיידל נאָך דערציילט, אַז זי גייט אַרום מיטן הונט שפּאַצירן נאָך זעקס אַזייגער אינאָוונט, און אַז זי גלויבט ניט קיין איין מאַנסביל אין פּראָג, און אַז איינמאָל האָט זי געגעבן אַן אַנאָנס אין צייטונג און אַפן דאָזיקן אַנאָנס האָט זיך אָפּגערופן אַ שלאָסער, כלומרשט בכדי חתונה צו האָבן, נאָר ער האָט אויסגענאַרט ביי איר אַכט הונדערט קרוין אַף זיינער אַן ערפינדונג כלומרשט און איז נעלם געוואָרן. אין פּראָווינץ זיינען די מענטשן אַסך ערלעכער. אויב חתונה האָבן, וואָלט זי חתונה געהאַט נאָר מיט אַ פּראָווינציעלער. שידוכים מיט

מיליטער-לייט האלט זי פאר א נארישקייט, וואָרום אזעלכע פרויען בלייבן געוויינטלעך אלמנות.

שווייק האָט איר פארזיכערט, אז ער וועט קומען זעקס אזייגער, און איז אוועק אָנזאָגן זיין חבר בלאַזשניק, אז דער הונט עסט אלע מינים לעבער.

— איך וועל אים מכבד זיין מיט א רינדער-לעבער, — האָט בלאַזשניק באַשלאָסן. — מיט אזא לעבער האָב איך פארפירט דעם סאַן-בערנאַר פון פאַבריקאַנט ווידראַ, זייער א געטרייען הונט. מאָרגן קריגסטו אים באַשטימט.

בלאַזשניק האָט געהאַלטן וואָרט. קוים איז שווייק פאַר מיטאָק פאַרטיק געוואָרן מיטן אויפראַמען די שטוב, האָט זיך הינטערן טיר געלאָזט הערן א הונט בילן, און בלאַזשניק האָט אריינגעשלעפּט אין שטוב א צעשויבערטן פינטשער, וואָס האָט זיך איינגעשפּאַרט מיט אַלע כּחות. ער האָט ווילד געדרייט מיט די אויגן און האָט אויסגעזען אַזוי בייז, אַז ער איז געווען ענלעך צו א הונגעריקן טיגער, וואָס פאַר זיין שטייג אין זאָאָלאָגישן גאָרטן האָט זיך אָפּגעשטעלט א באַלייבטער באַזוכער. ער האָט געליאשקעט מיט די ציינער און האָט מיט רציחה געברומט: „איך צעררייס און פרררעס אויף!" זיי האָבן צוגעבונדן דעם הונט צום קיך-טיש, און בלאַזשניק האָט דערציילט, ווי אַזוי דאָס איז צוגעגאַנגען.

— איך בין אומישנע פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי אים מיט א געקאָכטן לעבער אין האַנט. האָט ער גענומען אַרומשמעקן מיך און אַרומשפּרינגען אַרום מיר. איך האָב אים גאָרנישט ניט געגעבן און בין זיך אַוועק ווייטער. ער נאָך מיר. נעבן פאַרק האָב איך פאַרקירעוועט אַף ברעדויער גאַס, און דאָרט האָב איך אים געגעבן דאָס ערשטע שטיקל. ער האָט דאָס אויפגעגעסן לויפנדיק, בכדי מיך ניט צו פאַרלירן פון אויג. דערנאָך האָב איך פאַרקירעוועט אַף הענריך-גאַס. דאָרט האָב איך אים געגעבן די צווייטע פּאָרציע, דערנאָך, אַז איך האָב אים אָנגעהאָדעוועט — א כאַפּ אַף א קייטל און אַוועקגעשלעפּט אים איבער ווענצעסלאַוו-פּלאַץ קיין ווינאָגראַד ביז ווארשאָווייץ. אונטערוועגס האָט ער מיר אָנגעטאָן צרות. אַז מיר

זיינען אריבערגעגאנגען איבער די רעלסן. האָט ער זיך אַנידערגע־
לייגט און ניט געוואָלט זיך רירן פון אָרט. ס'קאָן זיין ער האָט
געוואָלט, מען זאָל אים אַריבערפאָרן... אגב, האָב איך מיטגענומען
מיט זיך אַ פיינעם יחוס־בריוו, וואָס איך האָב געקויפט אין פוקס
פאַפירנגעשעפט. דו מוזט צענויפשטעלן זיין יחוס־בריוו, שווייק.

— גוט, נאָר ער דאַרף זיין געשריבן מיט דיין האַנט.

שרייב: „אויסגעהאָדעוועט אין לייפציג אין הונט־הויף פאָן בילאָוו.
דער פאָטער אַרנהיים פאָן קאַרלסבערג. די מוטער — עמאַ פאָן
טראַוטענסדאָרף, פון זיגפריד פאָן בוזענטאַל. דער פאָטער האָט גע־
קראָגן דעם ערשטן פריז אַף דער אויסשטעלונג פון פינטשערס אין
בערלין 1912. די מוטער איז האָנאָרירט מיט דער גאָלדענער מע־
דאַליע פון נירנבערגער געזעלשאַפט פון ליבהאָבער פון ראַסן־הינט".
ווי האַלטסטו, ווי אַלט איז ער?

— לויט די ציינער, צוויי יאָר.

— שרייב: „עלטער — צוויי יאָר 6 חדשים".

דער העלד אַליין פון דעם יחוס־בריוו האָט זיך שוין געהאַט
במעט באַרואיקט, און נאָר פון צייט צו צייט פלעגט ער אַ סקאַ־
ווטשע טאָן אומעטיק.

האָט שווייק ביי אים אָוועקגעשטעלט די רעשטלעך פון לע־
בער, וואָס בלאַזשניק האָט אים געגעבן. נאָר דער הונט האָט זיך
אַפילו ניט צוגערירט דערצו, ער האָט מער ניט מיט ביטול א
קרומען בליק געוואָרפן דערויף, דערנאָך אַ קוק געטאָן אַף ביידע
מאַנסביל, ווי איינער זאָגט:

— ניי־יי־ין, איינמאָל אַריינגעפאַלן, און גענוג! איצט פרעסט
אַליין!

עס איז געווען, ווי ער וואָלט זיך געהאַט אונטערגעגעבן און
האָט געמאַכט דעם אנשטעל, ווי ער וואָלט שלאָפן. פלוצים האָט
אים אין מוח ווי אַ בליץ געטאָן עפעס אַ געדאַנק: ער איז אויפ־
געשפרונגען, געשטעלט זיך אַף די הינטערשטע פיסלעך, און מיט די
פאָדערסטע גענומען בעטן.

אַף שווייק האָט אָט די רירנדע סצענע ניט געמאַכט קיין
שום איינדרוק.

— קוש, ליג זיך! — האָט ער אָנגעשריען אַפן אָרימען באַשעפעניש, וואָס האָט זיך ווידער אויסגעצויגן אַפן דיל מיט אַ נעבעכדיקן קוויטש.

— וואָס פאַר אַ נאָמען זאָל איך אים אַריינשרייבן אין יחוס־בריוו? — האָט געפרעגט בלאַזשניק. — גערופן האָט מען אים פאָקס, דאַרף מען עפעס, וואָס זאָל זיין ענלעך דערצו, בכדי ער זאָל באַלד פאַרשטיין.

— לאָמיר אים אָנרופן מאַקס. טו נאָר אַ קוק, בלאַזשניק, ווי ער האָט אָנגעשפיצט די אויערן, אַנו, מאַקס, שטיי אויף!

דער אומגליקלעכער פינטשער, וואָס מען האָט פון אים אַוועקגעגזלט אי די היים אי דעם נאָמען, איז אופגעשטאַנען און געוואַרט, וואָס וועט דאָ ווייטער זיין.

— איך מיין, מען וואָלט אים דאַרפן אָפבינדן, — האָט שוויק באַשלאָסן, — לאָמיר אָקאָרשט זען, וואָס'ט ער טאָן.

אַז מען האָט אים אָפגעבונדן, האָט ער קודם כל זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר און האָט דריי מאָל אַ ביל געטאָן. אַז ער האָט געזען, אַז דידאָזיקע צוויי רירן זיך ניט פון אָרט, האָט ער אָנגעלאָזן ביי דער טיר אַ קליין קאַלוזשקעלע. באַזיכערט, אַז איצט וועט מען אים שוין געוויס אַרויסוואַרפן אין דרויסן, ווי מען פלעגט דאָס טאָן שטענדיק אין יענע צייטן, ווען ער איז נאָך געווען יונג און דער פולקאָווניק פלעגט אים לערנען שטריינג, מעשה זעלנער ניט צו שמוצן אין די צימערן.

—געזען אַ זשוליק! אַן אמתער יעזואיט!—האָט אויסגערופן שוויק, וואָס האָט געכאַפט, וואָס דער הונט מיינט, און האָט אַפן אָרט און שטעל אים אַ שמייץ געטאָן מיטן רימען און אַריינגע־שטעקט זיין פיסק אין דער קאַלוזשע, אַזוי אַז ער האָט זיך מיט צרות אָפגעניסט.

דער פינטשער האָט זיך צעקוויטשעט מיט פאַראיבל און גענומען לויפן איבער דער קיך, אַרומשמעקנדיק דעם אייגענעם שליאַד, און דערנאָך איז ער פון העלער הויט צו צום טיש, האָט אופגעגעסן דאָס שטיקל לעבער, וואָס איז געווען אַוועקגע־

ליגט פאר אים אפן דיל, האט זיך צענויפגעדרייט אין א בייגל נעבן פליטע און איז אנטשלאפן געווארן.

— וויפיל בין איך דיר שולדיק? — האט שווייק געפרעגט בלאזשניקן, אז יענער האט זיך געקליבן אוועקגיין.

— לאמיר וועגן דעם ניט ריידן, שווייק, — האט בלאזשניק געענטפערט ווייך. — פאר אן אלטן חבר בין איך גרייט אף אלץ, בפרט, אז ער איז נאך צוגענומען אין מיליטער. נו, זיי געזונט, ברודערקע, און פיר אים קיינמאל ניט שפאצירן ארום פארק, זיסט וועט זיין א צרה! ווען דו וועסט באדארפן נאך א הינטל, ווייסטו מיין אדרעס.

שווייק האט געלאזן מאקסן זיך גוט אויסשלאפן און האט דערווייל געקויפט ביים קצב א פערטל קילא לעבער, האט דאס אויסגעקאכט און גענומעןווארטן, ביז מאקס וועט זיך אופכאפן. צוליב דעם האט ער צוגערוקט צו זיין נאז א שטיקל הייסן לעבער.

מאקס האט גענומען באלעקן זיך פון שלאף. דערנאך האט ער זיך א צי געטאן, א שמעק דעם לעבער און מיט איין כאפ אריינגעשלונגען. דערנאך איז ער צו צו דער טיר און ווידער געמאכט דעם פרווו צו פועלן, מען זאל אים ארויסלאזן.

— מאקס! — האט שווייק א געשריי געטאן — אהער!

דער הונט האט געפאלגט אן חשק. שווייק האט ארופגענומען אים אף די קני און גענומען אים גלעטן, און מאקס האט דאס ערשטע מאל א דריי געטאן מיטן אפגעהאקטן וויידל מעשה גוט פריינט, א כאפ געטאן מיט די ציין שווייקס האנט און אן ארויסצולאזן זי א קוק געטאן אף שווייקן מיט זיינע קלוגע אויגן, ווי איינער זאגט:

— מילא, פארפאלן! איך וויים. אז איך האב פארשפילט.

שווייק האט אים געגלעט און גענומען מיט א פריינטלעכער שטים דערציילן:

— אמאל איז געווען א הינטל, האט ער געוווינט ביי א גענעראל. איינמאל איז דאס דינסטמיידל ארוים מיט אים שפאצירן, איז געקומען א פרעמדער און האט צוגעגנבעט פאקסן.

איצטער איז מאַקס אָנגעקומען צו אַ מיליטער־מאַן, צו אַ לייטע־נאַנט, און מען האָט אים געגעבן אַ נאָמען מאַקס... אנו, מאַקס, גיב די לאַפּקע! אַזוי! אָט זעסטו, נאַרעלע, מירן זיין גוטע פריינט. אויב דו'סט זיך גוט אויפפירן און פאָלגן, אַניט וועסטו מוזן דער־שפּירן, אַז מלחמה איז ניט קיין קינדער־שפּילכל.

איז מאַקס אַראָפּגעשפּרונגען פון שווייקס קני און האָט גע־נומען פריילעך און לעבעדיק זיך דרייען אַרום אים. פאַרנאַכט, אַז דער לייטענאַנט איז געקומען אַהיים פון דינסט, זיינען שווייק און מאַקס שוין געווען די בעסטע גוטע פריינט.

קוקנדיק אויף מאַקסן האָט שווייק אַ טראַכט געטאָן מעשה פילאָזאָף:

— אויב מען זאָל אַ קלער טאָן, איז דאָך, בעצם, איטלע־כער סאָלדאַט אַרויסגעגנבעט פון זיין היים.

דער לייטענאַנט איז געווען שטאַרק צופרידן, אַז ער האָט דערזען מאַקסן, און יענער האָט אויך אַרויסגעוויזן אַ גרויסע פרייד, ווען ער האָט דערזען ווידער אַ מיליטער־מאַן מיט אַ שאַבליע.

אויף דער פראַגע, פון וואַנען עס נעמט זיך דער הונט און וויפיל קאָסט ער, האָט שווייק געענטפערט רואיק, אַז ער האָט אים געקראָגן אַ מתנה פון זיינעם אַ חבר, וואָס מען האָט אָקאָרשט מאָבּיליזירט.

— גוט, שווייק, — האָט געזאָגט דער לייטענאַנט, שפּילנ־דיק זיך מיט מאַקסן, — דעם ערשטן קריגט איר פון מיר פופ־ציק קרוין פאַרן הונט.

— מען דאַרף ניט, הער לייטענאַנט, איך קאָן ניט נעמען.

— שווייק, — האָט געזאָגט דער לייטענאַנט שטרייננג, — אַז איר זייט אָנגעקומען צו מיר, האָב איך אייך געזאָגט, אַז איר מוזט מיר פאָלגן אויפן וואָרט. אויב איך זאָג, אַז איר וועט קריגן פופציק קרוין, מוזט איר דאָס נעמען און פאַרטרינקען. וואָס וועט איר טאָן מיט די פופציק קרוין, שווייק?

— ריכטיק, הער לייטענאַנט, איך וועל זיי פאַרטרינקען לויטן באַפעל.

— אויב איך וועל פארגעסן וועגן דעם, וואָס איך באַפעל אייך, שווייק, זאָלט איר מיר דערמאָנען, אַז איך דאַרף אייך געבן פופציק קרוין פאַרן הונט. פאַרשטאַנען? קיין פליי האָט דער הונט ניט? אַף יעדן פאַל וואַשט אים אויס און קעמט אים אויס מיט אַ קאַם. מאָרגן האָב איך דינסט, נאָר איבערמאָרגן גיי איך מיט אים שפּאַצירן.

אין דער צייט וואָס שווייק האָט געבאָדן מאַקסן, איז זיין, פריערדיקער בעל־הבית, דער פּאָלקאָווניק, ארוים פון די כּלים שרעקלעך געזידלט זיך און געסטראַשעט, אַז ער וועט דעם, וואָס האָט ביי אים אַוועקגעגנבעט דעם הונט, איבערגעבן צום קריגס־געריכט און הייסן שיסן, הייגען, אריינזעצן אַף צוואַנציק יאָר, פאַרטלען...

— זאָל אים כאַפּן דער שוואַרץ־יאָר, דעם מנוול! — האָט עס געקלונגען אין פּאָלקאָווניקס וווינונג, אַזוי אַז די שויבן האָבן געציטערט. — מיט אַזעלכע רוצחים וועל איך גיך פאַרטיק ווערן.

איבער שווייקן און דעם לייטענאַנט לוקאַש האָבן זיך צע־נויפגעקליבן שוואַרצע כּמאַרעס. די קאַטאַסטראָפע איז ניט געווען אויסצומיידן!

## 15.

## די קאַטאַסטראָפע.

דער פּאָלקאָווניק פרידריך קראַוס פאָן צילערהוט איז געווען אַ בפירושער אידיאָט. אַז ער פלעגט עפעס דערציילן, פלעגט ער רײדן די פשוטסטע זאַכן, און דערביי פלעגט ער נאָך פרעגן ביי די צוהערער, צי זיי פאַרשטייען זיינע רייד. ער פלעגט זאָגן:

— בכן, מיינע הערן, אַ פענצטער, יאָ. ווייסט איר, וואָס דאָס איז אַ פענצטער?

אָדער אַזוי:

—„אַ וועג, וואָס פון ביידע זייטן זיינען אויסגעגראָבן רינוועס, ווערט אָנגערופן גאַס. יאָ, מיינע הערן. און ווייסט איר, וואָס דאָס איז אַזוינס אַ רינווע? אַ רינווע—דאָס איז אַ פאַרטיפונג אין דער

ערד, וואָס עס גראָבן עטלעכע מענטשן. דאָס איז אַ פאַרטיפונג אין דער ערד. יאָ, די ערד גראָבט מען מיט רידלען. ווייסט איר, וואָס דאָס איז אַ רידל?

ער איז געווען אַזאַ טיפּש, אַז די אָפיצערן פלעגן אים נאָך פונדערווייטנס אויסמיידן, בכדי זיי זאָלן ניט דאַרפן הערן פון אים, אַז א טראָטואַר איז ניט קיין בּרוק, נאָר אַז דאָס איז אַן אויפגע־הויבן שטעגל, אויסגעבּרוקירט מיט שטיין־פּלאַטן, וואָס ציט זיך פאַזע די פאַסאַדן פון די הייזער. און אַז די פאַסאַדן רופט מען יענע טיילן פון בּנינים, וואָס מען קאָן זיי זען פון גאַס אָדער פון טראָטואַר. די הינטערשטע טיילן פון די הייזער קאָן מען פון טראָטואַר ניט זען, דערין קאָן מען זיך איבערצייגן, ווען מען גייט אַראָפּ פון טראָטואַר אין מיטן גאַס.

ער איז געווען גרייט איטלעכס מאָל צו דעמאָנסטרירן דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן פאַקט. צום גליק אָבער איז מען אים סוף כּל סוף איבּערגעפאָרן, זינט דעם איז ער נאָך נאַרישער גע־וואָרן: ער פלעגט אָפּשטעלן אָפיצערן אין גאַס און פאַרפירן מיט זיי לאַנגע שמועסן מכּח אייער, מכּח דער זון, מכּח פערד, מכּח פענצטערן, מכּח פאָסט־מאַרקעס וכדומה.

עס איז, בּאמת, געווען צום פאַרחידושן זיך, וואָס דער דאָזיקער אידיאָט האָט געקאָנט לפי ערך גיך מאַכן אַ קאַריערע; נאָר ער האָט געהאַט אַ פּראָטעקציע אין די הויכע פענצטער, און דאָס איז געווען אַלץ. אין מיליטער־ענינים איז ער געווען גאָר אַ קנאַפּער ווייסער, אַף די מאַנעוורעס פלעגט ער שטענדיק אָנטאָן צרות, נאָר דאָס האָט אים אַלץ ניט געשאַדט.

דערפאַר פלעגט ער זיין ניט צופרידן אַלע מאָל, ווען ער פלעגט לייענען אין בּלאַט, אַז עס זיינען גענומען געוואָרן גע־פאַנגענע.

— צוליב וואָס נעמען געפאַנגענע?—האָט ער געזאָגט.— אַלעמען צעשיסן! ניט שוינען קיינעם! טאַנצן איבער פּגרים! די גאַנצע בּירגערלעכע בּאַפעלקערונג פאַרבּרענען בּיזן לעצטן! די קינדער דערשטעכן מיט באַגנעטן!

* * *

געענדיקט זיין דינסט, איז לייטענאנט לוקאש ארוים שפּא־צירן מיט מאַקסן.

— ערלויבט אויפמערקזאם צו מאכן, הער לייטענאַנט, — האָט געוואָרנט שוויק, — אַז מען מוז גוט אופּפּאַסן, דער הונט זאָל ניט אַנטלויפן. ער קאָן פלוצים זיך פאַרבייַנקען נאָך זיין אַל־טער היים און אַנטלויפן פון אייך, אויב איר ט'אים לאָזן אָן אַ קייט. היינט וואָלט איך אייך ניט געראָטן שפּאַצירן ארום פּאַרק. דאָרט בראָדיעט אַרום אַ גרויסער בייזער הונט, ער וועט אים באַלד אָנפאַלן.

זיי זיינען אַרוים פון שטוב. מאַקס האָט פריילעך געשפּרונ־גען און געפּלאָנטערט זיך אונטער די פיס. דער לייטענאַנט איז געווען פאַרקלערט. ער האָט באַדאַרפט זיך באַגעגענען מיט אַ דאַמע.

פלוצים האָט אים אַ שטרייַנגער „האַלט!" איבערגעשלאָגן די געדאַנקען. צוגלייך האָט דער הונט זיך אַרויסגעריסן אים פון האַנט אין איינעם מיטן קייטל און איז מיט אַ פריילעכער קוויט־שעריי צוגעפאַלן צו יענעם מענטשן, וואָס האָט גערופן „האַלט!"

פאַרן לייטענאַנט לוקאַש איז געשטאַנען פּולקאָווניק קראוס פאָן צילערהוט. דער לייטענאַנט האָט אָפּגעגעבן דעם מיליטערישן גרוס און האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער האָט אים ניט באַמערקט.

פּולקאָווניק קראוס איז געווען באַוווּסט צווישן די אָפיצערן מיט זיין תאווה „אָפּצושטעלן". ער האָט געהאַלטן, אַז דער מיליטע־רישער גרוס איז עפּעס אַזוינס, וואָס דערפון איז געווענדט דער נצחון און וואָס אויף דעם איז געבויט גאָר די מיליטער־מאַכט פון דער מלוכה.

ביי אים איז ניט אָנגעגאַנגען קיין שום „אַנטשולדיקט, איך האָב ניט באַמערקט".

— אַ סאָלדאַט, — פלעגט ער זאָגן, — מוז זוכן זיין שעף צווישן המון און וועגן קיין אַנדער זאַך ניט קלערן, חוץ וועגן די תקנות פון מיליטער־סטאַטוט. אַפילו, ווען ער פאַלט

אפן שלאכט-פעלד, מוז ער בעתן שטארבן אפגעבן דעם מילי-טערישן גרוס. ווער עס פארשטייט ניט צו גריסן, ווער עס מאכט דעם אָנשטעל, אַז ער זעט ניט, אָדער ווער עס הויבט די האנט נאָר פון יוצא וועגן, דער איז פאַר מיר קיין מענטש ניט.

— הער לייטענאַנט,—האָט פולקאָווניק קראוס אַ געשריי געטאָן מיט אַ שרעקלעכער שטים,—ערשטנס, איז אַ אינגערער ראַנג שטענדיק מחויב צו גריסן אַן עלטערן. דער דאָזיקער כּלל איז נאָך ניט בטל געוואָרן. צווייטנס, זינט ווען האָבן דאָס די הערן אָפיצערן זיך גענומען אַ מאָדע צו גיין שפּאַצירן מיט גע-גנבעטע הינט? יאָ, מיט געגנבעטע הינט! וואָרום אַ הונט, וואָס געהער צו אַ צווייטן, איז אַ געגנבעטער.

— דער דאָזיקער הונט, הער פולקאָווניק,, — האָט דער לייטענאַנט געפּרוווט זיך פאַרענטפערן.

— געהער מיר, הער לייטענאַנט,—האָט דער פולקאָווניק אים שאַרף איבערגעהאַקט. — דאָס איז מיין פאָקס!

און פאָקס, וואָס איז אָקאָרשט געווען מאַקס, האָט גענומען שפּרינגען און וואַרפן זיך דעם פולקאָווניק אַף דער ברוסט, אוי-סער זיך פון שמחה.

— שפּאַצירן מיט געגנבעטע הינט, הער לייטענאַנט, דאָס פּאַסט נ־ט פאַרן כּבוד פון אַן אָפיצער. איר האָט ניט געוווּסט? אַן אָפיצער טאָר ניט קויפן קיין הונט, איידער ער האָט זיך איבערצייגט, אַז עס קאָנען דערפון ניט ארויסקומען קיין אומאָנגע-נעמלעכקייטן, — האָט דער פולקאָווניק ניט אופגעהערט מוסרן, גלעטנדיק פאָקסן-מאַקסן, וואָס האָט גענומען בורטשען אַפן ליי-טענאַנט און ווייזן אים די ציין.

— הער לייטענאַנט,—האָט דער פולקאָווניק ניט געוואָלט זיך באַרואיקן, — האַלט איר, אַז מען מעג רייטן אַף אַ גע-גנבעטן פערד? האָט איר ניט געלייענט די פּובליקאַציעס אין „טאַגבלאַט" און „באָהעמיא", אַז ביי מיר איז אַנטלאָפן אַ פּינט-שער? איר לייענט ניט די פּובליקאַציעס, וואָס אייער שעף שטעלט אריין אין די בלעטער?

דער פּולקאָווניק האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל.

— אָט האָט איר די יונגע אָפיצערן! ווו איז דיסציפּלינע? אַ פּולקאָווניק פּובליקירט אין צייטונגען, און דער לייטענאַנט איז זיך אַפילו ניט מטריח איבערצולייענען!

„אָך, ווען איך וואָלט געקאָנט דיר, אַלטער אידיאָט, אָנ־פּראַשקען די צורה!״—האָט געטראַכט דער לייטענאַנט, באַטראַכטנ־דיק דעם פּולקאָווניקס באַקנבאָרד.

— קומט מיט מיר אַביסל. — האָט געזאָגט דער פּולקאָווו־ניק. און זיי האָבן זיך געלאָזט גיין שמועסנדיק.

— אַפן פראָנט, הער לייטענאַנט, וואָלט אַזאַ געשיכטע מיט אייך ניט געטראָפן. אודאי, אַרומשפּאַצירן אין הינטערלאַנד מיט געגנבעטע הינט — דאָס איז אַ גאַנץ געשמאַקע זאַך. יאָ, יאָ! מיטן הונט פון אייער שעף! און דאָס אין אַזאַ צייט, ווען מיר פאַרלירן טעגלעך אַף די שלאַכט־פעלדער הונדערטער אָפי־צערן! און פּובליקאַציעס לייענט מען פשוט ניט! דו מעגסט פּוב־ליקירן כאָטש הונדערט יאָר! צוויי הונדערט יאָר! דריי הונדערט יאָר!

דער פּולקאָווניק האָט זיך אויסגעשנייצט אַף אַ קול, וואָס דאָס איז ביי אים געווען שטענדיק אַ סימן פון גרויסן כעס, און ער האָט געזאָגט:

— איצט מעגט איר זיך ווייטער שפּאַצירן.

— וואָס זאָל איך טאָן מיטן דאָזיקן שווייק? — האָט דער לייטענאַנט לוקאַש געקלערט, גייענדיק אַהיים. — איך וועל אים אויסשלאָגן אַלע ציינער. נאָר דאָס וועט זיין ווינציק. אַפילו אויס־שניידן פּאַסן אים פון רוקן וועט אויך זיין ווינציק פאַר אַזאַ מנוול!

— איך וועל אים דערהרגענען, דעם אויסוואָרף! —האָט ער געזאָגט צו זיך, אַריינזעצנדיק זיך אין טראַמוואַי.

* * *

אין דער זעלביקער צייט האָט דער בראַווער כאָלראַט שווייק געהאלטן אין מיטן אַ לאַנגן שמועס מיט אַ סאַלדאַט פון

קאַזאַרמע. יענער האָט געבראַכט עטלעכע פּאַפּירן פאַרן לייטענאַנט אַף אונטערצושרייבן און האָט געוואַרט, ביז ער וועט קומען.

שווייק האָט אים מכבד געווען מיט קאַווע און זיי האָבן דערציילט איינער דעם אַנדערן, אַז עסטרייך וועט פאַרשפּילן דעם קריג.

— זיין מאַיעסטעט, אונדזער קיסר, איז פון דער גאַנצער מעשה מסתמא אינגאַנצן צעדולט, — האָט שווייק דערקלערט. — ער איז אַזוי אויך ניט געווען באַזונדערס קלוג, און נאָך דער איצטיקער מלחמה וועט ער שוין אינגאַנצן אַראָפּ פון זינען.

— יאָ, ער איז לחלוטין אַ אידיאָט, — האָט פאַרזיכערט דער סאָלדאַט פון קאַזאַרמע. — ער וויים, משמעות, אַפילו ניט, אַז עס גייט איצט קריג. אפשר האָבן זיי געשעמט זיך אים דאָס אויסצוזאָגן. אַי וואָס ער האָט אונטערגעחתמעט דעם מאַניפעסט צו זיינע פעלקער, איז דאָס הוילער שווינדל. זיי האָבן דאָס פּשוט אָפּגעגעבן זעצן אָן זיין וויסן, וואָרום סיי ווי כיי הויבט ער ניט אָן קיין זאַך צו פאַרשטיין.

— ער איז אַ פאַרטיקער! — האָט שווייק מוסיף געווען מעשה מבין.

—וואָלטן זיי אונדז שוין וואָס גיכער אָנגעמקלט די ביינער,

— האָט אַ זיפץ געטאָן דער סאָלדאַט פון קאַזאַרמע, — אַז מען זאָל עסטרייך סוף כל סוף שוין לאָזן צו רו.

און זיי האָבן נאָך לאַנג אַזוי געשמועסט, ביז שווייק האָט אַרויסגעטראָגן עסטרייך דעם פּסק־דין:

— אַזאַ אידיאָטישע מאָנאַרכיע — איז גאָר ניט כּדאַי. זי זאָל עקסיסטירן אַף דער וועלט!

און דער צווייטער האָט מוסיף געווען, בכדי, אַזוי צו זאָגן, צו באַקרעפטיקן פּראַקטיש דעם פּסק:

— ווי נאָר איך קום אַפן פראָנט, באַלד ווער איך אַ נעלם.

און אַזוי האָבן זיי אַרויסגעזאָגט די מיינונג פון טשעכישן פאָלק וועגן דער מלחמה, ביז עס איז געקומען דער לייטענאַנט

לוקאַש און האָט געשטערט דעם שמועס. אַ קוק געטאָן מיט רציחה אַף שווייקן, האָט ער אונטערגעשריבן די פּאַפּירן און אַוועקגעשיקט דעם סאָלדאַט, דערנאָך האָט ער שווייקן אַריינגערופן צו זיך אין צימער.

דעם לייטענאַנט זיינען פון די אויגן געפלויגן פונקען. ער איז געזעסן אַף אַ שטול, האָט געקוקט אַף שווייקן און געטראַכט, ווי זאָל ער אָנהויבן שלאָגן.

„קודם כל וועל איך אים דערלאַנגען איינס-צוויי-דריי איבער די פּיסקעס, — האָט דער לייטענאַנט געטראַכט.—דערנאָך וועל איך אים צעפּלעטשען די נאָז און אָפּרייסן די אויערן—און ווייטער וועלן מיר זען“,

אַף אים האָבן געקוקט די גוטמוטיקע, אומשולדיקע אויגן פון שווייקן, וואָס האָט זיך דערוועגט צו שטערן די שטילקייט פאַרן שטורעם מיט אַזאַ מעשה:

— איך האָב דעם כבוד צו מעלדן, הער לייטענאַנט, אַז איר האָט שוין ניט אייער קאַץ. זי האָט זיך אָנגעפרעסן מיט שוואַקס און איז אַוועקגעפּגרט. האָב איך זי אַרויסגעוואָרפן אין אַ קעלער. אין שכנס קעלער. אַזאַ וווילע און שיינע אַנגאָראַ-קאַץ ט'איר שוין מער ניט קריגן!

— וואָס זאָל איך מיט אים טאָן? — איז דעם לייטענאַנט דורכגעפלויגן אין קאָפּ.—ער האָט אַזאַ אידיאָטישן אויסדרוק, אַז כאָטש נעם און לאַך.

איז דער לייטענאַנט אופגעשפּרונגען פון אָרט, נאָר ער האָט שווייקן ניט קיין קלאַפּ געטאָן, ווי ער האָט פריער געהאַט בדעה, ער האָט נאָר אַ מאַך געטאָן מיטן פויסט פאַר זיין נאָז און האָט אַרויסגעדונערט:

— איר האָט אַוועקגעגנבעט דעם הונט, שווייק!

— אָ ניין, הער לייטענאַנט, פאַר דער לעצטער צייט ווייס איך ניט פון אַזאַ געשעפט. און ווייטער, הער לייטענאַנט, ער־לויבט צו מעלדן, איר זייט אַוועק שפּאַצירן מיט מאַקסן בייטאָג, אַזוי אַז איך האָב אים ניט געקאָנט אַוועקגנבענען. מיר איז דאָס באַלד אויסגעקומען מאָדנע, וואָס איר זייט געקומען אַהיים אָן

דעם הונט. צי האָט זיך עפּעס ניט געטראָפן? אָט אַ מעשה! אַף ברענטא=גאַס וווינט אַ טאָרבע=מאַכער, רופט מען אים קונעש, קאָן דער דאָזיקער קונעש ניט אַרויסגיין מיט זיין הונט, ער זאָל אים ניט פאַרלירן. אָדער ער לאָזט אים איבער אין אַ קאַפיי, אָדער עמיצער כאַפּט בייַ אים אַרויס, אָדער עמיצער אַנטלייט בייַ אים דעם הונט אַף עטלעכע טעג און גיט דערנאָך ניט אָפּ....

— שווייק, בהמה, פערדאַטש, ווערט אַנטשטומט! אָדער איר זייט אַן אויסוווּרף איינער אין דער וועלט, אָדער איר זייט אַן אייזל און אַ שלימזלדיקער אידיאָט! אינגאַנצן באַשטייט איר פון הוילע מעשיות, אָבער איך זאָג אייך, אַז מיר וועט איר די ציין ניט פאַרדרייען! פון וואַנען האָט איר גענומען דעם הונט? ווי קומט ער צו אייך? ווייסט איר, אַז ער געהער אונדזער פּולקאָווניק, וואָס האָט אים בייַ מיר צוגענומען, בעת מיר האָבן צופעליק זיך געטראָפן אין גאַס? ווייסט איר, אַז דאָס שמעקט מיט אַ מוראדיקן סקאַנדאַל? זאָגט דעם אמת, איר האָט געגנבעט דעם הונט, אָדער ניט?

— ניין, הער לייטענאַנט, איך האָב אים ניט געגנבעט.

— איר האָט געוווּסט, אַז ער איז אַ געגנבעטער?

— יאָ, הער לייטענאַנט, איך האָב געוווּסט, אַז ער איז אַ געגנבעטער.

— הייליקע מאַריאַ, שווייק, איך שווער בייַ גאָט, איך וועל אייך דערשיסן, אידיאָט איינער, בופלאָקס, אויסוואָרף, מנוול, קרעטין! זייט איר דען באמת אַזאַ אידיאָט?

— גאַנץ ריכטיק, הער לייטענאַנט, איך בין אַזאַ אידיאָט.

— פאַרוואָס האָט איר מיר געגעבן אַ געגנבעטן הונט? פאַרוואָס האָט איר מיר אַריינגעבראַכט אין שטוב דאָס דאָזיקע מיאוסע באַשעפעניש?

— בכדי צו פאַרשאַפן אייך פאַרגעניגן, הער לייטענאַנט.

און שווייקס אויגן האָבן גוטמוטיק און פרייַנטלעך געקוקט גלייך אין פּנים אַריין דעם לייטענאַנט, וואָס האָט זיך אַנידערגע=

יעצט איז אָפּגעזיפּצט:

— פאַרוואָס האָט גאָט מיר צוגעשיקט אַזאַ שוטה!

אָפּגעלאָזן און נכנע איז דער לייטענאַנט געזעסן אָפן שטול. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער האָט ניט נאָר קיין כּח ניט צו פאַרפאָרן שווייקן אין באַק אַריין, נאָר אַפילו ניט אָף צו פאַרדרייען זיך אַ פּאַפּיראָס. אַליין ניט צו וויסן, צוליב וואָס, האָט ער געשיקט שווייקן נאָך דער „באָהעמיאַ" און נאָכן „טאַגבלאַט", כּדי ער זאָל איבערלייענען די פּובליקאַציע פון פּולקאָווניק וועגן הונט, וואָס מען האָט בײַ אים געגנבעט.

שווייק איז געקומען צוריק מיט די צײַטונגען. זײַן פּנים האָט געשײַנט, און ער האָט געקוואָלן פון נחת:

— ריכטיק, פאַראַן טאַקע דאָ, הער לייטענאַנט! און אַזוי שיין באַשרײַבט ער אים, דער פּולקאָווניק דעם פּינטשער, וואָס מען האָט בײַ אים אַוועקגעגנבעט, אַז עס איז ממש אַ האַרץ־דערקוויקעניש. און ער זאָגט צו נאָך הונדערט קרוין, ווער עס וועט אים אָפּברײַנגען. דאָס איז זייער אַ פײַנע באַלוינונג. געווייִנט־לעך גיט מען נאָר פופציק. אַ געוויסער באָזשעטעך פון קאָשירש האָט דאָס געמאַכט פאַר אַ פּרנסה. ער גנבעט אַוועק אַ הונט און זוכט אין די אַנאָנסן, בײַ וועמען דער הונט איז פאַרפאַלן און גייט אַהין אַוועק. איין מאָל האָט ער אַוועקגעגנבעט אַ שיינעם שוואַרצן שפּיץ. און היות ווי דער בעל־הבית האָט זיך ניט געמאָלדן, האָט ער אַליין געפּרוווט געבן אַן אַנאָנס אין בלאַט. האָט ער אָף אַזאַ שטײַגער אַרײַנגעבראָקט אַ פּינפּערל, ביז עס איז געקומען איינער אַ הער און האָט דערקלערט, אַז דאָס איז טאַקע זײַן הונט, אַז ער האָט אים אָנגעוואָרן, נאָר ער האָט געהאַלטן פאַר איבעריק אים צו זוכן. נאָר איצטער זעט ער, אַז עס זײַנען פאַראַן ערלעכע מענטשן אַף דער וועלט, און אים טוט דאָס הנאה. דערפאַר טראָגט ער אים אונטער אַ מתּנה זײַן בוך וועגן האָדעווען שטוב־און גאָרטן־געוויקסן. האָט דאָס אונדזער באָזשעטעך געכאַפּט דעם שוואַרצן שפּיץ פאַר די הינטערשטע פיסלעך און אַ זעץ געטאָן דעם הער איבערן קאָפּ, און זינט דעמאָלט האָט ער זיך אַ נדר גע־געבן ניט צו פּובליקירן מער אין די בלעטער. ער'ט בעסער פאַרקויפן

דעם הונט אַ היצל, אויב קיינער וועט ניט געבן אַן אַנאָנס.

— גייט און לייגט זיך שלאָפן, שווייק, — האָט באַפוילן דער לייטענאַנט, — איר זייט דאָך אין שטאַנד אָפּצובאַלבען אַזוי ביז אינדערפרי.

דער לייטענאַנט אַליין האָט זיך אויך געלייגט שלאָפן. ביי־נאַכט האָט זיך אים געחלומט, אַז שווייק האָט אַוועקגעגבעט דעם קרוינפּרינצס פּערד און האָט אים געבראַכט צו אים, און אַז אַפּן פּאַראַד האָט דער קרוינפּרינץ דערקענט זיין פּערד, בשעת ער, דער שלימזלדיקער לייטענאַנט לוקאַש, איז אַף אים געריטן בראש פון זיין אָפּטייל.

אין דערפרי איז בים לייטענאַנט געווען אַזאַ צושטאַנד, ווי ער וואָלט בעת אַ הוליאַנקע געהאַט געקראָגן אַ פּאַטש אין פּנים. באַגינען איז ער ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן, אויסגעמאַטערט פון די שרעקלעכע חלומות. האָט אים אויפגעוועקט אַ שטאַרקער קלאַפּ אין טיר; עס האָט זיך באַוויזן דער גוטמוטיקער פּנים פון שווייק, וואָס האָט געפרעגט, וויפיל אַזייגער זאָל ער אויפוועקן דעם הער לייטענאַנט.

— אַרויס, שוטה! דאָס איז דאָך שוין גאָרניט צו דער־טראָגן! — האָט דער לייטענאַנט אַרויסגעקרעכצט.

אַז ער איז אויפגעשטאַנען, און שווייק האָט אים דערלאַנגט פרישטיק, האָט ער אים צעטומלט מיט אַזאַ פראַגע:

— נו וואָס, הער לייטענאַנט, וועט איר ניט באַפוילן, איך זאָל אייך ברענגען אַן אַנדער הונט!

— איר ווייסט וואָס, שווייק? איך וואָלט געוועזן אַ בעלי איך איבערצוגעבן אין פעלד־געריכט, — האָט דער לייטענאַנט געזאָגט מיט אַ זיפץ. — נאָר מען וואָלט אייך סיי ווי סיי באַ־פרייט, וואָרום אַזאַ טיפּש האָט נאָך קיינער ניט באַגעגנט. איר טוט נאָר אַ קוק אַף זיך אין שפּיגל. ווערט אייך דען ניט שלעכט פון אייער אידיאָטישן פּנים? אַנו, שווייק, זאָגט מיר מיט אַן אמת, איר אַליין זייט זיך געפעלן?

— ניין, הער לייטענאַנט, איך בין זיך ניט געפעלן, וואָרום אין דאָזיקן שפּיגל בין איך אַ קרומער אָדער אַזוי עפּעס. אָט אַזוי

דעם כינעז סמאַנעק איז געווען אַזאַ בולטער שפּיגל, אַז עמיצער פלעגט אין אים אַריינקוקן, פלעגט אים קערן ברעכן. דער פּיסק אָן אַ זײַט, דער קאָפּ — אַ נאַכט-טאָפּ, דער בויך ווי בײַ אַ שכורן קאַנאַריר... מיט איין וואָרט — אַ פּאַרשוין! נאָר ס'איז געגאַנגען פאַרבײַ דער הער שטאַטהאַלטער און האָט אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, האָבן זײַ תּיכּף געמוזט אים צונעמען.

האָט דער לייטענאַנט זיך אָפּגעקערט און האָט שווער אָפּגעזיפצט. איידער צו שמועסן מיט שווייקן, האָט ער זיך בעסער פאַרנומען מיט זײַן שוואַרצער קאַווע.

שווייק האָט שוין געפּאַרעט זיך אין קיך, און צום לייטענאַנט איז דערגאַנגען זײַן שטים: ער האָט געזונגען אַ פרײַלעך סאָלדאַטן-ליד...

— יאָ, יאָ: אַזאַ טיפּש, וואָס פעלט אים? — האָט דער לייטענאַנט אַ טראַכט געטאָן און האָט אפילו אויסגעשפּיגן.

אין דער טיר האָט זיך באַוויזן שווייקס קאָפּ.

— איך האָב דעם כּבוד צו מעלדן, הער לייטענאַנט, — האָט שווייק געזאָגט, — דאָ איז מען געקומען נאָך אײַך פון קאַזאַרמע, איר זאָלט תּיכּף זיך מעלדן צום הערן פּולקאָווניק.

און האָט מוסיף געווען מעשה היימישער מענטש:

— אפשר איבער דעם הינטל?

— איך האָב שוין געהערט, — האָט געזאָגט דער לייטענאַנט, אַז דער געקומענער סאָלדאַט האָט געוואָלט איבערגעבן אים זײַן שליחות.

ער האָט דאָס געזאָגט מיט אַ פאַרדאַגהטן מאָן און איז אַוועק, נאָכדעם ווי ער האָט שווייקן צוגעוואָרפן אַ בליק פול שנאה.

דאָס איז געווען זייער אַ מיאוסער שמועס. אַז דער לייטענאַנט איז אַרײַן אין פּולקאָווניקס קאַבינעט, האָט ער אים גע-טראָפן זיצנדיק אין פאָטער-שטול, אַן אָנגעברוגזטער, אַ בייזער.

— מיט צוויי יאָר צוריק, הער לייטענאַנט — האָט גע-זאָגט דער פּולקאָווניק, — האָט איר אויסגעדריקט דעם ווונטש אַריבערצוגיין קיין בודוויס? אַף דער מאָלדאַווע. יאָ, אַף דער מאָל-

דאווע, דאָרט ווו עס פֿאַלט אין איר אַריין דער עגער אָדער עפּעס ענלעכס. אַ גרויסע שטאָט, אַזוי צו זאָגן אַ פּריינטלעכע, און אויב איך האָב ניט קיין טעות, איז דאָרט פֿאַראַן אַ ברעג-דאַמבע. דאָס איז אַ וואַנט, אויסגעבויט אונטערן וואַסער. יאָ, אי-בעריקנס, האָט דאָס קיין שייכות ניט אַהער.

דער פּולקאָווניק איז אַנטשוויגן געוואָרן. דערנאָך, אַ קוק געטאָן אָפן טינטער, איז ער האַסטיק אַריבער אָף אַן אַנדער טעמע:

— מיין הונט האָט בײַ אייך פֿאַרדאָרבן דעם מאָגן, ווײַל גאָרנישט עסן. אָ, טוט נאָר אַ קוק, אין טינטער איז אַריין אַ פֿליגי אַ מאָדנע זאַך, וואָס אפילו ווינטער פֿאַלן אַריין פֿליגן אין טינטער. שדים ווייסן, וואָס דאָס איז אַזוינס!

„נו שוין, צי ניט די נשמה, אַלטער שוטה", האָט דער לייטענאַנט געטראַכט.

דער פּולקאָווניק איז אופגעשטאַנען און איז עטלעכע מאָל זיך דורכגעגאַנגען איבערן קאַבינעט.

— איך האָב לאַנג געטראַכט, הער לייטענאַנט, וואָס זאָל איך מיט אייך אייגנטלעך טאָן, בכדי אַזאַ זאַך זאָל ניט קאָנען זיך איבערחזרן, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איר האָט געוואָלט אַריבערגיין אין 91-טן פּולק. פֿון שטאַב פֿון הויפּט-קאָמאַנדיר האָט מען אונז ניט לאַנג געגעבן צו וויסן, אַז אין 91-טן פּולק פֿעלן אויס אָפֿיצערן, ווײַל די סערבן האָבן אַלע אויס-געהרגעט. איך בין אייך ערב מיט מיין וואָרט, אַז ניט שפּעטער ווי אין דריי טעג אַרום וועט איר זיין אין 91-טן פּולק אין בוד-וויס, ווו עס ווערט איצט געבילדעט אַ מאַרש-באַטאַליאָן. איך בעט אייך, דאַנקט ניט. די אַרמיי באַדאַרף האָבן אָפֿיצערן, וואָס...

אַזוי ווי ער האָט ניט געוווסט מער, וואָס צו זאָגן, האָט ער אַ קוק געטאָן אָפן זייגער און געזאָגט:

— שוין האַלב עלף, צייט אָנצונעמען דעם ראַפּאָרט פֿון פּולק.

דערמיט האָט זיך דער אָנגענעמער שמועס געענדיקט. דעם לייטענאַנט איז געוואָרן גרינגער אָפן האַרצן, ווען ער איז אַרויס

פון קאַנצעלאַריע און איז אַוועק אין קאַזאַרמע, ווו ער האָט גע=
מאָלדן, אַז אין די נאָענטסטע טעג פאָרט ער אַפן פראַנט און אַז
ער לאַדט איין אַף אַ געזעגן=סעודה.

געקומען אַהיים, האָט ער מיט אַ שטאָך געפרעגט שווייקן:

— איר ווייסט, וואָס דאָס איז אַ מאַרש=באַטאַליאָן, שווייק?

— גאַנץ ריכטיק, הער לייטענאַנט, אַ מאַרש=באַטאַליאָן איז
אַ „מאַרשבאַטיאַק”, און אַ מאַרש=ראָטע איז אַ „מאַרשקומפּאַטשקאַ”.
מיר רופן דאָס אַלע מאָל אַזוי אָפּגעקירצט.

— אויב אַזוי, שווייק, — האָט דער לייטענאַנט פייערלעך
געמאָלדן,—גיב איך אייך צו וויסן, אַז איר גייט אַוועק מיט מיר אין
אַ מאַרשבאַטיאַק, אויב איך געפעלט אַזוי דער נאָמען. נאָר מיינט
ניט, אַז אַפן פראַנט וועט איר מאַכן אַזעלכע נאַרישע קונצן, ווי
דאָ. איר זייט צופרידן?

— גאַנץ ריכטיק, הער לייטענאַנט, צופרידן! —האָט גע=
ענטפערט דער בראַווער סאָלדאַט שווייק.—אָט וועט דאָס זיין גרויס=
אַרטיק, ווען מיר וועלן ביידע צוזאַמען פאַלן פאַר אונדזער קיסר
און פאַר זיין גאַנצער פאַמיליע!...

יאראסלאוו האשעק

# דער בראווער סאלדאט שווייק
# אין דער וועלט־מלחמה

צווייטער טייל

אידיש ז. קאלמאנאוויטש

„ביכער פאר אלעמען" ריגע
גערטרוד־גאס 19.
1928

דרוקעריי ד. אפט, ריגע, פארק=גאס 1=א.

# 1

# שווייקס צרות אין אייזנבאַן-צוג.

אין קופּע צווייטן קלאַס פונם שנעלצוג פּראָג—בודוויס האָבן זיך געפונען דריי מענטשן, לייטענאַנט לוקאַש, אים קעגנאיבער אַן עלטערער מאַן, אין גאַנצן א פּליכעדיקער, און שווייק וואָס איז געשטאַנען באַשיידן ביי דער טיר פון קופּע. לייטענאַנט לוקאַש האָט דעם גאַנצן וועג ניט אופגעהערט צו מוסרן שווייקן און, ניט געאַכט דערויף, וואָס דערביי איז געזעסן דער פּליכעדיקער „פרייער“, האָט ער אים געזידלט מיט די ערגסטע ווערטער, וויפיל אין אים איז אַריין. שווייק איז דערביי געשטאַנען און האָט מיט א הכנעהדיקער מינע גענומען אַף זיך די תוכחה, וואָס האָט זיך אַף אים געשאָטן.

— אָט האָט מען ביי אונדז צוגעגנבעט איין טשעמאָדאַן,— האָט לייטענאַנט לוקאַש אופגעוואָרפן שווייקן. — אַ קאַטאָוועס צו זאָגן — אַ טשעמאָדאַן! כּלבֿ!

— ערלויבט צו מעלדן הער לייטענאַנט,— האָט שווייק זיך אָפּגערופן באַשיידן: — דעם טשעמאָדאַן האָט מען טאַקע ביי אונדז צוגעגנבעט, אָפּן וואָקזאַל דרייען זיך אלע מאָל אַרום בלערליי זשוליקעס, און מיר דוכט, אַז איינעם אַזאַ זשוליק איז ניט אַנדערש געפעלן געוואָרן אייער טשעמאָדאַן, האָט אָט דער מנוול מסתמא אויסגענוצט דעם מאָמענט, ווען איך בין אַף אַ וויילינקע אַוועקגעגאַנגען פון באַגאַזש צו מעלדן אייך, אַז מיט אונדזער באַגאַזש, איז גאָט צו דאַנקען, אַליץ כשורה! וואָרום אַוועקגנבען ביי אונדז אַ טשעמאָדאַן האָט מען געקאָנט נאָר אין אַזאַ גינסטיקן

מאָמענט, און די דאָזיקע זשוליקעס וואַרטן נאָר אױף אַזאַ מאָמענט. מיט צוויי יאָר צוריק האָבן זיי אָװעקגעגנבעט אױפן װאָקזאַל בײַ איין פּרוי א ווענעלע מיט א זויג=קינד, א מיידעלע, און זײַנען נאָך געוועזן אַזוי לײַטיש, אַז זיי האָבן דאָס מיידעלע אָפּגעבראַכט אין פּאָליציי=צירקל בײַ אונדז אין גאַס, אַזוי ווי זיי וואָלטן קלאָמפּערשט געהאַט געפונען זי אונטערגעוואָרפן ערגעץ אױף א טרעפּ פון א הויז. און דערנאָך האָבן די צייטונגען די מעשה אַזוי פונאַנדער= געשמירט, ווי די מוטער זאָל כּלומרשט האָבן אַליין אונטערגע= וואָרפן איר קינד.

און שוויק האָט פאַרענדיקט מיט דער לעבנס=חכמה:

— אױף די וואָקזאַלן האָט מען אַלע מאָל געגנבעט און מען וועט שטענדיק גנבענען. אַנדערש קאָן גאָר ניט זײַן.

— איך בין באַזיכערט, שוויק, — האָט אים לייטענאַנט לוקאַש איבערגעשלאָגן, — אַז איר וועט ווען עס איז האָבן א ווײַסטן סוף. איך קאָן נאָר בשום אופן ניט דערגיין, צי מאַכט איר זיך דאָס פאַר א נאַר, אָדער איר זײַט טאַקע אין דער אמתן געבאָרן געוואָרן אַזאַ שוטה. וואָס איז געווען אין טשעמאָדאַן?

— בכלל גערעדט, איז דאָרט גאָרנישט ניט געווען, — האָט שוויק געענטפערט, ניט אַראָפּצונעמען די אויגן פונעם פּליכעדיקן שאַרבן פונם ציוויל=מאַן, וואָס איז געזעסן קעגנ= איבער דעם לייטענאַנט, פאַרטיפט אין זײַן צייטונג, און האָט קיין שום אינטערעס ניט ארויסגעוויזן צו זייער שמועס. — אין דעם טשעמאָדאַן איז געוועזן גאָר און גאָר דער שפּיגל פון אייער שלאָפצימער און נאָך די אײַזערנע שאַראַגע פאַר היט פון פאַ= דער=צימער, אַזוי אַרום אַז מיר האָבן בעצם גאָר קיין היזק ניט געהאַט, וואָרום סיי דער שפּיגל און סיי די שאַראַגע האָבן גע= הערט דעם בעל=הבית פון הויז.

באַמערקט דעם לייטענאַנטס שרעקלעכע העויה, האָט שוויק ווײַטער געגומען ריידן מיט זײַן צערטלעכסטער שטים:

— איך האָב דעם כּבוד צו מעלדן, הער לייטענאַנט, אַז איך האָב לכתחילה ניט געוווּסט, אַז מען וועט דעם טשעמאָדאַן אָוועקגנבענען. וואָס איז שייך דער שאַראַגע פאַר די היט און דעם

שפיגל, האָב איך דעם בעל־הבית געמאָלדן, אז מיר וועלן אים דאָס אָפּגעבן, ווען מיר וועלן קומען אַהיים נאָכן קריג. אין שונהס לאַנד, מיין איך, וועלן זיך נאָך געפינען אזוי פיל שפּיגלען און שאַראַגעס, אז צו קיין סכסוך מיטן בעל־הבית וועט עס בשום אופן ניט קומען. וואָרום ווי נאָר מיר וועלן איינעמען א שטאָט, וועלן...

— פאַרשטאָפּט דעם פּיסק, שווייק! — האָט דער לייטענאַנט אָף אים א הוקע געטאָן. — אָט וועט איר זיך אָנרייסן, אַז איך וועל אייך שטעלן צום געריכט. טוט נאָר א קלער, צי זייט איר ניט דער גרעסטער אידיאָט אין דער וועלט. קיין איין מענטש, ווען ער זאָל אפילו אָפּלעבן טויזנט יאָר, וואָלט ניט אָפּגעטאָן אזוי פיל נאַרישקייטן, וויפיל איר אין די איינע פּאָר וואָכן. איך האָף, אַז איר האָט דאָס אליין באַמערקט?

— ערלויבט צו מעלדן, הער לייטענאַנט, אז איך האָב דאָס טאַקע אליין באַמערקט. איך ווער, ווי יענער זאָגט, קלוג, ווען עס איז שוין שפּעט, און די צרה איז שוין געשען. ס׳איז די אייגענע מעשה מיט מיר, ווי מיט יענעם נעכלעבאַ פון נעקאַצאַרקע, וואָס פלעגט אָפט אַריינקומען אין שיינקל „צוויג אין וועלדל". דער דאָזיקער נעקאַצאַרקאַ פלעגט אלע מאָל זיך טאָן א נדר אופצופירן זיך מעשה לייט און פון שבת אָן אָנהויבן א נײַ לעבן, און דעם צווייטן טאָג פלעגט ער שטענדיק דערציילן: „און אָט, ברידערלעך, טו איך דאָס אינדערפרי א קוק, איך ליג אָף א לאַווקע אין בודער־מודער". און אַלע מאָל פלעגט דאָס מיט אים טרעפן גראָד אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט זיך פונקט געקליבן צו גיין אַהיים. ער אליין איז געווען פאַריאָושט און פלעגט טענען, אז אזאַ ביטערער מזל איז אים געקומען בירושה. זיין זיידע איז איין מאָל אוועקגעפאָרן...

— שווייק, לאָזט מיך צו רו מיט אייערע משלים.

— איך האָב דעם כבוד צו מעלדן, הער לייטענאַנט, אז דאָס, וואָס איך האָב איצט דערציילט, איז דער אמת אליין. זיין זיידע איז איין מאָל...

— שווייק, — האָט דער לייטענאַנט נערוויז א געשריי געטאָן, — איך באַפעל אייך נאָך א מאָל מיר קיין זאַך מער ניט צו דערציילן; איך וויל אייך מער ניט הערן. אז מיר וועלן קומען אין בודוויס, וועל איך זיך שוין מיט אייך אָפּרעכענען. איר ווייסט, שווייק, אז איך וועל הייסן אַריינזעצן אייך אין קאַרצער?

— אָ ניין, הער לייטענאַנט, איך ווייס ניט, האָט שווייק געענטפערט ווייך. — איר האָט מיר וועגן דעם נאָך גאָרנישט געזאָגט.

ביים לייטענאַנט האָבן קעגן זיין ווילן די ציין גענומען קלאַפּן. ער האָט א ציטער געטאָן, אַרויסגענומען פון קעשענע א צייטונג און האָט זיך פאַרטיפט אין די נייס פון מלחמה = פלאַץ. נאָר מיט א מאָל האָט אים געשטערט דער קול פון שווייקן, וואָס האָט א פרעג געטאָן ביים פליכעדיקן הערן:

— זייט מוחל, גנעדיקער הער, זייט איר ניט צופעליק הער פורקראַבעק, נאמן פון באַנק „סלאַוויאַ“?

היות ווי דער פליכעדיקער הער האָט ניט געענטפערט, האָט שווייק זיך געווענדעט צום לייטענאַנט.

— ערלויבט צו מעלדן, איך האָב אמאָל געלייענט אין בלאַט, אז א נאָרמאַלער מענטש דאַרף האָבן דורכן באַנק פון 60 ביז 70 טויזנט האָר אַפן קאָפּ, און אז שוואַרצע האָר זיינען שיטערער געוויינטלעך, ווי מען קאָן דאָס זען אין א סך פאַלן.

און ווייטער אָן רחמנות:

— און איינער א מעדיקער האָט ביי אונדז אין קאַפע „שפּירק“ דערציילט, אז די האָר פאַלן ארויס פון אופרעקונג ביים האָבן.

אין דעם מאָמענט איז געשען א שרעקלעכע זאַך — דער פליכעדיקער הער איז אופגעשפּרונגען, איז צו צו שווייקן און א הוקע געטאָן:

— אַררויס פון דאַנען כלב שבכלבים!

און דער אומבאַקאַנטער האָט שווייקן ארויסגעשטופּט אין קאָרידאָר, איז צוריק אריין אין קופּע און האָט זיך פאָרגעשטעלט

דעם לייטענאַנט. יענער האָט פּאַר גרויס חידוש נאָר אויסגע־שטעלט די אויגן.

שוויק האָט געהאַט אַ שטיקל טעות. דער פּאַרשוין מיטן פּליך איז געווען ניט הער פּורקראַבעק פון באַנק „סלאַוויאַ", נאָר גענעראַל־מאַיאָר פאָן־שוואַרצבערג. דער גענעראַל־מאַיאָר האָט אינ־קאָגניטאָ אינספּיצירט די גאַרניזאָנען און איז איצט געפאָרן קיין בודוויים, בכדי צו כאַפּן דעם דאָרטיקן גאַרניזאָן.

ער איז געווען דער שטרייינגסטער אינספּעקטאָר, וואָס עס איז נאָר פאַראַן אין דער וועלט. אויב ער פלעגט נאָר כאַפּן עפּעס ניט אין אָרדענונג, פלעגט ער געוויינטלעך פאַרפירן מיטן שעף פון גאַרניזאָן אַזאַ מין שמועס:

— אַ רעוואָלווער האָט איר?

— יאָ, איך האָב.

— פיין! אַף אייער אָרט וואָלט איך געוווּסט, וואָס איך האָב צו טאָן, וואָרום דאָס, וואָס איך זע דאָ, איז ניט קיין גאַרניזאָן, נאָר אַ חזיר־שטאַל.

און נאָך זיינער אַן אינספּעקציע־רייזע פלעגט זיך טאַקע עמיצער שיסן. גענעראַל־מאַיאָר שוואַרצבערג פלעגט מיט באַפרידיקונג אויסהערן די מעלדונג וועגן דעם און זאָגן:

— אַזוי דאַרף דאָס זיין! אָט דאָס איז אַן עכטער זעלנער!

עס האָט געהאַט דעם פּנים, ווי ער וואָלט בכלל ניט ליב געהאַט, אַז נאָך זיין אינספּעקציע זאָל עמיצער בלייבן לעבן. ער האָט געהאַט אַ מין חולאת צו פאַרשיקן אָפיצערן דווקא אין די פאַרוואָרפנסטע העקן.

— הער לייטענאַנט, — האָט ער געפרעגט, אין וואָסער קאַדעטן־קאָרפּוס האָט איר זיך געלערנט?

— אין פּראָגער.

— הייסט דאָס, איר האָט זיך געלערנט אין אַ קאַדעטן־קאָרפּוס און ווייסט אפילו ניט, אַז אַן אָפיצער טראָגט די אחריות פאַר זיינע אונטערגעבענע? פיין, ניטאָ וואָס צו ריידן! צווייטנס שמועסט איר מיט אייער דינער, ווי ער וואָלט געווען אייער חבר. איר דערלויבט אים צו ריידן, בעת מען פרעגט ביי אים ניט.

דאָס איז נאָך פיינער! און דריטנס, איר דערלויבט אים צו באַ־
ליידיקן אייער עלטסטן. דאָס איז דאָס פיינסטע! דערפון וועל איך
מאַכן די געהעריקע מסקנא. ווי איז אייער נאָמען, הער לייטע־
נאַנט?

— לוקאַש.

— פון וואָסער פולק?

איך האָב געדינט...

— א דאַנק, אָבער מיר אינטערעסירט נים. ווו איר האט
געדינט. איך וויל וויסן, ווו איר דינט איצט.

— אין 91־טן, אינפאַנטעריע, הער גענעראַל־מאַיאָר. מען
האָט מיך אַהין אריבערגעזעצט פון...

— אַך אַזוי, אריבערגעזעצט? אויסגעצייכנט. אייך וועט זיין
זייער נוציק וואָס גיכער צו קומען מיטן 91־טן פולק ערגעץ אַפן
פראָנט.

— דאָס איז שוין באַשלאָסן, הער גענעראַל־מאַיאָר.

איצט האָט דער גענעראַל־מאַיאָר גענומען לייענען א גאַנצע
לעקציע מכח דעם, וואָס ער האָט די לעצטע צייט באַמערקט,
אַז די אָפיצערן גיבן צו פיל נאָך די סאָלדאַטן, אַז זיי זיינען מיט
זיי צו פיל חבר־לאַווער, אַז אַמאָל פלעגן די סאָלדאַטן ציטערן
פאַר זייערע אָפיצערן, ווי פאַר פייער, און איצט...

דער גענעראַל־מאַיאָר האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— איצט, — האָט ער מיט פאַרוואורף פאַרענדיקט,— צאַצקען
זיך דאָס רוב אָפיצערן מיט די סאָלדאַטן, אָט וואָס איך האָב
געוואָלט אייך זאָגן.

און דער גענעראַל־מאַיאָר האָט זיך ווידער גענומען פאַר
דער צייטונג און האָט זיך פאַרטיפט אין לייענען. לייטענאַנט לו־
קאַש, א ווייסער ווי קאַלך, איז ארויס אין קאָרידאָר זיך אָפרעכע־
נען מיט שווייקן.

ער האָט אים געפונען שטייענדיק ביים פענצטער מיט אזא
גליקלעכן און צופרידענעם פנים, וואָס אַזוינס האָט נאָר א צוויי־
חדשימדיקער קינד, וואָס האָט זיך זאַט אָנגעזויגן און איז זיס
אַנטשלאָפן געוואָרן.

איז דער לייטענאַנט שטיין געבליבן און האָט אַריינגעוווּנ־ קען שווייקן אין אַ ליידיקן קופּע. אַריינגעלאָזן אים אַהין, איז ער אויך אַריין און האָט צוגעמאַכט די טיר.

— שווייק, — האָט ער אָנגעהויבן פייערלעך, — איצט איז שוין סוף כּל סוף געקומען דער מאָמענט, ווען איר וועט אַריינכאַפּן אייער פּאַרציע פּרעשק, און אַזעלכע פּרעשק, וואָס די וועלט האָט נאָך ניט געזען. צו וואָסער שוואַרץ־יאָר האָט איר פאַרטשעפּעט דעם אַלטן פּליכעדיקן הער? ווייסט איר, אַז דאָס איז גענעראַל־ מאַיאָר פאָן־שוואַרצבורג?

— ערלויבט צו מעלדן, — האָט שווייק זיך אָפּגערופן מיט דער מינע פון אַ קדוש, — אַז קיין מאָל אין לעבן האָב איך בכלל ניט געהאַט בדעה עמיצן צו פאַרטשעפּען. און מיר איז גאָר־ ניט אַרוף אויפן זינען, אַז דאָס איז אַ גענעראַל. ער איז פּונקט ענלעך צו הער פורקראַבעק, דעם נאָמען פון באַנק „סלאַוויאַ". דער דאָזיקער הער פורקראַבעק פּלעגט אַריינגיין ביי אונדז אין שיינקל, און איין מאָל, אַז ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן ביים טיש, האָט איינער אַ בעל טובה זיך מיישב געווען און אָנגעשריבן אים אויפן פּליך מיט אַ כעמישן בלייפעדער וואָס: „מיר האָבן דעם כּבוד אייך פאַרצולייגן אויפן סמך פון בייגעלייגטן פּאָליס־תנאי צו פאַר־ זאָרגן אייערע קינדער מיט נדן, דורך דעם וואָס איר וועט זיך פאַרזיכערן אין אונדזער געזעלשאַפט". אַלע זיינען, פאַרשטייט זיך, אַוועק׳ און איך בין געבליבן דער איינציקער, און אַזוי ווי איך האָב קיין מאָל קיין מזל ניט, איז דאָס אויסגעגאַנגען צו מיין קאָפּ. אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט זיך דערזען אין שפּיגל, איז ער געוואָרן אויסער זיך און האָט געמיינט, אַז איך האָב דאָס אים אָפּגעטאָן, און ער האָט אויך געוואָלט מיר געבן פּעטש.

דאָס ווערטל „אויך" האָט זיך אויסגעגאָסן פון שווייקס ליפּצן מיט אַזאַ האַרציקייט און מיט אַזאַ צאַרטן פאָרוואָרף, אַז ניט ווילנ־ דיק האָט זיך ביים לייטענאַנט אַראָפּגעלאָזט די האַנט.

— איבער אַזאַ גאַרנישט מיט אַ נישט, — האָט שווייק גע־ רעדט דאָס זייניקע, — האָט דער הער גענעראַל ניט באַדאַרפט, בלעבן, זיך אויפרעגן. ער האָט טאַקע באַדאַרפט האָבן פון 60 ביז

70 טויזנט האָר, ווי עס איז דארט געשטאַנען אין בלאַט. מיר האט אפילו קיין מאָל ניט געחלומט, אז גענעראלן קאָנען זיין פליכעדיקע. דאס איז, ווי יענער זאגט, א טראַגישער טעות. וואס קאָן זיך טרעפן מיט איטלעכן, ווען עמיצער מאכט א באמערקונג, און דער צווייטער טשעפעט זיך באלד צו. אָט איז א מעשה, וואס עס האט דערציילט פאַר פיר יאָרן דער שניידער היוול. ער איז געפאָרן, דערציילט ער, פון א שטעטל אין שטיריען איבער לעאָבען קיין פראָג און האט געפירט מיט זיך א געראויכערטן פריידיק, וואס ער האט געקויפט אין מאַרבורג. פאָרט ער זיך אזוי אין צוג און איז זיכער, אז ער איז דער איינציקער טשעך אין וואַגאָן. און אז ער האט ארום סאַנקט מאָריץ גענומען שניידן דעם פריידיק, האט דער הער, וואס איז געזעסן קעגנאיבער, גענומען וואַרפן אויגן אפן פריידיק, און ער האט אפילו געהאַט א פולע מויל שפייעכץ. האט דאס דער שניידער היוול באמערקט און האט צו זיך א זאָג געטאן אין דער הויך אויף טשעכיש: „איאָ, מנוול דיר וואלט זיך קענטיק געוואָלט א קיי טאָן א שטיקל דאָר-פלייש?" אז יענער גיט דאס א זאָג ארויס טאקע אין טשעכיש: „מיטן גרעסטן חשק, אויב דו וועסט געבן א שטיקל". איז וואָס זשע מיינט איר? האבן זיי טאַקע אזוי ביידע אופגעגעסן דעם גאנצן פריידיק, נאך איידער זיי זיינען געקומען ביז בודוויס. און גערופן האט מען יענעם פאַרשוין אַדאַלבערט ראָוס.

האט לייטענאנט לוקאַש א קוק געטאָן אף שווייקן און איז ארויס פון קופע. באלד ווי ער האט זיך אוועקגעזעצט אף זיין אַלטן אָרט, האט זיך אין טיר באַוויזן שווייקס ערלעכער פנים.

— יאָ, ערלויבט צו מעלדן, הער לייטענאַנט, אין פינף מינוט ארום וועלן מיר זיין אין טאַבאָר. דער צוג שטייט דאָרט פינף מינוט. צי וועט איר ניט באַפעלן צו ברענגען עפעס צוצובייסן? אַמאָליקע יאָרן האבן זיי דאָ געהאט זייער גוטע...

אויסער זיך פון כעס, איז דער לייטענאַנט ארויסגעשפרונגען אין קאָרידאָר און האט געזאגט צו שווייקן:

— איך בין אייך נאָך א מאָל מתרה, אז וואס ווינציקער איר וועט זיך באַוויזן מיר פאַר די אויגן, אלץ אָנגענעמער איז

מיר, דאס בעסטע וואלט געווען, ווען איך וואלט אייך בכלל מער ניט געזען, און זייט רואיק, איך וועל שוין דאס באזאָרגן. סטאַרעט זיך בכלל מער ניט צו ווייזן זיך מיר אין די אויגן, איר בהמה איינער, אידיאָט.

— ריכטיק, הער לייטענאַנט.

שווייק האט צוגעלייגט די האַנט צום היטל, האט זיך א דריי אום געטאָן לינקס און איז מיט א פעסטן טריט אוועק אין צווייטן קאָרידאָר, האט זיך אוועקגעזעצט אפן קאָנדוקטאָרס אָרט און געפרווט פארפירן א שמועס מיט עפעס א באַן־אָנגעשטעלטן.

— אנטשולדיקט, איך מעג אייך עפעס פרעגן?

דער אייזנבאַנער האט קענטיק גאר א קנאַפּן חשק געהאט צו שמועסן, ער האט קוים־קוים א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— צו מיר, — האט שווייק גענומען ריידן האַסטיק־האַסטיק, — פלעגט גאנץ אָפט אריינגיין זייער א סימפּאַטישער מענטש, א געוויסער האָפמאַן, פלעגט ער שטענדיק טענען, אז אָט די אלע אַלאַרם־סיגנאַלן זיינען קיין דרייער ניט ווערט. און אויב מען זאָל, איך כאַפּ אייך אָן, א צי טאָן אָט דאס הענטל, וועט דערפון פשוט בתכלית הפשטות גארנישט ניט ארויסקומען. דעם אמת גערעדט, האָב איך זיך קיין מאָל מיט אזעלכע זאַכן ניט אינטערעסירט, נאָר וויבאלד אז אזא סיגנאַל־אַפּאַראַט איז מיר שוין אריין אין די אויגן, וואלט איך זייער וועלן פון אייך דערגיין, וואס עס וועט זיין, טאָמער וועל איך א מאָל מוזן אים באנוצן.

און שווייק איז אופגעשטאַנען און איז צוגעגאַנגען מיטן אייזנבאַנער צום קראַן פונם ועסטינג־האַוז־טאָרמאָז, וואָס איבער אים איז געשטאַנען אופגעשריבן: „אין פאַל פון א סכנה א דריי טאָן דאס הענטל“.

דער אייזנבאַנער האט געהאלטן פאר זיין חוב צו דער־קלערן שווייקן דעם גאנצן מעכאַניזם פונם סיגנאַליזאַציע־אַפּאַראַט און האט אים פאַרזיכערט, אז יענער וואס האט געזאָגט, אז דער טאָרמאָז וועט דעם צוג ניט אָפּשטעלן, זאָגט א ליגן. בשעת מעשה האבן זיי ביידע געטאַפּט דאס הענטל פונם טאָרמאָז, און

עס איז געבליבן א רעטעניש, ווי אזוי האט דאס געטראָפן, אז זיי האבן א צי געטאָן און דער צוג האט זיך אָפּגעשטעלט.

זיי האבן ניט געקאָנט דורכקומען צווישן זיך מכח דעם, ווער האט דאס געטאָן.

שווייק האט געטענעט, אז ער האט דאָס ניט געקאָנט טאָן, אז ער האָט דאס ניט געטאָן, ער איז דאָך ניט קיין אינגל.

— מיר איז טאַקע אליין א חידוש, — האט ער געזאָגט גוטמוטיק, — וואס דער צוג איז געבליבן שטיין. געגאַנגען — געַ גאַנגען — און מיט א מאָל סטאָפּ! דאָס ערגערט מיך נאָך מער, ווי אייך.

עפּעס איינער אן ערנסטער מאַן האט זיך געשטעלט אפן צד פון אייזנבאַנער און האט עדות געזאָגט, אז ער האָט געהערט, ווי דער סאָלדאַט האט דער ערשטער פאַרפירט דעם שמועס וועגן די אַלאַרם־סיגנאַלן.

שווייק האט זיך פאַרענטפערט, אז ער איז אן ערלעכער מאַן און אז ער איז גאָרניט פאַראינטערעסירט דערין, דער צוג זאָל זיך פאַרשפּעטיקן, וואָרום ער פאָרט אף דער מלחמה.

— מילא, דער סטאַנציע־שעף וועט שוין פסקען, — האט באַשלאָסן דער קאָנדוקטאָר.— דאָס וועט אייך קאָסטן צוואַנציק קרוינען.

בינתים האָבן די פּאַסאַזשירן גענומען ארויסקריכן פון די וואַגאָנעס, דער מאַשיניסט האָט געפייפט, און עפּעס א פרוי האט געכאַפּט איר טשעמאָדאַן און איז א דערשראָקענע אַנטלאָפן גלייך אין פעלד אריין.

— הייסט דאָס, אז דער צוג שטייט פאַר צוואַנציק קרוין, — האט שווייק באַמערקט תמעוואַטע.—דאָס איז נאָך ניט קיין יקרות. אָט איין מאָל, בעת זיין קייזערלעכע מאַיעסטעט איז פאַרבייגעפאָרן זשיזשקאָוו, האט א געוויסער פראַנטאַשנאַר זיך אַנידערגעוואָרפן אף די קני פאַרן עקיפּאַזש אין דעם שמאָלסטן אָרט, און דער עקיפּאַזש איז געבליבן שטיין. האט דער פּאָליציי־קאָמיסאַר פון יענעם ראַיאָן מיט טרערן אין די אויגן אופגעוואָרפן דעם הער שנאָר,

פאַרוואָס האט ער דאָס געטאָן אין זיין באַצירק. און דערנאָך האָט ער אים אריינגעשיבעט הינטער די גראַטעס.

שווייק האָט זיך מיט גאווה ארומגעקוקט, אין דעם מאָמענט איז צוגעגאַנגען דער אויבער־קאָנדוקטאָר.

— איצט וואָלט מען שוין געמעגט פאָרן, — האָט ארויס־געדעדט שווייק, — וואָרום ס׳איז זייער גיט שיין, ווען דער צוג וועט פאַרשפעטיקן. מילא, אין שלום־צייט — איז נאָך ווי עס איז. נאָר איצט, אז עס איז מלחמה, דאַרף איטלעכער וויסן, אז אין יעטווידער צוג פאָרן מיליטער־לייט, גענעראַלן, לייטענאַנטס, באַ־דינערס און אזוי ווייטער. און איטלעכע פאַרשפעטיקונג איז זייער א מיאוסע זאַך. נאַפּאָלעאָן האט פאַרשפעטיקט ביי וואַטערלאָאָ סך הכל אף א מינוטן פינף, און זיין גאַנצע גדולה האט גע־כאַפּט דער שוואַרץ־יאָר.

אין יענער רגע האט זיך דורכגעשטופּט דורך דער גרופּע צוהערער דער לייטענאַנט לוקאַש. עד איז געווען מוראדיק בלאַס און האט ניט געקאָנט ארויסברייננגען גאָרנישט, ווי נאָר:

— שווייק!

— איך האב דעם כבוד צו מעלדן, הער לייטענאַנט, אז מען האט אף מיר אויסגעטראַכט א בלבול, אז איך האב כלומרשט פאַרהאַלטן דעם צוג. און איך וועל זאָגן, אז דאָס פאַר־קער־מיניסטעריום גיט זייער משונהדיקע פּלאָמבעס פאַר די טאָר־מאָזן. גלייכער אז מען גייט צו זיי גאָר ניט צו נאָענט, זיסט קאָן זיך טרעפן אן אומגליק, און דערנאָך וועט מען מאָנען צוואַנציק קרוינען, געגוי ווי ביי מיר.

דער אויבער־קאָנדוקטאָר איז שוין געווען ארויסגעגאַנגען, האט געגעבן א סיגנאַל און דער צוג האט זיך גערירט.

די צוהערערס זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, איטלעכער אין זיין קופּע. אויך דער לייטענאַנט לוקאַש איז אַוועק צו זיך, ניט גערעדט מער קיין וואָרט.

געבליבן זיינען נאָר דער קאָנדוקטאָר און דער אייזנבאַנער. דער קאָנדוקטאָר האָט ארויסגענומען זיין נאָטיץ־ביכל און גענומען

שרייבן א ראַפּאָרט. דער אייזנבאַנער האָט מיט שנאה געקוקט אָף שווייקן, וואָס האָט בײַ אים געפרעגט מעשה תם:

— איר הינט שוין לאַנג אָפן אייזנבאַן?

האָט דער אייזנבאַנער געעפנט די טיר אין טואַלעט און האָט זיך דאָרט איינגעשלאָסן.

איצטער זיינען געבליבן נאָר דער קאָנדוקטאָר און שווייק. האָט דער קאָנדוקטאָר גענומען מאָנען די צוואַנציק קרוינען שטראָף און האָט מתרה געווען, אַז אויב שווייק וועט ניט באַצאָלן, וועט ער זיין געצוווּנגען איבערצוגעבן אים אין טאַבאָר דעם סטאַנציע-שעף.

— גוט, — האָט געזאָגט שווייק, — איך האָב ליב צו כאַפּן א שמועס מיט געבילדעטע לייט און מיר איז זייער ליב זיך צו באַקענען מיט דעם סטאַנציע-שעף פון טאַבאָר.

אַז דער צוג איז צוגעגאַנגען צום וואָקזאַל פון טאַבאָר, און שווייק האָט געמוזט אַראָפּגיין מיטן קאָנדוקטאָר צום סטאַנציע-שעף, איז ער פריער אַוועק זיך מעלדן, ווי עס געשיקט זיך, דעם לייטענאַנט לוקאַש:

— ערלויבט צו מעלדן, הער לייטענאַנט: מען פירט מיך צום סטאַנציע-שעף.

לייטענאַנט לוקאַש האָט קיין וואָרט ניט געענטפערט. אים האָט שוין קיין זאַך אין דער וועלט ניט געאַרט. ווי א בליץ האָט דורכגעשניטן זיין מוח א געדאַנק, אַז דאָס בעסטע איז אַ שפּיי טאָן אָף אַליץ: סיי אָף שווייקן, סיי אָפן פליכעדיקן גענעראַל-מאַיאָר, בלייבן זיצן רואיק אָפן אָרט, אַראָפּגיין אין בודוויים, זיך מעלדן אין קאַזאַרמע און אוועקפאָרן מיט א מאַרש-באַטאַליאָן אָפן פראָנט און אָפן פראָנט אויב מען וועט מוזן, זיך אונטערשטעלן אונטער די קוילן און פּטור ווערן אַזוי אַרום פון אָט דער מיאוס-סער וועלט, ווו עס לעבן אַזעלכע פּאַסקודניקעס. ווי דער דאָזיקער שווייק.

* * *

דער צוג איז שוין לאַנג פריכנדיק געלאָפן קיין בודוויים,

נאָר אפֿן פּעראָן אין טאַבאָר איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ רעדל מענטשן אַרום שווייקן.

שווייק האָט מיט ברען דערוויזן, אַז ער איז אומשולדיק, און האָט אַזוי געווירקט אויפֿן עולם, אַז איינע אַ פֿרוי האָט אַפֿילו אַרויסגעזאָגט איר מיינונג:

— האָבן זיי זיך שוין ווידער פֿון העלער הויט צוגעטשעפּעט צו אַן אָרימען סאָלדאַט נעבעך.

און דער גאַנצער עולם האָט צוגעשטימט, און איינער אַ הער האָט זיך אָנגעבאָטן, אַז ער וועט באַצאָלן די צוואַנציק קרוין שטראָף, וואָס מען מאָנט פֿון שווייקן, וואָרום ער איז באַזיכערט, אַז ער האָט דאָס ניט געטאָן.

— איר טוט נאָר אַ קוק אויף אים, — האָט ער געזאָגט צום סטאַנציע־שעף, טייטנדיק אויף שווייקס אומשולדיקן פּרצוף. און שווייק האָט בשעת מעשה זיך געשוואָרן:

— אויף נאמנות, ברידערלעך, איך בין ניט שולדיק.

דערנאָך איז פֿון ערגעץ אַרויסגעשפּרונגען אַ זשאַנדאַרם, האָט געכאַפּט עפּעס אַ בירגער, דערקלערט פֿאַר אַרעסטירט און אוועקגעפֿירט. דערביי האָט ער געטענעט:

— איר וועט דערפֿאַר ענטפֿערן... איך וועל אייך ווייזן, ווי אַזוי צו העצן דאָס פֿאָלק... איר וועט ענטפֿערן פֿאַר אייערע ווערטער, אַז אויב מען באַגייט זיך אַזוי מיט סאָלדאַטן, קאָן מען פֿון זיי ניט פֿאַרלאַנגען, אַז עסטרייך זאָל געווינען דעם קריג.

דער אומגליקלעכער בירגער האָט נאָר עפּעס געבעלעבעטשעט, אַז ער איז אַ קצב און אַז ער האָט געדינט אין גוואַרדיע, און האָט אַפֿילו ניט געטראַכט צו ריידן אַזעלכע רייד.

בינתים האָט דער גוטער פֿאַרשוין, וואָס האָט געגלויבט, אַז שווייק איז אומשולדיק, אָפּגעצאָלט אין דער קאַנצעלאַריע די שטראָף און האָט אים אוועקגעפֿירט אין בופֿעט פֿון דריטן קלאַס, ווו ער האָט אים מכבד געווען מיט ביר. און אַז עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע פּאַפּירן שווייקס און זיין באַן־בילעט זיינען געבליבן ביים לייטענאַנט לוקאַש, האָט דער דאָזיקער הער געשאָנקען שווייקן נאָך פֿינף קרוין אויפֿן בילעט און אַנדערע הוצאות.

ביים אוועקגיין האט ער שווייקן איינגעראָמט א סוד:

— אָט אַזוי, ליבער פריינט, ווי איך האב אייך געזאָגט, אַז איר וועט זיין אין רוסלאַנד אין געפאַנגענשאַפט, זאָלט איר איבערגעבן א גרוס דעם ביר = ברויער זעמאַן אין זדאָלבונאָווע. איר'ט פאַרשריבן דעם פאַמיליע=נאָמען? גערייגקט, מאַכט זיך ניט נאַריש און פאַרזיצט ניט אָפּן פראָנט.

— מכּח דעם מעגט איר זיין רואיק, — האָט געענטפערט שווייק. — מיר איז שטענדיק, זאָלט איר וויסן זיין, אינטערעסאַנט צו זען וועלט פאַר אומזיסט.

שווייק איז געבליבן זיצן אליין ביים טישל. אין דער זעלבי= קער צייט, בעת ער האט דאָ פאַוואָליע פאַרטרונקען דאָס פינ= פערל, וואס דער בעל=טובה האט אים געהאַט געשאָנקען, האט זיך צווישן יענעם טייל עולם אפן פעראָן, וואס איז געשטאַנען פון דער ווייטן און איז ניט געווען דערביי, ווי שווייק האט זיך אויסגע= טענעט מיטן סטאַנציע=שעף, פאַרשפרייט א קלאַנג, אַז מען האט אָקאָרשט אַרעסטירט א שפיאָן, וואס האט פאָטאָגראַפירט דעם וואָקזאַל. נאָר דעם דאָזיקן קלאַנג האט תיכּף אָפּגעלייקנט א פרוי, וואס האט געטענעט, אַז די מעשה איז גאָר ניט מיט א שפיאָן, נאָר זי האט געהערט, אַז א דראַגונער האָט אָנגעמקלט די ביי= נער איינעם אַן אָפיצער, ווייל יענער האט פאַרטשעפּעט זיין געליבטע, וואס איז געקומען אפן וואָקזאַל אים באַגלייטן.

א סוף אָט צו אָט די אלע קלאַנגען און השערות, וואס זיינען אַ סימן, אַז בעת מלחמה איז דער עולם שטאַרק נערוועז, האט געמאַכט די זשאַנדאַרמעריע, וואס האט געהייסן דעם עולם זיך אָפּטראָגן פון פעראָן. און שווייק האט זיך געטרונקען זיין כּוס און געהאַלטן אין זינען זיין לייטענאַנט. וואס וועט ער נעבעך טאָן, אַז ער וועט אָנקומען אין בודוויים און וועט אין גאַנצן צוג ניט געפינען זיין געטרייען דינער?

אַז עס איז אָנגעקומען דער פּאַסאַזשיר=צוג, איז דער בופעט דריטער קלאַס פול געוואָרן מיט סאָלדאַטן און ציוויל געקליידטע. סאָלדאַטן זיינען געווען מער. זיי זיינען געווען פון די פאַרשיידנ= סטע נאַציעס, וואס דער שטורעם פון דער מלחמה האט זיי גע=

האָט צעשליידערט איבער די לאַזאַרעטן און וואָס איצט זיינען זיי געפאָרן צוריק אַפּן פראָנט נאָך נייע וווּנדן און יסורים אָדער נאָך א פראָסטן הילצערנעם קרייץ ערגעץ אין א מיטן פעלד...

איינער פון אָט די אומגליקלעכע נפשות האָט זיך איצט צוגעזעצט נעבן שווייקן. ער איז געווען אָקאָרשט פריי געלאָזט פון מיליטער־שפּיטאָל נאָך אן אָפּעראַציע. אָנגעטאָן אין א פּאַר־ברודיקטן, פאַרפלעקטן מונדיר, איז ער געווען עפּעס א צונויפגע־קאָרטשעטער, אַן אויסגעדאַרטער, א פאַרחושכטער. אוועקגעלייגט אַפן טישל זיין קליין רענצעלע, האָט ער ארויסגעשלעפּט א צע־ריסן טייסטערל און איבערגעציילט זיין געלט.

דערנאָך האָט ער א קוק געטאָן אף שווייקן און א פרעג געטאָן:

— א מאַדיאַר?

— ניין, חבר, א טשעך בין איך, — האָט זיך אָפּגערופן שווייק. — לאָמיר נעמען צו קאַפּעלעך.

— איך פאַרשטיי נים, — האָט יענער געענטפערט אף זיין לשון.

— נישקשה, — האָט שווייק גענומען אים מכבד זיין און צוגערוקט זיין פולע גלאָז דעם פאַרחושכטן סאָלדאַט. — נאַ, טו נאָר א רעכטן זופּ!

יענער האָט זיך אָנגעשטויסן, האָט א זופּ געטאָן און אָפּגעדאַנקט. דערנאָך האָט ער ווייטער גענומען בודק זיין דאָס טייסטערל. סוף כל סוף האָט ער א זיפץ געטאָן און איז אופגעשטאַנען. האָט שווייק פאַרשטאַנען, אז יענער חלשט א גלאָז ביר, נאָר עס פעלט אים אויס געלט. האָט שווייק באַשטעלט פאַר אים אויך. האָט דער מאַדיאַר אים ווידער אָפּגעדאַנקט און גענומען עפּעס דער־קלערן שווייקן מיט תנועות און מאַכן מיט די הענט. ער האָט אויסגעשטרעקט די דורכגעשאָסענע האַנט און באַוויזן עפּעס און דערביי געבעלעמעטשעט עפּעס: „פּיף, פּאַף, באַץ!“

שווייק האָט מיט רחמנות צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און דער סאָלדאַט האָט אים נאָך דערציילט: ער האָט מיט דער לינקער

האַנט באַוויזן אַן ערך א האַלב מעטער פון דיל און דערנאָך אויפגעהויבן דריי פינגער, — אַז ער האָט דריי קליינע קינדער.

— גאָרנישט, גאָרנישט, — האָט ער ווייטער גערעדט, ווילנדיק זאָגן, אַז אין דער היים איז בײַ אים ניטאָ גאָרנישט, און האָט זיך געריבן די אויגן, וואָס פֿון זיי זײַנען גערונען טרערן און גערונען, מיטן ברודיקן אַרבל פֿון סאָלדאַטישן מאַנטל, ווי עס האָט נאָך אַרויסגעשײַנט די לאַך פֿונם קויל, וואָס האָט אים געמאַכט פֿאַר א קאַליקע צוליב דעם כבוד פֿונם קעניג פֿון אונגאַרן.

ס'איז קיין חידוש ניט, וואָס נאָך אַזעלכע שמועסן איז בײַ שווייקן פֿונם געקראָגענעם פֿינפֿערל שוין ניט געבליבן קיין העלער, און וואָס ער האָט פֿאַמעלעך אָבער זיכער פֿאַרלאָרן דעם צונויפֿבונד מיט בודוויס, וואָרום מיט איטלעכן קופֿל ביר, וואָס ער האָט באַשטעלט פֿאַר זיך אָדער פֿאַרן פֿאַרוווּנדעטן מאַדיאַר, האָט ער אַלץ מער אָנגעוואָרן די מעגלעכקייט צו קויפֿן זיך א בילעט.

אָט איז שוין נאָך א צוג אַוועק קיין בודוויס, און שווייק איז נאָך אַלץ געזעסן בײַם טיש און האָט זיך צוגעהערט, ווי דער מאַדיאַר האָט געטענעט אָן אַן אויפֿהער: „פּיף, פּאַף, באַך! דריי קינדער, ניטאָ וואָס צו עסן. עליען!"

דאָס לעצטע וואָרט פֿלעגט ער אויסרײדן, ווען ער פֿלעגט אָנשטויסן די גלעזער מיט שווייקן.

— מילאַ, טרינק שוין, טרינק, דו מאַדיאַרישע קישקע, — האָט געענטפֿערט שווייק. — זשליאָקע, אַז מען גיט. אײַער אײַנער וואָלט אונדז אַזוי ניט מכבד געווען...

בײַ א שכנישן טיש האָט א סאָלדאַט דערציילט, אַז ווען דער 28-טער טשעכישער פּאָלק איז אָנגעקומען אין סעגעדין, האָבן די מאַדיאַרן זיך געריצט מיט די טשעכן: זיי פֿלעגן אויפֿהויבן די הענט צו באַווייזן, ווי אַזוי די טשעכן גיבן זיך אונטער.

געווען איז דאָס דער ריינער אמת, נאָר יענער סאָלדאַט האָט קענטיק געשפּירט זיך באַליידיקט דערפֿון, וואָס שפּעטער איז דאָס געוואָרן א געוויינטלעכע זאַך אין אַלע טשעכישע פּאָלקן, און וואָס סוף כל סוף האָבן דאָס די מאַדיאַרן אויך גענומען טאָן,

בעת אָט די שחיטה לכּבוד דעם קעניג פון אונגאַרן איז זיי דער־עסן געוואָרן.

ווייטער האט אט דער סאָלדאַט דערציילט נאָך, ווי אזוי זיי האבן געממיתט די מאַדיאַרן אין סעגעדין און אפילו ארויס־געטריבן זיי פון אייניקע שיינקען. דערביי האט ער געלויבט אויך די מאַדיאַרן, אז זיי קאָנען זיך גוט שלאָגן, און אז ער אליין האט אין אט דעם געשלעג געקראָגן מיט א מעסער אין רוקן, אזוי אז מען האט געמוזט אים אָפּשיקן אין א שפּיטאָל אף קוראַציע.

און איצט, אז ער וועט קומען צוריק, וועט מסתמא זיין באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר געווים אים הייסן אַריינזעצן דערפאַר, וואס ער האט ניט באוויזן אָפּצודינען דעם מאַדיאַר מיט א שטאָך, בכדי יענער זאל האבן דאס צו געדיינקען און בכדי צו ראַטעווען דעם כּבוד פון זיין פולק...

— אייערע דאָקומענטן? — האט זיך העפלעך געווענדט צו שווייקן דער שעף פון פּאַטרול, א פעלדוועבל, וואס איז געגאַנגען פאַרביי, באגלייט פון פיר סאָלדאַטן מיט ביקסן. גערעדט האט ער געבראָכן טשעכיש. — איך זע אייך, איר זיצן, זיצן, ניט פאָרן, זיצן און טרינקען, אליץ טרינקען!

— איך האב ניט קיין דאָקומענטן, — האט געענטפערט שווייק. — לייטענאַנט לוקאַש, פון 91־טן פולק האט זיי מיטגע־נומען מיט זיך, און איך בין דאָ געבליבן אפן וואָקזאַל.

— איטלעכער סאָלדאַט מוז האָבן זיינע דאָקומענטן ביי זיך,— האט געזאָגט דער פעלדוועבל.— אָן דאָקומענטן כאַפּט מען די ארומשלעפּערס ווי משוגענע הינט. און ביז וואס ווען שפּאַרט מען זיי איין.

האט מען שווייקן אָפּגעפירט אין דער קאָמענדאַנטור און געלאָזן אים זיצן אין וואַך־שטוב, ביז עס וועט קומען דער קאָ־מענדאַנט. אז דער קאָמענדאַנט איז געקומען, האָט דער קאַפּראַל פון וואַך אריינגעפירט שווייקן אין דער קאַנצעלאַריע. דאָרט איז געזעסן ביי א טיש, ווו עס זיינען געווען אָנגעוואָרפן פּאַפּירן, א יונגער אָפיצער, וואס איז קענטיק געווען שטאַרק ברוגז איבער עפּעס.

דערזען שווייקן מיטן קאַפּראַל, האָט ער אַרויסגעבראָכט:

— אַהאַ? נו יאָ!

איך האָב דעם כּבֿוד צו מעלדן, הער לייטענאַנט, אַז דעם דאָזיקן מענטשן האָט מען פֿאַרהאַלטן אויפֿן וואָקזאַל, ווײַל ער האָט קיין דאָקומענטן ניט, — האָט דער קאַפּראַל אָפּגעגעבן ראַפּאָרט.

דער לייטענאַנט האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט זאָגן, אַז שוין מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט ער שוין פֿאָראויסגעזען, אַז אין דעם און דעם טאָג און אין דער און דער שעה וועט מען שווייקן פֿאַרהאַלטן אויפֿן וואָקזאַל, ווײַל ער האָט ניט קיין דאָקומענטן. וואָרום אויב עמיצער וואָלט אין יענער מינוט אַ קוק געטאָן אויף שווייקן, וואָלט ער געמוזט האָבן דעם אײַנדרוק, אַז עס קאָן גאָר ניט געמאָלט זײַן, אַז אַ מענטש מיט אַזאַ פּרצוף און מיט אַזאַ אויסזען זאָל האָבן דאָקומענטן. אין יענער מינוט האָט שווייק אויסגעזען אַזוי, ווי ער וואָלט נאָר וואָס זײַן אַראָפּגעפֿאַלן פֿון הימל אָדער פֿון אַן אַנדער פּלאַנעטע און קומט איצט מיט תּמימותדיקער פֿאַרוווּנדערונג אויף אָט דער נײַער וועלט, וווּ מען פֿאַרלאַנגט פֿון אים אַזאַ משונהדיקע זאַך ווי דאָקומענטן.

דער לייטענאַנט האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט וועלן אונטערשטופּן שווייקן, ער זאָל עפּעס זאָגן און אים געבן אַן אָנצוהערעניש, וואָס ער האָט צו פֿרעגן.

צולעצט האָט ער געפֿרעגט:

— וואָס'ט איר געטאָן אויפֿן וואָקזאַל?

— ערלויבט צו מעלדן, הער לייטענאַנט, איך האָב געוואַרט אויפֿן צוג קיין בודוויס, בכדי צו קומען צו מײַן 91־טן פּולק, וווּ איך בין אַ דינער בײַם הער לייטענאַנט לוקאַש, וואָס איך בין געצוווּנגען געווען אים צו פֿאַרלאָזן, ווײַל מען האָט מיך אַוועקגעפֿירט צו באַצאָלן שטראָף צום סטאַנציע־שעף, וואָרום מען האָט מיך חושד געווען, אַז דאָס האָב איך אַ ציִ געטאָן דאָס הענטל פֿון לופֿט־טאָרמאָז און אָפּגעשטעלט דעם צוג.

— מען קאָן דאָך פֿון זינען אַראָפּ! — האָט זיך צעשריִען דער לייטענאַנט. — דערציילט דאָס אַלץ מיר אין אַ סדר און בקיצור און באַלבעט ניט וואָס ניט געשטויגן.

— ערלויבט צו מעלדן, האַט דער לייטענאַנט, אַז עס איז אונדז ניט געגאַנגען פֿון יענעם מאָמענט אָן, ווען איך מיטן הער לייטע־נאַנט לוקאַש האָבן זיך געזעצט אין שנעלצוג, וואָס האָט אונדז באַדאַרפֿט וואָס גיכער ברענגען אין 91־טן פּולק אין בודוויס. ראשית חכמה איז בײַ אונדז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אַ טשעמאָדאַן, דערנאָך האָט אַף צו פֿלייסנט, עפּעס אַ גענעראַל מיט אַ גוואַל־דיקן פּליך...

— גאָט מײַנער! — האָט דער לייטענאַנט אָפּגעזיפֿצט.

— ערלויבט צו מעלדן, האָט דער לייטענאַנט, אַז דאָס מוז אַלץ אַרויסגעטרייסלט ווערן פֿון מיר, ווי פֿון אַ האַריקער קאָלדרע, בכדי מען זאָל קאָנען זיך מאַכן אַ בילד פֿון דעם וואָס איז גע־שען. ווי עס פֿלעגט זאָגן דער פֿאַרשטאָרבענער שוסטער פּעטר־זשיק, ווען ער פֿלעגט הייסן זיין אינגל אַראָפּלאָזן די מייטקעס, איידער ער פֿלעגט זיך נעמען צום שמײַסן.

דער לייטענאַנט האָט אַרויסגעלאָזן אַ ווייטאָקדיקן קרעכץ, און שוועיק האָט זיך גערעדט ווײַטער:

— האָב איך, הייסט דאָס, בײַ אָט דעם פֿליכעדיקן גענע־ראַל עפּעס ניט נושא חן געווען, און דערפֿאַר האָט לייטענאַנט לוקאַש, וואָס איך בין בײַ אים אַ באַדינער, מיך אַרויסגעשיקט אין קאָרידאָר אַרויס, און אין קאָרידאָר האָט מען שפּעטער גענו־מען מיר אויפֿוואַרפֿן, אַז איך זאָל האָבן כּלומרשט געטאָן דאָס, וואָס איך האָב אייך שוין געמאָלדן. נו, און איידער מען האָט גע־פּטרט דעם עסק, בין איך געבליבן איינער אַליין אַפֿן פּעראָן. דער צוג איז אַוועק, און מיט אים איז אַוועק דער הער לייטענאַנט מיט די טשעמאָדאַנעס און מיט אַלע זיינע און מיינע דאָקומענטן, און איך בין דאָ געבליבן שטעקן אָן דאָקומענטן, ווי עפּעס אַ יתום.

און שוועיק האָט צערטלעך און גערירט אַ קוק געטאָן אַפֿן לייטענאַנט, וואָס אים איז שוין איצט געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז אָט דער פּאַרשוין, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ געבאָרענעם אידיאָט, האָט געזאָגט דעם אמת.

האָט דערמאָלט דער לייטענאַנט אויסגערעכנט שוועיקן אַלע צוגן, וואָס זיינען אָפּגעגאַנגען קיין בודוויס נאָך דעם שנעלצוג,

און האט אים געשטעלט די פראגע, פארוואס האט ער אט די אלע צונג דורכגעלאזן.

— ערלויבט צו מעלדן, הער לייטענאנט, — האט געענט־פערט שוויק מיט א גוטמוטיקן שמייכל,— אז מיר האט געטראפן אן אומגליק פאר דער צייט, וואס איך האב געווארט אפן צווייטן צוג — איך האב ביי א טישל געטרונקען איין קופל ביר נאכן אנדערן.

„אזא בהמה האב איך נאך ניט געזען, — האט א טראכט געטאן דער לייטענאנט. —ער איז זיך דאך מודה אין אלץ. וויפיל זיי זיינען דא געווען ביי מיר, האבן זיי אלע געפרווט פארריידן די ציין, און אט דער־א זאגט זיך גאנץ רואיק: „איך האב דער־פאר דורכגעלאזן די צוגן, ווייל איך האב געטרונקען איין קופל ביר נאכן צווייטן".

פון אט די אלע געדאנקען האט ער געמאכט איין פראזע, געווענדט צו שוויקן:

— הערט זיך איין, איר זייט דאך אן אמתער דעגענעראט, איר ווייסט, וואס דאס הייסט, ווען מען זאגט וועגן א מענטשן, אז ער איז א דעגענעראט?

— ביי אונדז אפן ראג באזשיטשא און קאטארינען־גאס, ערלויבט צו מעלדן, הער לייטענאנט, האט אויך געוווינט איין דעגענעראט. זיין פאטער איז געווען עפעס א פוילישער גראף, און די מוטער איז געווען א הייבעם. ער פלעגט קערן די גאסן, און אין די קראמען האט מען ניט אנדערש געמוזט אים זאגן: „אייער דורכלויכט".

האט דער לייטענאנט איינגעזען, אז עס איז צייט צו מאכן א סוף צום שמועס, און האט אפגעהאקט:

— הערט זיך איין, וואס איך וועל אייך זאגן, איר פערד איינער, איר לײמענער גולם. גייט תיכף אין קאסע, קויפט זיך א בילעט און פארט אזועק קיין בודוויים. אויב איך וועל אייך נאך א מאל כאפן דא, וועל איך זיך מיט אייך באגיין, ווי מיט א דע־זערטיר. מארש!

און היות ווי שווייק האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, נאָר האָט אַלץ געהאַלטן די האַנט ביים דאַשיק, האָט דער לייטענאַנט א הויקע געטאָן:

— אַרויס פון דאַנען! האָט איר ניט געהערט? מאַרש! קאַפּראַל פּאַלאַנעק, פירט אָפּ דעם דאָזיקן אידיאָט צו דער קאַסע און קויפט אים א בילעט קיין בודוויים.

אין א ווײַלע אַרום האָט דער קאַפּראַל פּאַלאַנעק זיך ווי־דער אַ מאָל באַוויזן אין דער קאַנצעלאַריע. דורך דער האַלב־אָפענער טיר האָט אַרײַנגעקוקט הינטער פּאַלאַנעקס רוקן שווייקס גוטמוטיקער פּרצוף.

— נו, וואָס איז ווייטער?

— איך האָב דעם כבוד צו מעלדן, הער לייטענאַנט, — האָט דער קאַפּראַל פּאַלאַנעק געזאָגט שטילערהייט, ווי מען פאַר־טרויט א סוד — אַז ער האָט קיין געלט ניט אַף א בילעט, און איך האָב אויך ניט. און אָן געלט וויל מען אים ניט פירן, ווײַל ער האָט ניט קיין דאָקומענטן און קיין באַווײַז, אַז ער פאָרט אין פּולק אַרײַן.

האָט דער לייטענאַנט ניט געלאָזט לאַנג וואַרטן אַף זײַן קלוגן פּסק־דין.

— מילא, זאָל ער גיין צופוס, — האָט ער א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — און זאָל מען אין פּולק אים אַרײַנזעצן אין קאַרצער פאַר פאַרשפּעטיקן. וואָס איז דאָ זיך וואָס צו צאַצקען?

— ניט אָפּגעגאַלטן, ברודערקע, — האָט געזאָגט קאַפּראַל פּאַלאַנעק צו שווייקן, אַז ער איז אַרויס פון קאַנצעלאַריע. — ס'מוזן, נעבעך, שלעפּן זיך קיין בודוויים צופוס. אין וואַך־שטוב האָבן מיר א לאַבן ברויט, וועלן מיר דיר מיטגעבן אַפן וועג.

און אין א האַלב שעה אַרום, נאָכדעם ווי מען האָט אים נאָך מכבד געווען מיט שוואַרצער קאַווע און מיטגעגעבן אַפן וועג חוץ ברויט, נאָך א פּעקל קרוינשן טאַבאַק, האָט שווייק פאַרלאָזן טאַבאָר. עס איז געווען א פינצטערע נאַכט, נאָר שווייק האָט פרײלעך געשפּאַנט און געזונגען א לעבעדיק סאָלדאַטן־ליד... דער טייוול ווייס,

און ווי דאָס האָט געקאָנט פּאַסירן, אז דער בראַווער סאָל־דאַט שווייק האָט, אָנשטאָט צו פאַרנעמען זיך אין דרום־זייט קיין בודוויס, אַוועקגעשפּאַנט האַסטיק און ניט אָפּצושטעלן זיך גלייך קיין מערב!

ער האָט געשפּרייזט איבערן פאַרשנייטן וועג, איינגעוויקלט זיך פעסט אין זיין סאָלדאַטן־מאַנטל, פּונקט ווי דער לעצטער גרע־נאַדיר פון דער באַרימטער נאַפּאָלעאָנישער גוואַרדיע, וואָס איז געגאַנגען צוריק פון מאָסקווע, נאָר מיט דעם חילוק, וואָס ער האָט פריילעך אונטערגעזונגען:

„בין איך מיר געגאַנגען אונטערן שטאָט
אין די גרינע וועלדער...״

און אין די באַשנייטע וועלדער האָט אין נאַכטישער שטיל־קייט אָפּגעהילכט אַן עכאָ, אַזוי אז די הינט אין די דערפער האָבן זיך צעבילט.

און אז שווייקן איז דערעסן געוואָרן צו זינגען, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אַף א הויפן זשוויר און האָט פאַררויכערט זיין ליולקע. און אַז ער האָט זיך אָפּגערוט, האָט ער זיך געלאָזט גיין ווייטער אַנטקעגן נייע טרעפעניש.

## 2

# שווייק מאַרשירט קיין בודוויים.

שווייק האָט שוין געהאַט אויסגעזונגען אַלע סאָלדאַטן־לידער, וואָס ער האָט געקענט נאָך זינט דער צייט, ווען ער האָט געדינט אין מיליטער, ווען ער האָט געטראָפן אַן אַלטיטשקע, וואָס איז געגאַנגען אַהיים פון קירך. דאָס איז געווען אַפן וועג צווישן קוועטאָוו און ווראַץ, וואָס האָט אַלץ געפירט קיין מערב־זייט. די אַלטיטשקע האָט אים באַגריסט:

— גוט מאָרגן, סאָלדאַט־לעבן, וווהין גייסטו דאָס?

— קיין בודוויים, באָבעניו, אין פולק אריין, — האט געענטפערט שווייק. — און דערנאָך אַף מלחמה.

— גייסטו דאָך ניט מיטן ריכטיקן וועג, — האט זיך די אַלטיטשקע דערשראָקן אָפגערופן. — מיט דעם וועג איבער ווראַץ וועסטו קיין מאָל אַהין ניט דערלאַנגען, וואָרום אויב דו וועסט גיין אַלץ גראָד אויס וועסטו קומען קיין קלאַטאָווע...

— און איך האַלט, — איז שווייק איר אַריינגעפאַלן אין די רייד, — אַז קיין בודוויים קאָן מען אָנקומען איבער קלאַטאָווע אויך. דאָס איז דאָך, כ'לעבן, א פיינער שפּאַציר, ווען מען הייַלט זיך אין פולק אַריין, בכדי מען זאָל נאָך ניט האָבן קיין צרות פאַר גאָר דער מי צו קומען צו דער צייט.

— יאָ, ביי אונדז איז אויך געווען איינער א יונגערמאַנטשיק אַזוינער. ער האָט באַדאַרפט זיך מעלדן אין פּילזן, אין לאַנדוועער־פולק. גערופן האָט'ן אים טאָני מאַשעק, — האָט די אַלטיטשקע אָפּגעזיפצט, — און געווען איז ער א שטיקל קרוב מיין פּלימעניצע.

מילא, גוט, אװעקגעפֿאָרן. און אין א װאָך אַרום האָט אים שױן פּאָליציי געזוכט, װאָרום ער האָט זיך אין פּולק ניט געמאָלדן. און נאָך אין א װאָך אַרום איז ער געקומען צו אונדז צוריק אַנגעטאָן ציװיל, — מען האָט אים כּלומרשט אָפּגעלאָזן אַף באַזוך אַהײם. מילא, איז דער סאָלטס טאַקע אװעק אין פּאָליציי, און דער דאָזיקער באַזוך איז טאַקע אונדזער יונגען מאַן אױסגעפּאַלן פּידרעך... ער האָט שױן געשריבן פֿון פראַנט, אז ער איז פֿאַרװוּנדעט — אָפּגעריסן א פֿוס...

די אַלטיטשקע האָט מיט רחמנות א קוק געטאָן אַף שװייקן.

— װאַרט צו א װײלע דאָרט, אין װאַלד, װעל איך דיר אַרױסברײנגען א ביסל בולבעס. װעסט אָפּעסן און אָנװאַרימען זיך. אונדזער כּאַלופּקע שטײט ניט װײט פֿון דאַנען — אָן דאָרט הינטערן װעלדל, א קאַפּעלע רעכטס. אָבער דורכן דאָרף זאָלסטו ניט גײן, װאָרום דאָרט שניאָרען אַרום די זשאַנדאַרן, װי הונגעריקע װעלף. בעסער גײ דורכן װאַלד גלײך אַף מאַלטשין. אױך זאָלסטו זיך היטן אַרײנצוגײן אין טשיזשאָװאַ. די זשאַנדאַרן זײַנען דאָרט רוצחים, רק להוט אַף דעזערטירן צו כאַפּן... גײ מיטן װאַלד קײן סעדלעץ. דאָרט איז דער זשאַנדאַר זײער א גוטער. לאָזט אַלעמען דורך... פֿאַפּירן האָסטו עפּעס?

— אָט דאָס איז דאָך די צרה, װאָס נײן!

— אױב אַזױ, גײ בעסער גאָר ניט אַהין, גײ גלײך קײן ראַדאָמישל, און סטאַרע זיך צו קומען אַהין פֿאַרנאַכט צו, װאָרום אין אָװנט זיצן אַלע זשאַנדאַרן אין די שײנקען. דאָרט זאָלסטו אױפֿזוכן אין אונטערשטן געסל א קלײן שטיבל, װאָס איז אונטן אָפּגעפֿאַרבן בלאָ און זאָלסט פרעגן דעם בעל־הבית, מעליהאַרעק. דאָס איז מײַן ברודער. גיב אים אָפּ א גרוס פֿון מיר, װעט ער דיר זאָגן, װי מען קומט קײן בודװײס.

און װעלדל האָט שװײק איבער א האַלב שעה געװאַרט אַף דער אַלטער. אַז ער האָט זיך אָנגעװאַרימט מיט דער קאַרטאָפֿליױך, װאָס זי האָט אים געבראַכט אין א טאָפּ אַרומגעװיקלט מיט א װאַרימער שמאַטע, ער זאָל ניט אױסקילן, האָט די אַלטיטשקע

אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן טוך אַן אָקרייץ ברויט און א שטיק פעטס, האָט דאָס אַריינגערוקט שווייקן אין די קעשענעס, איבער-געצלמט אים און געזאָגט, אַז זי האָט „דאָרט" צוויי אייניקלעך.

דערנאָך האָט זי אים גענוי אויסגעטייטשט, וואָסערע דערפער ער מעג דורכגיין און וואָסערע ער זאָל אויסמיידן. סוף כל סוף האָט זי אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע א קרוין, בכדי ער זאָל אין מאַלטשין קאָנען קויפן זיך בראָנפן, וואָרום דער וועג קיין ראַדאָמישל איז א ווייטער.

האט שווייק פון טשיזשאָוו, לויט ווי די אַלטע האָט אים געעצהט, פאַרקערעוועט אַף ראַדאָמישל, מיט דעם חשבון, אַז אין בודוויים קאָן מען אָנקומען פון וואָסער זייט מען וויל.

אין מאַלטשין האָט ער זיך באַקענט אין שיינקל, ווו ער האָט זיך געקויפט בראָנפן, מיט איינעם אַן אַלטן אַ האַרמאָניקע-שפּילער, יענער האָט אים פאָרגעלייגט צו באַווייזן אַן אָרט אַף זיך צו באַהאַלטן. ער האָט א טאָכטער, וואָס איר מאַן איז אויך א דעזערטיר. ס'איז געווען קענטיק, אַז דער אַלטער האָט געכאַפּט אַן איבעריקן שנעפּסל.

און אַז שווייק האָט זיך העפלעך אָפּגעזאָגט פון זיין טובה, איז ער געוואָרן שטאַרק ברוגז, האָט זיך אָפּגעקערט פון וועג גלייך אַף לינקס און האָט געסטראַשעט, אַז ער גייט צום זשאַנ-דאַר אין טשיזשאָוו און וועט אָנמסרן אַף שווייקן.

פאַרנאַכט איז שווייק אָנגעקומען אין ראַדאָמישל און האָט געפונען אין אונטערשטן געסל דאָס שטיבל פונם פויער מעלי-האַרעק. אַז ער האָט איבערגעגעבן אים א גרוס, פון זיין שוועס-טער אין ווראַץ, איז דער פויער קנאַפּ וואָס נתפעל געוואָרן.

ער האָט אָן רחמנות געפאָדערט ביי שווייקן זיינע דאָקו-מענטן. דאָס איז געווען א מענטש פון אַלטן שניט, און ער האָט גערעדט די גאַנצע צייט וועגן גזלנים, אַרומטרייבערס און גנבים, וועלכע האָבן כלומרשט פאַרפלייצט דעם גאַנצן קרייז.

— די דאָזיקע האַלעדראַנצעס אַנטלויפן פון דינסט, ווייל זיי האָבן קיין חשק ניט צו דינען, בלאָנקען זיך אַרום אין דער סביבה און שלעפּן צו אַלץ, וואָס עס מאַכט זיך אונטער די הענט, —

האָט ער געזאָגט שוויקן גלייך אין פּנים אַריין.— און איטלעכער פון זיי מאַכט דעם אָנשטעל פון א תּם, אַז ער קאָן א פליג אַף דער וואַנט ניט פאַרטשעפּען...

אָט דאָס איז די מעשה! א דבר ידוע, אַז אמת שטעכט אין די אויגן, — האָט ער מוסיף געווען, אַז שוויק איז אופגעשטאַנען אַוועקצוגיין.— האָט עמיצער א ריינעם געוויסן, וועט ער זיך פון אָרט ניט רירן און באַווייזן פּאַפּירן. און אַז ער האָט קיין פּאַפּירן ניט...

— פאַרבלייבט געזונט, זיידע.

— טראָג זיך אַף געזונטערהייט, גיי זוכן נאַראָנים.

און ווידער האָט שוויק דורכגעשפּרייזט כּמעט א גאַנצע נאַכט. ניט ווייט פון פּוטים האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אַף א הויפן היי אין פעלד. בעת ער האָט גענומען פונאַנדערשאַרן די היי, האָט ער שיער ניט ביים סאַמע אויער דערהערט א שטים:

— פון וואָסער פּולק? וווהין גייסטו?

— פון 91־טן. קיין בודוויים.

— וואָס טראָגט דיך דער שוואַרץ־יאָר?

— דאָרט וואַרט אַף מיר מיין לייטענאַנט.

האָט מען געקאָנט הערן, אַז גאָר דער נעבן לאַכט ניט איינער, נאָר גאַנצע דריי. אַז דער געלעכטער האָט זיך איינגע־שטילט, האָט שוויק געפרעגט, פון וואָסער פּולק זיי זיינען. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צוויי זיינען פון 35־טן, און דער דריטער איז אַן אַרטילעריסט, טאַקע פון בודוויים.

די צוויי האָבן דעזערטירט נאָך מיט א חודש צוריק, גראָד איידער מען האָט זיי געוואָלט באַשטימען אין א מאַרש־ראָטע, און דער אַרטילעריסט איז נעווען א בורח פון זינט דער מאָביליזאַציע. ער האָט דערציילט, אַז ער איז אַליין פון פּוטים, און אַז אָט דער הויפן היי איז טאַקע זיין אייגענער. די נאַכט פאַרברייגנט ער שטענדיק אין היי. נעכטן האָט ער יענע צוויי געפונען אין וואַלד און האָט זיי מיטגענומען אַף גאַכטלעגער.

אַלע האָבן זיך געטרייסט מיט דער האָפענונג, אַז דער קריג וועט זיך ענדיקן אין אַ צוויי דריי חדשים אַרום. זיי האָבן זיך איינגערעדט, אַז די רוסן זיינען שוין אונטער בודאַפּעשט און

אין מעהרן. אַזוי האָבן אין פֿוטים אַלע געהאַלטן. פֿאַרטאָג האָט די פֿרוי פֿון אַרטילעריסט באַדאַרפֿט ברײנגען זיי צו עסן, דערנאָך האָבן די דעזערטירן פֿון 35-טן געדאַרפֿט גיין צו זייערע קרובים באַהאַלטן זיך.

— און דו פֿון 91-טן, — האָבן זיי זיך געווענדט צו שווייקן, — אויב דו ווילסט, קאָנסטו גיין מיט אונז. שפּײַ אַף דײַן לייטענאַנט.

— ניין, ברידערלעך, דאָס איז גאָרניט אַזוי גרינג, — האָט געענטפֿערט שווייק און האָט זיך אײַנגעגראָבן טיפֿער אין היי.

אינדערפֿרי, אַז ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, איז שוין קיינער פֿון זיי ניט געווען. עמיצער, משמעות דער אַרטילעריסט האָט אים געלאָזן אַ שטיק ברויט אַפֿן וועג.

שווייק איז אַוועק מיטן וואַלד און נעבן שטעקנאַ האָט ער באַגעגנט עפּעס אַן אַרומגייער, אַן אַלטן שיכּור, וואָס האָט זיך מיט אים צעוויטעוועט, ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן, און האָט אים מכבּד געווען מיט אַ זופּ בראָנפֿן.

— אַהין איז ניט כּדאַי דיר צו גיין, — האָט ער גענומען לערנען שווייקן. — אָט דער סאָלדאַטן-מאַנטל וועט דיך נאָר אַרײַנפֿירן אין אַ בלאָטע. אומעטום איז איצט פֿול און פֿול מיט זשאַנדאַרן, און בעטן נדבות וועט מען דיך ניט לאָזן. אונדז דערגייען די זשאַנדאַרן שוין ניט אַזוי די יאָרן, דערפֿאַר אָבער נאָך אײַערע חברה יאָגן זיי זיך — שוין איין מאָל אַ געיעג!

— יאָ, איצט יאָגן זיי זיך נאָר נאָך אײַערע חברה-לײַט, — האָט ער איבערגעחזרט מיט אַזאַ באַזיכערטקייט, אַז שווייק האָט באַשלאָסן אים גאָרנישט צו דערציילן וועגן 91-טן פּולק. זאָל אָט דער ווילער אַלטיטשקער מיינען, אַז ער איז אַ דעזערטיר. וואָס אַרט עס אים?

— און וווּהין גייסטו דאָס? — האָט דער אַלטער געפֿרעגט אין אַ ווײַלע אַרום, אַז זיי האָבן פֿאַררויכערט די ליולקעס און גענומען פּאַוואָליע שפּאַנען אויסצומײַדן דעם דאָרף.

— קיין בודוויס.

— וואָס רעדסטו! — האָט דער אַלטער זיך אויפֿגערעגט. — דאָרט וועלן זיי דיך דאָך אין איין שמיי-דריי כאַפּן, דו׳סט

ניט באַווייזן אַפילו אַ פּישצע טאָן. ווייסטו וואָס, דו מוזט ניט אַנדערש דערקאַזשען אַ צעריסענעם ציוויל=רעקל, און דו מוזט הינקען און בכלל האָבן דעם פּנים פון אַן אינוואַליד... נאָר האָב קיין מורא ניט. מיר גייען איצט קיין סטראַקאָניצע, דערנאָך קיין וואָלין, דערנאָך קיין טיכאַ, און איך בין ניט איך, אויב מיר'ן ניט אויססטראָיען דיר עפּעס אַ ציווילן לייב=צודעק. דאָרט, אין סטראַקאָניצע, זיינען נאָך פאַראַן אַזעלכע נאַרישע און ערלעכע מענטשן, וואָס פאַרגעסן בייַנאַכט צוצושליסן אַ טיר און אַף בייטאָג לאָזן זיי די טירן אין גאַנצן אָפן. איצט, ווינטער=צייט, גייט מען אַריין צו אַ שכן, כאַפּן אַ שמועס — אָט האָסטו דיר אַ שטיקל בגד און וועש. און קיין סך דאַרפסטו ניט. שטיוול האָסטו, הייסט דאָס, מער ניט עפּעס אויבערשט. דאָס מאַנטעלע איז קענטיק, אַ שפּלס?

— אודאי.

— הייסט דאָס, דאַרף מען דאָס באַהאַלטן. דערין וועסטו גיין איבער די דערפער. דאַרפסטו האָבן אַ רעקל און מייטקעס. אַז מיר וועלן דאָס דערקאַזשען, וועלן מיר פאַרקויפן דיינע סאָלדאַטישע הויזן און די בלוזע איינעם אַ באַקאַנטן פאַרשווינדל אין באָדניאַן, וואָס קויפט אויף קרוינישע זאַכן און פאַרקויפט זיי אין די דערפער.

— היינט גייען מיר קיין סטראַקאָניצע, — האָט ער ווייטער אויסגעמעלט זיין פּלאַן. — אַ שעה פיר גאַנג פון דאַנען געפינט זיך די שאָף=שטאַל פון שוואַרצנבערג. דאָרט איז פאַראַן מיינער אַ באַקאַנטער, אַ פאַסטוך, אויך שוין אַ זקן. ביי אים וועלן מיר איבערנעכטיקן, און מאָרגן, באַגינען וועלן מיר זיך לאָזן גיין קיין סטראַקאָניץ און מירן פּרוּוון ווי עס איז אויסשתדלען דאָרט פאַר דיר אַ שטיקל ציווילן בגד.

אין שאָף=שטאַל האָט שוויק אָנגעטראָפן אַ פריינטלעכן אַלטיטשקן, וואָס האָט נאָך געדיינקט, ווי זיין זיידע פלעגט דערציילן פון די פראַנצויזישע מלחמות. ער איז געווען מיט אַ יאָר צוואַנציק עלטער, ווי דער אַרומגייער, און דערפאַר האָט ער ביידע אורחים זיינע גערופן „זונעלעך".

— אָט אַזשוי אַי' די מעשה, זשונעלע, — האָט ער גענומען ריידן מיט זיינע הוילע יאַסלעס, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אויםגעזעצט פאַרן פייער, ווו עס איז געשטאַנען און געקאָכט זיך א טאָפּ קאַרטאָפלעס, — אין יענע צייטן האָט מיין זיידע אויך דעזערטירט, אָט אַזוי אַן ערך ווי דו. נאָר מ'האָט אים אין באָדניאַן געכאַפּט און מען האָט אים אַזוי אריינגעצימבלט אין באַלף מחילות אריין, אַז פּעדערן זיינען געפלויגן. און ער איז נאָך אָפּגעקומען מיט חסד. אָט דער עלטסטער זון יאַרעשעס פון ראַזשיטש אַף יענער זייט פּראָטיווין, דעם אַלטן יאַרעשעס זיידע, ער האָט טאַקע אין פּיסעק געמוזט אַראָפּשלינגען דאָס גוטע שטיקל בליי. געפּייניקט האָבן זיי אים און דערשאָסן... און דו, זונעלע, ווען ביסטו אַנטלאָפן?

ער האט אָנגעשטעלט זיינע פאַרטרערטע אויגן אַף שווייקן.

— באַלד נאָך דער מאָביליזאַציע, ווען מען האט אונדז אָפּגעפירט אין קאַזאַרמע, — האט געענטפערט שווייק, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז ניט כדאי צו האַמפּערן זיך מיטן אַלטן פּאַסטוך.

— ביסטו, הייסט דאָס, אויך אריבערגעקלעטערט איבער פּלאַנקען? — האט דער אַלטער ווייטער געפרעגט; ער האט משמעות, נאָך גוט געדיינקט זיין זיידעס דערציילונג.

— אַנדערש האָט מען ניט געקאָנט, זיידע־לעבן.

— און וואַך־זעלנערס זיינען געווען א סך? האָבן זיי געשאָסן?

— נאָך ווי געשאָסן!

— און וווהין גייסטו דאָס איצט?

— עפּעס א פליג האָט אים געשטאָכן, — האָט פּאַר שווייקן געענטפערט דער אַלטער אַרומגייער. — ער וויל ניט אַנדערש קומען קיין בודוויים. א פּראָסטער שכל, יונג און נאַריש, קריכט דאָס אַף דער תליה. משמעות, אַז איך וועל שוין מוזן מיט אים צוקנעלן א ביסל! א שטיקל לייב־צודעקל א ציווילס וועלן מיר שוין דערקאַזשען, און דעמאָלט זיינען מיר אַפּן פערד. ביז פרי־יאָר וועלן מיר זיך א קאַפּעלע צומוטשען, און פרי־יאָר וועלן מיר

זיך אָנדינגען אַף אַרבעט בײַ א פּויער. אַרבעטער װעלן הײַ־יאָר זײַן טײַער. ס׳װעט זײַן הונגעריק... זאָגן זאָגט מען, אַז מ׳װעט אַלע אַרומגײערס סײַ װי שיקן אַף צװאַנגס־אַרבעטן אַף די פעלדער. מײן איך, אַז גלײַכער איז צו גײן מיטן גוטן װילן. מ׳װעט דאָך אויסהרגענען א ים מענטשן!

— הײסט דאָס, זונעלע, דו מײנסט, אַז די מלחמה װעט זיך ניט ענדיקן אַזוי גיך? ריכטיק, זונעלע! מלחמות זײַנען שטענדיק געװען. געװען די מלחמה מיט נאַפּאָלעאָנען, דערנאָך איז געװען, װעדליג מען האָט אונדז דערצײלט, די שװעדישע מלחמה און זיבניאָריקע מלחמות. און דאָס אַלץ דערפאַר, װײַל די מענטשן האָבן פאַרזינדיקט. הערסט א מעשה, עס שמעקט זײ שוין מער ניט קײן שאָפן־פלײש. װילן זײ שוין מער ניט פרעסן קײן שאָפן־פלײש! א מאָל פלעגן זײ זיך שלעפן אַהער מחנותװײַז, איך זאָל זײ פאַרקויפן א שעפּסל הינטן אַרום, און די לעצטע יאָרן — גיב זײ רק חזיר־פלײש און רק הינדעלעך, און אַלץ פוטער, און אַלץ אַף רײנע שמאַלץ! אָט שטראָפט זײ גאָט פאַר זײער גרוים האַלטן זיך. אָט װעלן זײ זיך דאָס אָנהונגערן...

דאָס װאַסער אין טאָפּ האָט גענומען זידן, און דער אַלטער פּאַסטוך האָט נאָך א קלײנער הפסקה גענומען זאָגן נביאות:

— און די מלחמה װעט ער ניט געװינען, אונדזער קיסר. עפּעס ניטאָ קײן מונטערקײט אין פאָלק. װאָלסט נאָר הערן, זונעלע, װאָס די שכנים צערײדן, װען זײ קומען זיך צונויף. איטלעכער האָט דאָך עמיצן אַפן פראָנט. װאָלסטו דאָס הערן, װאָס מען שמועסט, און שמועסן שמועסט מען, אַז נאָך דער מלחמה װעט זײַן פרײהײט פאַר אַלעמען, און עס װעלן מער קײן פריצים ניט זײַן, און עס װעלן מער קײן מלכים ניט זײַן און קײן פירשטן, און מען װעט בײַ זײ צונעמען די מאַיאָנטקעס. אָט פאַר אַזעלכע שמועסן האָבן די זשאַנדאַרן צוגענומען אײנעם א געװיסן קאַר־זשינקאַ. זײ האָבן געזאָגט, אַז ער העצט דאָס פאָלק. יאָ, איצט זײַנען די זשאַנדאַרן די גאַנצע מאַכערס!

אָט אין אַזעלכע שמועסן האָבן די דריי פאַרבראַכט דעם אָוונט. אָפּגעגעסן, האָבן זיי זיך אויסגעצויגן אַף די שלאָף־בײַנק אין וואַרימען שטיבל און זײַנען באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן.

בײַנאַכט האָט שוויק זיך שטילערהייט אָנגעטאָן און איז אַרויס. אין מזרח־זײַט איז אויפגעגאַנגען די לבנה, און בײַ איר שוואַכן שײַן האָט שוויק מונטער אַוועקגעשפּאַנט קיין מזרח, טענענדיק פאַר זיך:

— עס קאָן דאָך ניט געמאָלט זײַן, איך זאָל ניט דערלאַנגען קיין בודוויים!

אַז ער איז אַרויס פון וואַלד, האָט אין דער רעכטער האַנט זיך באַוויזן א שטאָט; האָט שוויק דעריבער פאַרקערעוועט צורעשט קיין מערב, דערנאָך קיין דרום, וו עס האָט זיך ווידער א מאָל באַוויזן א שטאָט. דאָס איז געווען וואָדניאַן. האָט ער איבער לאָנקעס זיך אַרומגעדרייט און אויסגעמיטן די שטאָט, און די אויפגייענדיקע זון האָט אים געטראָפן אַף די פאַרשנייטע שפּוּעים, וואָס איבער פּראָטיווין.

— מאַרש פאָרויס! — האָט זיך געמונטערט דער בראַווער סאָלדאַט שוויק. — איך מוז דאָך טאָן מײַן חוב. איך מוז פאָרט קומען אין אָט דעם פאַרשאָלטענעם בודוויים.

נאָר ווי אַף צו להכעיס האָבן שוויקס טריט זיך געווענדט ניט אין דרום־זײַט קיין בודוויים, נאָר אין צפון־זײַט קיין פּיסעק.

אַרום האַלבן טאָג האָט שוויק פאַר זיך דערזען עפּעס א דערפל. אַראָפּלאָזנדיק זיך פון א נידעריקן בערגל, האָט ער באַשלאָסן, אַז ווייטער קאָן דאָס אַזוי ניט גיין, און אַז ער וועט שוין פרעגן, ווי אַזוי גייט מען קיין בודוויים.

בײַם אַרײַנגיין אין דאָרף, איז ער געווען נשתּומם ביז גאָר, ווען ער האָט דערזען אַף א סלופּ נעבן ערשטן הייזל אָנגעשריבן: „פּוטימער קרייז".

— אָט א צרה! — האָט שוויק א קרעכץ געטאָן. — בין איך, הייסט דאָס, שוין ווידער אין פּוטים, וו איך האָב שוין איין מאָל געשלאָפן אין היי.

און דערנאָך האָט ער זיך שוין כּלל ניט געוווּנדערט, ווען פון א קליינעם ווייסן הייזל, וואָס איבער דעם איז געהאַנגען אַן עסטרייכישער אָדלער, איז ארויס א זשאַנדאַר, פּונקט ווי א שפּין, וואס היט זיין שפּינוועבּס.

דער זשאַנדאַר האָט זיך געלאָזט גיין גלייך צו שווייקן און האָט נאָר אַרויסגערעדט:

— וווּהין?

— קיין בּודוייס, אין פּולק.

— איר גייט פון בּודוייס. בּודוייס איז דאָך געבּליבּן אייך פון הינטן, — האָט דער זשאַנדאַר זיך בּייז צעשמייכלט און האָט מיטגעשלעפּט שווייקן אין דער קאַנצעלאַריע.

דער זשאַנדאַרן-וואַכמייסטער פון פּוטים איז געווען בּאַוווּסט אין דער גאַנצער סביבה אַדאַנק זיין טאַקטישן און צוגלייך אי-בּערגעשפּיצטן שטייגער צו פירן דעם פאַרהער. ער האָט קיין מאָל זיך ניט געזידלט און האָט קיין מאָל ניט אָנגעשריען אָף די אַרעסטירטע, אָבּער דערפאַר פלעגט ער זיי שטעלן אַזאַ קרייץ-פאַרהער, אַז אפילו אומשולדיקע פלעגן זיך מוזן מודה זיין.

בּיידע זשאַנדאַרן פון דעם פּאָסטן האָבּן איבּערגענומען זיין סיסטעם, און דעם קרייץ-פאַרהער פלעגט געוויינלעך בּאַגלייטן דער געלעכטער פון גאַנצן דינסט-פּערסאָנאַל.

— נו, גוטן מאָרגן, חבר, סקאָצל קומט, — האָט דער וואַכ-מייסטער זיך געווענדט צו שווייקן. — איר זייט אוודאי מיד פון וועג? זעצט זיך צו און דערציילט אונדז, וווּהין איר גייט.

האט שווייק איבּערגעחזרט, אז ער גייט קיין בּודוייס, אין פּולק אריין.

— אויבּ אזוי האט איר בּלי ספק פאַרבּלאָנדזשעט, — האט דער וואַכמייסטער געזאָגט מיט חוזק, —וואָרום איר גייט פּונקט פון בּודוייס, איך קאָן דאָס אייך גרינג בּאַווייזן. אָט האָט איר די קאַרטע פון בּיימען. טוט נאָר א קוק! אין דרום-זייט פון אונדז ליגט פּראָטיווין. אין דרום-זייט פון פּראָטיווין גלוּבּאָקאַ, און נאָך דרומדיקער — בּודוייס. אזוי ארום זעט איר אליין, אז איר גייט ניט קיין בּודוייס, נאָר פון בּודוייס.

דער וואַכמייסטער האָט פריינטלעך געקוקט אַף שווייקן, וואָס האָט רואיק און מיט ווערדע געענטפערט:

— און פאָרט גיי איך קיין בודוויים.

— אויב אזוי, טאָ ענטפערט אָן הינטער־גיינגלעך, פון וואַנען גייט איר און אַף וואָסער וועג זייט איר געגאַנגען אין אייער בודוויים. איך זאָג מיט א כיוון „אייער״ בודוויים, ווייל ס'איז באַשיימפערלעך פאַראַן נאָך א בודוויים, וואס ליגט אין צפון־זייט פון פוטים און איז ניט פאַרצייכנט אַף קיין איין קאַרטע.

— איך בין ארויסגעגאַנגען פון טאַבאָר.

— וואָס'ט איר געטאָן אין טאַבאָר?

— איך האָב געוואַרט אַפן צוג קיין בודוויים.

— פאַרוואָס זייט איר ניט געפאָרן קיין בודוויים מיטן צוג?

— ווייל איך האָב קיין בילעט ניט געהאַט.

— פאַר וואָס האָט מען אייך ניט געגעבן קיין פרייען בילעט, איר זייט דאָך א סאָלדאַט?

— איך האָב ביי זיך קיין פאַפירן ניט געהאַט.

— אָט דאָ איז דער הונט באַגראָבן! — האָט דער וואַכמייסטער זיך געווענדט מיט נצחון צו איינעם פון די זשאַנדאַרן. — ער איז גאָר ניט אַזאַ שוטה, ווי ער מאַכט זיך, און הויבט אָן ביסלעכווייז צו פּלאָנטערן זיך.

איצט האָט דער וואַכמייסטער ווידער אָנגעהויבן פון אָנהויב, אזוי ווי ער וואָלט ניט האָבן געהערט דעם לעצטן ענטפער מכח די פאַפירן.

— זייט איר, הייסט דאָס, ארויסגעגאַנגען פון טאַבאָר. ווּהין זייט איר געגאַנגען?

— קיין בודוויים.

דעם וואַכמייסטערס פנים איז געוואָרן א האַרעלע שטרייַנגער, און זיין בליק איז ווידער געפאַלן אַף דער קאַרטע.

— איר קאָנט אונדז אָנווייזן אַף דער קאַרטע, ווי איר זייט געגאַנגען קיין בודוויים?

— אַלע ערטער געדיינק איך ניט, איך געדיינק נאָר, אז איין מאָל בין איך שוין געווען אין פוטים.

דער גאַנצער פּערסאָנאַל פון פּאָסטן האָט זיך איבערגעקוקט מיט חידוש, און דער וואַכמײַסטער האָט ווײַטער גערעדט:

— הייסט דאָס, איר זײַט געווען אין טאַבאָר אַפן וואָקזאַל. האָט איר עפּעס בײַ זיך? ווײַזט אָקאָרשט אַהער?

האָט ער גוט ארומגעזוכט שווייקן און האָט גאָרנישט געפונען, חוץ א ליולקע און א פּושקעלע שוועבעלעך. און ער האָט געפרעגט:

— זאָגט מיר, פאַר וואָס האָט איר בײַ זיך גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט?

— ווייל איך באַדאַרף קיין זאַך ניט האָבן.

— אָט א צרה! — האָט דער וואַכמײַסטער אָפּגעזיפצט. — איר האָט אָקאָרשט געזאָגט, אז איר זײַט שוין געווען איין מאָל אין פּוטים. וואָס האָט איר דאָ געטאָן דעמאָלט?

— איך בין געגאַנגען איבער פּוטים קיין בודוויים.

— נו, זעט איר שוין, ווי איר זײַט סותר אייערע אייגענע רייד? פריער האָט איר געזאָגט, אז איר זײַט געגאַנגען קיין בודוויים, און איצט דערציילט איר שוין, אז איר גייט פון בודוויים.

— איז וואָס? איך האָב געמאַכט אן אומוועג.

האָט דער וואַכמײַסטער זיך ווידער איבערגעקוקט מיט די זשאַנדאַרן.

— א פײַנער אומוועג, ניטאָ קיין טענות! ווייסט איר וואָס? מיר דוכט, אז ער האָט זיך פּשוט ארומגעדרייט דאָ... נו, מילא זאָגט נאָר, לאַנג זײַט איר געבליבן אין טאַבאָר אַפן וואָקזאַל?

— ביז דער לעצטער צוג איז אוועק קיין בודוויים.

— און וואָס'ט איר דאָרט געטאָן?

— געשמועסט מיט סאָלדאַטן.

א נײַער פיל באַדײַטנדיקער בליק פון וואַכמײַסטער אף די זשאַנדאַרן.

— נו, פון וואָס, אשטייגער, האָט איר געשמועסט און וואָס האָט איר געפרעגט?

— איך האָב געפרעגט, פון וואָסער פּולק זײַנען זיי און וווהין זיי פאָרן.

— אויסגעצייכנט. און האָט איר בײַ זײַ, אשטייגער, ניט געפרעגט, וויפיל מענטשן זײַנען פאַראַן אין א פּולק און ווי איז ער איינגעטיילט?

— ניין, דאָס האָב איך ניט געפרעגט, ווייל איך ווייס דאָס אַליין שוין לאַנג אַף אויסווייניק.

— הייסט דאָס, אז אייך איז גוט באַקאַנט דער באַשטאַנד פון אונדזער אַרמיי.

— געוויס, הער וואַכמייסטער.

און איצט האָט דער וואַכמייסטער אויסגעשפּילט זײַן לעצטן טרומף, מיט א קוק פון נצחון אַף זײַנע זשאַנדאַרן:

— רוסיש קענט איר ריידן?

— ניין.

האָט דער וואַכמייסטער א ווונק געטאָן צום עלטסטן זשאַנדאַר, און אַרוים מיט אים אין צווייטן צימער, האָט ער אים געמאָלדן, רייבנדיק די הענט פאַר נחת און קוועלנדיק פון דער אייגענער הצלחה:

— איר'ט געהערט? ער קען קיין רוסיש ניט ריידן! קענטיק, א געריבענער חברה=מאַן! אין אַלץ זיך מודה געווען, נאָר אין דער עיקר=זאַך וויל ער ניט מודה זײַן. מאָרגן שיקן מיר אים איבער דעם באַצירק=שעף אין פּיסעק. די קרימינאַליסטיק איז געבויט אַף פֿיינעם שכל און פריינטלעכער באַהאַנדלונג. ווער האָט דאָס געקאָנט זיך ריכטן אַף אַזוינעם? אויסזען זעט ער אוים ווי א לעקיש, אָבער דוקא מיט אַזעלכע פאַרשוינען דאַרף מען זײַן געהיט. ביז וואָס ווען זעצט אים אַוועק אונטער שלאָס און ריגל, און איך וועל גיין שרייבן דעם פּראָטאָקאָל.

און נאָך אין זעלביקן טאָג פאַרנאַכט צו האָט דער וואַכמייסטער געהאַט פאַרטיק א פּראָטאָקאָל, ווו אין איטלעכער פּראַזע זײַנען געווען צו לייענען די ווערטער „חשודיקער אין שפּיאָנאַזש” און געענדיקט האָט ער זיך מיטן זאַץ: „אַפן סמך פון אויבן געזאָגטן האָב איך דעם כבוד צו מעלדן, אז דער פֿיינטלעכער אָפיצער איז היינטיקן דאַטום דורך מיר איבערגעשיקט געוואָרן אין דער באַצירק=פאַרוואַלטונג פון דער זשאַנדאַרמעריע אין

פיסעק". געענדיקט שרייבן, האָט ער צופרידן א שמייכל געטאָן און א רוף געטאָן צום עלטסטן:

— האָט איר דעם פיינטלעכן אָפיצער געגעבן עפּעס צו עסן?

— לויט אייער פאַראָרדענונג, הער וואַכמייסטער, גיט מען ביי אונדז אַרוים פּראָוויזיע נאָר פאַר יענע, וואָס מען האָט זיי גע־בראַכט און פאַרהערט ביז צוועלף בייטאָג.

— אין דעם פאַל מוז מען מאַכן אַן אויסנאַם, — האָט דער וואַכמייסטער אַרויסגערעדט מיט ווערדע. — די מעשה איז דאָס, וואָס דאָס איז, קענטיק, אַן אָפיצער פון א העכערן ראַנג, אפשר עמיצער פון גענעראַל־שטאַב. איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אז די רוסן וועלן ניט שיקן צו אונדז שפּיאָנירן א ליאַדע יעפרייטער. שיקט נאָך א וואַרימעס פאַר אים אין טראַקטיר „קאָקורעק", און אויב דאָרט איז גאָרנישט נישטאָ, זאָלן זיי מאַכן וואָס צו עסן. דערנאָך זאָלן זיי פאַרקאָכן טיי מיט ראָם און אַרופשיקן אַהער. איר זאָלט נאָר ניט זאָגן, פאַר וועמען. בכלל זאָלט איר קיינעם ניט זאָגן, אַז דאָ איז עמיצער פאַראַן. דאָס איז א מיליטערישער סוד. וואָס טוט ער איצט?

— ער האָט געבעטן א ביסל טאַבאַק, זיצט אין וואַך־שטוב און שפּירט זיך, קענטיק, ווי ביי זיך אינדערהיים. „ביי אייך איז דאָ וואַרים, — זאָגט ער, — און דער אויוון, דוכט זיך, רויכערט ניט. מיר איז דאָ ביי אייך זייער געפעלן. און אויב דער אויוון וועט אָנהויבן רויכערן, וועט'ן מוזן אויסרייניקן דעם קוימען. נאָר דאָס דאַרף מען טאָן ערשט נאָך מיטאָג, און נאָר דעמאָלט, ווען די זון שטייט ניט איבערן קוימען".

— אַהאַ, שוין איין מאָל א חברה־מאַן! — האָט דער וואַכ־מייסטער געזאָגט מיט אמתער התפּעלות אין דער שטים. — ער מאַכט דעם אָנשטעל, ווי דאָס קער זיך צו אים ניט אָן, און וויסן וויים ער גוט, אז מען וועט אים שיסן. אזא מענטשן באַדאַרף מען אַכטן, אפילו אויב ער איז אונדזער שונא. אַזאַ מענטש גייט דאָך אַף א זיכערן טויט. איך וויים ניט, צי איך מיט אייך וואָלטן גע־קאָנט דורכמאַכן דאָס נעמלעכע. ביי אונדז וואָלט אפשר ניט גע־

קלעקט קיין מוט... יאָ, מיר האָבן זיך פאַררעדט. גייט, לויפט באַשטעלט וואַרימעס, און דעם אַרעסטירטן שיקט אַריין צו מיר.

האָט דער עלטסטער געבראַכט צו פירן שווייקן; דער וואַכ־מייסטער האָט אים פריינטלעך באַגריסט, אָנגעבאָטן אים אַ שטול צום זיצן און גענומען אים ווידער אויספרעגן, צי ער האָט על־טערן.

— ניין.

האָט דער וואַכמייסטער תיכּף אַ טראַכט געטאָן, אַז אַזוי איז טאַקע בעסער, קיינער וועט, לפּחות, ניט וויינען נאָך אָט דעם אומגליקלעכן. דערביי האָט ער ניט אַראָפּגעלאָזן די אויגן פון שווייקס גוטמוטיקן פּרצוף, און מיט אַ מאָל האָט ער אים מעשה גוט־פריינט אַ קלאַפּ געטאָן אַפן פּלייצע, צוגעבויגן זיך צו אים און אַ פרעג געטאָן מיט אַ פאָטערלעכן טאָן:

— נו, און ווי געפעלט אייך אין ביימען?

— אין ביימען געפעלט מיר אומעטום זייער גוט, — האָט שווייק געענטפערט. — אונטערוועגס האָב איך אומעטום געטראָפן זייער ווויילע מענטשן.

— און וואָס האָט איר געקלערט צו טאָן אין בודוויים? — האָט דער וואַכמייסטער ווידער אָנגעהויבן זיין פריערדיקן פאַרהער.

— דינען אין 91־טן פּולק.

האָט דער וואַכמייסטער פאַרגעלייגט שווייקן, ער זאָל ווי־דער אַוועקגיין אין וואַך־שטוב, און ער האָט אַפן דער גיך, כּדי ניט צו פאַרגעסן, צוגעשריבן צו זיין מעלדונג דער באַצירק־פאַרוואַל־טונג אין פּיסעק: „ער קען בשלמות טשעכיש און האָט געהאַט בדעה אַריינצוטרעטן אין בודוויים אין 91־טן פּולק".

איבערגעלייענט נאָך אַ מאָל די גאַנצע מעלדונג, איז דער זשאַנדאַרן־וואַכמייסטער פלאַנדערקאָ געווען שטאַרק צו־פרידן און האָט געריבן די הענט פאַר שמחה. ער איז געווען באַזיכערט, אַז דער שעף פון דער באַצירק־פאַרוואַלטונג אַליין וועט אים קלאַפּן אַף דער פּלייצע און זאָגן צו אים: „איך גראַטוליר אייך, הער וואַכמייסטער".

דער וואַכמייסטער האָט נאָך געמאָלט זיך אין זיין דמיון אַנדערע פיינע בילדער: אָרדנס, א העכערונג אין ראַנג, אָנערקענונג פון זיינע קרימינאַליסטישע פייאיקייטן, וואס עפענען פאַר אים א גלענצנדע קאַריערע...

ער האָט א רוף געטאָן דעם עלטסטן:

— נו, געקראָגן וואַרימעס?

— מען האָט אים געבראַכט געראָשעוועטע ברוסט מיט זויערע קרויט און מיט איינטריפלעך. זופ איז שוין מער ניט געווען. האָט ער אויסגעטרונקען טיי און בעט נאָך.

— מילא, גיט אים נאָך א גלאָז, — האָט דער וואַכמייסטער ערלויבט. — און אז ער וועט ענדיקן טרינקען, זאָלט איר אים ברענגען צו פירן אהער.

— נו, האָט איר זיך גוט אָנגעגעסן? — האָט געפרעגט דער וואַכמייסטער, אז דער עלטסטער האָט אין א האַלב שעה אַרום אריינגעפירט שווייקן, א זאַטן און א צופרידענעם, ווי שטענדיק.

— נישקשה, הער וואַכמייסטער, מער ניט קרויט איז געווען ווינציקלעך. מילא, ס'מאַכט ניט אויס. איך ווייס דאָך, איר האָט זיך אף מיר ניט געריכט. די ברוסט איז געווען גוט דורכגעוויאָנדלט; מסתמא היימישע פלייש, פון אן אייגענעם חזיר. די טיי מיט ראָם איז מיר אויך געפעלן.

האָט דער וואַכמייסטער א קוק געטאָן אף שווייקן און האָט ארויסגערעדט:

— איז דאָס אמת, אז אין רוסלאַנד טרינקט מען א סך טיי? און ראָם קאָן מען דאָרט אויך קריגן?

— ראָם קאָן מען קריגן אין דער גאַנצער וועלט, הער וואַכמייסטער.

„מ'קען דיך, פעטער, — האָט דער וואַכמייסטער א טראַכט געטאָן, — 'סט געדאַרפט פריער צוקלערן, וואס צו ריידן".

און צוגעווענדט זיך צו שווייקן, האָט ער א פרעג געטאָן מעשה גוט-פריינט:

— נו, און מיידלעך זיינען אין רוסלאַנד פיינע?

— פיינע מיידלעך קען מען אומעטום געפינען, הער וואַכמײַס־טער.

„אַט א דרייקאָפּ! — האָט דער וואַכמייסטער ווידער א קלער געטאָן. — געפינט דאָס באַלד דעם תירוץ!"

און באַלד ארויסגערוקט זיין גרעסטע באַמבע:

— זאָגט נאָר, וואָס'ט איר געוואָלט טאָן אין 91־טן פּולק,

— איך האָב געוואָלט מיט אים אוועק אַפּן פראָנט.

האָט דער וואַכמייסטער מיט א שיינענדיקן פּנים א קוק געטאָן אַף שווייקן און האָט געזאָגט:

— אויסגעצייכנט! דאָס איז דאָך דער בעסטער וועג צו קו־מען קיין רוסלאַנד.

„טאַקע פיין צונגעקלערט! — איז דער וואַכמייסטער ביי זיך אין הארצן געווען מלא שמחה. נאָר ער האָט אומזיסט געזוכט צו כאַפּן, ווי אזוי האָבן זיינע רייד געווירקט אַף שווייקן. ער האָט געמוזט קאָנסטאַטירן, אז ער איז געבליבן קאַלט, ווי ניט אים מיינט מען.

„דער דאָזיקער מענטש האָט אפילו מיט אַן אויג ניט א פינטל געטאָן, — האָט דער וואַכמייסטער זיך געגרוילט אין געדאַנק. — אַט ווי זיי זיינען אויסגעמושטירט. וואָלט איך געווען אַף זיין אָרט, און עמיצער טוט מיר א זאָג אזא זאַך, וואָלט איך אויסגע־גאַנגען פאַר שרעק..."

— מאָרגן פרי שיקן מיר אייך אָפּ קיין פּיסעק, — האָט ער באַמערקט אזוי ווי דרך אגב. — זייט איר אַמאָל געווען אין פּיסעק?

— יאָ, אין יאָר 1910 אַף די גרויסע מאַנעווורעס.

נאָך דעם דאָזיקן ענטפער איז דעם וואַכמייסטערס שמייכע־לע געוואָרן נאָך פריינטלעכער און נאָך ניצחונדיקער. ער האָט מיט זיין גאַנצן מהות געשפּירט, אז מיט זיין סיסטעם פון פאַרהער האָט ער אויפגעטאָן חידושים.

— האָט איר, הייסט דאָס, גענומען אַן אָנטייל אין אַלע מאַנעווורעס?

— יאָ, הער וואַכמייסטער, ווי א פּראָסטער סאָלדאַט פון א פוסגייער־פולק.

און שווייק האָט ווידער רואיק א קוק געטאָן אַפן וואַכמייסטער, וואָס האט זיך ווידער צעקאָכט פאַר פרייד און האָט זיך קוים געקאָנט איינהאַלטן פון אריינשרייבן אָט די נייע ידיעות אין זיין ראַפּאָרט. ער האָט אריינגערופן דעם עלטסטן, געהייסן אָפּפירן שווייקן צוריק און האט צו זיין מעלדונג צוגעשריבן אָט וואָס:

„זיין פּלאַן איז געווען אַזוי: אריינגעדרונגען אין די רייען פון 91=טן פּולק, האט ער געהאַט בדעה תיכּף מיטן פּולק אַוועקצוגיין אַפן פראָנט, בכדי ביי דער ערשטער מיגלעכקייט אריבערצוכאַפּן זיך קיין רוסלאַנד, ווייל ער האט איינגעזען, אַז קיין אַנדער וועג האט ער ניט, מחמת די עסטרייכישע מאַכט איז אַף דער וואַך. אַז עס וואָלט אים פּולקום אָפּגעגאָלטן אויסצופירן זיין פאַרברעכערישן פּלאַן אין 91=טן פּולק, איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, ווארום נאָך א לייגערן קרייץ=פאַרהער האט ער, צווישן אַנדערע זאַכן, זיך מודה געווען, אז אין יאָר 1910 האט ער גענומען אַן אָנטייל אין די גרויסע מאַנעווערס אין דער געגנט פון פּיסעק ווי א פּראָסטער סאָלדאַט פון א פוסגייער=פּולק. דערפון איז קלאָר, אז ער איז א גרויסער ספּעציאַליסט אין זיין פאַך. איך בין מוסיף, אז די אויבן באַצייכנטע ידיעות, וואָס באַווייזן זיין שולד, זיינען באַקומען געוואָרן אַדאַנק מיין סיסטעם פון קרייץ=פאַרהער".

געענדיקט מיטן ראַפּאָרט, איז דער וואכמייסטער אריין אין וואַך=שטוב געוואָר ווערן דעם געפאַנגענעם. ער האט זיך אַוועקגעזעצט נעבן שווייקן אַף דעם ליידיקן געלעגער פון זשאַנדאַר ראַמפאַ, וואָס איז פון אינדערפרי ארויסגעשיקט געוואָרן אַכטונג צו געבן אַף דער אָרדענונג אין דאָרף, נאָר אין דער אמתן איז ער אין יענער מינוט זיך געזעסן אין פּראָטיווין אינם שיינק „ווייסער פערד" און האט געשפּילט מיטן שוסטער אין זעקס=און=זעכציק, און האט ביים פונאַנדערטיילן די קאָרטן זיך געחקירהט מכּח דעם, אז עסטרייך מוז ניט אַנדערש געווינען.

דער וואַכמייסטער האט פאַררויכערט זיין ליולקע, שווייק האט גענומען אָנשטאָפּן זיינע, דער עלטסטער האט צוגעוואָרפן קוילן אין אויוועלע, און די וואַך=שטוב איז געוואָרן מגולגל אין דעם

הימלעכסטן ווינקעלע אפן ערד־קיילעך, אין א שטילן באהעלטעניש, אין א ווארימען נעסט...

עס האט זיך אנגערוקט דער פריער ווינטערדיקער בין־השמשות, ווען די נשמה איז באזונדערס געשטימט אף אן אינטימען שמועס. נאר אלע האבן געשוויגן. דער וואכמייסטער איז געווען פארטיפט עפעס אין א רעיון. צולעצט האט ער זיך געווענדט צום עלטסטן:

— איך האלט, אז עס איז קיין יושר ניט צו הייגען שפיאנעס, מענטשן, וואס זיינען זיך מקריב צוליב זייער חוב, פאר ייער פאטערלאנד, אזוי צו זאגן, זיי וואלט מען באדארפט אנטאן מער בכבודן טויט, נעמלעך — מען האט זיי באדארפט שיסן... אם ט'איר דערויף זאגן, הער עלטסטער?

— אודאי האט מען זיי באדארפט נאר שיסן, ניט הייגען, — האט צוגעשטימט דער עלטסטער. — לאמיר אננעמען אפילו אונדז, זאל מען אונדז, אשטייגער, הייסן גיין אויספארשן, וויפיל קוילנווארפערס די רוסן האבן אין זייערע קוילנווארפער־ראטעס, וואלטן מיר דאך באדארפט זיך איבערטאן און גיין. איז דערפאר דארף מען דאס מיך אופהייגען, ווי א גזלן אדער א רוצח?

דער עלטסטער איז אזוי אופגערעקט געווארן, אז ער איז אופגעשפרונגען אף די פיס און האט אויסגעשריען:

— איך פאדער, מען זאל מיך שיסן און באגראבן מיט מיליטערישן פאראד.

— דא איז די זאך ניט אזוי גלאטיק, — האט באמערקט שווייק. — די מעשה איז אזא: אויב א מענטש איז ניט קיין שוטה, וועט מען פון אים גארנישט ניט ארויסקריגן.

— נישקשה, מ'וועט ארויסקריגן, — האט דערקלערט דער וואכמייסטער, — אפילו ווען דער מענטש איז זייער קלוג און האט אויסגעקלערט זיין אייגענע סיסטעם. איר וועט דאס אליין איינזען. יא, איר וועט דאס אליין איינזען, האט ער איבערגעחזרט מיט א רואיקערן טאן און מיט א פריינטלעכן שמייכל. — ביי אונדז גראט קיינעם ניט זיך ארויסצודרייען. אמת, הער עלטסטער?

האָט דער עלטסטער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט באַ־מערקט, אַז פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן שוין לכתחילה פאַר־שפּילט, און עס קאָן זיי אפילו ניט ראַטעווען די מאַסקע פון פול־קומענער רואיקייט. וואָרום וואָס רואיקער א מענטש זעט אויס, אַלץ ערגער פאַר אים.

— איר האָט גוט תופס געווען מיין מעטאָדע, — האָט דער וואַכמייסטער געמאָלדן מיט גדלות. — ריכטיק, העט עלט־סטער, רואיקייט איז אויך א באַווייז.

נאָר דאָ האָט דער וואַכמייסטער איבערגעהאַקט דעם שמועס וועגן זיין מעטאָדע און האָט א פרעג געטאָן:

— און וואָס וועלן מיר זי הייסן דערלאַנגען צו וועטשערע, הער עלטסטער?

— ווי, וועט איר דען היינט ניט גיין אין טראַקטיר, הער וואַכמייסטער?

נאָך אָט דער פראַגע האָט זיך פאַרן וואַכמייסטער געשטעלט, א נייע האַרבע שאלה, וואָס מען האָט זי תיכף באַדאַרפט פּסקענען און וואָס וועט זיין, אַז אָט דער חברה־מאַן וועט אויסנוצן ד געלעגנהייט, וואָס ער איז ניטאָ, און וועט נעלם ווערן? אמת דער עלטסטער איז א געהיטער מענטש, וואָס מען מעג זיך פאַר־לאָזן אָף אים, נאָר פאָרט זיינען דאָך פון אים אַנטלאָפן צוויי אַרומשלעפּערס. אין דער אמתן איז גאָר די מעשה געווען אַזוי: דער עלטסטער האָט ניט געוואָלט שלעפּן זיך איבערן טיפן שניי אָזש קיין פּיסעק און האָט אַליין אָפּגעלאָזן ביידע אַרומשלעפּערס אין פעלד נעבן ראַזשיטש, און נאָר פון יוצא וועגן האָט ער צוויי מאָל אויסגעשאָסן אין דער לופט.

— מיר וועלן אַוועקשיקן אונדזער אַלטע אין טראַקטיר נאָך וועטשערע, און ביר קאָן זי אונדז ברייגגען קופלאַרוויץ, — האָט דער וואַכמייסטער פאַרענטפערט די האַרבע שאלה. — דאָס׳ט פאַר איר זיין א קליינער מאָציאָן.

און די אַלטע פּייסלער, וואָס האָט זיי באַדינט, האָט טאַקע געהאַט א שטיקל אַרבעט.

נאָך וועטשערע איז אַפּן וועג צווישן דעם זשאַנדאַרן־פּאָסטן און צווישן טראַקטיר „קאָקורעק“ כסדר צוגעגאַנגען א באַלעבאַטע באַוועגונג. די אָן א צאָל שליאַדן פון דער אַלטער פּייסלערס גוואַלדיקע וואָליקעס אַף אָט דעם וועג האָבן עדות געזאָגט, אז דער וואַכמייסטער האט זיך ממלא געווען פולקום דערפאַר, וואָס ער איז ניט געווען אין „קאָקורעק“.

און אז די אַלטע פּרייסלער איז געקומען אין טראַקטיר אַריין און האָט געמאָלדן, אז דער הער וואַכמייסטער לאָזט געריסן און בעט אים שיקן א פלעשל קאָנטושאָווקע, האָט דער שיינקער ניט געקאָנט איינהאַלטן זיך און איז געווען טשיקאַווע צו פרעגן:

— ווער איז דאָרטן ביי זיי?

— איר ווילט וויסן, ווער דאָרט איז ביי זיי? — האָט די אַלטע איבערגעפרעגט. — עפּעס א חשודיקער פּאַרשוין. גראָד אז איך בין ארויס, האָבן זיי ביידע אים געהאַט ארומגענומען, און דער הער וואַכמייסטער האָט אים געגלעט איבערן קאָפּ און צו־געטענעט: „אָך דו מיין ליבינקער, מיין קליינינקער שפּיאָנעלע!“

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָט דער עלטסטער זיך ארופּ־געוואַלגערט, ווי ער שטייט, אין דער פולער אוניפאָרם, אַף זיין געלעגער און האָט זיך צעכראָפּעט.

אַנטקעגן איז נאָך געזעסן דער וואַכמייסטער, געהאַלטן אין איין האַנט די בוטל מיט די שיריים פון דער קאָנטושעווקע און מיט דער אַנדערער ארומגענומען שווייקן ארום האַלדז. טרערן זיינען גערונען איבער זיינע אָפּגעברענטע באַקן, די וואָנסעס האָבן זיך געקלעפּט פון דעם זיסן בראָנפן, און ער האָט קוים מיט צרות געפּלעטשעט מיטן צונג:

— ניין, דו זאָג, טייערינקער, אין רוסלאַנד האָבן זיי ניט אַזאַ גוטע קאָנטושעווקע, וועל איך קאָנען רואיק גיין שלאָפן. זיי זיך מודה מיט איין מאָל, ווי איין מענטש.

— געוויס אזא קאָנטושעווקע האָבן זיי ניט.

האָט דער וואַכמייסטער מיט גאָר זיין שווערקייט זיך אָנגע־לענט אַף שווייקן.

— אָט אַזוי, בּרודערקע. פיין, וואָס דו האָסט זיך מודה געווען. אַן אמתע שמחה פאַר מיר. אַזוי דאַרף טאַקע זיין ביים פאַרהער. ווייבּאלד אז שולדיק, וואָס איז נאָך דאָ פאַראַן צו לייקענען?

ער איז אופגעשטאַנען און איז אוועק, שאָקלענדיק זיך, מיטן פוסטן פלעשל אין האַנט, אין זיין צימער אריין.

— ווען איך וואָלט זיך ניט געהאַט אראָפּגעשלאָגן פון וועג, — האָט ער געפּלעטשעט מיט א געבּונדענעם צונג, — וואָלט אַלץ אויסגעקומען גאָר אַנדערש.

איידער אריינוואַליען זיך אין בּעט, האָט ער ארויסגענומען פון טישקעסטל זיין ראַפּאָרט און געפּרוווט נאָך צושרייבּן:

„איך האַלט פאַר מיין חוב נאָך מוסיף צו זיין, אז די רו־סישע קאָנטושאָווקע איז אָפּן סמך פון פאַראַגר. 56...

ער האָט געמאַכט א קלעק, אויסגעלעקט אים מיטן צונג אַנידערגעפאַלן מיט א נאַרישן שמייכל אָפּן בּעט און איז אַנט־שלאָפן געוואָרן ווי א דערהרגעטער.

בּאַגינען האָט דער עלטסטער, וואָס איז געשלאָפן אָף א געלעגער ביי דער אַנדער וואַנט, גענומען אזוי כראָפּען און פייפן מיט דער נאָז, אז שווייק האָט זיך אופגעכאַפּט. ער איז אופגע־שטאַנען, אופגעוועקט דעם עלטסטן און האָט זיך ווידער אוועק־געלייגט. די הענער האָבּן זיך שוין געהאַט אויסגעקרייט, די זון איז שוין געווען אופגעגאַנגען, ווען עס איז געקומען די אַלטע פּאַרייסלער, וואָס האָט אויך פאַרשלאָפן איבּער דער בּיינאַכטיקער לויפעניש, איינצוהייצן דעם אויוון. זי האָט געפונען די טיר אָפן און אַלץ פאַרזונקען אין טיפן שלאָף. אין וואַך־שטובּ האָט א לאָמפּ געטשאַדעט און געהאַלטן ביים אויסגיין...

האָט די אַלטע געמאַכט א טומל און האָט ארויסגעשלעפּט דעם עלטסטן און שווייקן פון די בּעטן. זי האָט זיי גענומען מוסרן און האָט געפאָדערט, אז דער פאַרשלאָפענער עלטסטער זאָל גיין אופוועקן דעם וואַכמייסטער. וואָרום עס איז קיין סדר ניט אזוי לאַנג צו פאָפן.

— אין טייערע הענט זייט איר דאָס אריין. ניטאָ וואָס צו ריידן! — האָט זי גענומען אויסטענען זיך מיט שווייקן, אז דער

עלטסטער איז אוועק וועקן דעם וואַכמייסטער. — איין שכור ערגער פאַרן צווייטן. די נאָז אונטער די אויגן זיינען זיי גרייט צו פאַר־טרינקען. און מיר זיינען זיי שוין שולדיק פאַר דריי יאָר דינען. און אז איך נעם מאָנען, זאָגט דער וואַכמייסטער שטענדיק: „שווייגט שוין בעסער, אניט קאָן איך אייך נאָך אריינזעצן. ווארום מיר ווייסן גאַנץ גוט, אז אייער זון איז א געווילד־גנב און שלעפט פון פריצישן וואַלד האָלץ. מוטשע איך זיך מיט זיי שוין דאָס פערטע יאָר.

די אַלטע האָט אָפּגעזיפצט און האט ווייטער געטענעט:

— דער עיקר, היט זיך פאַרן וואַכמייסטער. ער איז אַזאַ גלאַטינקער און אזא זיסינקער, אין דער אמתן אָבער איז ער אן אויסוואָרף פון ערשטן גראַד. ווו נאָר ער קאָן צונעמען און אריינ־זעצן א מענטשן, טוט ער דאָס.

דעם וואַכמייסטער איז געווען זייער שווער אופצוּוועקן. דער עלטסטער האט קוים מיט צרות געגעבן אים צו פאַרשטיין, אַז עס איז שוין שפּעט.

סוף כל סוף האט ער זיך אופגעכאַפּט, אויסגעריבן די אויגן און גענומען דערמאָנען זיך מטושטש דעם נעכטיקן אָוונט. מיט א מאָל האט זיין מוח דורכגעשטאָכן א שרעקלעכער געדאַנק, וואָס ער האָט אים, קוקנדיק מיט פחד אַפן עלטסטן, אויסגעדריקט מיט די ווערטער:

— ער איז אַנטלאָפן?

— הויבט זיך ניט אָן. ער איז דאָך א לייטישער מענטש.

און דער עלטסטער האט גענומען דרייען זיך אַהין און צו־ריק איבערן צימער, ארויסגעקוקט דורכן פענסטער, געקומען צו־ריק, אָפּגעריסן א שטיקל פּאַפּיר פון צייטונגס־בלאַט, וואס איז געלעגן אַפן טיש, און אויסגעדרייט דערפון א קייקעלע. ס'איז קענטיק געווען, אז ער וויל עפּעס זאָגן.

האט דער וואַכמייסטער א קוק געטאָן אַף אים א ביסל פאַר־שעמט און וועלנדיק סוף כל סוף דערגיין, וואָס יענער איז אויסן, האט ער אַרויסגערעדט:

— איך וועל אייך העלפן, הער עלטסטער. איך האב מסתמא

נעכטן ווידער אָנגעבאָלבעט וואָס ניט געשטויגן, האַ?

האט דער עלטסטער מיט פאַרוואָרף א קוקן געטאָן אַף זיין שעף:

— וואָלט איר נאַר, הער וואַכמייסטער, געוווּסט, וואָס איר האט נעכטן אַלץ אָנגערעדט, וואָס פאַר א רייד איר האָט דאָס אַוועקגעלייגט!

און צוגעבויגן זיך צום סאַמע אויער פון וואַכמייסטער, האָט ער אים איינגערוימט:

— אַז מיר, טשעכן, און די רוסן זיינען ברידער־סלאַוון, אַז די קומענדיקע וואָך וועט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש שוין זיין אין פּראַג... אַז עסטרייך וועט ניט אויסהאַלטן... און אַז ער, דער שפּיאָן, ווען מען וועט אים פאַרהערן נאָך, זאָל ער אַלץ לייקענען און פּלאָנטערן, זאָל ער ציען ביז צו יענעם טאָג, ווען די קאָזאַקן וועלן אים באַפרייען; דאָס וועט שוין לאַנג ניט געדויערן, וואָרום עסטרייך האָלט ביים צעפאַלן ווערן, און עס וועט זיין אַזוי, ווי בעת די הוסיטישע מלחמות, ווען די פויערים זיינען מיט דרעש־פלעקענער געגאַנגען אַף ווין... אַז אונדזער קיסר איז אַן עובר בטל, וואָס וועט היינט־מאָרגן אויסציען די פיס, אַז ווילהעלם איז א חיה רעה... אַז איר וועט אים שיקן אין טורמע אריין געלט אַף אויסצובעסערן זיין עסן, און מי יודע וואָס נאָך...

דער עלטסטער האט זיך אָפּגערוקט פון וואַכמייסטער.

— דאָס אַלץ געדיינק איך גוט, ווייל צוערשט בין איך ניט געווען זייער שכור. אָבער דערנאָך האָב איך זיך אָנגעזשלאָקעט און האָב שוין קיין זאַך ניט געדיינקט.

דער וואַכמייסטער האט אָנגעשטעלט די אויגן אַפן עלטסטן.

— און איך ווידער געדיינק, — האָט ער געזאָגט, — ווי איר האָט געטענהט, אַז מיר קומען ניט צו רוסלאַנד, און נאָך האַרט ביי אונדזער טיר האָט איר געשריען: „לעבן זאָל רוסלאַנד!"

דער עלטסטער האט גענומען נערוויז ארומשפּאַצירן איבערן צימער.

— יאָ, איר האט דאָס געשריען מיטן פולן האַלדז, — האָט דער וואַכמייסטער מוסיף געווען. — און דערנאָך האט איר זיך

אנידערגעוואַליעט אָפּן בעט און האט זיך צעכראָפּעט.

איז דער עלטסטער שטיין געבליבן ביים פענסטער, גענומען פּייקלען מיט די פינגער איבערן גלאָז און געזאָגט:

— איר האט זיך ניט איינגעהאַלטן צו ריידן אפילו פאַר אונדזער אַלטער, הער וואַכמייסטער. איך געדיינק, ווי איר האָט געזאָגט: „מערקט אייך, אז איטלעכער קיסר און קעניג האט אין זינען נאָר די אייגענע קעשענע, און דערפאַר הויבט ער אָן א מלחמה, אפילו אויב ער איז אַזאַ עובר בטל ווי אונדזערער...

— און איר האָט אויך נשקשהדיקע רייד גערעדט — האט אים איבערגעהאַקט דער וואַכמייסטער. — פון וואַנען, אשטייגער, נעמט זיך דאָס צו אייך אַזאַ שטות, אז ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש וועט זיין דער טשעכישער קעניג?

— אָט דאָס געדיינק איך ניט, — האָט זיך דער עלטסטער אָפּגערופן א דערשראָקענער.

— איר'ט שוין באַדאַרפט געדיינקען! איר זייט דאָך געווען שכור, ווי א חזיר. די אויגן זיינען ביי אייך געווען פאַרלאָפן, און אז איר האָט געוואָלט ארויסגיין, האט איר ניט געקאָנט געפינען די טיר, און זייט אַליין געקראָכן אָפן אויוון.

ביידע זיינען זיי אַף א ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, ביז דער וואַכמייסטער האט דאָס שטילשווייגן געשטערט:

— איך האב דאָך אייך אַלע מאָל געזאָגט, אז אַלקאָהאָל דאָס איז אונדזער באַגרעבעניש. איר פאַרטראָגט קיין זאַך ניט—און טרינקט! וואָס וואָלט געווען, ווען אונדזער אַרעסטאַנט נעמט און אַנטלויפט? מיר דרייט זיך ממש דער קאָפּ.

— און איך זאָג אייך, הער עלטסטער, — האט דער וואַכ־מייסטער ווייטער גערעדט, — אז גראָד דערפאַר וויל ער איז ניט אַנטלאָפן, איז גאַנץ קלאָר, וואָס פאַר א געפערלעכער און דורכ־געטריבענער מענטש דאָס איז. אז מען וועט אים אויספרעגן, וועט ער זאָגן, אז די גאַנצע נאַכט זיינען די טירן געווען אָפן, אַז מיר ביידע זיינען געווען שכור און אז ער וואָלט טויזנט מאָל געקאָנט אַנטלויפן, אויב ער וואָלט זיך געשפּירט שולדיק. א מערכה נאָך, וואָס אזא איינעם גלויבט מען ניט, און אויב מיר וועלן אונטער

א שבועה אויסזאָגן, אז דאָס אלץ איז אויסגעקלערט און עזות־דיקער ליגן, וועט אים גאָט אליין ניט העלפן, און ער וועט זיך פאַרדינען נאָך אן איבעריקן אַרטיקל. אמת, אין זיין עסק שפּילט דאָס שוין קיין ראָלע ניט... עד, וואָלט נאָר בּיי מיר אזוי דער קאָפּ ניט געטרעשצעט!..

שווייגן. אין א ווילע אַרום האט זיך געלאזט הערן דעם וואַכמייסטערס שטים:

— רופט נאָר אָקאָרשט אהער די אַלטע.

— הערט נאָר, אַלטע, — האט דער וואַכמייסטער זיך גע־ווענדט צו דער פּיסלער, קוקנדיק איר מיט בּייזקייט גלייך אין די אויגן.—קריגט ערגעץ א קרייץ אף א געשטעל און ברייננגט אהער.

און אז די אַלטע האָט אים אָנגעקוקט ניט פאַרשטייענדיק, האט ער א דונער געטאָן:

— נו, לעבּעדיק! איין פוס דאָ, איין פוס דאָרט!

דער וואַכמייסטער האָט ארויסגעשלעפּט צוויי שטיקלעך אָפּגעבּרענטע ליכט, וואָס אָף זי זיינען נאָך געווען סימנים פון טריוואָקס, וואָס דערמיט פאַרזיגלט מען אָפיציעלע פּאַקעטן, און אז די אַלטע האָט סוף כל סוף געבּראַכט צו שלעפּן דעם קרייץ, האָט ער אים אוועקגעשטעלט אפן ראַנד טיש צווישן ביידע שטיק־לעך ליכט און האָט געזאָגט:

— זעצט זיך, אַלטע.

די געפּלעפטע אַלטע האט זיך אַראָפּגעלאָזן אפן דיוואַן און האט מיט שרעק געקוקט אפן וואַכמייסטער, אף די ליכט מיטן קרייץ, און ווידער אפן וואַכמייסטער. פאַר שרעק איז זי געווען ווי פאַרשטיינערט, און ס'איז געווען קענטיק, ווי ס'האָבן בּיי איר געציטערט די קני און די הענט, וואָס זי האָט געהאַלטן אונטערן פאַרטוך.

איז דער וואַכמייסטער מיט אן ערנסטן פּנים צו צו איר און געזאָגט פייערלעך:

— נעכטן אין אָוונט זייט איר געווען אן עדות פון א גרויסער געשעעניש. ס'איז אָבער מיגלעך, אז אייער טעמפּער קאָפּ האט דאס ניט פאַרשטאַנען. אָט דער סאָלדאַט, וואָס איר

זעט דאָ, איז אַן אויסקוקער, א שפּיאָן.

— יעזוס מאַריאַ! — האט אויסגערופן די פּיסלער. — הייליקע בתולה מאַריאַ פון סקאָטשיץ, האָב רחמנות און העלף!

— שטילער, אַלטע! בכדי ארויסצוקריגן עפּעס פון אים, האט מען געמוזט באַלבען פאַרשיידענע זאַכן. איר האָט דאָך גע־הערט, וואָס פאַר שטות מיר האָבן אָנגעפּלוידערט?

— געהערט, — האט זיך אָפּגערופן די אַלטע מיט א ציטע־ריקן קול.

— נאָר די אַלע רייד זיינען גערעדט געוואָרן נאָר צוליב דעם, ער זאָל זיך מודה זיין, ער זאָל אונדז געטרויען. דאָס האט זיך טאַקע אונדז איינגעגעבן. מיר האָבן פון אים אַלץ ארויסגע־קראָגן. מיר האָבן אים געכאַפּט אַף דער ווענטקע.

דער וואַכמייסטער האט זיך אַף א ווײַלע אָפּגעשטעלט, בכדי אָפּצושנייַדן די קנויטן פון די ליכט, און דערנאָך האט ער גערעדט ערנסט, קוקנדיק אַף דער אַלטער:

— איר זייט געווען דערבײַ, אלטע, איר ווייסט אונדזער סוד. אָבער דער סוד איז א דינסט־סוד. איר האָט קיין רעכט ניט אים אויסצוזאָגן, אַפילו אַפן טויטן־בעט ניט. וואָרום זיסט וועט מען אייך ניט טאָרן באַגראָבן אַפן צווינטער.

— יעזוס, מאַריאַ און יאָזעף! — האט די אַלטע גענומען וויינען, — וואָס בין איך דאָס פאַר אן אומגליקלעכע, וואָס די פיס מיינע האָבן מיך אַהער פאַרטראָגן!

— נו, נו, פּלאַנכעט ניט. גייט צו צום קרייץ און לייגט ארויף אַף אים צוויי פינגער פון דער רעכטער האַנט. איר וועט נעמען א שבועה אַף זיך. זאָגט נאָך נאָך מיר וואָרט אין וואָרט.

ניט אופגעהערט צו קלאָגן, איז די אַלטע פּיסלער צוגעגאַנ־גען צום טיש.

— הייליקע בתולה מאַריאַ פון סקאָטשיץ, וואָס האָבן מיך די פיס אהער פאַרטראָ־אָ־אָגן!

זי האָט געציטערט מיט אַלע גלידער, בעת זי האט אופ־געהויבן צוויי פינגער, און דער וואַכמייסטער האָט גענומען איר פּייערלעך פירזאָגן די ווערטער: „איך שווער פאַרן אַלמעכטיקן

גאָט און פּאַר אײַך. העד וואַכמײַסטער, אז וועגן דעם, וואָס איך האָב דאָ געזען, וועל איך ביז מײַן טויט קײנעם קײן אײן וואָרט ניט זאָגן, אפילו אויב עמיצער וועט מיך פרעגן. דערין זאָל מיר גאָט העלפן".

— איצטער טוט א קוש דעם קרײַץ, אַלטע, — האָט געזאָגט דער וואַכמײַסטער, און די אלטע האט, באַגיסנדיק זיך מיט טרערן, געפאָלגט און פרום זיך איבערגעצלמט.

— גוט און איצט טראָגט אוועק דעם קרײַץ צוריק, אַהין, פון וואַנען איר האט אים גענומען, און זאָגט, אז איך האָב דאָס באַדאַרפט האָבן צוליב א פאַרהער.

די איבערגעשראָקענע אַלטע איז אף די שפּיץ פינגער אַרוים מיטן קרײַץ פון צימער, און פון פענסטער האט מען געקאָנט זען, ווי זי קוקט זיך אלע ווײַלע גײענדיק אום אַפן זשאַנדאַרן-פּאָסטן, אזוי ווי זי וואָלט זיך געוואָלט איבערצײַגן, אז דאס איז ניט געווען קײן חלום, נאָר זי האָט טאַקע מיט אַן אמת מיט עטלעכע מינוט פריער איבערגעלעבט עפּעס שרעקלעכעס.

בינו לבינו האט דער וואַכמײַסטער איבערגעשריבן זײַן ראַפּאָרט, ווײַל ער האט אים בײַנאַכט פאַרקלעקט. ער האט אים אין גאַנצן איבערגעמאַכט, און דערבײַ זיך דערמאָנט, אז ער האט אײן זאַך נאָך ניט אופגעקלערט. דעריבער האט ער געהײסן רופן שווײקן און האט געפרעגט בײַ אים:

— פאָטאָגראַפירן קענט איר?

— יאָ.

— טאָ פאַרוואָס טראָגט איר ניט מיט זיך קײן פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט?

ווײַל איך האָב בכלל ניט קײן אַפּאַראַט, — איז געווען דער קלאָרער און אָפנהאַרציקער ענטפער.

— און אויב איר וואָלט געהאַט אַן אַפּאַראַט, וואלט איר פאָטאָגראַפירט? — האט געפרעגט דער וואַכמײַסטער.

מאַלע וואָס עס וואָלט געווען, ווען איך וואָלט... — האָט שווײק געענטפערט און האָט רואיק אויסגעהאַלטן דעם פאַרחידושטן בליק פונם וואַכמײַסטער. בײַ יענעם האט גראָד אין דער

מינוט ווידער אָנגעהויבן אזוי צו טרעשצען דער קאָפּ, אז ער איז ניט געווען אין שטאַנד צוצוקלערן קיין אַנדער פראַגע, ווי נאָר:

— נו, אייך וואָלט שווער געווען אַראָפּצונעמען א וואָקזאַל?

— גרינגער, ווי עפּעס אַן אַנדער זאַך, — האט געענטפערט שווייק, — וואָרום ער רירט זיך ניט און שטייט אלע מאָל אף איין אָרט, און אים באַדאַרף מען ניט זאָגן, ער זאָל מאַכן א פריינט-לעכן פּנים.

און דער וואַכמייסטער האָט געקאָנט נאָך מוסיף זיין צו זיין ראַפּאָרט, אז דער שפּיאָן האט זיך מודה געווען, אז ער קאָן פאָטאָגראַפירן און בעסער פּאַר אַלץ וואָקזאַלן. אמת, קיין פאָטאָ-גראַפישן אַפּאַראַט האט מען ביי אים ניט געפונען, נאָר ס'איז פאַראַן א חשד, אז ער האט אים ערגעץ באַהאַלטן, און דערפאַר טאַקע טראָגט ער אים ניט ארום ביי זיך, כּדי עס זאָל ניט פאַלן אף אים קיין חשד.

דער וואַכמייסטער, וואָס ביי אים אין קאָפּ האָט נאָך גע-שומעוועט פון דעם נעכטיקן שיכּורן, האט זיך אַלץ מער געפּלאָנ-טערט אין דער אייגענער מעלדונג וועגן דער פאָטאָגראַפירונג:

„ס'איז קיין ספק ניט, האט ער געשריבן, — אז נאָר דער-פאַר, וואָס ער האָט ביי זיך קיין אַפּאַראַט ניט געהאַט, האט ער ווי ער האָט זיך אַליין מודה געווען, ניט אַראָפּגענומען דעם בנין פון וואָקזאַל און בכלל פונקטן, וואָס האבן א סטראַטעגישע באַ-דייטונג, און מען מעג זיין זיכער, אז ער וואָלט זיין פּלאַן אויסגעפירט, אויב דער באַהאַלטענער אַפּאַראַט וואָלט געווען ביי אים. נאָר דורך דעם, וואָס ער האט ניט געהאַט אונטער דער האַנט קיין פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, קאָן מען דערקלערן דאָס, וואָס מען האט ביי אים ניט געפונען קיין שום פאָטאָגראַפיעס“.

— נו, דערווייל וועט קלעקן, — האט אַרויסגערעדט דער וואַכמייסטער און האט געחתמעט דעם פּאַפּיר.

דער וואַכמייסטער איז געווען שטאַרק צופרידן פון זיין ווערק און האט מיט גדלות דאָס איבערגעלייענט פאַרן עלטסטן. דערנאָך האט ער געהייסן אריינפירן שווייקן.

— דער עלטסטער וועט אייך אָפּפירן קיין פּיסעק אין דער באַצירק־פאַרוואַלטונג פון דער זשאַנדאַרמעריע, — האָט ער געזאָגט שטרענג צו שווייקן. — לויטן סטאַטוט, וואָלט מען געדאַרפט אייך אָנטאָן קייטן אף די הענט. נאָר היות ווי מיר דוכט, אַז איר זייט אַ ליטישער מענטש, לאָז איך אייך אָפּ אָן קייטן. איך בין זיכער, אַז איר וועט ניט פּרוּוון צו אַנטלויפן.

מסתמא גערירט פון שווייקס ערלעכן פּנים, האָט דער וואַכמייסטער פאַרענדיקט:

נו, נעמט ניט פאַר אומגוט... נאַט, הער עלטסטער, נעמט מיט זיך מיט אויך מיין ראַפּאָרט.

— פאַרבלייבט געזונט! — האָט שווייק אַרויסגערעדט ווייך.

— אַ דאַנק אייך, הער וואַכמייסטער, פאַר אַלץ, וואָס איר האָט פאַר מיר געטאָן, און אַז עס וועט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט, וועל איך אייך אָנשרייבן, און אַז איך וועל זיין ווידער אין די קאַנטן, וועל איך ניט אַנדערש אַריינגיין צו אייך.

שווייק איז מיטן עלטסטן אַרויס אין גאַס, און איטלעכער, וועמען עס וואָלט זיי געזען, ווי זיי זיינען זיך געגאַנגען און געשמועסט זיך רואיק, וואָלט ער זיי געווים געשאַצט פאַר צוויי גוטע פריינט, וואָס גייען שפּאַצירן אין שטאָט אַריין.

— איך וואָלט קיין מאָל ניט געטראַכט, — האָט דערציילט שווייק, — אַז אַזאַ רייזע קיין בודוויים זאָל זיין אַזוי שווער. דאָס דערמאָנט מיר די מעשה מיטן קצב האַוראַ פון קאָבילייץ. יענער האָט איין מאָל ביי־נאַכט זיך געטראָפן ביי פּאַלאַצקעס דיינקמאָל און האָט זיך ביז אינדערפרי אַרומגעדרייט אַרום אים, וואָרום עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז די גראַטעס אַרום דיינקמאָל האָבן קיין עק ניט. ער איז געווען פול יאוש, און אינדערפרי, אַז ער איז שוין געבליבן אָן כּחות, האָט ער גענומען שרייען „גוואַלד!“ און אַז די פּאָליציסטן זיינען געקומען, האָט ער ביי זיי געפרעגט, ווי מען גייט קיין קאָבילייץ, וואָרום שוין פינף שעה גייט ער פאַזע די גראַטעס, און עס איז נאָך אַלץ קיין עק ניטאָ. דעמאָלט האָבן זיי אים צוגענומען, נאָר אין דער קאַמערע האָט ער אַלץ ביי זיי צובראָכן.

דער עלטסטער האט קיין ווארט ניט געענטפערט, נאָר בײַ זיך האט ער א טראכט געטאָן:

„וואס דרייט ער מיר דאָ א קאָפּטער? ווירער הויבט ער שוין אָן אויסקלערן באָבע־מעשיות וועגן בודוויס".

און ער האט פארפירט א שמועס וועגן פּראָגרעס און וועגן דעם, אז מענטשן פאַלן אַלץ מער אַף קלוגע המצאות, און איי־נער סטאַרעט זיך איבערצוקליגן דעם צווייטן... דערבײַ האט ער גענומען אַנטוויקלען א שפּאָגל־נייעם רעיון, אז דער וועלט־קריג איז א גליק פאַר דער מענטשהייט, וואָרום אין איינעם מיט ער לעבע מענטשן וועלן דערהרגעט ווערן אויך א סך פאַרברעכערס און זשוליקעס.

— בכלל זיינען אַף דער וועלט פאַראַן צופיל מענטשן, — האט געזאָגט דער עלטסטער. — דערפאַר שאַדט ניט א ביסל אָפּצאַפּן בלוט. איר דערציילט נאָר קיינעם ניט, אז איך פיר אייך קיין פּיסעק. דאס איז א מלוכה־סוד. מען טאָר ניט דערציילן קיינעם, ווער איר זייט. דאס קער זיך צו קיינעם ניט אָן, וואס איר האט אָנגערעדט. מען טאָר ניט אָניאָגן קיין פּאַניקע. אין קריגס־צייט איז פּאַניקע א מיאוסע זאַך, — האט ער געטענעט ווייטער.

— דו זאָגסט א וואָרט, און עס קייקלט זיך אריבער איבערן גאַנצן לאַנד. איר פאַרשטייט?

— רעכט, איך וועל קיין פּאַניקע ניט אָניאָגן, — האט זיך אָפּגערופן שווייק. און ער האט טאַקע געהאַלטן וואָרט. אז דער בעל־הבית פון איינפאָר־הויז האט זיך ארייַנגעלאָזט מיט אים אין א שמועס, האט ער געזאָגט:

— מיין ברודער זאָגט, אז איינס אזויגער וועלן מיר זיין אין פּיסעק.

— וואס איז דאס, אייער ברודער האט געהאַט אורלאָפּ? האט דער בעל־הבית געפרעגט בײַם עלטסטן. יענער האט אָן שהיות אָפּגעטאָקט א ליגן:

— יאָ, היינט האט דער אורלאָפּ זיך געענדיקט.

— מיר האבן אים קונציק אָפּגענאַרט, — האט ער זיך גע־ווענדט צו שווייקן לאַכנדיק, אז דער בעל־הבית האט זיך ערגעץ

אָפּגעקערט. — נאָר ניט מאַכן קיין פּאַניקע, ס'איז קריגס-צייט.

ביז זיי זיינען אָנגעקומען אין איינפאָר-הויז, האָט דער עלט-סטער געהאַלטן, אַז אַ קופּל ביר קאָן ניט שאַטן. נאָר איצט, אַז ער האָט שוין געהאַט אַראָפּגעשלונגען אַ גאַנצן טוץ, האָט ער אַנטשלאָסן דערקלערט, אַז דער שעף פון דער באַצירק-פאַרוואַל-טונג עסט וואַרימעס ביז דריי אַזייגער און אַז דעריבער איז ניט כדאי צו קומען אַהין פריער, בפרט אַז עס גייט אַ שניי. ווען זיי וועלן זיין אין פּיסעק צו פיר אַ זייגער, איז נאָך אויך גענוג צייט ביז זעקס. און מען וועט נאָך דאַרפן גיין אַזאַ וועג אין דער פינסטער. און בכלל איז ניט קיין נפקא מיניה, צי גיין איצט, צי שפּעטער אַ ביסל. פּיסעק וועט ניט אַנטלויפן!

— מיר באַדאַרפן זיין צופרידן, וואָס מיר זיצן אין דער וואַרים, — איז געווען לעצט וואָרט. — דאָרט אין די גראָבנס ליידן מענטשן אין אַזאַ וועטערונג אַ סך מער, ווי מיר דאָ נעבן אויוון.

דער אַלטער קאַכל-אויוון איז געווען שטאַרק אָנגעהייצט, און דער עלטסטער האָט איינגעפונען, אַז מען קאָן אויסווייניקסטע וואַרימקייט אונטערשטוקעווען מיט אינעווייניקסטער היץ דורך כלערליי זיסע און שטאַרקע משקאות.

אין דעם דאָזיקן העק האָט דער בעל-הבית געהאַט אַכט פאַרשיידענע סאָרטן; אים איז געווען לאַנגווייליק, און ער האָט זיך אוועקגעזעצט טרינקען מיט זיי. אין דרויסן האָט געבושעוועט אַ שניי-שטורעם.

דער עלטסטער האָט כסדר אַריינגעטענעט אין בעל-הבית ער זאָל ניט אָפּשטיין פון זיי, און האָט אים אויפגעוואָרפן, וואָס ער טרינקט ווינציק, דאָס איז געווען אַ בפירושער בלבול, וואָרום דער בעל-הבית האָט זיך שוין קוים געהאַלטן אויף די פיס. אים האָט אַלץ עפּעס געהויבן מאַכן אַ שפּיל אין קאָרטן, און ער האָט פאַרזיכערט, אַז ער האָט ביי-נאַכט געהערט אַ שטאַרקע האַר-מאַטן-שיסעריי, וואָס איז געקומען פון מזרח-זייט. האָט דער עלט-סטער, שיער ניט ווייענדיק, געגומען בעטן זיך ביי אים:

— נאָר ניט דאָס! מען דאַרף ניט קיין פּאַניקע! פאַראַן

דערצו אינסטרוקציעס.

און ער האט גענומען אויסטייטשן, וואס דאס איז אזוינס אינסטרוקציעס, און דערביי האט ער אויסגעזאָגט עטלעכע געהיימע צירקוליאַרן. אבער דער בעל־הבית האט שוין מער קיין זאַך ניט, פאַרשטאַנען און האט נאָר געטענעט, אז מיט הוילע אינסטרוק־ציעס קאָן מען קיין קריג ניט געווינען.

עס איז שוין געווען גאָר פינצטער, ווען דער עלטסטער האט באַשלאָסן, אז עס איז צייט זיך צו לאָזן אין וועג אריין. עס איז געווען אזא זאַווערוכע, אז צוויי טריט פאַר זיך האט מען קיין זאַך ניט געקאָנט זען. דער עלטסטער האט געהאַלטן אין איין טענען:

— פאָראויס, ניט פאַרקערעוועט, גלייך קיין פיסעק!

אַז ער האָט דאָס איבערגעחזרט דאָס דריטע מאָל, איז זיין שטים געקומען שוין ניט פון וועג, נאָר ערגעץ פון אונטן, וואָס אַהין ער האָט זיך געהאַט אַראָפגעקייקלט פון שפּוע אַראָפּ. אָנשפּאַרנדיק זיך אַפן ביקס, האָט ער קוים מיט צרות זיך אַרופ־געדראפּעט אַפן וועג אַרוף. שווייק האָט געהערט, ווי ער האָט שטילערהייט געלאַכט פאַר זיך און גערעדט: „נאַדיר אַוועק, אַן אמתער גליטש!“ באַלד איז ער שוין ווידער ניט געווען אַפן וועג, ווייל ער האָט זיך ווידער אַמאָל אַראָפּגעקייקלט איבערן שפּוע, דערביי האָט ער אַזוי געשריען, אַז ער האָט אַפילו אַריבערגע־שריען דאָס וואָיען פון ווינט:

– איך פאַל! פאַניקע!

פינף מאָל האָט ער אַזוי דורכגעמאַכט די רייזע איבער דעם שפּוע, און אַז ער איז דאָס לעצטע מאָל געקומען צוריק צו שווייקן, האָט ער אַ צעטומלטער און פאַריאושטער אויסגערופן: איך וואָלט דאָך געקאָנט אייך גרינג פאַרלירן.

— דאגעט ניט, הער עלטסטער, — האָט זיך אָפּגערופן שווייק. — בעסער פון אַלץ וואָלט געווען, ווען מיר בינדן זיך צונויף. אַזוי וועלן מיר איינם דאָס אַנדערע ניט פאַרלירן. האַנט־קייטן האָט איר?

— איטליכער זשאַנדאַר איז מחויב צו האָבן שטענדיק

האַנט־קייטן, — האָט דער עלטסטער געענטפערט טאָפּטשענדיק זיך אַרום שווייקן. — דאָס איז דאָך אונדזער ברויט.

— איז גוט, וועלן מיר זיך דערמיט צונויפבינדן, — האָט פאַרגעלייגט שוויק. — איר טוט נאָר אַ פּרווו.

האָט דער עלטסטער מיט איין מאַך אָנגעטאָן אַף שווייקן די האַנט־קייט אין דעם אַנדער עק צוגעהעפט צו זיין רעכטער האַנט. אַזוי אַרום זיינען זיי איצט געווען צונויפגעבונדן ניט צו צעריסן. זיינען זיי געגאַנגען איבערן וועג, שטרויכלענדיק און שאָקלענדיק זיך אין אַלע זייטן. דער עלטסטער האָט אַ שלעפּ געטאָן שווייקן איבער אַ הויפן זשוויר, איז אַנידערגעפאַלן און מיטגעשלעפּט מיט זיך שווייקן. דערביי האָבן די האַנט־קייטן טיף זיך אַריינגעשניטן זיי אין די הענט, און דער עלטסטער האָט סוף כּל סוף געמאָלדן, אַז אַזוי קאָן מער ניט גיין און אַז די האַנט־קייטן מוז מען אַראָפּנעמען. נאָר וויפיל ער האָט זיך געמאַטערט, האָט ער דאָך ניט געקאָנט זיך פריי מאַכן. דעמאָלט האָט ער אַ זיפץ געטאָן:

— איצט זיינען מיר פאַרבונדן אַף אַלע אייביקייטן.

— אָמן! – האָט אַרויסגערעדט שוויק און זיי האָבן זיך ווייטער געלאָזט אין שווערן וועג אַריין.

דער עלטסטער איז אַריינגעפאַלן אין אַ פולקומענער אַפּאַטיע, און אַז זיי זיינען שפּעט אינאָוונט פאַרמאַטערטע אָנגעקומען אין דער באַצירק־פאַרוואַלטונג אין פּיסעק, האָט ער מיט אַ געבראָכן געמיט געזאָגט צו שווייקן:

— איצטער וועט געשען אַ מוראדיקע זאַך. מיר קאָנען זיך ניט פונאַנדערנעמען.

און עס איז טאַקע געשען אַ מוראדיקע זאַך, בעת דער וואַך־מאַן האָט אַרויסגערופן דעם שעף פון דער פאַרוואַלטונג ריטמייסטער קעניג.

דעם ריטמייסטערס ערשטע ווערטער זיינען געווען:

— אַנו, טוט נאָר אַ הויך אַף מיר!

— איצטער פאַרשטיי איך, – האָט דער ריטמייסטער אַרויסגעוויזן זיין מבינות, — ראָם, קאָנטושאָווקאַ, ווישניק, ניס,

פלוימען און וואניל.

— הער וואַכמייסטער, — האָט ער זיך געווענדט צו זיין געהילף, — אָט האָט איר אַ מוסטער, ווי אַזוי אַ זשאַנדאַר טאָר ניט אויסזען. ווענן אַזאַ פיר דאַרף זיך שוין ארויסזאָגן דער קריגס=געריכט. צונויפבינדן זיך מיטן ארעסטירטן! קומען אַהער שכורערהייט, שיער ניט אף אַלע פיר! נעמט אראָפּ פון זיי די האַנט=קייטן.

— נו, וואָס׳ט איר זאָגן? — האָט ער זיך געווענדט צום עלטסטן, וואָס האָט די פרייע האנט געהאַלטן ביים דאשעק:

— איך האָב דעם כבוד צו מעלדן, הער ריטמייסטער, איך האָב געבראַכט אַ ראַפּאָרט.

— אף אייך גופא וועט אָנגעגעבן ווערן אַ ראַפּאָרט אין געריכט, — האָט דער ריטמייסטער אָפּגעהאַקט. — הער וואַכמייסטער, זעצט זיי ביידן אַוועק אונטער שלאָס; מאָרגן פרי וועט איר זיי ברענגען צום פאַרהער, און דעם ראַפּאָרט פון פּוטים זאָלט איר דורכשטודירן און צושיקן צו מיר אהיים.

דער פּיסעקער ריטמייסטער איז געווען זייער אַ שטרענגער און זאַכלעכער מענטש. די וואָס איז אויסגעקומען צו דינען אונטער אים, האָבן קיין האָניק ניט געלעקט. פאַר די קלענסטע פאַרזעענס פלעגט ער ארופלייגן דיסציפּלינארע שטראָפן. ער האָט שטענדיק געהאַלטן אין איין מוסר זאָגן און שרייבן אויסריידן. ער איז געווען באַגלויבט, אַז ער שטייט דאָ אף אַ פאָרפּאָסטן און ער ראַטעוועט עפּעס, און אז אלע זשאַנדארן, וואָס דינען אונטער זיין קאָמאַנדע, זיינען איין כנופיא אויסוואָרפן, עגאָאיסטן און אָפּנארער, וואָס האָבן קיין אנדער אינטערעס ניט, ווי נאָר בראָנפן, וויין און ביר; און היות ווי זייער שכירות האָט ניט געקלעקט אף צו שכורן, האָבן זיי גענומען שוחד און געשלעפּט פּאוואָליע, אָבער זיכער עסטרייך צום אָפּגרונט. געטרויט האָט ער נאָר מער וויניקער זיין וואַכמייסטער אין דער קרייז=פאַרוואַלטונג, און יענער האָט אין שיינק ליב געהאַט זיך צו באַרימען: „האָב איך דאָס היינט ווידער אמאָל אָנגעמולירט אונדזער אלטן כלב!“

* * *

דער ריטמייסטער האָט איבערגעלייענט מיט קאָפּ דעם ראַפּאָרט פון פּוטימער וואַכמייסטער מכח שווייקן. פאַר אים איז געשטאַנען זיין וואַכמייסטער מאַטייקאָ, וואָס האָט בײַ זיך אין האַרצן געשיקט דעם ריטמייסטער מיט אַלע זיינע ראַפּאָרטן צו אַל די רוחות, וואָרום אין „אָטאַוואַ" האָט מען שוין אַף אים געוואַרט מיט אַ פולקע פּרעפערענס.

— איך האָב איך שוין די טעג אַמאָל געזאָגט, — האָט אָנגעהויבן דער ריטמייסטער, — אַז דער גרעסטער אידיאָט, וואָס איך האָב ווען עס איז באַגעגנט, איז דער פּוטימער וואַכמייסטער. עס איז דאָך קלאָר, אַז דער סאָלדאַט, וואָס אָט דער שבורער מנוול האָט געבראַכט אהער, איז ניט קיין שפּיאָן. דאָס איז זיכער אַ פּשוטער דעזערטיר. און דער וואַכמייסטער שרייבט דאָ אַזאַ שטותעריי; אַז איטליך קינד וועט פון ערשטן בליק דערקענען, אַז דער גולם איז געווען שכור, ווי אַ פּויפּסלעכער פּרעלאַט.

— ברענגט נאָר תיכף אהער צו מיר דעם דאָזיקן סאָלדאַט, — האָט ער באַפוילן, געענדיקט לייענען דעם ראַפּאָרט ביזן סוף. — זינט איך לעב האָב איך נאָך אַזאַ באַלבערײַ ניט געלייענט. דערצו שיקט ער מיט אַזעלכע חשודיקע פאַרשוינען אַזאַ טיפּש, ווי אַט דעם עלטסטן. זיי קענען מיך שלעכט. איך קאָן זיך נעמען פאַר זיי, וועלן זיי האָבן צו געדיינקען...

און דער ריטמייסטער האָט געהייסן דעם שרייבער תיכף אָנשיקן דעם פּוטימער וואַכמייסטער אַ דעפּעשע, ער זאָל באַלד מאָרגן קומען קיין פּיסעק. ער וועט שוין דעם אידיאָט אויסטייטשן, וואָס ער האָט דאָ אָנגעטאָן.

— פון וואָסער פולק האָט איר דעזערטירט? — אַזוי האָט דער ריטמייסטער מקבל פּנים געווען אונדזער שווייקן.

— פון קיין איינעם ניט.

האָט דער ריטמייסטער אַ קוק געטאָן אַף שווייקן און דערזען אין זיין פּנים אַזוי פיל רואיקייט און באַזיכערטקייט, אַז ער האָט אַ פרעג געטאָן:

— פון וואַנען האָט איר געקראָגן די דאָזיקע אוניפאָרם?

איטלעכער סאלדאט קריגט אן אוניפארם, ווען ער טרעט אריין אין דינסט, — האט שווייק געענטפערט מיט א מילדן שמייכל. — איך דין אין 91=טן פוסגייער=פולק און לא די וואס איך האב ניט דעזערטירט, נאר פונקט פארקערט.

די ווערטער „פונקט פארקערט" האט ער ארויסגערעדט מיט אזא קוועטש, אז דער ריטמייסטער איז אביסל מבולבל גע=ווארן און האט געפרעגט:

— וואס איז טייטש „פונקט פארקערט"?

— זייער פשוט, — האט שווייק געזאגט אפנהארציק. — איך גיי דוקא אין פולק אריין, איך זוך אים, און ניט איך אנט=לויף פון אים. איך וויל קיין אנדער זאך ניט, ווי נאר וואס גיכער קומען אין פולק. איך האב זיך דא שוין אויסגעמוטשעט, ווען איך גיב א קלער, אז איך גיי, קענטיק, אוועק אלץ ווייטער פון בודוויים, בעת דארט ווארט אף מיר א גאנצער פולק. דער הער וואכמייסטער אין פוטים האט מיר באוויזן אף דער קארטע, אז בודוויים ליגט אין דרום=זייט, און אליין האט ער מיך אפגעשיקט קיין צפון=זייט.

האט דער ריטמייסטער מיד א מאך געטאן מיט דער האנט, ווי איינער זאגט: דער דאזיקער בריה קאן אפטאן ערגערע שפיצלעך, ווי פארשיקן מענטשן קיין צפון=זייט.

— הייסט דאָס, אז איר האט ניט געקאנט געפינען אייער פולק? — האָט ער געפרעגט. — און איר האָט אים גע=זוכט?

האָט שווייק אים דערקלערט, ווי די זאך האלט. ער האט אנגערופן טאַבאָר און אלע ערטער, ווו ער איז דורכגעגאנגען, בכדי צו קומען קיין בודוויים. ער האָט גערעדט מיט גרויס היץ, און דער ריטמייסטער האָט מיט א בלייפען כסדר געצייכנט אפן שטיקל פאפיר פיגורן פון דער ציפער אכט — האָט דאָס בא=דאַרפט באַטייטן, ווי אזוי דער בראַווער סאַלדאַט שווייק, וואָס גייט אויס צו קומען אין זיין פולק, דרייט זיך ארום און קאָן זיך ניט ארויספלאָנטערן.

— יאָ, דאָס איז געווען נישקשה פון א האָרעוואַניע, —

האָט ער אַרויסגערעדט, נאָכדעם ווי ער האָט מיט פאַרגעניגן אויסגעהערט שוויקס דערציילונג. — איך מיין, עס האָט זיך געוואָלט צו זען, ווי איר האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום פּוטים.

— די זאַך וואָלט שוין קלאָר געוואָרן פריער, — האָט באַמערקט שוויק, — אויב ניט דער דאָזיקער הער וואַכמייסטער אינעם דאָזיקן שלימזלדיקן פּוטים. ער האָט דאָך ביי מיר ניט געפרעגט ניט ווי מען רופט מיך, ניט פון וואָסער פאָלק איך בין. אים האָט דאָס באַלד מיט אַמאָל אויסגעוויזן אַזוי שרעקלעך חשודיק. וואָלט ער מיך אָפּגעשיקט קיין בודוויס, וואָלט מען אים דאָרט אין קאַזאַרמע באַלד געזאָגט, צי איך בין דאָס דערזעלביקער שוויק, וואָס ווערט געזוכט, אָדער עפּעס א חשודיקער פאַרשוין. און איך וואָלט שוין דעם צווייטן טאָג געווען אין פאָלק און וואָלט שוין געטאָן מיין דינסט.

— און פאַרוואָס האָט איר זיי אין פּוטים ניט אָנגעוויזן, אַז דאָ איז אַרויסגעקומען אַ קליינער טעות?

— איך האָב געזען, אַז מיט זיי איז ניט כדאי צו ריידן. נאָך דער אַלטער שיינקער ראַמפּאַ פון ווינאָגראַד, ווען עמיצער פלעגט זיך איינשפּאַרן און ניט וועלן צאָלן, פלעגט ער זאָגן, אַז עס טרעפט, אַ מענטש ווערט ווי געליימט, דעמאָלט איז כאָטש רייד צום לאָמפּ.

נאָך דער דערקלערונג האָט שוין דער ריטמייסטער מער זיך ניט געחקירהט. ער האָט באַשלאָסן אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ דעגענעראַט און האָט אים אָפּגעשיקט מיטן אייזנבאַן אין דער באַגלייטונג פון אַ זשאַנדאַר קיין בודוויס.

די נסיעה אין אייזנבאַן פון פּיסעק קיין בודוויס איז פאַר שוויקן פאַרבייגעפלויגן ווי אַ חלום. אים האָט באַגלייט אַ יונגער זשאַנדאַר, וואָס האָט אים געהיט ווי זיין שוואַרצאַפּל פון אויג.

אונטערוועגס פון וואָקזאַל ביז צו דער קאַזאַרמע אין בודוויס האָט ער פון אים קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט, און איטלעכס מאָל ווען זיי זיינען צוגעגאַנגען צו אַ ווינקל גאַס אָדער צו אַ קרייץ-וועג, פלעגט ער אים אַזוי ווי דרך אגב דערציילן, וויפיל

פאַמראַניעס עס קריגט אַ זשאַנדאַר, וואָס באַגלייט אַרעסטירטע. דערויף האָט שווייק געענטפערט, אַז ער איז זיכער, אַז קיין איין זשאַנדאַר וועט ניט שיסן אין קיינעם אין גאַס, בכדי ניט אָנצו־מאַכן קיין צרה. דער זשאַנדאַר האָט דערמיט ניט מסכים געווען. און אַזוי זיינען זיי פריינטשאַפטלעך שמועסנדיק געקומען אין קאַזאַרמע.

די וואָך אין פּולק האָט געהאַלטן שוין דעם צווייטן טאָג דער לייטענאַנט לוקאַש. ער איז זיך געזעסן רואיק אין קאַנצע־לאַריע ביים טיש, בעת מען האָט צו אים אַריינגעפירט שווייקן מיט די פּאַפּירן.

— איך האָב דעם כבוד זיך צו מעלדן, הער לייטענאַנט!
— האָט שווייק ראַפּאָרטירט מיט אַ פייערלעכער פיזיאָ־נאָמיע.

ביי דער דאָזיקער סצענע איז געווען דערביי דער פענדריק קאַטיאַטקאַ, וואָס האָט שפּעטער דערציילט, אַז באַלד נאָך שווייקס ראַפּאָרט איז לייטענאַנט לוקאַש אויפגעשפּרונגען, ווי אַ פאַרסמטער, זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ און אַרופגעפאַלן אויף אים, אויף קאַטיאַטקאַ, אַ פאַרחלשטער. אַז מען האָט אים אָפּגעמינטערט, האָט שווייק, וואָס האָט נאָך אַלץ געהאַלטן די האַנט ביים דאַשעק, איבערגעחזרט: „איך האָב דעם כבוד זיך צו מעלדן, הער לייטענאַנט!” און דערמאָלט האָט לייטענאַנט לוקאַש, בלייך ווי די וואַנט, מיט ציטערדיקע הענט אַ כאַפּ געטאָן שווייקס פּאַפּירן, אונטערגעשריבן זיי און געבעטן אַלעמען אַרויסגיין פון צימער, דעם זשאַנדאַר האָט ער געזאָגט, אַז אַלץ איז כשורה, און דערנאָך האָט ער זיך איינגעשלאָסן מיט שווייקן אין דער קאַנצעליאַריע...

* * *

שווייק און לייטענאַנט לוקאַש האָבן זיך אָנגעקוקט גלייך אין די אויגן.

פון דעם לייטענאַנטס אויגן האָט אַרויסגעשיינט אימה און פּחד און יאוש, און שווייק האָט געקוקט אויפן לייטענאַנט און מיט הכנעה און מיט ליבשאַפט, אַזוי ווי אויף אַ פאַרלאָרענער און

ווידער געפּונענער געליבטער.

אין קאַנצעליאַריע איז געווען שטיל ווי אין קבר.

אין דערבייאיקן קאָרידאָר האָבן זיך געלאָזט הערן טריט. דאָס איז א פּרייווילּיקער, מיט א פּאַרלייגטן נאָז פון קאַטער, ארומגעגאַנגען אהין און צוריק און געחזרט אף אויסווייניק דעם סטאַטוט: „ווי אזוי מען דאַרף אין פּעסטוּנגען מקבל פּנים זיין פּערזאָנען פון דער קייזערלעכער פאַמיליע".

— פּאַרשטאָפּט דאָרטן די האלדז! — האָט דער לייטע־נאַנט ארויסגעהוקעט אין קאָרידאָר ארויס. — טראָגט זיך אָפּ צו אל די שווארצע יאָר! אויב איר האָט פּיבער, קענט איר בלייבן אינדערהיים, אין בעט.

האָט מען געקאָנט הערן, ווי דער פלייסיקער פּרייווילּיקער איז זיך אוועק אין אנדער עק קאָרידאָר, און פון דערווייטנס האָט שוין ווידער געקלונגען זיין פאַנפעוואַטער קול...

דער לייטענאַנט מיט שווייקן האָבן ווידער געקוקט שווי־גענדיק איינער אפן צווייטן, ביז דער לייטענאַנט לוקאַש האָט געעפנט זיינע לעפצן און האָט ארויסגערעדט מיט ביטערער איראָניע:

— ברוך הבא, שווייק! ווּעמען עס איז באַשערט געהאנגען צו ווערן, וועט זיך ניט דערטרינקען! עס איז שוין אָפּגעגעבן א באַפעל אייך אופצוזוכן און צו אַרעסטירן, און מאָרגן וועט איר מוזן זיך באַווייזן פאַרן קאָמאַנדיר פון פּולק. איך וויל מער מיט אייך זיך ניט עסקן. איך האָב שוין גענוג צרות געהאַט פון אייך, און מיין געדולד האָט זיך שוין אויסגענומען. ווען איך טו נאָר א קלער, אז איך האָב אזוי לאַנג געקאָנט לעבן מיט אזא אידיאָט, ווי איר...

ער האָט גענומען שפּריזן אַהין און צוריק איבער דער קאַנצעליאַריע.

— ניין, דאָס איז שרעקלעך! מיר איז א חידוש, ווי אזוי האָב איך דאָס אייך ניט דערשאָסן. וואָס האָב איך ריזיקירט? לחלוטין גאָרניט. וואָלט איך פּטור געווען פון אייך. איר פאַר־שטייט?

— גאַנץ ריכטיק, הער לייטענאנט, איך פאַרשטיי אליין.

— גענוג, גענוג, הויבט ווידער ניט אן אייער זאגאכץ, שווייק, עס וועט זיין שלעכט, אף מיין ערן=ווארט. ווען עס איז וועלן מיר מיט אייך שוין פאַרטיק ווערן. איר האט שוין אייערע אידיאטישע שטיק געבראַכט אַזוי ווייט, אַז אַ קאַטאַסטראָפע מוז קומען.

און לייטענאַנט לוקאַש האט זיך גענומען רייבן די הענט.

— יא, שווייק, איר זייט שוין א פאַרטיקער.

ער איז צו צום שרייב=טיש, האט אנגעשריבן א פאר שורות אַף א שטיקל פאפיר, אַ רוף געטאן דעם וואך=סאלדאט, וואס איז געשטאנען פאַר דער קאַנצעליאריע, און געהייסן אפפירן שווייקן צום פראפאס, וואס האט די השגחה איבער די ארעסטירטע און איבערגעבן אים דאס צעטעלע.

האט מען שווייקן אוועקגעפירט איבערן הויף, און דער לייטענאַנט האט מיט אפענער שמחה געזען, ווי דער פראפאס האט געעפנט די טיר מיטן שווארץ=געלן שילטל: „ארעסטאנטן=קאַמער פון פולק”, ווי שווייק איז פארשוונדן הינטער אט דער טיר און ווי אין אַ ווײַלע אַרום איז פון דארט ארויס נאר דער פראפאס.

— א דאנק גאט! — האט דער לייטענאנט א טראכט געטאן אפן קול. — איצט איז ער שוין דארט.

אין קאַרצער האָט שווייקן פריינטלעך באַגריסט אַ גראָבער פרייוויליקער, וואָס האָט זיך צעלייגט מעשה פריץ אף א שטרוי=זאַק. ער איז געווען דער איינציקער אַרעסטאַנט אין פולק און האָט זיך גענודעט שוין דעם צווייטן טאָג איינער אַליין. אַף שווייקס פראַגע, פארוואָס ער זיצט, האָט ער געענטפערט, אז פאַר גאָרנישט מיט גאָרנישט. בײַנאַכט אָפן פלאַץ האָט ער שכורערהייט על פּי טעות דערלאַנגט אַ פּאַטש עפּעס אן ארטי=לעריע=אָפיציר. אין דער אמתן גאָר ניט קיין פאטש, נאָר ער האָט אים אַראָפּגעקלאַפּט דאָס היטל פון קאָפּ. דאָס האָט פּא=

סירט אזוי: דער אָפיציר איז געשטאַנען ביינאכט אפן פּלאַץ, מסתמא געוואַרט אף עמיצן, געשטאנען מיטן רוקן צו אים, דעם פּריוווּליקן. האָט ער געמיינט, אז דאָס איז זיינער אַ גוטער באקאנטער, אויך א פּריוווּליקער, פראַנץ מאַטערנא.

— מיין חבר, — האָט ער דערציילט שוויקן, — איז אויך אזא קליינגעוויקסיקער. מילא, האָב איך זיך פון הינטן אונטערגעגנבעט, אראָפּגעקלאַפּט דאָס היטל און א געשריי געטאָן: „צו געזונט און צו לעבן, פראַנצל!“ און יענער לעקיש האָט גענומען און ארויסגערופן אַ פּאטרול, וואָס האָט מיך באלד ארעסטירט.

— עס קאָן זיין, — האָט דער פּריוווּליקער נאָך א קורצער פּויזע מסכּים געווען, — אז בשעת מעשה זיינען געפלויגן אויך פּעטש, אָבער מיר דוכט, אַז דאָס מאכט ניט אויס, וואָרום די גאַנצע זאַך ליגט דאָך אין דעם לכתּחילהדיקן טעות. ער איז דאָך אליין מודה, אַז איך האָב געזאָגט: „צו געזונט און צו לעבן, פּראַנצל“ — און ער הייסט גאר אַנטאָן. דאָס איז דאך קלאר ווי דער טאָג. דער עיקר, וואס דאס קאָן מיר שאַדן, ווייל איך בין אַנטלאָפן פון שפּיטאל, און דערצו נאָך אויב עס וועט ארויסקומען די מעשה מיטן קראנקען־זשורנאל.

— די געשיכטע איז די, — האט ער ווייטער דערציילט, — אז ווען מען האט מיך גערופן דינען, האָב איך כּודם כּל גע־דונגען א צימער אין שטאט און געפּלייסט זיך צו קריגן רעמא־טיס. דריי מאל נאך אנאנד האָב איך זיך אנגעשיכּורט און זיך אוועקגעלייגט אויסער שטאט אונטערן רעגן אין א גראָבן און דערנאך אראָפּגעצויגן די שטיוול. עס האט אבער ניט געהאָלפן. האָב איך דערנאָך א גאנצן ווינטער דורך אנאנד זיך געבאָדן אין טייך, נאר דערפון איז ארויסגעקומען פּונקט קאַפּויר. איך האָב זיך, פארשטייט איר מיך, אזוי פאַרהאַרטעוועט, אז איך האָב גע־מעגט אפּליגן א גאנצע נאכט אין שניי אפן הויף, און אינדערפרי, אז מען האט מיך אופגעוועקט, זיינען די פיס געווען ביי מיר וואַרים, ווי איך וואָלט געלעגן אונטער א פּערינע. אז איך זאל דאָס כאָטש כאַפּן אן אנגינע! הויבט זיך ניט אָן! ממש גאַרנישט.

און וואס האב איך דאס אלץ ניט אפגעטאן, אף צו קריינקען, נאר עס איז געבליבן ביים וועלן... ערשט סוף כל סוף האב איך זיך באקענט אין דער „ראזע" מיט אן אינוואליד, וואס האט מיר געזאגט, איך זאל זיך צו אים אריינכאפן א זונטיק, וועלן שוין אף מארגן די פיס ביי מיר זיין בלייערנע. ביי אים אינדערהיים איז טאקע געווען א נאדל און א שפריץ אזא, און איך האב טאקע קוים מיט צרות פון אים זיך דערשלעפט אהיים. אט די טייערע נשמה האט טאקע ניט אפגענארט. איך האב טאקע סוף כל סוף געקראגן דעם אזוי לאנג געגארטן געלענק=רעמאטיס.

האט מען מיך באלד אפגעשיקט אין שפיטאל, און די קריינק האט אפגענומען ווי מיט א האנט. דעמאלט האט ווידער אמאל מיר א שפיל געטאן דאס מזל. מען האט פון זשיזשקאוו אריבערגעפירט קיין בודוויים מיין שוואגער דאקטאר מאזאק, און אים האב איך דאס צו פארדאנקען, וואס איך האב זיך אזוי לאנג געהאלטן אין שפיטאל. ער וואלט מיך אויך דורכגעשלעפט דורך דער מעדיצינישער אונטערזוכונג, נאר איך אליין האב אוועקגעפטרט. די גאנצע זאך מיטן שלימזלדיקן „קראנקען=זשורנאל". די אידיי פאר זיך איז א גוטע, וואס מען דארף ניט בעסער. איך האב דערקאזשעט א גרויס בוך, אנגעקלעפט דערויף א ווייס צעטל און אנגעשריבן: „קראנקען=בוך פון 91=טן פוס=גייער=פולק". צעווירעט רובריקעס — אלץ ווי עס געהער צו זיין. האב איך דארט אריינגעשריבן אויסגעקלערטע נעמען, קריינק, טעמפעראטורעס, און אלע טאג, נאכן באזוך פון דאקטאר, פלעג איך זיך לאזן אין שטאט אריין, מיטן דאזיקן בוך אונטערן ארעם. און איך הער אייך ווי דעם קאטער! ביים טויער פלעגן שטיין סאלדאטן פון לאנדוועער, איך פלעג זיי א ווייז טאן דאס בוך, פלעגן זיי מיך נאך גריסן מיט כבוד. פון דארט פלעג איך אריינגיין צו א באקאנטן, זיך איבערטאן ציוויל און דערנאך אוועק אין א שיינקל, ווו מיר האבן זיך געהאט א קאמפאניע און פלעגן זיך פארברייענגען אין שמועסן מכח דעם, אז מיט עסטרייך האלט עס שמאל. שפעטער בין איך געווארן אזוי תקיף ביי זיך, אז איך פלעג אפילו זיך ניט איבערטאן און פלעג ארומגיין אין שטאט

און איבער די שײנקען אין אוניפארם. אין שפיטאל פלעג איך קומען צוריק שלאפן ערשט באגינען, און אויב א פאטרול פלעגט מיך פארהאלטן, פלעג איך באווייזן מיין קראנקען־זשורנאל. בײם טויער פון שפיטאל פלעג איך ווידער באווייזן דעם קראנקען זשורנאל, און מען פלעגט מיך אן טענות דורכלאזן. דארף זיך דאס מאכן אט די צרה מיטן אפיצער אפן פלאץ... יא, חבר, אט אזוי גייט דאס, געלעכטער קומט אלע מאל פאר טרערן. וואס איז א מענטש? א שטיק שמאטע!... מען טאר ניט בויען אף מזל, נאר אינדערפרי און בײנאכט דארף מען זיך פאטשן איבער די פיסקעס, בכדי ניט צו פארגעסן, אז געהיטקייט איז די מאמע פון אלע מדות טובות, און גיי ניט גיך — וועסטו ניט רייסן קיין שיך... אז איך טו נאר א קלער אז אף אזא שטייגער האב איך דאס מיר, אנגעפײפט די מעדיצינישע אונטערזוכונג! מען וואלט דאך מיך געקאנט באפרײען פון אקטיוון דינסט! בײ אזא פראטעקציע! וואלט איך מיר געהאט ערגעץ א שטעל אין הינ־טערלאנד — וואס וואלט מיר אפגעגאנגען. גענומען בידים און זיך אוועקגעפטרט!

און דער פרייוויליקער האט פארענדיקט זיין דערציילונג מיט אזעלכע פייערלעכע ווערטער:

— קארטאגא איז צעשטערט געווארן, און נינוה איז גע־ווארן א הויפן חורבות, נאר טייערער חבר, אראפפאלן בײ זיך טאר מען ניט. ניט מיינט, אז אויב מען וועט מיך אוועקשיקן אפן פראנט, וועל איך כאטש איין שאס געבן. אויסגעשלאסן פון אפיצערן־שול! א גרויסע מעשה! איך גיי טאקע אויס נאך זייער תורה מיט זייערע עקזאמענס... נאר דא כאפט אויך ארום אן אומעט. א טרונק ביר... א רויכער טאן... אזא מנוול דער פרא־פאס! אײערנעכטן גיב איך אים פינף קרוינען, ער זאל מיר קויפן פאפיראסן, קומט דער דאזיקער זשוליק היינט אינדערפרי און גיט מיר צו וויסן, אז דא טאר מען ניט רויכערן, אז ער קאן נאך האבן דערפון צרות, און אז די פינף קרוין וועט ער מיר אפגעבן, ווען ער וועט קריגן שכירות. יא, חבר, איצט גלויב איך שוין אין קיין זאך מער ניט. די העכסטע לאזונגען ליגן צע־

טראטן אין בלאטע. באגנבען ארעסטירטע! און ער, דער כלב, זינגט זיך פון פרי ביז שפעט... אויסוואורף, יונגאטש, מסור, גנב!...

צולעצט האט רער פריוווליקער געפרעגט ביי שווייקן, וואס האט ער דאס אזוינס געטאן:

— ווי? געזוכט אייער פולק? — האט ער אויסגערופן. — א קורצע מעשה, נאר א שיינע! נישקשה פון א שפאציר — פאלג איך א גאנג! הייסט דאס, אז איר וועט אויך מארגן געשטעלט ווערן פארן קאמאנדיר פון פולק? אט וועט דאס זיין א שמחה פאר אונדזער פולקאווניק שרעדער! איר קאנט זיך ניט פארשטעלן, ווי אזעלכע זאכן ווירקן אף אים. ער לויפט ארום איבערן הויף, ווי ער וואלט זיך האבן אקארשט אפגעריסן פון קייט, ארויסגעשטעקט דעם צונג, ווי אן אפגעיאגטע קליאטשע... איר וועט נאר הערן זיינע רייד און זיין מוסר און ווי ער גאווערט דערביי מיט שפייעכץ, פונקט ווי א משוגענער קעמל. און שיט מיט ווערטער און שיט, אן א סוף און אן א גבול, אז עס דאכט זיך: אט=אט פאלט איין די קאזארמע איך קאן אים גוט, איך האב שוין מיט אים געהאט צו טאן... מיך האט מען צוגענומען אין דינסט אין לאנגע שטיוול, אפן קאפ האב איך געהאט א צילינדער=הוט, און היות ווי דער שניידער האט ניט באוויזן צו ברענגען מיר מיין אוניפארם, האב איך אזוי ארוממארשירט איבערן פלאץ מיט דער אפיצערן=שול, ווי איך שטיי און גיי, אין ציוויל=קליידער, אין לאנגע שטיוול און אין צילינדער=הוט. אזוי בין איך געגאנגען אפן מושטיר אפן לינקן פלאנג. קומט געריטן פולקאווניק שרעדער און גלייך צו מיר, שיער מיטן פערד מיך ניט צעטראטן. „כאפט אייך דער רוח! — האט ער דאס א הויקע געטאן, אז עס האט געוויס אפגעקלונגען ביז פראג. — וואס טוט איר דא, יאלד שלימזלדיקער?” מעלד איך אים העפלעך. אז איך בין א פריוווליקער און באטייליג זיך אין מושטיר. וואלט איר דאס א קוק געטאן אף אים! ער האט אנגעדברט ביי א האלב=שעה, ביז ער האט באמערקט, אז איך טראג א צילינדער=הוט. ערשט דא האט ער א געשריי געטאן,

אז איך זאל זיך מעלדן בײ אים אף מארגן מיט א ראפּארט, און פון רציחה איז ער אװעקגערידן צו אל די שװארצע יאָר, און דערנאָך איז ער געקומען צוריק און האָט װידער גענומען גװאלדעװען און ארױסגײן פון די כלים און קלאפּן זיך אין הארצן און געהײסן תיכּף אראָפּנעמען מיך פון פּלאַץ און ארײנזעצן אין הױפּט־װאך. אף מאָרגן, אז איך בין געקומען צו אים, האָט ער מיר ארײנגעהאַקט פּופּצן מעת־לעת קארצער, געצװוּנגען מיך אנצוטאן עפּעס שמאטעס פון צײכהױז און געסטראשעט אפּצוטרענען בײ מיר די בענדלעך פון פּרײװיליקן. „פּרײװיליקע, — האט ער זיך געריסן אף א קול, — דאס זײנען מענטשן פון א העכערן מין, אױסדערװײלטע, קומענדיקע העלדן. דער פּרײװיליקער װאלטאט איז, נאכדעם װי ער האט אױסגעהאַלטן עקזאמען אף קאפּראל, מיטן אײגענעם װילן אװעק אפן פראנט, און באלד אין דער ערשטער שלאַכט האט ער גענומען געפּאַנגען פּופּצן קאזאקן און בײם איבערגעבן זײ איז ער צעריסן געװארן פון א גראנאטע. אין פינף מינוט ארום איז באקומען געװארן א באפעל צו העכערן אים אפן ראנג פון אן אונטער־אפיצער. אזױ װאלט איר אױך געקאנט זיך גיך דערדינען צו א הױכן ראנג, געהאַט מעדאלן, און אײער נאמען װאלט ארײנגעשריבן געװארן מיט גאלדענע אותיות אין דער געשיכטע פון פולק".

דער פּרײװיליקער האט ברוגז א שפּײ געטאן.

— אט זעט איר, חבר, סאַראַ אידיאטן עס לעבן אף דער װעלט! — האט ער װײטער גערעדט. איך שפּײ אף זײערע בענדלעך און אלע זײערע ראנגען. אן אקס איז שױן בעסער צו זײן, אים קױלעט מען פּשוט אין שעכטהױז, און מען שלעפּט אים ניט פריער אפן מושטיר־פּלאַץ און מען לערנט אים ניט שיסן מיט פולע פּאטראנעס.

און דער גראבער פּרײװיליקער האט זיך איבערגעדרײט אף דער אנדער זײט און האט װײטער גערעדט:

— עס איז קלאר, אז װען עס איז װעט דאס אלץ פליען צום טײװל און אײביק װעט דאס זיך ניט ציען. פּרוּװט אקארשט אנפּאמפּען אין א חזיר אפילו ראס, װעט ער דאך סוף כל סוף

פארט פלאצן. אז איך וואלט געמוזט גיין אפן פראנט, וואלט איך אנגעשריבן אפן וואגאן:

„מיסט זיינען מיר פארן שונאס פעלדער:
פערציק מאן — אכט פערד”

עס האט זיך געעפנט די טיר. עס איז אריין דער פראָפאס און האט געבראכט א פערטל לאבן ברויט פאר צווייען און א קרוג וואסער.

ניט אופגעהויבן זיך פון שטרוי=זאק, האט דער פרייוויליקער זיך געווענדט צו אים מיט אזא רעדע:

— ווי פיין און ווי געהויבן דאס איז צו קומען געוואר ווערן תפוסים, א הייליקע אגנעם פון 91=טן פולק! זיי געגריסט, דו מלאך, רחמים, וואס דיין הארץ איז פול גענאד: דו אכצעסט אונטער דער משא פון קארב מיט עסן און געטראנק, צו שטילן אונדזער הונגער און דארשט. קיין מאל וועל איך דיין חסד ניט פארגעסן. דו ביסט א ליכטיקער שיין אין פינצטערניש פון אונדזער תפיסה.

— נישקשה, מארגן ביים קאמאנדיר פון פולק וועט קיין קאטאוועס אייך ניט איינגיין, — האט דער פראפאס ארויסגעבורטשעט.

— מאך ניט די פוריע, שפיצמויז, — האט זיך אפגערופן דער פרייוויליקער פון שטרויזאק, — זאג בעסער, וואס וואלסטו געטאן, ווען דו וואלסט דארפן ארייננעצן צען פרייוויליקע. קוק ניט אף מיר אזוי מעשה ליימענער גולם! איך ווייס, צוואנציק וואלסטו ארייגגעזעצט און צען פריי געלאזט. יעזוס=מאריא, וואלט איך געווען קריגס=מיניסטער, וואלט איך דיך צוגענומען דינען צו מיר. איך בעט דיך נאר איין זאך: ווייז מיר א פעסטן שטיץ=פונקט, וועל איך אופהויבן דעם גאנצן ערד=קיילאך צוזאמען מיט דיר, דו אנגעבלאזענער גארנישט!

האט דער פראפאס מיט רציחה אויסגעגלאצט די אויגן, א טרייסל געטאן מיט די אקסלען און האט צוגעקלאפט די טיר.

— דא געפינט זיך דער קאאפעראטיווער פארבאנד אף

פארטיליגן פראפאסן, — האט געזאגט דער פרייוויליקער, בעת מעשה טיילנדיק דעם חלק ברויט אף צוויי ניט־גלייכע חלקים. — ד'א הערשט דער געזעץ פון די פרעריעס: ווער עס כאפט, דער האט.

יי האבן זיך אוועקגעזעצט אף דער לאווקע און גענומען גריזשען די פארטריקנטע ברויט.

טייערער פריינט, — האט דער פרייוויליקער ווייטער געפירט זיינע רעיונות, — ווען מיר טוען א קוק, וואס עס טוט זיך אפ איצט אין אונדזער פארגעטערטער מאנארכיע, קומען מיר צו דעם אויספיר, אז זי האלט פונקט אזוי ווייט ווי אנעגינס פעטער, וואס ווען אים האט פושקין געשריבן, אז היות ווי דער דאזיקער פעטער איז טאקע ניט אף קאטאוועס קראנק געווארן, האט אנעגין קיין אנדער ברירה ניט געהאט ווי

„זיפצן און זיך קלעמען:
ווען וועט דיך דער טייוול נעמען!"

ווידער האבן שליסלען א בראזגע געטאן, און דער פראפאס האט אנגעצונדן אין קארידאר א פעטראליום־לאמפ.

— א ליכטיקער שטראל אין דער פינצטערניש! — האט דער פרייוויליקער אויסגערופן. — אופקלערונג דרינגט אריין אין דער ארמיי. א גוטע נאכט, הער פראפאס, גריסט די אייעריקע, און זאל זיך חלומען אייך עפעס גוטס — למשל, אז איר'ט מיר אפגעגעבן די פינף קרוינען, וואס איך האב אייך געגעבן אף קויפן פאפיראסן און איר האט זיי פארטרונקען צו מיין געזונט. איך ווינטש אייך זיסע רו, איר ים־קאטער!

מען האט געקאנט הערן, ווי דער פראפאס האט עפעס געבורטשעט וועגן מארגעדיקן חלק ביים קאמאנדיר פון פולק.

דער פרייוויליקער האט א גענעץ געטאן.

— מיר מוזן זיך גוט אויסשלאפן צום מארגעדיקן צימבל, — האט ער געזאגט, זיך איינוויקלענדיק אין קאלדרע. — עס וועט זיין וואס צו הערן און וואס צו זען. איך זאג אייך, אז אין דער ארמיי איז אלץ דורך און דורך צעפוילט. דערוויל זיינען

די מאסן נאך פארפירט, ווייסן ניט, וואס מיט זיי טוט זיך. מיט ארויסגעשטארצטע אויגן לאזן זיי זיך צעהאקן אף שטיקער, און קריגט איינער א קויל, פרעפלט ער מער ניט: „מאמע"... ניטא קיין העלדן, פאראן נאר הארמאטן־פלייש און קצבים אין די גענעראל־שטאבן. נאר סוף כל סוף וועלן אלע זיך צעבונטעווען, און דעמאלט וועט זיך פארקאכן א קאשע. לעבן זאל די ארמיי! א גוט נאכט!

ער איז אנטשוויגן געווארן. דערנאך האט ער זיך גענומען דרייען אונטער דער קאלדרע און האט א פרעג געטאן:

— איר שלאפט, חבר?

— ניין, — האט געענטפערט שווייק פון דער צווייטער לאווקע אראפ. — איך טראכט.

— וואס טראכט איר?

— ס'איז א מעשה מיט א גרויסער זילבערנער מעדאליע „פאר גבורה", וואס עס האט געקראגן איינער א טישלער פון וואווזי־גאס אין ווינאגראד, א געוויסער מליטשקא, ווארום אין אנהויב מלחמה איז ער געווען דער ערשטער, וואס ביי אים האט אפגעריסן א פוס. האט מען אים געגעבן א פראטעז, און ער האט גענומען אומעטום זיך באַרימען מיט זיין מעדאליע און בכלל זיך גרויס האלטן, וואס ער איז דער ערשטער אינוואליד אין פולק. איין מאל איז ער געקומען אין „אפאלא" אין ווינא־גראד און האט זיך דארט צעווערטלט מיט די קוילער־יונגען פון שעכט־הויז. א ווארט פאר א ווארט — ביז זיי האבן ביי אים אראפגעריסן דעם קינסטלעכן פוס און דערמיט אים א פלעם געטאן איבערן קאפ. דער אבער, וואס האט דעם פוס ביי אים אפגעריסן, האט ניט געוווסט, אז ער איז א קינסטלעכער, און איז פון שרעק געפאלן אין חלשות. אין צירקל האט מען דעם מליטשקא דעם פוס ווידער צוגעהעפט, נאר זינט דעמאלט איז מליטשקא ברוגז געווארן אף זיין גרויסער זילבערנער מעדאליע, איז אוועק אין לאמבארד און האט געוואלט זי פארמשכונען, און דארט האט מען אים פארהאלטן אין איינעם מיט דער מעדאליע. דערנאך האט ער געהאט א פולע צרות, און דער עיקר איז,

וואס אים האט געמשפּט עפּעס א באַזונדער ערן־געריכט פאַר די קריגס־אינוואַלידן און האט אים צוגעמשפּט, מען זאל ביי אים צונעמען די זילבערנע מעדאַליע.

דערנאָך האט מען ביי אים נאָך צוגענומען דעם פּראַטעז...
— ווי איז דאס?

— זייער פּשוט. אין איין שיינעם טאָג איז צו אים געקומען א קאָמיסיע און האָט אים געמאָלדן, אז ס'איז געוואָרן אָנער־קענט, אַז ער איז ניט ראוי צו טראָגן דעם פּראָטעז און האָט דאָס ביי אים צוגענומען און אַוועקגעטראָגן;

— און עס טרעפט נאָך אַזאַ קאָמישע מעשה, — האָט שוויק ווייטער דערציילט, — אַז די קרובים פון א געפאַלענעם אין שלאַכט קריגן מיט אמאָל אַזאַ מעדאַליע מיט א געשריפטס, אַז מען איז זיי מכבד מיט דער דאָזיקער מעדאַליע, זיי זאָלן זי אופהיינגען אין א בכבודיקן אָרט. אף באַזשעטעכער גאַס, אין ווישע גראַד, האָט איין פאָטער א כעסן, וואָס אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מען מאַכט פון אים חוזק, גענומען און אופגע־האַנגען טאַקע זי אין בית־הכסא, און איין פּאָליציסט, וואָס האָט געהאַט מיט אים בשותפות דעם בית־הכסא איז טאַקע אַוועק און האָט אף אים געמסרט, אַז ער איז א מורד במלכות. איז ער נעבעך אזוי פאַרפאַלן פאַר־אומזיסט־פאַר־אומנישט.

— דערפון איז געדרונגען, — האָט געזאָגט דער פריי־וויליקער, — אַז גליק און גלאָז זיינען זאַכן, וואָס האָבן קיין לאַנגען האַלט ניט. מיר דוכט, אַז דער קריגערישער גייסט איז ביי אונדז זייער שטאַרק געפאַלן. דערפאַר לייג איך פאָר אַז מיר זאָלן דאָ, אין דער שטילקייט פון אונדזער קאַמערע, אין מיטן דעם חושך פון דער נאַכט, אויסזינגען דאָס ליד פון קאַנאָניר יאַבורעק. דאָס וועט שטאַרקן אונדזער קריגערישן גייסט. נאָר מיר מוזן גוואַלדעווען אַזוי, מען זאָל הערן אין דער גאַנצער קאַזאַרמע. צוליב דעם דאַרפן מיר זיך אנידערשטעלן האַרט ביי דער טיר.

און פון קאַרצער אַרום האָבן גענומען זיך רייסן אַזעלכע קולות, אַז אין קאָרידאָר האָבן די שויבן געציטערט:

„ביים האַרמאַט איז ער געשטאַנען
און געלאָדן מאָל פאַר מאָל,
ביים האַרמאַט איז ער געשטאַנען
און געלאָדן מאָל פאַר מאָל.
בייזע באָמבע צו פליען קומט,
רייסט אים הענט פון אַקסלען אָפּ.
ער איז אפן אָרט געבליבן,
אַלץ געלאָדן און געשאָסן,
ער איז אפן אָרט געבליבן,
אַלץ געלאָדן און געשאָסן".

אין הויף האָבן זיך געלאָזט הערן טריט און שטימען.

— דאָס איז דער פּראָפּאָס, — האָט געזאָגט דער פּריי־וויליקער, — און מיט אים לייטענאַנט פּעליקאַן, וואָס האַלט הײַנט די וואַך. ער איז פון רעזערוו און מיינער אַ באַקאַנטער פון טשעכישן קלוב. אין ציווילן לעבן איז ער אַ בוך־פירער אין אַ פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט. בײַ אים קריגן מיר פּאַפּיראָסן לאָמיר ווייטער שרײַען.

אַז די טיר האָט זיך געעפנט, האָט דער פּראָפּאָס, קענטיק אויפגערעגט, וואָס דער אָפיצער איז דאָ דערבײַ, באַמערקט מיט רוגזא:

— דאָ איז ניט קיין מענאַזשעריע!

— איך בעט אייך איבער אייער כּבוד, — האָט געענט־פערט דער פּרייוויליקער, — דאָס איז אַן אָפּטיילונג פון זינגער־פאַריין „רודאָלפינום", וואָס גיט אָפּ קאָנצערט לטובת די תּפוסים. דער ערשטער נומער פון דער פּראָגראַמע, „קריגס־סימפאָניע", איז נאָר וואָס פאַרענדיקט געוואָרן.

— וואַרפט אָוועק די חכמות, — האָט דער לייטענאַנט פּעליקאַן געמאַכט אַ שטרייַנגען פּנים. — מיר דוכט, איר דאַרפט דאָך וויסן, אַז נײַן אַזייגער מוזט איר זיך לייגן שלאָפן און ניט

לאַרימען, אײער קאָנצערט־נומער האָט מען געקאָנט הערן אַפּילו אויפן בולוואַר.

— איך האָב דעם כּבֿוד צו מעלדן, הער לײטענאַנט, — האָט געזאָגט דער פרײַוויליקער, — אַז מיר האָבן זיך נאָך ניט צונויפגעשטימט ווי געהעריק, און אויב אין אונדזער געזאַנג איז געווען אַ דיס־האַרמאָניע...

— אַלע אָוונט אַזוי, — האָט דער פּראָפּאָס געפּרוווט אונטערגעבן היץ. — בכלל פּירט ער זיך ניט ווי אַן אינטעלי־גענטער מענטש.

— ערלויבט, הער לײטענאַנט, — האָט דער פרײַוויליקער געמאָלדן, — דורכצושמועסן זיך מיט אײַך אונטער פיר אויגן. זאָל דער פּראָפּאָס וואַרטן הינטער דער טיר.

אַז דער דאָזיקער פאַרלאַנג איז געוואָרן באַפרידיקט, האָט ער זיך געווענדט צום אָפיצער מעשה־חבֿר:

— הער נאַר, פראַנץ, גיב אונדז פּאַפּיראָסן... ווי „ספּאָרט"?... און דו, אַ לײטענאַנט, האָסט ניט קיין בעסערע פּאַפּיראָסן? נו, מילא, אַ דאַנק דערפאַר. גיב אַ שוועבעלע.

— „ספּאָרט", — האָט ער געזאָגט מיט ביטול, אַז דער אָפיצער איז אוועק. — איך האַלט, אַז אַפילו אין אָרימקייט דאַרף מען אויך אָפּהיטן אַ געוויסן שטאַט. אַנו, פאַררויכערט, חבֿר, מאָרגן איז פאַר אונדז אַ יום־הדין.

איידער ער איז אַנטשלאָפן, האָט ער נאָך אויסגעזונגען זײַן ליבלינגס־ליד: „לאָמיר זיך געזעגענען"...

אין דער זעלביקער צײַט איז פּולקאָווניק שרעדער געזעסן אין רעסטאָראַן, אַרומגערינגלט פון זײַנע אָפיצערן, און האָט זיך צוגעהערט, ווי שטאַבּס־קאַפּיטאַן קרעטשמאַן, וואָס איז געקומען צוריק פון סערביען מיט אַ צעמזיקטן פוס (דאָס האָט אים אַ קו צעשטאָכן), האָט דערצײלט, ווי ער האָט געקוקט אויף אַן אַטאַקע אויף די סערבישע פּאָזיציעס, זיצנדיק אין שטאַב, וואָס צו אים איז ער געווען צוקאָמאַנדירט.

— שפּרינגען זיי דאָס אַרויס פון די גראָבנס, — האָט דער העלד געשילדערט. — אויף אַ מהלך פון צוויי קילאָמעטער

אין דער ברייט קריכן זיי איבער די דראָט־פאַרצאַמונגען און וואַרפן זיך אַפן שונא מיט האַנט־גראַנאַטן ביים גאַרטל, אין אנטי־גאַזן' מיט אויסגעשטעלטע ביקסן, גרייט צו שיסן, צו שטעכן... קוילן פייפן אַרום. איין סאָלדאַט האָט אַקאָרשט ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון טראַנשייע, ער פאַלט, אַ צווייטער פאַלט אַפן ברוסטווער, אַ דריטער פאַלט צוויי טריט פון אים, נאָר די פיגורן פון די חברים פליען ווייטער, מיט געשרייען „הוראַ!“, אַלץ פאָרויס און פאָרויס, אין רויך און שטויב. דער שונא שיסט פון אלע זייטן, פון די טראַנשייעס, פון די טרעכטערס, וואָס גראַנאַטן האָבן אויסגעגראָבן, באַשפריצט אונדז פון קוילנווארפערס. סאָלדאַטן פאלן שורותווייז... איין קייט פרווט זיך דורכשלאָגן צום שונאס קוינוואַרפער. אַלע פאַלן. נאָר די חברים זיינען שוין פאָרנט. הוראַ! עס פאַלט דער אָפיצער. מען הערט שוין ניט קיין ביקסן־שיסעריי; ס'גרייט זיך עפּעס שרעקלעכס. ווידער פאלט אַ גאַנצע קייט, מען הערט, ווי דעם שונאס קוילנוואַרפערס נייען: טאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאָ... זייט מוחל, איך קאָן ווייטער ניט דערציילן, איך בין שכור...

און דער אָפיצער מיטן צעשעדיקטן פוס איז אַנטשוויגן געוואָרן און גענומען גלאָצן אין איין פינטל. דער פּולקאָווניק שרעדער האָט מיט חסד אַ שמייכל געטאָן און גענומען זיך צוהערן, ווי אים קעגנאיבער האָט קאַפּיטאַן ספּיראָ געקלאַפּט אין טיש, אַזוי ווי ער וואָלט זיך מיט עמיצן געקריגט, און איבערגעחזרט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט שוין גאָר קיין טעם ניט געהאַט:

— איז אָט, בעט איך איבער אייער כבוד, הערט צו מיט קאָפּ. ביי אונדז שטייען אונטערן ביקס עסטרייכישע לאַנדוועראולאַנען, לאַנדווער־פוסגייער, באָסניאַקישע שיסערס, עסטרייכישע שיסערס, עסטרייכישע אינפאַנטעריע, אונגאַרישע אינפאַנטעריע, טיראָלער קייזערלעכע שיסערס, באָסנישע אינפאַנטעריע, מאַדיאַרישע האָנוועד־פוסגייער־פולקן, אונגאַרישע הוזאַרן, לאַנדווער־הוזאַרן, רייטער־יעגערס, דראַגאָנער, אַרטילעריסטן, משא־פירער, אינזשענערטיילן, סאַניטאַר־טיילן, מאַטראָסן... איר האָט צעקייט? און אין

בעלגיען? די אַרמיי פון דער ערשטער און צווייטער רעקרוטירונג בילדן די אַקטיווע אַרמיי, און די דריטע רעקרוטירונג שטייט אין הינטערלאַנד...

און קאַפּיטאַן ספּירא האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פויסט אין טיש.

— דער לאַנדווער דינט אין שלום־צייט אין לאַנד.

נעבן אים האָט אַ יונגער אָפיצער געפּלייסט זיך צו באַווייזן דעם פּולקאָווניק, וואָס פאַר אַ העלד ער איז, און האָט מיט אַ ביון אריינגעטענעט אף א קול מיט זיין שכן:

— איך האַלט, אַז סוכאָטניקעס וואָלט מען אויך באַדאַרפט שיקן אָפן פראָנט. עס וואָלט זיי וויל באַקומען, און חוץ דעם איז פאָרט גלייכער, ווען עס ווערן דערהרגעט קראַנקע, איידער געזונטע.

דער פּולקאָווניק האָט אַ שמייכל געטאָן, נאָר מיט אַ מאָל האָט ער געמאַכט אַ זויערע מינע און געווענדט זיך צו קאַפּיטאַן ווענצל:

— מיר איז אַ חידוש, וואָס לייטענאַנט לוקאַש מיידט עפּעס אוים אונדזער געזעלשאַפט. זינט מען האָט אים אריבער־געפירט אַהער, איז ער נאָך קיין איין מאָל ביי אונדז ניט געווען.

— ער שרייבט שירים, — האט קאַפּיטאַן זאַגנער א שטאָך געטאָן. — ניט באַווייזן צו קומען אַהער, האט ער זיך שוין פאַר־ליבט אין דער פרוי פון אינזשענער שרייבער, וואס ער האט זיך מיט איר באַקענט אין טעאַטער.

דער פּולקאָווניק האט מיט רוגזא א קוק געטאָן פאַר זיך.

— מען זאָגט, ער זינגט גוט קופּלעטן?

— יאָ, נאָך אין קאַדעט־קאָרפּוס פלעגט ער אונדז אַמוזירן מיט זיינע קופּלעטן,—האט זיך אָפּגערופן קאַפּיטאַן זאַגנער. — און אַנעקדאָטן ווייס ער א גאַנצן הויפן, און איינער בעסער פאַרן אַנדערן. נאָר פאַר וואס ער קומט ניט צו גיין אין אונדזער קאָמ־פּאַניע, ווייס איך ניט.

דער פּולקאָווניק האט טרויעריק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— צום באַדויערן, איז צווישן אונדז שוין ניטאָ אַמאָליקע חברשאַפט. און וווּ איז די אַמאָליקע פרייליכקייט? אפילו דער דאָזיקער קופּלעטיסט וויל זיך ניט ווייזן. און די יונגע אָפיצערן קאָנען אפילו ניט טרינקען! ס'איז נאָך קיין צוועלף ניט, און שוין, ווי איר זעט, ליגן פינף טויט שכור אונטערן טיש. געווען א צייט, ווען מיר פלעגן צו צוויי מעת לעת ניט אופשטיין פון טיש, און וואס מער מיר האבן געטרונקען, אלץ ניכטערער זיינען מיר געוואָרן, און דערביי האבן מיר אָן אופהער געגאָסן אין זיך ביר, וויין און ליקערן. יאָ, ניטאָ שוין מער דער אמתער קריגס=גייסט, ווי, פאַרצייטן. שדים ווייסן, פאַרוואס דאס איז אזוי! קיין איין אַנעקדאָט ניט, רק אַלץ די זעלבע נודנע שמועסן אָן א סוף. איר הערט זיך נאָר צו, ווי מען רעדט דאָרט, אין עק טיש, וועגן אמעריקע.

פון צווייטן עק טיש האט זיך געלאָזט הערן א שטים:

— אמעריקע קאָן זיך ניט אריינמישן אין קריג. די באַציאונגען צווישן איינגלאַנד און אמעריקע זיינען אָנגעצויגן ביז לעצט. אַמעריקע איז ניט צוגעגרייט צו מלחמה.

— אָך, האבן דאס די הערן רעזערוו=אָפיצערן ליב צו ריידן!

— האט פולקאָווניק שרעדער זיך אָפּגעזיפצט. — און וואָסער שוואַרץ=יאָר האט זיי דאס אהער פאַרטראָגן? נעכטן נאָך האט אַזאַ פאַרשוין געקוועטשט דעם באַנק אין ערגעץ א קאַנטאָר אָדער געדרייט שקאַרמיצלעך און פאַרקויפט פעפער, צימרינג אָדער שוואַקס, אָדער דערציילט מעשיות די קינדער אין שול, ווי אזוי דער הונגער טרייבט ארויס וועלף פון וואַלד, און היינט וויל דער שוין זיין גלייך מיט אַקטיווע אָפיצערן, אלץ וויסן, אין אַלץ אריינשטעקן דעם נאָז. און אז עס קומט צו אונדז אָן אזא אָפיצער ווי לוקאַש, באַוויליקט ער ניט צו קומען אין אונדזער געזעלשאַפט.

איז פולקאָווניק שרעדער אוועק אהיים שלעכט געשטימט, און אינדערפרי, אז ער איז אופגעשטאַנען, איז זיין שטימונג געווען נאָך אַן ערגערע. די מעשה דערפון איז, וואס אין צייטונג, וואס ער האט געהאט א טבע צו לייענען אין בעט, האט ער עטלעכע מאָל באַגעגנט אין דעם אָפיציעלן באַריכט פון קריגס=טעאַטער די

פראזע: „אונדזער מיליטער איז אָפּגעפירט געוואָרן צו די פריער צוגעגרייטע פּאָזיציעס“.

אונטער אַט דעם איינדרוק איז פּולקאָווניק שרעדער צוגע־טראָטן אָפּצוריכטן די צערעמאָניע, וואָס דער פרייוויליקער האָט אָנגערופן „יום הדין“.

שווייק און דער פרייוויליקער זיינען געשטאַנען אין הויף און האָבן געוואַרט אויפן פּולקאָווניק. די עלטסטע, דהיינו דער וואַך־אָפיצער, דער אַדיוטאַנט פון פולק און דער פעלדוועבל פון דער קאַנצעלאַריע מיט די פּאַפּירן פון די באַשולדיקטע, זיינען שוין געווען אויפן אָרט.

צולעצט האָט זיך באַוויזן דער פּולקאָווניק, פינצטער ווי אַ כמאַרע, באַגלייט פון קאַפּיטאַן זאַגנער, וואָס האָט נערוויז צוגע־קלאַפּט מיטן עלעגאַנטן שטעק אויף די כאַליעווס פון זיינע לאַנגע שטיוול.

בעתן אָפּנעמען דעם ראַפּאָרט איז ער עטלעכע מאָל אין טויט־שטילקייט זיך דורכגעגאַנגען פאַרביי שווייקן און דעם פרייווי־ליקן, וואָס האָבן געמאַכט „אויגן רעכטס“ און „אויגן לינקס“, גע־ווענדט אָן דעם, אויף וואָסער פלאַנג עס האָט זיך געפונען דער פּולקאָווניק. זיי האָבן דאָס געטאָן מיט גרויס אימפּעט, אַזוי אַז זיי האָבן זיך שיער ניט אויסגעדרייט די העלדזער, וואָרום דאָס האָט געדויערט היפש לאַנג.

דערנאָך איז דער פּולקאָווניק געבליבן שטיין נעבן פרייווי־ליקן, וואָס האָט ראַפּאָרטירט.

— פרייוויליקער דער און דער.

— איך ווייס שוין, — האָט דער פּולקאָווניק אַרויסגערעדט קורץ, אַ חרפה פאַר אַלע לייטישע פרייוויליקע. וואָס'ט איר גע־טאָן פריער? אַך אַזוי, אַ סטודענט? שטודירט קלאַסישע פילאָ־סאָפיע? הייסט דאָס, איר זייט אַ מין פאַרשיכּורטער אינטעליגענט...

— הער קאַפּיטאַן, — האָט ער זיך געווענדט צו זאַגנערן

— ברענגט אַהער צו פירן די גאַנצע אָפיצערן־שול.

— נאַטירלעך, — האָט ער זיך ווידער געווענדט צום פריי־וויליקן, — אַזאַ הער סטודענט פון קלאַסישער פילאָסאָפיע, וואָס

מיר האבן זיך נאָר אָן אים איינצושמירן!.. אומדרייען זיך!... איך האב לכתחילה געוווסט, דער קנייטש פון מאנטל ניט אין אָרדענונג. אזוי ווי ער וואָלט געקומען אָקאָרשט פון ארומשלעפּן זיך מיט מיידלעך. איך וועל זיך מיט אייך רעכענען אף אן אנדער אופן!

דערווייל איז געקומען אין הויף אריין די שול.

— אין קארע! — האט דער פּולקאָווניק א קאָמאנדיר געטאָן. האָבן זיי ארומגערינגלט די צוויי פארשולדיקטע מיטן פּולקאָווניק אין א געשלאָסענעם קוואדראט.

— נאט אייך, קלייבט נחת פון אָט דעם פארשוין, — האט דער פּולקאָווניק גענומען שרייען, טייטנדיק מיטן סטעק אפן פרייוויליקן. — ער האט פארשכורט דעם כבוד פון די פרייוויליקע, וואס פון זיי דארפן ארויסוואקסן אָפיצערן, וואס דארפן פירן זייערע מענטשן אפן שלאכט־פעלד צו כבוד און נצחון. ווו אהין וואלט געפירט זיינע מענטשן אט דער דאזיקער זולל וסובא? פון שיינק ארוים, אין שיינק אריין. ער וואלט געוועזן קאַפּאַוול אויסצולאקען גאר דעם ראָם, וואס מען גיט ארוים די מענטשן לויט קארטלעך... איר קאנט עפּעס זאגן צו אייער פארענטפערונג? ניין? נאט, קלייבט נחת פון אים. ער האט אפילו ניט וואס צו זאגן אף פארענטפערן זיך, און דאס שטודירט נאך קלאסישע פילאָסאָפיע. ס'איז באמת א קלאסישער פאל!

די לעצטע ווערטער האט דער פּולקאָווניק ארויסגערעדט מיט א קוועטש און מיט הארץ, און האט אויסגעשפּיגן.

— א פיינער קלאסישער פילאָסאָף, וואס שכורערהייט ביינאכט קלאפט ער אראָפּ ביי די הערן אָפיצערן די היטלען פון קאָפּ! א פיינער תכשיט! א גליק נאָך, וואס דאס איז געווען נאָר אן ארטילעריע־אָפיצער.

און אט די לעצטע ווערטער איז ארויסגעזאגט געווארן די גאנצע שנאה פון 91־טן פּולק צו די ארטילעריסטן. אז אָך און אז וויי איז געווען צו אן ארטילעריסט, וואס פלעגט ביינאכט אריינפאלן אין די הענט פון א פּאטרול פון פוסגייער־פּולק, און פארקערט! די שנאה איז געווען א ווילדע, ניט איינצוצאמען, זי

איז איבערגעגעבן געווארן פון דור צו דור און איז געשפּייזט געווארן דורך מעשׂיות וועגן געשלעגן און בלוטיקע נקמה־אקטן.

— פונדעסטוועגן, — האט דער פּולקאווניק ווייטער גע־רעדט, — פאר אזא מעשׂה קומט א שטראָף, אז מען זאל גע־דיינקען. דער דאזיקער פארשוין מוז אויסגעשלאָסן ווערן פון אָפּי־צער־שול, מאָראליש פארלענדט ווערן. געגוג אזעלכע אינטעלי־גענטן ביי אונדז אין ארמיי שריפטפירער!

איז דער פעלדוועבל פון דער פּולק־קאנצעלאריע מיט חשיבות ארויסגעטראָטן, און אין האנט האט ער געהאלטן פּאַפּיר און א בלייפעדער.

עס איז אָנגעשטאנען א שטילקייט, אזוי ווי אין א געריכטס־זיצונג, ווען מען משפּט א מערדער, און דער פּאָרזיצער רופט אויס: „עס ווערט באקאנט געמאכט דער פּסק־דין".

געגוי מיט אזא שטים האט אויך דער פּולקאווניק געמאָלדן: „דעם פרייוויליקן מארעק ארעסטירן אף צוואנציק מעת לעת אין שטרייגגען קארצער, און אז ער וועט אָפּקומען די שטראָף, בא־שטימען אים אין קיך צו שיילן קארטאפל".

דערנאָך האט דער פּולקאווניק א קאָמאנדיר געטאן דער שול זיך פונאנדערצוגיין האט מען געהערט, ווי די מענטשן האבן זיך אויסגעשטעלט צו פיר אין א ריי און זיינען אוועק. דערביי האט דער פּולקאווניק באמערקט דעם קאפּיטאן זאגנער, אז די קאָמאנדע איז אויסגעפירט געווארן ניט דייטלעך און אז דער קא־פּיטאן וועט נאָך מיטאג מוזן לערנען זיי מארשירן.

— דעם פוס דארף מען שטעלן פעסטער, הער קאפּיטאן, אז די ערד זאל הילכן. יאָ, נאָך וואס שיער ניט פארגעסן, זאגט זיי, אז די גאנצע אָפיצער־שולע לאָז איך אף פינף מעת־לעת אָן אורלאָפּ, זיי זאלן אף שטענדיק געדיינקען זייער געוועזענעם חבר, דעם דאזיקן מנוול מארעק.

און דער מנוול מארעק איז זיך געשטאנען נעבן שווייקן און האט אויסגעזען זייער צופרידן. אף קיין בעסערס האט ער זיך גאר ניט געקאנט ריכטן. בלעבן, שיילן אין קיך קארטאָפלעס, קאָכן קניידלעך און שניידן פלייש איז טויזנט מאָל בעסער, איידער

מיט אויסגעגלאָצטע אויגן פאר שרעק שרייען אונטערן שונאס או־ראגאן־פייער: „איבערלויפן צו איינעם! באגעטן!“

אז דער פּולקאווניק שרעדער האט זיך אָפּגעקערט פון קאפּי־טאן וואגנער, האט ער זיך אָפּגעשטעלט פאר שווייקן און אויפ־מערקזאם אים באקוקט פון קאָפּ ביז די פיס. שווייק האט אין יע־נער מינוט געשיינט מיט זיין בעסטן שמייכל אף זיין ברייטער פיזיאָנאָמיע, מיט די גרויסע אויערן, וואס האבן ארויסגעשטארצט פון אונטער דעם היטל, וואס איז אים אראָפּגערוקט געווען ביז די אויגן. זיין גאַנצער אויסזען האט געמאַכט דעם איינדרוק פון אומשולדיק און בארוט. זיינע אויגן האבן אזוי ווי געפרעגט: „מיט וואָס קען איך דינען?“

און דער פּולקאווניק האט זיין איינדרוק פאָרמולירט אין דער פראַגע, וואס ער האט געשטעלט דעם פעלדוועבל פון דער פּולק־קאַנצעלאַריע:

— א שוואַכזיניקער?

און דאָ האט דער פּולקאווניק דערזען, ווי אף אט דעם גוטמוטיקן פּנים האט זיך געעפנט א מויל.

— איך האב דעם כּבוד צו מעלדן, הער פּולקאווניק, א שוואכזיניקער! — האט שווייק געענטפערט פארן פעלדוועבל.

האט דער פּולקאווניק א ווונק געטאָן דעם אַדיוטאַנט און איז מיט אים אָפּגעגאַנגען אָן א זייט. דערנאָך האבן זיי צוגערופן דעם פעלדוועבל און האבן גענומען דורכקוקן שווייקס פּאַפּירן.

— אַך אזוי! — האט געזאגט דער פּולקאָווניק. — איז דאס איז דאס דער באדינער פון לייטענאנט לוקאַש, וואס איז, לויט זיין ראַפּאָרט, געבליבן שטעקן אין טאַבאָר. מיר דוכט, אז די הערן אָפיצערן וואָלטן אליין באַדאַרפט דערציען זייערע דינערס. און אויב לייטענאַנט לוקאש האט זיך אויסגעקליבן פאַר א דינער אזא בפירושן אידיאָט, זאל ער זיך מיט אים אליין עסקן. צייט דערויף האט ער גענוג, וויבאַלד ער גייט אין ערגעץ נישט. איר האט אים דאָך נאָך קיין מאָל נישט געזען אין אונדזער געזעל־שאַפט? נו, אָט דאס איז די מעשה. בּכן, האט ער גענוג צייט אויסצומוסטרעווען זיין דינער.

איז דער פּולקאָווניק צוגעגאַנגען צו שווייקן און האָט קוּ־
קנדיק אויף זײַן תּמעוואַטן פּנים געזאָגט:

— פּפעפערדישער קאָפּ! דרײַ מעת לעת שטרײַנגען קאַרצער,
און אַז איר וועט אָפּזיצן, מעלדן זיך בײַם לייטענאַנט לוקאַש.

אַזוי אַרום האָט שווייק אין קאַרצער זיך ווידער באַגעגנט
מיטן פרײַוויליקן פרײַוויליקן. און לייטענאַנט לוקאַש האָט געמעגט
קוועלן פון שמחה, אַז פּולקאָווניק שרעדער האָט אים אַרויסגע־
רופן און אָנגעזאָגט די בשורה:

— הער לייטענאַנט! אַן ערך מיט אַ וואָך צוריק, אַז איר
זײַט אָנגעקומען אין פּולק, האָט איר מיר אָנגעגעבן אַ ראַפּאָרט
וועגן באַשטימען אײַך אַ דינער, ווײַל אײַער דינער איז אָפּגע־
שטאַנען פון אײַך אויפן וואָקזאַל אין טאַבאָר. היות ווי ער איז גע־
קומען צוריק...

— הער פּולקאָווניק... — האָט לייטענאַנט לוקאַש זיך גענוי־
מען בעטן.

— ...האָב איך באַשלאָסן, — האָט דער פּולקאָווניק ווײַטער
גערעדט מיט אַ געהויבענער שטים, — אַרײַנזעצן אים אויף דרײַ
מעת־לעת, און דערנאָך אים באַלד אָפּשיקן צו אײַך...

האָט לייטענאַנט לוקאַש זיך אַ שאָקל געטאָן, ווי מען וואָלט
אים דערלאַנגט מיט אַ האַק איבערן קאָפּ, און איז אַ פאַרכמורע־
טער אַרויס פון דער קאַנצעלאַריע.

* *
*

די דרײַ טעג, וואָס שווייק האָט פאַרבראַכט אין דער גע־
זעלשאַפט פון פרײַוויליקן, האָט ער זיך זייער גוט געוויילט. אַלע
אָוונט פלעגן זיי מאַכן בײַ זיך אויף די געלעגערס פּאַטריאָטישע
מאַניפעסטאַציעס. זיי פלעגן זינגען דעם הימן, זיי פלעגן זינגען
סאָלדאַטן־לידער אָן אַ צאָל. און דער פרײַוויליקער האָט ניט אויפ־
געהערט צו רייצן זיך מיט זייער אויפזעער, דעם פּראָפאָס.

און אין דער זעלביקער צייט האט לייטענאנט לוקאש מיט שרעק געהאַרט דערוף, עס זאל זיך באַווייזן פאַר אים שווייק מיטן ראַפּאָרט, אז ער טרעט ווידער צו צו דינען ביי אים.

## 3.

# וואס האט געטראָפן מיט שווייקן אפן וועג קיין קיראַליבידע.

דעם 91-טן פוסגייער-פּולק האט מען אריבערגעפירט קיין ברוק אף דער לייטע, קיין קיראַליבידע.

עס איז געווען גראָד יענעם טאג, ווען עס האבן זיך גע-ענדיקט די דריי מעת-לעת פון שווייקס ארעסט. אין דריי שעה ארום האט ער באַדאַרפט ארויסגיין פריי. מען האט אים און דעם פריוווליקן אָפּגעפירט אף דער הויפּטוואך און פון דאָרט האט מען זיי מיט א פאַרשטאַרקטער שמירה אָפּגעפירט אפן וואקזאַל.

ארום וואָקזאַל האט זיך געהאט צונויפגעקליבן א גרויסער עולם פון בודווייסער תושבים אף ארויסצובאַגלייטן דעם פּולק. דער גאנצער פּלאַץ פארן וואקזאל איז געווען אנגעפראָפּט מיט מענטשן, וואס האבן געוואַרט אף די סאָלדאַטן.

שווייק האט זיך שטארק פארקוקט אפן עולם. ווי דער מנהג איז, האט מען די געשטראפטע געפירט אפריער, און די איבעריקע סאלדאטן, די ערלעכע קריגסלייט, זיינען געגאנגען פון הינטן. מיט די ערלעכע קריגסלייט האט מען דערנאך אָנגעשטאָפּט די משא-וואגאָנעס, און שווייקן מיטן פריוווליקן האט מען אריינ-געזעצט אין א באַזונדער קלאַסן-וואגאן פאר ארעסטירטע, וואס אין די מיליטערישע צוגן טשעפּעט מען אים צו גלייך הינטער דעם שטאַב-וואגאָן. אין אזא ארעסטאנטן-וואגאָן איז שטענדיק פּלאַץ אריבער און אריבער.

שווייק האט זיך ניט געקאָנט איינהאלטן און האט א מאַך געטאן מיטן היטל צום פּובליקום און א געשריי געטאָן: „נא-דאַר!“ דאס האט אלעמען אזוי אָנגעכאַפּט, אז דער המון האט

געענטפערט אפן קול: „נאַ זדאַר!" דער דאזיקער אויסגעשריי האט זיך פארטראָגן ווייטער און האט זיך אוועקגעקייקלט ביזן וואקזאל, ווו מען האט גענומען שרייען: „זיי גייען, זיי גייען!"

דער אָנפירער פון דער וואַך, א קאפראל, איז געווארן צוטומלט און האט אָנגעשריען אף שווייקן, ער זאל זיך פאר־שטאָפן דעם מויל. נאָר די גרים־רופן האבן זיך אויסגעשפרייט ארום, ווי א לאַווינע. האבן די זשאנדארן געפרווט אָפצושטופן דעם המון און אָפרייניקן א וועג פאר דער וואך, נאר דער המון האט נים אופגעהערט צו גוואלדעווען: „נאַ זדאַר!" און צו ווינקען מיט די הימלען.

דאס איז געווען די אמתע מאַניפעסטאַציע, פון די האָטעל־פענצטערן, וואס קעגנאיבער דעם וואקזאל, האבן דאמען געוווּנקען מיט טיכער און געשריען: „זשיוויאָ!" צו די געשרייען נאַ זדאַר!" האבן זיך אין המון צוגעמישט אויך אויסרופן זשיוויאָ!" און איינעם א היציקן פאַרשוין, וואס האט אויסגענוצט די געלעגנהייט א געשריי צו טאָן: „נידער די סערבן!" — האט מען אונטערגעשטעלט א פיסל, און אין דער שטופעניש, וואס מען האט אף־צו־פלייסנם געמאַכט ארום אים, האט מען אים בינו לבינו גוט אָנגעמקלט די ביינער.

און אזוי ווי אן עלעקטרישער פונק איז געלאָפן ווייטער: „זיי גייען, זיי גייען!"

און זיי זיינען געקומען, און שווייק האט פון הינטער די באַגנעטן באגריסט דעם המון, און דער פרייוויליקער האט מיט אן ערנסטער מינע געהויבן די האנט צום דאַשעק.

אזוי זיינען זיי אריין אין וואקזאל און צוגעגאנגען צום צוג, וואס איז געשטאנען גרייט. דער אָרקעסטער פון שיסער־פּולק, וואס זיין קאַפעלמייסטער איז אינגאנצן צעטומלט געווארן פון דער אומגעריכטער מאַניפעסטאַציע, האט שיער נים אָנגעהויבן צו שפילן דעם הימן, נאר צום גליק האט זיך אין דער לעצטער מינוט באוויזן אין זיין שווארצן הארטן הוט פאַטער לאַצינאַ, עלטסטער פעלד־קוראַט פון דער 7־טער קאַוואלעריע־דיוויזיע, און האט גע־נומען איינשטעלן אָרדענונג.

ווי אזוי קומט ער אהער, איז דאס זייער פּשוט. ער איז געווען דער אמתער זולל וסובא, אלע אָפּיצער=קלובן האבן פאַר אים געציטערט. קיין בודוויים איז ער געקומען מיט א טאג פריער און האט זיך אזוי ווי ניט ווילנדיק געטראָפן אפן באַשיידענעם געזעגן=באַנקעט פון פולק. ער האט געגעסן און געטרונקען פאר צענען, און נאך מער וויניקער ניכטער, איז ער אוועק אין קיך פון אפיצער=קלוב, בכדי ביי די קוכערס דארט עפּעס נאך ארויס=צומאַנטאָטשען. אויסגעליידיקט נאך עטלעכע שיסלען מיט יויך און קאַרטאָפלעס און ארומגעגריזשעט די ביינער, ווי א הונט, האט ער געפונען אין קיך א פלעשל ראָם. האט ער אָפּגעטרונקען דערפון אזוי פיל, אז ער האט גענומען סלוקערצן און האט זיך דערנאָך אומגעקערט צוריק אין זאַל, וווּ ער האט גענומען באַווייזן גבורות אין טרינקען. ער איז שוין געווען איין מאָל א מאַדים אף דעם געבויט, און די אָפּיצערן פון דער 7=טער קאוואלעריע=דיוויזיע האבן בסדר געדארפט דערצאָלן פאר אים. אינדערפרי האט זיך אים פלוצים פאַרוואָלט איינשטעלן אָרדענונג ביים אָפּפאָר פון פולק, און דערפאר האט ער זיך ארומגעפלאָנטערט אונטער די פיס און האט זיך אזוי געפירט, אז די אפיצערן, וואס האבן געמוזט אַכטונג געבן אף דעם אריינזעצן זיך פון די סאָלדאטן, האבן זיך באַהאַלטן פאר אים אין קאָנטאָר פון דעם סטאנציע=שעף.

אָט פאר וואס ער האט זיך דאס באוויזן אפן פּעראָן און האט באַצייטנס ארויסגעכאַפּט דאס שטעקעלע ביים קאַפּעלמייסטער פון די שיסערס, וואס האט שוין געוואָלט אָנהויבן שפּילן דעם הימן.

— האלט! — האט ער א הוקע געטאָן. — נאך פריי! שפּילן, ווען איך וועל געבן א סיגנאל. און דעמאָלט — פריי! איך וועל נאָך קומען אהער.

ער איז פאַרשוואונדן אין בנין פון וואָקזאל, און דערנאָך האט ער זיך גענומען נאָכיאָגן די וואַך און אָפּגעשטעלט זי מיט א הויכן: „חאַלט!“

— וווהין? — האט ער א פרעג געטאָן שטריינג דעם קאַפּ=

ראַל, וואס האט ניט געוווּסט וואס צו טאָן אין אָט דער נייער לאַגע.

אָנשטאָט אים האט שווייק גוטמוטיק געענטפערט:

— מען פירט אונדז קיין ברוק, הער פעלדקוראַט. אויב איך איז וויל געפעלן, מעגט איר פאָרן מיט אונדז.

— דאָס וועל איך טאַקע טאָן, — האט יענער געזאָגט, און געווענדט זיך צו דער וואַך, האט מוסיף געווען: — ווער זאגט דאס, אז איך טאָר ניט? פאָרויס מאַרש!

אַרײַנגעקומען אין ארעסטאַנטן־וואַגאָן, האט דער פעלדקוראַט זיך צעלייגט אַפן באַנק. שווייק, די גוטע נשמה, האט אַראָפּגענומען פון זיך דעם מאנטל און אונטערגעלייגט דעם פעלדקוראַט אונטערן קאָפּ, און דער פרייוויליקער האט, צו דער שרעק פון קאַפּראַל, שטילערהייט באמערקט:

— אופּפּאַסן דעם אויבער־פעלדקוראַט.

פאַטער לוצינאַ, צעלייגט זיך ברייטלעך אפן באַנק, האט גענומען ערציילן:

— ראַגו מיט שוועמלעך, מיינע הערן, איז אלץ געשמאַקער, וואָס מער שוועמלעך דערין איז פאַראַן, נאָר די שוועמלעך באַדאַרף מען צוערשט איינפּרעגלען מיט ציבעלעס, און דערנאָך צולייגן לאָרבערבלעטער, און די ציבעלעס...

— ציבעלעס האט מיר באַוויליקט אַרײַנצולייגן פון אָנהויב אָן, — האט דער פרייוויליקער העפלעך אריינגעשטעלט א וואָרט.

דער קאַפּראַל, וואס פאר אים איז פאַטער לוצינאַ, הגם ער איז געווען שכּור, דאך געווען אן עלטסטער, האט געקוקט אף אים מיט יאוש אין בליק. זיין לאַגע איז אינדעראמתן געווען א יאושדיקע.

כּלעבן, — האט זיך אָפּגערופן שווייק, — דער הער פעלדקוראַט איז דורכאויס גערעכט. וואס מער ציבעלע, אלץ בעסער. אין פּאַמאָמעריץ איז געווען א ביר־ברויער, פלעגט ער אפילו אין ניר אַרײַנלייגן ציבעלע, וואָרום ציבעלע רייצט דעם דאָרשט. ציבעלע איז בכלל א זייער נוציקע אַך. ציבעלע לייגט מען צו אפילו צו הינער אויגן...

בינתים האט פאַטער לאַצינאַ ניט אופגעהערט צו ריידן פאַר זיך, אזוי ווי פון שלאָף:

— אַלץ איז געווענדט אין געווירץ, דשין, וואסערע געווירצן מען לייגט אריין און וויפיל. מען טאָר קיין זאך ניט איבערזאַלצן אָדער איבערפעפערן.

אַלץ פאַמעלעכער און אַלץ שטילער האט ער געמורמלט:
— אי-בער-נע-גע-לע-וען, אי-בער-ציט-רי-נע-וען, אי-בער-אינג-בע-רע-וען, אי-בער-מוש-קאַט...

ער האט ניט דעררעדט און איז אנטשלאָפן געוואָרן, אונטערפייפנדיק ווײלעווײז מיטן נאָז, ווען ער פלעגט פון צייט צו צייט אופהערן צו כראָפען.

דער קאפראל האט פון אים קיין אויג ניט אַראָפגעלאָזט און די וואך-סאָלדאטן פון זייערע ביינקלעך האבן שטילערהייט צוגעשמייכלט.

— דער'ט זיך ניט אזוי גיך אויסטשוכען, — האט שווייק א זאָג געטאָן, — ער איז דאך טויט-שיכור.

— אַלץ איינס, — האט שווייק ווייטער געזאָגט, אז דער קאַפראַל האט אים א ווונק געגעבן צו שווייגן. — דאָ'סטו שוין גאָרנישט פועלן. ער איז שיכור, כדאיבעי, ווי עס געהער צו זיין. ער איז דאך אין ראַנג פון א קאַפיטאַן. נו יאָ, אָט די אַלע פעלדקוראַטן, מיט א ראַנג העכער, צי מיט א ראַנג נידעריקער, אַלע פאַרמאָגן זיי שוין אַזאַ טאַלענט: ביי איטלעכער געלעגנהייט פרעסן זיי זיך אָן און זויפן זיך אָן ביז צום פלאַצן. איך האב אליין געדינט ביים פעלד-קוראַט קאַץ, יענער איז קאַפאַבל געווען צו פאַרשיכורן דעם קאָפ פון די פלייצעס. און וואס דער-אָ גיט אָן, איז נאָך א גאָרנישט קעגן דעם, וואס יענער פלעגט אָפ-אַרבעטן...

און שווייק איז צוגעגאַנגען צו פאַטער לאַצינאַ, האט אים איבערגעקערט מיטן פנים צום לען און האט מעשה-מבין א זאָג געטאָן:

— ביז ברוק וועט ער שוין אין יעדן פאל פאפן.

דערנאך האט ער זיך אומגעקערט אף זיין ארט דער אומ־גליקלעכער קאפראל, וואס האט אים באגלייט מיט יאוש אין בליק, האט ציטעריק באמערקט:

— אפשר זאל איך בעסער מעלדן וועגן אים?

— לאזט צורו, — האט דער פרייוויליקער זיך אפגערופן — איר זייט דאך דער שעף פון דער וואך. האט איר קיין רעכט ניט אפצוטרעטן פון אונדז. לויטן סטאטוט האט איר קיין רעכט ניט צו שיקן מיט א מעלדונג עמיצן פון די וואך־סאלדאטן, ביז מען וועט אייך ניט פארבייטן. איר זעט, אן אופגאבע ניט פון די גרינגע. געבן א סיגנאל, אויסשיסן אינדערלופטן טאר מען אויך ניט, ווארום דא איז קיין זאך ניט געשען. פון דער אנדער זייט, איז דער סדר, אז אין ארעסטאנטן־וואגאן טאר זיך קיינער ניט געפינען, חוץ די ארעסטירטע און דער וואך. זייטיקע מענטשן איז דער אריינגאנג פארבאטן. פארדרייבן די גאנצע מעשה אף אזא אופן, אז איר זאלט ארויסווארפן דעם פעלד־קוראט פון וואגאן, בעת דער צוג גייט, — דאס קאנט איר אויך ניט טאן, ווארום דא זיינען פאראן עדות, וואס האבן געזען, ווי איר האט אים אריינגע־לאזן אין וואגאן, וווּ עס איז גאר ניט זיין ארט. דאס אלץ שמעקט זייער שטארק מיט אראפזעצונג, הער קאפראל.

האט דער קאפראל א מבולבלער זיך פארענטפערט, אז ער האט דעם פעלד־קוראט אין וואגאן ניט אריינגעלאזן, אז יענער איז אליין צוגעשטאנען, און אז דער פעלד־קוראט איז לגבי אים, דעם קאפראל, אן עלטסטער.

— דא זייט איר דער איינציקער עלטסטער, - האט דער פרייוויליקער דערקלערט פעסט.

— אפילו ווען צו אונדז וואלט געוואלט צושטיין זיין מא־יעסטעט אונדזער קיסר, — האט שוויק אונטערגעהאלטן, — וואלט איר אויך קיין רעכט ניט געהאט אים צו דערלויבן דאס. דאס איז דאס זעלבע ווי מיט דעם וואך־סאלדאט, ווען עס קומט צו אזא פריש־געבאקענעם סאלדאטל דער אפיצער אף אויסצופרווון אים

אין בעטאים, ער זאָל לויפן נאָך א פעקל פּאַפּיראָסן, און יענער שוטה פרעגט נאָך, וואָסער סאָרט זאָל ער ברענגען. פאַר אַזעלכע מעשים טובים קומט אריינזעצן אין פעסטונג.

האָט דער קאַפּראַל ניט־דרייסט אָפּגעשלאָגן, אז גראָד שווייק האָט דער ערשטער געזאָגט דעם פעלדקוראַט, אז ער מעג פאָרן צוזאַמען מיט זיי.

— איך מעג זיך דאָס גראָד דערלויבן, — הער קאַפּראַל, — האָט געענטפערט שווייק, — ווייל איך בין א שוואַכזיניקער, נאָר פון אייך האָט זיך שוין קיינער ניט געריכט אַף דעם.

— שוין לאַנג זייט איר אין אַקטיוון דינסט? — האָט א פרעג געטאָן דער פרייוויליקער ביים קאַפּראַל אַזוי ווי אגב אורחא.

— דאָס דריטע יאָר. איצטיקן ווערט מען מיך דערהויבן צו א סערזשאַנט.

— נו, דערויף מעגט איר שוין שטעלן א צלם! — האָט דער פרייוויליקער געזאָגט ציניש. — ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, דאָס אַלץ שמעקט גיכער מיט אראָפּזעצן.

— עך, א נפקא מיניה א גרויסע, — האָט באַמערקט שווייק, — צי מען פאַלט אין ראַנג פון אַן אונטער־אָפיצער צי ווי א פראָסטער סאָלדאַט! יאָ, נאָר דאָס איז אמת, איך האָב געהערט, אז זיי שטעלן די אראָפּגעזעצטע אין די ערשטע רייען.

דער פעלד־קוראַט האָט זיך א ריר געטאָן.

— אָט א פּאָפּן, — האָט שווייק געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך איינגעקוקט און זיך איבערצייגט, אז מיטן פעלד־קוראַט איז אַלץ בשורה. — איצטער חלומט זיך אים אודאי פרעסעכץ. איך האָב נאָר איין זאַך מורא, ער זאָל דאָ ביי אונדז... עפּעס ניט אָפּטאָן. מיין פעלד־קוראַט האָט אויך געהאַט א טבע, אז ער פלעגט זיך אָנשיכורן, פלעגט ער אין שלאָף ניט באַמערקן... איין מאָל...

און דא האָט שווייק אָנגעהויבן צו דערציילן מיט אַלע פרטים אַלע זיינע טרעפעניש מיטן פעלד־קוראַט, אַזוי אז זיי האָבן גאָר ניט באַמערקט, ווי דער צוג האָט זיך גערירט.

מער ניט א ווילדער געשריי פון שכנישן וואַגאָן האָט איבערגעהאַקט שווייקס דערציילונג. די צוועלפטע ראָטע, וואָס איז

באשטאַנען כמעט אינגאַנצן פון דייטשן, האט מיט אלע כחות געריסן זיך די העלדזער, געזונגען דייטשע לידער מיט ווילדן הוקען און פייפן.

— א מאָדנע זאַך, האט זיך דער פריוויליקער געווענדט צום קאפראל, — וואס ביי אונדז איז נאך ניט געווען קיין קאָנט־ראָל. לויטן סטאַטוט האט איר באַדאַרפט באַלד אַפּן וואקזאַל אונדז איבערגעבן אין רשות פון קאָמענדאַנט פון צוג, און ניט ארומדרייען זיך מיט עפעס א שיכורן פעלד־קוראַט.

דער אומגליקלעכער קאפראל האט פארביסן געשוויגן און מיט עקשנות ארויסגעקוקט אף די טעלעגראַף־סלופעס, וואס זיינען געפלויגן אנטקעגן צוג.

— ווען איך טו נאָר א קלער,—האט דער פריוויליקער ניט אופגעהערט צו רייצן זיך, — אז מען האט אונדז קיינעם ניט אי־בערגעגיבן און אז אף דער נאָענטסטער סטאַנציע וועט צו אונדז אין וואגאָן ניט אנדערש ארייַנקומען דער קאָנטראָל, דעמאָלט הויבט מיין סאָלדאטיש בלוט אין מיר אָן צו זידן. מיר זיינען דאָך ווי עפעס...

— ציגיינער, — האט אונטערגעכאַפּט שוויק, — אָדער בראָדיאַגעס. מיר דוכט זיך אַלץ, אז מיר דארפן מורא האבן פאר דער ליכטיקער שיין, און מיר טאָרן אין ערגעץ זיך ניט ארייַנזעצן אין חד־גדיא.

— חוץ דעם, — האט דער פריוויליקער געזאָגט, — מוז מען ביים אריבערפירן ארעסטירטע מיליטער־לייט אין אייזנבאַן אָפּהיטן, לויט דער פאַראָרדענונג פון 21. נאָוועמבער 1879, אזעלכע כללים: ערשטנס, מוז דער ארעסטאַנטן־וואגאָן האבן גראַטעס. דאס איז קלאר ווי דער טאָג, און אונדזער פאַל איז דאס אָפּגעהיט. מיר זיינען ארומגעצאַמט מיט גראַטעס ארום און ארום. דאס איז, הייסט דאס, אין אָרדענונג. צווייטנס, מוז, לויט א הוספה־באַפעל פון זעלביקן דאַטום, אין ארעסטאַנטן־וואגאָן זיין א טואלעט. אויב דאס איז נימאָ, מוז דער וואגאָן האבן א פארמאַכטע כלי אף צו באַנוצן פאר די ארעסטירטע און פאר די וואך־סאָלדאטן. אין אונדזער פאַל קאָן מען בעצם ניט ריידן וועגן אן ארעסטאַנטן־

וואַגאָן, ווו עס האָט באַדאַרפט זיין א טואַלעט. מיר געפינען זיך אין א באַזונדער קופע, אָפּגעשיידט פון גאַר דער וועלט. דאָ אין אויך ניטאָ קיין כּלי...

— איר קאָנט מאַכן דורכן פענצטער, — האָט דער קאַפּראַל באַמערקט א פאַריאוּשטער.

— נאָר איר פאַרגעסט, אז אַרעסטירטע האָבן קיין רעכט ניט צוצוגיין צום פענצטער, — האָט שווייק אָפּגעפרעגט.

— און צולעצט, דריטנס, — האָט דער פרייוויליקער ווייטער געטענעט, — באַדאַרף דאָרט זיין א כּלי מיט וואַסער צום טרינקען. נאָר וועגן דעם האָט איר ניט באַוויליקט א טראַכט צו טאָן... אגב! איז אייך באַוווּסט אף וואָסער סטאַנציע מען וועט טיילן פּראָוויזיע? ניט באַוווּסט? איך האָב טאַקע געוווּסט אזוי, אז איר וועט זיך ניט מטריח זיין נאָכצופרעגן זיך...

— ווערליק איר זעט, הער קאַפּראַל, — האָט זיך אריינגע־מישט שווייק, — איז דאָס גאָר ניט אזוי פּשוט צו באַגלייטן אַרעס־טירטע. מען מוז וועגן אונדז זאָרגן, ווייל מיר זיינען ניט קיין פּראָסטע סאָלדאַטן, וואָס זיינען מחויב צו זאָרגן פאַר זיך. אונדז מוז מען אַלץ דערלאַנגען און אַלץ געבן צו דער האַנט, ווייל דערוף זיינען פאַראַן פאַרשיידענע אַרטיקלען און פּונקטן, וואָס מען דאַרף זיי אָפּהיטן און טאָן לויט זיי. זיסט וואָס וואָלט דאָס געווען פאַר א סדר? „אן אַרעסטירטער מענטש איז אַלץ איינס ווי א קליין קינד אין וויגעלע", פלעגט זאָגן מיינער א באַקאַנטער אַרומ־גייער. „מען מוז זיך מיט אים אַרומהאָצקען, ער זאָל זיך ניט אופּרעקן, ער זאָל זיין צופרידן מיט אַלץ, מען זאָל אים נעבעך ניט פאַרטשעפּען".

— אגב, — האָט שווייק אין א ווײַלע אַרום מוסיף געווען קוקנדיק מעשׂה גוט־פריינט אפן קאַפּראַל, — זייט אזוי גוט מיר צו זאָגן, ווען עס וועט זיין עלף אַזייגער.

האָט דער קאַפּראַל א קוק געטאָן אף שווייקן מיט א שאלה־פּנים

— איר האָט אַזוי ווי מיך פֿרעגן געוואָלט, — האָט שווייק געזאָגט מיט א קוועטש און האָט מיט א פֿייערלעכער שטים ווײַטער געזאָגט: — איך בין לויטן באַפֿעל פֿאַרן פֿולק אַרײַנגעזעצט געוואָרן אויף דרײַ מעת־לעת. איך האָב אָנגעהויבן אָפּקומען מײַן שטראָף עלף אַזייגער אינדערפֿרי און הײַנט עלף אינדערפֿרי דאַרף איך ווערן באַפֿרײַט. פֿון עלף האָב איך דאָ מער ניט וואָס צו טאָן. קיין סאָלדאַט טאָר ניט פֿאַרהאַלטן ווערן אין אַרעסט לענגער ווי די צײַט וואָס עס איז אים באַשטימט געוואָרן, וואָרום אין מיליטער־דינסט איז דיסציפּלין און אָרדענונג איבער אַלץ, הער קאַפּראַל.

— איר האָט אַזוי ווי מיך פֿרעגן געוואָלט, הער קאַפּראַל, פֿאַרוואָס עפּעס באַדאַרפֿט איר מיר אָנזאָגן, ווען עס וועט זײַן עלף? די מעשה דערפֿון איז, וואָס פֿון עלף אַזייגער אָן דאַרף איך שוין זײַן אין א משא־וואַגאָן, הער קאַפּראַל, — האָט שווייק געזאָגט מיט א קוועטש און האָט מיט א פֿייערלעכער שטים ווײַטער גערעדט: — איך בין לויטן באַפֿעל פֿאַרן פֿולק אַרײַנגעזעצט געוואָרן אויף דרײַ מעת־לעת. איך האָב אָנגעהויבן אָפּקומען מײַן שטראָף עלף אַזייגער אינדערפֿרי און הײַנט עלף אינדערפֿרי דאַרף איך ווערן באַפֿרײַט. פֿון עלף האָב איך דאָ מער ניט וואָס צו טאָן. קיין סאָלדאַט טאָר ניט פֿאַרהאַלטן ווערן אין אַרעסט לענגער ווי די צײַט וואָס עס איז אים באַשטימט געוואָרן, וואָרום אין מיליטער־דינסט איז דיסציפּלין און אָרדענונג איבער אַלץ, הער קאַפּראַל.

נאָך אָט דעם קלאַפּ האָט דער אומגליקלעכער קאַפּראַל ניט געקאָנט קומען צו זיך. צולעצט האָט ער זיך פֿאַרענטפֿערט, אַז ער האָט ניט געקראָגן די געהעריקע פּאַפּירן.

מײַן טײַערער הער קאַפּראַל,— האָט באַמערקט דער פֿרײַוויליקער זים, — פּאַפּירן גייען ניט אַליין צום וואַך־עלטסטן. נאָר אויב דער באַרג גייט ניט צו מאַחמעדן, גייט מאַחמעד צום באַרג, און דער וואַך־עלטסטער מוז אַליין גיין נאָך די פּאַפּירן. איר טוט נאָר א קוק, וואָס פֿאַר א לאַגע עס האָט זיך געשאַפֿן. קיין ספֿק ניט, אַז איר האָט קיין רעכט ניט צו פֿאַרהאַלטן א מענטשן, וואָס מוז אַרויסגיין פֿרײַ. פֿון דער אַנדער זײַט, טאָר לויט די גילטיקע כּללים קיינער ניט אַרויסגעלאָזט ווערן פֿון אַרעסטאַנטן־וואַגאָן. איך ווייס, כּלעבן, ניט, ווי איר וועט דאָ אַרויסגיין פֿון דער דאָזיקער לאַגע. און וואָס ווײַטער — אַלץ ערגער. איצטער איז דאָך שוין כּמעט האַלב עלף.

דער פֿרײַוויליקער האָט צוריק אַרײַנגעלייגט דעם זייגער אין קעשענע.

— מיר איז בײַ גאָר טשיקאַווע צו וויסן, וואָס וועט איר, הער קאַפּראַל, טאָן אין א האַלב־שעה אַרום.

— אין א האלב=שעה ארום דאַרף איך על פי געזעץ זיין אין א משא=וואַגאָן — האט שווייק איבערגעחזרט פארחלומט.

— אויב אייך איז וויל געפעלן, — האט זיך צו אים גע=ווענדט דער צוטומלטער און מבולבלער קאפראל, — דוכט מיר, אז אייך וועט דאָ זיין א סך רואיקער, איידער אין א משא=וואַגאָן. מיר דוכט, אז...

אים אין די רייד האט זיך אריינגעריסן א געשריי, וואס עס האט ארויסגעלאָזן פון שלאָף דער פעלד=קוראַט:

— מער סאָוס!

— גוט שוין, גוט, שלאָף, — האט שווייק ארויסגערעדט גוט=מוטיק און אונטערגערוקט דעם פעלד=קוראַט אונטערן קאָפּ די פאָלע פון מאַנטל, וואס האט זיך געהאט אראָפּגעלאָזן אפן דיל. — שלאָף, און זאָל זיך דיר ווייטער אויך חלומען פרעסעכץ.

און דער פריוווליקער האט צוגעזונגען:

„שלאָף מיין קרוין, מיין נחת שיינער.
אלע=לולע=ליו...״

דער אומגליקלעכער קאַפּראַל האט שוין מער אף קיין זאַך נים רעאַגירט. ער האט טעמפּ ארויסגעקוקט דורכן פענצטער און האט שוין געלאָזט גיין אין וואַגאָן, ווי עס גייט...

און דער פריוווליקער האט זיך אוועקגעלאָזט דערציילן א לאַנגע מעשה מיטן זשורנאַל „בעלי=חיים=וועלט״, וואס קיינער פון די וואס זיינען געזעסן אין וואַגאָן, האבן קיין איין וואָרט נים פאַרשטאַנען דערין...

פלוצים האט דער פעלדקוראַט זיך אראָפּגעקייקלט פון ביינקל און איז געבליבן ליגן שלאָפנדיק אפן דיל. דער קאפראל האט אָנגעשטעלט אף אים א פּאָר שוטהוואַטע אויגן, דערנאָך האט ער גענומען, ביי טויט=שטילקייט, איינער אליין, אָן עמיצנס הילף, און האט אים אופגעהויבן און ווידער אוועקגעלייגט אפן באַנק. ס'איז קענטיק געווען, אז ער האט פארלאָרן יעטווידער אווטאָריטעט, און קיין איינער פון די וואַך=סאלדאַטן האָט אפילו נים געקלערט זיך אַ ריר צו טאָן, בעת ער האָט מיט אַ שוואַכער, פאַרלאָרענער שטים אַ זאָג געטאָן:

— איר האָט געמעגט מיר העלפֿן, חברה.

איר האָט אים באַדאַרפֿט לאָזן פּאָפֿן דאָרט, ווו ער איז געלעגן,—האָט זיך אָפּגערופֿן שווייק פֿאַר די וואַך=סאָלדאַטן.—איך פֿלעג מיט מיין פֿעלדקוראַט אויך אזוי טאָן. איין מאָל איז ער ביי מיר אָפּגעשלאָפֿן אַ גאַנצע נאַכט אין בית=הכסא, אַן אנדער מאָל האָט ער געכראָפּעט אפֿן קאָמאָד אדער אין אַ מולטער אין אַ פֿרעמדער וווינונג אָדער מי יודע ווו נאָך.

דער קאַפּראַל האָט מיט אַמאָל דערשפּירט אין זיך אַ גבורה און ער האָט געוואָלט באַווייזן, אַז ער איז דער בעל=הבית. ער האָט גראָב אַ געשריי געטאָן:

— פֿאַרשטאָפּט אייער שפּיי=קעסטל און באַלבעט ניט וואָס ניט געשטויגן! ס'ט נאָך אויסגעפֿעלט אַז איטלעכער שוואַרץ=יאָר זאָל מיר מאַכן זיינע באַמערקונגען. עיפּוש אזעלכער!

— גאַנץ ריכטיק, הער קאַפּראַל, און איר זייט ממש אַ גאָט!

— האָט געענטפֿערט שווייק מיט דער גלייכגילטיגקייט פֿון אַ פֿילאָסאָף, וואָס וואָלט געוואָלט איינשטעלן שלום אין גאָר דער וועלט, נאָר דערביי לאָזט ער זיך אריין אין די שאַרפֿסטע ויכוחים. — איר זייט די טרויערנדיקע מוטער גאָטס.

— אָ גאָט! — האָט אויסגערופֿן דער פֿרייוויליקער, צונויפֿגעלייגט די הענט ווי צו אַ תּפֿלה. — טו אריין אין אונדזערע הערצער הכנעה און ליבשאַפֿט צו אַלע אונדזערע עלטסטע, מיר זאָלן אף זיי ניט קוקן מיט עקל. בענטש אונדזער צוזאַמען=זיין אין דעם דאָזיקן געפֿענגעניש אף רעדער.

דער קאַפּראַל איז רויט געוואָרן ווי צונטער און איז אופֿגעשפּרונגען אף די פֿיס.

— איך בעט מיר ניט צו מאַכן קיין באַמערקונגען, איר דאָרט, פֿרייוויליקער! איר הערט?

— איר האָט דערצו קיין שייכות ניט, — האָט יענער גערעדט ווייטער מיט אַ טאָן פֿאַר איבערבעטן. — די נאַטור האָט באַעולט אין שכל אַסך מינים און סאָרטן לעבעדיקע באַשעפֿענישן. אייך האָט זיך מסתּמא געטראָפֿן צו האָרכן וועגן נאַרישקייט פֿון מענטשן? וואָלט דען פֿאַר אייך אליין ניט בעסער געווען, ווען איר

וואָלט געבאָרן געוואָרן אַן אַנדער זויגער און וואָלט ניט געטראָגן דעם אידיאָטישן רוף־נאָמען „מענטיש“ און ניט געווען קיין קאַפּראַל! ס'איז אַ גרויסער טעות, אויב איר מיינט, אַז איר זייט דאָס בשלמותדיקסטע אַנטוויקלסטע פֿון אַלע לעבעדיקע באַשעפֿענישן. טרענט נאָר אַראָפּ אייערע שטערנדלעך, וועט איר זיין אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, וואָס אַזעלכע הרגעט מען אויס אָן אַ צאָל אין די טראַנשייעס און אַף אַלע פראָנטן. און ווען מען וועט אייך צוהעפטן נאָך אַ שטערנדל און מאַכן אייך צו אַזאַ פאַרשוין, וואָס סאָלדאַטן רופן אַף זייער לשון „חזיר“, אפילו דעמאָלט וועט נאָך אייך ניט זיין מיט אייך כשורה. אייער גייסטיקער זעקרייז וועט נאָך ווערן איינגער, און אויב איר וועט ערגעץ ווו אפן שלאַכטפעלד אַוועקלייגן אייער קולטורעל ניט אַנטוויקלטן קאָפּ, וועט אין גאַנץ אייראָפּע קיינער אייך ניט באַוויינען.

— איך וועל אייך אַריינזעצן אין קאַרצער! — האָט אויסגעשריען דער קאַפּראַל, צערייצט ווי אַ אינדיק.

— איר ווילט, אַ פּנים, מיך אַריינשיקן אין קאַרצער, — האָט דער פּריוווּליקער זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, — ווייל איך האָב אייך באַליידיקט? אָבער איר וואָלט געזאָגט אַ ליגן, וואָרום אייער גייסטיקער פאַרמאָג קען בכלל ניט זיין קיין אָביעקט פאַר באַליידיקונג. און חוץ דעם בין איך גרייט צו וועטן זיך אַף וואָס איר ווילט, אַז איר האָט בכלל גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען און קיין זאַך ניט פאַרגעדיינקט פון אונדזער גאַנצן שמועס. למשל, אויב איך וואָלט אייך געזאָגט, אַז איר זייט אַן עמבריאָן, וואלט איר דאָס פאַרגעסן לאַ די וואָס פריער, איידער מיר וואָלטן אָנגעקומען אַף דער נאָענטסטער סטאַנציע, נאָר אַפּילו פריער, איידער פאַרביי אונדז וואָלט פאַרבייגעשוועבט דער נאָענטסטער טעלעגראַף־סלופּ. איר זייט דאָך אַ פולקומער דעגענעראַט. איך קען זיך בכלל ניט פאָרשטעלן, איר זאָלט זיין בכח איבערצוגעבן מער ווייניקער געבונדן עפּעס וואָס פון דעם, וואָס איך האָב דאָ גערעדט. און סוף כל סוף, קאָנט איר פרעגן וועמען איר ווילט, צי איז געווען אין מיינע ווערטער אַפילו די קלענסטע אַנצוהערעניש אַף די

באַגרעניצטקייט פון אייער שכל און צי האָב איך אייך מיט וואָס באַליידיקט.

— אודאי, — האָט באַשטעטיקט שווייק, קיינער האָט אייך דאָ ניט געזאָגט קיין וואָרט, וואָס האָט געקאָנט אויסווייזן ווי אַ באַליידיקונג. און ווייסט איר וואָס איך וועל אייך זאָגן: אַלע מאָל קומט אַרויס ניט גוט, ווען עמיצער האָט גרינג פאַריבל: אָט בין איך איין מאָל געזעסן אין קאַפע „טונעל“ און מיר האָבן געשמועסט פון אָראַנג-אוטאַנגען. איז דאָרט געווען מיט אונדז איינער אַ מאַטראָס, וואָס האָט אונדז דערציילט, אַז אַן אָראַנג-אוטאַנג איז אָפטמאָלס ניט צו אונטערשיידן פון אַ וואָסער באַבאָרדעטן, וואָרום אַן אָראַנג-אוטאַנג איז אַזוי באַוואַקסן מיט האָר, אַזוי ווי . . . „איך כאַפּ אייך אָן, — זאָגט ער, — ווי אָט יענער הער דאָרט ביים שכנישן טישל“. מיר, נאַטירלעך, האָבן זיך אַלע אומגעקוקט, און אָט דער הער מיט דער באָרד איז זיך אויפגעשטאַנען און צו צו אונדזער מאַטראָס און—אַפּלעם אים איבערן נאָז, און יענער אים מיטן גאַנצן כח אַ זעץ מיט אַ ביר-פלאַש איבערן שאַרבן, און דער הער מיטן באָרד איז אַנידערגעפאַלן און געבליבן ליגן. מיטן מאַטראָס האָבן מיר געמוזט זיך געזעגענען, וואָרום ער האָט זיך באַלד אָפּגעטראָגן, ווייבאַלד ער האָט דערזען, אַז ער האָט עפּעס עמיצן ווי צוגעהרגעט. מילא בקיצור, מיר האָבן יענעם הערן אָפּגעמינטערט, הגם גלייכער וואָלט געווען, אַז מיר טוען דאָס ניט, וואָרום ווי נאָר ער האָט זיך אָפּגעטשוכעט, האָט ער אַרויסגערופן פּאָליציי, און מען האָט אונדז אַלעמען, וואָס זיינען געווען אַ צענטע ראָד אין וואָגן, אָפּגעפירט אין קאָמיסאַריאַט. דאָרט האָט ער געהאַלטן אַלץ אין איין טענען, אַז מיר האָבן אים אָנגערופן אָראַנג-אוטאַנג און אַז מיר האָבן וועגן קיין אַנדער זאַך ניט גערעדט, ווי פון אים. און אַזוי ווייטער. און מיר — אַז ניט, אַז ער איז ניט קיין אָראַנג-אוטאַנג. און ער — אַז יאָ, אַז ער האָט דאָס אליין געהערט. דעמאָלט האָב איך געבעטן דעם קאָמיסאַר, ער זאָל אים אויסטייטשען. האָט יענער אים אויסגעטייטשט אַלץ מיט גוטן, נאָר יענער הער האָט נאָך אַלץ ניט געוואָלט גלויבן און האָט געזאָגט דעם קאָמיסאַר, אַז ער קאָן דאָס אַלץ

ניט פאַרשטיין און אַז דער הער קאָמיסאַר איז מסתמא יד אחת מיט אונדז, אַז דעמאָלט האָט דער הער קאָמיסאַר געהייסן אים אַריינזעצן אין קאַרצער, ער זאָל זיך אויסניכטערן, און מיר האָבן שוין געוואָלט אומקערן זיך צוריק אין „טונעלי", נאָר שאַ, וואַרט אַ ווײַלע: מען האָט אונדז אויך געהייסן אַוועקזעצן הינטער די גראַטקעלעך. אַט אַזוי זעט איר, הער קאַפּראַל, אַז פון אַ קליינעם בּרעקעלע טעותל קען אַרויסקומען אַזאַ שפּיל, אַז איר וועט האָבן צו זינגען און צו זאָגן. ווידער אַמאָל, איז זיך געווען אין שייבּאַ אַ בּירגער האָט ער פאַריבּל געהאַט, אַז מען האָט אים אין דייטשבּראָד געזאָגט, אַז ער איז אַ בּרילן־שלאַנג ווינציק פאַראַן ווערטער, וואָס פאַר זוי קומט קיין שום שטראָף ניט? אַשטייגער, ווען מיר וואָלטן צו אייך געזאָגט, אַז איר זײַט אַ קאַנצעלאַריע־שטשור צי וואָלט איר געקאָנט בּרוגז ווערן אף אונדז דערפאַר?

— פון בּעם האָט דער קאַפּראַל אַ גרילץ געטאָן. מען האָט ניט געקאָנט זאָגן, אַז ער האָט זיך צעבּרומט. פאַרדראָס, רציחה, יאוש — דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ ריי שאַרפע קלאַנגען, און אַט דער קאָנצערט־נומער איז געוואָרן בּאַגלייט פון פייף וואָס עס האָט אַרויסגעלאָזט פון די פולע נאָזלעכער דער פעלד־קוראַט.

מיטן גרילץ האָט זיך די ענערגיע בּיים קאַפּראַל אויסגעלאָזט. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אפן בּיינקל און זיינע העלבּלאָע, וואַסערדיקע אויגן האָט ער געלאָזט קוקן אין דער ווייט, אַף די בּערג און וועלדער.

— הער קאַפּראַל, — האָט זיך געווענדט צו אים דער פרייוויליקער, — איצט, אַז איר קוקט אַזוי אף די הויכע בּערג און רוישיגע וועלדער, דערמאָנט איר די געשטאַלט פונם גרויסן דאַנטע. די זעלבּיקע איידעלע צורה, וואָס בּיים גרויסן פּאָעט, וואָס איז געווען אַ מענטש פון אַ צאַרטער נשמה און געהויבּענעם גייסט, וואָס אַלע גוטע מדות לעבּן אין אים. איך בּעט אייך, בּלײַבּט זיצן אין אַט דער פּאָזע, זי שטייט אייך אַזוי. ווי פאַרגייסטיקט, ניט געחנדלט און אומגעצווונגען איר האָט אויסגעגלאָצט די אויגן אפן אַרומיקן לאַנדשאַפט. איר שטעלט זיך

מסתמא פאַר, ווי גרויסאַרטיק דאָס וועט זיין, ווען פרי־יאָר וועט זיך דאַ, אנשטאָט די מרה־שחורהדיקע פּוסטקעס, אויסשפּרייטן אַ קאַבריצע פון בונטע פעלד־בלומען...

— און אָט די קאַבריצע וועט זיין אַרומגעצוימט מיט אַ פריילעכן טייכל, — האָט אונטערגעהאַלטן שווייק: — און דער הער קאַפּראַל וועט אַננעצן אַ בלייפעדל, אַוועקזעצן זיך אויף אַ בוים־שטאָם און אָנשרייבן אַ לידעלע פאַר אַ קינדער־זשורנאַל.

דער קאַפּראַל איז געזעסן ווי געליימט. און דער פּרייוווי־ליקער האָט געטענעט, אַז ער געדיינקט אויף געוויס, אַז ער האָט געזען דעם קאַפּראַלס קאָפּ אויף אַן אויסשטעלונג פון סקולפּטורן.

— אַנטשולדיקט, הער קאַפּראַל, — האָט ער געזאָגט, — האָט איר ניט געדינט פאַר אַ מאָדעל דעם סקולפּטאָר שטורדזאַ?

האָט דער קאַפּראַל אויף אים אַ קוק געטאָן און געענט־פערט אַ טרויעריקער:

— ניין.

איז דער פּרייוויליקער אַנטשוויגן געוואָרן און האָט זיך אויסגעצויגן אויפן באַנק.

די וואַך־סאָלדאַטן האָבן זיך אַוועקגעזעצט מיט שווייקן ביי אַ קערטל, און דער קאַפּראַל האָט מחמת יאוש גענומען אַריינ־קוקן צו די שפּילערס אין די קאָרטן אַריין און האָט צום סוף זיך ערלויבט צו מאַכן אַ באַמערקונג, אַז ער האָט ניט געדאַרפט גיין מיטן טויז; ער האָט באַדאַרפט גיין בעטן קאָזער, וואָרום דעמאָלט וואָלט ביי אים געבליבן דאָס זיבעטעלע צום לעצטן לעז.

— אין די לאָקאַלן, — האָט געזאָגט שווייק, — פלעגן אַמאָל זיין גוטע אויפשריפטן פאַר ניט־שפּילערס, וואָס קוקן אַריין אין די קאָרטן. איין אויפשריפט אַזוינעם געדיינק איך: „דעם פינפטן שפּילער אונטערן טיש!"

דער מיליטער־צוג איז צוגעגאַנגען צו דער סטאַנציע, ווו עס האָט באַדאַרפט אויסגעפירט ווערן דער קאָנטראָל. דער צוג איז געבליבן שטיין.

— נו, אָט נאָט איך, — האָט געזאָגט דער פריווויליקער שטריינג און דערביי אַ קוק געטאָן אַפן קאַפּראַל מיט אַן אָנצו־הערעניש, — אָט נאָט איך דעם קאָנטראָל...

און אין וואַגאָן איז אַריין דער קאָמענדאַנט מיט זיין געהילף.

* * *

פאַר אַ קאָמענדאַנט פון צוג איז געוואָרן באַשטימט פון שטאַב דער וויצעלייטענאַנט פון רעזערוו, דאָקטאָר מראַץ.

אַף אַזאַ נאַרישן פּאָסטן באַשטימט מען שטענדיק רעזערוו־אָפיצערן. דאָקטאָר מראַץ איז שוין גאָר מבולבל געוואָרן, ביי אים פלעגט שטענדיק אויספעלן איין וואַגאָן אָדער צוויי, הגם אין גימנאַזיע איז ער געווען אַ לערער פון מאַטעמאַטיקע. חוץ דעם, האָט די צאָל מענטשן אין איטלעכן איינציקן וואַגאָן, וואָס מען האָט אים אופגעגעבן אַף דער לעצטער סטאַנציע, ניט געשטימט מיט די ציפערן, וואָס זיינען געוואָרן פאַרצייכנט נאָכן אַריינזעצן זיך אין בודוייס אַפן וואָקזאַל. אַז ער האָט איבערגעקוקט די פּאַפּירן, האָט אים געוּומען אויסדרוכטן, אַז עס האָבן זיך ביי אים פלוצטאַלבן באַוויזן צוויי איבעריקע פעלד־קיכן, וואָס קיינער ווייס ניט, פון וואַנען זיי נעמען זיך. באַלד האָט ער אויך ארויסגעפונען, אַז פערד האָט ער אויך מער וויפיל ער באַדאַרף האָבן — און אַ סקרוך איז אים אריבער איבערן לייב. אין דער רשימה פון די אָפיצערן האָט ער ניט געקאָנט געפינען צוויי פענדריקעס, וואָס האָבן אים אויסגעפעלט. אין דער קאַנצעליאַריע פון פולק אין ערשטן וואַגאָן האָט מען געהאַלטן אין איין זוכן אַ שרייב־מאַשין. פון אָט דעם טומל און הוהא האָט ער אַרויסגענומען אַ מוראדיקן קאָפּווייטאָק; ער האָט שוין געהאַט איינגענומען דריי פּראָשקעס אַספּירין און האָט איצט דורכגעמאַכט דעם קאָנטראָל מיט אַן אויסדרוק פון טיפן צער אַפן פנים.

ווי נאָר ער איז מיט זיין געהילף אריין אין אַרעסטאַנטן־וואַגאָן, האָט ער ארייננעקוקט אין די פּאַפּירן. דער קאַפּראַל האָט אַן איינגעשראָקענער אָפּגעגעבן דעם ראַפּאָרט: צוויי אַרעסטירטע און אזוי פיל און אזוי פיל מאַן פון דער וואַך. האָט ער נאָך אַמאָל פאַרגלייכט די דאָזיקע ציפערן מיט די ידיעות פון די דאָקומענטן און האָט זיך ארומגעקוקט.

— און וועמען פירט איר אָט דאָ אָ? — האָט ער שטרייננ אַ פרעג געטאָן, אָנגעוויזן אַפן פעלד־קוראַט, וואָס איז זיך רואיק געשלאָפן אפן באַנק, אויסגעשטעלט דעם באַלף מחילות גלייך דעם אדון קאָמענדאַנט אין פנים אריין.

— איך האָב דעם כבוד צו מעלדן, הער וויצע־לייטענאַנט, — האָט דער קאַפּראַל ארויסגערעדט שטאַמלענדיק, — אַז מיר, דאָס הייסט... איך וויל זאָגן...

— וואָס פּאָנפעט איר דאָרט? — האָט דאָקטאָר מראַץ אַ כּורטשע געטאָן, — רעדט דייטלעכער.

— ערלויבט צו מעלדן, הער וויצע־לייטענאַנט, — האָט פאַר אים געענטפערט שוויק. — די מעשה דערפון איז די, וואָס אָט דער הער, וואָס שלאָפט זיך דאָ אפן בויך, איז עפּעס אַ שיכּורער הער פעלדקוראַט. ער איז צו אונדז צוגעשטאַנען און איז ארייננעקראָכן צו אונדז אין דאָזיקן וואַגאָן, און היות ווי ער איז פאַר אונדז אַן עלטסטער, האָבן מיר אים ניט געקאָנט ארויס־שליידערן, בכדי מיר זאָלן ניט ארויסווייזן קיין אומכבוד צו זיין ראַנג. ער האָט מסתמא פאַרביטן דעם שטאַב־וואַגאָן אַפן אַרע־סטאַנטן־וואַגאָן.

האָט דער דאָקטאָר מראַץ ניט געפונען קיין אַנדער זאַך וואָס צו זאָגן, ווי נאָר צו הייסן דעם קאַפּראַל איבערצודרייען דעם שלאָפעדיקן מיטן פנים אַרויף, בכדי זיך איינצוקוקן אין אים און צו דערגיין, ווער ער איז אין דער אמתן.

מיט גרוים מי האָט דעם קאַפּראַל אָפּגעגאָלטן איבערצו־קערן דעם פעלדקוראַט אפן רוקן. דערביי האָט זיך יענער אופ־געכאַפּט, און דערזען פאַר זיך אַן אָפיצער האָט ער אויס־געדופן:

— אַ גוטן, פרעדי! וואָס הערט זיך עפּעס נײַס? וועטשע־רע פּאַרטיק?

דערנאָך האָט ער ווידער פאַרמאַכט די אויגן און האָט זיך אויסגעקערט צום וואַנט.

דער דאָקטאָר מראַץ האָט באַלד דערקענט דעם נעכטיקן זולל וסובא פון אָפיצער־קלוב און האָט אַראָפּגעשלונגען אַ שטילן זיפץ.

— דערפאַר, — האָט ער געזאָגט צום קאַפּראַל, — וועל איך אַף אײַך אָנגעבן אַ ראַפּאָרט.

ער האָט שוין געוואָלט אוועקגיין, נאָר שוויק האָט אים אָפּגעשטעלט.

— ערלויבט צו מעלדן, הער וויצעלײַטענאַנט, — האָט דערקלערט שוויק, — אַז איך באַדאַרף דאָ שוין מער ניט זײַן. מיר האָט געקומט זײַן אין אַרעסט נאָר ביז האַלב עלף, וואָרום גראָד הײַנט איז אויסגעגאַנגען מײַן טערמין. מען האָט מיך אַרײַנ־געזעצט אַף דרײַ מעת־לעת, און איצט האָב איך שוין באַדאַרפט זײַן אין קעלבער־וואַגאָן צוזאַמען מיט די איבעריקע. און אַזוי ווי עס איז שוין לאַנג געווען עלף אַזייגער, בעט איך בײַ אײַך, הער וויצעלײַטענאַנט, מיך אַרויסצוזעצן אַף דער ליניע אָדער אַריבער־צופירן אין אַ קעלבער־וואַגאָן, וווּ איך געהער צו זײַן, אָדער צום הער לײַטענאַנט לוקאַש.

— ווי איז אײַער נאָמען? — האָט געפרעגט דאָקטאָר מראַץ און גענומען זיך גריבלען אין זײַנע פּאַפּירן.

— שוויק, יאָזעף, אַזוי איז דאָס, הער וויצעלײַטענאַנט.

— אַזוי, הייסט דאָס, זײַט איר דאָס דער באַרימטער שוויק, — האָט אַרויסגערעדט דאָקטאָר מראַץ. — ריכטיק, איר האָט באַדאַרפט אַרויסגיין פרײַ האַלב עלף. נאָר הער לײַטענאַנט לוקאַש האָט מיך ספּעציעל געבעטן, איך זאָל אײַך אַרויסלאָזן ערשט אין בּרוק, וואָרום אַזוי וועט זײַן זיכערער; לכל הפּחות וועט איר אונטערוועגס ניט אָנטאָן קיין צרות.

אַז דער קאָנטראָל איז אַריבער, האָט דער קאַפּראַל ניט געקאָנט זיך אײַנהאַלטן פון אַ גיפטיקער באַמערקונג:

— נו, אַט זעט איר, שוויק, איך האָט אַ מכּה געהאַלפֿן, וואָס איר האָט זיך געווענדט צו דער העכערער אינסטאַנץ. אויב איך וואָלט נאָר געוואָלט, וואָלט איך אייך ביידן געקאָנט ווי ס'געהער צו זיין אָנזאָלצן.

— הער קאַפּראַל! — האָט זיך דאָ איינגעשטעלט דער פרייוויליקער. — גראָבע רייד זיינען קיין מאָל קיין באַווייז ניט. אַ מענטש אַ אינטעליגענט באַדאַרף ניט געברויכן אַזעלכע ווערטער, אַפילו ווען ער איז אויפגערעגט אָדער ער וויל עמיצן אַריינזאָגן. און ווייטער, וואָס באַטייט אייער קאָמישער סטראַשונעק, אַז איר וואָלט געקאָנט אונדז ביידן געהעריק אָנזאָלצן? פאַרוואָס זשע, צו אַל די רוחות, האָט איר דאָס ניט געטאָן, וויבאַלד איר האָט דאָ געהאַט אַזאַ טייערע געלעגנהייט? בלי ספק דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן אייער גרויסע גייסטיקע רייפקייט און אייער ניט־געוויינטלעכע פיינקייט.

— נו, פאַר מיר קלעקט! — איז דער קאַפּראַל געוואָרן אָן אויפגעקאָכטער. — איך קאָן אייך ביידן אַרונטערשטעלן אונטער אַן אַרטיקל.

— אונטער אַ וואָסערן, קרוין מיינער? — האָט דער פרייוויליקער געפרעגט מיטן פּנים פון אַ תּם.

— דאָס איז שוין מיין עסק! — האָט דער קאַפּראַל זיך אונטערגעגעבן מוט.

— דאָס איז גראָד ריכטיק, אַוודאי אייער עסק, — האָט דער פרייוויליקער געזאָגט מיט אַ שמייכעלע. — אָבער צוגלייך אויך אונדזער עסק. אַט אַזוי ווי אין קאָרטן: אייגענע קאַזוירים. מיר דוכט גיכער, אַז איר זייט עפּעס שטאַרק ניט ביי זיך, וואָס מען וועט אַף אייך אָנגעבן אַ ראַפּאָרט, און דערפאַר האָט איר גענומען זיך טשעפּען צו אונדז, הגם, אמת, דאָס איז ניט קיין דינסט־זאַך.

— מנוולים זייט איר, אַט וואָס! — האָט געזאָגט דער קאַפּראַל, זיך אָננעמענדיק מיט כּחות צום לעצטן מאָל, בכדי אָנצוּזאָגן אַף זיי שרעק.

— הערט, וואס איך וועל אייך זאגן, — הער קאפראל, — האט זיך אפגערופן שוויק. — איך בין שוין אן אלטער הינער־פרעסער, געדינט שוין פאר דער מלחמה, און איך קאן אייך באַזיכערן, אז מיט זידלעריי וועט איר ווייט ניט פאַרפאָרן. אין יענע צייטן, אז איך האב נאך געדינט, געדיינק איך, איז געווען ביי אונדז אין ראטע איינער א חזיר, מיטן נאמען שרייטער. געדינט האט ער צוליב קומענדיקע גליקן, ער'ט געקאנט שוין לאנג אוועקגיין פון דינסט אין ראנג פון א קאפראל, אבער ווי זאגט מען דאס, — עס האט געפעלט עפעס א קלעפקע אין קאפ. הקיצור דער דאזיקער מענטש האט זיך דאס אנגעזעצט אף אונדז, פראסטע זעלנער, זיך איינגעגעסן ווי א קלעק: דאס איז אים ניט אזוי, יענס איז אים ניט אזוי, דאס איז ניט לויטן סטאטוט ... מיט איין ווארט, ער'ט זיך איבער אונדז איזדעקעוועט, וויפיל אין אונדז איז אריין און פלעגט נאך כסדר טענען: „ניט קיין סאלדאטן זייט איר, נאר נאכט־וועכטערס!” מילא בקיצור, בין איך דאס איין מאל ארויס פון די כלים און האב דערלאנגט א ראַפארט דעם ראטע־קאמאנדיר. „וואס פעלט דיר?” — פרעגט דער קאמאנדיר. „ערלויבט צו מעלדן, הער קאפיטאן, — זאג איך: — איך באקלאג זיך אף אונדזער הער פעלדוועבל שרייטער, ווארום ער זאגט, אז מיר זיינען כלומרשט ניט קיין סאלדאטן, נאר נאכט־וועכטערס. אבער היות ווי מיר דינען זיין קייזערלעכער מאיעסטעט, בכן זיינען מיר ניט קיין נאכט־וועכטערס, וואס היטן גערטנער”. גיט דאס דער ראטע־קאמאנדיר אף מיר א הויקע: „אַך דו עפּוש איינער, אוועק פון מיינע אויגן!” בקיצור מאך איך צו אים, אז איך וויל אנגעבן א ראפארט אין באטאליאן. גיב איך דאָס אן דעם ראפארט אין באטאליאן, און אז איך האב אויסגעטייטשט דעם וויצע־פולקאווניק, אז מיר זיינען ניט קיין נאכט־וועכטערס, נאר סאלדאטן פון קייזערלעכן דינסט, האט ער געהייסן אריינזעצן מיך אף צוויי מעת־לעת, האב איך געפאדערט, אַז מען זאל מיר ערלויבן צו דערלאַנגען אַ ראפארט דעם קאַמאנדיר פון פולק. ביים אפנעמען דעם ראפארט פון פולק האט דער הער פולקאווניק, אויסגעהערט מיך, באוויליגט אַ דונער צו

טאָן, אַז איך בין אַן אידיאָט און אַז איך זאָל זיך אָפּטראָגן צו אַל די רוחות. און איך צו אים: „ערלויבט צו מעלדן, הער פּאָלקאָווניק, איך וויל אָנגעבן אַ ראַפּאָרט אין בריגאַדע“. בקיצור, דאָ האָט ער זיך דערשראָקן און געהייסן אַרויסרופֿן אונדזער חזיר דעם שרײַבער אין קאַנצעליאַריע אַרײַן, און יענער האָט געמוזט פֿאַר אַלע הערן אָפּיצערן אין די אויגן בעטן בײַ מיר מחילה פֿאַרן וואָרט „נאַכטוועכטערס“. שפּעטער האָט ער מיך אָנגעיאָגט אין הויף און האָט מיר מתרה געווען, אַז מהיום והלאה וועט ער שוין אײַדעקעווען זיך איבער מיר ניט אײַדעקעווען, נאָר וואָס דען? ער וועט מיך אַרונטערפֿירן אונטער אַן אַרטיקל — דאָס שוין געוויס. זינט יענעם טאָג בין איך שוין איין מאָל געווען אָפּגעהיט, אָבער ס'האָט פּאָרט ניט געהאָלפֿן. שטיי איך מיר אַזוי איין מאָל אויף דער וואַך בײַם צייכהויז, און אויף דער וואַנט האָט איטלעכער סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען דאָרט וואַך, שוין עפּעס געהאַט אויפֿגעשריבן. אָדער זיי האָבן דאָרט עפּעס אָנגעמאָלט אַ מיאוסקייט, אָדער עפּעס אַ שירל אָנגעשריבן. איך האָב קיין זאַך ניט געקאָנט צוקלערן, נאָר פֿון נוידנעקייט האָב איך גענומען און זיך אונטערגעחתמעט אונטער אַן אויפֿשריפֿט: חזיר שרײַבער איז אַ כּלב שבכּלבים“. און אָט דער אויסוואורף, דער שרײַבער האָט טאַקע תּיכּף ומיד אויף מיר אָנגעמסרט, וואָרום געשפּיאָנעוועט האָט ער נאָך מיר, ווי אַ כּלב קאָן. און דאָ האָט זיך נאָך באַדאַרפֿט מאַכן אַן אומגליק, אַז איבער דער ערשטער אויפֿשריפֿט איז געשטאַנען נאָך אײנע: „מיר קלערן אַפֿילו ניט גיין אויף מלחמה, מיר... אויף איר“. געמאַכט איז זי געוואָרן אין יאָר 1917, בעת מיר האָבן שיער ניט באַדאַרפֿט פֿירן מלחמה מיט סערביע. מילא בקיצור, מען האָט מיך אָפּגעשיקט קיין טערעזיענשטאַט, אין קרייז-מיליטער-געריכט. אַמאָל פּופֿצן האָבן די מיליטער-ריכטערס פֿאָטאָגראַפֿירט די וואַנט פֿון צייכהויז מיט די דאָזיקע אויפֿשריפֿט און מיט מײַן חתימה, אַמאָל צען האָבן זיי מיך געלאָזט אָנשרײַבן די פֿראַזע: „מיר קלערן אַפֿילו ניט גיין אויף מלחמה, מיר... אויף איר“ — בכדי אויסצופֿאָרשן מײַן כּתב; אַמאָל פּופֿצן האָב איך געמוזט פֿאַר זיי אין די אויגן אָנשרײַבן: „חזיר שרײַבער איז

א כלב שבכלבים". און גאר צום סוף איז געקומען א גראפאלאג און האט געהייסן מיר אנשרייבן: „דאס איז געווען דעם 29 יוני 1897, בעת קראלעדוואר אף דער לאבא האט אפגעשמעקט אלע שרעקעדיקע פון דער אויספלייצונג פון שטורמישן טייך". נאר דער געריכטס־אויספארשער האט איינגעפונען, אז די דאזיקע פראזע איז ניט גענוג, ווייל אין איר זיינען ניטא גענוג פון יענע אותיות, וואס באגעגענען זיך אין די ביידע פראזעס, וואס פאר זיי האט מען דאס מיך געוואלט משפטן. דעמאלט האט דער גראפאלאג מיר פארדיקטירט נאך אט וואס: „די זון איז שוין אופגעגאנגען, און עס ווערט הייס", און דערנאך עטלעכע איינציקע זידלווערטער, און האט דערקלערט, אז דאס אלץ באדארף מען אריבערשיקן קיין ווין. זיי האבן אזוי געטאן, און סוף כל סוף איז געווארן פעסטגעשטעלט, אז וואס איז שייך די אונטערשריפטן, איז דאס ניט מיין ארבעט, נאר אז די חתימה, וואס איך האב זיך אליין מודה געווען אין איר, איז טאקע מיינע. האב איך טאקע געקראגן זעקס וואכן, דערפאר ווייל איך האב זיך געחתמעט, אין דער צייט בעת איך האב געדארפט שטיין אף דער וואך.

— דערפון איז צו זען, — האט דער קאפראל געזאגט א באפרידיקטער, — אז אן שטראף האט זיך דער עסק ניט געענ־דיקט און אז איר זייט דער אמתער קאנדידאט אף תליה. וואלט איך געווען אפן ארט פון דעם קריגס־געריכט, וואלט איך אייך צוגעלייגט זעקס יאר, און ניט זעקס וואכן.

— זייט דאך ניט אזא אכזר, — האט דער פרייוויליקער גענומען דאס ווארט, — טוט בעסער א טראכט וועגן אייער נשמה. אקארשט ערשט האט מען אייך געזאגט, אז עס וועט אף אייך אנגעגעבן ווערן א ראפארט. צו אזא מין עסק וואלט איר באדארפט זייער און זייער ערנסט זיך צוגרייטן און א קלער טאן אפריער מכח „די לעצטע טעג פון א קאפראל". וואס זייט איר בעצם אין פארגלייך מיט דעם וועלט־אל, ווען מען גיט א קלער אז דער נאענטסטער אומבאוועגלעכער שטערן צום דאזיקן צוג שטייט אפ פון אים 275 מאל מער, איידער די זון, בכדי זיין פאראלאקס זאל קאנען בילדן איין סעקונדע פון בויגן? אויב איר

וואלט עקסיסטירט אין וועלט=אל אין דער געשטאלט פון אן אומבאוועגלעכן שטערן, וואלט איר, בלי ספק, געווען צו נישטיק, אַז מען זאל אייך קאנען זען אפילו דורך די בעסטע אסטראנא=מישע אינסטרומענטן. פאר אייער נישטיקייט אין וועלט=אל וואלט מען אפילו ניט געקאנט געפינען קיין פאסיקן פארגלייך. אין א האלב=יאר וואלט איר באשריבן אט אזא פיצינקן בויגן, און אין א יאר א קליינעם עליפסיס, וואס מען קאן אים אפילו ניט אויס=דריקן אין א צאל, אזא גארנישט וואלט ער געווען. און אייער פאראלאקס וואלט מען אפילו ניט געקאנט אויסמעסטן.

— אויב אזוי, — האָט באַמערקט שווייק, — וואָלט דער הער קאפראל געמענט אפילו גרייסן זיך, וואָס קיינער קאָן אים ניט אויסמעסטן, און ווי די מעשה מיטן ראַפּאָרט זאָל זיך אויס=לאָזן פאר אים, דאַרף ער בלייבן רואיק און זיך ניט אויפרעקן, וואָרום איטלעכע אויפרעקונג שאַדט דעם געזונט, און אין דער איצטיקער קריגס=צייט מוז איטלעכער געזונטער מענטש היטן זיך, ווייל די שווערקייטן פון קריגפאַרלאַנגען פון אַלע מענטשן, זיי זאָלן ניט זיין קיין פגירות.

— מילא הער קאַפּראַל, — האָט שווייק ווייטער גערעדט מיט א פריינטלעכן שמייכל, — אויב מען וועט אייך אריינזעצן אָדער מען וועט ווי עס איז אייך מצער זיין אף אַן אַנדער אופן, באַדאַרפט איר דעם קאָפּ ניט פאַרלירן, און אויב אַנדערע זיינען קלוגיטשקע, זייט איר אויך אַ קלוגיטשקער. איך האָב געקענט איינעם אַ גערטנער, אַ געוויסן פראַנץ שקוואָרא, וואָס איז צוזאַ=מען מיט מיר גאָר אין אָנהויב קריג געזעסן אין פּאָליציי=פאַר=וואַלטונג אין פראָג לויט דער באַשולדיקונג אין מלוכה=פאַרראָט און איז שפּעטער אפשר טאַקע געהאַנגען געוואָרן פאַר עפּעס אַ פּראַגמאַטישער סאַנקציע". דער דאָזיקער מענטש, אַז מען האָט אים נאָכן פאַרהער געפרעגט, צי האָט ער ניט וואָס צו באַ=מערקן צום פּראָטאָקאָל, האָט ער געענטפערט: „אויב דאָס איז געווען, ווי דאָס איז געווען, איז דאָס ווי עס איז געווען, וואָרום עס איז נאָך קיין מאָל ניט געווען, אַז דאָס זאָל ווי עס איז ניט זיין געווען". פאַר אַזאַ ענטפער האָט מען אים אריינגעזעצט אין

איינצל־אַרעסט אין דער פינצטער און צוויי מעת־לעת האָט מען אים ניט געגעבן ניט צו עסן און ניט צו טרינקען, און דערנאָך האָט מען אים איבער אַ נייעס אוועקגעשלעפּט צום פאַרהער, און ער האָט אַלץ געטענעט דאָס זייניקע, אַז אויב דאָס איז געווען, ווי דאָס איז געווען, איז דאָס ווי עס איז געווען, וואָרום עס איז נאָך קיין מאָל ניט געווען, אַז דאָס זאָל ווי עס איז ניט זיין געווען. ס'קאָן זיין, אַז דערמיט איז ער אוועק אויך צו דער תּליה, בעת מען האָט אים שפּעטער איבערגעגעבן דעם מיליטער־געריכט.

— ווערליק מ'דערציילט זיך אָן, ווערן אַסך איצט געהאַנגען און געשאָסן, — האָט זיך אָפּגערופן איינער פון די וואַך־סאָלדאַטן. — אָט נאָך גאָר ניט לאַנג האָט מען בײַ אונדז אַפן פּלאַץ איבערגעלייענט אַ באַפעל, אַז אין מאָטאָל האָט מען דער־שאָסן דעם רעזערוויסט קודריאַ דערפאַר, וואָס דער ראָטע־קאָמאַנ־דיר האָט אַ קלאַפּ געטאָן זיין אינגעלע מיט דער שאַבליע, בעת זיין ווייב האָט געוואָלט זיך מיט אים געזעגענען אַפן וואָקזאַל אין בענעשאָוו, און דאָס אינגל איז געווען בײַ איר אַף די הענט, און קודריאַ אַליין איז געוואָרן אַ קאַפּעלע אויפגערעקט. מילא, די פּאָליטישע — זיי זעצט מען סתּם אַריין. אין מעהרן האָט מען שוין דערשאָסן איין רעדאַקטאָר. און אונדזער ראָטע־קאָמאַנדיר האָט געזאָגט, אַז באַלד וועט מען דערלאַנגען שוין צו די איבע־ריקע אויך.

— אַלצדינג האָט אַ גרענעץ, — האָט דער פרייוויליקער באַמערקט צווייידייטיק.

— אָט דאָס איז ריכטיק, — האָט געזאָגט דער קאַפּראַל.

— רעכט אַף זיי, די דאָזיקע רעדאַקטאָרן. זיי רייצן נאָר אוף דאָס פאָלק. פאַר צוויי־יאָרן, אַז איך בין נאָך געווען אַ יעפרייטאָר, האָט בײַ מיר אויך געדינט אַ רעדאַקטאָר, פלעגט ער מיך רופן ניט אַנדערש ווי „די מכּה פון גאָר דער אַרמיי", נאָר אַז איך פלעג אים נעמען לערנען די פרייע באַוועגונגען, אַזוי אַז ער פלעגט נאַס ווערן איינגאַנצן פון שוויים, פלעגט ער שטענדיק זאָגן: „איך בעט אייך צו אַכטן אין מיר דעם מענטשן". האָב איך

אים טאַקע באַווייזן דעם דאָזיקן מענטשן, און אַז דער פּלאַץ פֿון דער קאַזאַרמע איז געווען פֿול מיט קאַליזשעס, האָט ער זיך געמוזט לייגן אין בלאָטע. איך פֿלעג אים צופֿירן צו אַזאַ קאַליזשע, און ער האָט זיך געמוזט אויסציען אין איר, ווי גרוים ער איז, אַז שפּריצן זיינען געפֿלויגן, ווי אין אַ שווים־שול. און נאָכמיטיק האָט אַלץ אַף אים ווידער געמוזט זיין בליץ־און־בלאַנק, דער מונדיר און דאָס געווער, און ער האָט זיך געקוועטשט און געאָכצעט, און אַף מאָרגן איז ער ווידער געווען ווי אַ חזיר, וואָס האָט זיך אויסגעקייקלט אין בלאָטע. און איך טו דאָס צו אים אַ גיי צו און אַ זאָג: „אנו, הער רעדאַקטאָר, ווער איז שטאַרקער, די מכּה פֿון דער אַרמיי אָדער אייער מענטש?“ יאָ, דאָס איז געווען דער אמתער אינטעליגענט.

דער קאַפּראַל האָט מיט נצחון אַ קוק געטאָן אַפֿן פּריוויליקן און האָט ווייטער גערעדט:

— אָט פֿאַר זיין אינטעליגענטישקייט טאַקע האָט מען ביי אים אָפּגענומען זיינע בענדלעך פֿון אַ פּריוויליקן, ‎"וואָרום ער האָט געשריבן אין די בלעטער, אַז מען באַגייט זיך שלעכט מיט די סאָלדאַטן. און ווי זשע זאָל מען זיך מיט זיי באַגיין, אויב אַזאַ געבילדעטער מאַן ווייס ניט, ווי אַזוי מען נעמט פֿונאַנדער אַ ביקס, אַפֿילו אַז דו באַווייזט אים צען מאָל, אָדער ווען אַף דער קאָמאַנדע „אויגן לינקס!“ קערעוועט דאָס אַף צופֿלייסנס די נאָז רעכטס און קוקט ווי אַ בלייערנער פֿויגל, אָדער ביי די מושטירונגען מיטן ביקס ווייס דאָס ניט, ווי אָנצונעמען, און אַז דו נעמסט אים באַווייזן, ווי אַזוי די האַנט דאַרף זיך גליטשן איבערן רימען, שטעלט דאָס אָן אַף דיר אַ פּאָר קוקערס, ווי אַ שעפּס אַף אַ נייעם טויער. ער האָט אַפֿילו ניט געוווּסט, אַף וואָסער אַקסל מוז מען אַרופֿוואַרפֿן די ביקס, און גריסן האָט ער געגריסט ווי אַ מאַלפּע. היינט וואָס פֿלעגט זיך אָפּטאָן ביים פֿאַרקערעווען, ווען מען האָט געלערנט מאַרשירן — ממש הימל עפֿן זיך! אַז מען האָט געדאַרפֿט פֿאַרקערעווען, איז אים קיין נפֿקא מיניה ניט, מיט וואָסער פֿוס. ער טאָפּטשעט דאָס אַוועק, צאָפּ־צאָפּ, אַ טריט זעקס אין פֿאָרויס, און ערשט דערנאָך

קערט ער זיך אום, אזוי ווי א צאפן אין א ביר־פאס, און ביים מארשירן מאכט ער טראט ווי א קליאטשע א פגירה אדער ער טאנצט זיך אוים ווי אן אלטע באבעצי אף א רומפל.

דער קאפראל האט אפילו אויסגעשפיגן.

— מען האט אים אומישנע ארויסגעגעבן א פארזשאווערטן ביקס, בכדי ער זאל זיך אויסלערנען. פלעגט ער אים רייבן און רייבן, ווי א פארשאלטענער, נאר אויב ער וואלט אפילו געקויפט זיך נאך צוויי קילא פאקלעס, וואלט ער דעמאלט אלץ גארנישט ניט געפועלט. וואס מער ער האט געפוצט, אלץ ערגער און פארזשאווערטער איז ער געווארן, און אף א רעוויזיע פלעגט ער גיין פון האנט צו האנט, און איטלעכער האט זיך געחידושט, ווי קאן דאס געמאלט זיין, עס זאל זיין הוילער זשאווער! אונדזער ראטע־קאמאנדיר פלעגט אים זאגן שטענדיק, אז פון אים ועט קיין מאל ניט זיין קיין סאלדאט, אז דאס גלייכסטע פאר אים איז גיין און אופהייגנען זיך און אז ער פרעסט נאר אומזיסט קרוינס ברויט, און יענער שטייט און פינטלט מיט די אויגן הינטער די שפאקולן. פאר אים איז שוין געווען א גרויסער יום־טוב, אויב מען האט אים ניט ארייינגעזעצט אין קארצער אדער אין ארעסט. אין אזעלכע טעג פלעגט ער זיך געוויינטלעך שרייבן זיינע ארטיקעלעך אין די בלעטער וועגן דעם שלעכטן באגיין זיך מיט סאלדאטן, ביז מען האט ניט געמאכט אן אונטערזוך: ביי אים אין די זאכן. אט האט ער דאס געהאט ביכלעך, חברה, א גרויל! און אלץ אזעלכע ביכלעך וועגן אלגעמיינער אנטוואפע־נונג און וועגן שלום צווישן אלע פעלקער. דערפאר האט ער זיך באדארפט טאקע אויסזיצן אין דער טורמע פון גארניזאן, און זינט דעמאלט האבן מיר געהאט מנוחה פון אים, ביז ער האט זיך ווידער אמאל באוויזן ביי אונדז אין קאנצעלאריע, ווו ער איז געווען פארנומען מיט אויסשרייבן די ראציעס און בכלל די פראַ־וויזיע, בכדי ער זאל, הייסט דאס, ניט זיין חבר־לאווער מיט די פראסטע סאלדאטן. אט דאס איז געווען דער טרויעריקער סוף פון דאזיקן אינטעליגענט. ער וואלט געקאנט מאכן גאר אן אנדער קאריערע, אויב מען וואלט אים פאר שוואכזין ניט אפגענומען די

רעכט פון אַ פּריוווּליקן. ער וואָלט שוין איצט געווען אַ וויצע־לייטענאַנט.

דער קאַפּראַל האָט טיף אַ זיפץ געטאָן.

— אַפילו דעם קנייטש אויפן מאַנטל האָט ער ניט פאַר־שטאַנען צו פאַרלייגן, פאַרשיידענע וועסערלעך און שמירעכצן צו פּוצן קנעפּלעך פלעגט ער זיך אויסשרייבן אַזש פון פּראָג, און פאַרט האָבן זיינע קנעפּ אויסגעזען פאַרזשאַווערט. דערפאַר איז ער געווען אַ מאדים צו באַלבען, און אַז ער איז געווען אין קאַנצעליאַריע, פלעגט ער האָבן איין עסק — צו חקירהן זיך אין פילאָסאָפיע. דאָס איז, קענטיק, אים שטענדיק געווען צום האַרצן. ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָט ער כסדר געזוכט די רעכט פון „מענטשן". איין מאָל, אַז ער האָט זיך פאַרטראַכט איבער אַ קאַליזשע, ווו מען האָט אים געהאַט געהייסן זיך אַריינלייגן, האָב איך צו אים געזאָגט: „אָט איצט, ווען איר האָט זיך אַזוי פיל אָנגערעדט וועגן מענטשן און וועגן בלאָטע, דערמאָן איך, אַז דער מענטש איז באַשאַפן פון בלאָטע און אַז דערפאַר מוז אים זיין געשמאַק צו ליגן אין איר".

אַרויסגעזאָגט אַלצדינג, וואָס אים איז געלעגן אויפן האַרצן, איז דער קאַפּראַל געבליבן שטאַרק קאָנטעט פון זיך און האָט גענומען וואַרטן, וואָס וועט דערויף זאָגן דער פּריוווּליקער. נאָר אָנשטאָט אים האָט גענומען דאָס וואָרט שוויק:

— אָט דערפאַר טאַקע, פאַר אָט דעם אידעקעווען זיך האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק אַ געוויסער קאָניטשעק אין 35־טן פּולק דערשטאָכן דעם קאַפּראַל און דערנאָך זיך. וועגן דעם האָט מען נאָך געשריבן אין „קוריער". ביים קאַפּראַל אויפן לייב זיינען געווען ביי דרייסיק שטאָך־וווּנדן, וואָס לכל־הפחות צוועלף פון זיי זיינען געווען טויט־וווּנדן. און דער סאָלדאַט האָט זיך דערנאָך אַרויפגעזעצט אויפן טויטן קאַפּראַל און אַזוי זיצנדיק אויף אים האָט ער זיך דערשטאָכן. אין אַנדער פאַל איז געווען ניט גאָר לאַנג אין דאַלמאַציע; דאָרט האָט מען איין קאַפּראַל איבערגעשניטן דעם האַלדז, און מען האָט אַפילו ניט געפונען, ווער דאָס האָט געטאָן. עס איז נאָר באַוווּסט, אַז דער נאָמען פונם קאַפּראַל מיטן

איבערגעשניטענעם האַלדז איז געווען פּיאַלאַ, און אַליין איז ער געווען פון דראַבאָווגאַ אונטער טאַרנאָוו. און נאָך ווייס איך פון אַ קאַפּראַל פון 75־טן פולק מיטן נאָמען רײמאַן...

אָט די האַרץ־קוויקנדיקע דערציילונג איז פּלוצים איבער־געריסן געוואָרן אין מיטן. עס האָט זיך געלאָזט הערן אַ הויכער קרעכץ אַפן ביינקל, ווו עס איז געשלאָפן דער פעלד־קוראַט לאַצינאַ.

דער כּבֿודיקער פּאַטער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין גאָר זיין פּראַכט. ער האָט אָפּגעגרעפּצט און זיך ברייט צעגענעצט, אַז עס האָט אָפּגעהילכט. צולעצט האָט ער זיך אַנידערגעזעצט און פאַרוווּנדערט אַ פרעג געטאָן:

— ווו בין איך דאָס, צו אַל די טײוואָלים?

דער קאַפּראַל, אַז ער האָט באַמערקט, אַז דער אדון איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָט מיט אַ חניפה־קנײטשל געענט־פערט:

— איך האָב דעם כּבוד צו מעלדן, הער פעלד־קוראַט, אַז איר באַווויליגט זיך צו געפינען אין אַרעסטאַנטן־וואַגאָן.

אַפן פעלד־קוראַטס פּנים האָט זיך אויסגעמאָלט אַ פאַר־וווּנדערונג, וואָס אין לשער. אַ מינוט איז ער געזעסן אַ שוויגע־דיקער און האָט זיך געפּלייסט עפּעס דערמאָנען. הויבט זיך ניט אָן! דאָס, וואָס איז געשען ביינאַכט און אינדערפרי, און אויך ווי אַזוי ער האָט זיך דאָ אויפגעכאַפּט אין אַ וואַגאָן, וואָס די פענצ־טערן זיינע זיינען פאַרשטעלט מיט גראַטעס, דאָס איז פאַר אים געווען פאַרהוילן אין אַ געדיכטן חושך.

צולעצט האָט ער געפרעגט דעם קאַפּראַל, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר אים אויסגעצויגן:

— לויט וועמעס באַפעל בין איך, וואָס איך...

— איך האָב דעם כּבוד צו מעלדן, אָן אַ באַפעל.

איז דער פּאַטער אויפגעשטאַנען און האָט גענומען אַרומ־שפּרייזן אַהין און צוריק צווישן די ביינקלעך, און געבורטשעט עפּעס אונטערן נאָז, אַז ער הויבט ניט אָן צו פאַרשטיין. דערנאָך האָט ער זיך ווידער אַנידערגעזעצט און געפרעגט:

— וואוהין פאָרן מיר דאָס אייגנטלעך?

— איך האָב דעם כבוד צו מעלדן, קיין ברוק.

— וואָס עפּעס פאָרן מיר קיין ברוק?

— איך האָב דעם כבוד צו מעלדן, אַז אַהין ווערט אריבערגעפירט אונדזער גאַנצער פּולק.

האָט דער פאַטער פונדאָסניי אָנגעשטריינגט זיין גאַנצן זכרון, בכדי זיך צו דערמאָנען, וואָס איז דאָס מיט אים געשען, ווי אַזוי קומט ער דאָס אין דאָזיקן וואַגאָן און פאַרוואָס פאָרט ער אייגנטלעך קיין ברוק, און דערצו נאָך דוקא מיטן 91=טן פּולק און נאָך אונטער וואַך.

ער האָט זיך שוין געהאַט אַף אַזוי פיל אויסגעניכטערט, אַז ער האָט שוין אַפילו געקאָנט דערקענען דעם פּריוווליקן, און צו אים האָט ער זיך טאַקע געווענדט מיט דער פראַגע:

— אָט איר טאַקע, ווי א מענטש אָן אינטעליגענט, קאָנט מיר געבן צו פאַרשטיין, אָן שום תירוצים, ווי אַזוי קום איך אהער צו אייך?

— מיט פאַרגעניגן, — האָט זיך דער פּריוווליקער אָפּגערופן מעשה=גוט=פריינט. — איר זייט פּשוט בתכלית הפּשטות צוגעשטאַנען צו אונדז פאַרטאָג אַפן וואָקזאַל, ווייל עס האָט בייַ אייך שטאַרק געשומעוועט אין קאָפּ.

דער קאַפּראַל האָט אַף אים שטרייַנג אַ קוק געטאָן.

— איר זייט אריינגעקראָכן צו אונדז אין וואַגאָן, — האָט דער פּריוווליקער ווייטער גערעדט אָן זיך צו שטערן, — און... פאַרטיק אָן עסק! איר האָט זיך אוועקגעלייגט אַפן באַנק און אָט ער שוויַיק, האָט אייך אונטערגעלייגט זיין מאַנטל אונטערן קאָפּ בעתן קאָנטראָל אַף דער לעצטער סטאַנציע האָט מען אייך אריינגעשריבן אין דער רשימה פון די אָפיצערן, וואָס פאָרן מיטן דאָזיקן עשעלאָן. מען האָט אייך, אויב מען מעג זיך אַזוי אויסדריקן, אָפיציעל געפונען, און אַף אונדזער קאַפּראַל וועט מחמת דער געלעגנהייט אנגעגעבן ווערן א ראַפּאָרט.

— אַזוי, אַזוי, — האָט דער פאַטער זיך אָפּגעזיפצט. הייסט דאָס, אַז אַף דער צווייטער סטאַנציע וועל איך מוזן אריבערגיין

אין שטאַב־וואַגאָן. ווייסט איר ניט, וואָרימעס האָט מען שוין דערלאַנגט?

— וואָרימעס עסן וועט מען ערשט אין ווין, — האָט אַרייַנגעשטעלט זיין וואָרט דער קאַפּראַל.

— הייסט דאָס, אַז איר האָט מיר אונטערגערוקט צו־קאָפּנס אייער מאַנטל? — האָט דער פֿאָטער זיך געווענדט צו שווייקן.

— איך דאַנק אייך פֿון טיפֿן האַרצן.

— ניטאָ פֿאַר וואָס, — האָט געענטפֿערט שווייק, — איך האָב געטאָן נאָר דאָס, וואָס עס וואָלט באַדאַרפֿט טאָן איטלעכער מענטש, ווען ער זעט, אַז זיין עלטסטער האָט גאָרנישט צו קאָפּנס און אַז דער עלטסטער איז . . . אַ ביסל דאָסיק . . . איטלעכער סאָלדאַט באַדאַרף אָפּגעבן כּבֿוד זיין עלטסטן, אַפֿילו אויב יענער איז ניט גאָר ביי זיך. איך האָב אַ גרויס געניטשאַפֿט מיט פֿעלדקוראַטן וואָרום איך בין געווען אַ דינער ביים פֿעלדקוראַט אָטאָ קאַץ. דאָס איז אַן עולם אַ פֿריילעכער און אַ ווילער.

אַפֿן ניכטערן האַרצן האָט דעם פֿעלדקוראַט אָנגעכאַפּט אַ שטימונג פֿון דעמאָקראַטיזם. ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ סיגאַרעט און דערלאַנגט שווייקן — ווי יענער זאָגט: נאַ, ברודער, כאַפּ אַ רויכער.

— אַף דיר, — האָט ער זיך געווענדט צום קאַפּראַל, מעט מען, ווערליג מען זאָגט, אָנגעבן אַ ראַפּאָרט פֿון וועגן מיר? זאָלסטו גאָר קיין מורא ניט האָבן, איך וועל דיר שוין אַרויסנעמען פֿון דער צרה, און דיר וועט קיין זאַך ניט געשען.

— און דיך האָט ער געזאָגט צו שווייקן, — וועל איך נעמען מיט זיך. דו וועסט ביי מיר לעבן, ווי גאָט אין פֿראַנקרייך.

און ער איז געוואָרן אַזוי גוט און אַזוי צוגעלאָזט צו אַלעמען, און ער האָט צוגעזאָגט איטלעכן צו פֿאַרשאַפֿן אַ פֿאַרגעניגן. דעם פֿרייוויליקן וועט ער קויפֿן שאָקאָלאַד, די וואַך־סאָלדאַטן ראָם, דעם קאַפּראַל האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אַריבערצופֿירן אין דער פֿאָטאָגראַפֿיר־אָפּטיילונג פֿון דער 7־טער קאַוואַלעריע־דיוויזיע, און בכלל וועט ער אַלעמען באַפֿרייען און קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע פּאַפּיראָסן און גענומען טײלן אַלעמען, ניט נאָר שוויקן אַלײן; דערבײַ האָט ער געמאָלדן, אַז ער דערלויבט בײדע אַרעסטירטע צו רויכערן און ער וועט זאָרגן, אַז דער שטראָף זאָל געמינערט ווערן, אַז זײ זאָלן קאָנען זיך אומקערן צוריק צו אַ נאָרמאַל מיליטעריש לעבן.

— איך וויל ניט, — האָט ער געזאָגט, אַז איר זאָלט מיך דערמאָנען צום שלעכטן. איך האָב גוטע פאַרבינדונגען, און מיט מיר וועט איר ניט פאַרפאַלן גײן. בכלל מאַכט איר אַלע אויף מיר דעם אײנדרוק פון לײַטישע מענטשן ביז גאָר, אַזעלכע וואָס דער אױבערשטער האָט ליב און פאַרלאָזט ניט. און אויב איר האָט געזינדיקט, קומט איר דאָך אָפּ גערן דאָס, וואָס גאָט האָט אויף אײַך אַנגעשיקט.

— פאַר וואָס האָט מען אײַך באַשטראָפט? — האָט ער זיך געווענדט צו שוויקן.

— גאָט האָט אין באַפעל צום פּולק אַרויפגעלײגט אויף מיר אַ שטראָף, הער פעלדקוראַט, — האָט שוויק פרום געענטפערט, — דערפאַר, וואָס איך האָב ניט איבער מײַן שולד פאַרשפּעטיקט צו קומען אין פּולק.

— גאָט איז גרויס אין זײַן גענאַד, — האָט דער פעלדקוראַט אַרויסגערעדט פײַערלעך, — ער ווײס ווען צו שטראָפן. און איר, פרײַוויליקער, פאַר וואָס זיצט איר?

— איך זיץ, — האָט געענטפערט יענער, — ווײל גאָט דער פיל-גענעדיקער האָט באַוויליקט אָנצושיקן אויף מיר אַ רעמאַטיס, ווײל איך בין צו גרויס געווען בײַ זיך. אַז איך וועל אָפּקומען די שטראָף, שיקט מען מיך אָפּ אין קיך אַרײַן

— גאָטס וועגן זײַנען טאַקע ניט צו דערגרונטעווען, — האָט דער פאַטער זיך אָפּגערופן מיט התלהבות, ווײַבאַלד ער האָט דערהערט מכּח דער קיך. — אין קיך קאָן אַ לײַטישער מענטש אויך מאַכן אַ קאַריערע. איך האַלט, אַז גראָד אינטעליגענטע מענטשן וואָלט מען באַדאַרפט באַשטימען אין קיך צוליב כּלערלײ קאָמבינאַציעס, וואָרום וויכטיק איז ניט פּשוט צו קוכערן, נאָר מיט וואָסער ליבשאַפט מען שטעלט צונויף די געריכטן, ווי

אַזוי מען מאַכט זײ פּאַרטיק, און מאַלע וואָס נאָך? איך כאַפּ אײַך אָן, אַשטײַגער, סאַוסן. אַ אינטעליגענטער מענטש, אויב ער וועט מאַכן אַ ציבעלע=סאָוס, וועט ער אײַך נעמען פּאַרשײדענע קרײַטעכצער און אָפּפּרעגלען זײ אַף פּוטער, און דערנאָך צולײגן געווירץ, עפּעס פּעפּער, לאָרבער=בלעטער אָדער אַ קאַפּעלע מושקאַט צי אינגבער. אָ פּראָסטער קוכער אָבער קאָכט אָפּ די ציבעלע, וואַרפט צו רינדערנע גריבענעס, און אַ סוף און אַן עק. אײַך וואלט איך געוואָלט זען וואָס גיכער אין דער קיך פון אַן אָפּיצער=קלוב. אויב אַ מענטש איז מיט אַ שווערן קאָפּ, קען ער זיך ווי עס איז דורכשלאָגן אַ וועג אין אַ פּשוטער מלאכה און סתם אין לעבן, אָבער אין דער קוכער=קונסט איז דאָס באַלד קענטיק. נעכטן אָוונט אין בודוויים האָט מען דערלאַנגט, צווישן אַנדערע זאַכן, נירן און מאַדעראַ=סאָוס. דער וואָס האָט דאָס געמאַכט, דעם וועט געווים דער אויבערשטער מוחל זײַן אַלע זײַנע זינד, וואָרום דאָס איז אַן אמתער אַרטיסט! און אין דער אמתן בײַ זײ אין קיך האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן עפּעס אַ אינטעליגענט, אַ לערער פון סקושטש. און פּונקט אזעלכע נירן און מאַדעראַ=סאָוס האָב איך געגעסן אין אָפּיצער=קלוב פון 64=סטן לאַנדווער פּולק. איז ווייסט איר, וואָס זײ האָבן דאָרט מיט זײ געטאָן? מען האָט אהין אַרײַנגעלײגט קימל, אָט אַזוי ווי אין די פּראָסטע גאָרקיכן לײגט מען אהין אַרײַן פּעפּער. און ווער האָט דאָס געמאַכט? וואָס איז דער קוכער געווען אײדער מען האָט אים גערופן דינען? אַן אַרבעטער אַ פּראָסטער אין אַ פּויערשן הויף.

— דער פעלדקוראַט איז אַנטשלאָפן געוואָרן און דערנאָך האָט ער דעם שמועס פאַרקערעוועט אַף דער קיך=פּראָבלעם אין אַלטן און נײַעם בונד, וואָרום אין יענע צײַטן האָט מען שטאַרק געזאָרגט צו מאַכן געשמאַקע געריכטן נאָכן קירכן=דינסט און אַלע ימים טובים.

— אַז דאָ וואָלט געווען כאָטש אַ קאַפּעלע ראָם, — האָט ער פאַרענדיקט זײַן געלערנטע עקסקורסיע אין אַלטערטום, — וואָלטן מיר געקאָנט אָפּבאַקן זיך אַ ביסל דאָס האַרץ. האָט דער

קאַפּראַל פּאַוואָליע און געהיט אַריינגעשטעקט אַ האַנט אין קעשענע אַריין און האָט אַרויסגעשלעפּט אַ פלעשל ראָם.

— איך האָב דעם כבוד צו מעלדן, הער פעלדקוראַט, — האָט ער געזאָגט שטילערהייט, און עס איז קענטיק געווען, ווי ער שטריינגט זיך אָן דאָס אַרויסצוברייננגען פון מויל, — אַ טאָ דאָ, אויב איר וועט קיין פאַריבל ניט האָבן . . .

— איך בין, זונעלע מיינס, ניט פון די וואָס האָבן פאַריבל, — האָט געענטפערט דער פאַטער מיט אַ מונטערע שטים. — אָנו לאָמיר נאָר כאַפּן אַ טרונק, דער אויבערשטער זאָל מצליח זיין אונדזער וועג.

— יעזוס־מאַריאַ! — האָט דער קאַפּראַל אַ זיפץ געטאָן פאַר זיך, בעת ער האָט דערזען, אַז נאָך אַזאַ גרונטיקן זופּ איז אין פלעשל געבליבן אַ העלפט.

— אַט אַזעלכער זייט איר דאָס! — האָט דער פעלדקוראַט אַ שמייכל געטאָן און מיט אַ ווונק אין דער זייט צום פרייוויליקן, — איר דערמאָנט נאָך גאָטס נאָמען! אויב אַזוי מוז דער אויבערשטער אייך ניט אַנדערש באַשטראָפן.

— און דער פאַטער האָט זיך ווידער צעקושט מיטן פלעשל. דערנאָך האָט ער דאָס דערלאַנגט שווייקן און באַפוילן:

— פאַרענדיק!

— אַף מלחמה ווי אַף מלחמה — האָט שווייק געזאָגט גוטמוטיק צום קאַפּראַל, דערלאַנגענדיק אים דאָס פּוסטע פלעשל. יענער האָט דערויף געענטפערט נאָר מיט יענעם ווילד בליש־טשעדיקן קוק, וואָס עס טרעפט נאָר ביי משוגעים.

— איצט וועל איך ביז ווען ווידער אַמאָל כאַפּן אַ דרעמל, — האָט דערקלערט דער פעלדקוראַט, און וואָלט אייך בעטן מיך אופצוועקן, ווי נאָר מיר וועלן קומען אין ווין.

— און איר, — האָט ער זיך געווענדט צו שווייקן, — וועט דערנאָך אַראָפגיין אין דער אָפיצער־קיך און ברייננגען מיר עסן, איר וועט זאָגן, אַז דאָס איז פאַרן אויבער־פעלדקוראַט לאַצינאַ. סטאַרעט זיך צו קריגן אַ טאָפּלטע פאָרציע. אויב עס וועלן זיין קניידלעך, זאָלט איר נעמען ניט פון ברעג, ווייל עס

לוינט ניט. דערנאָך וועט איר מיר ברענגען פון קיך אַ בוטל ווײַן, און נעמט מיט זיך אַ קעסעלע. מען זאָל אײַך אָנגיסן ראָם.

— פּאַטער לאַצינאַ האָט גענומען ארומטאַפּן בײַ זיך אין די קעשענעס.

— הערט זיך אײַן, — האָט ער זיך געווענדט צום קאַפּראַל,

— איך האָב קײן קלײנגעלט ניט, אַנטלײַט מיר אַ גולדן, אָט אַזוי, נאָט אײַך. ווי רופט מען אײַך?

— שווייק.

— נאָט אײַך אַ גולדן אויפן וועג, שווייק, און אַ צווייטן גולדן וועט איר קריגן, שווייק, ווען איר וועט אַלצדינג אָפּטאָן ווי געהעריג . . . יאָ, שיער ניט פאַרגעסן: זאָלן זיי אײַך געבן פאַר מיר ציגאַרן און פּאַפּיראָסן. אז מען וועט טײלן שאָקאָלאַד, זאָלט איר נעמען פאַר צוויי, און אויב מען וועט געבן קאָנסערוון, זאָלט איר זיך סטאַרען צו נעמען אַ געריכערטן צונג אָדער אַ געגנוענעם לעבער. אויב עס וועט זײַן קען, זאָלט איר זען, מען זאָל אײַך ניט אָפּשנײַדן פון ברעג, און אויב עס וועט זײַן אונגאַרישע וורסט, באַדאַרף איך די עקן ניט האָבן, נאָר דוקא דעם מיטן, וואָס זאַפטיקער.

נאָך אָט די רעדע האָט דער פעלדקוראַט זיך אויסגעצויגן אפן בויך און איז באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן.

— מיר דוכט, — האָט דער פרייוויליקער זיך געווענדט צום קאַפּראַל, — אַז איר מעגט זײַן צופרידן מיט אונדזער אונטערגעוואָרפענעם עופהלע. ער ווײַזט זיך ארויס אַ גאַנץ פיינינקער.

— מען האָט אים שוין, ווי יענער זאָגט, אַנטוויינט, הער קאַפּראַל, — האָט זיך ארײַנגעמישט שווייק: — ער טרינקט שוין פון פלעשעלע.

דער קאַפּראַל האָט אַ ווײַלינקע געקווײַנקלט זיך און דערנאָך האָט ער אוועקגעוואָרפן גאָר די חניפה און האָט טרוקן ארויסגערעדט:

— יאָ, ער איז גאָר אַ קאָטינקע.

— אָט דער קוּנץ זײַנער מיטן קלײַנגעלט, וואָס ער האָט ניט, — האָט שווייק ווייטער גערעדט, דערמאָנט ער מיר אַ געווייסן מליטשקאַ, אַ מוּליער אין דייוויץ . . . יענער האָט אויך קיין מאָל קיין קלײַנגעלט ניט געהאַט, ביז ער איז אַרײַנגעקראָכן אין חובות ביז איבער די אויערן און מען האָט אים אַרײַנגעזעצט פאַר אָפּנאַרערײַ. גרויס געלט פלעגט שטענדיק פאַרשכּורן און קלײַנגעלט האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט.

— אין 75־טן פּולק, האָט געזאָגט איינער פון די וואַך־סאָלדאַטן, — האָט איין קאַפּיטאַן פאַרשכּורט די גאַנצע קאַסע פון פּולק, און ער האָט געמוזט אַרויס אין דימיסיע, איצט איז ער שוין ווידער אַמאָל ראָטע־קאָמאַנדיר; אַ פעלדוועבל, וואָס האָט באַגנבעט די קרוין אויף טוך פאַר לאַצן, — מען האָט אַרויסגעגנבעט אַ שטיקער צוואַנציק טוך, — דינט איצט פאַר אַן אויבער־פעלדוועבל; דערפאַר האָט מען אין סערביע דערשאָסן אַ פּוסגייער־סאָלדאַט דערפאַר וואָס ער האָט אין איין מאָל אויפגעגעסן זיין פּאָרציע, וואָס האָט אים באַדאַרפט קלעקן אויף דרײַ טעג.

— דאָ שמועסט מען ניט וועגן דעם, — האָט דערקלערט דער קאַפּראַל, — נאָר וואָס אמת איז אמת: נעמען בײַ אָן אָרימען קאַפּראַל צוויי גולדן, בכדי אַרויסצוּוואַרפן זיי אויף טרינק־געלט . . .

— נאַט אײַך אָפּ אײַער גולדן! — האָט אויסגערופן שווייק, — איך וויל ניט רײַך ווערן אויף אײַער חשבון. און אַז ער וועט מיר געבן דעם צווייטן גולדן, וועל איך אײַך ווייטער אָפּגעבן, איר זאָלט ניט פלאַנכענען. אין גרונט גערעדט, האָט אײַך נאָר באַדאַרפט הנאה טאָן וואָס אײַער עלטסטער אַנטלייט בײַ אײַך אויף אויסצוטרינקען. נאָר איר זייט אַ גרויסער עגאָאיסט. דאָ האָט געהאַלטן נאָר בײַ אַ פּאָר גולדן, נאָר איך וואָלט געוועז אַ בלען אַ קוק טאָן, ווי וואָלט איר געטאַנצט, אויב איר וואָלט געמוזט מקריב זיין אײַער לעבן פאַר אײַער עלטסטן, אויב ער וואָלט געלעגן אַ פאַרוואונדיקטער ערגעץ נעבן דעם שונאס טראַנשייעס און

איר וואָלט באַדאַרפט אים ראַטעווען און אַרויסטראָגן אים אויף די הענט, און דאָ וואָלט מען אויף אייך געפייערט מיט שראַפּנעלן און מיט שדים ווייסן וואָס נאָך.

— אַזאַ העלד ווי איר וואָלט זיך שוין געוויס באַדאַנקט, — האָט זיך אַ שטאָך געטאָן דער קאַפּראַל. — איך בעט אייך איבער אייער כבוד — אַן אָפיצערס-דינער!

— אין איטלעכן געשלעג זיינען פאַראַן עטלעכע אַזעלכע, וואָס באַראָסן זיך, — האָט זיך ווידער אַריינגעמישט אין שמועס איינער פון די וואַך-סאָלדאַטן. — אַט אַנוסטן אין בודוויס האָט מיר אַ פאַרוואונדעטער חבר דערציילט, אַז ווען זיי זיינען געגאַנגען אין אַטאַקע, האָט ער זיך באַדאַנקט דריי מאָל נאָך אַנאַנד. דאָס ערשטע מאָל, ווען זיי זיינען אַרויסגעקלעטערט פון די גראָבנס און גענומען פויזען צו די דראָט-פאַרצאַמונגען, דערנאָך, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן שנײַדן די דראָט, און דער דריטער מאָל — ווען די רוסן האָבן אַ הויקע געטאָן „הוראַ" און זיך געלאָזט צו אים לויפן מיט די באַגנעטן דערנאָך זיינען אונדזערע געלאָפן צוריק צו די טראַנשייען, און אין זייער קייט איז ניט געווען קיין איינער, וואָס זאָל זיך ניט האָבן באַדאַנקט... יאָ, דאָ קען מען שוין גאָר-ניט וויסן אפריער. וואָס מיט אַ מענטשן קען פּאַסירן.

— ווידער אַמאָל טרעפט, — האָט געזאָגט שוויק, — אַז אַ מענטש הויבט אָן קערן ברעכן בעת אַ געשלעג. אין פּראָג אין אַ קאַפּעי האָט איין קראַנקער, וואָס האָט געהאַלטן ביים געזונט ווערן, מיר דערציילט, ווי אַזוי ער איז געווען אין אַ שלאַכט נעבן איינעם פון די פאָרטן פון פּערעמישל. איז מיט אַמאָל אויס-געוואַקסן פאַר אים אַ רוסישער סאָלדאַט, הויך ווי אַ באַרג, און גלייך אויף אים מיטן באַגנעט, און אונטערן נאָז ביים רוס הייגנט אַ טראָפּן גרויס ווי אַן איי. ווי מיין באַקאַנטער האָט אַ קוק געטאָן אויפן דאָזיקן טראָפּן, אויפן סמאַרן הייסט דאָס, האָט אים באַלד גענומען קערן ברעכן, אַז ער האָט געמוזט תיכף אוועקגיין אין פּונקט, און דאָרט האָט מען ביי אים געפונען כאָלערע דערנאָך האָט מען אים אָפּגעשיקט אין כאָלערע-באַראַק אין פּעשט, און דאָרט האָט ער טאַקע מיט אַן אמתן געכאַפּט די כאָלערע.

— וואָס איז ער געווען, אַ פּראָסטער סאָלדאַט אָדער אַ קאַפּראַל? — האָט געפרעגט דער פּרייווויליקער.

— אַ קאַפּראַל, — האָט שווייק געענטפערט אָן אַ קלער צו טאָן.

— דאָס וואָלט זיך געקאָנט טרעפן מיט איטלעכן פּרייווויליקן. — האָט דער קאַפּראַל באַמערקט מעשה גראָבער קאָפּ, און דערביי האָט ער מיט נצחון אַ קוק געטאָן אויפן פּרייווויליקן, ווי איינער זאָגט: „קוגציק דיך פּאַטשאַפּעט, אַ? אַנו, וואָסטו דערויף זאָגן?

נאָר יענער האָט געשוויגן און זיך אויסגעצויגן אויפן באַנק.

ווין איז שוין געווען ניט ווייט. ווער עס איז ניט געשלאָפן, דער האָט מיט חידוש געקוקט דורכן פענצטער אויף די דראָט־פאַרצאַמונגען און בלערליי באַפעסטיקונגען, וואָס זיינען געווען געמאַכט אַרום דער הויפּט־שטאָט.

ניכּר, אַז אויפן גאַנצן צוג האָט אָט די שטעכעדיקע דראָט אָנגעוואָרפן אַ שטיקל מרה־שחורה. וואָרום אפילו די דייטשע דאָר־פישע בחורים פון בערג רייכנשטיין, וואָס האָבן נאָך אַלץ אין די הינטערשטע וואַגאָנעס מיט ווילדע קולות אַרויסגעשריען זייערע לידער, זיינען איצט, ווען מען איז דורכגעפאָרן דורך די פאַר־צאַמטע פאַרשטעט, אַנטשוויגן געוואָרן.

— אַלץ איז געווען אין אָרדענונג, — האָט אַרויסגעשריען שווייק זיין מיינונג מכּח די גראָבנס: — אַלץ אין דער בעסטער אָרדענונג. מער ניט וואָס די ווינער, אַז זיי פאָרן אַרויס אויסער שטאָט קאָנען זיך צערייסן די הויזן אין די שטעכלקעס. דאָ מוז מען זיין זייער פאָרזיכטיק.

— און — דאָס איז בכלל זייער אַ וויכטיקע שטאָט, — האָט ער ווייטער גערעדט. — ווען מען טוט נאָר אַ קלער, וויפיל ווילדע חיות עס זיינען פאַראַן כאָטשבי אין איין שענברונער זאָאָ־לאָגישן גאָרטן. אַז איך בין מיט עטלעכע יאָר צוריק געווען אין ווין, האָב איך מער פון אַלץ ליב געהאַט צו גיין קוקן די מאַלפּעס. אָבער ווען עמיצער פון די הויכע פענצטער פלעגט אַרויספאָרן

פון שענברונער פאַלאַץ, פלעגט מען קיינעם ניט דורכלאָזן אהין. מיט מיר איז געווען אַ שניידער פון 9=טן באַצירק, האָט מען אים אריינגעזעצט דערפאַר, וואָס ער האָט ניט אנדערש געוואָלט זען די מאַלפּעס.

— און אין פאַלאַץ גופא איז אייך אויסגעקומען צו זיין? — האָט געפרעגט דער קאַפּראַל.

— אָט דאָס איז א הפלא ופלא! — האָט געענטפערט שוויק. — אליין אמת בין איך דאָרט ניט געווען, נאָר מיר האָבן דערציילט מענטשן, וואָס זיינען דאָרט געווען. שענער פון אלץ איז די ראָטע פון די הויף=גרענאַדירן. זיי זאָגט מען, דאַרפן זיין ניט ווינציקער פון צוויי מעטער די הייך, און דערנאָך אז זיי דינען זיך אויס, קריגן זיי נאָך שטעלעס אין דער טאַבאַק=מאָנאָפּאָל. און פּרינצעסינס זיינען דאָרט פאַראַן — ווי די הינט!

זיי זיינען פאַרבייגעפאָרן אָן זיך אָפּצושטעלן עפּעס אַ וואָק=זאַל, פון וואַנען עס האָט זיך געהערט א שוואַכער אָפּהילך פון די קלאַנגען פון עסטרייכישן הימן; דאָס האָט געשפּילט אן ארקעסטר, וואָס איז מסתמה געשיקט געוואָרן אהין על פּי טעות. ווארום ערשט אין א היפּשער צייט ארום איז זייער צוג אנגעקומען וווּ ער האָט געדאַרפט און איז געבליבן שטיין. דאָרט האָט מען גע=טיילט מיטאָק און אָפּגעריכט א פייערלעכן קבלת פּנים.

נאָר איצט איז שוין ניט געווען אזוי ווי אין אָנהויב קריג, פלעגן זיך איבערעסן אף איטלעכער סטאַנציע, ווייל עס פלעגן זיי באַגעגענען מחנות פריילנס אין אידיאָטישע ווייסע קליידער און מיט נאָך מער אידיאָטישע פּנימער און מיט משונה נאַרישע בוקעטן בלומען און מיט נאָך א סך נאַרישערער רעדע פון עפּעס אַ מאַדאַם, וואָס איר מאַן שפּילט איצט די ראָלע פון אן איבער=צייגטן פאַטריאָט און רעפּובליקאַנער.

אפן קבלת=פּנים אין ווין זיינען געווען דריי מיטגלידער פון עסטרייכישן רויטן קרייץ, צוויי מיטגלידער פון אַ מיליטער=פאַריין פון ווינער פרויען און צו איין אפיציעלן פאָרשטייער פון ווינער שטאָט=פאַרוואַלטונג און פון קאָמענדאַנט.

אפן פנים פון אַט די מענטשן איז געווען קענטיק אַ גרויסע מידקייט.

מיליטער־צוגן פלִיען דאָ פאַרבייפאָרן דורכן מעת־לעת, סאַניטאַר־צוגן מיט פאַרווּנדעטע פלִיען פאַרבייגיין יעדע שעה; אויף די וואָקזאַלן פלעגט מען אַלע ווײַלע אַריבערפירן וואַגאָנעס מיט געפאַנגענע פון איין ליניע אויף דער צווייטער, און בײַ דעם אַלעמען האָבן געמוזט זײַן דערבײַ פאַרשטייער פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטן און אַנשטאַלטן. דאָס איז געגאַנגען אַזוי טאָג אויס טאָג איין, און פון דער לכתחילהדיקער התלהבות איז געבליבן נאָר אַ נודעניש. מענטשן פלעגן זיך בײַטן צו אַט די באַגעגענישן, נאָר אַלע די וואָס פלעגן נאָר קומען אויף אַ ווײַנער וואָקזאַל, האָבן געהאַט דעם זעלביקן אויסדרוק פון מידקייט אַפן פנים, ווי די וואָס האָבן היינט אָפּגעוואַרט דעם צוג מיטן בודווייסער פּולק.

פון די וואַגאָנעס האָבן אַרויסגעקוקט סאָלדאַטן, וואָס אין זייער בליק איז געווען דער זעלביקער יאוש, ווי בײַ פאַרמשפּטע צום טויט.

צו זיי זײַנען צוגעגאַנגען דאַמען און האָבן געטיילט לעקעכלעך מיט אויפשריפטן פון צוקער „ביזן זיגערישן סוף!“ אָדער „גאָט, שטראָף ענגלאַנד!“ אָדער „דער עסטרייכישער סאָלדאַט האָט אַ פאָטערלאַנד, ער ליבט דאָס, און דערפאַר ווייס ער, פאַר וואָס ער קעמפט“.

עס איז געווען קענטיק, ווי די בערג־אײַנוווינער פון בערג־רײַכענשטיין האָבן געפּאַקט די לעקעכלעך אין בײדע באַקן, נאָר דער אויסדרוק פון יאוש איז ניט אַראָפּ פון זייער פנים.

דערנאָך איז געגעבן געוואָרן אַ באַפעל צו צוגיין ראָטעסווייס צו די פעלד־קיכן, וואָס זײַנען געווען אויסגעשטעלט אַפן פּעראָן, און באַקומען וואַרימעס.

דאָרט האָט זיך געפונען אויך די אָפיצערן־קיך, וואָס דאָרט האָט שווייק אָפּגעגעבן דעם פעלד־קוראַטס קוויטעלע. דער פרײַוויליקער ווירער האָט געוואַרט גערולדיק, ביז מע, וועט אים

געבן עסן, ווייל צוויי וואַך־סאָלדאַטן זײַנען אוועק ברענגען וואַרעמעס פֿאַרן גאַנצן אַרעסטאַנטן־וואַגאָן.

שווייק האָט אויסגעפֿירט זײַן שליחות מעשה־בריה. צוריקוועגס האָט ער שפּאַנענדיק איבער די רעלסן צו זײַן וואַגאָן, מיטאַמאָל דערזען דעם לייטענאַנט לוקאַש. יענער איז אַרומגעגאַנגען אַהין און אַהער איבער דער אײַזנבאַן־ליניע און געוואַרט, צי וועט אים אויך אָנקומען עפּעס פֿון דער אָפֿיצערן־קיך.

זײַן לאַגע איז געווען ניט גאָר קיין געשמאַקע, וואָרום צײַטווײַליק האָט ער געמוזט אויסקומען מיט איין דינער בשותּפֿות מיט לייטענאַנט קירשנער. דער דאָזיקער נפֿש האָט געזאָרגט נאָר וועגן זײַן אייגענעם אָפֿיצער, און לייטענאַנט לוקאַש איז געווען בײַ אים אַ שטיף־קינד.

— פֿאַר וועמען טראָגט איר דאָס, שווייק, — האָט אַ פֿרעג געטאָן דער אומגליקלעכער לייטענאַנט, אַז שווייק האָט אוועקגעלייגט אויף דער ערד אַ גאַנצן פּאַק גוטע זאַכן, וואָס ער האָט דערקאָזשעט פֿאַרן פֿעלד־קוראַט און אײַנגעוויקלט אין זײַן מאַנטל.

אויף אַ רגע האָט שווייק זיך דערשראָקן: אָבער תּיכּף האָט ער זיך געשטאַרקט, און זײַן פּנים האָט געשײַנט פֿון פֿרייד און פֿון מנוחה, בעת ער האָט געענטפֿערט:

ערלויבט צו מעלדן, הער לייטענאַנט, דאָס איז פֿאַר אײַך. איך ווייס נאָר ניט, ווו איז אײַער קופּע, און חוץ דעם ווייס איך ניט, וואָס'ט זאָגן דער קאָמענדאַנט פֿון צוג, ווען איך וועל אַוועקגיין צו אײַך. מיר דוכט, ער איז אַ גרויסער חזיר.

האָט דער לייטענאַנט אַ קוק געטאָן ווי פֿאַרוווּנדערט אויף שווייקן, וואָס האָט ווײַטער גערעדט מיט דעם זעלביקן גוטמוטיקן און צוטרוילעכן טאָן:

— אמת, ער איז אַ חזיר, הער לייטענאַנט, אַז ער האָט בײַ אונדז אין וואַגאָן קאָנטראָלירט, האָב איך זיך באַלד געמאָלדן, אַז עס האָט שוין געשלאָגן עלף און אַז איך בין שוין אָפּגעזעסן מײַן צײַט און אַז מען באַדאַרף מיך אַריבערפֿירן אין קעלבערוואַגאָן אָדער צו אײַך. האָט ער מיר געזאָגט מיט אַזאַ חוצפּה, אַז

איך זאָל בלייבן אין ארעסטאנטן וואַגאן כדי איך זאָל אונטערוועגס ניט אנטאָן בזיונות אייך, הער לייטענאַנט.

שווייק האָט געמאכט א וויינערדיקע מינע.

— אזוי ווי איך וואָלט אייך, הער לייטענאַנט, ווען עס איז אנגעטאָן בזיונות.

לייטענאנט לוקאַש האָט נאָר אָפּגעזיפּצט.

— קיין בזיונות, — האט שווייק ווייטער גערעדט, — האָב איך אייך שוין געווים ניט אנגעטאָן, און אויב עס איז עפּעס געווען, איז דאָס געווען א צופאַל, א באַשערטע זאַך פון גאָט, ווי עס פלעגט זאָגן דער אלטער וואניטשען פון פּילגראַם, אז ער איז אָפּגעזעסן זיין זעקס־און־דרייסיקסטן טערמין. אף מיין ווארט, איך האָב קיין מאָל ניט געטאָן קיין זאַך מיט א כיוון, הער לייטע־נאַנט, איך האָב שטענדיק געוואָלט מאכן אלץ פיינער און אלץ בעסער, און איך בין ניט שולדיק, וואס מיר ביידע האָבן דערפון קיין הנאה ניט געהאַט, נאָר רק פארשלעפּעניש און כלערליי צרות.

— נו, מילא, וויינט ניט אזוי, שווייק, — האט לייטענאַנט לוקאַש געזאגט פריינטלעך, אַז זיי זיינען צוגעגאנגען צום שטאַב־וואַגאָן. — איך וועל אלץ איינשטעלן אזוי, אַז איר זאָלט ווייטער בלייבן ביי מיר.

— אָ ניין, הער לייטענאנט. איך וויין ניט. מיר איז נאָר געווארן פלוצים אזוי פאַרדראָסיק, וואָס מיר מיט אייך זיינען די סאַמע אומגליקלעכסטע מענטשן אין דער דאָזיקער מלחמה און בכלל אף דער וועלט און מיר ביידע זיינען דערין גאָר ניט שולדיק... דאָס איז שוין מיין ביטער מזל, אז איך גיב א קלער, אז איך בין שטענדיק געווען אזוי צוגעטאָן...

— באַרואיקט זיך, שווייק.

— גאַנץ ריכטיק, הער לייטענאנט, איך סמייע ניט צו ווידערשפּעניקן, זיסט וואלט איך געזאגט, אז איך קען זיך בכלל ניט באַרואיקן, מילא, איך מוז דאָך זאָגן, אַז לויט אייער באַפעל האָב איך זיך באַרואיקט אין גאַנצן.

— הייסט דאָס, קריכט אין וואַגאָן שווייק.
— גאַנץ ריכטיק, הער לייטענאַנט, איך קריך שוין.

## 4.

# שווייק אין קיראַליבידע.

איבער דעם מיליטער־לאַגער אין ברוק האָט געהערשט נאַכט־שטילקייט. אין די באַראַקעס פאַר די פּראָסטע זעלנער האָבן די סאָלדאַטן געציטערט פאַר קעלט, און אין די אָפיצער־באַראַקעס האָט מען געהאַלטן אָפן די פענצטער, וואָרום דאָרט איז געווען צו הייס.

אומעטום זיינען געווען צעשטעלט וואַך־סאָלדאַטן, וואָס האָבן ארומגעשפּרייזט אַהין און צוריק מיט געמאָסטענע טריט בכדי נישט אַנטשלאָפן צו ווערן.

אין איינעם פון די אָפיצער־באַראַקעס איז שפּעט ביינאַכט געזעסן שווייק און האָט געוואַרט אַף זיין לייטענאַנט לוקאַש, וואָס איז פאַרנאַכט אַוועק אין שטאָט, אין טעאַטער אַריין, און איז ביז איצט נאָך נישט געווען געקומען צוריק. שווייק איז געזעסן אַפן אויסגעבעטן בעט פון זיין אָפיצער און אים קעגנאיבער אַפן טיש איז געזעסן דער באַדינער פון מאַיאָר ווענצל. די צימערן פון לוקאַש און פון ווענצל זיינען געווען אין זעלביקן קאָרידאָר. מיקולאַשעק, מאַיאָר ווענצלס דינער, אַ נידעריק געוואַקסענער, געשטופּלטער יונג, האָט געשאָקלט מיט די פיס און זיך געזידלט.

— איך קאָן זיך נישט אָפּוווּנדערן אַף אָט דעם אַלטן תּרח, וואָס ער איז נאָך נישטאָ. און ווו טראָגט דאָס אים דער שוואַרץ־יאָר ארום שפּעט ביינאַכט? ער וואָלט זיך כאָטש געהאַט אָנגע־שטויסן מיר צו לאָזן דעם שליסל פון צימער, וואָלט מען געקאָנט כאַפּן אַ זופּ און אַ דרעמל טאָן. איך האָב דאָרט ווין אַסך.

— מען זאָגט, ער גנבעט ווין, — איז אים שווייק אַריינ־געפאַלן אין די רייד; ער האָט זיך בהרחבה געריבערט זיין

אָפּיצערס פּאַפּיראָסן, וואָרום לוקאַש האָט אים געהאַט פּאַרזאָגט, ער זאָל ביי אים אין צימער מיט זיין ליולקע ניט אָנרייכערן. — דו ווייסט דאָך מסתמא, פון וואַנען קומט צו אייך וויין?

— אויך מיר אַ דאגה! איך גיי, וווהין ער שיקט מיך, — האָט זיך מיקולאַשעק אָפּגערופן אַף אַ בייקול. — ער גיט מיר אַ קוויטל אַזוינס, און איך גיי קריגן אַ פּאָרציע פּאַר קראַנקע און שלעפּ אַהער אַהיים.

— און אויב ער וואָלט דיר געהייסן, — האָט שווייק גע־פרעגט, — אַוועקגנבען די קאַסע פון פּולק, וואָלסטו דאָס אויך געטאָן? אָט דאָ, הינטערן רוקן, זידלסטו אים, און אַליין ציטער־סטו פאַר אים ווי אַ בלאַט.

מיקולאַשעק האָט אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן.

— נו, דאָס איז ווי מען זאָגט...

— דאָ איז ניטאָ וואָס צו זאָגן, דו שנעק איינער! — האָט שווייק אַף אים אָנגעשריען, נאָר איז תיכּף אַנטשוויגן גע־וואָרן, וואָרום עס האָט זיך געעפנט די טיר און עס איז אַריין לייטענאַנט לוקאַש. מען האָט באַלד געקאָנט דערקענען, אַז עס איז אים גוט אַפן האַרצן, וואָרום דאָס היטל איז ביי אים געווען פאַרדרייט מיטן דאַשעק אַף הינטן.

מיקולאַשעק האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער האָט אַפילו פאַרגעסן אַראָפּצושפּרינגען פון טיש און האָט אָפּגעגעבן דעם גרוס זיצנדיק, דערביי פאַרגעסן לחלוטין, אַז ער האָט ניט קיין היטל אַפן קאָפּ.

— ערלויבט צו מעלדן, הער לייטענאַנט, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, — האָט געמאָלדן שווייק, אויסגעצויגן זיך מעשה־זעלנער, נאָר מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל.

נאָר לייטענאַנט לוקאַש האָט דאָס ניט באַמערקט, נאָר ער איז גלייך צוגעגאַנגען צו מיקולאַשעקן, וואָס איז נאָך אַלץ געזעסן שטייף אַפן טיש מיט אויסגעגלאָצטע אויגן.

— ערלללויבט זיך פאָרצושטעלן: לייטענאַנט לוקאַש, — האָט ער אַרויסגערעדט ניט מיט קיין גאָר פעסטער שטים. — און ווי רופט מען אייך?

מיקולאַשעק האָט ניט געענטפערט. האָט לייטענאַנט לוקאַש צוגערוקט צו מיקולאַשעקן, וואָס איז געזעסן אַפּן טיש, אַ שטול, האָט זיך אַנידערגעזעצט, אַ קוק געטאָן אַפן סאָלדאַט פון אונטן אַרויף און האָט געזאָגט:

— שוויק, ברענגט נאָר אַהער פון טשעמאָדאַן מיין דינסט-רעוואָלווער.

אין דער צייט וואָס שוויק האָט אַרומגעזוכט אין טשעמאָדאַן, האָט מיקולאַשעק, פאַרשטיינערט פון שרעק, געשוויגן ווי אַ געהרגעטער און נאָר מיט אימה געקוקט אַפן לייטענאַנט אויב ער וואָלט אין יענער מינוט זיך געקאָנט אָפּגעבן אַ חשבון, אַז ער זיצט אַפּן טיש, וואָלט ער דאָס ניט אַריבערגעטראָגן, וואָרום מיט זיינע פיס האָט ער אָנגערירט די קני פון לייטענאַנט, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן אים.

— היי, מענטש איינער, ווי הייסט איר? — האָט דער לייטענאַנט איבערגעחזרט זיין פראַגע.

נאָר יענער האָט עקשנותדיק געשוויגן. ווי ער האָט שפּעטער דערקלערט, איז ער געזעסן אַזוי ווי געליימט. ער האָט געוואָלט אַראָפּשפּרינגען פון טיש, און האָט ניט געקאָנט, געוואָלט ענטפערן, און ניט געקאָנט, געוואָלט אַראָפּלאָזן די האַנט און ניט געקאָנט...

— דער רעוואָלווער איז ניט אָנגעלאָדן, הער לייטענאַנט, — האָט געמאָלדן שוויק.

— איז לאָד אים אָן, שוויק.

— אָ ניין, הער לייטענאַנט, דאָס איז ניט מיגלעך, מיר האָבן ניט קיין פּאַטראָנעס און אָט דעם ליימענעם גולם איז ניט באַקוועם אַראָפּצונעמען פון טיש מיט אַ קויל. ערלויבט צו מעלדן, הער לייטענאַנט, אַז דאָס איז מיקולאַשעק, דער דינער פון הער מאַיאָר ווענצל. דאָס איז שוין אַ באַוווּסטע זאַך, אַז ער בלייבט אָן לשון, ווען ער זעט עמיצן פון די הערן אָפיצערן. ער שעמט זיך בכלל צו ריידן. ער איז בכלל, ווי איך האָב אים געזאָגט, אַ פענטיוך, אַ געשלייערטע לעלע. הער מאַיאָר ווענצל גייען אַוועק אין שטאָט אַריין און לאָזן דאָס איבער אין קאָרידאָר, און

דאָס בלאָנקעט אַרום איבער די באַראַקעס בײ די איבעריקע אָפיצער־דינערס. וואָלט געווען כאַטש, פאַרוואָס מורא צו האָבן, דאָס האָט דאָך אָבער גאָרנישט ניט געטאָן.

שווייק האָט אַפילו אויסגעשפּיען. לויט זײן שטים און לויט דעם, ווי ער האָט גערעדט וועגן מיקולאַשעקן בלשון „דאָס", איז קענטיק געווען, ווי געפאַלן יענער איז בײ אים אין די אויגן פאַר זײן פּחדנות, וואָס פּאַסט גאָרניט פאַר אַ קריגס־העלד.

— אַזוי ערלויבט, הער לייטענאַנט, — האָט שווייק ווייטער גערעדט, — אים אַרומצושמעקן.

און שווייק האָט גענומען מיקולאַשעקן, וואָס האָט נאָך אַלץ געקוקט מיט אַרויסגעשטאַרצטע אויגן, ווי אַ אידיאָט, אַפן לייטע־נאַנט, אַראָפּגעשלעפּט אים פון טיש, אים אַוועקגעשטעלט אַף די פיס און באַשמעקט.

— נאָך ניט, — האָט ער געמאָלדן, — נאָר ער הויבט שוין אָן. באַפעלט אים אַרויסצוּוואַרפן?

— וואַרפט אים אַרויס, שווייק.

און שווייק האָט אַרויסגעפירט מיקולאַשעקן, וואָס האָט זיך געטרייסלט פאַר שרעק, אין קאָרידאָר און אַף יענער זייט טיר האָט ער צו אים אַזוי געזאָגט:

— הייסט דאָס אַז איך האָב דיר געראַטעוועט דײן לעבן, דו שוטה בן פּיקהאָלץ. דערפאַר זאָלסטו מיר ברענגען בשתיקה צו שלעפן אַ פלעשל ווײן, איידער מאַיאָר ווענצל איז געקומען. נו, אָן קאַטאָוועס. ערנסט, איך האָב דיר געראַטעוועט דאָס לעבן. אַז מײן לייטענאַנט איז שכור, קאָן זיך דאָס אויסלאָזן ניט גוט. נאָר איך אַליין קאָן זיך מיט אים באַגײן, מער קײנער ניט.

— איך...

— אַ פוילע נבלה ביסטו, אָט וואָס — האָט שווייק גע־זאָגט מיט ביטול. — זײַ זיך אַפן שוועל און וואַרט, ביז׳ס קומען דײן מאַיאָר ווענצל.

— אָט זייט איר געקומען, — האָט לייטענאַנט לוקאַש מקבל פּנים געווען שווייקן. — איך וויל מיט אײַך זיך דורכ־שמועסן. נאָר שטייט ניט ווידער אַזוי שטײף אויסגעצויגן ווי אַ

אידיאָט... זעצט זיך, שווייק. האַלט די מויל און האָרכט זיך צו מיט קאָפּ! ווייסט איר, ווו עס איז אין קיראַליכידע סאָפּראָני־גאַס? פאַרשרייבט זיך אף אַ פּאַפּירל: „סאָפּראָני גאַס נומער 16. אין יענעם הויז געפינט זיך נאָך אַן אייזן־געשעפט. איר ווייסט, וואָס דאָס איז אייזן־געשעפט? צום טייוול, זאָגט ניט: „גאַנץ ריכטיק!“ זאָגט: „איך ווייס“ אָדער „איך ווייס ניט“. בכן, איר ווייסט, וואָס דאָס איז אַזוינס אַן אייזן־געשעפט? הייסט דאָס, איר ווייסט? פיין! דאָס געשעפט געהער איינעם אַ מאַדיאַר, אַ געוויסן קאַקאָני. ווייסט איר, וואָס איז דאָס אַזוינס אַ מאַדיאַר? טמטייוול! ווייסט איר אָדער ווייסט איר ניט? איר ווייסט? אויסגעצייכנט! איבערן געשעפט געפינט זיך דער ערשטער גאָרן, און דאָרט וווינט ער. ווייסט איר דאָס? איר ווייסט ניט? איז זאָג איך אייך דאָס, אַז ער וווינט דאָרט. איז דאָס אייך גענוג? גענוג? זייער גוט! אויב דאָס וואָלט אייך ניט געווען גענוג, וואָלט איך געהייסן אוועקזעצן אייך אין אַרעסט. איר האָט זיך אָנגעמערקט, אַז דעם דאָזיקן טיפּ רופט מען קאַקאָני? מען דאַרף ניט בעסער! הייסט דאָס, מאָרגן פרי, אַזייגער צען, וועט איר אַראָפּגיין אין שטאָט, אופזוכן דאָס דאָזיקע הויז, אַרופגיין אפן ערשטן גאָרן און איבער־געבן פרוי קאַקאָני דעם דאָזיקן בריוו.

און לייטענאַנט לוקאַש האָט אופגעעפנט זיין פּולאַרעס און גענעצנדיק דערלאַנגט שווייקן אַ ווייסן קאָנווערט אָן אַן אַדרעס.

דאָס איז זייער אַ וויכטיקער ענין, שווייק, — האָט ער ווייטער גערעדט. — מען מוז שטענדיק זיין געהיט, און דערפאַר, זעט איר, איז אפן קאָנווערט טאַקע קיין אַדרעס ניטאָ. איך פאַר־לאָז זיך אין גאַנצן אף אייך, אַז איר וועט איבערגעבן דעם בריוו וועמען מען דאַרף. פאַרצייכנט זיך נאָך. אַז מען רופט די דאָזיקע דאַמע עטעלקאַ; פאַרשרייבט אַזוי: „פרוי עטעלקאַ קאַקאָני“. איך חזר אייך איבער נאָך אַמאָל, אַז איר מוזט איבערגעבן דעם בריוו ניט אַנדערש צו איר אין די הענט און וואַרטן אף אַן ענטפער. אַז איר וואַרט אף אַן ענטפער, דאָס איז אָנגעשריבן אין בריוו... נו, וואָס דאַרפט איר נאָך?

— און אז מען וועט מיר ניט געבן קיין ענטפער, וואָס זאָל איך דעמאָלט טאָן?

דעמאָלט וועט איר איר מוזן דערמאָנען, אז איך מוז קריגן אַן ענטפער, זאָל זיין וואָס עס וויל, — האָט געזאָגט דער לייטע־נאַנט, ווידער אַמאָל מיט אַ ברייטן געגעץ איבערן גאַנצן מויל.— נו, און איצט גיי איך שלאָפן, איך בין היינט שטאַרק מיד. גע־טרונקען האָב איך פון כל המינים. איך מיין, אז איטלעכער וואָלט זיך איינגעמאַטערט פון אַזאַ אָוונט און פון אַזאַ נאַכט.

לייטענאַנט לוקאַש האָט לכתחילה גאָרניט גערעכנט צו קומען אַהיים אַזוי שפעט. פאַרנאַכט איז ער אַוועק פון לאַגער אין שטאָט אַריין, בכדי אָפּצוזיצן אַ שעה צי צוויי אין מאַדיאַרישן טעאַטער אין קיראַליכידע, ווו מען האָט געשפּילט עפּעס אַ מאַדיאַרישע אָפּערעטע מיט אַרטיסטינס, וואָס זייער הויפּט־מעלה איז געווען, וואָס זיי האָבן ביים טאַנצן געהויבן הויך די פיס. לייטענאַנט לוקאַש איז דערפון ניט שטאַרק נתפּעל געווען.

דערפאַר אָבער אין דער הפסקה נאָכן ערשטן אַקט האָט ער זיך פאַרקוקט אַף אַ דאַמע, וואָס האָט געשלעפּט אַ הערן אין די מיטעלע יאָרן צום גאַרדעראָבע־צימער און האָט ניט אויפ־געהערט צו טענען, אַז זי וויל תיכּף גיין אַהיים און אַז זי וויל ניט קוקן אַף אַזאַ מיאוסקייט. דאָס האָט זי געטענעט גאַנץ הויך אין דייטש, און איר באַגלייטער האָט איר געענטפערט אונ־גאַריש:

— יאָ, יאָ, נשמה מיינע, מיר גייען, מיר גייען. איך בין פולקום מסכים מיט דיר: דאָס איז טאַקע מיאוס.

— ממש אַן עקל! — האָט די אויפגערעקטע דאַמע זיך געבייזערט, בעת זי האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטאָ, און אירע אויגן האָבן אַ בלישצע געטאָן פון כעס — גרויסע, שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן אַזוי געפּאַסט צו איר שיינער פיגור. דערביי האָט זי אַ קוק געטאָן אַפן לייטענאַנט לוקאַש און נאָך אַמאָל ענערגיש איבערגעחזרט: — עקל, עקל!

דאָס איז געווען אַ ריכטיקער אָנהויב פאַר אַ ראָמאַן אַף איין פוס.

בײַ דער גאַרדעראָבע־פֿרוי איז ער געוואָר געוואָרן, אַז דאָס איז דאָס פּאַרפֿאַלק קאָקאָני, און אַז ער, דער מאַן, האָט אַן אײַזן־געשעפֿט אויף סאַפּראָני־גאַס נומער 16.

— און אַלײן וווינט ער מיט זײַן פֿרוי עטעלקאַ מיט אַ גאָרן העכער, — האָט די גאַרדעראָבע־פֿרוי אויסגעטײַטשט. — זי איז אַ דײַטשקע פֿון סאָפּראָן און ער איז אַן אונגאַר. דאָ איז אַלץ אויסגעמישט.

לײטענאַנט לוקאַש האָט זיך אויך אָנגעטאָן און איז אַוועק אין שטאָט, ווו ער האָט זיך באַדאַרפֿט טרעפֿן אין גרויסן קאַפֿע־רעסטאָראַן „ערצהערצאָג אַלבּרעכט“ מיט עטלעכע אָפֿיצערן פֿון 91־טן פּאָלק.

ער האָט גערעדט ווייניק, נאָר געטרונקען האָט ער וואָס מער, די גאַנצע צײַט געקלערט, וואָס זאָל ער דאָס שרײַבן אַט דער שײנער דאַמע דער צנועה, וואָס האָט אים אַסך מער גע־נומען, ווי אַט די אַלע „מאַלפּעס“ (אַזוי פֿלעגן די אָפֿיצערן רופֿן די אַקטריסעס) אין אײנעם.

אין דער בעסטער שטימונג איז ער אַוועק דערנאָך אין קלײנעם קאַפֿע „סאַנקט־סטעפֿאַן־קרײץ“, פֿאַרנומען אַ באַזונדער קאַבינעט, געהײסן דערלאַנגען זיך אַ פֿעדער, טינט און פּאַפּיר און אָנגעשריבן דער דאַמע אַ לאַנגען בריוו, ווו ער האָט בײַ איר געבעטן אַ זען־זיך.

ער האָט אונטערגעחתמעט זײַן נאָמען, פֿאַרענדיקט דאָס פֿלעשל קאָניאַק, באַשטעלט נאָך אַ פֿלעשל און פּאַוואָליע אויס־געטרונקען גלעזל נאָך גלעזל...

* * *

עס איז שוין געווען צען אַזײגער אינדערפֿרי, אַז שווייק האָט געוועקט זײַן לײטענאַנט.

— ערלויבט צו מעלדן, הער לײטענאַנט, — האָט ער געמעלדעט, — אַז איר האָט שוין פֿאַרשלאָפֿן דעם אָנהויב פֿון מושטיר, און איך מוז שוין גײן מיטן בריוו קײן קיראַליכידע. איך האָב אײַך געוועקט זיבן אַזײגער, דערנאָך האַלב אַכט, דערנאָך אַכט,

אז אונדזערע זײַנען אַוועק אפן מושטיר, און איר האָט זיך ערשט איבערגעדרייט אף דער צווייטער זײַט, הער לייטענאַנט... הערט נאָר, הער לייטענאַנט...
לייטענאַנט לוקאַש האָט עפּעס אַ בורטשע געטאָן אונטערן נאָז און ווידער אַמאָל געוואָלט זיך שוין איבערקערן אף דער צווייטער זײַט, נאָר דאָס האָט אים ניט אפגעגאָלטן, וואָרום שווייק האָט אָן רחמנות אים געטאָרקעט און אַרײַנגעשריִען אים גלײַך אין אויער אַרײַן:
— הער לייטענאַנט, איך גיי מיטן בריוו קיין קיראַליכידע.
— מיט וואָסער בריוו? — האָט דער לייטענאַנט אַ גענעץ געטאָן. — אך יאָ, מיט יענעם... דער דאָזיקער בריוו איז אַ קאָנפידיציעלע זאַך, פאַרשטייט איר? דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, אַ סוד צווישן אונדז ביידן. איר מעגט גיין.
דער לייטענאַנט האָט זיך ווידער אײַנגעוויקלט אין דער קאָלדרע, וואָס שווייק האָט פון אים געהאַט אַראָפּגעשלעפּט, און איז זיך ווײַטער אַנטשלאָפן געוואָרן, און שווייק איז אַוועק קיין קיראַליכידע.
געפונען די סאַפּראַני־גאַס און דעם נומער 16 אף איר וואָלט ניט געווען באַזונדערס שווער, אויב ער וואָלט צופעליק ניט געטראָפן זײַנעם אַן אַלטן ידיד, דעם סאַפּיאָר וואָדיטשקאַ, וואָס איז געווען צוגעקאָמאַנדירט צו אַ שטײַרישן פּולק, וואָס זײַן קאַזאַרמע האָט זיך געפונען ניט ווײַט פון לאַגער. וואָדיטשקאַ האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק געוווינט בשכנות מיט שווייקן אין פּראַג, און עס איז געווען ניט מער ווי נאַטירלעך, וואָס זיי זײַנען ביידע אַרײַן אין שײַנקל „רויט לעמעלע" און בכון, ווו זייער אַ באַקאַנטע, מיטן נאָמען רוזשענקאַ, האָט געדינט פּאַר אַ קעלנערין. זי איז געווען אַ טשעכין, און אַלע פרײַוויליקע טשעכן, וויפיל עס זײַנען געווען אין לאַגער, האָבן געהאַט בײַ איר קרעדיט.
— וווהין טראָגט דיך, בעצם, דאָס גוטע יאָר? — האָט געפרעגט וואָדיטשקאַ, אַז זיי האָבן אויסגעטרונקען צו איין גלעזל.

— דאס איז, ברודער־לעב, א סוד, — האט געענטפערט שווייק. — נו, מילא, דיר, ווי אן אַלטן גוטן ברודער, מעג איך דאָס אויסזאגן.

און ער האָט אים טאקע דערציילט אלצדינג מיט אלע פּרטים, און וואדיטשקאַ האט געמאלדן, אז ער איז אן אלטער סאפּיאָר און ער קאן ניט לאזן שווייקן אליין, און דערפאַר וועלן זיי אָפּטראָגן דעם בריוו בײדע.

זיי האָבן זיך בײדע פארטיפט אין א שמועס מכח די גוטע אלטע צײטן, און אז זיי זיינען נאך צוועלף ארויס פון „רויטן לעמעלע" האט זיך זיי אלצדינג אויסגעוויזן גרינג און פשוט.

חוץ דעם, איז בײ זיי געווארן א פעסטע איבערצײגונג, אז זיי האָבן פאר קײנעם און פאר קיין זאך ניט קיין פחד. וואדיטשקאַ האָט דעם גאנצן וועג ביז צו סאָפּראָני־גאַס ארויסגעוויזן א מורא־דיקע שנאה צו די מאדיארן און האָט ניט אויפגעהערט צו באַרימען זיך, ווי אזוי ער האט שמענדריק געמאכט מיט זיי געשלעגן, ווען און וו ער האט זיך מיט זיי געשלאגן און ווי אזוי און וו האט מען אים געשטערט זיך צו שלאגן מיט זיי.

— מיט איין וואָרט, די מאדיאַרן זיינען א מיאוסע אומה, — האָט ער פארענדיקט זיינע מעשׂיות. דערויף האט אים שווייק געענטפערט מיט א פּראסטן שׂכל:

— כלעבן, אמאל איז א מאדיאר גאר ניט שולדיק, וואָס ער איז א מאַדיאַר.

— וואס הייסט: ער איז ניט שולדיק? — האט זיך וואדיטשקאַ צעקאכט. — שטותערײ! איטלעכער ענטפערט פאר זיך. איך וואלט געוואָלט, זיי זאלן דיר אויך אפּשפּילן אַזאַ טענצל, ווי מיר, ווען איך בין דא אָנגעקומען אף קורסן. באַלד דעם ערשטן טאָג האט מען אונדז אריינגעטריבן אין קלאַס, אזוי ווי א שטאדע שעפּסן, און עפּעס איינער א שמענדער־האָץ האָט גענומען אויס־צייכענען און אויסטייטשן, וואָס איז דאס אזוינס, מיט רעשפּעקט צו מעלדן, א בלינדאַזש, ווי אזוי פארלייגט מען אין אים די פונדאמענטן און ווי אזוי מאַכט מען אים און ווי אזוי מעסט מען אים, און ער האָט געלאזט וויסן, אז ווער ס'וועט מארגן ניט

אָנצייכענען, וועט ווערן באשטראפט מיט ארעסט אָדער צוגעבונדן צום סלופּ. „כאַפּט דאס דער שווארצער יאר! — טראכט איך בײַ זיך. — וואָס בין איך דא געקומען אהער אף די דאזיקע קורסן? זיך ארויסצומאכן פון פראנט אָדער צו קריצלען דא אלע אוונט מיטן בלײַפעדל אין העפטל, ווי א שול־אינגל?“ און דא האט מיך אנגעכאפּט אַזאַ כעס, אז עס איז פּשוט ניטא קיין כח אײַנ־צוזיצן אף אן אָרט, און איך האָב אפילו אָנקוקן ניט געקאָנט אט דעם שמענדריק, וואָס האָט אונדז דאס אלץ אויסגעטײַטשט. מער פון אלץ וואָלט איך געוועזן א בלען צו צעטראַשקען אלצדינג — אט סאַראַ רציחה ס'האט זיך געקאָכט אין מיר. איך האָב אפילו ניט דערוואַרט זיך אף קאווע און בין גלײַך פון באראק אוועק קיין קיראַליכידע און פון כעס האָב איך וועגן קיין אנדער זאַך ניט געקלערט, ווי געפינען עפּעס אַ שטיל ווינקעלע, וווּ איך זאָל קאנען זיך אָנטרינקען ווי עס געהער צו זײַן און אנסקאנדאלעווען און עמיצן אנבײַקערן די בײַנער און דערנאָך רואיק זיך אוועקגיין אהיים. נאָר א מענטש טראַכט, און גאָט לאכט. איך האָב טאקע געפונען אפן ברעג טײַך א לאָקאַל אײַנעם, א שטילן אזוינעם, ווי א קאַפּליצע, מיט איין ווארט, ווי געשאפן אף צו מאכן סקאַנדאַל. געוועזן זײַנען דארט סך הכּל צוויי באַזוכערס, וואס האָבן נעשמועסט צווישן זיך אונגאַריש. דאס האָט מיר פאַרכאַפּט פארן האַרצן, און היות ווי איך בין געוועזן א סך שכּורער, ווי איך האב געמיינט, האָב איך אין אַזאַ צושטאַנד גאר ניט באַמערקט, אז בשכנות איז געוועזן נאך א לאָקאל, וואָס אהין האָבן זיך פארקליבן, בעת איך האָב געמאַכט די דאָזיקע הכנות, א מאַן אכט הוסארן, וואס האָבן זיך גענומען פאַר מײַנע בײַנער, ווי נאָר איך בין נאָר אָט די צוויי אײַנזאַמע באַזוכער פאַרפאָרן אין די שניים אריין. אָט די לאָבוסעס, די הוסאַרן, האָבן מיך אזוי ארומגעפּוצט און ארומגעיאגט איבער די סעדער, אַז ערשט אינדערפרי בין איך געקומען אהיים, און דערנאָך האָב איך געמוזט זיך אוועקליגן אין לאזארעט, ווו איך האָב דערציילט א באָבע־מעשה, אז איך בין ארײַנגעפאַלן אין א גרוב, ווו מען ברענט ציגל. דערנאך האט מען מיך א גאַנצע וואך געקײַקלט אין נאַסע ליילעכער, בכדי דער רוקן זאָל ניט כאַפּן קיין

אַנטצינדונג. ניין ברודער לעבן מען דאַרף זיך ניט ווינטשן אריינצו־פאלן צו זיי אין די לאַפּעס. דאָס זיינען זאָג איך דיר, ניט קיין מענטשן, נאָר חיות רעות.

אַ פאטש פאר א פאטש, — האט געזאָגט שוויק. — וואס זשע חידושסטו זיך, אז זיי זיינען געווען ברוגז, ווי באלד זיי האבן געמוזט לאזן שטיין אפן טיש זייער ווין און יאגן זיך נאך דיר אין דער פינצטער איבער די מעדער? זיי האבן באדארפט זיך אָפּרעכענען מיט דיר גלייך אפן ארט, און דערנאָך ארויסזעצן דיך פון לאקאל, פאר זיי וואלט געווען גלייכער, און פאר דיר אויך, אויב זיי וואלטן אפגעעקט מיט דיר נאָך ביים טיש. איך האב געקענט א שיינקער אין ליבען, פארובעק האט ער געהייסן. איין מאל האט איינער א דראט־ארבעטער זיך אנגעטרונקען ביי אים און האט גענומען יענטשען און נודיען, אז דער בראנפן איז שוואך, אז דער שיינקער מישט אים מיט וואסער, אז אויבער, דער דרא־טער, וועט ארבעטן כאטש הונדערט יאר און וועט קויפן דעם דאזיקן בראנפן אף גאר זיין פארדינסט און אויסטרינקען דאס מיט איין מאל, וועט ער דעמאלט נאך קאנען דורכגיין איבער א דראט, און דיערצו נאך מיט אים, מיט דעם פארובעקן אף די הענט און דערנאך האט ער נאָך געזאגט דעם פארובעקן, אז ער איז א כלב בן כלבה און א בלוט־זויגער! דאס האט שוין אונדזער פא־רובעק ניט אויסגעהאלטן, א כאפ געטאן אים, אנגעקלאפט אים מיט זיינע אייזנשטייגלעך און מיט זיינע איבעריקע דראט־ארבעטן איבערן שארבן און ארויסגעשליידערט אים דורכן טיר, און אפן גאס האט ער געכאפט דעם שטעקן, וואס מען פארמאכט מיט אים די לאדנס און האט אין אים אריינגעצימבלט, וויפיל אין אים איז אריין, ביזן אינוואלידן־פלאץ איז ער פון אים ניט אָפּגעשטאנען. און אז ער האט זיך שוין צעקאכט, האט ער אים דורכגעטריבן נאָך דורכן אינוואלידן־פלאץ און קאראָלינענטאל ביז זשיזשקאוו, און פון דארט קיין מאלעשאוויץ, און דארט ערשט האט ער צעבראכן אף אים דעם שטעקן און האט געמוזט זיך אומקערן. מילא בקיצור, איז דאך גוט. נאר אין אימפעט האט ער גאר פארגעסן, אז ביי אים אין שיינק זיינען נאך געבליבן געסט, און אז די דאזיקע

מאַרעוויכערס האָבן מסתמא אָן אים געמאַכט דאָרט נישקשה פֿון א טאַלק, און כּך הוה. אַז ער איז געקומען צוריק אין שיינק, האָט ער דאָס באַלד דערזען. די פֿענצטער זיינען געווען האַלב פֿאַר־מאַכט, און אין טיר זיינען געשטאַנען צוויי פּאָליציסטן, שיכּורע ביז גאָר, וואָס האָבן דאָרט געמאַכט אָרדענונג. די משקה זיינע איז געווען אויף דערהעלפֿט אויסגעטרונקען, אויף דער גאָס האָט זיך געוואַלגערט אויסגעליידיקט אַ פֿעסל פֿון ראָם, און אונטערן טאָמ־באַנק האָט פֿאַרוּבעק געפֿונען צוויי טויט שיכּורע פֿאַרשוינען, וואָס די פּאָליציסטן האָבן זיי אין היילעניש ניט באַמערקט, און אַז ער האָט זיי אַרויסגעשלעפּט פֿון דאָרטן, האָבן זיי געוואָלט אים באַ־צאָלן צו צוויי גרייצערס, ווייל מער יאַקאָש ווי פֿאַר דעם געלט האָען זיי ניט אויסגעטרונקען. אָט דאָס האָט מען דערפֿון, ווען מען היילט זיך צופֿיל! דאָס נעמלעכע קענסטו זען אויף דער מלחמה. צוערשט צוקלאַפּן מיר דעם שונא דערנאָך יאָגן מיר אים נאָך פּוס טריט, און סוף כּל סוף האָבן מיר קוים צייט אויף אַ ויברח...

— איך האָב זיי, די דאַזיקע רוצחים, גוט פֿאַרגעדיינקט, — האָט זיך אָפּגערופֿן וואָדיטשקאַ. — זאָל נאָר אַריינפֿאַלן צו מיר אין די הענט איינער פֿון די הוסאַרן די דאָזיקע, וואָלט איך אים שוין באַוויזן! ביי אונדז, סאַפּיאָרן, ווען מיר צעקאָכן זיך, איז ניט קיין קאַטאַוועס! בשעת מיר זיינען געווען אויפֿן פֿראָנט ביי פּערע־מישל, איז דאָרט געווען ביי אונדז אין דער ראָטע אַ קאַפּיטאַן יעצבאַכער, אַזאַ כּלב שבכּלבים, וואָס זיין גלייכן ניט צו געפֿינען. אָט איז דאָס אַ מענטש אונדז דערגאַנגען די יאָרן! אויף אַזוי פֿיל, אַז איין סאָלדאַט פֿון אונדזער ראָטע, ביטערליך, אַ דייטש, גאָר אַ לייטישער מענטש, האָט זיך דערשאָסן איבער אים. דעמאָלט האָבן מיר זיך געגעבן אַ וואָרט, אַז ווי נאָר די רוסישע קוילן וועלן נעמען פֿייפֿן, האָט קאַפּיטאַן יעצבאַכער גענוג געלעבט. און די רוסן האָבן קוים באַוויזן צו געבן פֿייער, ווי מיר האָבן אין קאַפּיטאַן אַריינגעשאָסן פֿינף קוילן... נאָר דער דאָזיקער מנוול האָט געהאַט אין זיך לעבן, ווי אַ קאַץ, אַזוי אַז מיר האָבן געמוזט אים שוין דערענדיקן מיט נאָך צוויי קוילן, בכדי די מעשה זאָל ווי עס

איז ניט ארויס. און ער האט נאר א קוויטש געטאן, ווי א חזירל, אזוי קאָמיש... מען האט געקאנט פּלאצן פון געלעכטער.

וואָדיטשקאָ האט זיך צעלאַכט.

— דאס טרעפט אפן פראנט אלע ווײלע. מײנער א חבר, וואס איז איצט אויך בײ אונדז אין פּולק, האט מיר דערציילט, אז בשעת זיי זײנען געגאנגען מיט א פוסגייער־פּולק אף בעלגראד, האט זייער ראטע דערשאסן, בעת דער שלאכט, זייער לייטענאנט, אויך אזא כּלב, וואס האט בעתן מארש מיט די אייגענע הענט אװעקגעלייגט צוויי סאלדאטן, ווייל זיי זײנען געבליבן אן כּחות און האבן ניט געקאנט גיין ווייטער. דער דאזיקער, אז ער האט געהאלטן בײ דער פּגירה, האט ער פּלוצים גענומען אויספייפן דעם סיגנאל צום אפּטרעטן... חברה ארום האבן זיך ממש געהאלטן בײ די זייטן לאכנדיק.

צום סוף פון אט דעם לייטישן און טיפן שמועס האבן שווייק און וואדיטשקא סוף כּל סוף אפגעזוכט דאס אייזן־געשעפט פון הער קאקאני אף סאפּראני־גאס נומער 16.

— דו װאלסט גלייכער באדארפט דא בלייבן ווארטן אונטן, — האט געזאגט שווייק צו וואדיטשקא בײ דער פּאראד־טיר. — איך וועל נאר ארופלויפן אפן בעל־עטאזש, איבערגעבן דעם בריוו, אפּװארטן דעם ענטפער און קום באלד צוריק אראפּ.

— איך זאל דיך לאזן איינעם אליין? — האט וואדיטשקא זיך פארחידושט. — דו קענסט ניט די דאזיקע מאדיארן, זאג איך דיר נאך אמאל. דא באדארף מען זיין געהיט ביז גאר. איך וועל אים מאכן אן אילומינאציע, אז...

— הער זיך איין, וואדיטשקא, — האט שווייק געזאגט ערנסט: — דא איז דאך ניט קיין עסק מיט א מאדיאר, נאר מיט א דאמע. איך האב דיר דאך אלץ שוין אויסגעטייטשט, בעת מיר זײנען געזעסן אין שיינקל, אז איך טראג א בריוו פון מיין לייטענאנט, און אז דאס איז א גרויסער סוד. מיין לייטענאנט האט מיך פארשווארן, אז קיין איין לעבעדיקער נפש טאר װעגן דעם ניט וויסן. און דו אליין האסט דאך דערצו מסכּים געווען.

איך האָב דאָך דיר אויסגעטייטשט, אַז איך מוז פּינקטלעך אויס־פירן מײַן לייטענאַנטס באַפעל, און דאַ מיט אַמאָל ווילסטו אַרויף צוזאַמען מיט מיר.

— דו קענסט מיך נאָך ניט, שוויַיק, — האָט געענטפערט מיט דער זעלבער ערנסטקייט דער אַלטער סאַפּיאָר וואָדיטשקאַ. — ווײַבאַלד איך האָב געזאָגט, אַז איך באַגלייט דיך, דאַרפסטו וויסן זײַן איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז מײַנס אַ וואָרט באַשטייט אַנט־קעגן הונדערט אַן אַנדערנס. אַז צוויי גייען, איז שטענדיק זיכערער.

— וואָרט, וואָדיטשקאַ, איך וועל דיך נאָך איבעררייַדן. דו ווייסט, וווּ עס איז אין ווישעגראַד די בעקלאַנער גאַס? אָט דאָרט, אַף אָט דער גאַס האָט דער שלאָסער וואַבאַרנעק געהאַט אַ וואַרשטאַט. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט האַרץ, און איין מאָל, אַז ער האָט זיך פאַרהוליעט און איז דערנאָך געקומען אַהיים, האָט ער מיט זיך מיטגענומען אַף נאַכט־לעגער זײַנעם אַ גוטן ברודער, אויך פון בגילופין. מילא בקיצור, נאָך אָט דער מעשה איז ער אַפּגעלעגן עטלעכע טעג, און איטלעכס מאָל, אַז די ווײַב פלעגט אים איבערבינדן דעם צעממיטשטן קאָפּ, פלעגט זי טענהן: „אָט זעסטו, מײַן טײַערער, וואָלט איר געקומען אַהיים ניט זאַלבענאַנד, וואָלט געווען נאָר איין סקאַנדאַל און איך וואָלט דיר ניט אַ כמאַליע געטאָן איבערן קאָפּ מיטן דעצימאַל־וואָג". און ער, אַז ער איז שוין געווען בכח צו ריידן, האָט ער איר געענטפערט: „ביסט גערעכט, מײַן קרוין, און אַז איך וועל אַ צווייטן מאָל גיין ערגעץ, וועל איך שוין קיינעם מער ניט מיט־ברענגען".

— מער וואָלט ניט אויסגעפעלט, — איז וואָדיטשקאַ גע־וואָרן אָן אופגעקאָכטער, — אַז אָט די מאַדיאַרישע קישקע זאָל אונדז אַ כמאַליע טאָן מיט עפּעס איבערן קאָפּ. אַזאַ! איך וועל אים דאָס אַ נעם טאָן פאַרן גאָרגל און אַ שליידער אַראָפּ איבער דער טרעפּ, אַז ער וועט בײַ מיר פליען ווי אַ שראַפּנעל. מיט די דאָזיקע מאַדיאַרן מאַכט מען ניט קיין מחוקות. פאַראַן אַף וואָס צו קוקן!

— וואדיטשקא, נשמה מיינס, דו האסט דאך גאר ניט אזוי פיל געטרונקען. איך האב מיט גאנצע צוויי קווארטלעך מער פון דיר אויסגעטרונקען. דו טו נאר א קלער, אז מיר טארן ניט מאכן קיין סקאנדאל איך וועל דאך מוזן ענטפערן דערפאר. דא איז דאך אין דער מיט א פרויענספארשוין.

— איך וועל אויך א פרויענספארשוין ארייַנזאגן, אויב מען וועט דארפן, שוועיק. דאס איז מיר אלץ איינס, דו קענסט נאך ניט דעם אלטן וואדיטשקא. געווען א מעשה אין זאבאליץ, אפן רויזן=אינזל, האט דארט איינע א מאמזעלקע ניט געוואלט מיט מיר טאנצן, וואסי? ביי מיר איז קלאמפערשט די צורה פארשוואלן. די צורה איז ביי מיר טאקע געווען פארשוואלן, ווארום איך בין אקארשט געווען געקומען פון א טאנץ=לאקאל אין האסטיוואר. נאר דו טו נאר א קלער, ווי האב איך דאס באדארפט ליידן אזא באליידיקונג פון אזא חצופה! „נו, אויב אזוי, זאג איך, זאל ביי אייך, פרוילן, אויך זיין אזא צורה, עס זאל אייך ניט זיין אומעטיק". און אז איך האב איר דאס אראפגעלאזן דעם פיינעם פראשק, האט זי איבערגעקערט אין גארטן דעם טישל מיט אלע גלעזער, ווו זי איז געזעסן מיטן פאטער און מיט דער מוטער און מיט צוויי ברידער. נאר איך האב זיך ניט איבערגעשראקן פארן גאנצן רויזן=אינזל. איך האב דארט געהאט באקאנטע חברה פון ווירשאוויץ, און זיי האבן מיר א קאפעליע אונטערגעהאלפן. האבן מיר דארט צעממיטשט א משפחות פינף זעקס מיט די קינדער. דעם טומל מיטן געשריי האט מען געהערט אזש ביז מיכלע, און דערנאך האט מען געשריבן אין די בלעטער וועגן אט דעם יום=טוב, איך געדיינק ניט פון וואסער פאריין... און דערפאר, וויל אנדערע האבן מיר געהאלפן, בין איך שטענדיק גרייט צו העלפן א חבר, אויב עס מאכט זיך וואס. און דיך וועל איך ניט אפלאזן פאר קיין געלט ניט. דו קענסט נאך ניט, ברודער=לעב, די דאזיקע מאדיארן און דו'סט דאך ניט ווען מיך אזוי פארשעמען אז דו וועסט מיך אפשטויסן איבערגעוואלד, נאך אזוי פיל יאר, ווען מיר האבן זיך ניט געזען.

— מילא, זאל שוין זיין ווי דו ווילסט, — האט שוועיק

זיך געלאזט איינבעטן. — נאר מען דארף זיין געהיט, עס זאל עפעס ניט ארויס.

— נישקשה, האב קיין מורא ניט, חבר, — האט וואדיטש־קא געזאגט שטילערהייט, בעת זיי זיינען געגאנגען ארויף די טרעפ. — איך וועל אים אזוי ארייננפארן...

און נאך שטילער האט ער מוסיף געווען:

— דו׳סט זען, דער דאזיקער מאדיארישער נבזיק וועט אונדז אנקומען ווי א האר פון מילך...

* * *

שווייק און וואדיטשקא זיינען געבליבן שטיין פאר דער טיר פון דער וווינונג פון הער קאקאני. נאר איידער ער האט א קוועטש געטאן דאס קנעפל פון עלעקטרישן גלעקל, האט שווייק נאך אמאל געפרווווט צו ווירקן אף זיין חבר.

— דו וואדיטשקא, דו האסט אמאל געהערט, אז געהיט־קייט איז די מוטער פון קלוגשאפט.

— מיין דאגה, — האט יענער געענטפערט. — אז ער זועט ניט באוויזן צו עפענען דעם פיסק, ווי איך...

— איך האב זיך אויך ניט מיט וועמען צו צאצקען, ברודער וואדיטשקא.

שווייק האט אנגעקלונגען, און וואדיטשקא האט הויך אפן קול ארויסגערעדט:

— איינס, צוויי, דריי — און ער פליט ביי מיר פון טרעפ ווי א קייקעלע.

די טיר האט זיך געעפנט. א דינסט האט א פרעג געטאן אין אונגאריש, וואס זיי באדארפן.

— פארשטייען ניט, — האט וואדיטשקא געענטפערט מיט ביטול. — וואלסט זיך באדארפט אויסלערנען טשעכיש, יפהפיה.

— און דייטש פארשטייט איר? — האט געפרעגט שווייק.

— א ביסל.

— איז זאגט דער מאדאם, אז איך באדארף זי זען, זאגט איר, אז פאר איר איז פאראן א בריוו פון א הער, וואס ווארט אין וועסטיבול.

— מיר איז אף דיר א חידוש, — האט וואדיטשקא באמערקט, אז זיי זיינען אריין אין פאדער־צימער, — וואס דו רעדסט גאר מיט אזא שטיק פגירה.

זיי זיינען שוין געווען אין פאדער־צימער, צוגעמאכט די טיר, און שוויק האט געזאגט:

— זיי ווינען זיך גאנץ פיין!.. אפילו צוויי, פאראסאלן אין געשטעל, און דאס בילדל אין רעמל איז טאקע גאר נישקשה.

— פון צימער, פון וואנען עס האט זיך געלאזט הערן לעפל קלינגען און טעלער בראזגען, האט זיך ווידער באוויזן דאס דינסטמיידל און האט געזאגט צו שוויקן:

— מאדאם זאגט, — זי איז פארנומען, אייב וואס איבערגעבן, געבן מיר.

— מילא, גוט, — האט שוויק ארויסגערעדט פייערלעך. — איז נא אט, פאר דער מאדאם אַ בריוו נאר — שא שטילו!

ער האט ארויסגענומען לייטענאנט לוקאש בריוו.

— איך, — האָט ער ווייטער גערעדט, טייטנדיק אף זיך מיטן פינגער, — בלייב ווארטן אף אן ענטפער דא, אין פאָדער־צימער.

— וואס זשע זעצטו זיך ניט? — האָט אַ פרעג געטאן וואָדיטשקא, וואס האט זיך שוין אנידערגעזעצט אף א שטול ביי דער וואנט. — אָן דארט איז פאר דיר א שטול. דארפסט דאך ניט שטיין, ווי א בעטלער. פאל ניט אראפ ביי זיך פאר דעם מאַדיארישן ניבזיק. אט וועסטו זען, אז ער וועט פרווון אונדז אנטאן עפעס, נאר איך וועל אים אזוי איינפעפערן...

— הער זיך איין, — האט ער אנגעהויבן אין אַ ווײַלע ארום, — ווו האסטו זיך דאס אויסגעלערנט אזוי בריהש דייטש?

— אליין פון זיך — האט געענטפערט שוויק.

ווידער אמאל איז געוואָרן שטיל. נאר פּלוצים איז אין צימער, ווו אהין די דינסט האט אריינגעטראָגן דעם בּריוו, געוואָרן א מוראדיקער רעש און א געשריי. עמיצער האט מיט עפּעס א שווערע זאך א זעץ געטאָן אָן דיל; מען האט דייטלעך געקאָנט ארויסהערן, אז דארט זיינען צעשמעטערט געוואָרן אף פּיץ־פּיצלעך גלעזער און טעלער, און אט אין דעם בּראָוג פון די צעבּראָכענע כּלים האָבּן זיך אריינגעמישט קללות מיט כּפול־שמונהדיקע זידלערייען אין אונגאריש.

די טיר אין פאָדער־צימער האט געגעבּן א פּראַל אויף, און אהין איז אריינגעפאלן א מאַן אין די מיטעלע יאָרן מיט א סערוועטל ארומגעבּונדן ארום האַלדז. ער האט ווי משוגע ווילד געפאָכעט מיטן אָקאָרשט דערלאַנגטן, בּריוו.

דער אלטער סאַפּיאָר וואָדיטשקא איז גוועסן נעענטער צו דער טיר, און דער אויפגערעקטער הער האָט זיך קודם כּל ארויפגעוואָרפן אף אים:

— וואָס זאָל דאָס בּאַטייטן? ווו איז דאָס דער עזות־מוצחיק־פּנים, וואָס האט געבּראַכט דעם דאָזיקן בּריוו?

— פּאַוואָליע, פּאַוואָליע, האט ארויסגערעדט וואָדיטשקא, אויפשטייענדיק, דו צעלאָז זיך ניט צופיל אף א קול, אויבּ דו ווילסט ניט בּאַלד ארויספליען פון דאַנען. און אויבּ דו האָסט חשק צו וויסן, ווער עס האָט געבּראַכט דעם בּריוו, מעגסטו פרעגן אָן יענעם חבר. נארריידן זאָלסטו מיט אים מעשה סטאַטעק, אניט בּיסטו אין איין צוויי־דריי אף יענער זייט טיר.

איצט איז שוין אויסגעפאלן אף שוועיקס גורל צו איבּערציי־גן זיך, וויפיל מאָס רייד עס פארמאָגט אָט דער אויפגערעקטער הער מיטן סערוועטל אונטער דער גאָמבּע, וואָס האט געפּלוידערט ניט געשטויגן ניט געפלויגן, צווישן אנדערע זאַכן מכּח דעם, אז זיי זיינען גראָד געזעסן בּיי וואַרימעס.

— מיר האָבּן געהערט, אז איר עסט וואַרימעס, — האט שוועיק בּאַשטעטיקט אין א געבּראָכענעם דייטש און האט ווייטער גערעדט טשעכיש: — מיר וואָלטן אפשר אליין געמעגט זיך אנשטויסן, אז אומזיסט האָבּן מיר אייך געשטערט פון וואַרימעס.

— זיי ניט אזוי געפאַלן ביי זיך, — האָט אים באַמערקט וואָדימטשקאַ.

דער אויפגערעקטער הער, וואָס האָט אזוי שטארק געמאכט מיט די הענט, אז זיין סערוועטל האָט זיך געהאלטן נאָר מיט איין עק, האָט ניט אויפגעהערט צו שרייען, אז צוערשט האָט ער געמיינט, אז אין בריוו ווערט גערעדט וועגן א לאָקאַל פאר מילי־טערישע צוועקן אין דעם הויז, וואָס געהערט זיין פרוי.

— מהיכא תיתא, דאָ וואָלט מען געקאָנט איינקוואטירן א סך מיליטער־לייט, — האָט געענטפערט שוויק: — נאָר אין בריוו איז די רייד ניט מכּח דעם, ווי איר האָט געקאָנט אליין זיך איבערצייגן.

דער אויפגערעקטער הער האָט זיך געכאַפּט פארן קאָפּ, ארויסשליידערנדיק שטראָמען גאַנצע פון טענות. ער איז אליין, יאַקאָש, א רעזערוו־וויצע־לייטענאנט און וואָלט גערן געוועזן צו דינען, נאָר ער ליידט פון די נירן. אין זיין צייט זיינען אָפיצערן ניט געווען אזעלכע עזות־פּנימער, אז זיי זאלן וועלן פּרווון צו־שטערן א שלום־בית. דעם בריוו וועט ער צושטעלן דורכן קאָמאַנ־דיר פון פּולק דעם קריגס־מיניסטעריום און וועט אים לאָזן אָפּדרוקן אין די בלעטער.

— חשובער הער, — האָט שוויק געזאָגט מיט ווערדע, — דעם דאָזיקן בריוו האָב איך אליין אנגעשריבן, איך האָב אים אנ־געשריבן, און ניט דער לייטענאנט. די חתימה און דער נאָמען זיינען אויסגעקלערט. מיר געפעלט זייער אייער פרוי. איך האָב ליב אייער פרוי. איך בין פאַרליבט אין אייער פרוי ביז איבער די אויערן, ווי יוּבבליציקי פּלעגט זאָגן, א דאמע אן אויסנאַם!

האָט דער אויפגערעקטער הער געוואָלט זיך א ווארף טאָן אף שוויקן, וואָס איז געשטאַנען פאר אים רואיק און שטארק קאָנטעט פון זיך; נאָר דער אלטער סאַפּיאָר וואָדימטשקאַ, וואָס האָט געלאָקערט אף איטלעכער באַוועגונג זיינער, האָט אים אונטער־געשטעלט א פיסל, ארויסגעריסן אים פון האַנט דעם בריוו, וואָס ער האָט ניט אויפגעהערט די גאַנצע צייט צו פאָכען מיט אים, און האָט אים אריינגעשטעקט אין קעשענע; און אז הער קאַקאָני

האָט זיך אויפגעהויבן פון דיל, האָט וואָדיטשקאַ אים א כאַפּ געטאָן, צוגעשלעפּט צו דער טיר, אויפגעעפנט זי מיט איין האַנט און... שוין האָט מען געקאָנט הערן, ווי עפּעס שווערס קײַקלט זיך אַראָפּ איבער די טרעפּ.

דאָס אַלץ איז געשען אַזוי גיך, אַזוי ווי אין א מעשהלע, בעת דער טײַוול שלעפּט אַוועק א מענטשנס נשמה.

פונם אויפגערעקטן הער איז איבערגעבליבן נאָר דאָס סערוועטל. שוויק האָט דאָס אויפגעהויבן און העפלעך אַנגעקלאַפּט אין טיר פון צימער, פון וואַנען עס איז פינף מינוט צוריק אַרויסגעשפּרונגען דער קאַקאָני און פון וואַנען עס האָט זיך איצט געלאָזט הערן דאָס געוויין פון א פרוי.

— אָט האָב איך אײַך געבראַכט דאָס סערוועטל, — האָט שוויק זיך געווענדט מעשה אַדלמאַן צו דער דאַמע, וואָס האָט געוויינט צוגעשפּאַרט צום ווינקל דיוואַן, — מען קען נאָך אַמאָל אויף דעם אַרויפטרעטן. פאַרבלייבט געזונט.

און ער האָט צוגעקלאַפּט מיט די קאָרקעס, צוגעשטעלט די האַנט צום דאַשעק און איז אַרויס אויפן טרעפּ. אין פירהויז איז ניט געווען קיין סימן פון קאַמף. וואָדיטשקאַ איז געווען גערעכט: אַלץ איז אַראָפּ לײַטיש־שטיל. נאָר אויפן גאַס בײַ דער פאַראַד־טיר האָט שוויק געפונען א צעריסן געפּרעסט קעלנערל, קענטיק, אַז דאָרט האָט זיך אָפּגעשפּילט דער לעצטער אַקט פון דער טראַגעדיע, בעת דער הער קאַקאָני האָט מיט אַלע כּחות זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער דרויסן־טיר, בכדי ניט צו ווערן אַרויסגעוואָרפן אויפן גאַס.

דערפאַר איז אין גאַס געווען לעבעדיק. דער קאַקאָני האָט מען אַריבערגעטראָגן אין הויז קעגנאיבער, ווו מען האָט אים ראשית חכמה באַגאָסן מיט וואַסער; אין מיטן גאַס איז געשטאַנען, ווי א צעווילדעוועטער לייב, דער אַלטער סאַפּיאָר וואָדיטשקאַ און אַנטקעגן אים עטלעכע האָנוועדס און האָנוועד־הוסאַרן, וואָס האָבן זיך אײַנגעשטעלט פאַר זייער לאַנדסמאַן. וואָדיטשקאַ האָט קונציק געשלאָגן זיך מיט זײַן לעדערנעם גאַרטל. און ער איז געווען ניט

אליין. נעבן אים האָבן זיך געשלאָגן עטלעכע טשעכישע סאָלדאַטן פון פאַרשיידענע פולקן, וואָס זיינען צופעליק געגאַנגען פאַרביי.

ווי שוויק האָט שפּעטער דערציילט האָט ער אליין ניט געוווסט, ווי אזוי איז ער דאָס אַריין אין דעם געשלעג, און היות ווי ער האָט קיין לעדערנעם גאַרטל ניט געהאַט, ווי אזוי ביי אים אין האַנט האָט זיך איינגעפונען אַ שטעקן פון עפּעס א דערשראַ-קענעם פאַרבייגייער.

דער געשלעג האָט געדויערט היפּש לאַנג, נאר אזוי ווי אלץ גוטס אין דער וועלט, האָט ער אויך זיך געענדיקט. עס איז אנגעקומען א פּאטרול און האט אלעמען צוגענומען.

שוויק איז זיך געגאַנגען מיטן שטעקן אפן אקסל, אנשטאָט א ביקס, זייט ביי זייט מיט וואָדיטשקאַ.

דער אלטער סאַפּיאָר וואָדיטשקאַ האָט דעם גאַנצן וועג געשטומט. און נאָר אז זיי זיינען געקומען אף דער הויפּט-וואך, האט ער מרה-שחורהדיק א זאג געטאן צו שוויקן:

— נו, וואָס, האָב איך דיר ניט געזאָגט, אז דו קענסט ניט די דאזיקע מאַדיאַרן?

**5.**

# פרישע צרות.

פּולקאָווניק שרעדער האָט געקוקט אף לייטענאַנט לוקאַשם בלאַסן פּנים מיט די גרויסע טונקעלע רעדער אונטער די אויגן, געקוקט און געפּרעגלט זיך פון נחת. דער לייטענאַנט איז געווען אזוי מבויש, אז ער האט ניט געקוקט אפן פּולקאווניק, נאר ער האָט ווי פאַרגנבעטערהייט געוואָרפן בליקן אף דעם פּלאַן פון דעם מיליטער-לאַגער אין ברוק, וואָס איז געהאנגען אף דער וואנט פון דער קאנצעלאַריע.

אפן טיש פאַרן פּולקאָווניק זיינען געלעגן עטלעכע צייטונגס-בלעטער מיט ארטיקלען, וואס זיינען געווען ארומגעצייכנט מיט א בלויען בלייפעדער. דער פּולקאָווניק איז נאָך דורכגעלאפן איבער זיי

מיט די בליקן, און דערנאָך האָט ער שאַרף אנגעקוקט דעם לײַ־טענאַנט לוקאַש און געזאָגט:

— בכן, איז איך שוין באַוווּסט, אַז אײַער באַדינער שוועיק איז אַרעסטירט און וועט מסתּמא איבערגעגעבן ווערן דעם דיוויזיע־געריכט?

— גאַנץ ריכטיק, הער פּאָלקאָווניק.

— דערמיט אָבער, — האָט דער פּאָלקאָווניק אַרויסגערעדט מיט אַ קוועטש, דערלעבנדיק נקמה אָן דעם בלאַסן פּנים פון לײַטענאַנט לוקאַש, — איז דער ענין נאָך ניט געענדיקט. עס איז קיין ספק ניט, אַז די אַרטיקע געזעלשאַפטלעכע מיינונג איז שטאַרק אויפגערעקט פונעם אינצידענט מיט אײַער באַדינער שוועיק, וווּ עס פיגורירט אויך אײַער נאָמען, הער לײַטענאַנט. פון דיוויזיע־שטאַב האָט מען אונדז צוגעשטעלט מכּח דעם ניט ווינציק מאַ־טעריאַל. חוץ דעם, זײַנען פאַראַן עטלעכע צײַטונגען, וואָס האָבן זיך געשמאַק צוגעכאַפּט צו דעם עסק. זײַט אַזוי גוט מיר פאַרצולייענען די דאָזיקע אַרטיקלען.

ער האָט דערלאַנגט דעם לײַטענאַנט אַ צוויי דרײַ בלעטער מיט די אָפּגעמערקטע ערטער, און דער לײַטענאַנט האָט איבער־געלייענט די אַרטיקלען איינס נאָך איינס. דער פּאָלקאָווניק האָט צוגעהאָרכט און אַרײַנגעשטעלט זײַנע באַמערקונגען. צום סוף האָט ער געזאָגט:

— די אַרטיקע מאַכט־אָרגאַנען האָבן זייער חוב ניט געטאָן. די צענזור פון די אַרטיקע צײַטונגען געפינט זיך אין די הענט פון מאַדיאַרן, וואָס טוען מיט אונדז אַלץ, וואָס זיי פאַלט אַרײַן אין קאָפּ. אונדזערע אָפיצערן זײַנען לחלוטין ניט באַשיצט קעגן זלזולים מצד אַזאַ מאַדיאַרישן מנוול אַ רעדאַקטאָר. נאָר אַ דאַנק דער ענערגישער דעפּעשע פון אונדזער דיוויזיע־געריכט האָט די פּעשטער פּראָקוראַטור אנגענומען שריט צו מאַכן עטלעכע אַרעסטן אין די רעדאַקציעס. דער דיוויזיע־געריכט האָט מיר, ווי אײַער שעף, אויפגעגעבן צו פאַרהערן אײַך; פאַרייִנס האָט ער מיר איבער־געשיקט דאָס גאַנצע פּעקל פּאַפּירן אין אײַער ענין. און איך זאָג אײַך, אַז אַלץ וואָלט אַראָפּ בשורה, אויב ניט דער דאָזיקער

שלימזלדיקער שווייק, צוזאַמען מיט אים איז אַרעסטירט געוואָרן אויך אַ סאַפּיאָר. אַ געוויסער וואָדיטשקאַ, וואָס אַז מען האָט אים געבראַכט צופֿירן נאָכן געשלעג אין הויפּט־וואַך, האָט מען בײַ אים געפֿונען איער בריוו, וואָס איר האָט געשיקט צו פּרוי קאַקאָני. איער שווייק האָט אָפֿן פֿאַרהער אויסגעזאָגט, אַז דאָס איז ניט איער בריוו און אַז דאָס האָט ער אַליין געשריבן, אָבער אַז מען האָט אים פֿאָרגעוויזן דעם בריוו און געהייסן אים איבערשרײַבן, כּדי צו פֿאַרגלײַכן דעם כּתב, האָט ער גענומען דעם בריוו, צעקײַט אים און אַראָפּגעשלונגען. נאָך דער מעשׂה האָט דער דיוויזיע־געריכט אַרויסגעפֿאָדערט פֿון דער פֿולק־קאַנצעלאַריע איערע ראַפּאָרטן צו פֿאַרגלײַכן מיט שווייקס כּתב, און אָט האָט איר די רעזולטאַטן פֿון דער דאָזיקער עקספּערטיזע.

דער פּאָלקאָווניק האָט אַ זוך געטאָן אין פּעקל פּאַפּירן און האָט באַוויזן דעם לייטענאַנט לוקאַש איין אָרט אין פּראָטאָקאָל, ווו עס איז געשטאַנען: „דער באַשולדיקטער שווייק האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצושרײַבן אַ פֿאַרדיקטירטע פֿראַזע, מאָטיווירט זײַן אָפּזאָג דערמיט, וואָס איבער נאַכט האָט ער פֿאַרלערנט שרײַבן".

— בכלל, — האָט דער פּאָלקאָווניק ווײַטער גערעדט, — האָט בײַ מיר קיין שום באַטרעף ניט דאָס, וואָס עס האָבן אויסגעזאָגט פֿאַרן דיוויזיע געריכט איער שווייק אָדער דער סאַפּיאָר. בײדע טענהן זיי, אַז דאָס איז געווען אַלץ אַ אומשולדיקער שפּאַס, אַז מען האָט זיי ניט פֿאַרשטאַנען ווי געהעריק, און אַז ציוויליסטן זײַנען אויף זיי אָנגעפֿאַלן און זיי האָבן געמוזט פֿאַרטיידיקן דעם כּבֿוד פֿון זייער מונדיר. פֿון דעם אויספֿאָרש האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איער שווייק איז שוין איין מאָל אַ פּרי. למשל, אויף דער פֿראַגע, פֿאַרוואָס איז ער זיך ניט מודה, האָט ער, ווערליק עס איז צו זען פֿון פּראָטאָקאָל, געענטפֿערט, אַז ער געפֿינט זיך גענוי אין דער לאַגע ווי דער לאַקיי פֿון דעם מאַלער־אַקאַדעמיקער פּאַנושקאַ איבער עפּעס אַ בילד פֿון דער בתולה מאַריאַ. יענער האָט אויך, אַז מען האָט אים גענומען צושפּאַרן צו דער וואַנט פֿון וועגן דעם בילד, וואָס ער זאָל האָבן כּלומרשט אַוועקגעגנבֿעט, געענטפֿערט נאָר: „וואָס זשע, זאָל איך שפּײַען מיט בלוט, האַ?"

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אין נאָמען פון פּולק געפּועלט בּיים דיוויזיע־געריכט, ער זאָל פון זיך אָפּדרוקן אין אַלע צייטונגען אַ הכחשה פון די פּאַסקודנע שרייבּעכצן פון די היגע שרייבּאַרעס. עס וועט שוין היינט אָפּגעשיקט ווערן אין אַלע רעדאַקציעס. מיר דוכט, עס איז נשקשה אָנגעשריבּן:

דאָס געריכט פון דער נ־דיוויזיע און דער קאָמאַנדיר פון נ־פוסגייער־פּולק גיבּן צו וויסן עפנטלעך, אַז די ידיעה, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין דער און דער צייטונג, מכּח בּלומרשטע עקסצעסן פון סאָלדאַטן פון נ־פּולק שטימט אין קיין פּרט ניט מיט דער ווירקלעכקייט, איז אויסגעטראַכט פון אָנהייב בּיזן סוף, און אַז דער פּראָצעס וועגן רכילות, וואָס איז דערוועקט געוואָרן קעגן דער בּאַצייכנטער צייטונג, וועט האָבּן אַ פּועל־יוצא די שטרייננגע בּאַשטראָפונג פון די שולדיקע".

— נאָר איר, הער לייטענאַנט, האָט דער פּולקאָווניק געמוסרט, — איר האָט שוין געמעגט איינזען, ווי פיין אַט די מאַדיאַרישע שרייבּאַרעס האָבּן אויסגענוצט אייערע אַוואַנטיורעס פון קיראַ־ליכידע.

לייטענאַנט לוקאַש האָט אַ פאַרשעמטער אַ הוסטל געטאָן.

— און דער דאַזיקער שוויק, — איז דער פּולקאָווניק ווידער אַריבּער צום ענין, — מוז איך אייך זאָגן, איז אַ גאַנצער כוואַט. אויבּ ער האָט געקאָנט אָפּטאָן אַזאַ מעשה מיט אייער בּריוו. מיר געפעלט דאָס זייער. עס וואָלט געווען אַ שאָד אומגליקלעך צו מאַכן אַזאַ מענטשן. איך האַלט, אַז דאָס איז אַן ענין פון דער־ציאונג. בּכל אופן, אין דער ריכטונג בּאַדאַרף דער אויספאָרש אָפּגעשטעלט ווערן. איר אָבּער, הער לייטענאַנט, זייט קאָמפּראָמי־טירט אין דער פּרעסע. דעריבּער איז גאַנץ איבּעריק, איר זאָלט דאָ בּלייבּן לייגער. די וואָך גייט אַוועק אַ מאַרש־ראָטע אַפּן רוסישן פראָנט. איר זייט דער עלטסטער אָפיצער אין דער 11־טער ראָטע, און דערפאַר וועט איר בּאַשטימט ווערן פאַר אַ ראָטע־קאָמאַנדיר און איר וועט גיין צוזאַמען מיט איר אַפּן פראָנט. אין שטאַבּ פון בּריגאַדע איז שוין אַלץ איינגעאָרדנט. זאָגט דעם

קאַפּטענאַרמוס, ער זאָל אויסזוכן פאַר אײך אן אַנדער דינער אָנשטאָט שווייקן.

דער לייטענאַנט האָט מיט דאַנק א קוק געטאָן אפן פּול־קאָווניק, נאָר יענער האָט ווײַטער גערעדט:

— שווייקן וועל איך באַשטימען פאַרן אָרדאָנאַנס פון אײער ראָטע.

דער פּולקאָווניק איז אויפגעשטאַנען. דערלאַנגט די האַנט דעם לייטענאַנט, וואָס איז געוואָרן בלייך ווי די וואַנט, און האָט געזאָגט:

— בכן, איז אַלץ אין אָרדענונג. ווינש אײך הצלחה. צייכנט זיך אויס אפן מזרחדיקן קריגס־טעאַטער, און אויב אונדז וועט זײַן באַשערט נאָך אַמאָל צו באַגעגענען זיך, זאָלט איר קומען צו אונדז אין קאָמפּאַניע, און ניט אויסמײַדן אונדז, ווי אין בודוויים...

צוריקוועגס האָט לייטענאַנט לוקאַש די גאַנצע צײַט איבער־געחזרט פאַר זיך:

— ראָטע־קאָמאַנדיר, ראָטע־אָרדאָנאַנס.

און שווייקס בילד האָט זיך געשטעלט פאַר זײַנע אויגן, ווי גרויס ער איז.

אַז לייטענאַנט לוקאַש האָט באַפוילן דעם קאַפּטענאַרמוס וואַנעקן אויפצוזוכן אים אן אַנדער דינער אָנשטאָט שווייקן, האָט יענער געזאָגט:

— און איך האָב געמיינט, הער לייטענאַנט, אַז איר זײַט מיט שווייקן צופרידן.

אָבער אַז ער האָט דערהערט, אַז שווייק איז באַשטימט פאַר אָרדאָנאַנס בײַ דער 11־טער ראָטע, האָט ער אַרויס־גערופן:

— זאָל דער אויבערשטער שומר ומציל זײַן!

* * *

אין אַרעסט־לאָקאַל בײַם דיוויזיע־געריכט, א בנין מיט גראַטעס פאַר די פענצטער, שטייט מען אויף זיבן אזייגער אינדערפרי און מען ראַמט באַלד אָפּ די געלעגערס, וואָס זײַנען אויסגעלייגט

פשוט אפן דיל, אין שטויב און שמוץ, ווייל קיין לאַווקעס זיינען ניט געווען. די פעסט אנגעשטאָפּטע שטרויזעק און די אַקוראַט צונויפגעלייגטע קאָלדרעס האט מען באַדאַרפט אפלייגן אין א הינטערשטן אָפּגעצאַמטן קאמער, און ווער עס איז פּאַרטיק געוואָרן מיט אָט דער אַרבעט, האָט זיך געזעצט אפרוען אף די ביינקלעך פאַזע די ווענט. און שמועסן האָבן זיך געצויגן אָן א סוף און אָן אָן עק.

ניט ווייט פון טיר זיינען געזעסן אף א ביינקל שווייק און דער אַלטער סאַפּיאָר וואָדיטשקאַ צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע סאָל־דאַטן פון פאַרשיידענע מינים.

— מיר הויבט זיך דער מוח, — ווי פּלאָנטערט מען זיך אַרום פון אָט דער געשיכטע און מען גייט אַרויס אף דער פריי. עס ווילט זיך אַזוי אָפּרעכענען זיך מיט די דאָזיקע מאַדיאַרישע כוליגאַנעס! און ווי קען איך דאָס קומען דערצו, וויבאַלד מען האַלט מיך דאָ איינגעשלאָסן, און חוץ אַלעמען מוזטו נאָך מאַכן אָן אָנשטעל פאַרן אונטערזוך־ריכטער, אַז דו ביסט מיט די מאַד־יאַרן אַדרבא ואדרבא, אף מיין ערן־וואָרט. דאָס לעבן גייט ניט אַיין! נאַר זאָל נאַר אַזאַ נפש אַריינפּאַלן צו מיר אין די לאַפּעס, — וועל איך אים דערוועדגן ווי א קעצל. איך וועל זיי ווייזן, וואָס דאָס הייסט פאַרדרייען דעם נאָז, איך וועל זיך מיט זיי אַזוי אָפּרעכענען, אַז זיי וועלן האָבן וואָס צו געדיינקען.

— ע, ברודער לעב, האָב קיין מורא ניט, — האָט געזאָגט שווייק, — עס יועט שוין רעכט ווערן, דער עיקר, אַפּן געריכט טאָר מען קיין מאָל ניט זאָגן דעם אמת. א מענטש וואָס לאָזט זיך איבעררעדן און זאָגט אויס דעם אמת, דער איז פאַרפאַלן. אַז איך האָב איין מאָל געאַרבעט אין מעהריש־אָסטרוי, האָט דאָרטן געטראָפן אַזאַ מעשה: איינער אַן אַרבעטער האָט אונטער פיר אויגן אָנגעמקלט די ביינער אַן אינזשענער, אַזוי אַז קיינער האָט דאָס ניט געזען. דער אַדוואָקאַט, וואָס האָט אים פאַרטיידיקט, האָט די גאַנצע צייט צו אים געטענעט, אַז מ׳וועט אים גאַרנישט ניט טאָן, אויב ער וועט לייקענען, און דער פאַרזיצער פון געריכט, פאַרקערט, האָט אים איינגערעדט זיך מודה צו זיין, ווייל דעמאָלט

וועט ער קריגן א קלענערע שטראָף. מילא בקיצור, ער האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער האָט ניט וואָס זיך מודה צו זיין, אַזוי אַז מען האָט אים באַפרייט, ווייל ער האָט דערוויזן זיין אַליבי. אין דעם זעלביקן טאָג איז ער געווען אין ברנאָ...

— רבונו של עולם! — האָט זיך געכעסט וואָדיטשקאַ. — דאָס איז דאָך ניט צו דערהאַלטן! צו וואָס דערציילט ער דאָס אַלץ — קען איך לחלוטין ניט פאַרשטיין! נעכטן איז אויפן פאַרהער אויך געווען אַזאַ מין טיפּ, אַז דער אונטערזוך־ריכטער האָט ביי אים געפרעגט, וואָס האָט ער געטאָן פאַר דער מאָביליזאַציע, האָט ער געענטפערט: „איך האָב געמאַכט רויך ביי קריץ". און עס האָט געדויערט איבער א האַלב־שעה, ביז דער אויספאָרשער האָט ביי אים אַרויסגעקוועטשט, אַז ער האָט געבלאָזן דעם בלאָז־זאַק ביים שמיד קריץ.

אין קאָרידאָר האָבן זיך געלאָזט הערן טריט און רופן פון וואַך־סאָלדאַטן: „נעמט צו נייעס!"

— אַהאַ! — האָט שוויק זיך דערפרייט, — וואָס עס קומט צו, קומט ניט אָפּ. אפשר וועט מען ביי זיי כאַפּן א פּאָר קאַרקעס אויף א רייכער טאָן...

די טיר האָט זיך געעפנט און אין קאַמערע האָט זיך אַריינגעלאָזן דער זעלביקער פּריוואַליקער, וואָס איז געזעסן צוזאַמען מיט שוויקן אין קאַרצער אין בודוויס און איז דערנאָך געוואָרן באַשטימט פאַרן קוכער פון א מאַרש־ראָטע.

— געלויבט זאָל זיין יעזוס קריסטוס! — האָט ער אַרויסגערעדט אַריינגייענדיק, און שוויק האָט דערויף געענטפערט:

— אין אַלע אייביגקייטן, אָמן.

דער פּריוואַליקער איז קענטיק געווען קאָנטענט מיט דער באַגעגעניש, האָט אַוועקגעלייגט אויפן דיל די קאָלדרע, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך און האָט זיך צוגעזעצט צו דער טשעכישער קאָמפּאַניע. ער האָט אָפּגעוויקלט זיינע וויקל־גאַמאַשן און האָט אַרויסגענומען די פּאַפּיראָסן, וואָס ער האָט דאָרטן געהאַט קונציק באַהאַלטן, און האָט זיי באַלד אויפן אָרט צעטיילט צווישן חברה. צולעצט האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון שטיוול די

שמאלע זײט פון א שװעבל־פושקעלע, די װאס איז אויסגעשמירט מיט פּאָספּאָר, און עטלעכע שװעבעלעך מיט קונציק איבערגעשניטענע קעפּלעך.

ער האט אנגעריבן א שװעבעלע, אנגעצונדן א פּאַפּיראָס, האט דערלאנגט אלעמען פּאַרױכערן און האט גלײכגילטיק א זאג געטאן:

— מען באשולדיקט מיך אין מאכן א בונט.

— דאס איז א גארנישט מיט א נישט, — האט בארואיקט שװײק. — דאס איז נאר אזױ זיך, אף געלעכטער.

— פּאַרשטײט זיך, — האט זיך אפּגערופן דער פרײװיליקער, — אויב מיר װילן געװינען די מלחמה אף אַזאַ שטײגער, דורך פארשידענע משפּטים, אויב זײ װילן ניט אנדערש זיך משפּטן מיט מיר, זאלן זײ זיך משפּטן. סוף כּל סוף קאן קײן שום פּראָצעס ניט אומענדערן די לאגע.

װי אזױ זשע האסטו דאס געבונטעװעט זיך? — האט גע־פרעגט דער אלטער סאַפּיאָר װאָדיטשקאַ, װאס האט געקליבן נחת פון פרײװיליקן.

— איך האב זיך אפּגעזאגט צו רײניקן דעם אפּטריט אף דער הױפּט־װאך, — האט ער געענטפערט, — האט מען מיך אפּגעפירט צום פּאָלקאָװניק. און דאס איז א חזיר אײנער אין דער װעלט. האט ער גענומען שרײען אף מיר, אז מיך האט מען ארײנגעזעצט אפן סמך פון א באפעל איבערן פּאָלק און אז איך בין בכלל אן ארעסטאנט א לעצטער שבלעצטע, און אז עס איז אים בכלל א חידוש, װאס די ערד טראגט מיך נאך און האט ניט אויפגעהערט צו דרײען זיך פון חרפּה, װאס אין דער ארמײ האט זיך אפּגעזוכט א מענטש מיט די רעכט פון א פרײװיליקן, װאס האפט נאך צו קריגן דעם ראנג פון אן אפיצער, נאר דורך זײן אויפפיר קאן ער דערװעקן אין זײנע עלטסטע נאר עקל און פאראכטונג צו זיך. האב איך געענטפערט, אז די דרײאונג פון דעם ערד־קײלאָך קאן ניט אָפּגעשטעלט װערן מחמת דעם, װאס עס האט זיך באװיזן אַזאַ און אַזאַ פרײװיליקער, װײל די כּחות פון דער נאטור זײנען שטאַרקער פאר די בענדלעך פון א פרײ־

ווילן. און ווייטער האָב איך געזאָגט דעם פּולקאָווניק, אַז דאָס, וואָס ער חידושט זיך, פאַרוואָס די ערד טראָגט מיך נאָך, איז אַ קאַפּעלע מאָדנע, ווארום עס קען דאָך ניט געמאָלט זיין, אַז צוליב מיר זאָל זיין, אַשטייגער, אַן ערדציטערניש. דער פּולקאָווניק האָט פאַר דער גאַנצער צייט וואָס איך האָב גערעדט, נאָר געהאַלטן אין איין ליאַסקען מיט די ציין, ווי אַ שקאַפּע, וואָס קייט געפּראַזשענע קרוטשקע, און דערנאָך האָט ער זיך צושריען: „נו, וועט איר גיין רייניקן דעם אָפּטריט?“ „באין אופן, — ענטפער איך, — איך וועל דעם אָפּטריט ניט רייניקן“. „ניין, איר’ט יאָ רייניקן. איר הערט, פּרייוווליקער?“ „באין אופן, — ענטפער איך, — איך וועל ניט רייניקן;“ — „צו אַלע טייוואָלים, איר וועט רייניקן, און ניט איינעם, נאָר הונדערטע“. „באין אופן, — ענטער איך, איך וועל ניט רייניקן ניט קיין הונדערט און ניט קיין איין אָפּטריט ניט“. און אַזוי כסדר: „איר וועט רייניקן?“ „איך וועל ניט רייניקן“. און אַזוי האָבן מיר אָפּגעטענעט אַ שטיקל צייט. און דערנאָך האָט דער פּולקאָווניק מיר אָנגעסטראַשעט, אַז מען וועט מיך אָפּמשפּטן און אויפהייגגען. און דערנאָך האָט מען מיך אָפּגעפירט און געלאָזט מיר וויסן, אַז איך ווער באַשולדיקט אין אַ מיליטער־בונט.

— גלייכער פון אַלץ, — האָט געזאָגט שוויק, — וואָלט געווען, ווען דו מאַכסט זיך פאַר אַ אידיאָט. אַז איך בין געזעסן אין דער גאַרניזאָן־טורמע, איז מיט אונדז געזעסן איינער אַ מענטש, אַ קלוגער, אַ געבילדעטער, אַ פּראָפעסאָר פון אַ העכערער קאָמערץ־שול. ער האָט דעזערטירט פון פראָנט, און מען האָט געוואָלט זיין ענין צעבלאָזן אין אַ גרויסן פּראָצעס, מען זאָל אים משפּטן און טאַקע אויפהייגגען, עס זאָל זיין אַ התראה די איבעריקע. האָט ער זיך אָבער אַרויסגעדרייט פונם גאַנצן עסק אָף גאָר אַ פּשוטן דרך. ער האָט גענומען מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ דעגענעראַט. אַז דער אויבער־דאָקטאָר האָט אים אונטערזוכט, האָט ער געמאָלדן, אַז ער האָט גאַרניט דעזערטירט, נאָר אַז פון קינדוויים אָן האָט ער ליב געהאַט אַרומפאָרן, אַז פון שטענדיק אָן האָט אים עפּעס געצויגן אין דער ווייט און אַז מיט אים האָט שוין איין מאָל געטראָפן, אַז ער איז געקומען קיין האַמבורג און קיין לאָנדאָן און

ער האט אליין ניט געוווּסט, ווי אַזוי און צוליב וואָס ער קומט אַהין. לויט זיינע רייד איז זיין פאָטער געווען אַן אַלקאָהאָליקער און האָט זיך גענומען דאָס לעבן, נאָך איידער ער איז געבאָרן געוואָרן, די מוטער איז געווען אַ פּראָסטיטוּאירטע און אַ שכור־ניצע און איז געשטאָרבן פון היץ־קרענק. אַ אינגערע שוועסטער זאָל זיך כּלומרשט האָבן דערטרונקען, אַן עלטערע האָט זיך אַרונטערגעוואָרפן אונטער אַ צוג, אַ ברודער האָט זיך אַראָפּ־געוואָרפן פון ווישעגראַדער אייזנבאַן־בריק אין דער מאָלדאַווע אַריין, דער זיידע זיינער האָט געקוילעט זיין ווייב און אַליין זיך באַגאָסן מיט קעראָסינע און פאַרברענט געוואָרן. אַ צווייטע באָבע פון דער מוטערס צד, איז אַנטלאָפן געוואָרן מיט ציגיינערס, און דערנאָך האָט זי זיך אָפּגעסמט אין טורמע מיט פאָספאָר־שוועבעלעך. איינער פון זיינע שוועסטערקינדער האָט זיך עטלעכע מאָל געמשפּט פאַר אונטערצינדן און האָט סוף כּל סוף איבערגעשניטן די האַלדז־אַרטעריע מיט אַ שטיק גלאָז, אַן אַנדער שוועסטערקינד, אַ מיידל, פון פאָטערס צד, האָט זיך אין ווין אַרויסגעוואָרפן פון זעקסטן גאָרן, און ער אַליין האָט קיין שום עדוקאַציע ניט געקראָגן, און ביזן עלטער פון צען יאָר האָט ער ניט געקאָנט ריידן, ווייל אַז ער איז אַלט געווען זעקס חדשים האָט מען אים פאַרוויקלט און געלאָזן ליגן אויפן טיש און מען איז אַוועקגעגאַנגען און פאַרגעסן אָן אים, און אַ קאַץ האָט אים אַראָפּגעשלעפּט פון טיש און ער איז אַראָפּגעפאַלן און זיך צעקלאַפּט דעם קאָפּ. און איצט אויך, האָט ער פאַרזיכערט, האָט ער צייטווייז אַזאַ קאָפּווייטאַק, אַז אין יענע מאָמענטן ווייס ער ניט וואָס ער טוט, און אַט אין אַזאַ מאָמענט איז ער אַוועק פון פּראַנט קיין פּראָג און איז געקומען צו זיך ערשט דערמאָלט, בשעת די פעלד־זשאַנדאַרן האָבן אים פאַרהאַלטן אין „פלעקס״. אַט אַזוי, חברה, וואָלט איר נאָר געזען, מיט וואָס פאַר אַ שׂמחה מען האָט אים דאָס אָפּגעלאָזן פון מיליטער אַהיים! און אַ מאַן פינף סאָלדאַטן, וואָס זיינען געזעסן מיט אים אין איין קאַמערע, האָבן זיך פאַרשריבן אויף אַ פּאַפּירל: „פאָטער אַלקאָהאָליקער. מוטער פּראָסטיטוּאירטע. איין שוועסטער זיך אַריינגעוואָרפן אין וואַסער. אַ צווייטע שוועסטער אונטערן צוג.

אַ ברודער פון בריק. זיידע דערהאַרגעט באַבן. קעראַסינע, זיך פאַרברענט. אַ צווייטע באַבע — ציגיינער, שוועבעלעך, און אַזוי ווייטער. און אַט, אַז איינער פון זיי האָט גענומען דערציילן דעם אויבער־דאָקטאָר די דאָזיקע געשיכטע, האָט דער אויבער־דאָקטאָר וואָרום דאָס איז שוין געווען דער דריטער פאַל, אים איבערגעהאַקט און געזאָגט: „איך ווייס שוין, איך ווייס שוין, דיין שוועסטערקינד פון פאָטערס צד האָט זיך אַראָפּגעוואָרפן אין ווין פון זעקסטן גאָרן, און אַליין האָסטו גאָר קיין עדוקאַציע ניט געקראָגן און דערפאַר וועט די שטראָף־ראָטע אויסבעסערן דיין דערציאונג". בקיצור, מען האָט אים אָפּגעפּ'רט אין איינצל אַרעסט, פאַרשמידט אים די הענט און די פיס פאַרקרייצט, און האָט ביי אים ווי מיט דער האַנט אָפּגענומען אי די שלעכטע דערציאונג, אי דעם טאַטן דעם שיכור אי די מאַמען די פּראָסטיטוטקע, און ער איז מיטן גוטן ווילן אַוועק אָפן פראָנט.

אין דער מיט איינעם באַשלאָגענער טיר האָט אַ סקריפּע געטאָן דער שליסל, און אין קאַמערע איז אַריין דער פּראָפּאָס.

— סאָלדאַט פון פוסגייער־פולק שוויק און סאַפּיאָר וואָדיטשקאַ — צום הער מיליטער־פאָרש־ריכטער.

זיי זיינען אויפגעשטאַנען, און וואָדיטשקאַ האָט געזאָגט צו שוויקן:

— אָט זעסטו, וואָסערע מנוולים דאָס זיינען: איטלעכן טאָג אַ פאַרהער, און צו קיין שפּיץ דערגייט מען ניט. גלייך וואָלטן זיי שוין, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, אונדז פאַרמשפּט, אַבי זיי זאָלן אונדז לאָזן צו רו. איצט וואַלגערן מיר זיך אַרום דאָ, און די מאַדיאַרישע בולינאַנעס לויפן אַרום אויף דער פריי...

אַזוי שמועסנדיק זיינען זיי אַריין אין בנין, וווּ עס האָט זיך געפונען די קאַנצעלאַריע פון דיוויזיע־געריכט, און די וואַך האָט זיי אָפּגעפירט גלייך אין צימער נומער 8, וווּ עס איז געזעסן ביי אַ טיש, פאַרלייגט מיט פּאַפּירן, דער מיליטער־געריכטס־אויספאָרשער, אָדער ווי מען רופט זיי אין עסטרייך, דער אודיטאָר רולער.

פאר אים איז געלעגן א באנד פון געזעץ=בוך, וואס אף אים איז געשטאנען א האלב אָפּגעטרונקענע גלאָז טיי. אף דער רעכטער זייט פון טיש איז געשטאנען א קרייץ=בילד אימיטירט אף העלפאנד=ביין, מיט א פארשטויבטן קריסטוסן, דער אונטער=שטעל פון קרייץ איז געווען פארווארפן מיט אָפּגערויכערטע סי=גארן און אַש.

אָודיטאָר רולער האט גראד ווידער אמאל אפגעטרייסלט די אַש פון זיין פאפּיראס אף דעם אונטערשטעל פון קרייץ, און מיט דער אנדער האנט האט ער אויפגעהויבן די גלאָז, וואס איז געווען צוגעקלעפּט צום באנד פון געזעץ=בוך. טרינקענדיק די טיי האט ער ארייַנגעקוקט אין די פאָרנאָגראַפישע בילדלעך פון א ביכל, וואָס ער האט געהאט גענומען פון דער אָפיצער=ביבליאָטעק.

וואָדיטשקאָ האט העפלעך א הוסט געטאָן, און ערשט דעמאלט האט דער אָודיטאָר א פרעג געטאן, בלעטערנדיק ווייטער דאס ביכל:

— וואס ווידער?

— ערלויבט צו מעלדן, הער אודיטאָר, — האט געענטפערט שווייק, — חבר וואָדיטשקאָ איז א ביסעלע צוגעקילט, הוסט ער.

איצטער האט דער אודיטאָר א קוק געטאן אף שווייקן און וואָדיטשקאָ, געמאכט א שטרייַנגען פּנים.

— אַ, אט האט איר באוויליקט צו קומען, חברה — האט ער געזאגט. איבערווארפנדיק די הויפנס פאפירן אפן טיש. — איך האב אייך דאָך ארויסגערופן צו ניין אזייגער, און איצט איז שוין גאט צו דאנקען עלף.

— ווי שטייסטו דאָס, מנוול? — איז ער אנגעפאלן אף וואָדיטשקאָ, וואס האט זיך ערלויבט צו שטיין „פרייַ". — צו איין דעם בויך, ביז איך וועל א קאמאנדיר טאן „פרייַ!"

— ערלויבט צו מעלדן, הער אודיטאָר, — האט זיך אפּ=גערופן שווייק: — ער האט רעמאַטיס.

— און דו בעסער שווייג, — האט געזאָגט דער אודיטאָר, — ביז איך וועל דיך פרעגן, דעמאלט וועסטו ענטפערן. אזוי ביסטו

דריי מאָל געווען בײַ מיר אויפן פּאַרהער, און אַלץ האָט מען געמוזט מיט צוואַנגען אַרויסשלעפּן פון דיר... נו, וואָס איז דאָס פאַר אַ צרה, וועל איך ווען געפינען די פּאַפּירן צו זײַן?... וויפיל האָב איך דאָס מיט אײַך צו עסקן זיך, איר מנוולים!.. נאָר מיינט נישט, אַז דאָס וועט אײַך גלאַט אַראָפּ, אַז איר זײַט אומזיסט=אומנישט מטריח דאָס געריכט.

סוף כל סוף האָט ער געפונען צווישן דעם הויפן אנגעלייגטע פּאַפּירן אויפן טיש אַ גראָבע פּאַפּקע מיט דער אויפשריפט „שוויק און וואָדיטשקאַ“ און האָט שטרענג אויסגערעדט:

— איצט האָרכט זיך צו, איר פּערדישע קעפּ! רעדט זיך נישט אײַן, אַז איבער אַ נאַרישן געשלעג וועט איר נאָך אַ צײַט זײַן צוגעשריבן צום דיוויזיע=געריכט און איר וועט קאָנען זיך אַרויסמאַכן פון פראָנט. איבער אײַך, לעמאַכעס, האָב איך שוין געמוזט טעלעפאָנירן אין קאָרפּוס=געריכט.

ער האָט אָפּגעזיפצט.

— מאַך נישט דעם אַנשטעל פון אַזוי ערנסט, שוויק, — האָט ער ווײַטער גערעדט. — אויפן פראָנט וועסטו שוין פאַרזאָגן אַ צענטן זיך צו שלאָגן מיט די האָנוועדס. די אויספאָרשונג קעגן אײַך בײדן ווערט אָפּגעשטעלט און איר קערט זיך אום בײדע צו אײַערע אָפּטיילן, וווּ איר וועט קריגן אַ דיסציפּלינאַר=שטראָף. און דערנאָך גײט איר אַוועק מיט אַ מאַרש=ראָטע אויפן פראָנט. נאָר אויב איר וועט נאָך אַמאָל אַרײַנפאַלן צו מיר אין די הענט, וועל איך אײַך, איר כוליגאַנעס, אַזוי אונטערוואַרימען, אַז איר וועט נישט וויסן, פון וואַנען דאָס איז אײַך געקומען. אָט האָט איר אײַערע פּאַפּירן און טראָגט זיי אָפּ אין צימער נומער 2. ווײַטער זאָלט איר זיך פירן לײַטיש.

— ערלויבט צו מעלדן, — הער אודיטאָר, — האָט געזאָגט שוויק. — אַז מיר בײדע האָבן מיטן גאַנצן האַרצן פאַרנומען אײַערע רייד און מיר דאַנקען אײַך אונטערטעניקסט פאַר אײַער גוטסקייט. ווען דאָס וואָלט נישט געווען אין מיליטער=דינסט, וואָלט איך זיך ערלויבט צו זאָגן, אַז איר זײַט אַ מענטש אַ גינגאָלדענער און צוגלייך מוזן מיר בײַ אײַך בעטן מחילה, וואָס

איר האט באַדאַרפט אזוי פיל זיך מטריח זיין איבער אונדז. מיר האָבן דאָס, כלעבן, גאָר נים פאַרדינט.

— גייט אייך צו אלדי טייוואָלים! — האָט דער אודיטאָר זיך צעשריען אף שוויקן. — אויב פאַר אייך וואלט זיך נים משתדל געווען הער פולקאָווניק שרעדער, וויס איך נים, מיט וואָס דאס אַלץ וואָלט זיך געענדיקט.

וואָדיטשקאַ האָט זיך דערשפירט, אז ער איז דער פריער־דיקער וואָדיטשקאַ, ערשט אין קאָרידאָר, בעת זיי זיינען געגאַנגען מיטן וואַך־סאָלדאַט אין צימער נומער 2.

דער סאָלדאַט האט מורא געהאט צו פארשפעטיקן צו מיטאק, און דערפאַר האט ער געאיילט:

— אנו, ברידערלעך, גיכער, רירט זיך, קריכט נים ווי די ראַקעס.

דערויף האט וואָדיטשקאַ אים דערקלערט, ער זאָל נים אזוי פיל מאכן די פוריע, וואָרום זיין גליק איז, וואס ער איז א טשעך. וואָלט ער געווען א מאַדיאַר, וואָלט ער, וואָדיטשקאַ, אים געהאט שוין ארומגעריסן ווי א הערינג.

אזוי ווי אלע שרייבערס זיינען שוין געווען אוועקגעגאַנגען פון קאַנצעלאַריע עסן וואַרימעס, האָט דער וואַך־סאלדאַט געמוזט אָפפירן ביידע ארעסטירטע צוריק אין קאַמערע. דערביי האָט ער נים געזשאַלעוועט קיין זידלערייען פאַר דעם מיאוסן מין מענטשן ווי די שרייבערס.

— די חברים וועלן היינט ווידער אראָפנעמען גאָר דאָס פעטס פון מיין יויך, — האָט ער זיך געברוגזט, — און אנשטאָט פלייש וועלן זיי איבערלאָזן פאר מיר נאָר אדערן און ביינער. נעכטן האב איך אפגעפירט צוויי אין לאַגער, האָט דערוויייל עמיצער אויפגעפרעסן א העלפט פון מיין חלק ברויט.

— און איר דאָ ביים דיוויזיע־געריכט האָט קיין אנדערע דאַגות נים, ווי נאָר וועגן פרעסביץ, — האָט באמערקט וואָדיטשקאַ, וואס האט שוין באווזן נאָר אריינצוגיין אין די כלים.

אז זיי האבן דערציילט דעם פרייווויליקן, מיט וואָס זייער ענין האָט זיך געענדיקט, האט ער אויסגערופן:

— אזוי, אין מאַרש-ראָטע, מײַנע פֿרײַנט! ווי עס שטייט געשריבן אין די זשורנאַלן פֿאַר טוריסטן: „א גליקלעכן וועג!" די צוגרייט-אַרבעטן פֿאַר דער נסיעה זײַנען שוין געמאַכט, פֿאַר אַלץ האָט שוין געזאָרגט די העכערע מיליטער-מאַכט. האָט מען דאָס אײַך אויך, הייסט דאָס, אײַנגעלאַדן אויף די לוסט-רײַזע קיין גאַליציע? טרעט זשע צו צו איר מיט א פֿרײלעכן געמיט און מיט א גרינגען האַרץ. טראָגט אַוועק צו יענע ערטער, וווּ מען וועט אײַך באַקענען מיט די שוץ-גראָבנס, אײַער פּלאָמענדיקע ליבע, דאָרט איז הפלא ופלאדיק און העכסט אינטערעסאַנט. אין דער ווײַטער פֿרעמד וועט איר זיך שפּירן ווי אינדערהיים, ווי אין א לאַנג באַקענטן לאַנד, כמעט ווי אין ליבן געבאָרן-אָרט. מיט די געהויבנסטע געפֿילן אין דער נשמה טרעט איר צו צו דער נסיעה אין יענעם לאַנד, וואָס נאָך דער אַלטער הומבאָלדט האָט וועגן דעם געזאָגט: „אין גאָר דער וועלט האָב איך ניט געזען עפּעס גרויסאַרטיגערס ווי אט די נאַרישע שבנאַרישע גאַליציע". די געוואַלדיקע און אויסנאַמלעכע געניטשאַפֿט, וואָס אונדזער העלדישע אַרמיי האָט זיך אָנגעשאַפֿט בײַ איר אָפּטרעטן פֿון גאַליציע, וועט געוויס זײַן אָנגעלייגט בײַ אונדזערע נײַע מיליטערישע אָפּעראַציעס. דער עיקר איז — גלײַך, ניט פֿאַרקערוועט מאַרש אַרײַן קיין רוס-לאַנד און פֿון פֿרייד אויסגעשאָסן אין דער לופֿטן אַלע פּאַט-ראָנעס.

אז שוויק און וואָדימשקאַ האָבן נאָך וואַרימעס זיך געקליבן גיין אין קאַנצעלאַריע, איז צו זיי צוגעגאַנגען איינער אן אַרעס-טירטער, א געוועזענער לערער, וואָס איז געווען באַשולדיקט פֿאַר שרײַבן אן אַנטימלוכהש לידל, האָט זיי אָפּגערופֿן אן א זײַט און זיי אײַנגערוימט א סוד:

— זעט, פֿאַרגעסט ניט, אז ווי נאָר איר וועט זײַן אויף דער רוסישער זײַט, זאָלט איר באַלד זאָגן צו זיי: „א גוטן אײַך, ברידער רוסן, מיר זײַנען אײַערע ברידער טשעכן, ניט קיין עסטרײַכער".

פֿאַרן אַרויסגיין פֿון קאַמערע, האָט וואָדימשקאַ נאָך געוואָלט מיט עפּעס אַרויסווײַזן זײַן שנאה צו די מאַדיאַרן, און דערפֿאַר

האט ער אנגעטראטן אפן פוס איינעם א מאדיאר, וואס איז געזעסן מיט זיי, דערפאר וואס ער האט ניט געוואלט דינען אין מיליטער, און האט נאך אף אים אנגעשריען:

— די שטיוול טו אן, פעטעלעלע!

— ער'ט נאך באדארפט עפעס א זאג טאן מיר, — האט וואדיטשקא דערנאך מיט רוגזא געזאגט צו שווייקן. — וואלט ער מיר נאר א זאג געטאן כאטש איין ווארט, וואלט איך אים צעריסן זיינע מאדיארישע פסקעס פון אויער ביז אויער. און ער, דער עפוש, שווייגט און לאזט זיך טרעטן. דער טייוול וויס, שווייק, איך בין אזוי ברוגז, וואס מען האט מיך ניט פארמשפט! דאס האט דאך א פנים, ווי זיי וואלטן זיך אויסגעלאכט פון אונדז, אז פון אט דעם גאנצן עסק מיט די מאדיארן איז אפילו ניט כדאי צו ריידן. אבער אין דער אמתן האבן מיר זיך דאך געשלאגן ווי די לייבן. דאס ביסטו שולדיק, וואס זיי האבן מיר ניט פארמשפט, נאר ארויסגעגעבן אונדז א כתב א פארטיקן, אז מיר קאנען נעבעך זיך גאר ניט שלאגן. וואס האלטן זיי דאס טאקע פון אונדז, הא? וואס וואס, א סקאנדאל איז עס דאך געווען ניט קיין קליינער!

— טייערער מיינער, — האט שווייק געזאגט גוטמוטיק,

— איך פארשטיי ניט, פארוואס טוט דיר ניט קיין הנאה, וואס דער דיוויזיע-געריכט האט אפיציעל אונדז אנערקענט פאר לייטישע מענטשן, וואס מען קאן זיך צו זיי ניט צוטשעפען. אמת, ביים פארהער האב איך זיך געסטארעט מיט אלע כחות זיך ארויסצודרייען, אבער אזוי מוז מען דאך טאן, ווארום, ווי דער אדוואקאט באס פלעגט זאגן זיינע קליענטן, מיטן ריינעם אמת וועסטו ווייט ניט פארפארן. אז דער אודיטאר האט ביי מיר געפרעגט, צוליב וואס זיינען מיר געקומען צום הער קאקאני אין ווינונג, האב איך אים געזאגט איינפאך: „ווייל איך האב געמיינט, אז מיר וועלן זיך גיכער באקאנען מיטן הער קאקאני, ווען מיר וועלן קומען צו אים צו גאסט“. נאך אזא ענטפער האט דער הער אודיטאר מיך שוין מער ניט געפרעגט, ווארום ער איז באלד געווען צופרידן...

— און אט וואס זאלסטו זיך מערקן, — האט שווייק זיך ווייטער געחקירהט. — אין מיליטער־געריכט טאָר מען קיין מאל זיך ניט מודה זיין.

— אויב איך וואלט געהאט אָפּגעטאָן עפּעס א מיאוסע זאך, וואָלט איך זיך ניט מודה געווען, — האט געענטפערט דער בראווער וואָדיטשקא. — נאָר ווייבאלד אז אט דער אודיטאָר דער ימחשמוניק פרעגט מיך אין דרייעניש, צי איך האָב זיך געשלאָגן, ענטפער איך: יא, זיך געשלאָגן. צי איך האב עמיצן געבראכן די ביינער? גאַנץ ריכטיק, הער אודיטאָר. צי איך האב ניט עמיצן צוקאַלעטשעט? נאטירלעך, הער אודיטאָר. זאָל ער וויסן, מיט וועמען ער רעדט! און דאָס איז דאך דער סקאַנדאַל וואָס מען האט אונדז פריי געלאָזט. עס קומט אויס, ווי ער וואלט גלויבן, אז איך האב אף אט די מאַדיאַרישע שאַרלאַטן אויסגעדריבלט מבן פאַס, געמאכט פון אים א מאַטשאַלקע, און אז זיי, די יאַטקע־הינט, האב איך צעבראָקט אף לאַקשן, געמאַכט זיי ברוין־און־בלאָ. די ביסט דאך געווען דערביי, ווי אזוי עס האבן זיך אף מיר ארויפגעזעצט אזעלכע דריי מאַדיאַרישע לאָבוסעס, און איך האב אין איין צווי־דריי אראָפּגעטרייסלט זיי פון זיך אף דר'ערד און גענומען זיי טרעטן מיט די פיס? און נאך אט דעם א קומט א פאָנפּעוואַטער אודיטאָר און מאכט צו גארנישט דעם גאַנצן ענין! עס האט דעם פנים, ווי ער וואלט זאָגן: „וואָס'ט איר נאך אויסקלערן? אויך מיר 'שלאָגערס!" ווארט אָקאָרשט, די מלחמה וועט זיך ענדיקן און איך וועל ווידער זיין א פרייער מענטש, וועל איך אים שוין אָפּזוכן, דעם פּוסטעפּאַסניק, און וועל אים באַווייזן, צי איך קאן זיך שלאָגן צי ניין. דעמאָלט וועל איך קומען אהער צופארן און וועל דא אנמאַכן אַזאַ מהומה, אַזאַ טאַראַראַם, וואס די וועלט האט נאך ניט געזען, אז אלע מענטשן וועלן זיך אויסבאַהאַלטן אין די קעלערס, ביז זיי וועלן געוואָר ווערן, אז דאס בין איך ספּעציעל געקומען צופארן קיין קיראַ־ליבידע א קוק צו טאָן אף אָט דער מאַדיאַרישער כאַלאַסטרע, דער פאָנפּעוואַטער!

* * *

אין קאַנצעלאַריע האָט מען זיי אָפּגעפּאַרטיקט אויף דער גיך. עפּעס א פעלדוועבל, וואָס זיינע ליפּן זיינען געווען, נאָך פעט פון ווארימעס, האָט מיט זייער אַן ערנסטע מינע אָפּגעגעבן שווייקן און וואָדיטשקאַ זייערע פּאַפּירן און דערביי האָט ער געהאַלטן פאַר נויטיק זיי נאָך אויסצומוסרן, נאָר פון זיין גאַנצער רעדע האָבן זיי פאַרשטאַנען נאָר דאָס, וואָס ער האָט זיי אָנגערופן „טשעכישע חזירים"...

אַז ביידע חברים האָבן זיך צעזעגנט, ווייל מען האָט איט־לעכן אָפּגעפירט אין זיין אָפּטיילונג, האָט שווייק געזאָגט:

— הער נאָר. ברודער־לעב, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, זאָלסטו קומען צו מיר צו גאַסט. איטלעכן אָוונט פון זעקס אַזייגער וועסטו מיך געפינען אין „פון כל טובֿ", וואָס אויף באָאישטי־גאַס.

— אודאי וועל איך קומען, — האָט געענטפערט וואָדיטשקאַ.

— וואָס איז, דאָרט איז פריילעך?

— יאָ, דאָרט מאַכט זיך אַלע טאָג עפּעס א געשיכטע, — האָט שווייק זיך באַרימט. — און אַז אונדז וועט אויסדוכטן, אַז עס איז א ביסל פאַרשלאָפן דער אינטערעס, וועלן מיר ביידע שוין קאָנען עפּעס אַזוינס אָפּשפּילן...

זיי האָבן זיך צעשיידט, און אַז זיי זיינען שוין געווען ווייט עטלעכע שריט פון אַנאַנד, האָט דער אַלטער סאַפּיאָר וואָדיטשקאַ נאָכגעשריען שווייקן:

— זאָלסטו, הייסט דאָס, זיך ניט אַנדערש א סטאַרע טאָן, עס זאָל זיין פריילעך, ווען איך וועל קומען.

— דו זאָלסט אָקאָרשט נאָר ניט אָפּנאַרן, — האָט זיך אָפּגערופן שווייק, — קום ניט אַנדערש צוגיין, ווי נאָר די מלחמה וועט זיך ענדיקן.

דערנאָך זיינען זיי אַוועק אַליין ווייטער איינער פון צווייטן, און אין א שטיקל צייט אַרום האָט מען ווידער געקאָנט הערן, פון הינטערן ראָג, פון דער צווייטער זייט, די באַראַקעס וואָדיטשקאַס קול:

— שוויק, שוויק, וואסער ביר גיט מען אין „פון כל טוב"?

און דערויף האט אפגעהילכט שוויקס ענטפער:

— גרויס פאפאָוויצער.

— און איך האב געמיינט — אז סמיכאָווער! — האט געשריען דער אלטער סאפיאר וואָדיטשקאַ.

— דארט זיינען פאראן פריילנס אויך.

— הייסט דאס, נאך דער מלחמה, זעקס אזייגער פארנאכט?

— קום בעסער האלב זיבן, טאמער פארהאלט איך זיך ערגעץ.

און גאר פון וויטנס האט נאך דערלאנגט וואָדיטשקאַס קול:

— הייסט דאס, זעקס קאנסטו ניט קומען?

— מילא, זאל זיין זעקס, — האט וואָדיטשקאַ קוים-קוים געקאנט ארויסהערן דעם ענטפער פון זיין חבר.

אזוי האבן זיך צעשיידט דער בראַווער סאָלדאַט שוויק מיטן אלטן סאפיאר וואָדיטשקאַ.

## 6.

# פון בריק אף דער לייטע קיין סאקאל.

לייטענאַנט לוקאַש האָט אן אויפגערעקטער ארומגעשפאַנט איבער דער קאַנצעלאריע פון דער 11-טער מאַרש-ראָטע. דאס איז געווען א פינצטער שטייגל אין ראָטע-באַראַק, אפגעצאַמט פון קאָרידאָר דורך א ווענטל פון ברעטער. גאָר איר אויספוץ איז באַשטאַנען פון א טיש, צוויי שטולן, א פלאַש קעראָסינע און א הילצערנע לאַווקע.

פאַרן לייטענאַנט איז געשטאַנען דער קאַפּטענאַרמוס וואַנעק, וואָס זיין עובדא איז געווען צונויפצושטעלן די צאָל-רשימות פון די שכירות, צו פירן די חשבונות פון פראָוויאַנט, וואָס ווערט ארויסגעגעבן פאַרן סאָלדאַטן-קעסל. ער איז געווען, הייסט דאָס,

דער פינאַנס־מיניסטער פון דער ראַטע. ער האָט פאַרבראַכט אין קאַנצעלאַריע א גאַנצן טאָג און פלעגט אויך דאָרט שלאָפן.

הארט ביי דער טיר איז געשטאַנען א דיקער סאָלדאַט מיט א לאַנגער באָרד. דאָס איז געווען באַלון, דעם לייטענאַנטס נייער באַדינער, וואס איז פאר דער מאָבילזאַציע געווען ערגעץ א מילנער.

— ניטאָ, וואָס צו ריידן. נישקשה פון א דינער האָט איר מיר צוגעקליבן, — האָט לייטענאַנט לוקאַש זיך געווענדט צום קאַפּטענאַרמוס. — א גרויסן דאַנק אייך פאַרן ליבן סורפּריז! איר הערט? איך שיק אים אין אָפיצער־קלוב נאָכן וואַרימעס, נעמט ער און עסט אויף א העלפט.

— באין אופן, איך האָב פאַרגאָסן, — האָט געזאָגט דער דיקער ריז.

— גוט, נעמען מיר אָן, אז דו האָסט פאַרגאָסן. פאַרגיסן וואָלסטו געקאָנט די זופּ אדער דעם סאָוס, אבער ניט דאָס געבראָטנס. דערטראָגן צו מיר האָסטו דאָך נאָר ווי א נאָגל די גריים. און וווּ האָסטו אהינגעטאָן דעם קוכן?

— איך...

— נאָר, ברודערקע, ניט לייקענען. זאָג, אז דו האָסט אים אויפגעפרעסן.

לייטענאַנט לוקאַש האָט דאָס לעצטע וואָרט ארויסגערעדט אזוי ערנסט און שטרייננג, אז באַלון איז ניט ווילנדיק אפּגעטראָטן צוויי טריט אַף צוריק.

— איך האָב מיט א כיון זיך נאָכגעפרעגט אין קיך, וואָס האָבן מיר געהאַט היינט צו וואַרימעס. לאָזט זיך אוים, זופּ מיט לעבער־קניידלעך. ווו האָסטו אהינגעטאָן די קניידלעך? אונטערוועגס האָסטו זיי ארויסגעשלעפּט און אויפגעפרעסן, אָט וואָס. דאָס צווייטע געריכט איז געווען געבראָטענע פלייש מיט אוגערקעס. וואָס האָסטו דערמיט געטאָן? אויך אויפגעפרעסן. צוויי גרויסע שטיקער געבראָטענע פלייש! און מיר האָסטו געבראַכט נאָר א האַלב שטיקל. אזוי! דערנאָך צוויי שטיקער קוכן. ווו האסטו דאָס אהינגעטאָן? זיך אליין אנגעשטאָפּט דערמיט. החזיר הינטעשער. זאָג, ווסטו

אהינגעטאָן דעם קוכן? ער איז אריינגעפאַלן אין בלאָטע? לייגסט, פאַרכוטשע, קענסטו מיר אנווייזן דעם ארט, ווו עס ליגט אין בלאָטע? אך אזוי, געקומען באַלד צולויפן א הונט, ווי מען וואָלט אים געהאַט גערופן, און א כאַפּ אַון, אויפגעפרעסן. יעזוס=מאַריאַ, וועל איך דיר דאָס א שמיר טאָן איבער דער מאָרדע, אז דער קאָפּ וועט בײַ דיר ווערן ווי אן עמער. און ער ליקנט נאָך, דער כּכּלב בן כּלבה! און וויסטו, ווער דאָס האָט געזען? אט ער, קאַפּטענאַרמוס וואַנעק. ער איז געקומען צו מיר און געזאָגט: „אזוי און אזוי, הער לייטענאַנט, אייער באַלון, די חזירשע קישקע, פרעסט אויף אייער וואַרימעס. איך האָב אליין געזען דורכן פענצטער, ער פּאַקט אין ביידע באַקן, אזוי ווי ער וואָלט א גאַנצע וואָך ניט געהאַט געפרעסן". הערט זיך איין, קאַפּטענאַרמוס, שוין זשע האָט איר ניט געקאָנט אויסקלייבן פאַר מיר קיין אנדער פענטיוך, ווי נאָר אט דעם פּאַסקודניאַק?

— ערלויבט צו מעלדן, הער לייטענאַנט, אז פון אונדזער גאַנצער מאַרש=ראָטע האָט באַלון מיר אויסגעוויזן צו זײַן דער סאַמע לייטישער מענטש. ער איז אזאַ לעמעך, אז ער קאָן בשום אופן זיך ניט אויסלערנען צו האַלטן א ביקס אין האַנט. און עס איז א סכנה צו געבן אים א ביקס, ער קאָן נאָך אנטאָן צרות. אנומטן, בעת מען האָט געשאָסן מיט פּוסטע פּאַטראָנעס, האָט ער שיער ניט אויסגעשלאָגן אן אויג דעם סאָלדאַט נעבן אים. האָב איך געקלערט, ער וועט אפשר קאָנען באַדינען דעם הער לייטענאַנט.

— און שטענדיק אויפעסן דעם אפיצערס פּאָרציע, — האָט לוקאַש ארויסגערעדט, — אזוי ווי אים וואָלט ניט געווען גענוג די אייגענע פּאָרציע! וואָסי דיר, וואָס? ביסט הונגעריק?

— גאַנץ ריכטיק, הער לייטענאַנט, שטענדיק הונגעריק. אז עס בלייבט בײַ עמיצן איבעריק ברויט, בײַט איך אוים אף פּאַפּיראָסן נאָר דאָס איז אלץ ווינציק. דאָס איז שוין בײַ מיר אזוי פון געבאָרן אָן. און אלע מאָל מיין איך, אז איך בין שוין זאַט, נאָר עס הויבט זיך ניט אָן. באַלד נעמט שוין ווידער בורטשען אין בויך, ווי פאַרן עסן, און טו א קוק — עס ווילט זיך ווידער עסן!

אַן אַנדערש מאָל מײַן איך, אָט דאָס מאָל האָב איך זיך שוין אַזוי אָנגעגעסן, אַז עס וועט שוין מער ניט אַרײַן, — נאָר נעכטיקע טעג! גענוג, איך זאָל דערזען עמיצן עסן אָדער אַפילו דערשמעקן אַ ריח פֿון עסנוואַרג, איז שוין בײַ מיר אין בויך ווי אויסגעלופּטערט. דער מאָגן פֿאָדערט אַלץ, און איך בין גרייט צו שלינגען אַפילו טשוועקעס. ערלויבט צו מעלדן, הער לייטענאַנט, איך האָב שוין געבעטן, מען זאָל מיר אַרויסגעבן אַ טאָפּלטע פּאָרציע; איך בין אַפילו מכּח דעם ענין געווען אין בודוויִס בײַם דאָקטאָר, און ער האָט מיך אָפּגעהאַלטן דרײַ טעג אין לאַזאַרעט און האָט מיר פֿאַרשריבן נאָר אַ שאָלכל ריינע בוליאָן אַ טאָג. איך וועל דיך, הולטײַ איינער, — האָט ער געטענעט, — צוגעווינען צו הונגערן שטענדיק. זאָלסט נאָר אַרײַנפֿאַלן צו מיר אין די הענט נאָך אַמאָל, וועסטו זען, ווי דו וועסט פֿון דאַנען אַוועקגיין דאַר ווי אַ דרענגל“. און איך באַדאַרף גאָר ניט קוקן אויף געשמאַקע זאַכן, הער לייטענאַנט, בײַ די סאַמע פּראָסטע עסנס לויפֿט מיר די סמאַהע פֿון מויל. איז ערלויבט צו מעלדן, הער לייטענאַנט, אַז איך בעט אונטערטעניקסט, מען זאָל מיר ערלויבן צו קריגן צוויי פּאָרציעס. און סטײַעט ניט קיין פֿלייש טאָ לפּחות עפּעס אַ גאַרניר, בולבעס, קליסקעלעך, אַ קאַפּעלע סאָוס... דאָס בלײַבט דאָך שטענדיק...

— האַלט, האַלט, באַלון, מיר איז גענוג אויסצוהערן דײַן עזותקײַט, — איז דער לייטענאַנט אים אַרײַנגעפֿאַלן אין די רייד.

— און איר, קאַפּטענאַרמוס, האָט איר ווען עס איז געהערט, אַז אַ סאָלדאַט זאָל זײַן, חוץ אַלעמען, נאָך אַזאַ מחוצף, ווי אָט דער נפֿש! צוערשט האָט ער אויפֿגעפֿרעסן מײַן וואַרימעס, און איצט מאָנט ער נאָך אַ טאָפּלטע פּאָרציע! נאָר איך וועל דיר פֿאַרשרײַבן אַזוינס, וואָס וועט דיר שוין גאָר ניט זײַן צום האַרצן.

— קאַפּטענאַרמוס, — האָט ער זיך געווענדט צו וואַנעקן, — פֿירט אים אָפּ צום קאַפּראַל ווידערהאָפֿער, און זאָל יענער אים צובינדן אויף צוויי שעה צום סלופּ אויפֿן הויף פֿאַר דער קיך, ביז מען וועט אָנהויבן צו טײלן וועטשערע. און זאָל ער אים צובינדן

וואָס העכער, בכדי ער זאָל שטיין אויף די שפּיץ פינגער און זען, ווי עס קאָכט זיך אין קעסל דער גולאַש. און זאָל אַט דער אויסוואָרף נאָך בלייבן צוגעבונדן, ווען מען וועט נעמען טיילן דעם גולאַש, עס זאָל אים לויפן די שפּייעכץ פון מויל, ווי ביי א הונ־געריקער צויק, וואָס שמעקט ארום דעם שוועל פון א ווורשט־געשעפט. און זאָג דעם קוכער, ער זאָל זיין פאַרציע אוועקגעבן אן אנדערן!

— איך הער, הער לייטענאַנט, קום, באַלון.

— אז זיי האָבן שוין געהאַלטן ביים ארויסגיין, האָט דער לייטענאַנט זיי אפּגעשטעלט און קוקנדיק באַלונען אין איבערגע־שראָקענעם פּנים אריין, האָט ער פייערלעך געמאָלדן:

— דאָס האָסטו זיך אליין פאַרקאָכט אזא קאַשע, באַלון. איך ווינש דיר פיל אַפּעטיט! און אויב דו וועסט נאָך אמאָל פּרווון אָפּטאָן מיט מיר אזא שטיק, וועל איך דיך אן רחמנות איבערגעבן אין געריכט.

אז וואַנעק איז געקומען און האָט געמאָלדן, אז באַלון איז שוין צוגעבונדן, האָט לייטענאַנט לוקאַש געזאָגט:

— איר קענט מיך, וואַנעק, און איר ווייסט, אז איך האָב ניט ליב אנצוווענדן אזעלכע מיטלען; נאָר עס איז שוין קיין ברירה ניט געווען. ערשטנס דאַרפט איר מודה זיין, אז אפילו א הונט בורטשעט ווען מען נעמט ביי אים צו א ביין. איך וויל ניט האָבן שטענדיק צו טאָן מיט אזעלכע מנוולים, און צווייטנס, וועט דאָס, וואָס באַלון איז צוגעבונדן צום סלופּ, האָבן א גרויסן מאָראַלישן און פּסיכאָ־לאָגישן באַמייט פאַר אונדזער גאַנצן באַשטאַנד. זינט מען האָט די סאָלדאַטן באַשטימט אין דער מאַרש־ראָטע און זיי ווייסן, אז אויב ניט היינט איז מאָרגן גייען זיי אוועק אפן פראָנט, זיינען זיי גאָר צעלאָזן געוואָרן און טוען, וואָס זיי גלוסט זיך. ווי וועלן זיי זיך דאָס האַלטן, בשעת מען וועט דאַרפן גיין אין שלאַכט?

— מכח דעם דאַרפט איר זיך ניט אָפּעסן דאָס האַרץ, הער לייטענאַנט, — האָט קאַפּטענאַרמוס וואַנעק אים גענומען טרייסטן, — עס וועט רעכט ווערן. אט איך בין שוין געווען אין דריי מאַרש־ראָטעס, און אלע האָט מען זיי צעקלאַפּט אף אש

צוזאַמען מיטן גאַנצן באַטאַליאָן, אַזוי אַז מען האָט געמוזט זיך פונדאַסניי פאַרמירן. און אַלע מאַרש-ראָטעס, זאָג איך אייך, זיינען געווען פון איין שניט, איינע געגוי ווי די אַנדערע, און קיין איינער אויף אַ האָרעלע ניט בעסער פאַר אייערער, הער לייטענאַנט. ערגער פון אַלע איז געווען די ניינטע. זי האָט אוועקגעשלעפט דעם גאַנצן קאָמאַנדע-באַשטאַנד, צוזאַמען מיטן ראָטע-קאָמאַנדיר, אין געפאַנגענשאַפט אַריין, זיך אונטערגעגעבן. איך בין נאָר געראַטעוועט געוואָרן מחמת דעם, וואָס גראָד אין דער צייט בין איך געווען געגאַנגען אָפּנעמען פון לאַגער וויין און ראָם פאַר דער ראָטע, און זיי האָבן אָט דעם דאָזיקן קונץ אָפּגעטאָן אָן מיר... ראָם הער לייטענאַנט, איז זייער אַ נוציקע זאַך אין מלחמה. און וויין אויך. אָן דעם קאָן מען זיך ניט באַגיין. עס שאַפט, אויב מען מעג זיך אַזוי אויסדריקן, אַ גוטע שטימונג. פאַר אַ האַלבן בוטעלע ראָם און אַ פערטל ליטער וויין וועלן אייערע מענטשן זיך שלאָגן מיטן טייוול אַליין... וואָסער בהמה קלאַפט דאָס אין טיר? קאָן ער ניט איבערלייענען אַז אויף דער טיר איז אָנגעשריבן: „ניט קלאַפן!“ אַריין!

לייטענאַנט לוקאַש האָט זיך איבערגעקערט אויפן שטול און האָט דערזען, ווי די טיר האָט זיך שטיל, אָן רעש אויפגעעפנט און שטיל איז אַריין אין דער קאַנצעלאַריע פון דער עלפטער ראָטע דער בראַווער סאָלדאַט שוויק, וואָס האָט געהאַלטן די האַנט ביים דאַשעק, קענטיק, נאָך זינט יענער צייט, ווען ער האָט געקלאַפט אין טיר און געלייענט די אויפשריפט: „ניט קלאַפן!“

אָט די פּאָזע שווייקס מיט דער האַנט ביים דאַשעק איז געווען ווי אַנגעמאָסטן צו זיין אָן אַ שיעור צופרידענעם, באַרוטן פרצוף. אין זיין גראָעד אוניפאָרם פון אַן עסטרייכישן פוסגייער-סאָלדאַט האָט ער געהאַט אַ פּנים ווי דער אַלט-גריכישער גאָט פון די גנבים און שווינדלערס.

לייטענאַנט לוקאַש האָט אויף אַ רגע פאַרמאַכט די אויגן, ווי פאַרבלענדט פון דער ליכטיקער געשטאַלט פון בראַוון סאָלדאַט שוויק, וואָס האָט מיט זיין בליק אים ווי געקושט און גע-האַלזט.

עס האָט אויסגעזען, אַשטייגער, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער זון קערט זיך אום צוריק אהיים צו זיין בכבודע טאַטע-מאַמע.

— ערלויבט צו מעלדן, — דער לייטענאַנט, אַז איך בין שוין געקומען צוריק, — האָט שווייק אָפּגעראַפּאָרטירט מיט אַזאַ תמימות־דיקער אומגעצווונגענקייט, אַז דער לייטענאַנט איז מיט איין קלאַפּ געקומען צו זיך. זינט יענעם מאָמענט, ווען פּולקאָווניק שרעדער האָט אים געלאָזט צו וויסן, אַז שווייק וועט ווידער באַשטימט אין זיין רשות, האָט לייטענאַנט לוקאַש אין געדאַנק אלץ אָפּגעלייגט די דאָזיקע באַגעגעניש. אַלע פרימאָרגן האָט ער געפּרוווט זיך איינרעדן, אַז אַט, אפשר וועט שווייק היינט אויך זיך נאָך ניט מעלדן, אפשר האָט ער דאָרט ווידער עפּעס אָפּגעטאָן, און מען האָט אים ווידער פאַרהאַלטן אויף אַ שטיקל צייט.

פון די דאָזיקע האָפענונגען האָט זיך אָבער אויסגעלאָזן אַ בוידעם: שווייק איז געשטאַנען פאַר אים אין גאַר זיין ליבער פּראָסטקייט.

דערנאָך האָט שווייק אַ קוק געטאָן אויפן קאַפּיטענאַרמוס וואַנעק, האָט זיך אַ קער געטאָן צו אים און האָט מיט אַ ליבן שמייכל דערלאַנגט אים די פּאַפּירן, וואָס ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון מאַנטל-קעשענע.

— ערלויבט צו מעלדן, הער קאַפּיטענאַרמוס, אַז דאָס זיינען די פּאַפּירן, וואָס מען האָט מיר אַרויסגעגעבן אין קאַנצעלאַריע פון פּולק און וואָס איך באַדאַרף אייך איבערגעבן, דאָס איז מכח מיין שכירות און מכח מיין שפּייז-פּאַרציע.

שווייק האָט זיך געהאַלטן אין דער קאַנצעלאַריע פון דער 11-טער מאַרש-ראָטע, אַזוי ווי ער וואָלט געווען מיט וואַנעקן אַ ידיד מי יודע פון ווען אָן. האָט דער קאַפּיטענאַרמוס קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי צו ענטפערן פשוט:

— גוט, לייגט זיי אַוועק אויפן טיש.

— עס וואָלט געווען זייער גוט, הער קאַפּיטענאַרמוס, ווען איר לאָזט מיך מיט שווייקן אויף אַ רגע אונטער פיר אויגן, — האָט דער לייטענאַנט אַרויסגערעדט מיט אַ זיפץ.

וואָנעק איז באַלד אַרויס און געבליבן שטיין הינטער דער טיר, בכדי אונטערצוהאָרכן, וואָס האָבן זיי דאָס פּאָר א סודות.

צוערשט האָט ער גאָרנישט געהערט, וואָרום שווייק און לייטענאַנט לוקאַש האָבן געשוויגן. זיי האָבן א לאַנגע צייט געקוקט איינער אָפן צווייטן, ווי זיי וואָלטן וועלן אַריינקריכן איינער דעם אַנדערן אין דער נשמה.

צולעצט האָט דער לייטענאַנט איבערגעריסן די דאָזיקע דריקנדיקע שטילקייט מיט ווערטער, וואָס ער האָט געפּרווט אַריינטאָן אין זיי א היפּשע פּאָרציע איראָניע.

— סקאָצל קומט! א דאַנק אייך פאַרן באַזוך, שווייק. אַן אַנגעלייגטער גאַסט.

נאָר דאָ האָט ער מער ניט געקאָנט זיך איינהאַלטן. גאָר דער כעס, וואָס האָט אים געוואָרגן די לעצטע טעג, האָט זיך איצט פון אים אַרויסגעריסן. ער האָט מיט אַזאַ רציחה א קלאַפּ געטאָן מיטן פויסט אין טיש, אַז דער טינטער איז אונטער־געשפּרונגען אין דער הויך און די טינט האָט פאַרשפּריצט די פּאַפּירן אָפן טיש.

אין דער זעלביקער צייט איז לייטענאַנט לוקאַש אויפ־געשפּרונגען פון שטול, צוגעגאַנגען נאָענט צו שווייקן און א הויקע געטאָן:

— איר זייט א בהמה, א פערד!

און דערנאָך האָט ער גענומען אַרומשפּאַנען אַהין און צוריק איבערן קליינעם חדרל, און איטלעכס מאָל, ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי שווייקן, האָט ער אויסגעשפּייט.

— ערלויבט צו מעלדן, הער לייטענאַנט, — האָט גע־זאָגט שווייק, אַז ער דערזעען, אַז לייטענאַנט לוקאַש הערט ניט אויף צו לויפן איבערן צימער און צו שליידערן אין ווינקל אַריין שטיקלעך פּאַפּיר, וואָס ער האָט גענומען פון טיש און צעקנייטשט און צעקנאָטן, — אַז דעם בריוו האָב איך אָפּגעגעבן, ווי עס געהער צו זיין. מאַדאַם קאַקאָני האָב איך געטראָפן געזונטערהייט און איך מעג זאָגן, אַז זי איז טאַקע זייער א שיינע דאַמע. אמת, איך האָב זי געזען נאָר א ווייגענדיקע...

לייטענאַנט לוקאַש האָט זיך אוועקגעזעצט אף דעם קאַפּטענאַרמוסעס געלעגער און האָט הייזעריק אַרויסגערעדט:

— ווען זשע וועט דאָס נעמען אַ סוף, שוויק?!

— און דערנאָך, — האָט שוויק זיך גערעדט זיינס, אַזוי ווי ער וואָלט דעם לייטענאַנטס געשריי גאָר ניט געהערט, — האָט זיך מיט מיר געטראָפן אַ שטיקל צרה, נאָר איך האָב אַלצדינג גענומען אף זיך. פאַרשטייט זיך, צוערשט האָט מען מיר ניט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס האָב איך געשריבן בריוו צו דער דאָזיקער דאַמע, אַזוי אַז אפן פאַרהער האָב איך גענומען און אַראָפּגעשלונגען דעם בריוו בכדי צו פאַרטרייבן דעם שליאַד. נו און דערנאָך גאָר צופעליק — אַנדערש קאָן איך מיר דאָס אַליין ניט אויסטייטשן — בין איך פאַרכאַפּט געוואָרן אין אַ שטיקל געשלעג. נאָר פון אָט דער מעשה בין איך אַרויס מיט כבוד, און עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז איך בין אומשולדיק, און דעם אויספאָרש אין דיוויזיע-געריכט האָט מען אָפּגעשטעלט און מען האָט מיר געהייסן גיין צום קאָמאַנדיר פון פּולק. בין איך שוין געווען אין קאַנצעלאַריע פון פּולק, אָפּגעוואַרט, ביז דער הער פּולקאָווניק האָט באַוויליקט צו קומען, און דער הער פּולקאָווניק האָט מיך נאָר אויסגעזידלט אַ ביסעלע און געזאָגט, איך זאָל תיכּף גיין צו אייך, הער לייטענאַנט, און מעלדן, אַז איך בין באַשטימט פאַר אייער אָרדאַנאַנס. און נאָך האָט דער הער פּולקאָווניק געהייסן מיר איבערגעבן אייך, אַז ער בעט אייך תיכּף צו קומען צו אים מכּח דער דאָזיקער מאַרש-ראָטע. און איצטער איז שוין אַוועק מער ווי אַ האַלב-שעה, וואָרום דער הער פּולקאָווניק האָט ניט געוווּסט, אַז מען וועט מיך נאָך אַוועקשלעפּן צוערשט צום קאַסיר פון פּולק און אַז איך וועל אָפּהיניען ביי אים כמעט צוואַנציק מינוט, וואָרום פאַר דער גאַנצער צייט האָט מען מיר ניט געהאַט אַרויסגעצאָלט קיין שכירות און איך האָב דאָס געמוזט קריגן שוין ניט דורך דער קאַסע פון דער ראָטע, נאָר פון דער קאַסע פון פּולק, וואָרום איך בין געווען פאַררעכנט פאַר אַן אַרעסטאַנט פון פּולק. בכלל איז דאָרט ביי זיי אַזאַ מישעניניע, אַז עס איז משוגע צו ווערן.

אַז לייטענאַנט לוקאַש האָט דערהערט, אַז ער האָט נאָך מיט אַ האַלב=שעה צוריק באַדאַרפט זײַן בײַם פּאָלקאָווניק שרעדער, האָט ער, זיך אַנטשולדיקנדיק אויף דער גיך, נאָר אומגערעדט:

— אַ דאַנק, שווייק. איר האָט מיר שוין ווידער אַרײַנגעוואָרפן אַ שטײַן.

געזאָגט האָט ער דאָס מיט אַזאַ געהרגעטן קול, פול מיט יאוש, אַז שווייק האָט געפּרוּווט אים טרייסטן מיט עטלעכע ווערטער. אַז לייטענאַנט לוקאַש איז העמדום=פּענדום אַרויסגעלאָפן פון צימער, האָט ער אים נאָכגעשריִען:

נישקשה, ער וועט צוּוואַרטן, דער הער פּאָלקאָווניק! ער האָט דאָך סײַ ווי גאָרנישט וואָס צו טאָן!

באַלד ווי דער לייטענאַנט איז אַוועק, איז אַרײַן אין קאַנצעלאַריע קאַפּטענאַרמוס וואַנעק.

שווייק איז געזעסן אויף אַ שטול און האָט געהייצט דאָס אײַזערנע אויוועלע, צוגעוואָרפן אַלע ווײַלע דורכן אָפענעם טירל שטיקלעך קוילן. דאָס אויוועלע האָט גערויכערט, אַז מען האָט געקאָנט דערשטיקט ווערן, נאָר שווייק האָט זיך געטאָן זײַנס, און צו קוקן אין וואַנעקס זײַט... יענער האָט אַ ווײַלע אַזוי געקוקט אויף אים, דערנאָך האָט ער צוגעקלאַפּט דאָס טירל מיטן פוס און געהייסן שווייקן זיך אָפּטראָגן אין גאַנצן פון דאַנען.

הער קאַפּטענאַרמוס, — האָט שווייק געענטפערט מיט ווערדע, — איך ערלויב מיר צו געבן אײַך צו וויסן, אַז בײַם בעסטן ווילן קאָן איך ניט אויספאָלגן אײַער באַפעל זיך אָפּצוטראָגן אין גאַנצן פון דאַנען, פון לאַגער, וואָרום איך שטיי אונטער העכערן באַפעל.

— די מעשה דערפון איז, — האָט ער מוסיף געווען מיט גאוה, — וואָס איך בין דאָ אַן אָרדאָנאַנס. הער פּאָלקאָווניק שרעדער האָט מיך באַשטימט אין דער 11=טער מאַרש=ראָטע בײַ לייטענאַנט לוקאַש. פריער בין איך געווען בײַ אים אַ דינער, נאָר פאַר מײַנע קלוגע המצאות האָט מען מיר געגעבן אַ העכערע שטעלע. מיטן הער לייטענאַנט זײַנען מיר אַלטע באַקאַנטע. און

איר מיט וואָס האָט זיך פאַרנומען פאַר דער מאָבּיליזאַציע, הער קאַפּטענאַרמוס?

— איך בין, אַזוי צו זאָגן, דער דראָגיסט וואַנעק פון קראַלופּ.

— איך בין אויך געווען א לערן=יונג אין אַן אַפּטייק=געשעפט, בּיי א געוויסן הער קאָקאָשקאַ אין פּראָג אף בּאַרג=גאַס. ער איז געווען עפּעס א צעדרייטער, און איין מאָל אַז איך האָבּ אומגערן אונטערגעצונדן בּיי אים אין קעלער א פעסל בּענזין און זיין גאַנצער לאַגער איז פאַרבּרענט געוואָרן בּיז א לעק, האט ער מיך אַרויסגעטריבּן, און מער האָט מען מיך שוין ניט צוגענומען אף קיין שטעלע, און אַזוי האָבּ איך איבּערן שלימזלדיקן פעסל בּענזין ניט געענדיקט מיין לערע. יאָ, איר האָלט פון רפואה=גראַזן פאַר קי?

וואַנעק האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— און בּיי אונדז פלעגט מען מאַכן רפואה=גראָזן פאַר קי, מיט געהייליקטע בּילדלעך. די מעשה איז, וואָס אונדזער בּעל=הבּית, הער קאָקאָשקאַ, איז געווען זייער א פרומער מאַן און האט ערגעץ ווו איבּערגעלייענט, אַז דער הייליקער פעלעגרינוס האָט אויסגעהיילט עמיצנס בּהמה פון וואַסער=שרעקעניש. האָט ער גענומען און געלאָזט אָפּדרוקן אין א דרוקעריי אין סמיכאָוו די געשטאַלט פון הייליקן פעלעגרינוס און פאַר צוויי הונדערט גולדן הייליקן די בּילדער אין קלויסטער פון עמאַוס. דערנאָך האָבּן מיר זיי אַריינגעלייגט אין פּאַקעטן מיט אונדזערע הייל=גראָזן פאַר קי. די הייל=גראָזן פלעגט מען צומישן צום טראַנק, און אַז מען פלעגט די בּהמות געבּן טרינקען, פלעגט מען זאָגן דערבּיי א קורצע תפילה צום הייליקן פעלעגרינוס, וואָס עס האָט פאַרפאַסט הער טאַוכער, אונדזער קאָמי. די מעשה דערפון איז, וואָס אַז די בּילדער פון הייליקן פעלעגרינוס זיינען געווען אָפּגעדרוקט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען מוז אף דער צווייטער זייט אָפּדרוקן א קורצע תפילה. און אט האט אונדזער אַלטער, קאָקאָשקאַ, גערופן פאַרנאַכט צו זיך דעם הער טאַוכער און האט אים אויפגעגעבּן, ער זאָל צו מאָרגן אינדערפרי פאַרפאַסן עפּעס א קורצע תפילה

אפן דאָזיקן הייליקן און אף אונדזערע הייל=גראָזן, און אז צו צען אַזייגער, ווען ער וועט קומען אין מאַגאַזין, זאָל זי זיין פּאַרטיק צום דרוק, וואָרום די קי קאָנען זיך קוים דערוואַרטן אף איר. רויט אדער טויט! אויב ער וועט מאַכן א פיינע תּפילה, קריקט ער א גולדן, טאָמער ניט מעג ער אין צוויי וואָכן ארום גיין ווי די אויגן ווילן אים טראָגן. הער טאַובער האָט געשוויצט דורך א נאַכט, און אינדערפרי איז ער געקומען עפענען דעם מאַגאַזין ניט קיין אויסגעשלאָפענער, און ער האָט קיין זאַך ניט געהאַט פאַרטיק. ער האָט אפילו געהאַט פאַרגעסן, ווי האָט געהייסן אט דער הייליקער פאַר די קיעשע גראָזן. נאָר דאָ איז געקומען אונדזער געהילף פערדינאַנד און האָט אים ארויסגעהאָלפן. דאָס איז געווען א יונג א בריה. אַז ביי אונדז אפן בוידים פלעגט זיך טריקענען רומיאַניק, פלעגט ער אלע מאָל ארויפקלעטערן אהין, אויסטאָן זיך באָרוועס און ווייזן אונדז, וואָס מען דאַרף טאָן, אז די פיס זאָלן ניט שוויצן. אפן בוידים פלעגט ער אויך כאַפּן טויבן, האָט פאַרשטאַנען צו עפענען דעם בעל=הבּיתּס טיש=קעסטל און ארויסנעמען פון דאָרט געלט און האָט אונדז נאָך אויסגעלערנט פאַרשיידענע מאַניפּאַרגעס מיט דער סחורה. איך בין געווען א אינגל, האָט זיך ביי מיר אינ= דערהיים אנגעקליבן א גאַנצער אפּטייק פון דעם, וואָס איך האָב אנגעשלעפּט פון מאַגאַזין, אזעלכע זאַכן, וואָס מען קאָן אמאָל אין א גרויסן שפּיטאָל ניט געפינען!... מילא בקיצור, אט דער יאַט האָט דאָס געהאָלפן דעם הער טאַובער. ער האָט נאָר געזאָגט: „ווייזט אָקאָרשט אהער, הער טאַובער, לאָמיך נאָר זען, וואָס דאָ טוט זיך". האָט שוין הער טאַובער געשיקט נאָך ביר פאַר אים. איך האָב נאָך ניט באַוויזן קומען מיט די ביר, איז שוין אונדזער פערדינאַנד געווען פאַרטיק מיט א העלפט און האָט אונדז שוין פאַרגעלייענט. און דערנאָך, אז ער האָט אויסגעטרונקען די ביר און האָט ווי געהעריק א לעק געטאָן ביטערע טראָפּנס, איז שוין אוועק ביי אים ווי געשמירט, און אין איין צוויי=דריי האָט ער אנגעשריבן דעם סוף.

דערנאָך אז הער קאָקאָשקאַ איז געקומען, איז הער טאַובער אוועק מיט אים אין קאָנטאָר, און אז ער איז פון דאָרט ארויס,

האָט ער אונדז באַוויזן צוויי גולדן, און ניט איינעם, ווי עס איז געווען אפגערעדט, און האָט באַלד אפן ארט געוואָלט זיך טיילן מיטן הער פערדינאַנד. נאָר פערדינאַנד, אַז ער האָט דערזען צוויי גולדן, איז ער געוואָרן א פאַרברענטער. זאָגט ער: „גיב אהער ביידע, אַניט דאַרף מען גאָרניט!" בקיצור, הער טאַוכער האָט אים גאָרניט געגעבן און געלאָזן פאַר זיך ביידע גולדן. דערנאָך האָט ער מיך ארויסגערופן אין הינטערשטן קאַמער, אראָפּגעלאָזן מיר א געזונטן פראַשק און געזאָגט, אַז איך וועל קריגן נאָך הונדערט אַזעלכע פרעשק, ווען איך וועל זיך דערוועגן ווערמען עס איז אויסצוזאָגן, אַז ניט ער האָט פאַרפאַסט דאָס לידל, און אויב אפילו פערדינאַנד וועט גיין מסרן דעם אלטן, מוז איך זאָגן, אַז ער ליגט. און איך האָב געמוזט אים שווערן דערויף פאַר א בוטל עסיק־עסענס. און אונדזער געהילף האָט גענומען אויסלאָזן נאָר זיין כעס צו אַט די הייל־גראָזן פאַר קי. די מעשה דערפון איז, וואָס מיר פלעגן דאָס טריקענען אין גרויסע קאַסטנס אפן בוידים. פלעגט ער, ווו ער פלעגט קריגן מייזן־מיסט אהין אריינוואַרפן. אדער ער פלעגט צונויפקלייבן אפן גאַס פערדישע מיסט, אויסטרי־קענען דאָס, צעשטויסן אין א שטייסל — און אויך צושיטן דאָס צו די פאַקעטן מיט די היילגראָזן, מיטן בילד פון הייליקן פע־לעגרינוס! אבער דאָס אַלץ איז אים געווען נאָך ווינציק. ער...

נאָר דאָ האָט א קלונג געטאָן דער טעלעפאָן. דער קאַפּטענאַרמוס האָט געכאַפּט דאָס טרייבל, און דערנאָך ברוגז אויפגעהאַנגען דאָס צוריק אפן ארט און מיט רוגזה א בורטשע געטאָן:

— מען רופט מיך ארויס אין קאַנצעלאַריע פון פולק. וואָס איז דאָס אַזוי אין מיטקע דערינען! דאָס איז מיר גאָר ניט געפעלן!

שווייק איז ווידער געבליבן איינער אליין.

באַלד האָט ווידער א קלונג געטאָן דער טעלעפאָן.

שווייק האָט גענומען זיך אויסטענען:

— וועמען דאַרפט איר? וואַנעקן? ער איז אוועק אין קאַנ־צעלאַריע פון פולק... איר דאַרפט וויסן, ווער איז ביים טעלעפאָן?

דער אָרדאָנאַנס פון דער 11־טער מאַרש־ראָטע. און ווער פרעגט? דער אָרדאָנאַנס פון דער 12־טער מאַרש־ראָטע? א גוטן, קאָלעגע. ווי הייס איך? שווייק. און דו? בראַון? הער זיך איין, ביסטו ניט א קרוב פון יענעם בראַון, וואָס האַלט א מאַגאַזין פון היט אױף דער ברעג־גאַס אין קאַראָלינענטאַל? וואָס? דו קענסט אפילו אזעלכן ניט?.. ניין, איך קען אים אויך ניט. איך בין נאָר אמאָל פאַרביי־געפאָרן אפן טראַמוויי, איז מיר גראָד די פירמע אריין אין די אויגן. וואָס עס הערט זיך?.. פרעגט מיר א גרינגערע זאַך... ווען מיר פאָרן? איך האָב נאָך מיט קיינעם ניט גערעדט מכח פאָרן. ווו אהין באַדאַרפן מיר דאָס פאָרן?

— אט א פערדישע קאָפּ! פאַרשטייט זיך, מיט דער מאַרש־ראָטע אפן פראָנט.

— איך האָב וועגן דעם נאָך גאָרנישט ניט געהערט.

— נו, ביסט נישקשה פון אן אָרדאָנאַנס! ווייסטו ניט, דיין וויצע־לייטענאַנט...

— מיינער איז ניט קיין וויצע, ער איז א לייטענאַנט...

— דאָס איז אלץ איינס. הייסט דאָס, אז דו ווייסט ניט, צי איז דיין לייטענאַנט אוועק אף א באַראַטונג צום פּאָל־קאָווניק?

— איך ווייס אז יענער האָט אים גערופן צו זיך.

— אט זעסטו, אונדזערער איז אויך אוועק צו אים, און פון דער 13־טער אויך; איך האָב אקאָרשט גערעדט אין טעלעפאָן. דו ווייסט ניט, די מוזיקאַנטן־קאָמאַנדע פאַקט זיך שוין?

— פרעג מיך א גרינגערע זאַך.

— מאַך זיך ניט געפגרט! נו, און אייער קאַפּטער האָט געקראָגן עפּעס א באַפעל? וויפיל מענטשן איז ביי אייך?

— איך ווייס ניט.

— אידיאָט איינער! וואָס, איך וועל דיך אויפעסן, צי וואָס? (מען הערט, ווי דער וואָס רעדט זאָגט שטילערהייט עמיצן א צווייטן: „נעם דאָס צווייטע טרייבל, פראַנץ, וועסטו זען, וואָס פאַר א לייטענער גולם עס איז דאָרט ביי זיי אין דער 11־טער ראָטע דער אָרדאָנאַנס!") האַלאָ, האַלאָ! ביסט אנטשלאָפן געוואָרן,

צי וואָס? נו, ענטפער דאָך, ווען מען פרעגט בײַ דיר, קאָלעגע. הייסט דאָס, דו ווייסט נאָך גאָרנישט? ווען דערציילסטו דאָס מעשׂיות? האָט אײַך דען דער קאַפּטער ניט געזאָגט, אַז מען וועט אײַך ארויסגעבן קאָנסערוון? וואָס? דו האָסט מיט אים ניט גערעדט מכּה אַזוינע זאַכן? אידיאָט, בפּירוש אַן אידיאָט!.. וואָס, דאָס האָט צו דיר קיין שײַכות ניט? (מען הערט לאַכן). וואָס, ברודער, ביסט ניט אַראָפּגעפאַלן פון אויוון? נו גוט, אַז דו וועסט עפּעס געוואָר ווערן, זאָלסטו אָנקלינגען צו אונדז אין דער צוועלפטער מאַרש־ראָטע, טיפּשל... פון וואָסערע קאַנטן ביסטו דאָס?

— פון פּראָג.

— דו וואָלסט באַדאַרפט האָבן מער שׂכל... וואַרט נאָך עפּעס. ווען איז אײַער קאַפּטער אַוועק אין קאַנצעלאַריע?

— מיט א ווײַלע פריער האָט מען אים ארויסגערופן.

— וואָס זשע האָסטו דאָס פריער ניט געזאָגט? אונדזערער איז אויך אַקאָרשט ארויס, ניט אַנדערש בײַ זיי גרייט זיך עפּעס. מיט דער געפּעק־קאָמאַנדע האָסטו נאָך ניט גערעדט?

— ניין.

— יעזוס־מאַריאַ־יאָזעף! און דו זאָגסט נאָך אַז דו ביסט פון פּראָג. דו טראַכסט דאָך וועגן קיין זאַך ניט. וואָס טוסטו א גאַנצן טאָג.

— איך בין נאָר מיט א שעה צוריק געקומען צוריק פון דיוויזיע־געריכט.

— א, דאָס איז שוין אַנדערע דבורים! הער זיך איין, חבר, אויב אַזוי וועל איך נאָך הײַנט א... ײַנגיין צו דיר כאַפּן א שמועס... נו, לייג אַוועק דאָס טרײַבל!

שוויק האָט אַקאָרשט געוואָלט פאַרויכערן די ליולקע, ווי דער טעלעפאָן האָט ווידער גענומען קלינגען. „כאַפּט אײַך דער טײַוול מיט אײַער טעלעפאָן אין אײנעם! — האָט שוויק א טראַכט געטאָן. — אויך מיר אַן עסק — פירן מיט אײַך שמו־עסן“.

נאָר דער טעלעפאָן האָט געוואַלדעוועט אַן רחמנות. ביז שווייק איז אַרויס פון די כלים, האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס טרייבל און גענומען רייסן זיך אַף אַ קול:

— האַל=ל=אָ=אָ=אָ! ווער ביים טעלעפאָן? עס רעדט שווייק, דער אָרדאָנאַנס פון דער 11=טער מאַרש=ראָטע.

לויט דער שטים, וואָס האָט אים געענטפערט, האָט שווייק דערקענט דעם לייטענאַנט לוקאַש.

— וואָס טוט איר דאָרטן, צו אַל די שוואַרצע יאָר? ווו איז וואַנעק? רופט אים תיכף צו צום טעלעפאָן!

— ערלויבט צו מעלדן, הער לייטענאַנט, אַז מען האָט געקלונגען אַהער אין טעלעפאָן...

— הערט זיך איין, שווייק, איך האָב קיין צייט ניט צו פירן מיט אייך שמועסן. שמועסן אין טעלעפאָן בעתן דינסט איז נאָר אַן אַנדער זאַך,ווי שמועסן אין טעלעפאָן, ווען מען לאַדט איין צו מיטאָק. טעלעפאָן=שמועסן מוזן זיין קורצע און שאַרפע. ביי טעלעפאָן=שמועסן היפּט מען אַריבער אַלע טיטלען און אַלע „האָב דעם כבוד צו מעלדן" און כדומה נאָך אַזוינס. פרעג איך אייך, הייסט דאָס, שווייק, צי האָט איר אונטער דער האַנט וואַנעקן. אויב יאָ, זאָל ער תיכף צוגיין צום טעלעפאָן.

— באין אופן, ערלויבט צו מעלדן, הער לייטענאַנט, וואַנעקן האָב איך ניט אונטער דער האַנט. ער איז אַ ביסל פריער, אַן ערך ניט מער ווי אַ פערטל שעה צוריק, אַרויסגערופן געוואָרן פון דער קאַנצעלאַריע אין דער קאַנצעלאַריע פון פּולק.

— וואַרט אויס, שווייק, איך וועל קומען, וועל איך זיך שוין נעמען פאַר אייערע ביינער! וואָס, קירצער קאָנט איר גאָר ניטריידן? איז הערט אויס מיט קאָפּ, וואָס איך וועל אייך איצט זאָגן סטאַרעט זיך אַלץ צו פאַרשטיין, איר זאָלט דערנאָך ניט האָבן קיין אויסרייד, אַז קלאָמפּערשט אין טעלעפאָן האָט אַלץ געטרעשצעט און געכריפּעט. באַלד ווי איר וועט אויפהייגגען דאָס טרייבל...

פויזע. ווידער א קלינגעריי, אז עס פאַרהילכט דעם קאָפּ... שווייק האָט געכאַפּט דאָס טרייבל; און אף אים האָבן זיך א שאָט געטאָן זידלערייען ווי האָגל.

— פערדאַטש איינער, ליימענער גולם, מנוול... וואָס טוט איר דאָס? פאַרוואָס האָט איר איבערגעריסן אין מיטן?

— אנטשולדיקט, איר האָט באַפוילן אויפצוהייבן דאָס טרייבל...

— וואַרט נאָר, שווייק, אין א שעה ארום קום איך צוגיין, דעמאָלט וועט איר קיין האָניק ניט לעקן... איצט איז אט וואָס: איר נעמט תיכף די פיס אין די הענט, גייט אוועק אין באַראַק, זוכט אויס אן אונטער־אָפיצער, אשטייגער פוקסן, און זאָגט אים, ער זאָל תיכף נעמען צען מאַן און גיין מיט זיי אין דעפּאָ צונעמען קאָנסערוון. חזרט איבער, וואָס האָט ער צו טאָן?

— נעמען צען מאַן און גיין מיט זיי צונעמען פון דעפּאָ קאָנסערוון.

— כאטש איין מאל ניט צעדרייט! איך וועל דערווייל אָנ־קלינגען אין דער קאַנצעלאַריע פון פּולק צו וואַנעקן און אים באַפוילן אויך אוועקצוגיין צום דעפּאָ צונעמען די קאָנסערוון. אויב ער וועט פאַרגיין פריער אין קאַנצעלאַריע, זאָל ער אלצדינג לאָזן און לויפן לויפנדיק צום דעפּאָ. און איצט מעגט איר אויפ־הייבן דאָס טרייבל.

שווייק האָט א לאַנגע צייט אומזיסט אַרומגעזוכט ניט נאָר דעם אונטער־אָפיצער בראַון, נייערט בכלל עמיצן פון די אונטער־אָפיצערן. ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן, האָבן זיי אלע געהאַט זיך צונויפגעקליבן אין קיך און געגעסן די שיריים פונם טיש פון די אָפיצערן און געווילט זיך מיטן אנבליק פון באַלונען וואָס איז געווען צוגעבונדן צום סלופּ. יענער איז, אמת, געשטאַנען אף דער ערד מיטן גאַנצן טריט, ווייל מען האָט אף אים פאָרט רחמנות געהאַט, נאָר פונדעסטוועגן האָט ער אויסגעזען קאָמיש געננוג. איינער פון די קוכערס האָט אים ארויסגעטראָגן א האַלב ארומגעגריזשעטן ביין און האָט דאָס אים אריינגעשטעקט אין מויל, און באַלון, דער צוגעבונדענער ריז, וואָס האָט ניט געקאָנט צוהעלפן מיט די הענט,

האָט פּאָרזיכטיק ארומגעדרייט דעם בּיין אין זיין בּרייטן מויל, גע־ארבּעט מיט די ציין און מיט די יאַסלעס, און זיין פּנים איז געוועז ווילד, ווי בּיי א שד פון וואַלד.

— ווער איז דאָ פון אייך אונטער־צער פוקס? — האָט שווייק געפרעגט, אז ער האָט זיי סוף כּל סוף געפונען.

פוקס האָט ניט געפונען פאַר נויטיק זיך אָפּצורופן, וויבּאַלד ער האָט דערהערט, אז דער וואָס פרעגט זיך נאָך אף אים איז א פּראָסטער סאָלדאַט.

— נו? — האָט ארויסגערעדט שווייק. — וועל איך נאָך לאַנג בּאַדאַרפן פרעגן? ווו איז אונטער־צער פוקס?

דעמאָלט איז פוקס ארויסגעטראָטן און האָט מיט גרויס גדלות גענומען זידלען זיך מיט כּלערליי מיאוסע ווערטער און האָט דערקלערט אז מען טאָר ניט זאָגן: „ווו איז דער אונטער־צער?" נאָר מען מוז זאָגן: „ערלויבּט צו מעלדן, ווו איז דער אונטער־אפיצער?" און ווען עמיצער אין זיין אפּטייל זאָגט ניט „ערלויבּט צו מעלדן", קריגט ער גלייך אין די ציין.

— שאַט, שאַט, ניט אזוי בּאַלד מיטן ירגזון! — האָט שווייק געענטפערט רואיק. — פעדערט זיך ניט געזאַמט און גייט אריין אין בּאַראַק, נעמט צען מאַן און לויפט אין דעפּאָ אריין — אפּנעמען קאָנסערוון.

אונטער־אפיצער פוקס איז געוואָרן אזוי פאַרחידושט, אז ער האָט געקאָנט נאָר אויסריידן:

— וואָ־אָס?

— ניטאָ קיין שום „וואָ־אָס", — האָט שווייק געענטפערט. איך בּין אָרדאָנאַנס פון דער 11־טער מאַרש־ראָטע און איך האָבּ אקאָרשט גערעדט אין טעלעפאָן מיטן הער לייטענאַנט לוקאַש. און ער האָט מיר געזאָגט: „לויפנדיק מיט 10 סאָלדאַטן אין דעפּאָ". אזוי אז אויבּ איר וועט ניט גיין, הער אונטער־אפיצער פוקס גיי איך שוין צוריק צום טעלעפאָן. דער הער לייטענאַנט וויל ניט אנדערש, איר זאָלט גיין. בּכלל איז ארויסגעוואָרפן די רייד מכח דעם. וואָרום א שמועס אין טעלעפאָן, האָט געזאָגט הער לייטענאַנט לוקאַש, מוז זיין קורץ און שאַרף. אויבּ עס איז

געוואָרן געזאָגט, אז אונטער־צער פוקס זאָל גיין, גייט ער. אז א באַפעל — איז ניט קיין שמועס אין טעלעפאָן, ווען מען פאַרבעט עמיצן אף מיטאָק, אין מיליטער־דינסט, און נאָך אין קריג דערצו, איז איטלעכע זאַמעניש א פאַרברעך! און נאָך האָט דער הער לייטענאַנט געזאָגט, אז אויב דער אונטער־צער פוקס וועט תיכּף ניט גיין, ווי עס איז אים באַפוילן, זאָל איך דאָס ניט געזאַמט מעלדן דעם הער לייטענאַנט אין טעלעפאָן, און ער וועט שוין דעמאָלט אננעמען מיטלען, אזוי אז פון אונטער־צער פוקס וועט בלייבן א קעזיקל. יאָ, מיין טייערער, איר קענט נאָך ניט דעם הער לייטענאַנט!

שווייק האָט מיט נצחון א קוק געטאָן אף די אונטער־אָפיצערן, וואָס זיינען מיט אן אמת געוואָרן צעטומלט און אויפגערודערט פון זיין ארויסטרעט.

אונטער־אָפיצער פוקס האָט עפּעס א בורטשע געטאָן אונטערן נאָז און איז האַסטיק ארויס, און שווייק האָט אים נאָכגעשריען:

— הייסט דאָס, איך מעג טעלעפאָנירן דעם הער לייטענאַנט, אז אלץ איז אין ארדענונג?

— איך וועל באַלד זיין מיט צען מענטשן אין דעפּאָ, — האָט אונטער־אָפיצער פוקס זיך אָפּגערופן פון באַראַק, און שווייק איז, אָן ווייטער א וואָרט צו פאַרלירן, אוועק פון דער גרופּע אונטער־אָפיצערן, וואָס זיינען געווען פּונקט אזוי מבולבל, ווי פוקס.

— הייסט דאָס, עס הויבט זיך אָן! — האָט באַמערקט דער קליינער קאַפּראַל בלאַזשעק. — מיר פאָרן.

געקומען צוריק אין דער קאַנצעלאַריע פון דער 11־טער מאַרש־ראָטע, האָט שווייק ווידער אמאל ניט באַוויזן צו פאַררויכערן, ווי עס האָט ווידער גענומען קלינגען דער טעלעפאָן. דאָס איז געווען לייטענאַנט לוקאַש.

— ווו ווערט איר דאָרט פאַרפאַלן, שווייק? איך קלינג שוין דאָס דריטע מאָל, און קיינער ענטפערט ניט.

— איך האָב זיי אלעמען צונויפגערופן הער לייטענאַנט.

— נו, איז וואָס? זיינען זיי שוין אוועק?

— פאַרשטייט זיך, אוועק, נאָר איך ווייס ניט, צי זיי זיינען שוין דאָרט. זאָל איך ניט א לאָף טאָן א קוק געבן?

— איר האָט, הייסט דאָס, געפונען דעם אונטער-אפיצער פוקס?

— גאַנץ ריכטיק, האָט לייטענאַנט געפונען, צוערשט האָט ער זיך אויף מיר אנגעדרודלט, נאָר אז איך האָב אויסגעטייטשט, אז די שמועסן אין טעלעפאָן מוזן זיין קורצע און שאַרפע...

— באַלבעט ניט, שווייק... וואַנעק איז נאָך ניט צוריק?

— באין אופן, הער לייטענאַנט.

— שרייט ניט אזוי אריין אין טרייבל. און ווייסט איר ניט, וו אט דער שלימזלדיקער וואַנעק קאָן זיין?

— באין אופן, הער לייטענאַנט, איך ווייס ניט ווו ער קאָן זיין דער דאָזיקער שלימזלדיקער וואַנעק.

— אין קאַנצעלאַריע פון פולק איז ער געווען, און דערנאָך איז ער ערגעץ אוועק. איך מיין, אז גיכער פון אלץ זיצט ער אין בופעט. גייט דעריבער נאָך אים און זאָגט אים, אז ער זאָל תּיכּף גיין אין ציישהויז. און דערנאָך אט וואָס. זוכט אויף דעם קאַפּראַל בלאַזשעק און זאָגט אים, ער זאָל תּיכּף אפּבינדן דעם דאָזיקן באַלונען, און באַלונען שיקט אריבער צו מיר. הייגנט אויף דאָס טרייבל.

אזוי ארום האָט שווייק אין דער אמתן גענומען זאָרגן וועגן אלצדינג. ער האָט געפונען דעם קאַפּראַל בלאַזשעק און האָט אים איבערגעגעבן דעם באַפעל פון לייטענאַנט צו באַפרייען באַלונען. בלאַזשעק האָט גענומען בורטשען:

— שטענדיק אזוי: ווי נאָר דאָס וואַסער דערלאַנגט ביזן האַלז, דערשרעקן זיי זיך.

שווייק האָט צוגעקוקט, ווי מען האָט אפּגעבונדן באַלונען, און דערנאָך איז ער געגאַנגען מיט אים צוזאַמען, היות זיי האָבן געמוזט פאַרבייגיין פאַרביי דעם בופעט, וווּ שווייק האָט גערעכנט צו געפינען דעם קאַפּטענאַרמוס וואַנעק.

באַלון האָט שווייק אנגענומען פאַר זיין פודה ומציל און האָט אים צוגעזאָגט, אז פון אלע גוטע זאַכן, וואָס ער וועט קריגן צוגעשיקט פון דערהיים, וועט ער אים געבן א חלק.

— אין גיכן וועט מען בייַ אונדז שעכטן א חזיר, — האָט באַלון געזאָגט מרה-שחורהדיק. — וואָסער לעבער-ווורשט שמעקט דיר בעסער; געריוכערטע אדער פרישע? איך זאָג דיר, איך שרייב נאָך היינט אין אָוונט א בריוו אהיים. בייַ מיר האָט דער דאָזיקער חזיר בייַ א הונדערט מיט פופציק קילאָ. א קאָפּ איז בייַ אים ווי בייַ א בולדאָק, און די דאָזיקע חזירים זיינען די בעסטע. צווישן אזעלכע חזירים זיינען קיין שלעכטע ניטאָ. דאָס איז א מין, וואָס קאָן אויסהאַלטן די גרעסטע קאָנקורענץ. פעטס וועט ער האָבן א פינגער אכט די גרעב. אז איך בין נאָך געווען אינדערהיים, פלעג איך מאַכן אליין לעבער-ווורשט, און פלעג זיך אזוי אנעסן, אז איך פלעג שיער ניט צעפלאַצט ווערן. פאַראיאָרן האָט מיין חזיר געוווגן הונדערט מיט זעכציק קילאָ.

— יאָ, איז דאָס געווען א חזיר! — האָט ער זיך פאַסמאַ-קעוועט; דריקנדיק שווייק די האַנט ביים געזעגענען זיך. — איך האָב אים אליין אָפּגעקאָרמעט מיט בולקעס, און מיר איז אליין געווען א חידוש, ווי ער איז דאָס פעט געוואָרן א מחיה. די זאָדיקעס האָב איך איינגעזאַלצן, און אזאַ פיין שטיקל געבראָטנס, מיט געקאָכטע בולבעס און מיט גריוועגעס און מיט זויערע קרויט — דאָס איז דאָך א דעליקאַטעס, און שוין! היינט נאָך אזאַ עסן איז ביר אזאַ מאכל! אך, א לעבן! לעבסט זיך פאַוואָלינקע... און דאָס אלצדינג האָט די מלחמה בייַ אונדז אָפּגענומען!

דער גרויסער באַבאָרדעטער באַלון האָט שווער אָפּגעזיפצט און האָט פאַרקערעוועט צו דער קאַנצעלאַריע פון פולק. שווייק ווידער איז איבער אן אליע פון הויכע אלטע לינדן-ביימער אוועק אין באַראַק, ווו עס האָט זיך געפונען דער בופעט.

בנתים איז קאַפּטענאַרמוס וואַנעק זיך רואיק געזעסן אין בופעט און האָט דערציילט איינעם זיינעם א באַקאַנטן פעלדוועבל, וויפיל מען האָט געקאָנט פאַר מלחמה פאַרדינען אף עמאַל-פאַרבן און צעמענט.

דער פעלדוועבל איז שוין געווען שכּור. איצט איז ער געזעסן א פאַרחידושטער און האָט ניט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט, װאָס מען האָט צו אים גערעדט. ער איז געווען פאַרנומען מיט זײַנע אײגענע געדאַנקען און האָט עפּעס געבאָלבעט מכּח א שמאָלן אײַזנבאַן.

אַז שווייק איז אַרײַן, האָט וואַנעק דאָס דריטע מאָל געפּרוווט אויסטײַטשן דעם פעלדוועבל אין גענויע ציפערן, וויפל לײַט פלעגן פאַרדינען אף איין קילאָ צעמענט בײַ א בוי. דערויף האָט דער פעלדוועבל געענטפערט גאָר בוידים־פּאָלעצע:

— ניין, ער איז געשטאָרבן אף צוריק־וועג, און געבליבן נאָך אים זײַנען נאָר בריוו.

שווייק איז אים גאָרניט געפעלן געוואָרן און ער האָט אים גענומען זידלען „בּויכרײַדערי“.

שווייק איז צוגעגאַנגען צו וואַנעקן, וואָס איז אויך געווען שטאַרק בגילופין, נאָר ער האָט זיך געהאַלטן זײער פרײַנטלעך און מעשה־לײַט.

— הער קאַפּטענאַרמוס, — האָט שווייק זיך געווענדעט צו אים, — איר האָט א באַפעל תּיכּף צו גיין אין צייכהויז, ווו עס וואַרט אף אײַך אונטער־אפיצער פוקס מיט צען מאַן סאָלדאַטן, אף אפּצונעמען קאָנסערוון. איך איז באַפוילן צו לאָזן זיך אהין אין לויף־מאַרש. הער לייטענאַנט לוקאַש האָט שוין צוויי מאָל טעלעפאָנירט.

וואַנעק האָט זיך צעלאַכט אפן קול.

— א נאַר װאָלט איך געווען, גאָלדעלע מײַנס, האָט ער אויסגערופן, — אויב איך וואָלט דאָס געטאָן! איך וואָלט זיך אלײן אויסגעזידלט אף וואָס די וועלט שטייט, נשמה מײַנע! נאָך פאַראַן צײַט איבער גענוג אף אלצדינג. אין קאָלנער רעגנט אונדז ניט אַרײַן, טרײַסט מײַנער אײנציקער! אט אַז הער לײַטענאַנט לוקאַש וועט האָבן אויסגעריכט אזוי פיל מאַרש־ראָטעס, ווי איך, דעמאָלט ערשט וועט ער מעגן ריידן דאָס און יענס, און דעמאָלט וועט ער שוין האָבן צײַט און וועט שוין קײנעם ניט הייסן לויפן. איך האָב שוין אין קאַנצעלאַריע פון פולק געקראָגן אזא באַפעל, אַז

מאָרגן, בלומרשט, לאָזן מיר זיך אין וועג, אז מען באַדאַרף זיך פּאַקעווען און באַלד גיין אפּנעמען פּראָוויאַנט אפן וועג. און וואָס האָב איך געטאָן? איך בין זיך גאַנץ רואיק אַריין אהער אויס־טרינקען א קווערטל וויין. דאָ איז וואַרים און עס בלאָזט נישט קיין ווינטל, און איך בין גרייט צו פאַרגעסן אלצדינג אף דער וועלט. קאָנסערוון בלייבן קאָנסערוון און פּאָרציע בלייבט פּאָרציע. איך קען דעם צייכהויז א ביסל בעסער, ווי דער הער לייטענאַנט. און ווייס, וואָס עס ווערט גערעדט אף אַזאַ באַראַטונג פון די העכערע אפיצערן בײַם הער פּולקאָווניק. דאָס מעלט זיך דער הער פּולקאָווניק נאָר אויס אין זיין פאַנטאַזיע, אז אין צייכהויז זיינען פאַראַן קאָנסערוון. אין צייכהויז פון אונדזער פּולק זיינען קיין מאָל קיין קאָנסערוון נישט געווען צוגעגרייט, נאָר מען פלעגט זיי אויסשרייבן, אז מען האָט באַדאַרפט. אדער מען פלעגט אנטלייען בײַ אנדערע פּולקן. אין בענעשאָווער פּולק זיינען מיר שולדיק א שטיקלעך דריי הונדערט אזעלכע קאָנסערוון. כע־כע! מעגן זיי זיך ריידן אף דער באַראַטונג, וואָס זייער האַרץ גלוסט, נאָר היילן זיך איז נישט כדאי. ס'מאַכט נישט אויס, דער אויפזעער פון מאַגאַזין וועט שוין אליין זאָגן די חברה, אז זיי וועלן קומען צו אים, אז זיי זיינען אראָפּ פון זינען. און חוץ דעם, האָט נאָך קיין איין מאַרש־ראָטע נישט געקראָגן קיין קאָנסערוון אפן וועג.

— ריכטיק, וואָס איך זאָג, אלטער שוועמל? — האָט ער זיך געווענדט צום פעלדוועבל. נאָר יענער האָט שוין געהאַלטן בײַם אנטשלאָפן ווערן, אדער ער האָט גערעדט פון היץ, וואָרום ער האָט געענטפערט עפּעס גאָר פון א זייטיקן ענין:

— אז זי איז געגאַנגען, האָט זי געהאַלטן אָפן דעם שירים איבערן קאָפּ.

— גלייכער פון אלץ וועט זיין, — האָט דער קאַפּ־טענאַרמוס ווייטער גערעדט, — אויב איר וועט אף אלץ א שפּיי טאָן. ווען מען האָט, אשטייגער, היינט אין קאַנצע־לאַריע פון פּולק געמאָלדן, אז מאָרגן לאָזן מיר זיך אין וועג אריין, באַדאַרף דערין אפילו א קליין קינד נישט גלייבן. קאָנען מיר דען פאָרן אָן וואַגאָנעס? פאַר מיר אין די אויגן האָט מען געקלונגען

אף דער סטאַנציע. ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי האָבן קיין איין פּרייען וואַגאָן ניט. מיט דער פריערדיקער מאַרש־ראָטע איז אויך געווען די זעלביקע זאַך... אַזוי אַז עס ברענט ניט, ברודערקע! מיט דער צייט וועט רעכט ווערן, פון היילעניש אָבער קומט קיין גוטס ניט אַרויס!.. גיט נאָך אַ מעסטעלע.

— דער ווײַן איז ביי זיי היינט אויסגעצייכנט, — האָט וואַנעק ווייטער געריעדט. — צוליב וואָס זאָל איך מיר דאָס אומזיסט־אומנישט דרייען דעם קאָפּ מיט אַט דעם מאַרש־באַטאַליאָן, וואָס באַדאַרף אָפּפאָרן? איינפּאַקן זיך וועלן מיר באַוויזן צוויי שעה פאַרן אָפּפאָרן. דעריבער וועט איר גאָרנישט פאַרזאַמען, ווען איר זעצט זיך צו צו אונדז און...

— איך קאָן ניט, — האָט געזאָגט דער בראַווער סאָלדאַט שווייק ממש מיט מסירות נפש. — איך מוז זיין אין קאַנצעלאַריע, טאָמער וועט עמיצער אָנקלינגען אין טעלעפאָן.

— אויב אַזוי גייט געזונטערהייט, גאָלדעלע, נאָר פאַר־געדיינקט אף צייט איר לעבט, אַז דאָס איז זייער ניט פיין פון אייך און אַז אין עכטער אָרדאָנאַנס באַדאַרף קיין מאָל ניט זיין דאָרט, וווּ מען דאַרף אים האָבן. מען טאָר ניט דינען מיט אַזאַ התמדה, אמת, אמת, ניטאָ קיין ערגערע זאַך פון אַן אָרדאָנאַנס אַ חסר דעה, וואָס שטייט צו צו איטלעכן ווי אַ קלעק. אַזוי איז די מעשה, נשמה מיינע.

נאָר שווייק איז שוין געווען אף יענער זייט טיר און האָט זיך געאיילט אין דער קאַנצעלאַריע פון דער מאַרש־ראָטע.

וואַנעק איז נאָך אַ צייט לאַנג פאַרבליבן זיצן אין בו־פעט און האָט געטרונקען און צייטנווייז פלעגט ער זיך דערמאָנען, אַז צען מאַן מיט אַן אונטער־אָפיצער וואַרטן אף אים ביים צייכהויז.

אַז דאָס פלעגט אים אַרויף אפן געדאַנק, פלעגט ער איטלעכס מאָל שטילינקערהייט זיך אויסלאַכן און אָוועקמאַכן מיט די הענט.

אַז ער איז סוף כּל סוף געקומען אין דער קאַנצעלאַריע פון דער 11־טער מאַרש־ראָטע, האָט ער געטראָפן שווייקן בײַם טעלעפאָן.

ער האָט עפּעס אַרויסגעבורטשעט אונטערן נאָז און איז אין אַנגעטאָנענער אַרויפגעקראָכן אויפן געלעגער און באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן.

און שווייק איז אַלץ געזעסן און געזעסן בײַם טעלעפאָן, וואָרום מיט צוויי שעה פריער האָט מיט אים גערעדט לייטענאַנט לוקאַש און האָט אים געזאָגט, אַז ער געפינט זיך נאָך אַלץ אויף דער באַראַטונג בײַם פּאָלקאָווניק, נאָר ער האָט פאַרגעסן מוסיף צו זײַן, אַז שווייק מעג אַוועקגיין פון טעלעפאָן.

דערנאָך האָט געקלונגען דער אונטער־אָפיציר פוקס, וואָס האָט די גאַנצע צײַט ניט נאָר אומזיסט געוואַרט מיט זײַנע צען סאָלדאַטן אויפן קאַפּטענאַרמוס, נייערט ער האָט זיך אויך געמוזט איבערצײַגן, אַז דער פּראָוויאַנטלאַגער איז פאַרשלאָסן.

סוף כּל סוף האָט ער א שפּײַ געטאָן און איז אַוועק, און זײַנע מענטשן זײַנען זיך איינער נאָכן אַנדערן אַוועק אין די באַראַקעס.

און שווייק איז אַלץ געזעסן בײַם טעלעפאָן.

די באַראַטונג בײַם פּאָלקאָווניק האָט זיך פאַרצויגן. דער פּאָלקאָווניק האָט געפּלוידערט וועגן אַלץ אין דער וועלט, גערעדט וועגן די פראָנט־ליניע פון פאַר צוויי חדשים, מכּח דעם, ווי עס איז וויכטיק א פעסטע פאַרבינדונג צווישן די איינציקע מיליטער־טיילן, וועגן שטיקנדיקע גאַזן, וועגן באַשיסן די פײַנטלעכע אַעראָ־פּלאַנען און וועגן פּראָוויאַנט פאַר דער אַקטיווער אַרמיי, און דערנאָך איז ער אַריבער צו די אינעווייניקסטע פאַרהעלטענישן אין דער אַרמיי.

ער האָט גענומען ריידן וועגן דער פאַרהעלטעניש פון די אָפיצערן צו די פּראָסטע סאָלדאַטן און וועגן פאַרהעלטעניש פון די פּראָסטע סאָלדאַטן צו זייערע עלטסטע, וועגן פאַלן פון איבערגיין אויפן זײַט פון שונא וועגן די פּאָליטישע געשעענישן און וועגן

דעם, אז פופציק פראָצענט פון די טשעכישע סאָלדאַטן זיינען „פּאָליטיש ניט זיכער"...

דער רוב אפיצערן האָבן ניט געקאָנט זיך דערוואַרטן, ווען וועט אָט דער אלטער פלווידערזאַק ענדיקן זיין דרשה, נאָר ער האָט ניט אויפגעהערט צו קנאַקן וועגן די נייע אויפגאַבן פון די מאַרש-באַטאַליאָנען, וועגן די אפיצערן פון פולק, וואָס זיינען געפאַלן אין שלאַכט, וועגן צעפּעלינס, וועגן קאַוואַלעריע, וועגן דער שבועה...

ביי די לעצטע ווערטער האָט לייטענאַנט לוקאַש זיך דער־מאָנט, אז דער בראַווער סאָלדאַט שווייק האָט ניט אפגעגעבן קיין שבועה צוזאַמען מיטן מאַרש-באַטאַליאָן, ווייל גראָד אין יענער צייט איז ער געווען צוגעשריבן צום דיוויזיע-געריכט.

און דאָ האָט ער זיך פלוצים ניט געקאָנט מער איינהאַלטן פון געלעכטער. דאָס איז געווען א מין היסטערישער געלעכטער, וואָס האָט אנגעכאַפּט אויך די איבעריקע אפיצערן, וואָס ער איז געזעסן צווישן זיי. דער געלעכטער האָט געשטערט דעם פּאָל־קאָווניק צו פאַרענדיקן זיין געדאַנק מכח דער אפּלערעניש, וואָס דאָס דייטשע מיליטער האָט אָפּגעלערנט פון זיין אפטרעט אין די אַרדענען. ער האָט געמוזט דעם סוף פאַרקוועטשן און האָט פאַרענדיקט מיט די ווערטער, „מיינע הערן, לאַכן איז ניטאָ פון וואָס".

דערנאָך זיינען אלע אוועק אין אפיצער-קלוב, ווייל דעם פּולקאָווניק שרעדער האָט מען ארויסגערופן דורכן טעלעפאָן אין שטאַב פון בריגאַדע.

שווייק האָט זיך געדרעמלט ביים טעלעפאָן, ווען עס האָט אים אויפגעוועקט א שטאַרקער קלונג.

— האַלאָ! — האָט זיך געלאָזט הערן אין טעלעפאָן. — פון דער קאַנצעלאַריע פון פּולק.

— האַלאָ! — האָט געענטפערט שווייק, — דאַ איז די קאַנצעלאַריע פון דער 11-טער מאַרש-ראָטע.

— האַיע ניט, — האָט יענע שטים ווייטער גערעדט, — און נעם א בלייפעדער און שרייב. נעם צו א טעלעפאָנאָגראַמע.

„דער עלפטער מאַרש־ראָטע..."

נאָר דאָ האָבן זיך גענומען שיטן אין א ווילדער מישענינע פראַזע נאָך פראַזע, וואָרום חוץ דער 12־טער איז נאָך געווען פאַרבונדן די 13־טע ראָטע, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשטערט ריידן, און די טעלעפאָנאָגראַמע איז אין גאַנצן דערטרונקען געוואָרן אין אט דעם דריידל־שטראָם פון ווערטער. שוויק האָט ניט פאַר־שטאַנען קיין איין וואָרט. סוף כל סוף האָט דאָס מאַנע־הויז זיך איינגעשטילט, און שוויק האָט דערהערט אט וואָס:

— האַלאָ, האַלאָ־אָ! איצטער לייען מיר זי איבער און פאַרהאַלט נימ.

— לייענען וואָס?

— וואָס לייענען? פלאָקן! פאַרשטייט זיך די טעלעפאָנאָ־גראַמע.

— וואָסער טעלעפאָנאָגראַמע?

— ניט געדאַכט זאָלסטו ווערן! ביסטו טויב, צי וואָס? די טעלעפאָנאָגראַמע, וואָס איך האָב דיר דיקטירט גולם.

— איך האב קיין איין וואָ־ט ניט פאַרשטאַנען. עמיצער האָט די גאַנצע צייט אונדז געשטערט.

אך דו כלב בן כלבה, וואָס קלערסטו דאָס, איך האָב מיט דיר געשמועסט פון פאַרגעניגן וועגן? זאָג, נעמסט צו די טעלע־פאָנאָגראַמע צי ניין? א בלייפעך און פאַפיר האסטו? ניין?... און איך זאל וואַרטן, ביז דו וועסט געפינען, געשלייערטע האַנזי? אט זיינען דאס א מין סאָלדאַטן!.. נו, איז וואס וועט זיין? פאַרטיק, זאָגסטו? גאט צו דאַנקען! האסט זיך משמעות, איבערגעטאָן צוליב דעם, פערדישע קאָפּ... נו, הער זיך צו: „דער עלפטער מאַרש־ראָטע". חזר איבער!

— דער עלפטער מאַרש־ראָטע...

— „דעם ראָטע־קאָמאַנדיר", פאַרשריבן? חזר איבער!

— דעם ראָטע קאָמאַנדיר.

— „קומען מארגן אַף א באַראַטונג". פאַרטיק? חזר איבער.

— קומען מארגן אַף א באַראַטונג...

— ניין אזײַנער. „אונטערשריפט״. דו ווייסט, וואָס דאס איז אזוינס „אונטערשריפט״, לעמעך? דאס איז דער נאָמען. חזר איבער.

— ניין אזײַנער, אונטערשריפט. דו ווייסט... וואס דאס איז... אזוינס אונטערשריפט? לעמעך! דאָס איז דער נאָמען.

— אך דו אידיאָט! הייסט דאס — די אונטערשריפט איז: „פּולקאָווניק שרעדער״. פּרא אדם! ס'טפאַרשריבן!

— פאַרשריבן: פּולקאָווניק שרעדער, פּרא אדם.

— גוט, פלאקן. ווער האט די טעלעפאָנאָגראַמע צוגענומען?

— איך.

— אך, פגרן זאלסטו! ווער איז דאס אט דער „איך״, ווער?

— שווייק. נאָך עפּעס?

— א דאַנק גאָט, מער גאַרנישט. דו האסט באַדאַרפט הייסן ניט שווייק, נאָר שוו... נאָר מילא. זאָל זיין אזוי. וואָס הערט זיך בײַ אייך נײַס.

— גאָרנישט. אלץ ווי געווען.

— ביסטו צופרידן? וואָס איז דאָ פאַר א מעשה מען האָט היינט עמיצן בײַ אייך צוגעבונדן?

— צוגעבונדן? יאָ, דעם באַדינער פון הער לייטענאַנט, דערפאַר, וואָס ער האָט אויפגעפרעסן זיין גאַנצן מיטאָק.

— נו, ווייסטו, ווען מיר לאָזן זיך אין וועג?

— וואָס איז דאָס פאַר א פראַגע, נאַרישער מח? דאָס ווייס אפילו אונדזער אלטער אויך ניט.

— אויב אזוי, א גוטע נאַכט. ווי איז בײַ אייך — א סך פליי?

שווייק האָט אויפגעהאַנגען דאָס טרײַבל און גענומען וועקן דעם קאַפּטענאַרמוס. יענער האָט ברוגז אים אפּגעשטופּט, און אז שווייק האָט גענומען אים טרייסלען, האָט וואַנעק אים דערלאַנגט א זעץ אין נאָז, האָט זיך אויסגעצויגן אפן בויך און גענומען בריקעווען זיך מיט אלע פיר.

נאָר פֿאָרט האָט שווייק אָפּגעגאָלטן פֿונאַנדערצוטרייסלען וואַנעקן אַף אַזוי פֿיל, אַז יענער האָט זיך אומגעקערט אַפֿן רוקן און רייַבנדיק די אויגן געפֿרעגט, וואָס איז געשען.

— נישט באַזונדערס, — האָט געענטפֿערט שווייק, — נאָר מיר האָט זיך געוואָלט אַן עצה האַלטן זיך מיט אייך. אקאָרשט האָב איך צוגענומען אַ טעלעפֿאָנאָגראַמע, אַז הער לייטענאַנט לוקאַש מוז קומען מאָרגן נאָך אַזייגער אינדערפֿרי צום הער פּאָלקאָווניק. ווייס איך ניט, וואָס איך זאָל טאָן, זאָל איך גיין צו אים גלייך און מעלדן מכּח דעם, אָדער ערשט מאָרגן אינדערפֿרי? איך האָב אַ צייט לאַנג זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל איך אייך וועקן צי ניט, וואָרום איר האָט אַזוי זיס געשלאָפֿן, אפֿילו געבראָפּעט, דערנאָך האָב איך באַשלאָסן: וואָס וועט זיין וועט זיין — גלייכער זיך האַלטן אַן עצה...

— איך בעט אייך, האָט רחמנות, לאָזט מיך שלאָפֿן אַ ווײַלע, — האָט וואַנעק אַרויסגעקרעכצט מיט אַ ברייטן געגעניץ. — גייט אַהין מאָרגן פֿרי, און מיך זאָלט איר מער ניט וועקן.

ער האָט זיך שווער איבערגעקערט אַף אַ זייט און איז תּיכּף ווידער אַנטשלאָפֿן.

שווייק האָט זיך ווידער צוגעזעצט צום טעלעפֿאָן. ער האָט שוין געהאַט איינגעדרעמלט, מיטן קאָפּ אַפֿן טיש, ווען אַ קלונג האָט אים אויפֿגעוועקט.

— האַלאָ! די 11-טע מאַרש-ראָטע?

— יאָ, די 11-טע מאַרש-ראָטע. ווער רעדט?

— די 13-טע מאַרש-ראָטע. האַלאָ, האַלאָ-אָ! זאָג נאָר, ווי פֿיל איז בייַ דיר דער זייגער? איך קאָן זיך ניט דערקלינגען אין וואַך-לאָקאַל. זיי האָבן שוין לאַנג באַדאַרפֿט קומען מיך פֿאַרבייַטן.

— בייַ אונדז שטייט דער זייגער.

— הייסט דאָס, ניט בעסער ווי בייַ אונדז. האָסט ניט געהערט, ווען פֿאָרן מיר? ניט גערעדט מיט דער קאַנצעלאַריע פֿון פּאָלק?

— זיי ווייסן דאָרט אויך, ווער עס האָט זיי באַ...

— אך פרײלן, טוט א טובה, א קאַפּעלע איידעלער! העד זיך איין, קאָנסערוון האָט מען אייך שוין ארויסגעגעבן? פון אונד־זער ראַטע איז מען געגאַנגען, נאר געבראַכט א פּייג. דער פּראָ־וויאַנט־לאַגער איז געווען פארשלאָסן.

— אונדזערע זיינען אויך געקומען מיט ליידיקע הענט.

— בכלל, אומזיסט אומנישט מאַכן זיי אן א פּאַניקע. ווי מיינסטו, ווו אהין וועט מען אונדז פירן?

— קיין רוסלאַנד.

— און איך מיין, אז גיכער פון אלץ קיין סערביע. מילא, דאָס וועלן מיר זען, אז מירן זיין אין פּעשט. וועט מען אונדז פירן פון דאָרט רעכטס, הייסט דאָס, אז ניט אנדערש ווי קיין סערביע, און טאמער לינקס, הייסט דאס, אז קיין רוסלאַנד... וויפיל זייט איר ביים טעלעפאָן? דו אליין? אויב אזוי, שפּיי אן אף אים און לייג זיך שלאָפן. מאָדנע פּאַראַנדקעס ביי אייך... וואס? דו שלעפסט ווי אן אייזל? אט, געקומען סוף כל סוף מיך פארבייטן! האָב זיך מיר און זיי זיך מיר! שלאָף געזונטערהייט!

און שווייק איז טאַקע געשמאַק אנטשלאָפן געוואָרן נעבן טעלעפאָן, פארגעסן אויפצוהייננגען דאָס טרייבל, אזוי אז קיינער האָט אים שוין מער ניט געשטערט שלאָפן. דער טעלעפאָניסט פון דער קאַנצעלאַריע פון פולק איז געוואָרן הייזעריק זידלענדיק זיך, פאַרוואָס ער קאָן זיך ניט דערקלינגען צו דער 11־טער ראָטע, בכדי איבערצוגעבן א טעלעפאָנאָגראַמע מיט אַזאַ אינהאַלט: אלע, וואס מען האָט זיי נאך ניט געמאַכט די איינשפּריצונג קעגן טיפוס, זיינען מחויב צו קומען מאָרגן ביז צוועלף אזייגער אין קאַנצעלאַריע פון פולק.

אין דער זעלביקער צייט איז לייטענאַנט לוקאַש געזעסן מיטן מיליטער־דאָקטאָר שאַנצלער אין אפיצער־קלוב. דער מיליטער דאָקטאָר איז געזעסן רייטנדיק אף א שטול און האָט דעקלאַמירט אף אויסוויינינק די סאַניטאַרע כללים אף מלחמה. דערביי האָט ער צוגעקלאַפּט צום טאַקט מיט א ביליאַרד־קי אן דיל:

"דער סולטאַן פון די סאַראַצינען סאַלאַחעדדין האָט דער ערשטער אנערקענט, אז די סאַניטאַרע אַפּטײלונגען טאָרן ניט גע־שעדיקט ווערן".

„מיט הײלונג מוזן זײן באַזיכערט די פאַרוווּנדעטע פון בײדע געגנערישע צדדים".

„די קאַסטן פאַר מעדיקאַמענטן און פאָרן צווען באַצאָלט דער צד שכנגד"...

און אזוי ווײטער און אזוי ווײטער. דאָקטאָר שאַנצלער האָט שוין געהאַט דערבײ צעבראכן צוויי קיס, נאָר ביזן סוף איז נאָך געווען ווײט.

לייטענאַנט לוקאַש האָט אויסגעטרונקען שוואַרצע קאַווע און איז אוועק אהײם. דאָרט האָט ער געטראָפן דעם באַבאָרדעטן ריז באַלונען, ווי ער פּרעגלט טײ־וווּרשט אַף זײן, דעם לייטענאַנטס שפּירט־ברענער.

— איך האָב זיך דערלויבט, — האָט גענומען באַלון טענען שטאַמלענדיק, — איך האָב זיך דערלויבט, האָב איך דעם כבוד צו מעלדן...

לייטענאַנט לוקאַש האָט אַף אים א קוק געטאָן. אין יענעם מאמענט האָט באַלון אויסגעוויזן ווי א דערוואַקסן קינד, א תמימותדיק באַשעפעניש, און דער לייטענאַנט האָט פּלוצים אַף אים רחמנות געקראָגן, און אים האָט פאַרדראָסן וואָס ער האָט געהײסן אים צובינדן פאַר זײן ניט צו שטילנדיקן הונגער.

— פּרעגל, פּרעגל, באַלון, — האָט ער ארויסגערעדט אויסטאַענדיק דאָס געווער. — מאָרגן וועל איך הײסן אויסשרײבן פאַר דיר אן איבעריקע פאַרציע ברויט.

לייטענאַנט לוקאַש האָט זיך אוועקגעזעצט בײם טיש און אַזא מרה שחורהדיקער שטימונג, אז ער האָט גענומען שרײבן זײן מומע א סאַנטימענטאַלן בריוו.

„טײערע מומעלע.

אַסאַרשט געקראָגן א באַפעל צוצוגרײטן זיך צו פאָרן מיט מײן ראָטע אַפן פראָנט. עס קאָן געמאָלט זײן, אז דער דאָזיקער בריוו וועט זײן דער לעצטער, וואָס דו קריגסט פון מיר, וואָרום

אומעטום גייען שווערע שלאַכטן און אונדזערע אַנוועערן זיינען זייער גרויס. דערפאַר איז מיר זייער שווער צו פאַרענדיקן דעם דאָזיקן בריוו מיט די ווערטער „צום ווידער זען" עס וואָלט זיך מיר געפּאַסט צו שיקן דיר דעם לעצטן „זיי געזונט"...

„מילא, דאָס איבעריקע וועל איך צושרייבן מאָרגן אינדערפרי",
— האָט אַ טראַכט געטאָן לייטענאַנט לוקאַש און האָט זיך געלייגט שלאָפן.

אַז באַלון האָט דערזען, אַז דער לייטענאַנט איז פעסט אײַנגעשלאָפן, האָט ער ווידער גענומען בעלי־בתעווען אין ווינקל און אומעטום שטעקן זיין נאָז. ער האָט אויפגעעפנט זיין אַפיצערס טשעמאָדאַן און האָט אָפּגעביסן אַ שטיקל שאָקאָלאַד פון אַ פּליטקע, אָבער באַלד האָט ער זיך דערשראָקן, ווען דער לייטענאַנט האָט זיך אַ דריי געטאָן אין שלאָף, האָט די אָנגעביסענע פּליטקע צוריק אַרײַנגעלייגט אין טשעמאָדאַן און איז געבליבן זיצן שטיל.

דערנאָך האָט ער שטילינקערהייט אַ קוק געטאָן וואָס האָט דער לייטענאַנט אָנגעשריבן.

ער האָט איבערגעלייענט דעם בריוו און איז געוועזן גערירט, באַזונדערס פון די ווערטער „לעצטער זיי געזונט".

אַוועקגעלייגט זיך אויף זיין שטרויזאַק בײַם טיר, האָט ער גענומען טראַכטן וועגן דערהיים און וועגן שעכט־מעסערן.

ער האָט ניט געקאָנט פּטור ווערן פון דער פאָרשטעלונג, אַז ער שטעכט דורך אַ ברוינשווייגער ווורשט בכדי אַרויסצולאָזן פון איר די לופט, זי זאָל ניט פּלאַצן בײַם קאָכן.

און דערמאָנט זיך, ווי אַזוי בײַ איינעם אַ שכן האָט געפּלאַצט אַזאַ ווורשט און איז אין גאַנצן צעקאָכט געוואָרן, איז ער, אַ צופרידענער מיט זיך, אַנטשלאָפן געוואָרן.

אים האָט זיך געחלומט אַ חלום, אַז ער האָט געדונגען זיך אַ געהילף אַ ווורשט־מאַכער אַ לא יוצלח, וואָס בײַ יענעם פלעגן אַלע מאָל בײַם אָנפילן די לעבער־ווורשט פּלאַצן די קישקעס. און נאָך — אַז דער ווורשט־מאַכער האָט פאַרגעסן צו מאַכן בלוט־ווורשט, אַז עס איז פאַרפאַלן געוואָרן די געפילעכץ און אַז עס האָט ניט געקלעקט קיין קישקעס פאַר די לעבער־ווורשט.

וויטער האָט זיך עפּעס געחלומט פון א קריגס־געריכט, אז מען האָט אים געכאַפּט גנבנדיק פלייש פון קעסל. און צום סוף האָט ער זיך געזען הייגנענדיק אף איינעם פון די אלטע לינדן־בוימער בײַ איינעם פון די שטעגלעך פון מיליטער־לאַגער אין ברוק אף דער לייטע...

* * *

מיטן פרימאָרגן, וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן אין צימער צוזאַמען מיטן ריח פון פרישע קאַווע, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אלע פעלד־קיכן, האָט זיך שוויק אויפגעכאַפּט, מעכאַניש אויפ־געהאַנגען דאָס טרײַבל, פונקט ווי ער וואָלט אקאָרשט געהאַט געענדיקט א שמועס אין טעלעפאָן, און גענומען אַרומשפּאַנען איבער דער קאַנצעלאַריע און זינגען אפן קול א ליד. פון די קולות האָט זיך אויפגעכאַפּט קאַפּיטענאַרמוס וואַנעק און געפרעגט, וויפיל איז דער זייגער.

— מען האָט אקאָרשט אפּגעבלאָזן צום אויפשטיין.

— אויב אזוי, שטיי איך אויף ערשט נאָך קאַווע, — האָט באַשלאָסן וואַנעק, וואָס האָט קיין מאָל ניט ליב געהאַט צו יאָגן זיך. — סיי ווי סיי וועט מען אונדז היינט פּאַרמאַטערן מיט דער אייליִקייט און אַרומיאָגן אונדז אומזיסט אין אלע זייטן, ווי נעכטן מיט די קאָנסערוון.

וואַנעק האָט א גענעץ געטאָן און געפרעגט, צי האָט ער נאָך אסך געגאַוועדט נעכטן, אז ער איז געקומען אהיים.

— יאָ, א קאַפּעלע, גאָר א קאַפּעלע, האָט איר עפּעס גערעדט וואָס איך האָב ניט פאַרשטאַנען. נאָר באלד האָט אייך צענומען אין גאַנצן, און איר האָט זיך צעבראָפּעט, ווי א זעג איבער א קלאָץ.

עס האָט א קלונג געטאָן דער טעלעפאָן. דער קאַפּיטענאַר־מוס איז צוגעגאַנגען, און מען האָט געקאָנט הערן די שטים פון לייטענאַנט לוקאַש, וואָס האָט געפרעגט, ווי האַלט דאָס מיט די קאָנסערוון. דערנאָך זײַנען געקומען טענות.

— ערן־וואָרט, ניטאָ קיין קאָנסערוון, הער לייטענאַנט! — האָט וואַנעק אַרײַנגעשריִען אין טעלעפאָן. — פון וואַנען זאָלן זיי

דאָס זיין? דאָס איז דאָך די הוילע פאַנטאַזיע פון דער אינטענ־דאַנטור. און אומזיסט האָט מען געשיקט מענטשן... איך האָב געוואָלט אייך טעלעפאָנירן... אַז איך בין כּלומרשט געזעסן אין בופעט? ווער זשע האָט דאָס געקאָנט זאָגן? יאָ, איך האָב זיך אויף א ווײַלע דערלויבט אַרײַנצוגיין... באין אופן, הער לייטענאַנט, איך בין פולקום ניכטער... וואָס שווייק טוט? ער איז דאָ. רופן אים?

— שווייק, צום טעלעפאָן. — האָט זיך געווענדט צו אים דער קאַפּיטענאַרמוס און שטילערהייט מוסיף געווען: — ווען ער וועט בײַ אייך פרעגן, ווי בין איך געקומען אַהיים, זאָלט איר זאָגן, אין בעסטער אָרדענונג.

שווייק איז צו צום טעלעפאָן.

— ערלויבט צו מעלדן, הער לייטענאַנט, דאָ שווייק.

— הערט זיך איין, שווייק! וואָס איז דאָס פאַר א געשיכטע מיט די קאָנסערוון. איז דאָס ריכטיק?

— גאַנץ ריכטיק, הער לייטענאַנט, ניטאָ קיין קאָנסערוון, אַפילו קיין סימן ניט צו זען.

— מיר וואָלט זיך געוואָלט, שווייק, אַז אַלע מאָל אונדער־פרי זאָלט איר קומען צו מיר, כּל זמן מיר זײַנען נאָך דאָ אין לאַגער. און אַז מיר וועלן זײַן אין וועג, וועט איר זיך שטענדיק געפינען נעבן מיר. וואָס'ט איר געטאָן בײַנאַכט?

— איך בין די גאַנצע נאַכט דורך געזעסן בײַם טעלע־פאָן.

— איז געווען עפּעס נײַעס?

— גאַנץ ריכטיק, הער לייטענאַנט.

— שווייק הויבט ניט אָן ווידער צו מאַכן אַנשטעלן! איז אָנגעקומען פון ערגעץ א וואַסער עס איז וויכטיק מעלדונג?

— גאַנץ ריכטיק, הער לייטענאַנט, אָבער נאָר צו נײַן אַזייגער.

— וואָס איז?

— איך האָב ניט געוואָלט אייך באַאומרואיקן, הער לייטע־נאַנט, בשום אופן ניט געוואָלט.

— כאַפּט אײַך דער טײַוול, זאָגט זשע מיר סוף כּל סוף, וואָס פֿאַר א זשיכטיקע זאַך דאַרף דאָס זײַן נײַן אזײגער?

— א טעלעפאָנאָגראַמע, הער לײַטענאַנט.

— איך פֿאַרשטײ אײַך ניט, שווייק.

— איך האָב זי פֿאַרשריבן, הער לײַטענאַנט. אט איז זי: „נעמט צו א טעלעפאָנאָגראַמע. ווער איז בײַם טעלעפאָן? פֿאַרשריבן? אַנו, לײענט מיר איבער", אדער כּדומה נאָך אַזאַ מעשה.

— אויף מײַן וואָרט, שווייק, מען ווערט דאָך פֿון אײַך אויסגעריסן! איר׳ט מיר זאָגן, וואָס עס שטייט אין דער טעלעפאָנאָגראַמע אדער איך וועל זיך א לאָז טאָן צו אײַך און צעפּאַטשן אײַך די פּיסקעס! נו, וואָס איז די מעשה?

— ווידער אמאָל עפּעס א באַראַטונג, הער לײַטענאַנט, הײַנט נײַן אזײגער בײַם הער פּולקאָווניק. איך האָב צוערשט געקלערט אײַך אויפֿצוּוועקן בײַנאַכט, דערנאָך האָב איך איבערגעקלערט.

— מער וואָלט ניט געפֿעלט — וועקן מיך איבער יעט חידער שטרונד, בעת עס איז פֿאַראַן גענוג צײַט אינדערפֿרי. הײסט דאָס ווידער א באַראַטונג, צו אל די שווארצע יאָרן! הײַנגט נאָך ניט אויף דאָס טרײַבל און רופֿט צום טעלפֿאָן וואַנעקן.

— קאַפּטענאַרמוס וואַנעק בײַם טעלעפֿאָן, הער לײַטענאַנט.

— וואַנעק, תּיכּף זאָלט איר מיר געפֿינען אן אנדער באַדינער. דער דאַזיקער מנוול באַלון האָט בײַ מיר אויפֿגעפֿרעסן בײַנאַכט גאַר מײַן שאָקאָלאַד. אים צובינדן? ניין, מיר׳ן אים אריבערפֿירן צו די סאַניטאַרן. גרויס איז ער ווי א באַרג — זאָל ער שלעפּן פֿאַרווונדעטע אונטער די קוילן. איך שיק אים באַלד צו צו אײַך. מאַכט דאָס צורעכט אין דער קאַנצעלאַריע פֿון פּולק, און דערנאָך קומט אומגעזאַמט צוריק צו דער ראָטע. ווי מײנט איר: מיר׳ן אין גיכן פֿאָרן?

— וואָס האָבן מיר זיך צו אײַלן, הער לײַטענאַנט? אז עס איז געגאַנגען די 9-טע מאַרש-ראָטע, האָט מען אונדז פֿיר מעת-

לעת ארומגעפירט פאַר דער נאַז. מיט דער 8-טער איז געווען גענוי די זעלביקע געשיכטע. נאָר מיט דער 9-טער איז געווען אַזוי ווי אַ ביסעלע בעסער. דעמאָלט האָבן מיר מיטאָק-צייט געקראָגן דעם באַפעל, און אין אוונט זיינען מיר געפאָרן, נאָר דערפאַר האָט מען אונדז ארומגעטריבן איבער גאַנץ אונגאַרן, ניט צו וויסן, וואָסער לאָך אַף וואָסער פראָנט מען זאָל מיט אונדז פאַרשטאָפּן.

— מילא, — האָט געענטפערט לייטענאַנט לוקאַש, — אפשר איז דאָס טאַקע אַזוי. איר מיינט, הייסט דאָס, אַז מיר פאָרן ניט היינט. ניין אַזויגער איז באַשטימט אַ באַראַטונג ביים פּולקאָווניק... אַגב, איר ווייסט מסתמא, אַז אַף אייך ליגט דער חוב צו פירן די רשימות פון די נעמען פון אונדזערע מענטשן... איך זאָג דאָס נאָר אַזוי זיך, אַגב אורחא... בכן, לאָמיר איינשטעלן... וואַרט זשע, וואָס זשע וואָלטן מיר געקאָנט איינשטעלן... אָך יאָ, גיט מיר אַ רשימה פון אַלע פּערזאָנען פון דעם קאָמאַנדע-באַשטאַנד, מיטן אָנווייז, זינט ווען איטלעכער דינט. דערנאָך דער פּראָוויאַנט-באַריכט פון דער ראָטע... ווי זאָל זיין מיט דער נאַציאָנאַליטעט? יאָ, יאָ, דאָס דאַרפט איר אויך פאַרצייכענען... נאָר דער עיקר איז שיקן מיר אַ נייעם דינער... וואָס זאָל היינט טאָן פענדריך פּלעשנער? צוגרייטן די מענטשן צום פאָרן... וואָס? חשבונות? איך וועל קומען אונטערשרייבן דעם ווירטשאַפט-באַריכט... אין שטאָט קיינעם ניט אַפּלאָזן! אין בופעט אין לאַגער? נאָך וואַרימעס, אַף איין שעה!.. רופט שווייקן... שווייק, איר בלייבט אויפפאַסן ביים טעלעפאָן.

— ערלויבט צו מעלדן, הער לייטענאַנט, איך האָב נאָך ניט געטרונקען קיין קאַווע.

— אַזוי אַזוי, ברייגנט זיך קאַווע און בלייבט אין קאַנצעלאַריע, ביז איך וועל אייך רופן. איר ווייסט, וואָס דאָס איז אָווינגס אָן אָרדאָנאַנס?

— דאָס איז אַזעלכער, וואָס לויפט אַרום שטראָמעלעוואַיע מיט שליחותן, הער לייטענאַנט.

— הייסט דאָס, איר זאָלט זיין אַף אָן אָרט, ווען איך וועל אייך רופן. זאָגט וואַנעקן נאָך אַמאָל. ער זאָל ניט פאַרגעסן מיר

צוצושיקן אן אנדער דינער... האלאָ, שווייק, האלאָ, איר הערט? ווו זייט איר האס פאַרפאַלן געוואָרן?

— באַין אופן, הער לייטענאַנט, ניט פאַרפאַלן, מען האָט מיר נאָר אַקאַרשט געבראַכט קאַווע.

— שווייק, האלאָ, האלאָ־אָ?

— איך הער, הער לייטענאַנט, אָבער די קאַווע ווערט קאַלט.

— איר ווייסט דאָך גוט, שווייק, ווי עס באַדאַרף זיין א דינער. איר זאָלט אים גוט אַרומקוקן, און דערנאָך מיר זאָגן, וואָס דאָס איז פאַר א מענטש. נו, און איצט הייבט אויף דאָס טרייבל.

וואַנעק, וואָס האָט געזופט שוואַרצע קאַווע, וואָס צוליב געהויקייט ווענן האָט ער אַהין געהאַט צוגעגאָסן קאָניאַק פון א פלעשל מיט אַן עטיקעט „טינט", האָט א קוק געטאָן אף שווייקן און געזאָגט:

— ער שרייט גאַנץ נישקשה, אונדזער לייטענאַנט, אין טע־לעפאָן. איך האָב געהערט איטלעכס וואָרט... איר זייט, קענטיק, זייער גוט באַקאַנט מיטן הער לייטענאַנט, שווייק.

— מיר זיינען ווי צוויי הענט, — האָט געענטפערט שווייק, — און איין האַנט, ווי באַוווּסט, וואַשט די צווייטע. אמת איז, אז מיר האָבן שוין ביידע אַסך דורכגעמאַכט אינאיינעם. וויפיל מאָל האָט מען אונדז געוואָלט צעשיידן, נאָר מיר האָבן ווידער געפונען איינער דעם אַנדערן. ער פלעגט זיך אלע מאָל פאַרלאָזן אף מיר אין אַלצדינג. אזוי אז דאָס איז מיר אַליין אמאָל געווען א חידוש. אָט איצט האָט איר דאָך אויך מסתמא געהערט, אז איך זאָל אייך דערמאָנען נאָך אמאָל, אז אייך איז באַפוילן צו געפינען א נייעם דינער און איך מוז אים אַרומקוקן און זאָגן מיין מיינונג. די מעשה דערפון איז, וואָס דעם הער לייטענאַנט איז ניט אזוי גרינג צופרידן צו שטעלן.

* * *

אז דער פּולקאָווניק האָט צום צווייטן מאָל צונויפ־גערופן אלע אָפיצערן אף א באַראַטונג, האָט ער דאָס ווידער

געטאָן מיט גרויס פאַרגעניגן, כּדי ער זאָל האָבן די מעגלעכקייט זיך ארויסצוזאָגן. חוץ דעם, האָט מען באַדאַרפט ארויסטראָגן א וואָסער עס איז בּאַשלוס מכּח דעם פרייוויליקן מאַרעק, וואָס האָט פאָרט ניט געוואָלט רייניקן די אפּטרעטן און וואס דער פּולקאָוו־ניק האָט אים דערפאַר איבערגעגעבן דעם דיוויזיע־געריכט.

פון דיוויזיע־געריכט האָט מען אים גראָד נעכטן פאַרנאַכט איבערגעשיקט אף דער הויפּט־וואַך: צוגלייך איז אין קאַנצעלאַריע פון פּולק אנגעקומען א פּאַפּיר פון דיוויזיע־געריכט, וואָס מען האָט אין דעם בּשום אופן ניט געקאָנט דערגיין קיין עק. אין פּאַפּיר איז געשטאַנען אזוי: קיין פאַרבּרעך פון א בּונט איז אין געגעבּענעם פאַל ניטאָ, ווייל פרייוויליקע זיינען ניט מחויב צו רייניקן דעם אפּטרעט, אבער פונדעסטוועגן זיינען פאַראַן אלע סימנים פון עובר זיין אף א באַפעל פון עלטסטן, די דאָזיקע טועכץ קאן מען אים מוחל זיין, אויב ער וועט זיך העלדיש אויפפירן אפן פראָנט. מחמת די דאָזיקע סבּרות ווערט דער פרייוויליקער מאַרעק אומ־געקערט צוריק אין 91־טן פּולק. דער אויספאָרש וועגן דער באַשולדיקונג אין עובר זיין אף דער מיליטערישער דיסציפּלין ווערט אפּגעלייגט בּיזן סוף פון דער מלחמה און קאָן ווערן אפּגעפרישט ערשט דעמאָלט, אויב פרייוויליקער מאַרעק וועט אפּטאָן עפּעס א נייעם פאַרבּרעך אדער א מיאוסע מעשה.

איבּעריגנס, איז געווען נאָך אן ענין. גלייכצייטיק מיטן פריי־וויליקן מאַרעק האָט מען געבּראַכט צופירן אף דער הויפּט־וואַך נאָך איינעם א געווויסן טעוועלעס, וואס האט זיך ארויסגעגעבן פאַר אן אונטער־אפיצער. אין פּולק האָט ער זיך בּאַוויזן ניט לאַנג — מען האט אים צוגעשיקט פון א לאַזאַרעט אין אגראַם. ער האָט געהאט א גרויסע זילבּערנע מעדאַליע, בּענדלעך פון א פרייוויליקן און דריי שטערנדלעך. ער האָט דערציילט וועגן די גרויסע גבו־רות פון דער 6־טער מאַרש־ראָטע אין סערביען, וואָס פון איר איז, לויט זיינע רייד, געבּליבּן לעבּן נאָר ער איינער אליין. האָט מען געמאַכט אן אויספאָרש און מען איז געוואר געוואָרן, אז אין אנהויב קריג איז אין דער אמתן מיט דער 6־טער מאַרש־ראָטע אוועק איינער א טעוועלעס, וואס האט אבער קיין רעכט פון א

פרייווויליקן ניט געהאַט. האָט מען אנגעפרעגט ביי דער בריגאַדע, וואָס צו איר באַשטאַנד האָט געהערט די 6־טע מאַרש־ראָטע בעת דעם געאיילטן אפמאַרש פון בעלגראַד דעם 2 דעצעמבער 1914, און עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז צווישן די וואָס האָבן געקראָגן אדער באַדאַרפט קריגן א גרויסע זילבערנע מעדאַליע איז אַזאַ טעוועלעס ניט געווען פאַרצייכנט. די פראַגע, צי איז דער סאָלדאַט טעוועלעס געהעכערט געוואָרן צו אן אונטער־אפיצער בעת דער בעלגראַדער קאַמפּאַניע, איז בשום אופן ניט מעגלעך געווען אויפצוקלערן, וואָרום די סערבן האָבן אויסגעהרגעט די גאַנצע 6־טע ראָטע מיטן קאָ־מאַנדיר־באַשטאַנד ביז איין מאַן. אין דיוויזיע־געריכט האָט טעוועלעס זיך פאַרענטפערט, אז א גרויסע זילבערנע מעדאַליע האָט מען אים צוגעזאָגט, און דערפאַר האָט ער זיך אַליין זי געקויפט אין לאַזאַרעט ביי איינעם א באָסניאַק. וואָס איז שייך די בענדלעך פון א פרייווויליקן, האָט ער זיי צוגענייט זיך שכורערהייט, און טראָגט זיי ווייטער, ווייל ער איז שטענדיק שכור וואָרום זיין ארגאַניזם איז אפגעשוואַכט פון דעזענטעריע.

ביים עפענען די באַראַטונג האָט פּאָלקאָווניק שרעדער, איידער ער איז צוגעטראָטן פאַרצוטראָגן אט די צוויי ענינים, אנגעוויזן, ווי נייטיק עס איז זיך צונויפקלייבן אפטער פאַרן אָפּפאָר, וואָס שטייט שוין הינטער דער טיר. פון שטאַב פון דער בריגאַדע האָט מען אים געגעבן צו וויסן, אז פון מינוט צו מינוט ריכט מען זיך אף דעם געהעריגן באַפעל פון שטאַב פון דיוויזיע. דערפאַר דאַרפן די סאָלדאַטן זיין צוגעגרייט, און די ראָטע־קאָמאַנדירן מוזן שטרייננג אויפפאַסן, אז קיינער זאָל ניט פעלן. דערנאָך האָט דער פּאָלקאָווניק בקיצור איבערגעחזרט וואָס ער האָט געזאָגט נעכטן, ווידער געגעבן אן איבערבליק פון די קריגס־געשעענישן און האָט אויסגעדריקט זיין פעסטע איבערצייגונג אז קיין זאַך איז ניט בכח צו מינערן די קריגערישע התלהבות און די שטענדיקע קריגס־גרייטשאַפט פון דער העלדישער עסטרייכישער ארמיי.

אפן טיש פאַר אים איז געלעגן די קאַרטע פון די קריגס־אפעראַציעס מיט פענדלעך צוגעשטאָכן מיט שפּילקעס, נאָר די פענדלעך זיינען געווען צעמישט און די פראָנטן איבערגערוקט.

ארויסגעריסענע שפּילקעס מיט פּענדלעך האָבן זיך געוואַלגערט אַפילו אונטערן טיש.

דער גאַנצער טעאַטער פון די קריגס־אָפּעראַציעס האָט אין יענער נאַכט געהאַט אויסצושטיין דעם אמתן חורבן. דער קאַטער, וואָס עס האָבן געהאַלטן אין דער קאַנצעלאַריע פון פּולק די הערן מיליטער־שרייבערס, האָט אָפּגעטאָן אויף דער דאָזיקער קאַרטע, וואָס א קאַטער באַדאַרף אָפּטאָן, און אַזוי ווי ער האָט געוואָלט פאַרגראָבן די סימנים, האָט ער ארויסגעריסן די פּענדלעך און צעשמירט מיט די צואה איבער אַלע פּאָזיציעס. פאַרשפּריצט אַלע פראָנטן און בריקן־קעפּ און פאַרפּאַסקודיעט אַלע אַרמיי־קאָרפּוסן.

פּאָלקאָווניק שרעדער איז געווען קורצזיכטיק ביז לעצט.

די אָפיצערן פון מאַרש־באַטאַליאָן האָבן מיט אינטערעס צוגעקוקט, ווי דעם פּאָלקאָווניקס פינגער רוקן זיך נעענטער צו די דאָזיקע הייפעלעך.

— פון דאַנען, מיינע הערן, קיין סאָקאַל אויפן בוג! — האָט דער פּאָלקאָווניק אויסגערופן מעשׂה נביא און האָט אויף אויסווייניק דורכגעפירט מיטן פינגער א ליניע צו די קאַרפּאַטן און אַריינגעשטעקט אים אין איינעם פון די הייפעלעך, וואָס דער קאַטער האָט איבערגעלאָזן, בכדי די קאַרטע פון די קריגס־אָפּעראַציעס זאָל אויסקומען רעליעף.

— דאָס איז, הער פּאָלקאָווניק, דוכט זיך, קעציש....

— האָט זייער העפלעך געזאָגט פאַר אַלעמען קאַפּיטאַן זאַגנער.

פּאָלקאָווניק שרעדער איז ווי א קויל ארויסגעפלויגן אין שכנישן צימער, און פון דאָרט האָבן זיך געלאָזט הערן קולות מיט די שרעקלעכסטע זידלערייען און קללות, ער האָט געסטראַשעט, אַז ער וועט די שרייבערס צווינגען אויסלעקן מיט די צינג די דאָזיקע מיאוסקייט.

דער פאַרהער האָט געדויערט ניט לאַנג. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דעם קאַטער האָט אַריינגעפירט אין קאַנצעלאַריע מיט א וואָכן צוויי צוריק דער שרייבער צווייבלפיש. ווי נאָר אָט דער פאַקט איז קאָנסטאַטירט געוואָרן, האָט דער שרייבער

צווייבלפיש צונויפגעקליבן זיינע בעבעכעס און דער עלטסטער שרייבער האט אים אפגעפירט אף דער הויפטוואך, ווו ער האט באראפט ווארטן אף די ווייטערדיקע באפעלן פון העד פולקאווניק.

מיטן דאזיקן אינצידענט האט די באראטונג בעצם זיך געענדיקט. אז דער פולקאווניק איז מיט א פנים, אנגעצונדן פון כעס, געקומען צוריק צו די אפיצערן, האט ער פארגעסן אין גאנצן, אז ער האט נאך געהאט בדעה צו שמועסן מכח דעם וואס צו טאן מיטן פרייוויליקן מארעך און מיטן פאלשן אונטעראפיצער טעוולעס. און ער האט נאר געזאגט בקיצור:

— איך בעט די הערן אפיצערן צו זיין גרייט און צו ווארטן אף ווייטערדיקע באפעלן און אינסטרוקציעס.

אזוי ארום זיינען דער פרייוויליקער און טעלעוועס נאך געבליבן אף דער הויפטוואך, און אז מען האט נאך צו זיי ארייננגעזעצט צווייבלפישן, האבן זיי זאלבעדריט געקאנט שפילן א פרעפעראנס, און אז זיי האבן געענדיקט דעם קאן, האבן זיי געקאנט ארויסציען די עצמות ביי זייער אויפזעער מיט דער פאדערונג, ער זאל ארויסטרייבן אלע פליי פון זייער שטרוי-זאק.

דערנאך האט מען צו זיי נאך ארייננגעזעצט דעם יעפרייטער פערוטעק פון דער 13-טער מארש-ראטע, וואס איז נעלם געווארן מיט א טאג פריער, בעת עס האט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז מען פארט אפן פראנט. א פאטרול האט אים פארהאלטן אין דער „ווייסער רויז" אין ברוק. ער האט דערציילט א מעשה, אז ער האט געוואלט פארן אפפארן באקוקן דעם בארימטן קרישטאלשלאס פון גראף הארעך ביי ברוק, צוריקוועגס האט ער פארבלאנדזשעט און ערשט פארטאג איז ער אנגעקומען אין דער „ווייסער רויז". נאר דאס איז געוועזן א ליגן. ער האט אין דער „ווייסער רויז" פארבראכט די גאנצע נאכט...

* * *

די לאגע איז נאך נישט געווען קלאר. פארט מען צי מען פארט נישט? שוויק האט אין דער קאנצעלאריע פון דער עלפטער מארש-ראטע זיך אנגעהערט די פארשיידנסטע מיינונגען וועגן דער

פראַגע, סיי פעסימיסטישע און סיי אָפּטימיסטישע. פון דער 12־טער מאַרש־ראַטע האָט מען געקלונגען, אז עמיצער האָט געהערט אין דער קאַנצעלאַריע פון פּולק, אז מען דאַרף ערשט לערנען שיסן אף באַוועגלעכע צילן און אז מען וועט פאָרן ערשט נאָכן פעלד־שיסן. נאָר די 13־טע מאַרש־ראַטע האט אנדערש געהאַלטן; זי האָט מיטגעטײלט, אז אקאַרשט איז געקומען פון שטאָט קאַפּראַל האַווּ־ליק, וואָס האט געהערט פון אײנעם אן אײזנבאַנער, אז די וואַגאַנעס שטײען שוין גרײט אף דער סטאַנציע.

וואַנעק האט אַרויסגעריסן דאָס טרײבל בײ שוועיקן פון האַנט און האט א בּעסדיקער גענומען שרײען, אז די אײזנבאַנער ווײסן ניט, ווער עס האט זײ געשלײערט, און אז ער אלײן איז אקאָרשט געווען אין קאַנצעלאַריע פון פּולק.

שוועיק איז אויסגעזעסן בײם טעלעפאָן מיטן געדולד פון א מלאך און אף די פראַגעס: „וואָס הערט זיך עפּעס נײס?" — האָט ער געענטפערט, אז קײן שום באַשטימטע זאַך איז נאָך ניט באַוווּסט.

דעם זעלביקן ענטפער האָט ער געגעבן אויך אף דער פראַגע פון לײטענאַנט לוקאַש:

— נו, וואס הערט זיך בײ אונדז נײס?

— קײן שום באַשטימטע זאַך איז נאָך ניט באַוווּסט, הער לײטענאַנט.

— גולם! אויפהײנגען דאָס טרײבל!

דערנאָך זײנען אנגעקומען טעלעפאָנאָגראַמעס, וואָס שוועיק האט זײ צוגענומען, הגם ניט גאָר גלאַטיק. אין דער ערשטער שורה איז געווען די טעלעפאָנאָגראַמע, וואס האט ניט געקאַנט אים מיטגעטײלט ווערן בײנאַכט, ווײל דאָס טרײבל איז געווען אראָפּגענומען, און וואָס איז געווען נוגע די וואס דאַרפן קומען זיך לאָזן מאַכן די אײנשפּריצונג קעגן טיפוס.

דערנאָך איז געקומען א פאַרשפּעטיקטע טעלעפאָנאָגראַמע מכּח די קאָנסערוון, וואס האט אויפגעקלערט דעם נעכטיקן פלאָנ־טער.

צולעצט איז אנגעקומען א צירקולאר־טעלעפאנאגראמע, אדרעסירט צו אלע באטאליאנען, ראטעס און מיליטער־טיילן.

„קאפיע פון דער טעלעפאנאגראמע פון בריגאדע נומער 75892 סמך: באפעל דער בריגאדע נומער 172. ביים צונויפשטעלן די חשבון־באריכטן פונם פארברויך פון פראוויאנט און פארשיידענע עסנווארג אין פעלד־קיכן, באדארף מען אפהיטן ביים אויפציילן די פארניצטע פראדוקטן אזא סדר: 1. פלייש. 2. קאנסערוון. 3. פרישע גרינסן. 4. געטריקנטע גרינסן. 5. רייז 6. מאקאראנעס. 7. גרויפן. 8. קארטאפל — אנשטאט דעם סדר פון די נעמען, וואס האט עקסעסטירט ביז איצט".

אז שוויק האט איבערגעלייענט דאס דעם קאפטענארמוס, האט וואנעק פייערליך געמאלדן, אז אזעלכע טעלעפאנאגראמעס ווארפט מען פשוט אין אפטרעט ארויס.

— פארפאסט האט זי עפעס אן אידיאט אין שטאב פון דער ארמיי, און שוין איילן זיי זיך פאנאנדערצושיקן זי איבער אלע דיוויזיעס, בריגאדעס און פולקן.

דערנאך האט שוויק צוגענומען נאך א טעלעפאנאגראמע, וואס מען האט אים פארדיקטירט אזוי גיך, אז ער האט באוויזן צו פארשרייבן גאר איין ווארט פון צען, אזוי אז עס איז ארויסגעקומען עפעס ווי אן אפגעריסענער לשון: „מחמת גענויער דערלויבט אדער וואס אליין פארקערט בכל אופן פארגיטיקט".

— דאס איז אלץ איבעריק, לחלוטין איבעריק, — האט באמערקט וואנעק, אז שוויק האט איבערגעלייענט די טעלעפאנאגראמע דריי מאל אפן קול און האט דערקלערט, אז ער פארשטייט דא גארנישט. שטותעריי, און גאר. און אפשר, שדים ווייסן זיי, א קשיה אף א מעשה: זי קאן נאך זיין שיפרירט אויך, נאר, ביי אונדז אין ראטע איז מען דערצו נאך נאר ניט צוגעגרייט. מען מעג זי ארויסווארפן.

— איך מיין אויך אזוי, — האט שוויק מסכים געווען. — אויב איך וועל מעלדן דעם הער לייטענאנט, אז מחמת גענויער ערלויבט אדער וואס אליין פארקערט בכל אופן פארגיטיקט, קאן ער נאך פאריבל האבן.

— פאראַן אזעלכע פאריבל־האָבערס, וואס ממש א גרויל,

— האט שווייק ווייטער גערעדט, זיך פּאַרטיפּנדיק אין זיינע זכרונות. — איין מאל געדיינק איך, בין איך געפארן אין טראמוויי פון ווישאַטשאַן קיין פּראג. און אין ליבען איז צו אונדז אריין איינער א הער נאָוואָטני. באלד ווי איך האב אים דערקענט, בין איך ארויס צו אים אפן פּאדערשטן פּלאַץ, און האב מיט אים פארפירט א שמועס. ווייל מיר זיינען ביידע פון דראָזשאָווע. נאר ער איז מיר אנגעפארן מיטן ירגזון, איך זאל אים לאזן צו רו, אז ער קען מיך גארניט. דעמאלט האב איך אים גענומען דער־קלערן, ער זאל זיך דערמאנען, ווי איך פלעג קומען צו אים קינדווייז מיט דער מוטער, וואס מען האט זי גערופן אַנטאָנינאַ, און מיין פאטער האט געהייסן פּראָקאָפּ און געווען איז ער אן ארענדאר. נאר ער האט אלץ ניט געוואלט מודה זיין, אז מיר זיינען באקאנט. האב איך אים געבראכט נאך מער ראיות, אז אין דראָזשאָווע זיינען געווען צוויי נאוואטנעס: טאָנדאַ און יאזעף, וועגן אים, וועגן דאזיקן הער, וואס ער איז דאס יאָזעף, האט מען מיר געשריבן, אז ער האט דערשאָסן זיין פרוי, ווייל זי פלעגט אים תמיד זידלען פאר זיין שכורן. דעמאָלט האט דאס מיינער געגעבן א הויב אויף די האנט, נאר איך האב באוויזן זיך ארויסצודרייען, און ער — טררראך! אין גרויסן גלאָז, וואס פארן וואגאן־פירער. בקיצור, מען האט אונדז ביידן במחילה ארויסגעוואָרפן און פאר־בעטן אין צירקל אריין, און דארט האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער דאזיקער הער איז דערפאר געווען אזא ברוגזער, ווייל מען האט אים גערופן ניט יאזעף נאָוואָטני, נאר עדוארד דובכאָווע פון דער שטאט מאָנגאָמערי אין אמעריקע און אז ער איז געקומען אהער נאר צו גאסט צו זיינע קרובים.

א קלונג פון טעלעפאָן האט איבערגעריסן זיין דערציילונג, און א הייזעריקער קול פון דער קוילנוואַרפער־קאמאנדע האט ווידער געפרעגט, צי מען פארט היינט. משמעות, אז צוליב דעם האט אינדערפרי באדארפט פארקומען ביים פּולקאָווניק נאך א בּאראטונג.

אין דער טיר האט זיך באוויזן דער בלאסער אונטער־

פענדריק ביגלער, דער ערשטער חאליפותניק אין דער גאנצער ראטע, ווארום נאך אין דער לערן־קאמאנדע האט ער זיך גע־פלייסט אויסצופיינען זיך מיט זיין קענטשאפט. ער האט א ווונק געטאן וואנעקן, ער זאל מיט אים ארויס אין קארידאר, און האט דארט מיט אים פארפירט א לאנגען שמועס.

אז וואנעק איז געקומען צוריק, האט ער געשמייכלט מיט ביטול.

— אט א פערד! — האט ער געזאגט צו שווייקן. — האבן מיר דאס ביי אונדז אין מארש־ראטע פארשווינען! לאזט זיך אויס, אז ער איז אויך געווען אף דער באראטונג, און אז אלע זיינען אוועק, האט דער הער לייטענאנט באפוילן, אז די אונטער־אפי־צערן זאלן איבערקוקן די ביקסן, דערביי האבן זיי געדארפט שטעלן זייער שטרייגנע פארערונגען. איז ער איצט געקומען ביי מיר פרעגן, צי זאל ער צובינדן סלאבעקן דערפאר, וואס ער האט אויסגעפוצט זיין ביקס מיט קעראסינע!

וואנעק איז געווען אויפגערעקט.

— און אזא שטותערײ פרעגט ער ביי מיר, בעת ער ווייס אליין, אז מיר פארן ארויס אפן פראנט. כלעבן דער הער לייטע־נאנט האט אויך נעכטן בייצייטנס זיך מיישב געווען און אפגעבונדן זיין דינער. האב איך אים טאקע אן עצה געגעבן, אט דעם חכם בלילה, ער זאל גוט א טראכט טאן, איידער ער ברייגנט אריין אין בעם זינע מענטשן.

— אגב, אז עס איז געקומען צו רייד מכח א דינער, — האט באמערקט שווייק. — ווייסט איר ניט, צי האט מען געפונען א נייעם פארן הער לייטענאנט?

לייגט נאר צו א קאפעלע קאפ, — האט געענטפערט וואנעק.
— אף אלץ איז פאראן א צייט. אגב, מיין איך, אז דער הער לייטענאנט וועט זיך צוגעווינען צו באלונען. אמאל טאקע וועט ער עפעס אויפפרעסן, אבער שפעטער, אז מירן זיין אפן פראנט, וועט ער אוועקווארפן די דאזיקע שלעכטע מדה. דארט וועלן זיי שוין ביידע אפטלעך ניט האבן וואס צו קייען. אויב איך האב געזאגט, אז באלון בלייבט ביי אים, וועט דאס זיין אזוי. דאס איז מיין

עסק, און דער הער לייטענאנט האט זיך ניט וואס ארײנצומישן. צו היילן זיך איז ניטא וואס.

וואנעק האט זיך ווידער אויסגעצויגן אפן געלעגער און האט געזאגט:

— שווייק, דערציילט מיר עפעס אן אנעקדאט פון סאלדאטן־לעבן.

— מיט פארגעניגן, — האט יענער געענטפערט, — אבער איך האב מורא, אז עמיצער וועט ווידער קלינגען.

— אויב אזוי, שווייק, שליסט אויס דעם טעלעפאן, שנײדט איבער די דראטן אדער נעמט אראפ דאס טרײבל.

— רעכט, — האט געזאגט שווייק און האט אראפגענומען דאס טרײבל: — איך וועל אייך דערציילן א מעשה, וואס פאסט צום איצטיקן מאמענט, מער ניט וואס אין יענער צייט זיינען געווען אנשטאט אן אמתר מלחמה מאנעוורעס. אגב איז דעמאלט געווען פונקט אזא תוהו ובוהו, ווי איצט בײ אונז, ווארום מען האט דעמאלט אויך ניט געוווסט, ווען מען טרעט ארויס פון קאזארמע. מיט מיר אין איינעם האט געדינט אײנער א געוויסער שיק פון פארשיץ, א ווויל מענטש, נאר א גאטספארכטיקער און א דערשראָ־קענער. ער האט זיך אויסגעמעלט, אז די מאנעווערעס זיינען עפעס א מוראדיקע זאך, אז אף מאנעווערעס פאלן מענטשן פון מידקייט און פון דארשט, און די סאניטארן קלײבן זיי אויף, ווי עפל נאך א שטורעם־ווינט. דעריבער האט ער זיך אנגעשפארט אף אן אדע־ראף, און אז מיר זיינען ארויסגעטראטן פון קאזארמע אף מאנעווו־רעס און זיינען אנגעקומען אין מנישקא, האט ער געזאגט: „אָ! ברידערלעך, איך וועל ניט אויסהאלטן. איין גאט קאן מיך ראטעווען!‟ דערנאך זיינען מיר געקומען קיין הארשאוויץ, און דארט זיינען מיר געשטאנען גאנצע צוויי מעת־לעת, ווארום עס איז ארוים עפעס א טעות, און מיר האבן אזוי האסטיק זיך ארויסגע־רוקט פאָרויס, אז צוזאמען מיט די פולקן, וואס זיינען געווען בײ אונדז אין די פלאנקען, וואלטן מיר געקאנט נעמען געפאנגען גאר דעם שונאס שטאב, און דאס וואלט געווען א גרויסער סקאנדאל, ווארום, אדרבא, יענע פארטיע האט באדארפט צעקלאפן אונדזער

קאָרפּוס און געווינען די שפּיל, ווארום אף איר זייט האט זיך געפונען עפּעס א פאַרדריפּעטער ערצהערצאָגל! און דאָ האָט אט דער שיק אפּגעשפּילט אַזאַ שפּיצל. ווי נאר מיר האָבן אויפגעשלאָגן דעם לאַגער, האט ער גענומען און איז אוועק אין דאָרף אריין הינטער האַרשאָווייץ עפּעס קויפן, און צו מיטאָג איז ער געקומען צוריק אין לאַגער. א היץ איז געווען ניט צו דערטראָגן, און אויסגעטרונקען האט ער אויך געהאַט נישקשהדיק. זעט ער אין מיטן וועג שטייט א סלופּ, און צום סלופּ איז צוגעמאַכט א קעסטעלע, און אין קעסטעלע געפינט זיך א פּיצינקע פיגור פון הייליקן יאַן נעפּאָמוק. האָט ער אנגעהויבן מתפּלל זיין צום הייליקן יאַן און זאָגט צו אים: מסתּמא איז דיר, ברודער=לעב, אויך הייס! וואָלסטו כאָטש געהאַט וואס א טרונק צו טאָן, זיסט שטייסטו אין סאַמע זון און שוויצסט ווי א פאַרשאָלטענער!" א טרייסל געטאָן דאס פלעשל, אפּגעזופּט און רעדט ווייטער: "אָט האָב איך דיר אויך איבערגעלאָזט א זופּ, הייליקער יאַן נעפּאָמוק". נאָר דא האט ער זיך אליין דערשראָקן פאַר זיין דרייסטקייט, און פאַר שרעק האט ער גענומען און אויסגעזשליאָקעט אין גאַנצן, אזוי אַז פאַרן הייליקן איז ניט געבליבן ניט א לעק. "יעזוס=מאַריאַ=יאָזעף — האָט ער אויסגעשריען, — הייליקער יאַן נעפּאָמוק, זיי מיר מוחל, למען השם, איך וועל דיך מכבּד זיין אן אנדערש מאָל. איך וועל דיך מיטנעמען מיט זיך אין לאַגער און וועל דיר אזוי אנפּאָמפּען, אַז דו וועסט ניט קאָנען אויפשטיין אף די פיס". בקיצור, אונדזער שיק איז ניט געווען פויל, האָט צעבראָכן די גלאָז, ארויסגעשלעפּט די פיגור פון הייליקן, אריינגעריקט זי אונטער דער בלוזע און געבראַכט צו טראָגן אין לאַגער. דערנאָך האָט דער הייליקער יאַן נעפּאָמוק געשלאָפן מיט אים אין שטרוי; בעתן מאַרש האָט שיק אים געטראָגן מיט זיך אין רענצל, און דערפאַר איז אים שטאַרק געגאַנגען אין קאָרטן. ווי נאָר מיר האָבן זיך אפּגעשטעלט, האט ער אלץ געווינען און געווינען, ביז מיר זיינען געקומען אין דער זייט פון פּראַכאַטיץ, און אין דראַגעניץ האט ער פאַרקלאַפּט אלצדינג. און אַז מיר זיינען באַגינען אוועק פון דאָרטן, האָט אף א בארנע=בוים זיך געוויגט א געהאָנגענער... דער הייליקער יאַן

נעפּאָמוק! אט דאס האט איר דעם אנעקדאָט, און איצט וועל איך אויפהייגגען דאס טרייבל.

און דער טעלעפאָן האט ווידער גענומען איבערגעבן די טרייסלעגישן פון א נייעם, נערוועזן לעבן, ווארום די אלטע האַר=מאניע אין לאַגער איז געווען צעשטערט.

בינתים איז לייטענאַנט לוקאַש געזעסן ביי זיך אין צימער און האט שטודירט דעם שיפיר. וואס מען האט אים צוגעשיקט פון שטאַב פון פולק צוגלייך מיטן שיפרירטן געהיימען באַפעל מיטן מאַרשרוט, וואס לויט אים האט דער באַטאַליאָן באַדאַפט פאָרן צום גאַליצישן גרעניץ (דער ערשטער עטאַפּ):

7217—1238—475—2121—35=וואָלבורג.

8922—375—7282=ראַב.

4432—1238—7217—35—8922—35=קאָמאָרן.

7282—9299—310—375—7881—298—475—7979 = בו=
דאַפּעשט.

ביים אויפשיפרירן דעם דאזיקן באַפעל האט לייטענאַנט לוקאַש געזיפצט:

— כאַפּט דער טייוול אט דאָס גאַנצע שאלעמויזן!

אין פארלאג „ביכער פאר אלעמען“ איז דערשינען

# „די פרוי פון אנדזער ביינקשאפט“

ראמאן פון באוווסטן אידיש־דייטשן מחבר מאקס בראד.
אידיש ז. קאלמאנאוויטש. פארביקע קונסטהילע.
200 זייטן. פרייז 1 לאט.

— א געשיכטע מיט דריי פרויען וואס קומען איינע נאך דער אנדערער לויט דער ריי. די געשיכטע איז קאנצענטרירט אף דער דריטער, אן עקסצענטרישער טיפ, א שיינהייט, וואס פרעסט זיך אליין אויף צוליב אייפערזוכט, ליבע, גוטסקייט און רשעות צוזאמען. -

— אויסערלעך קאנצערטרירט זיך דער גאנצער קאנפליקט פון אט דעם ראמאן אף דעם קאמף צווישן צוויי מענער צוליב א פרוי, און כאטש אט דער מין שטאף איז שוין אסך מאל באארבעט געווארן, האבן מיר עס דא אין אזא פארם, וואס איבעראשט מיט דער ארגינאליטעט. —
„ליטער. בלעטער“ № 31

פריער דערשינען:

יאראסלאוו האשעק

# דער בראווער סאלדאט שווייק אין דער וועלט־מלחמה

ערשטער טייל.

אידיש ז. קאלמאנאוויטש. צוויי פארביקע קונסטהילע.

פרייז 1 לאט.

דער פאַרלאַג «ביכער פאַר אַלעמען» גיט אַרויס דעם וועלט=באַרימטן היסטאָרישן ראָמאַן פון אידישן לעבן

# „יוד=זיס"

פון דעם אידיש=דייטשן שריפטשטעלער ליאָן פייכטוואַנגער.

מיט אַ קורצע צייט צוריק איז דערשינען דער ערשטער בוך פון דעם ראָמאַן אונטערן נאָמען

# „געלט און מאַכט"

פאַרביקע קונסט=הילע. 208 זייטן. פרייז 1 לאַט.

עס איז שוין אויך דערשינען דער צווייטער בוך אונטערן נאָמען

# „אידן"

איבערזעצט פון מ. ראַזומני, רעדאַקציע און הקדמה ז. קאַלמאַנאָוויטש.

„יוד=זיס" איז דורך דער גאַנצער וועלט=קריטיק אנערקענט אַלס איינער פון די בעסטע און אינטערעסאַנטסטע ביכער, וואָס זיינען אָנגעשריבן געוואָרן אין משך פון די לעצטע יאָרן.

דער מחבר איז אויף אַ ווונדערלעכן אופן אַריינגעדרונגען אין דער געשילדערטער היסטאָרישער תקופה און האָט מיט בולטע פאַרבן באַשריבן דאָס אידישע לעבן און ליידן פון יענער צייט. דער ראָמאַן „יוד=זיס" איז דורכגעפלאָכטן מיט אַן אויסערגעוויינטלעך אינטערעסאַנטער און שפּאַנענדער האַנדלונג. די גרויסע קינסטלערישע מייסטערשאַפט, מיט וועלכער דאָס קאַפּיטאַלע ווערק איז אָנגעשריבן אין פאַרבינדונג מיט די אַלע דערציילערישע מעלות זיינע, פאַרוואַנדלען פייכטוואַנגערס מאָנומענטאַל=ווערק אין איינעם פון די באַדייטנסטע ביכער פון דער וועלט=ליטעראַטור.

די לעצטע צוויי טיילן דערשיינען אינגיכן.